This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

6

1979

היימלאַנד

לײַענט אינעם נום. 7
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

צווישנפעלקערלעך יאָר פון קינד

לידער פון מאַני לייב און י.־י. סעגאַל

■

א. ווערגעליס. אין פופצן יאָר ארום (רײַזע־נאָטיצן)

■

צום 90־טן געבורטסטאָג
פון דאָוויד האָפשטיין

אוטאָביאָגראַפישע דערציילונג „יאָרן"

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פסס״ר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

יון

6

1979

אינהאַלט

צום 180־טן געבורטסטאָג פון אלעקסאנדער סערגייע־וויטש פושקין. איבערזעצונגען פון א. ס. פושקינס לידער 3

50 יאָר ערשטער פינפיאָר. פובליקאציע פון א ריי ווערק, פראגמענטן פון ביכער, וועלכע ס'האָבן געשאפן אין יענער צײַט ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער: דאָוויד בערגעלסאָן. ביראָבידזשאַ־נער; מייער אלבערטאָן. שאכטעס; הערשל אָרלאנד. הרעבליעס; פּערעץ מארקיש. בויונג; שמועל גאָדינער. דער יאָמטעוו פון פרײַנטשאפט; מוישע קולבאק. ראדיאָ (פונעם ראָמאן „זעלמעניאנער"); צאָדעק דאָלגאָפּאָל־סקי. געפראָרענע עפּל; מ. דאניעל. שטיינערנער באָדן; לייב קוויטקאָ. אין קרײַז פון הייסע זונען (דיכטערישער רעפּאָרטאזש) 7

אנאטאָלי ריבאקאָוו. שווערער זאמד (ראָמאן. סאָף) 58

כאַים ביידער. נײַע לידער 119

בער האלפערן. די פאָטאָגראפיע. דער קאראפוז 135

אף די שפורן פון געשעענעם. ל. סאָלאָווייטשיק. מיר פארגעסן אים ניט; מ. ראזומני, יע. ריטש. טרוים און ווירקלעכקײַט אין כאַים פער־מאנדס שטורמיש לעבן. ס. טראַיצקי. די דאָמנע נומ. 3 האָט מען „אויסגעגלײַכט" 138

אווראָם קאצעוו. ס'איז גליק באשערט (לידער) . 194

מאָטל גרוביאן. ניט פובליקירטע עסייען (צום 70־טן געבורטסטאָג) 151

ארן ווערגעליס. אין פופצן יאָר ארום 159

אונדזערע מיטיילונגען. ייִסראָעל קאָוועלמאן. איליוסטראציעס צו די ווערק פון די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור 166

מאטעריאלן פון דער צײַטונג „דער וועג" 172

מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער. די ייִסראָעל־ייִשו־ווים אף די אָקופּירטע אראבישע טעריטאָריעס . . 177

דאָס איז טשיקאווע. ז. סקודיצקי. א ייִדישער וואריאַנט צו א פאָלקס־ליד אין פושקינס „סצענעס פון ריטערישע צײַטן" 184

כראָניק 158, 171, 176, 186

מאטעריאלן פאר א לעקסיקאָן פון דער ייִדישער סאָ־וועטישער ליטעראטור 187

פונעם פאָלקס־אויצער. כאצקעלע, כאצקעלע (זינגליד) . 188

פאר די, וואָס לערנען ייִדיש 189

רעזומע לויט די מאטעריאלן פונעם נומער (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פאָליאנקער, ס. פרײַ, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר)

צום 180־טן געבורטסטאָג
פון אלעקסאנדער סערגייעוויטש פושקין

דענקמאָל

איך האָב אן אייביקן, א ווונדערלעכן דענקמאָל זיך געשאפן,
צו אים דאָס פאָלק דורך אלע דוירעס אײַלט.
ער הייבט זיך העכער מיט זײַן קאָפּ דעם ניט פארשקלאפטן
פון אלעקסאנדערס ריזן־זײַל.

ניין, ניט אינגאנצן כ׳שטארב! מײַן גײַסט אין לירע מײַנער
וועט איבערלעבן מיך, פון טויט אנטלויפן וועט —
און זײַן וועל איך בארימט, לאנג נאָר עס וועט זײַן נאָך
אף אָט דער וועלט כאָטש איין פּאָעט.

מײַן רום וועט דורך ראַסיי, וואָס גרויס איז אומגעהויער,
דאַן קאָן מיך יעדער פאָלק, וואָס אַף איר שטרעקע לעבט:
דאָס סלאַוון־אייניקל, דער פין און דער טונגוס דער רויער
און דער קאַלמיק, דער פרײַנט פון סטעפ.

און לאַנג דערפאַר דעם פאָלק כ׳וועל בלײַבן טײַער,
ווײַל ס׳האָט מײַן לירע דעם געפיל צו גוטס גערעגט,
ווײַל אין מײַן האַרבן דאָר האָב איך גערימט די פרײַהײַט,
און צו געפאַלענע כ׳האָב גנאָד געוועקט.

אָ, מוזע, שטענדיק טו, ווי גאָט האָט דיר געהייסן,
פאַר אוולע שרעק זיך ניט און נאָך קיין קראַנץ ניט גאַר,
דו נעם קאַלטבלוטיק אויף די לויב, די רייד די בייזע —
און שפאַר זיך קיינמאָל מיט קיין נאַר.

1836

ייִדיש — ע. פינינבערג

צו טשאאַדײַעוון

פון האָפענונג, פון רום, פון ליבע
ניט לאַנג האָט אונדז דער טרוים געהילט,
ווי נעפלען אין פרימאָרגנס טריבע,
צעשוווּמען איז די יונגע שפּיל.
נאָר ס׳זידן נאָך אין אונדז באַגערן,
און אונטער לאַסט פון מאַכט און שאַנד
די רופן פון דעם פאָטערלאַנד
מיט הייסן אומגעדולד מיר הערן.
מיר האָפן, וואַרטן אַף א רעגע
פון הייליקער, פון פרײַער מאַכט,
ווי א פאַרליבטער הייס דערוואַרט
פון דער באַגעגעניש די רעגע.

ביזוואַן עס ברענט אין אונדז דער פלאַם,
ביזוואַן פאַר ערע האַרצער לעבן,
מײַן פרײַנט, קום שענק דעם פאָטערלאַנד
די קראַפט פון זעל, דאָס שענסטע שטרעבן.
אָ, כאַווער, גלייב, דעם כוישעך טרײַבט
די שײַן פון גליקלעכן באַגינען,
ס׳וואַכט רוסלאַנד אויף, די קרעפטן קלײַבט,
די זעלבסטמאַכט שטירצט, און אַף רויִנען
די נעמען אונדזערע פאַרשרײַבט!

1818

ייִדיש — ד. האָפשטיין

ווינטער־אָוונט

דרייט דער שטורעם שנייען־קוילן
און פאַרשפינט דעם הימל בלינד;
אָט נעמט, ווי א כײַע, הוילן,
אָט צעוויינט זיך, ווי א קינד,
אָט אין דעכל טוט א שמעטער,
מיט דער שטרוי א רויש געטאָן,
אָט, א וואַנדערער א שפעטער,
אינעם פענצטער קלאַפט ער אָן.

אונדזער שטיבעלע דאָס קאַלטע
איז אין טרויער אײַנגעהילט.
וואָס זשע ביסטו עס, מײַן אַלטע,
בא דעם פענצטער אײַנגעשטילט?
צי פון שטורעם אָט דאָס ברומען
האָט, מײַן פרײַנט, דיך מיד געמאַכט,
צי פון שפינרעדל דאָס זשומען
האָט די אויגן דיר פאַרמאַכט?

לאָמיר אויסטרינקען, מײַן זיסע
פרײַנדן פון מײַן יוגנט־פײַן.
גיב דאָס קווערטל, טרינק א ביסל,
וועט דעם האַרצן גרינגער זײַן.
זינג א ליד מיר, ווי באַשיידן
הינטער יאַם א פויגל לעבט;
זינג א ליד מיר וועגן מיידל,
וואָס האָט וואַסער פרי געשעפט.

דרייט דער שטורעם שנייען־קוילן
און פאַרשפינט דעם הימל בלינד;
אָט נעמט, ווי א כײַע, הוילן,
אָט צעוויינט זיך, ווי א קינד.
לאָמיר אויסטרינקען, מײַן זיסע
פרײַנדן פון מײַן יוגנט־פײַן.
גיב דאָס קווערטל, טרינק א ביסל,
וועט דעם האַרצן גרינגער זײַן.

1825

ייִדיש — מ. כאַשטשעוואַצקי

פּאָעט

ביזוואַן צום הײליקטום, צום קאָרבן
דעם דיכטער רופֿט ניט אַפּאָלאָן,
אין פּוסטע, טומלדיקע זאָרגן
איז ער אָפּט קלײנמוטיק פֿאַרטאָן;
זי שווײַגט, די לירע די געבענטשטע,
זײַן גײַסט אין קאַלטן שלאָף זינקט אײַן,
און צווישן נישטיק־שוואַכע מענטשן
איז ער דער נישטיקסטער, קאָן זײַן.

ווי אָבער נאָר גאָטס קאָל, גאָטס רוף
צום אײדלען אויער וועט דערגרייכן,
דעם דיכטערס זעל דערוואַכט אין הייכן

און, ווי אַן אָדלער, פֿלאַטערט אויף.
ער בענקט, פֿון טומל בלײַבט קײן סימען,
פֿון פּוסטע רייד ווענדט ער זיך אָפּ,
און פֿאַר דעם געץ, וואָס אַלע רימען,
פֿאַרנייגט ער ניט דעם שטאָלצן קאָפּ;
ער לויפֿט א שטרענגער און א ווילדער,
מיט קלאַנגען פֿול און פֿול מיט ברויז,
צום ברעג פֿון יאַם, צום וויסטן שויס,
צום ברייטן רויש פֿון ווילדע וועלדער...

1827

ייִדיש — מ. דובינסקי

צו דער ניאַניע

מײַן מילדע טויב, אין צאַר געעלטערט,
מײַן כאַווערטע פֿון לעבנסוועג!
אין טיבן קאַנט פֿון סאָסנע־וועלדער
דו וואַרטסט אַף מיר שוין וויפֿל טעג.
באַם פֿענצטער פֿון דײַן שטילן צימער
דו וואַכסט, צו מיר דײַן האַרץ געווענדט,
און ס׳ווערן אַלעמאָל אַנדרעמלט

די שפּיזלעך אין פֿאַרקנייטשטע הענט.
דו קוקסט אַפֿן פֿאַרלאָזטן טויער:
דער ווײַטער וועג איז שוואַרץ און פּוסט,
און זאָרג און פֿאָרגעפֿיל און טרויער
פֿאַרקלעמען אַלעמאָל דײַן ברוסט...

1827

ייִדיש — י. קאָטליאַר

* * *

אַף בערג פֿון גרוזיע האָט נאַכט זיך שוין געשטעלט;
אַראַגווע רוישט דאָ אונטגעהויער.
מײַן אומעט איז מיר גרינג; מײַן אומעט איז באַהעלט;
ביז ברעג איז איבערפֿולט מײַן טרויער
מיט דיר, מיט דיר אַליין... מײַן שטילער צאַר
קײן פּײַן, קײן אומרו פֿילט אָט דאָ ניט,
און האַרץ מײַנס ווידער ברענט און ווידער ליבט דערפֿאַר,
ווײַל ניט ליבן מײַן האַרץ עס קאָן ניט.

1829

ייִדיש — י. רימיניק

ווידערקאָל

א כײַע ברומט אין ווילדן וואַלד,
צי ס׳דונערט, צי א האָרן שאַלט,
צי ס׳זינגט א מיידל באַ א קוואַל, —
אַף יעדער רוף
דײַן אָפּרוף אים געבירסטו באַלד
אין פּוסטער לופֿט.

הערסט קנאַל פֿון דונער, כוואַליע־ברויז,
געשריי פֿון פּאַסטעך, שטורעם־רויש, —
אַן ענטפֿער קריגט באַ דיר אַרויס
אַלץ, וואָס געשעעט;
נאָר דו קײן ענטפֿער קריגסט ניט בלויז...
ווי דו, פּאָעט!

1831

ייִדיש — ל. רעזניק

אנטשאר

אין מידבער, וואָס איז וויסט און קארג,
אף באָדן הייסן און צעגליטן —
א וועכטער גרויזאמער — אנטשאר
שטייט איין־אליין פון וועלט אינמיטן.

נאטור פון דורשטנדיקן סטעפּ
האָט אים אין צאָרן־טאָג באשאפן,
אי צווײַג, אי וואָרצל דורכגעוועבט
מיט סאם פון טויטנדיקע זאפטן.

די קאָרע איז פאר אים א רער,
באטאָג צעשמעלצט זיך מיטאמאָל ער,
פארנאכט דער סאם פארקילט עס ווערט —
געדיכטע דורכזיכטיקע סמאָלע.

קיין פויגל פליט צו אים פון רוים,
קיין טיגער ניט — בלויז וויכער דולער
עס טוט א יאָג אף טויטן בוים
און גלײַך צוריק — מיט סאם א פולער.

פארבלאָנדזשעט נאָר א וואָלקן סטאם
און טוט א פלייץ אף בלאט אף וויסטן,
א רעגן, אָנגעפילט מיט סאם,
שוין רינט אראָפּ אין זאמד צעהיצטן.

נאָר מענטש א מענטשן טרײַבט אין וועג
צו דעם אנטשאר מיט בליק מיט שטומען.
געפאָלגט האָט יענער — און אוועק,
און אין פארטאָג מיט סאם געקומען.

דעם טויט מיט זיך האָט ער געבראכט —
א צווײַג אן אָפּגעסאמטע האלט ער,
אליין פארמאטערט און פארשמאכט,
און ס'טריפט פון אים א שווייס א קאלטער.

געבראכט, פון ווײַ די אויגן שליסט,
און אין געצעלט דער שקלאַף שוין גויסעט.
ער איז געשטאָרבן בא די פיס
פון הערשער מעכטיקן און גרויסן.

און ס'האָט דער האר מיט יענעם סאם
די פײַלן אָנגעזאפט ביז איינער,
און ס'פליט דער טויט שוין אומגעזאמט
אין לענדער פרעמדע צו די שכיינים.

1828

יידיש — ב. מילער

א וואָלקן

פארבליבענער וואָלקן פון שטורעם צעזייטן!
דו איינער יאָגסט אום אין די זויבערע ברייטן,
א שאָטן א גרויער פון דיר גיט א טראָג,
דו איינער פארומערסט דעם פריידפולן טאָג.

האָסט נאָרוואָס דעם גאנצענעם הימל פארנומען,
און שטרענג האָבן בליצן דיך האלדזן גענומען;
פארבאָרגענע דונערס זיך האָבן דערהערט,
און דו האָסט געפּויעט די דאָרשטיקע ערד.

די צײַט איז געענדיקט, גענוג, ווער צערונען!
די ערד איז שוין פריש, ס'איז דער שטורעם אנטרונען...
די בלעטעלעך צערטלט דער ווינט אפן בוים
און טרײַבט דיך און יאָגט פון בארויִקטן רוים.

1835

יידיש — ה. קאמענעצקי

אָפּמערקנדיק א האלבן יאָרהונדערט זינט דאָס סאָוועטישע פאָלק איז צוגעטראָטן צום פארווירקלעכן די היסטאָרישע אויפגאבע פונעם ערשטן פינפיאָר, האָט אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״ — א קינד פון די לעצטע פינפיאָרן — פארבעטן צוגאסט אינעם אפּרעל־נומער איינעם פון זײַנע ליטעראַרישע פאָרגייער — דעם זשורנאל „פּראָליט״, אין וועלכן די יידישע סאָוועטישע ליטעראטור האָט לויט די פרישע שפּורן אָפּגעשפּיגלט די העראָישע צײַט פונעם ערשטן פינפיאָר.

אין הײַנטיקן נומער זעצן מיר פאָר די דאָזיקע טעמע מיט דער פּובליקאַציע פון א ריי ווערק, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר פראגמענטן פון ביכער, וועלכע עס האָבן געשאפן אין יענער צײַט אָנגעזעענע יידישע סאָוועטישע שרײַבער.

דאַוויד בערגעלסאָן

ביראָבידזשאַנער

די גרויסע פאבריקן, הידראָעלעקטרישע סטאנציעס, אינדוסטריעלע גיגאנטן, וואָס בויען זיך אומעטום אין גאנצן לאנד, לאָזן זיך הערן אויך דאָ, אין ביראָבידזשאן.

זיי לאָזן ניט רוען — ניט אלע, פארשטייט זיך.

קיין בירעפעלד „אין רויטן ווינקל״ קומען אָן צײַטונגען פון מאָסקווע, לענינגראַד, כאַבאַראָווסק, כאַרקאָוו. זיי קומען אָן ניט אָפּט, פארשפּעטיקטע, אָבער דאָך — זיי קומען. פון מאָל צו מאָל ברענגט מען זיי אהער פעקלעכווײַז פון טיכאָנקע, מע צענעמט זיי, מע לייגט זיי אויס אין „רויטן ווינקל״ אויפן טיש — ס׳איז א וווּנק:

— ווייסט, אז סע טוט זיך — און שלאָפט ניט...

יונגע כעוורע — טראַקטאָריסטן, קאָמונאַרן, מעכאַניקער, קורסאנטן — קערן זיך אום פון דער טאָג־ארבעט, גייען צו צום טיש מיט די אויסגעלייגטע צײַטונגען שטיל, קוקן מיט הונגעריקע אויגן. די צײַטונגען, דאַכט זיך, זײַנען הייס, אָטעמען מיט פלאַם, מע קאָן זיך לעבן זיי אָפּבריִען — דאָס איז דערפאַר, וואָס אלע דערציילן זיי וועגן אויפגעפלאַקערטער סאָצבויונג, וועגן גרויסן שטורעם פון באָלשעוויסטישער ווירקלעכקײַט; דער שטורעם טראָגט זיך פון פארטייִשן הויפּט־צענטער אין אלע זײַטן פון גרויסן לאנד, שטארקער פון אלערליי שטויביקע ווינטן, וואָס יאָגן זיך נאָך אים, געזינטער פון אלערליי נאַטור־קרעפטן, וואָס עס באַזיגט און שפּאַנט אין זיך אײַן. דער שטורעם לעכערט דורך די ערד, פארייניקט יאַמען, שלײַדערט

איבער בערג פון איין אָרט אפן אנדערן, ענדערט דעם פלוס פון טײַכן, דעם כאראקטער פון מענטשן, דאָס פּאָנעם פון דער ערד, ער, דער סאָד פון נאטור־געזעץ, און נוצט זיי אויס — ער איז די עמעסע גרעסטע פּריַיהײַט.

ארקע באסקער, אז ער לייענט זיך אָן אין בירעפעלדער „רויטן ווינקל" מיט די־אָ צײַ־טונגען, צעפלאַמען זיך בא אים די באַקן, ווי אין פיבער, און עס שפּארט זיך אים ארײַן פיל געדאנקען אין קאָפּ. אין זײַנע בוילעטע אויגן באזעצט זיך א שיקערלעכער גלאַנץ. ער ווערט פול מיט אימפּעט אף עפּעס צו טאָן. ער קלײַבט איבער די עטלעכע פּענעמער ארום טיש, גע־פינט צווישן זיי דאָס פּאָנעם פון מאמזעריש־קלוגן יאט — פון יענעם, וואָס האָט אנומלטן גע־שטורעמט אף דער פארזאמלונג די אָרטיקע פּירערשאפט, געררעדט אין נאָמען פון אלע טראַק־טאַריסטן און קורסאנטן — ער הייסט קאָפל.

— איי — מע שלאָפט ניט, — זאָגט דאָ צו אים ארקע און רוקט אים אונטער א צײַטונג מיט באריכטן וועגן די שטורמישע בוי־פּלענער.

קאָפל פארגלאָצט די לענגלעך־שמאָלע אויגן צום שטערן, קוקט מיט זיי ניט אף דער דערלאנגטער צײַטונג, נאָר אף ארקען. עס זעט אויס, ווי דאָס, וואָס ארקע וויל אים אין דער צײַטונג ווײַזן, איז פאר אים קיין נײַס ניט, אָדער ער האָט עס שוין געלייענט פריִער. ער איז גראָד דורך אָן אנדער צײַטונג טיף פארטאָן אין דער סאָצבויונג, וואָס ערגעץ אפן אוראל. און כוץ דעם — פאר אַ־דעם יאט, קאָפלען, איז עפּעס גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס איבערן גאנצן לאנד בויט מען הייס, פארקערט, אים איז גאָר א ווונדער, פארוואָס דאָ, אין בירא־בידזשאַן, בויט מען אזוי קנאַפּ — אזוי זאָגט ער צו ארקען:

— קוים וואָס מע רירט זיך.

און דאָס דערנעענטערט צו אים ארקען. ארקע הייבט זיך אָן ארומצוקוקן, וואָס דאָ אין בירעפעלד טוט זיך. ארקע האָט געזאָגט פּריסקערן — דעם יונגן אָדעסער בוי־ארבעטער:

— יאָ, מע טוט דאָ עפּעס, נאָר ווי מיט האלבע הענט.

פּריסקער האָט אָפּגעשוויגן. ער איז פריִער ארומגעפארן אין שליכעס פון „געזערד", שוין געווען א פּאָר מאָל אין בירעפעלד און שוין געוווּסט, וואָס ער האָט דאָ צו טאָן, — אָן שיִעס איז ער דאָ צוגעשטאנען צו די אַנדערהאלבן צענדליק יאַטן, וואָס האָבן זיך געררופן „קאָמונע" און האָבן ניט ווײַט פון בירעפעלד געגרייט פאר זיך א גרעסער הויז מיט א שטאל אף א שטיקלעך צוועלף בעהיימעס. מיט פּריסקערס הילף — הילף פון א געניטן בוי־ארבעטער — איז די בויונג אוועק היימלעך־לעבעדיק. פאר פּריסקערן איז דאָ געלעגן א ביסל אויסבאהאל־טענע קאוואָנע — ס'איז א שטיקל אָנהייב פון זײַנע פארטראַכטע בוי־קורסן. ער האָט געלערנט יונגע יאטן האלטן אין האנט א טעסלער־האַק, א זעג, אָן עקבויער, א דאָלעטע. די יאטן האָבן געוואָלט צו ווינטער־צו זיך אין הויז באזעצן און זיך געלאָזט לערנען. אזא איז פּריסקער — טאָמיד זוכט ער דעם קירצסטן וועג. אפילע אף ווערן מאן־און־ווײַב מיט ביילען האָט ער דאָ אויך געפּאטערט זייער ווייניק צײַט און זייער ווייניק ווערטער — זיך בעסער צונויפגערעדט אפן וווּנק. ער האָט וועגן דער אָפּאראטיווער קאָנטאָר געזאָגט ארקען:

— ווּעסטו זען: איך וועל זיי אוועקשטעלן פאר א פאקט און געענוג.

— איידער זיי וועלן זיך ארומקוקן, וועלן זײַן בוי־קורסן.

— איך וועל גיין מיט זיי אייביק טײַנען?

ארקע האָט אויסגעהערט, באקומען בוילעטע שטרויס־אויגן — א סימען, אז ערגעץ בא זיך אין קאָפּ פארזוכט ער פּריסקערס געדאנק, ווי איינער פארזוכט דעם טאַם פון א מײַכל, וואָס האַלט זיך נאָך אין קאָכן.

— ס'א גאנג, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז באַלשעוויסטיש.

און ער האָט א קוק געטאָן מיט א נאָך מער בוילעטן בליק, ווי ער וואָלט דערבײַ קלערן, וואָס אף דעם געביט האָט צו טאָן ער, ארקע אליין.

ארקען האָט מען דענסטמאָל פּארגעלייגט אופהייבן עטלעכע צענדליק העקטאר ערד לעבן א ווײַטלעך ניט־יִידיש דאָרף: בירעפעלד האָט דעם דאָרף צוגעזאָגט אויסלײַען דערוף א טראקטאָר, און אויב א טראקטאָר, איז, פארשטייט זיך, אויך א טראקטאָריסט. ארקע האָט געשטעלט א טנײַ:

— יאָ, נאָר מיט מײַן טראקטאָר.

ארקען האָט געענטפערט דער מעכאניקער לייבל, וואָס האָט אָנגעהייבן פון יונגע יאטן נאָך דער לעצטער פארזאמלונג:

— אלע טראקטאָרס קערן צום היגן טראקטאָר־פּארק.

ארקע האָט די לעצטע טעג געהאָט א כשאד — עפּעס דאכט זיך, אז אָט דער לייבל פאר־שטייט צו ווייניק אין דער ארבעט... עפּעס זייער א קנאַפּער מעכאניקער. ארקע האָט געזאָגט:

— איז דאָך אוואדע גוט... איך וועל מײַן טראַקטאָר ניט איבערלאָזן אָף פרעמדע הענט — כ'האָב שוין געזען, וואָס פאַר א טאַכלעס מע מאַכט דאָ פון טראַקטאָרס.

קיין סאַך צו טײַנען וועגן דעם איז אַרקען ניט אויסגעקומען — לייבלען, צו וועמען ער האָט גערעדט, איז באַלד געוואָרן אַלצייִנס, וואָס פאַר א טראַקטאָר ער וועט ניט נעמען. דאַפקע דאָס האָט אַרקען עפּעס מאָדנע טיף באַליידיקט, אַזוי אַז צו דער אַרבעט איז ער מיט זײַן טראַקטאָר אוועקגעפאָרן א שווײַגנדיק־באַרויגזער, מיט זייער בוילעטע אויגן. ער האָט לעבן ווײַטלעכן דאָרף אָפּגעאַרבעט געשמאַקע עטלעכע טעג, געזעסן פון גאַנצפרי אָן ביז שפּעט פאַרנאַכט אָפן טראַקטאָר, אויפגעהויבן איין צענדליק העקטאַר ערד נאָכן צווייטן און דערווײַל זיך צוגעקוקט צו דעם, וואָס אַרום אים טוט זיך. אין דאָרף, מיט די פּאָר צענדליק פויערשע הײַפן, איז ניט געווען צו זען קיין שום שפּורן פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. ערשט דעם לעצטן זומער האָט מען דאָרט אָנגעהויבן בויען א שול, נאָר ניט דערבויט. אַרקע האָט געפרוווט א פרעג טאָן:

— ווען וועט מען די שול ענדיקן?

מע האָט אים דערויף קאַלטלעך געענטפערט:

— איבעראַיאָר.

— דעם נײַעם זומער, הייסט עס.

אַרקע האָט באַוווּנדערט דעם אוילעם:

— זע נאָר!.. „מירצעשעם, אַז מע וועט דערלעבן און געזונט זײַן" — מע האָט צײַט...

ס'איז געווען אין אַרקעס אָן אָפּרו־שאָ, בא קײַען ברויט, בא אַרײַנקוקן אין די פּאָר מיט־געבראַכטע צײַטונגען — די גרויסע סאָצבוווּנג, האָט זיך געדאַכט, קומט פאַר ערגעץ זייער ווײַט, אין אַן אַנדער לאַנד, אָף אַן אַנדער וועלט. אַרקע טראַכט וועגן זיך אַליין:

— כאַפּט מיך א שוואַרציאָר!

ער מיינט, ער וועט נעמען און וועט ווערן אַן אַרבקאָר — ער וועט וועגן דעם אָנשרײַבן קיין מאָסקווע, אין כאַבאַראָווסק, אָדער כאָטש אין בירעפעלדער „רויטן ווינקל" אין דער וואַנטצײַטונג.

— צו וואָס איז מען אַהער געקומען, אויב ניט צו פאַרטראָגן אַהער דעם גרויסן בוי־שטורעם? צו וואָס זיצט מען דאָ?

גוט איז, וואָס דער ווינטער אײַלט זיך ניט צו קומען.

דער אָסיען אין ביראָבידזשאַן — א לאַנגער, א ריין־גאָלדענער — גלעט דאָס פּאָנעם, די האָר, ווי א ליבהאַרציקער פרײַנט בעט, מע זאָל קיין פאַריבל ניט האָבן, וואָס דער זומער איז געווען א רעגנדיקער. דער אָסיען איז דאָ אַליין פאַר זיך א שפּאָגל־נײַער לאַנגער זומער. זײַנע וואַרעם־לויכטיקע טעג שפּינען גאָלד פון קאַיאָר אָן ביז שפּעטן זון־פאַרגאַנג און גיבן די מעגלעכקײַט זיך גוט אַרומקוקן נאָכן זומער און קומען צו־זיך.

גוט איז, וואָס אין טיכאָנקע אַרום דער הויפּט־באַזע האָט מען די לעצטע צײַט זיך געגעבן א גאַרטל אונטער און מע שיקט פאַנאַנדער פון מאָל צו מאָל צו די פּונקטן כאָטש א קליינעם טייל פון דעם, וואָס מע דאַרף.

גוט איז, וואָס פון שימקעס גרופּע — אין דער טײַגע, אין א זײַט פון טיכאָנקע — קומען אָן גוטע גרוסן און מע האַלט פון דאָרט אין איין בעטן:

— „איי, גיט אונדז נאָך מענטשן".

— „שיקט צו אונדז וויפל איר קאָנט, אַבי רעכטס".

שווערט זיך טאַקע דאָ אין אַלעקסאַנדראָווקע דער שטענדיק־ריידנדיקער סימכע קאַראָ־ליוועקער, וואָס האָט שוין אַלעמען דערעסן מיט זײַן „ווען מע גיט מיר":

— לאָמיר אַזוי לעבן און געזונט זײַן, ווי איך טו א שפּײַ אָף האַקל און שעלאַקל און לאָז זיך אוועק צו זיי אין וואַלד וואָס לעבן טיכאָנקע. ווי איר זעט מיך לעבן — צופוס וועל איך אַהין אוועקגיין, איך וועל דאָ מער קיין איין רעגע ניט בלײַבן, איך וועל דאָ זאָגן „באַרעך שעפּאַטראַני", איך וועל נאָך צוצאָלן, אַבי לאָזט מיך אָפּ, וואָרעם, וואָס טו איך דאָ? וואָס האָט מען מיך דאָ געמאַכט פאַר א קאָפּעליושמאַכער איבער א קאָלעקטיוול, וואָס איז די גרייס ווי א גענעץ און האָט ניט געקאָנט אָנשנײַדן פאַר זיך אַפילע גענוג היי אָפן ווינטער און האָט ניט אויסגעבויט גענוג הײַזער און מע ווייסט ניט, וואָס וועט מען טאָן ווינטער, און א „קאָ־לעקטיוו" איז מען נאָר דערפאַר, וואָס אַלע איינינעם קרעכצן.

סימכע איז איינער פון יענע, וואָס זײַנען געבליבן אָן א שטוב אָפן ווינטער, כאָטש ער האָט דאָ זײַן פאַמיליע. אים איז דערפון נישקאָשעדיק אָנגעזאַלצן אָפן האַרצן, דעריבער רעדט ער, און אַז סימכע באַקומט אומעטיקע אויגן און לאָזט פאַנאַנדער זײַנע צעשאָקלטע ליפּן, איז

דאָס א מײַסע אָף א שאָ און אָף מער, מע קאָן לעבן אים אויסגיין, און ער וועט נאָך אַלץ ריידן.

עס דערגייט דערצו, אז מאָטל אליין הייבט זיך בא אים אָן צו בעטן:

— נו, מע ווייסט שוין, איר זײַט פאַר א גרויסן קאָלעקטיוו, נו, הערט שוין אמאָל אוף צו שיטן.

גוט איז, וואָס די יונגע יאַטן, וואָס רופן זיך „קאָמונע", האָבן מיטאמאָל זיך א נעם געטאָן צו דער בויונג אין „סטעפּנאָיע" — א קילאָמעטער דרײַ אונטער בירעפעלד — עלטערע איבער־וואנדערער, וואָס גייען דאָרט פאַרבײַ, האָבן נאָכדעם אין אלעקסאנדראָווקע צו דערציילן און דערציילן:

— זיי וועלן האָבן א הויז.

— זיי וועלן האָבן א שטאַל.

— זיי ארבעטן, ווי די רוכעס.

דאָס איז געווען מאָטלען צו דער האַנט — אזוי איז געווען באשלאָסן אָף א קליינער פאַר־זאמלונג פון יוגנט אין בירעפעלד: „קאָמיוג מוז אונטערוואַרעמען די אומפּאַרטייִשע איבער־וואנדערער, ווײַזן א בײַשפּיל מיט ארבעט".

געזאָגט און געטאָן — אונטער פּריסקערס קאָמאנדע האָבן דאָרט די יאַטן גענומען ארבעטן מיט היץ, וואָס וואָלט געקלעקט אָף בויען באַריקאַדן.

אין וואלד האָט געארבעט דער קאָמונעס א בריגאַדע. מיט דער בריגאַדע האָט אָנגעפירט ארקע באסקער — געשלעפּט די געהילצן פון וואלד צו דער בויונג אין „סטעפּנאָיע". די גע־טרעפלטע רעדער פון זײַן טראַקטאָר האָבן געלאָזט קאַרביקע סימאָנים אָף אַלע ארומיקע וועגן. ארקע האָט זיי ניט געציילט, די נײַע וועגן, וואָס ער האָט דאָ אין דער טײַגע דורכגע־לייגט. אופגעשטאנען איז ער באגינען, אנשלאָפן געוואָרן אין אָוונט א מידער, ווו עס האָט זיך געמאכט, אמאָל אין קליינעם איבערגעפולטן באַראַקל, אמאָל בא עמעצן אין א געצעלט — אזא, וואָס האָט לעבן זיך א רויכערדיקן שײַטער און איז ארומגעשאַרט מיט צעגראָבענער ערד, קעדיי דער „גנוס" זאָל ניט ארײַן. איבער עפּעס איז ער דאָ קיינמאָל קיין צוויי נעכט אָף איין אָרט ניט געשלאָפן, זיך זעלטן אויסגעטאָן, ווי אומיסטן, ווי אָף אָפּצוטרײַבן פון זיך אַלערליי אומרויִקע באַכערישע געפילן, ניט געהאַט פאַר זיך קיין שטענדיק אָרט. אָט אזוי — צו א געצעלט קערן זיך אום אין אָוונט עטלעכע שטענדיקע נאכטליגער און דערזעען: אינוויי־ניק, פאַרוקט אין א ווינקל, שלאָפט שוין עמעצער א ברוין־פאַרקוילטער, קימאַט ניט אויס־געטאָן, שמעקט מיט זון און מיט גערוך פון זומערדיק־דערהיצטע נאָדל־ביימער. מע קוקט זיך צו — ס'איז ארקע.

מע רעדט דעמלט צווישן זיך:

— זאָל ער שלאָפן.

א ביסל מאָדנע איז דאָך מיט אים, מיט אָט דעם ארקען — אָף צו נעמען די ארבעט נאָענט צום הארצן איז ער דאָ איינער פון די ערשטע, און אין אַלע אנדערע זאכן פירט ער זיך דאָ אוף ווי א צוגעבלאָנקעטער. ווען אין אָרטיקן קעמערל האָט מען ארויסגעשטעלט זײַן קאַנ־דידאטור אָף סעקרעטאַר, איז עס געווען ווי אָנגעמאָסטן. ער אַליין האָט, פאַרשטייט זיך, אויך ניט געהאַט גאָרנישט אנטקעגן, בלויז א קוק געגעבן מיט מער בוילעטע שטרויס־אויגן, פון דעמלט אָנגעהויבן ריידן נאָר אין יענע פאַלן, ווען אָן זײַן וואָרט קאָן מען זיך שוין ניט באגיין, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מער וואָג. קיינער האָט ניט געהערט פון אים, ער זאָל זיך דאָ אָף עפּעס קלאָגן, און ווײַטער — עפּשער האָט ער דאָך עפּעס בא זיך אפן הארצן — ניט ארקע איז דער מענטש, וואָס וועט וועגן אייגענע מײַסעס גיין יענעם דערציילן.

טעג זײַנען געשטאנען גינגאָלדענע. אין די וועלדער, פונוואנען ארקע שלעפּט געהילצן, שמעקט שאַרף מיט באָד־בעזעמל. בערעזע־זאַפּט שפּאַלט ארום זיך די קאָרע, טריפט טראַפּנסווײַז, שפּאַרט ארויס, ווי מילך פון פול־אָנגעגאָסענע בריסטן. ביימער אין געדיכ־טעניש — אָט־אָט פּלאַצן זיי פון אָנגעגאָסענער קראַפט. מיט יעדן מינדסטן ווינטל איז פאַר־פלאָכטן זייער שעפּטשערײַ — הייזעריק געזאנג פול און פול מיט צײַטיקער גלוסטעניש, און פון אויבן צעגיסן זיך נאָך אַלץ העלער און העלער די זוניק־לויכטיקע אָסיען־טעג — וואָס א טאָג, אַלץ גרעסער די לויכטיקײַט, זאָל זײַן, אז ערגעץ־ווו איז שפּעטער א פאַרוויינטע נאָגע־ניש, א פאַרכוישעכטע, צעיאָמערטע קלאָגמוטער. דאָ איז יעדער טאָג נאָך אַלץ ווערט גאָלד — אזוי זאָגן די איבערוואנדערער:

— מע מעג אויספאָרן א גאַנצע וועלט...

— שוין אמאָל געזען ערגעץ אזא אָסיען?

טעג האָבן א פּלי געגעבן, ווי אויסגעשאָסענע ראַקעטן, מיט פריילעך אָנגעצונדענע לויַ־טערע פּרימאַרגנס. אין דער טײַגע, אָן א זײַט פון טיכאָנקע, ווו צו דער אַרבעט האָבן זיך געשטעלט שימקע, מענדל זאַקס מיט זייער גרופּע, גיט מען זיך ניט אָפּ קיין כעזשבן, ווער וועמען וועקט אַלע טאָג אויף: די פּרימאַרגנס — די גרופּע, אָדער די גרופּע — די פּרימאַרגנס. מיט די טיכאָנקער פורן, וואָס האָבן געבראַכט אַהער ציגל, האָט מענדל זאַקס איבערגעשיקט א צעטל אין קאָנטאָר:

— „באַ גראָבן דעם ברונעם אַרבעט איך, פּרויִם טשערנאָבילער און אַנדערע, די איבע־ריקע קאָרטשעווען. אָף צוויי הײַזער זײַנען פּלעצער צוגעגרייט. אָף איינעם לייגן דעם פונדאַ־מענט ביידע ברידער פּעקער און פּיאָטער אַקסענטיעוויטש, וועמען איר האָט אונדז צוגעשיקט. שיקט אונדז וואָס גיכער נאָך מענטשן, אַניט וועט אונדז דער ווינטער פאַרכאַפּן אינמיטן דער אַרבעט".

די ליידיקע פורן זײַנען צוריק אַוועקגעפאָרן, געלאָזט די טײַגע, ווי מיט א צעשפּאָלטענעם בויך, וואָס איז אָפן אין דער זײַט צו טיכאָנקע־צו — ערשטע סימאָנים פון א וועג. דאָרט, ווו די אַרבעט גייט, האָט זיך געדאַכט, איז א שטיקל סאַמבאַטיען — עס וואַרפט ווי מיט שטיינער.

באַ אויסקאָרטשעווען דעם פּלאַץ פאַרן דריטן הויז האָבן געאַרבעט שימקע און דער גע־ווזנער בעדער בעניע פּרינץ. דער ערשטער ברענט אין דער אַרבעט, ווי א ספּירט, דער אַנדערע האָט צײַט. מענדל זאַקס רופט אָפּ שימקען אָף א סאָד. מיט שימקען טוט דענסטמאָל א מאָרדעווע, ווי אים וואָלט רופן זייער א גרויסער נאַטשאַלניק. ער וואַרפט אַוועק אַלץ, וואָס ער האַלט אין די הענט, טראָגט צו מענדלען זײַן אויער, א האַלב־דערשראָקענער:

— האַ?..

מענדל, אָן אײַנגעטונקענער אין בלאָטע און אין ליים פון גראָבן דעם ברונעם, זאָגט אים עפּעס — אַפּאַנעם, ווידער וועגן דעם, וואָס מע דאַרף מער מענטשן. שימקע בלײַבט שטיין א דערהאַרגעטער, ענטפערט שוין אַפילע ניט, ווי איינער זאָגט:

— נו, וואָס קאָן איך העלפן?

דאָס איינציקע, וואָס ער קאָן טאָן, איז ווערן נאָך מער ברענענדיק באַ דער אַרבעט. אַזוי טוט ער טאַקע, — ער קערט זיך אום, רוקט אַרונטער א פאַרשפּיצט דרענגל אונטערן שווערן אַרומגעגראָבענעם בוים־וואָרצל. ער איז דערהיצט. זײַן שטערן און זײַן פּאָנעם — באַדעקט מיט אָן א שיר פּיצעלעך שוויים־טראָפּנס. מיט אַלע קויכעס לייגט ער זיך אָן אָפן דרענגל, אַלע בלוטן גיסן זיך אים אַרײַן אין פּאָנעם. זײַנע אויגן פאַרגלאָצן זיך צו בעניען־צו:

— נו?!..

ער עקט זיך שיר:

— וואָס האָסטו אופגעהערט צו האַקן מיט דער קירקע?

בעניע האָט די שווערע קירקע פון די הענט ניט אַרויסגעלאָזט — אָט־אָט וועט ער זי א הייב געבן, זי אונטערוואַרפן אין דער לופט און וועט מיט איר א האַק טאָן אינעם האַרטן היל־צערנעם אָדער, וואָס באַהעפט דעם וואָרצל מיט דער ערד. סע וועט שוין זײַן איינמאָל א „האַק טאָן", פאַר קיין פוילן האַלט ער זיך אין קיין פאַל ניט, נאָר זאָל אים קיינער ניט לערנען, וויאַזוי אַרומצוגיין אַרום דער גוורע, וואָס פּילט אָן אַלע זײַנע גלידער. אין דעם זינען, מיינט ער, איז ער שוין א געלערנטער. קויעך, גייט ער מיטן גאַנג, איז א זאַך, וואָס ווער עס האָט — האָט, און ווער עס האָט ניט· איז פאַרפאַלן.

— אין מאַרק, — זאָגט ער, — וועט דיר הײַנטיקע צײַטן קיינער קיין געזונט ניט פאַרקויפן, שענקען — אַוואַדע און אַוואַדע ניט.

פונדאַנען נעמט זיך זײַן פּאַמעלעכקײַט אַפילע באַם ריידן. זײַן קלאַל איז — האָסט א ביסל געזונט, באַ דיר בלײַבט עס, איז גיב עס ניט אויס מיטאַמאָל, זשאַלעווע עס, ווי קרעפּל־פלייש.

דערצו איז אים נאָך אַלץ אײַנגאַנצן ניט קלאָר, וואָס זשומט מען דאָ אַזוי — ווער יאָגט דען דאָ אין האַלדז־און־נאַקן? ער איז אָנגעשטעלט א ביסל פילאָסאָפיש נאָך פון די פריַערדיקע יאָרן, ווען ער איז נאָך געווען א בעדער און זיך צוגעקוקט צו די פּאַסטעמקעס פון נאַקעטע מענטשן. אין טיכאָנקע אָף א פאַרזאַמלונג האָט ער איינמאָל געהערט, ווי מע זאָגט: „די רע־וואָליוציע האָט מיט אַלע א דריי געטאָן הערע־קאָרע, אָפּגעטאָן אין איין טאָג מער, ווי מע האָט ביז איר אָפּגעטאָן אין גאַנצע שאַקן מיט יאָרן". ער האָט א טראַכט געטאָן וועגן דעם, וואָס די רעוואָליוציע האָט אַרום אים אָפּגעטאָן אין דער היים, און האָט מאַסקים געווען: „יאָ, ס'איז עמעס". איז מען דאָך איצט אָבער אַוועקגעפאָרן אַזוי ווײַט פון דער היים, מע געפינט זיך טיף אין דער טײַגע אין א וואַלד — שוין געזען, אין א וואַלד זאָל מען זיך אַזוי כאַפּן? ער פּרוווט פּאַמעלעכקע צו שימקען א זאָג טאָן:

— וואָס איז? דער בוים־וואָרצל וועט אַנטלויפן?

היינט וואָס וועט זיין מיט בעניען? — וויאַזוי וועט ער זיך דערוויסן, פאַרוואָס מע דאַרף דאָ אין דער טײַגע אינדערגיך בויען און פאַרוואָס מע מוז דאָ צוהאַרעווען און אַניאַגן? פונוואַנען וועט צו אים דערגיין, אַז אין אויסלאַנד, אַף יענער זײַט אַמור, פון צווישן די פרעמדע פאַרשלאָפענע בערג, קוקט אַהער אָן אופהער אָן אויסבאַהאַלטענע בייזע כײַע. באַטאַג, ווער ווייסט, וואָס זי טוט דאָרט, און באַנאַכט צינדן זיך אָן מיט זשעדנעקייט די בייזע פײַער־לעך, וואָס אין אירע וועלפישע אויגן, און זי שטשירעט אין דער פינצטער די ציין און וואָלט גרייט זיין אַ שפרונג טאָן אהער איבערן אַמור — זי וויל און האָט מוירע...

פון בירעפעלד האָט מען אהער אַריבערגעוואָרפן די איבערוואַנדערער: מייער רימער, סימכע קאַראַליוווקער, יודל ליפשיץ און איינעם אַ געוועזענעם אָרעמען הענדלער פייסעכאָוויטש.

סימכען האָט דאָ שימקע גלײַך געזאָגט:

— ביסט אַ זאַווערוכע.

— טו, וואָס מע הייסט דיר, און פאַרגרעסער ניט דעם טומל, הער אוף מיט דײַן „ווען מע גיט מיר”...

וואָס שייך צו יודל ליפשיץ, האָט אים פון אָנהייב אפילע ניט אָנגעהויבן צו אַרן, וואָס קיינער זאָגט אים דאָ גאָרניט — טיף באַ זיך אין הארצן איז ער אַהער געפאָרן ניט מער, ווי אַף אַ קוק צו טאָן:

— וואָס פאַר אַ מעציע האָבן זיי דאָרט אין וואַלד געפונען?

— וואָס מאַכן זיי אזאַ ראַש?

ער וועט זען, אַז סע גאָרנישט, וועט ער אַ באַרוזקטער געפינען אַ טערעץ אַף אוועקצו־פאָרן צוריק קיין בירעפעלד, און שוין. זײַן אויג האָט באַלד אַ שאַץ געטאָן אַלץ, וואָס מע האָט דאָ אָן אים אָפגעטאָן:

— אייסעך...

— די עמעסע גליקן...

— מע האָט נאָך ניט אופגעשטעלט אפילע קיין איין שטוב.

ער האָט געזאָגט צו שימקען:

— אַ־דאָס הייסט געבויט?

שימקע האָט אים געענטפערט:

— טאַקע דעריבער האָט מען דיך אהער צוגעשיקט — דו וועסט שוין ווײַזן, וויאַזוי מע בויט בעסער.

און מער גאָרנישט ניט צוגעגעבן, בלויז מיטן בליק געגעבן יודלען צו פילן:

— מע געדענקט דיך נאָך פונעם איבערוואַנדערער־צוג, מע ווייסט, ווער דו ביסט...

טאַקע דאָס האָט יודלען אַ ביס געטאָן — ער, יודל, האָט שוין אַ ביסל געאַרבעט אין טי־כאַנקע און אין בירעפעלד, ווי אַ שוואַרצאַרבעטער, און דאָ נעמט עס עפּעס גאָר קיינער ניט אין כעזשבן. ער האָט באַגלייט שימקען מיט אַ לאַנגן בייזן בליק. יענער האָט זיך ניט אומ־געקוקט — ס׳איז געווען טכילעס אָוונט. מע האָט זיך געלייגט שלאָפן.

אינדערפרי האָט מענדל זאַקס איבערגעוואָרפן פרויים טשערנאָבילער צו דער אַרבעט באַם לייגן דעם פונדאַמענט פון אַ צווייטן הויז. אַף פרויימס אָרט האָט ער לעבן זיך באַם גראָבן דעם ברונעם אוועקגעשטעלט מייער רימערן. סימכען און פייסעכאָוויטשן האָט מען אַנידערגעשטעלט באַ דער אַרבעט, וואָס ביז אַהער האָט איינער אַליין געטאָן דער געקייפּלט גרויסער קאָפּל גרײַוועוער — געשפּאָלטן אומגעוואַלגערטע ביימער אַף בערווענעס. פיאָטער אַקסענטיעוויטש האָט זיי געוויזן, וויאַזוי דאָס צו־טאָן, צוגעקליבן פאַר זיי פּאַסיקע ביימער. בלויז וועגן יודל ליפשיץ האָט מען ווי פאַרגעסן — קיינער איז צו אים ניט צוגעגאַנגען, צו קיין שום אַרבעט ניט גערופן. דאָס האָט געקאָנט הייסן:

— גיי אַהין, פונוואַנען דו ביסט געקומען.

יודל האָט זיך אַרומגעשאַרט אַהין — אַהער, זיך פּאַמעלעך געגומען אַרומקוקן אין אַלע זײַטן.

— וואָס זאָל עס זײַן? אומיסטן?

— אַ פּאָליטיקע אזאַ?

אים איז גלאַט טשיקאַווע, ווער קאָן עס דאָ זײַן דער טאַטע פון אַ־דער פּאָליטיק — מענדל זאַקס? שימקע? צי ביידע אינײנעם?

זאַקס קאָן אים ניט פון פריִער, הייסט עס: ס׳איז שימקע.

יודל איז אַ באַלן צוצוגיין צום אָרט, ווו שימקע און בעניע קאָרטשעווען — מאָנעפּשעך: אויב שימקען שטעכט אין די אויגן, טאָ זאָל אים שטעכן פון דער נאָענט. שימקע און בעניע,

זעט ער פונוויַטנס, האָבן ארומגעבונדן א שטריק ארום א שווערן בוים־וואָרצל און ווילן אים ארויסשלעפּן פון דער נעסט. יודל גייט אהין צו, שטייט א ווײַלע און קוקט.

— אַף ארויסצושלעפּן דעם־אָ בוים־וואָרצל, — טוט ער א זאָג, — וואָלט מען געדאַרפט האָבן קאַטש צוויי פערד.

יענע קוקן צו אים ניט, ענטפערן ניט — ביידע כאַפּן בלויז איבער דעם אָטעם און צי׳ען באַנײַ פאַרן שטריק. דאָס הייבט שוין אָן יודלען נישקאָשעדיק צו פאַרדריסן — ער, אז ווערט האָנאָריסטע, באקומט ער קימאַט אן אײַנגעפּאלענע נאָז און די אויגן גיסן זיך אים אָן.

— מע וואָלט באַדאַרפט, — גיט ער אן אייַצע, — כאָטש אונטערשפּארן דאָ־אָ דעם וואָרצל מיט א דרענגל. אָט אין דער־אָ זײַט.

יענע זײַנען ווי טויב, קוקן ניט צו אים, צי׳ען דעם שטריק אַף העפקער. דאָס פאַרדריסט שוין יודלען טאַקע גאָר־גאָר שטאַרק. יודל, אז מע רירט אים אָן זײַן האָנער — א בּין, וואָס ווערט אָט־אָט לאָזן די גיפט. פון פאַרדראָס און ביזאָיען מישן זיך אים אזש די געדאַנקען, און עס כאַפּט אים אָן גרויס ראַכמאָנעס אַף זיך אליין:

— וואָס טוט זיך דאָ? כ׳בין שוין טאַקע גאָר קיין מענטש ניט?

אפּצולאָכעס הייבט ער אוף פון דער ערד א פאַרשפּיצט דרענגל, ער איז אין קאַס, זײַנע הענט ציטערן. באַם ארונטערוקן דאָס דרענגל אונטערן בוים־וואָרצל טרעפט ער ניט צו דער נייטיקער טיף. בעניע, זעט ער, האָט אופגעהערט צו שלעפּן פאַרן שטריק און טוט אהער א פּאָר שפּאַן. וואָס וויל בעניע טאָן? ער וועט אויסרײַסן בא יודלען דאָס דרענגל? ער וועט מיט דעם שפּאַלטן יודלען דעם קאָפּ? יודל פאַרקריצט די ציין, פאַרקלאַמערט די הענט ארום דרענגל, אָטעמט זייער גיך און שווער. בעניע אָבער שטופּט גאָר ארײַן דאָס דרענגל אַף דער נייטיקער טיף און קערט זיך אום צוריק, גרייט צו שלעפּן אינײנעם מיט שימקען דעם שטריק. בלויז מיטן בליק רופט ער ארויס יודלען ווי אַף א דועל:

— אָן שטוקענציעס... ווײַז, וואָס דו קענסט...

א ווײַלע קוקן זיי אָן איינער דעם אנדערן פון איבערן גרוב — בעניע און יודל. מיט אלע קויכעס טוט יודל א ריס דאָס דרענגל צו דער ערד־צו. דער בוים־וואָרצל האָט זיך דערפון קוים־קוים א ריר געטאָן. אָט־אָט וועלן אים אויסלאָכן ביידע — אי בעניע, אי שימקע — זיי קוקן אַף אים, ווי אַף א מ׳עס פּיקסל. פאַרסאָפּעט, מיט אומעטיק־פאַרשמאָלטע אויגן קוקט ער אָן בעניען, וואָס האָט אים דאָ עפּעס ווי ארײַנגענאַרט אין א נעץ. בעניע, זעט ער, פּירט פאַ־מעלעך איבער די אויגן אַף שימקען, ווי איינער זאָגט:

— כ׳האָב ניט געזאָגט, איך וועל אים דאָ ארויספירן אַף דער ליכטיקער שײַן?

דאָס צינדט יודלען אָן. ער שפּרינגט אונטער צום הויכן עק פון דרענגל, כאַפּט זיך אין אים אָן און בלײַבט הענגען. פון אזא אויגנבליק גייט מען ארויס „טויט אָדער רויט” — דאָס איז אלץ, וואָס יודל פילט. דורך קורצע שטויסן, מיט דער גאַנצער שווערקײַט פון קערפּער און מיט אלע קרעפטן פון זײַנע מוסקולן שלעפּט ער דאָס דרענגל צו דער ערד און שרײַט דערבײַ צו יענע, וואָס שלעפּן פאַרן שטריק:

— נו־נו־נו — — — ראַזאָם!

— נו־נו־נו — — — ראַזאָם!

דער בוים־וואָרצל, פילט ער, הייבט זיך, רוקט זיך — עטלעכע מאָל אזוי. יודל צעעפנט די אויגן און אָטעמט שווער — דער בוים־וואָרצל איז ארויסגעשלעפּט.

איצט איז פאַר יודלען די בעסטע צײַט א שפּײַ צו טאָן און אוועקגיין. ער האָט דערוויזן? — גענוג. נאָר בעניע האָט, אפאָנעם, זיך פאַרגענומען צו מאַכן פון יודלען דאָ אין דער טײַגע א שטיקל לײַט. פּאַמעלעך, פּאַמעלעך גייט ער צו צו יודלען און באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס, ווי אַף לאָזן צו הערן:

— בא מיר, גוטערברודער, ווערסטו דאָ אופהערן צו דרייען מיטן ווידל.

— קום, — זאָגט ער צו יודלען.

אָן שום אײַלעניש הייבט ער אוף די האַנט און ווײַזט אָן אַף א נאָענטן גרוב:

— אָן דאָרט ליגט א בוים־וואָרצל. מיר האָבן נעכטן אינצווייען אים ניט געקאָנט ארויסשלעפּן. קום, ווועלן מיר א פּרוּוו טאָן אינדרײַען...

און ביידע קוקן זיך א ווײַלע אָן — בעניע און יודל. יודל פילט שוין: דער „דועל” צווישן אים און צווישן דעם געזונט־קרעפטיקן בעניען הייבט זיך דאָ ערשט רעכט אָן — ס׳איז א מײַסע ניט אַף איין מאָל און ניט אַף איין טאָג...

מײַער אַלבערטאַן

שאַכטעס

מענאַשע איז שױן עטלעכע מאָל געװען בײַ די זאַביװאַקעס אין קאַזאַרמע. דער צימער זײערער איז גאָר אַ קלײנער. אױב נאַדיען קומט גראָד אױס אַרױסגײן פֿון דעם, און מענאַשע בלײַבט אַלײן מיט די שטוב־מענטשן, איז אים פּריקרע ענג. די אױערן זײַנע װערן גרױסע, — אומעגלעך מיט זײ זיך אַ קערעװע טאָן, און אין די אױגן בײַסט, גלײַך אין שטוב זאָל מען לאָדן קױלן און ס׳זאָל דאָ שטײן אַ הױכער שטױב.

דערפֿאַר, אַבי נאַדיע קומט אַרײַן אין דער ענגער „קאַיוטע", אַזױ װערט געראַם אומעטום. די אומגעלומפּערטע הענט, װאָס דער באַכער האָט פּריִער ניט געהאַט װוּ זײ אַהינצוטאָן, זײַנען בײַ אים איצט ניט איבעריק, אַ ברעקל ניט איבעריק. ערשט אין דרױסן קומען זײ רעכט צונױף. נאַדיע איז אָן אָפּגעװאַשענע, אַ זױבערע, מיט רײנינקע קלײדל און קאָפּטל, און ס׳שמעקט פֿון איר מיט אַלינאַפּט — אַ מעכײַע. אַז מענאַשע נעמט אָן אין זײַנע דלאָניעס נאַ־דיעס, באַמערקט ער, אַז זײ זײַנען אַזעלכע קלײנינקע, ראָזעװע, װי בײַ אַ קלײן װועסטערל.

— בײַ דיר זײַנען, נאַדיע, אַזעלכע גוטע הענט.

— מיט װאָס זײַנען זײ אַזעלכע גוטע?

דאָס קאָן מענאַשע ניט זאָגן. ער דערבליקט גראָד, אַז בײַ נאַדיען איז דאָס גרינע פֿון װאָל, װאָס זי טראָגט בײַ דער אַרבעט אונטערן קאָפּטל, איז איצט ניטאָ; און מע זעט דאָרטן אַרױס אַזאַ שטיק ליבינק לײַב, אַז דאָס האַרץ װערט צעטראָגן פֿון פֿױקעניש.

— איך קאָן, נאַדיע, פֿאַר אײן טאָג דיך אױסלערנען לײענען און שרײַבן. אַלע פּלאַקאַטן אין דער אױבערשאַכט־געבײַדע װעסטו איבערלײענען אין אײן מינוט.

— מיר שװינדלט אין די אױגן, װען איך קוק אױף אױסיעס. אַז איך שטעל זיך אַמאָל אַף פֿאַרן שילד פֿונעם קאָאָפּעראַטיװ, איז גלײַך פֿאַר די אױגן זאָל מען מיר שיטן זשמעניעס מיט קױלנשטױב.

װעגן װאָס װאָלט מענאַשע איצינד דעם מײדל דערצײלט? סטאַם אַרומגײן און שװײַגן קאָן מען דאָך ניט.

— קום, מענאַשע, װועלן מיר צוריקגײן צום קלוב, — לײגט פֿאָר נאַדיע.

גראָד איצטער װיל מענאַשע צום קלוב ניט גײן. ער זאָגט איר גאָרניט, נאָר ער שפּאַנט, שפּאַנט, ביז ער פֿאַרגײט מיט איר אונטערן טעריקאָניק. דאָרט זעצט נאַדיע זיך אַװעק אַף אַ גרױסן שטיק שטײנשלאַם, און מענאַשע שטײט איבער איר קאָפּ. פֿונעם שפּיץ טעריקאָניק קערט מען איצט אַלע מאָל איבער אַ װאַגאָן שטײנער, און זײ צעשיטן זיך איבער אַלע זײַטן פֿונעם גװאַלדאָװנעם באַרג. מענאַשע גײט אַרום מײדל, באַשיצט זי — קײן שטײנדעלע זאָל אַף איר ניט פֿאַלן. ער איז איצט פֿיל העכער פֿון איר, זעט ער אירע גוטע צעקעמטע האָר, װױ־לינקע אַקסלען, און אַ קאָפּטל בײַ איר און אַלץ — אַזעלכע רײנע, זױבערע.

— נאַדיע, װײסט, איך קאָן שױן אַזױ גוט אַרבעטן אין שאַכטע, דײַן טאַטע האָט מיך אױסגעלערנט.

מענאַשע קאָן שױן איצט בײַם אָנענדלעכן קאַנאַט טרײַבן װאַגאָנעס אַראָפּ מיטן „אָפּנײג"; פֿאַרקאָלבאַסעװען פּולע און לײדיקע װאַגאָנעס אַף די פּליטעס איז בײַ אים אַ שפּילעכל. און אופֿראַמען אַ „בורקע" גלײַ — האָט בײַ אים גאָר קײן מאַמעש ניט. אַזױ־אָ נעמט ער אין די הענט אַרײַן די „באַלאַדע" און נאָך אַ גרעסערן שטײן, װי דער, אַף װעלכן ס׳זיצט נאַדיע, — צעהאַקט ער מיט אײן נערעק, „פֿאַרבוטיעט", צי ער שיקט אים אַרױף.

— אָט װען נאָך אַף אַ קױלנהעקער זיך אױסלערנען, װאָלט איך שױן אַלץ געקענט.

— מײַן טאַטע װעט דיך שױן אױסלערנען. האָט ער זיך נאָר געװמען, װעט ער דיך אױסלערנען.

...זי זיצט, און ער איז העכער פֿון איר. איצט שיט מען קײן שטײנער ניט, איז אונטערן טעריקאָניק שטיל. מענאַשע דרײט זיך אַרום מײדל און זעט העט־װײַט רעכטס אַ הױכן באַרג מיט שלאַם, נעבן באַרג אַ הױכער קױמען — דאָס איז די שאַכטע „װעטקע". לינקס אױך אַ באַרג — און נעבן באַרג פֿיל קױמענס — דאָס איז די שאַכטע „סמאָליאַנקע". און פֿון אײן שאַכ־טע ביז דער צװײטער — גרױסע שטיקער פֿלאַץ, אַ באַװאַקסענע מיט גראָז.

— פּאַרוואָס, כאַווערטע זאַביוואָקאַ, זײַנען באַ אײַך אַזעלכע גרויסע שטיקער פלאַץ מיט גאַרניט פאַרזייט? — זאָרגט זיך פלוצעם מענאַשע.

נאַדיע שטעלט זיך אויף און באַקוקט אויכעט דעם אַרום. אַז זי שטייט, איז זי העכער פון מענאַשען; אירע רייד ווערן שטײַפער, מער זיכערע און גלײַך זי טוט אַ טויווע, וואָס זי רעדט מיטן באַכערל.

— וואָס אַרט דיך, אַז ס'איז ניט פאַרזייט?

— אַזוי, ס'אַרט מיך.

— דאָס איז גוט, מענאַשע, זייער גוט.

די ווערטער זאָגט נאַדיע גראָיסמוטיק און דאָס כאַשטשעוואַטער ייִנגל פילט אין זיי אַ הערשערן, וואָס באַוויליקט זײַנע רייד און אַוודעס. און ס'איז זייער גוט, וואָס נאַדיע ווער־שעוועט איבער אים.

— ס'טוט דיר ניט באַנק, וואָס דו ביסט ניט אַוועק פון דער שאַכטע? — פרעגט נאַדיע. אָבער ס'איז ניט קיין פראַגע אויס טשיקאַווס. זאַביוואָקאַ פרעגט, ווי אַ באַלעבאָסטע, און מע מוז איר ענטפערן.

— ס'טוט מיר, נאַדיע, ניט באַנק. איך האָב אין דער היים גאָרניט אָנגעוואָרן.

— איז גוט, מענאַשע, — באַוויליקט ווײַטער די אָפּקאָטשערן.

נאַדיע זעצט זיך ווידער אַוועק אַפן שטיין און שווײַגט עטלעכע מינוט. איצט איז שוין מענאַשע נאָכאַמאָל העכער און ער קאָן דעם מיידל איבערדערציילן, וואָס אין שאַכטע טוט זיך.

אין קוילנגרוב, דערציילט מענאַשע לאַנגע דער קירזשנערקעס, איז אַזוי טיף און פינצטער, אַז ווען אין דרויסן זאָל זײַן די ליכטיקסטע זון, אַ גאַס רעגן, צי גאָר אַ ברענענדיקער פראָסט, ווייסט מען דערפון אין שאַכטע גאָרניט. די פינצטערניש איז דורכגענומען מיט ניליע פון פוילע קאַרטאָפּליעס; און דעם טוכלע רייעך צעטראָגט איבער אַלע ווינקעלעך דער צוג־ווינט, וואָס ס'מאַכט אָן די ווענטילאַציע. די פינצטערניש איז געדיכט, קלעפּיק. אַז מע טראָגט אין דעם אַרײַן אַ לעמפּל, צעבויטעט זיך די כאַשכעס אַזוי, ווי סע צעבויטעט זיך געדיכטע סמאָלע, ווען מע שטעקט אין איר אַרײַן אַ ברייטן פּאַלאָנעק.

אין שאַכטע איז מעסוקן שטיל. פונעם ברעמסבערג אין „אָפּנייג" הערט מען ניט קיין פערד טופען, קיין וואַגאָן קולקען. פונעם נאַענטסטן שלאַג־אויוון אין דער שכיינעסדיקער לאַווע — קיין איין שקאַרבעלע דערגרייכט ניט. און דעריקער — ס'איז אין קוילנגרוב אַזוי שרעקלעך, באַגלײַך שטענדיק־שטענדיק זאָל עמעצער זאַמירען פלעטן דעם קאָפּ, פריטשמעליען.

— דאָס איז ניט גוט, — זאָגט נאַדיע, זיצנדיק אַפן שטיין, און מענאַשע איז זיכער, אַז ער האָט דער אָפּקאָטשערן דערציילט דאָס שפּאָגל־נײַע נײַס. ער קאָן זיך איבערנעמען. אָט ווינט נאַדיע אַלע יאָרן אין שאַכט־ייִשווים, און אַז אין שאַכטע איז קעסיידער, טאָמיד אַ סאַקאָנע אַף אומצוקומען — דאָס איז זי ערשט באַ אים געוווירע געוואָרן.

— מענטשן שטייען טאָמיד פאַר אַ סאַקאָנע אומצוקומען, און מע זאָרגט זיך גאָרניט וועגן זיי, — זאָגט מענאַשע און איז זיכער, אַז אַצינד איז ער קימאַט איין גלײַכן מיט נאַדיען. ער קאָן אָפּבלאָזן אַ ביסל שטויב, וואָס איז אָנגעפאַלן אַף איר אַקסל. ער קאָן...

אומגעריכט האָט זיך פון ערגעץ אַרויסגערוקט אַ נעפּעש. מענאַשע האָט אים גלײַך דער־קענט. דאָס איז דאָוויד פינעס פון לאָקעשיוועקע. אַף אים איז איצט געווען אַ נײַ היטל מיט אָן אָפּגעהויבענעם דענעק. און זײַן פּאָנעם האָט אויסגעזען צופרידן, דערהויבן.

— מע זעט באַשײַמפּערלעך, אַז די ערד איז קײַלעכיק, — זאָגט פּינעס, גלײַך ער האַלט מיט עמעצן אינמיטן שמועס.

— איך גיי אַרום דעם אָנגעשאָטענעם קייווער און קיין ענדע זע איך ניט... ווי קומסטו אַהער? — האָט דאָוויד אַ פרעג געטאָן מענאַשען אַף רוסיש.

— איך אַרבעט אין שאַכטע, — האָט מענאַשע געענטפערט אַף רוסיש מיט שטאָלץ.

— און איך בוי דעם סאָציאַליזם אין דער בוי־קאָנטאָר אַף דער ערד. אויב דו ווילסט, קאָנסטו איבערגיין צו אונדז. איך קאָן דיך לעבן זיך באַשטאַטן... ווער איז דאָס מיידל? — האָט פינעס צוגעמאַכט איין אויג און געפרעגט אַף ייִדיש.

נאַדיע האָט זיך פונעם שטיין אופגעהויבן, איז זי אויסגעקומען שטאַלטנער פון מענאַשען מיט פינעסן, וואָס איז געגאַנגען אין שטעקשיך.

— כאַווער קירזשנער וועט פון דער שאַכטע ניט אַוועקגיין.

— דאַרף מען ניט. וועלן מיר בויען דעם סאָציאַליזם אין דער בוי־קאָנטאָר אָן אים.

האָט נאַדיע אַ קוק געטאָן אַף פינעסן מיט אויגן בעפּיירעש לויטערע, אָבער פול מיט ביטל, און דער לאָקעשיוועקער האָט דערפילט, אַז דאָס מיידל רעדט ניט קיין ליכטע רייד,

קאָן מען דעריבער איר אויך לײַכטזיניק ניט ענטפערן. האָט ער שוין ניט מיט פריִערדיקער פּרײַז־שאַפט — זיך געזעגנט און אין די שטעקשיך שווער אוועקגעשפּאַנט.

נאַדיע מיט מענאַשען האָבן יענעם נאָכגעקוקט און נאָכדעם זיך אויך געלאָזט גיין פון־דאַנען. דאָס מיידל איז געגאַנגען פריִער, הינטער איר מענאַשע... וואָס וואָלט קירזשנער באַ־דאַרפט אַציִנד טאָן פאַר אַזאַ מיידל? ער פאַרגרעסערט די טריט, דערנעענטערט זיך צו איר און טרייסלט איר אָפּ דאָס קליידל. ער טרייסלט ניט שטאַרק, נאָר לײַכט פירט ער מיט דער האַנט איבער דעם, ער גלעט עס. נאַדיע שטעלט זיך אָפּ, איז באַקוועמער דאָס קליידל אָפּווישן. ס׳איז זייער גוט, וואָס נאַדיע איז אַהינצו מיטן פּאָנעם. דער האַלדז פון הינטן איז באַ איר אַזאַ וואַרעמער, גלאַטינקער.

לעבן זאַלסטו, האַלדז מײַנער, אָן שיר יאָרן, ביז אייביק, — רוימט שטילערהייט מענאַשע אָף יידיש. נאַדיע ווייסט ניט וואָס, דרייט זי זיך אויס אַהערצו מיטן פּאָנעם און דערמאָנט זיך זאָגן:

— מע זאָרגט זיך שוין דאָ, מענאַשע, פאַר די געפּאַרן געגוג. מיינסט, די נײַנטע שאַכטע איז שוין די בעסטע אָף דער וועלט? אַזעלכע קוילנגריבער האָבן נאָך די באָלעבאַטים פאַרלייגט. איצט בויען מיר שוין אַ נײַע שאַכטע, זאָרגן מיר זיך שוין פאַר אַלץ. דאָרטן וועלן שוין סאַ־קאָנעס זײַן אַ היפּש ביסל ווייניקער. אַ סאַך ווייניקער, — האָט נאַדיע אויסגעלאָזט און זיך געװנמען שפּאַנען. אינמיטן גיין האָט זי אַ זאָג געטאָן:

— קום, מענאַשע, וועלן מיר צוגיין צום קלוב.

אין דרויסן איז געוואָרן טונקל. ס׳האָבן זיך געװנמען צינדן עלעקטרישע לאָמפּן. דער רויך פון „סמאַליאַנקער״ קוימענס, וואָס איז באַטאָג געווען מערער שוואַרץ, האָט זיך אַציִנד דורכ־געיאַטרעט מיט פלאַמיקן קאָליר; די טעריקאָניקעס, וואָס האָבן באַטאָג אויסגעזען גרוי, זײַנען איצט געוואָרן שוואַרץ — שוואַרצע בערג. אומעטום, ווו מע איז געגאַנגען, האָט מען באַגעגנט עלעקטרישע לעמפּ. און ווי ווײַט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט פאַרכאַפּן, האָט מען אָף אַ גרויסן אַרום געזען שוואַרצע בערג, פלאַמיק־קאָליריקע גאָרגלען רויך, אָן אַ שיר העלע עלעקטרישע לעמפּ.

— איך דאַרף שוין באַלד גיין צו דער אַרבעט, — האָט מענאַשע דורכגעשמוגלט אין שווײַ־געניש אַרײַן.

— אַרבעטסט אין דער באַנאַכטיקער וואַכטע?

— הײַנט — באַנאַכט.

— ווער איז דײַן דעסיאַטניק?

— דער כאַוווער זאַביוואַקאַ.

נאַדיע האָט זיך אָפּגעשטעלט צו מענאַשען מיטן פּאָנעם.

— האָסט פאַרגעסן — ס׳איז מײַן טאַטע. איך וואָלט אים געקענט בעטן, ער זאָל דיר בײַטן די וואַכטע אָף מאָרגן. נאָר איך וועל אים בעטן, ער זאָל דיך בעסער שיקן מיט אַ פאַר־טיע קוילנהעקער אין אַ שלאַג־איוון, אויב אַזוי, וועל איך עפּשער אויך גיין אַהיים.

כאָטש אין דרויסן איז טונקל, זעט מענאַשע נאַדיעס אויגן גוט אַרויס. זיי זײַנען ניט אַזוי לויטער, נאָר מע זעט אין זיי פונקען פון עלעקטרישע לאָמפּן. ווען באַ נאַדיען זײַנען די אויגן קאַלעמוטנע, — ווייסט מענאַשע, אַז איר קלאַפּט שטאַרק ס׳האַרץ. אויב אַזוי, וואָלט שוין עפּ־שער אָן עמעס געווען קעדײַ, אַז נאַדיע זאָל בעטן, מע זאָל איבערוקן די וואַכטע אָף מאָרגן אינדערפרי, אָבער ס׳ווילט זיך אַזוי גיין אין שלאַג־איוון מיט קוילנהעקער אַ פּרווו טאָן דאָרטן די אַרבעט! און אָנשטאָט זאָגן נאַדיען, זי זאָל בעטן איר טאַטן דאָס אָדער יענץ, זאָגט מענאַשע:

— קאָנסט, נאַדיע, הײַנט גיין אין קלוב. וועסט אָן אַנדערש מאָל זאָגן דײַן טאַטן.

— האָסט מוירע פאַר דער אַרבעט אין שלאַג־איוון?!

— איך האָב ניט מוירע!

— זע זשע...

די נײַנטע שאַכטע האָט מיטאמאָל געגומען אויסצייַען אַ לאַנגן־לאַנגן פײַף. ס׳האָט אָנגע־הויבן הודזשען פון אַלע זײַטן אָף אַ גרויסן אַרום. יעדע שאַכטע האָט געהודזשעט מיט איר אייגן קאָל, וואָס יעדער קוילנגרעבער, ווו ער זאָל זיך ניט געפינען, וועט עס דערקענען. איי־ניקע קוילעס דערקענט שוין מענאַשע פון כאַשטשעוואַטע אויך: ווי אָן אַ שיר בעהיימעס צו־זאַמען רעוועט „סמאַליאַנקע״; נאָר צוערשט אַ טייל, נאָכדעם אַלע מיטאמאָל; אָט פײַפט איין שאַכטע מיט אַ קוויטשיקל, ווי מע קנײַפּט זי — דאָס איז „וועטקע״. און „זײַנע״, די נײַנטע, הודזשעט געמישט מיט אַ מעטאַלענעם קלונג, גלײַך באַנאַנד מיטן פײַף זאָל שטיין אין דער לופט אַ פאַרבליבענער קלאַנג פון אָן אָפּגעקלונגענעם גלאָק.

אינגיכן האָבן אַלע שאַכטעס אין פּריזשריקן סיידער, מיט די זעלבע קוילעס נאָכאַמאָל געד נומען פּייפן, נאָר שוין צו צוויי קורצע. נאַדיע האָט געצײַלט מענאַשען גיין זיך איבערטאָן. מענאַשע איז אַוועק צו דער באַנאַכטיקער אַרבעט אין שאַכטע, באַגלייט פון נאַדיע זאַ־ ביוואָקע.

* * *

אין דעם אָפּדערנאַכט האָבן אין דער נײַער אָקאָרשט אויסגעבויטער קאָלאָניע אָנגעצונדן זיך זייער אַ סאַך עלעקטרישע לעמפּלעך. צוערשט זײַנען זיי געווען בלאַסע, סטאַם בליאַסקענ־ דיקע, שפּיגל־גלאָזיקע רייפּעלעך; שפּעטער זײַנען זיי געוואָרן העלער און געבלענדט אַזוי, ווי הונדערטוואַטעדיקע לעמפּ קאָנען בלענדן. אָט דעמלט האָט מען ערשט געזען, אַז אין קאָ־ לאָניע ברענען אָן אַ שיר ליכט, און ערשט דעמלט האָט מען געקענט באַמערקן, אַז די שטערן ווינקען־ווינקען און כאַלעשן גאָר אַוועק.

אָבער מער פון אַלעמען האָט אַכטונג געראָפן די ווירע לעמפּ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַ דער סאָרטיראָווניע און זיך געצויגן העט־העט נאָך דער קאָלאָניע, העכער צען קילאָמע־ טער, אַזש ביז דער ראַיאָנער עלעקטרישער סטאַנציע. די ווירע לעמפּ האָט באַגלייט די גאַנצע אײַזנבאַן אינדערלופטן. די לאָמפּן האָבן געוויזן אַ לאַנגע טשערעדע האַלבטאָניקע וואַגאָנעס, וואָס הענגט אין אַ זעלטענעם סיידער, אָף אַ פּינקטלעכן אינטערוואַל איינער פונעם צווייטן. יעדער וואַגאָן, וואָס האַלט זיך שטײַלנע מיט אַן אײַזערנעם פּויסט פאַר דער רעלס, גוידערט זיך אָן אָנגעלאָדענער מיט „קוילנשטיב״ — אַהינצוועגס מיטן מויל אַרוף, און צוריק רוקט ער זיך אַ ליידיקער שוין מיטן קאָפּ אין דער זײַט... און אָט די לאַנגאָניקע שנור בלענדנדע ליכט מאַכט די לעוואָנע אָפּגעגאַנגען, פאַרהײַטלט.

...די לעצטע זײַנען פון דער שטוב אין דעם אָפּדערנאַכט אַרויסגעגאַנגען אוראַם מיט טאָניען. זיי איז אויסגעקומען שוין פאַרשליסן די טיר פון דרויסן, וואָרעם אין דער היים איז קיינער ניט געבליבן. אָף די גאַסן האָבן זיי שוין קיינעם ניט באַגעגנט, און דאָס האָט זיי געטריבן נאָך מערער זיך אײַלן. ווען כאָטשבי עמעצן איינעם דאָ, אין גאַס, באַגעגענען! ניט קעדיי ס'זאָל ווערן היימלעכער: דעם פּאָרל איז אַזוי גוט און גרינג, אַז בלויז איין בלאָז, און זיי הייבן זיך אויף און פליִען איבער דער לופט־אײַזנבאַן, איבער די לאָמפּן. זיי גלוסט זיך פּאַשעט באַגעגענען נאָך אַ מענטשן, וואָלטן זיי אים מיטגענומען מיט זיך. ווײַל קיינער טאָר הײַנט ניט בלײַבן אָף דער גאַס. ווען טאָניע מיט אוראַמען קאָנען, נעמען זיי מיט אין קלוב אַרײַן אָף דער פײַערלעכער עפענונג אַלץ, וואָס געפינט זיך דאָ אין דרויסן: די לופט־אײַזנבאַן, דעם טיפן אויסגעשטערנטן הימל, און אַלץ, און אַלץ...

דערפאַר איז אַזוי טשודנע, וואָס אַז זיי פאַרקערעווען אָף דער שפּאָגל־נײַער לענין־גאַס, הערן זיי טראָפּנס טריפן. דאָס קאַפּען טראָפּנס וואַסער פון דער פּאָמפּע, וואָס שטייט אין דרויסן. ווען זיי גייען אָפּ אַ ביסל ווײַטער, פּיקעט זיי אין האַרצן, וואָס די פּאָמפּע האָבן זיי איבער־ געלאָזט איינע אַליין דאָרטן שטיין...

פּלוצעם דערהערן זיי שמועסן... וואָס איז דאָס! ווען די לופט־אײַזנבאַן הייבט פון זיך אָן עפענען די פײַערלעכע פאַרזאַמלונג, וואָלט דער כידעש געווען אַ קלענערער. איצטער דאַרף מען דאָ קיינעם ניט זען. דאָס פּאָרל פאַרקערעוועט און דערטאַפּט מיט די אויגן פונוויַטנס דעם געהויקערטן דײַטש מיטן סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קעמערל, מיט סאָטניוקן. סאַמע זיי קאָן דאָ אַנטאָנינע צאַט ניט זען: סאָטניוק מוז דאָך דעם פײַערלעכן אָוונט עפענען; און דער דײַטש... דעם דײַטש ווייל דאָס מיידל בּיכלאַל ניט זען. אַלנפאַלס, אײַלן זיך איז שוין ניטאָ וואָס.

דאָס פּאָרל שטעלט זיך אָט דאָ פונוויַטנס אָפּ. טאָניע הערט דעם דײַטש ריידן. זײַנע ווערטער גייען אַצינד אַרויס געהויקערטע, ווי ער אַליין איז. אַנטאָנינע צאַט איז ביז גאָר שווער אויסהערן פונעם עלטסטן עלעקטראָמאָנטיאָר, פונעם אַלצווייסנדיקן דײַטש נעבעכדיקע ווערטער, אָבער אַז זי דערהערט: „...טאַקע מיט גאַדזינסקין זײַט איר שולדיק...״ — איז זי שוין צופרידן, וואָס דעם דײַטשס קאָל איז איצטער אַ געהויקערטס, ווי ער אַליין איז. זי הערט דאַפּקע, ווי דער דײַטש זאָגט נאָך קלוימערשט מיט אַ טײַנע — בלויז איבער מיר האָט איר דאָך דעם עלעקטריקער פון דער אַרבעט אַראָפּגענומען... — אָבער דער פאָרוואָרף האָט באַ איר גאָר קיין מאַמעש ניט. זי הערט דעם סעקרעטאַרס ענטפער:

— און פונדעסטוועגן, כאַווער שוקערט, ווייסט איר ניט אַלץ.

טאָניע באַנעמט ניט, וואָס ווייסט אַזוינס וועגן זשאָרזשן סאָטניוק, אָ, ער איז לעצט צו־

פּרידן, וואָס דער סעקרעטאַר פונעם פּאַרטקעמערל ווערשעוועט איבערן עלטסטן דײַטשישן מאַנטיאָר.

אָבער וואָס פאַר א ביין ווייסט פיליפּ וועגן זשאַרזשן פּאַרט? אזא קענער אין עלעקטראָ־טעכניק פאַרמאָגט די אופּצי־געבײַדע ניט... א מין קין און אויגן גרויע יענער פאַרמאָגט... טאַניע האָט דורכגעלאָזט ווערטער. זי קוקט זיך ארום: די וואַגאָנעס אינדערלופטן קוויטשען; ס׳גרילצט די סאַרטיראָווניע; אף א גרויסן ארום זעט מען קיינעם ניט; לעבן איר שטייט אוראָם לײַמאַרניק. ער זאָגט:

— קום, טאַנקע, וואָס וועלן מיר דאָ שטיין. די גאנצע קאַלאָניע איז שוין אין קלוב.

— וואַרט צו, אָן פיליפּן וועט סײַווי קיינער דעם אָוונט ניט עפענען.

אוראָם קוקט זיך ארום און נעמט אָן טאַניען פאַר די הענט. איבערן געמיש פון דער לעוואַנעס־ און לאַמפּן־שײַן זײַנען דעם מיידלס הוילע הענט מאָדנע בלוי און קאַלט. אוראָם וועט איבער זיי הוכקען, וועלן זיי ווערן ווארעמער, ראָז.

— שטילער, אוראָם. איך הער שלעכט איבער דיר.

— ...גאַדזינסקי האָט גערעדט רעכילעס אף אונדזערע ארבעטער... אָן די באַלעבאָטים ווערן מיר אין שאַכטע ניט פרײַער, נאָר צוגעבונדענער. א קלאָרע זאַך, אז אונדזער באַלעבאָסטע יעלענע האָט עפּיירעש געוואָלט, מיר זאָלן ווערן אָן איר פרײַער.

— ...וועלכע איר ווילט באַגײַסטערונג, פאַרשטאָפּטע מיט טעכנישער אָפּגעשטאַנענקײַט, אין אַקוראַט ווי הויכע עלעקטרישע שפּאַנונג, פאַרשטעלטע מיט א רעאָסטאַט פון גרויסן ווי־דערשטאַנד...

— קום, טאַנינקע. מיר דאַרפן דאָ ניט וואַרטן.

— האָב צײַט.

איצט קאָן טאַניע אוודאי ניט אוועקגיין. דעם דײַטשס ווערטער זײַנען גאָרניט אזעלכע נעבעכדיקע, ווי פריִער. זיי האָבן אין זיך געגנוג מוט. איצט קאָן טאַניע ניט אוועקגיין. זי מוז אויסהערן, וואָס פיליפּ ענטפערט.

— ...קורסן, געוועט... וועט בײַקומען דעם שטאַרקסטן רעאָסטאַט...

דאָס איז ניט אזוי שטאַרק אָפּגעענטפערט. פאַר טאַניעס אויגן שוועבט אָט דאָס, וואָס דער דײַטש האָט געזאָגט: אָט דערלאַנגט א גענעראַטאָר שטראָם פון הויכער שפּאַנונג, אָבער פאַרן אופנעם־מאָטאָר שטייט א רעאָסטאַט פון גרויסן ווידערשטאַנד. ווי זשע קאָן דער מאָטאָר פונעם שטראָם געניסן?.. דער דײַטש פילט זיך, אפּאָנעם, בעסער, ווײַל ער דערקלערט:

— אף אזעלכע שאַכטעס, ווי „ביס”, געפינען זיך פאַר פיל מיליאָנען סאַמע דעליקאַטע עלעקטראָ־מעכאַניזמען. צו זיי מוז מען דערצײַען אָן א שיר בעסטע עלעקטריקער, וואָס זאָלן זיך מיט די מעכאַניזמען גוט אײַנלעבן. דאָס איז בא אײַך ניטאָ. סאַכאַקל איז נאָך גאָר אזוי: וואָס די שאַכטע איז מעכאַניזירטער, גיט זי ווייניקער קוילן און פילט ערגער אויס אירע אופּגאַבעס, — האָט דער הויקער אויסגעלאָזט שוין מיט שאַרפקײַט.

— און פאַר אונדז שטייט ניט בלויז די פראַגע פון אויספילן. מע פילט אין דײַטשלאַנד עפּשער נאָך בעסער אויס. א קלאָרע זאַך, אז פאַר אונדז שטייט א גרעסערע אופגאַבע: די באַרג־ארבעטער זאָלן זאָרגן פאַר אויספילן. געדענקט, כאָוועך שוקערט: זאָרגן פאַר אויספילן. בראַוואָ, פיליפּ דער געשטופּלטער!.. טאַניען טראָגט דאָס הארץ.

— האָסט געהערט, אוראָם?

אוראָם לײַמאַרניק האָט געהערט. אוראָם זאָגט איבער און איז זיכער, אז ער דערקלערט עס בעסער, פאַרשטענדלעכער. ער טײַנעט אײַן מיט טאַניען:

— וויבאלד מיר צווינגען די מאַשין ארבעטן אף זיך, דאַרפן מיר פאַרויס אָן ארבעט טאָן פאַר דער מאַשין וועגן. איך זאָג, ס׳מוז זײַן צווישן אונדז א קאָנטאַקט.

יאָ, אוראָם איז גערעכט. טאַניע איז מיט אים מאַסקים. זי איז אף אַלץ מיט אוראָמען מאַסקים. זי האָט גאָרניט קעגן, וואָס אוראָם הוכקעט און דערוואַרעמט איר די הענט. אוראָם אײַלט שוין גאָרניט אצינד אזוי אין קלוב ארײַן אויך, — ס׳איז אין דרויסן אויך ניט שלעכט. ס׳איז איצט אין דרויסן אזוי פריש, געראַם. אוראָם האָט אזוי ליב דעם דאָנבאַס, א לופט־אײַזנבאַן, מאָדנע בלויע צוי גרינע, הוילע הענט. כאָטש ס׳קומט אויס צו ארבעטן אין פּאַרטיש־קעוועטע באַהעלטערלעך. אזויפיל שאָען זײַן אָנגעשטרענגט, — און פונדעסטוועגן איז דאָ פרײַער און לויטערער אפן הארצן, ווי אין כאַשטשעוואַטע.

■

הערשל אָרלאַנד

הרעבליעס

קאַלטע נעכט האָבן זיך געשטעלט. מע שטייט אויף אײַנדערפרי, איז געל אין די אויגן פונעם בלעטערפאַל. אין דער ברוינקייט פון די ווערבעס, וואָס בייגן זיך אין קאַנאַל אַרײַן, וואַרפט זיך אַמאָל דורך אַ גאָלדן בלעטל אַ דעמבנס און אַ רויטער בלוטסטראָפּן פון אַ קאַלינע.

די קאַראַסטענער האָבן שוין אָנגעשפּאַרט מיטן קאַנאַל באַ די פאַרקוילטע לאָנקעס — איין טאָג אַרבעט איז געבליבן, און זיי קומען אונטער צו ראַדאָווילער הרעבליע, צו דער טשערנאָבילער דיסטאַנציע; הינטער אָזעראַן שטייען די קאַצאַפּעס און דערשנײַדן די לעצטע פּיקעטן באַ דער לאַנגער הרעבליע — שוין נאָכן זומער און נאָך דער אַרבעט.

הארבסט.

פּוילע ווינטן פּראַווען שטיק דורך די נעכט און רײַסן פאָלעס פון די פאַרבלאָטיקטע ברעזענטענע פּאַלאַטקעס. ווען מע כאַפּט זיך ניט אויף, איז נאָך בלאָוו דער דרויסן, ווען מע וואַרפט ניט די אַרבעט, איז שוין העט אין אָוונט. אין די באַטאַרייעס שטייט מען אין וואַטאָווע לײַבעקעס און אין האַרטע יוכטענע שטיוול. שווער גייט די אַרבעט — מע קליגט זיך שטיין אויפן טרוקענעם אָנשיט און שאַרן אײַנגעבויגן די לויזע בלאָטע.

דרײַסיק קאַראַסטענער, די עלטערע, זײַנען שוין אײַנגאַנצן אַרויסגעקראָכן פון זייערע פּיקעטן, זיי טומלען באַ יאַנקל ספּיוואַקס קורין און באַקוקן מעוויניש די אַקערס, וואָס לוטשינ־קער קאָמנעזאַם האָט זיי געליִען. מאַריינע האָט ערגעץ דערטאַפּט אַן אַלטע אויסגעריבענע סוויטע, זי אָנגעטאָן אויפן לײַבעק זײַנעם און שטײַף זי פאַרצויגן מיט אַ שוואַרצער קרײַקע.

— גוטערברודער, — שטעלט אָפּ מאַריינע אַלעמאָל אַן אַנדערן, — קריג אַ סוויטע צו דער פעלד־אַרבעט — אין אַ סוויטע אַרבעט זיך געשמאַקער...

מע ווייסט נאָך אַלץ ניט, ווי וועט מען די ערד אײַנטיילן צווישן זיך. יאַנקל ספּיוואַק איז פאַר שוטפעס:

— וואָס גאָט גיט, זאָל זײַן בעשוטפעס, מע האָט שוין איינמאָל אָפּגערעדט, דאַרף עס אַזוי בלײַבן! — און דאָס דריטע מאָל הײַנטיקן פרימאָרגן ברענגט ער דעם מאָשל מיטן בעזעם: ס'איז אַ גרויסע נאַפּקעמינע, צי דער בעזעם איז צעבונדן, צי דער בעזעם איז פאַרבונדן...

שעפטל גיט אַלעמען אײַן אין נאַדן, אַז ער האָט אין דער היים אַ שקאַפע, אַ געזונטע שקאַפע האָט ער אין דער היים:

— מיר דאַרפן, — טײַנעט שעפטל, — דינגען פערד צו די אַקערס, איז וויבאַלד שוטפעס (אַוודע שוטפעס!), און איך האָב אַן אייגענע שקאַפע אויף מײַן פאַרמעג, דאַרף מען זי מיר פאַררעכענען פאַר אַ מענטשן... אי דאָס, — דערוויַזט שעפטל, — וועט איר האַנדלען אַ גרויסע מעציִע, וואָרעם איין פערד וועט פאַרבײַטן אײַך דרײַ...

מאַריינע פאַרציט שאַרפער די קרײַקע און שטילט אײַן דעם אוילעם:

— איז אָפּגערעדט! שוטפעס, ייִדן! אין אַ גוטער און מאַזלדיקער שאָ — שוטפעס, ייִדן!

יאָסי הויקער איז אָנגעקומען רײַטנדיק פון לוטשינקי:

— שוין! מע האָט די ערד נאָך קיין דראַפּע ניט געטאָן, און מע גוואַלדעוועט שוין! זעקס פּאָר אָקסן מיט גרויסע שויפערס גיט אונדז לוטשינקי, און דער קאָמנעזאַם שיקט אונדז אַן אינסטרוקטאָר, אויסלערנען אַכיינו בעניי ייִסראָעל די גויִשע איוורע — דער פּאָרזיצער פונעם קאָמנעזאַם גייט צו אונדז פאַר אַ מעלאַמעד... און גיטליאַנסקי האָט מיר אָנגעזאָגט זאָהער־וועזאָהער, אַז מע זאָל אַרבעטן בעפּיירעש קאָלעקטיוו, אַכדעס, הייסט עס, דעם גאַנצן קלין צעאַקערן אין איין גאַנג, און אימירטשעם נאָך פּייסעך וועלן מיר זען...

— אַוודע מער סייכל!

— ייִדן, וואָס האָב איך געזאָגט?

לייווי שלימעס האָט געקעמט זײַן לאַנגע באָרד מיט אַ האַנט פינגער און איז אַרויס פון די קיילים:

— וואָס אַריילים זײַנען דיר! זיי האָבן, אַפּאָנעם, דערזען, אַז מיר מיינען אַפּאַנעמעסן... איך פאַרגין זיי גאָרניט די מיצווע. און נעם צוריק, זײַנען זיי דאָך מעכײַע־נעפאָשעס...

אין קאַלטן כמורנעם האַרבסטיקן פרימאָרגן זײַנען די עלטערע קאַראַסטענער אוועק גראָבן „ווײַזערלעך" אַף די נײַע פּאַלישוקישע פעלדער.

מאַריינע האָט אונטערגעטריבן די אָפּגעשטאַנענע:

— אוילעם, קומט אָפּגעבן אַ כּיווד, דעם ערשטן כּיווד, דעם ערשטן כּיווד, וואָס ס'קומט אונדזערע שכייניס מיר ווערן פּאַלישוקעס, און אַ פּאַלישוק פּאַר אַ פּאַלישוק דאַרף אָפּגעבן דאָס לעצטע.

— כּאַווײרים, — האָט לייווי שלימעס דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דאָס וואָרט „כּאַווײרים" אויסגערעדט, — כּאַווײרים, די פּאַלישוקעס שטייען איצטער הינטער לוטשינקי אין אונדזער קאַנאַל און פּוצן דעם דנאָ, און דאָס האָט מאַרקאַ די גאַנצע כאַסענע אויסגעשטעלט... מע זאָגט, זיי האָבן דאָס אַנדערע וואָרט ניט געזאָגט, די פּאַלישוקעס: זיך אופגעהויבן גאַנצע הויפן און אַרויס צום קאַנאַל. איך זאָג אײַך, סײַדן די וועלט איז געוואָרן אויס וועלט...

— רעב לייווי, איר וועט זיך נאָכדעם קוויקן, קומט גראָבן די ווײַזערלעך!

באַ דער שוועל פונעם קורין איז געבליבן רייכערן אַ שײַטערל. יאַנקל ספּיוואַק האָט פאַר־שאַרט יונגע קאַרטאָפּליעס אין פּריסעק, געגלעט דאָס קאַלטענעוואַטע בערדל, פּאַמעלעך אָנ־געטאַפּט די גאָליע אַפן נאַקן און ניט אָפּגעלאָזט פון זיך יאָסי הויקער:

— יאָסי, זיץ דאָ אַ ביסל מיט דײַנע עמער וואַסער. ס'אַ קאַלטער טאָג, און ווען מע גלוסט זיך איצט אַ טרונק? אײַ, יאָסי, יאָסי, אַז מע נעמט זיך באַטראַכטן...

אַ ווינטל האָט אַ בלאָז געטאָן און פאַרשלאָגן יאַנקלען רויך אין פּאָנעם. ער האָט זיך צעטערערט פונעם רויך, געפינטלט מיט די אויגן און דערלאַנגט יאָסין אַ הייסע קאַרטאָפּליע.

— כאַפּ איבער, יאָסי, אַ קאַרטאָפּליע. אַז מיר וועלן די ווערט זײַן, וועלן מיר איבעראיאָר עסן אייגענע... נאָר דעריקער, ס'זאָל קיין מאַכלויקעסן ניט זײַן און מע זאָל זיך פאַרגינען... אײַ, ייִדן, ייִדן...

אַף די נאָענטע קאַנאַלן האָט דאָס יונגווואַרג געטיאַפּקעט מיט לאָפּעטעס אין דער בלאָטע. יאָסי הויקער האָט פאַרייכערט זײַן ציבעק און פאַרזשמורעט אָן אויג. ער האָט געהערט יאַנק־לען מיט איין אויג.

— כ'האָב מיך דערמאָנט, יאָסי, פון די ירושאַלאַימער ברידער... נאָך פון פאַרן בייס־האַמיקדעש... איין ברודער איז געווען אַ מעטופּל, און דער צווייטער, ניט פאַר אונדז געדאַכט, איז אָן אָקער געווען... איז זאָלסטו געווען זען, יאָסי, ווי נאָך שניט פלעגן זיי באַנאַכט איבער־טראָגן ביגנײַװע גאַרבן טוווע יעדערער פון זײַן פעלד אַפן ברודערס... דער האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַפן אָקער, און דער האָט געוואָלט באַוואָרענען דעם ברודערס געזינד... יאָסי, ביסט אַ מייוון — אָקאָרשט מע זעט ניט, ס'גייען איצטער יענע יאָרן, יאָסי...

דער הויקער האָט אוועקגעלייגט דעם ציבעק און זיך גענומען צו דער קאַרטאָפּליע. ער איז געווען שטאַרק אין כּאַס:

— וואָס דערציילסטו מיר קאַזאַלעס, יאַנקל? אַז מע שמועסט איצטער — קאָלעקטיוו, איז שײַעך צו ריידן? הײַנטיקע וועלט איז אַ וועלט אָן קאַזאַלעס...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פרישע קאַרטאָפּליע פונעם פּריסעק און אָפּגעזיפצט:

— נאָר מיט מײַן באָכער האָב איך ניט געטראָפן... איך ווייס גאָר ניט, אין ווען מײַן גאָדל איז געראָטן... ראַק ער מורמלט אַף גאָרנען און ס'אָרט אים, האַלעמײַ די פּאַלישוקעס לעבן מיט אונדז גוט... איכל דיר דערציילן בעסאָד, אַז ער איז געווען ניאַכען מיט ניאַכען אין אַלעוו־סקער געריכט. עפּעס איז דאָרטן געלעגן אַ מעסירעלע אַפן אינזשעניער, האָט מען זיך פון זיי אויסגעלאַכט. פאַרקערט, מע וויל שוין נעמען ניאַכען אין דער אַרבעט פאַר דער מעסירע, האָט אים גאָדל קוים אָפּגעשריגן... וואָס־וואָס, — נאָר אַ צינגל האָט ער אַ גלאָטס, דער מע־שומעד.

יאָסי הויקער האָט אָפּגעגאָסן האַלבע עמער וואַסער, ס'זאָל אים זײַן גרינגער צו טראָגן, און זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם בערגל צום שליאַך. באַם שליאַך האָט ער אוועקגעשטעלט די עמער אַפן גראָז, באַטראַכט דעם הימל, וואָס האָט זיך געכמאַרעט, אויסגעגאָסן די איבעריקע וואַסער פון די עמער און זיך געלאָזט צוריק צום קורין.

— הערסטו, יאַנקל, — האָט דער הויקער געזאָגט געלאַסן און גענומען אַרויסשאַרן מיט אַ צווײַגל קאַרטאָפּלַיעס פונעם פּריסעק, — איך האָב זיך באַטראַכט! איך האָב זיך באַטראַכט: וואָס וועליך לויפן צו די ווײַזערלעך, אַז דער טאָג איז אַלציינס אַ כמאַרנער טאָג און דעם אוילעם איז מיסטאָמע קאַלט. וואָס פאַר אַ מעשוגענער טרינקט איצטער וואַסער?

ער האָט איבערגעקערט אָן עמער, זיך צוגעזעצט אַף אים און גענומען שיילן קאַרטאָפּליעס.

— ווייסטו, יאַנקל, וואָס איכן דיר זאָגן? — דער הויקער האָט די אַרויסגעשאַרטע קאַר־טאָפּליעס צוריק אַרײַנגעלייגט אין פּריסעק. — זיי זײַנען נאָך ניט דערבאַקן, די קאַרטאָפּ־ליעס! — ער האָט זיך פאַרקלערט. — האַלעווײַ לאָמיך ליגן זאָגן, פון מײַן בענאָק וועט קיין

גוטס ניט ארויס: ער האָט זיך מיטן גאנצן אוילעם כעוורע צעקריגט, מײַן גאָדל, און די כעוורע ווילן אים איצטער אין קאָן ניט ארײַנעמען. איז, שײַעך צו רעדן, מיר איז א גרויסער הארצ־ווייטעק — אלע גייען קיין אַלעווסק אפן זאוואָד ארבעטן, און נאָר ער איינער בלײַבט אָפּ־געשמיסן.

יאנקל ספיוואַק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. מע האָט ניט געקאָנט וויסן, צי ס'געפעלט אים, צי ניין. יאָסי האָט ניט אויסגעהאלטן:

— וואָס שאָקלסטו זיך, ווי דעם ראָווס ציג? ס'פּעס א טאכלעס הײַנטיקע צײַט בלײַבן א מעלאַמעד? ער איז זיך א פּאַרפּאַלענער, מײַן גאָדל! די כעוורע האָבן אים ניט ליב, נאָר ער האָט א גאָלדענעם קאָפּ אף זיך, א גאָלדענעם קאָפּ!

יאנקל האָט אים איבערגעשלאָגן. ער האָט געקראַצט די גוליע און געקוקט אין װאַלד ארײַן.

— שאַ, יאָסי, שוין נאָכן טאָג, און עפּעס ראַשט זיך אין וואַלד. אײַ, שאַ־שאַ — לאָז צורו מיט דײַן פּוסטעפּאַסניק, אונדזערע זײַנען שוין מעכוייעוו באַלד צו קומען פון דער ארבעט, און מיט דער וועטשערע האַלט איך נאָך גאָר פון פאַרנט. גיי בעסער, יאָסי, נאָך וואַסער...

פון ווײַט האָט דער וואַלד געטראָגן א טויב געזאַנג, א געצויגענע פּאָלישוקישע ליד.

לוטשינקער כוטאָר, א וואַלד לאַפּעטעס, איז געגאַנגען אהיים פון דער ארבעט, פונעם פּאַרטיקן קאַנאַל, און געזונגען וועגן פּאָלעסיע:

עד, פּאָלעסיע, גרינער בלאָט —
בליצן העלן דײַנע נעכט,
דונערס ברענען דאָ די קוילן,
שפּינען וועבן בלאָוון צײַג,
עד, פּאָלעסיע, גרינער בלאָט!

הינטערן כוטאָר האָבן זיך באַגעגנט מיט גאָרנען די פּאָלישוקעס.

— גאָרניא, מיר האָבן אונדזערס געטאָן, נאָר אף דיר האָבן מיר זיך ניט גערעכט — מע האָט אונדז דערציילט, אז דו האָסט זיך געמאָרדעוועט...

— ניט געוואָלט, מיר זאָלן ארבעטן...

דער אוילעם האָט גוטמוטיק געהאָלדערט ארום גאָרנען און אים געשלעפּט מיט זיך קיין לוטשינקי. מע האָט געבעטן דעם אינזשעניער, ער זאָל קומען איבעראיאָר אויך — זיי האָבן אָט דאָ נאָך איין בלאָטיק ערטעלע, און מע דאַרף דאָרטן א שטיקל קאַנאַל ווי די נעשאָמע.

— מיר וויסן, מיר וויסן, — האָט מען גאָרנען ניט געלאָזט רעדן, — מירן טאַקע שרײַבן קיין אַלעווסק, אין אונדזער אויספּירקאָם, נאָר דו דאַרפסט קומען צו אונדז ארבעטן.

גאָרן האָט געשפּאַנט מיטן גאנצן כוטאָר ארוף־באַרג און געזונגען מיט אלעמען און פאַר־כלינעט זיך אין דער מונטערער ליד:

עד, פּאָלעסיע, גרינער בלאָט!

שיר פאַרגעסן, אז ער האָט א קוויטעלע פון בוזין:

— „שיק, מישע, מיט עמעצן איבער מײַנע זאכן קיין אָזעראַן, ביז דו פאָרסט אוועק. בא ניאכען אין קלייטל קויף א פּאָר פונט צען־צאָליקע טשוועקעס און שיק מיר אויך איבער. צען־צאָליקע טשוועקעס".

גוט אין גאָרנען, וואָס פרילינג קומט ער ווידער קיין פּאָלעסיע. ער וועט באַנײַס אָנהייבן ארבעטן — שוין אנדערש. ער וועט קומען, ער וועט קומען!

בליצן העלן דײַנע נעכט!

בוּיוּנג

די פּײַערן פון דער בויונג איז סטעפּ האָבן אָנגעהויבן גיין אַף דער שטאָט.

דאָס צוועלפוויאָרסטיקע צוזאַמענגעפּלאָנטענע בוי־געוועב אין דער הייך און אין דער ברייט האָט ווי א וווּנדערלעכער סטעפּן־ריז געוואָרפן דער שטאָט — דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע פּײַערן.

פּײַערן, ווי ראַקעטעס.

פּײַערן, ווי ווערטער.

פּײַערן, ווי ציפערן.

ווי גאָלדענע באַריכט־ציפערן וועגן דעם גאַנג פון דער בויונג.

און אָט איז שוין אויסגעשריבן אין דער געדיכט־בלוייער לופט פון אָן אָנהייב־האַרבסטי־קער שטאָלענער נאַכט איבער דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע, — אָט איז שוין אויסגעשריבן מיט פרייַדיקע, מיט אופגעשטיגענע פּײַערן א ליכטיקע מעלדונג, ווי א גרויסער פלײַענדיקער פּלאַקאַט:

„— דרײַ טעג און דרײַ נעכט שטורמעווען מיר די בויונג! מאָביליזירט זיך פרײַוויליק אַף באַנאַכטיקע בוי־אַטאַקעס!”

ערגעץ אינמיטן סטעפּ, אין אופּגעווינטיקטע באַראַקעס האָבן שוין געאַרבעט צוויי דרוי־קערײַען. צוויי מאָל אין טאָג זײַנען דערשינען פּלוג־באַריכטן. און דורך א ראַדיאָ־אַפּאַראַט, וואָס איז אופגעזעגלט אינמיטן סטעפּ, רעדט די בויונג מיט כאַרקאָוו, מיט מאָסקווע, מיט דאָנ־באַס און מיטן גאַנצן לאַנד און ראַפּאָרטירט:

„— די אַרבעט אַרום דעם מאָנטאַזש־צעך וועט זײַן פאַרענדיקט אַפן צוויי־און־דרײַסיקסטן טאָג. אַף צוועלף טעג פריִער פאַר דעם טערמין. היינט איז די דריטע שטורעם־נאַכט!”

און שאָטנס, אומגעווײנלעכע שאָטנס פון קאָרפּוסן האָבן זיך געלייגט איבערן סטעפּ אײנייִנעם מיט דעם, ווי די וווּנדערלעכע בוי־געשטאַלטן האָבן זיך געצויגן אין דער הייך.

עס רײַסן זיך לאָקאָמאָטיוון איבער דעם אופגעוועקטן סטעפּ־מאַסיוו. זיי שפּאַצירן דאָ שוין אַרום פרידלעכע, פאַרשטאַנענע־געוואָרענע פון די סטעפּישע ברייטן. זיי שפּאַצירן אַרום — געשיקטע פון איין עק בויונג צו דעם אַנדערן מיט קלוגער באַזיניקטער דינסט. און זייערע אופרײַסנדיקע פײַפערײַען לייגן זיך אַפן סטעפּ און אַפן האַרץ, ווי א נײַער אַלעפבייס פון דעם סטעפּ. ווי די קינפטיקע שפּראַך פון אָט א־דער שטאָט, וואָס בויט זיך. ווי אָנזאָגן. ווי גוטע, פאַרשטענדלעכע אָנזאָגן.

א צוועלפוויאָרסטיקער שעטעך, פאַראָשטשינעט מיט שטיין און בעטאָן, מיט שטאָל און מיט זאַמד, מיט ליים און געהילץ — ווערט געקנאָטן פון צענדליקער טויזנטער אַרבעטער, אויסגעמישטע אין איין וווּנדערלעכער קראַפט, ווערט געקנאָטן און געפורעמט פון איין ווילן, פון איין דראַנג, ווו אַלע אײנייִנעם שרײַען זיי אַרויס דורך דעם ריס און געשטיג פון אופגייענ־דיקער צוקונפט.

אַלע אײנייִנעם, ווי בלוט־קײַלעכלעך, צירקולירן זיי אין אָט דעם נײַעם רויען לעבן, וואָס ווערט אָט־אָט געבוירן. וואָס כאַפּט זיך אָט־אָט אוף. וואָס שטאַמלט אויס די ערשטע, די פריי־שע, די וווּנדערלעכע „אַלעף”.

עפּשער זעט עמעצער, ווי אין איבערײַס לויפט דער כאַוער כאָלאָדענקאָ צום אַפּאַראַט און רעדט מיט דער הויפּטשטאָט, א הייזעריקער. ווי ס'פיבערן זײַנע שיקלדיקע אויגן. און ווי ער זאָגט דער גאַנצער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע:

„— דו!

„— שיק מיר, כאַוער פאָרזיצער, מענטשן! היינט איז די לעצטע שטורעם־נאַכט. דער מאָטאָר אַפן זעקסטן באַצירק האָט געגעבן א קרעכץ. מענטשן! שיק וואָס מער מענטשן!”

אין שטאָט איז א רעגן. דער ערשטער האַרבסטיקער רעגן — א קלעפּיקער. אין די נאַסע גלאַנציקע אַספאַלטן ווייקט זיך א שווערער, א כמאַרנער, א רעדנעוואַטער הימל. טעלעגראַפן־דראָטן כאַפּן א ציטער. נאָר טראַמווײַען זײַנען פול. אַרומגעהאַנגען און אַרומגעקלעפּט.

ווי איבערגעפּולטע שיפלעך גייען זיי אָפּ פון טעוועליעור־פּלאַץ דורך דער אַלט־מאָסקווער גאַס איבערן הילצערנעם בריק פונעם טײַך לאָפּאַן און קומען פאַרשפּריצטע צום „גאַז" און צום „כ.פּ.זע.", ווען ס'איז שוין טונקל. און פון דאָרט איז ווו זאָלסט זיך ניט א קערעווע טאָן און ווו זאָלסט זיך ניט צורירן מיט דער האַנט, ביסטו אָף דער בוידנג. גייען טראַנספּאָרטן אָף א שטורעם־נאַכט. מיט געזאַנג און מיט פאָנען. אָנגעשטעלטע און אַרבעטער. אַרמייער און קאָמיוגיסטן. א האַלבער נאַרקאָמפּראָס און רעדאַקציעס און שרײַבערס, — מע גייט זיך אָנטרינקען מיט א שטורעם־נאַכט אָף דער בוידנג.

יעדער אַנשטאַלט האָט אַרויסגעשיקט זײַן פאָן און זײַנע פּרײַוויליקע און מע גייט, ווי אָף א גרויסן יאָמטעוו.

און איין שטאָט איז א רעגן. א קלעפּיקער האַרבסט־רעגן. אָבער די פײַערן פון סטעפּ לעשן זיך ניט. עס וויגן זיך מענטשן־מאַכנעס. מע גייט אָף א שטורעם־נאַכט. ס'איז בלאָטיק אונטער די פיס. נאָר ס'איז שווערער אָפּרײַסן די אויגן פון די פאָכעדיקע פײַערן, ווי אַרויסרײַסן די פיס פון די אויסגעווייקטע קלעפּיקע ליימען.

און מע גייט.

און מ'איז געקומען.

נייטן האָט זיך פאַרוואונדערט:

— וואָס וועלן זיי דאָ טאָן?

— א מיטינג וועלן זיי דאָ מאַכן?

אין איין האַלבער שאָ אַרום זײַנען אַלע אָנגעקומענע שוין געווען פאַנאַנדערגעוואָרפן אָף פאַרשיידענע טיילן פון דער בווינג.

אַרומגעבונדענע מיט גאַרטלען אַרום די פּידזשאַקעס, אָנגעטאָן אין שטיוול, האָט מען זיך אײַנגעשפּאַנט אין נאָסילקעס און מ'האָט א קלעטער געטאָן דורך די זאָגאַנאַליק־אויסגעלייגטע לייטערס.

דער באָדן איז געווען אײַנגאַנצן צעווייקט פון דעם רעגן. דער סטעפּ האָט זיך געגליטשט פון אונטער די פיס און געשריגן אונטער יעדן טראָט באַזונדער. פרײַוויליקע, מאָבילירטע אָף דער שטורעם־נאַכט, ניט געוווינטע צו אַזאַ אַרבעט, האָבן זיך אַלע ווײַלע אויסגעגליטשט. און אויסגעשמירטע אין קלעפּיקער ליים האָבן זיי זיך מיט געלעכטער געטראָגן ווײַטער. דער סטעפּ האָט געגלאַנצט פון באַלויכטנקײַט און די פּענעמער האָבן געגלאַנצט פון שוויס און פון דערוואַרעמטקײַט.

די צווייטע שאָ איז שוין די אַרבעט געגאַנגען פּריילעכער. אין דער דריטער שאָ האָבן זיך שוין אַלע געקומענע געפילט פאַר אַלטע אַרבעטער מיט גרויסע אַרבעט־סטאַזשן. מע האָט זיך געשרויפט אָף ספּיראַלן, אָנגעלאָדענע מיט מאַסע — הין און צוריק. און וואָס איז זיי אָנגעגאַנגען דער רעגן? און וואָס איז דען אָנגעגאַנגען די צעווייקטע, די קלעפּיקע בלאָטע אונטער די פיס? וואָס א שאָ ווײַטער, אַלץ מער איז אויסגערונען געוואָרן די אומגעוווינטקײַט. אַלץ מער זײַנען זיי אַרומגעוויקלט געוואָרן מיט א געפיל פון אַזאַרט.

און נייטן האָט יעדן איינציקן, וואָס האָט אים געבראַכט צו טראָגן מאַטעריאַל, געקוקט אין פּאָנעם:

— א מאָדנע לאַנד! און מאָדנע מענטשן!

— אָט נעמט מען דיר און מע הייבט אוף א האַלבע שטאָט אינמיטן דער נאַכט און מע קומט אין א רעגן און אין א בלאָטע און מע שפּאַנט זיך דיר אײַן אין נאָסילקעס און מע ווערט שיר ניט דערהאַרגעט טראַגנדיק. און מע וויל זיך גאָר אַפילו ניט אָפּרוען! אָט האָסטו דיר! אַז ס'איז בא זיי אַלץ מאָדנע!

— אָדער מע שטעלט זיך דיר אוועק אינמיטנדערינען מיט א בענקעלע פון דרײַ ציגל און — „זאַקוריווײַ!" אָדער מע שטעלט זיך אוועק אינמיטן דער נאַכט, ווי מעשוגאָים, און פאַר איין נאַכט בויען זיי אויס א האַלבע וועלט. און ס'איז זיי נאָך ווייניק! און מע יאָגט. און מע אײַלט. און מע ווערט שיר ניט דערהאַרגעט!

יעדע שאָ האָבן אין דער לופט אופגעפלאַקערט פײַערדיקע ציפערן, וואָס האָבן ראַפּאָרטירט וועגן דעם טעמפּ פון דער אַרבעט. און יעדע אַזאַ אופשריפט איבער דער בלויער געדיכטער נאַקעטער הייך איז באַגלייט געוואָרן מיט נײַגעריקן טומל.

אַכצן טויזנט אַרבעטער און אַן אומגעציילטע צאָל געקומענע פרײַוויליק אָף א שטורעם־נאַכט האָבן אָנגעפילט דעם באַנאַכטיקן סטעפּ מיט פריידיקע דויערנדיקע אויסגעשרייען אָף יעדן פײַערדיקן ציפער, וואָס האָט א ביס געטאָן די הייך. און אַלע האָבן מיט געקרעמפּעוועטן

פיבער געוואָרט אויף באַגינען, מע זאָל באַווײַזן דעם טאָג און דער זון דעם פאַרענדיקטן מאָנ־טאַזש־צעך.

און אײנמיטן אײנעם אַזאַ פרײדיקן „הורא“, װען פײַערן האָבן הויך געמאָלדן אריבער־שטײַגנקײַט אין דער אַרבעט, איז מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן אויף דער גאַנצער בויונג.

א רגע איז מען פאַרגליווערט געבליבן אויפן אָרט. און דער פריידיקער אויסגעשריי איז פאַרשטײנערט געוואָרן אין דער נאַכט. ס'האָט זיך ווי מיט א מעשונעדיקער האַק איבערגעהאַקט און אָפּקלאַנגען האָבן גערונען, ווי בלוט.

אײן ווײ:

— עמעצער האָט איבערגעריסן די עלעקטרישע שנורן!

ס'האָט א שטראָם געטאָן א פינצטערער ציטער איבער דער גאַנצער בויונג, איבער דעם גאַנצן סטעפּ. אַלע קאַרפּוסן זײַנען געבליבן טויט און שרעקעדיק. און באַלד איז געוואָרן א טומל אין דער פינצטער. ס'האָבן זיך א גליטש געטאָן איבערופן. און באַלד האָט זיך אַרויס־געשניטן כאַלאַדענקאָס קאָל:

— כאַווײרים! פאַרזיכטיק! כאַווײרים, געקומענע!..

ס'איז אים פאַרהאַקט געוואָרן אין גאָרגל דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן. און באַלד האָט זײַן דערטרונקען־געוואָרן וואָרט ווידער געשווומען אינעם פינצטערן אַרום.

נאָר ס'האָבן זיך דערהערט שטימען פון עטלעכע יאָטן מיטאַמאָל:

— מיר שטעלן ניט אָפּ די אַרבעט!

— כאַלאַדענקאָ! גיי מאַך ליכטיק!

— כאַווײרים!

מיט צוויי עלעקטראָ־מעכאַניקער האָט זיך כאַלאַדענקאָ אַראָפּגעלאָזט. די אַרבעט איז פאַרגעזעצט געוואָרן אין דער פינצטער.

אַרבעטער מיט נאָסילקעס האָבן גענומען פאָרזעצן זײער װעג אין דער פינצטער. אויס־געגליטשט זיך. געפאַלן. זיך אופגעהויבן און געגאַנגען ווײַטער. די אַרבעט האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט. אין דער פינצטער האָט מען געלייגט די לעצטע פּלאַסטן ציגל. אין דער פינצטער האָט מען געמישט וואַפּנע און מיט די הענט אָנגעטאַפּט אין דער פינצטער די ליניעס פון געבוי. פון אײן קאָרפּוס צום אַנדערן זײַנען אין דער פינצטער געגאַנגען שטיקער ליכטיקע געלעכטער. און אײן אַרבעטער האָט געמונטערט דעם צווייטן:

— אַרבעט, כעוורע!

— ס'וועט באַלד זײַן ליכט!

אײניקע האָבן זיך אַפילע געוויצלט:

— מ'עט דאַרפן אַרויסלאָזן א באַריכט אין דער לופט, אויף וויפל גיכער מיר אַרבעטן אין דער פינצטער, ווי אין דער ליכטיק!

און די אַרבעט האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אײנציקווײַז האָבן א שווים געגעבן לאַמטערנס. פון אײן לײטער האָבן זיך צוויי אַרבעטער אַראָפּגעגליטשט מיט א נאָסילקע און פאַרווונדעט געוואָרן. ס'איז געוואָרן אַן איבעראַש. און בעשאַס כאַווײרים האָבן מיט לאַמטערנס געלאָזט אין דער פינצטער אופהייבן די אַראָפּגעפאַלענע, האָט דער סטעפּ ווידער א געשריי געטאָן מיט טויזנטער ליכט.

די בויונג איז ווידער לעבעדיק געוואָרן. א הילכיקער געשריי, אויסגעמישט פון פרייד און אופגערעגטקײַט, האָט באַגעגנט דאָס פײַער. די פאַרווונדעטע האָט מען אָפּגעטראָגן אין א נאָענטן באַראַק, און די אַרבעט איז ווידער אוועק.

נײַטן איז געשטאַנען א פּריטשמעליעטער. ער האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ קומט פאָר. צי ס'איז דאָ א מילכאָמע, צי ס'איז דאָ א גאַנצער סטעפּ מעשוגע געוואָרן. ס'האָט זיך אים אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט געשריי, מיט ראַש, מיט אומפאַרשטענדלעכקײַט, און ס'האָט זיך אים געוואָלט שרײַען. שרײַען. ס'האָט זיך אים אַליין געוואָלט אַזאַ געשריי טאָן, ווי די אַלע צענדליקער טויזנטער מעשוגאָים שרײַען אײנײנעם. ער זאָל עפּעס אויסשרײַען פון זיך אַזאַ ווײטעק אָדער אַזאַ פרייד, וואָס ער ווייסט אַליין ניט, ווי אַזוי זאָל ער עס אין זיך אײַנהאַלטן.

און כאַלאַדענקאָ האָט געכליופּעט איבער דעם צעווייקטן קלעפּיקן סטעפּ. ער האָט פאַ־באַנדערגעשטעלט וואָך בא יעדן פונקט. און די אַרבעט האָט אָנגעהויבן אַרײַנגײן אין באַגינען.

ביסלעכווײַז האָבן זיך גענומען באַווײַזן האַרטע פעסטע רעליעפן פון קאַרפּוסן אויפן יונגן האַרבסטיקן טאָג. יעדער ציגל פון אָט דעם געבוי איז געוואָרן טײַער און אײגן צו יעדער אַרבעטער. ווי א קינד, וואָס ס'זאָל ערשט איצט האָבן געבוירן געוואָרן.

דער מאָנטאַזש־צעך האָט אויף זיך גענומען די לעצטע באַרירן פון אַרבעטער. אָט באַלד וועט ער אַליין א געשריי טאָן אין באַגינען אַרײַן:

— פינף אזייגער מיט פערציק מינוט האָבן זיך צו מיר צוגערירט אַרבעטאָרערשע הענט מיט די לעצטע ציגל! איך האָב אכט הונדערט מעטער אין דער לענג! עפּנט אוף אין מיר די טירן און פירט אַרײַן אין מיר מאַשינעס! איך בין פאַרטיק!

■

שמועל גאָדינער

דער יאָמטעוו פון פרײַנטשאַפט

1

אין ערעך דרײַ הונדערט קילאָמעטער פון דער שטאָט ראָסטאָוו, מיטן וואַסער אַרוף, אפן ברעג פונעם אוראַלטן און שטילן טײַך דאָן, ליגט די קאַזאַקישע סטאַניצע צימלאַ.

עס איז סאָף אַפּרעל. דער טײַך איז צעגאָסן. ער צעשפּאַרט די ברעגן. דאָס וואַסער שנײַדט זיך אַרײַן אין די הויכע זאַמדן, פאַרפלייצט די פלאַכן און לאָנקעס, פאַרטרינקט די וועלדער ביז די גרינע קעפּ פון די ביימער, און פונדערווײַטנס זעט דאָס אַלץ אויס אַזוי, ווי אף דער זילבערנער אויבערפלאַך פונעם ברייט־צעגאָסענעם וואַסער וואָלט געשווומען אַ וווּנדערלעכער גרינער מאַיאָווער סאָד.

אף די הויכע ברעגן פונעם טײַך הענגען די ווײַנגערטנער. דאָ וואַקסן די באַרימטע ווײַנטרויבן, פון וועלכע עס ווערן געמאַכט יענע געשמאַקע ווײַנען, וואָס פּושקין האָט זיי נאָך באַזונגען.

אפן ערשטן בליק איז צימלאַ אַ טיפּיש קאַזאַקיש דאָרף — אַ סטאַניצע מיט שמאָלע געסלעך און הויכע הײַזער אף סלופּעס — דער טײַך צעשפּילט זיך אַלע יאָר, — מיט אַ סאַך געמויערטע און הילצערנע קראָמען מיט שווערע טירן, מיט אַ פּאָר קלויסטערס, מיט אַ סאַך פערד־שטאַלן און מיט דעם אַלעם, מיט וואָס דאָס קאַזאַקנטום האָט געלעבט יאָרהונדערטער. קוקט מען זיך אָבער צו נעענטער, זעט מען: אפן קלויסטער איז געבליבן בלויז דער קופּאָל, אָן אַ צײלעם, אף די אַלטע הײַזער הענגען נײַע, פלאַמיקע טראַנספּאַראַנטן וועגן סטאַכאַנאָוויזער מי, וועגן גרויסע גערעטענישן, וועגן לאַנדשוץ, וועגן פרײַנטשאַפט פון פעלקער.

אף די גאַסן זעען זיך אַ סאַך רײַטער מיט רויטע לאַמפּאַסן אף די הויזן, מיט רויטע אָקאָלישקעס אף די היטלען, מיט פײַנע טשובן פון אונטער די דאַשעקעס. אַזוינס האָט מען שטענדיק געקאָנט זען אין אַ קאַזאַקישער סטאַניצע. איצט זעען זיך אף די גאַסן אויך אַ סאַך רײַטער אף וועלאָסיפּעדן. און דער ברעג, מיט וועלכן זיי נעמען אײַן די שווערע זאַמדיקע וועגן פון די צימלער גאַסן, און דער כיישעק צו דער מאַשין — איז אַ נײַער, אַ יונגער און שטאַרקער. אַ סאַך קאַזאַקן האָבן זיך שוין געזעצט אף מאָטאָציקלען, טראַקטאָרס און טאַנקען. עס גייט שוין אפילע אַ שטומער געוועט צווישן פערד און מאַשין, און דאָס פאָלק האָט שוין געשאַפן זײַן ווערטל: „פאַרלאָז זיך אפן טראַקטאָר און גיב אַכטונג אפן פערד”.

עס וואַרפן זיך אין די אויגן אויך קינדער אין קאַזאַקישע אוניפאָרמעס, מיט רויטע לאַמפּאַסן אף די קינדערשע הייזלעך, מיט רויטע אָקאָלישקעס אף די היטלען, אָבער אויך מיט רויטע פּיאָנערישע האַלדזטיכלעך אף די העלדזער.

צו אָט דעם ברעג איז סאָף אַפּרעל צוגעשוווּמען אַ שיף „מאָסקווע”. מיט אָט דער שיף זײַנען צווישן פאַרשיידענע אַנדערע פּאַסאַזשירן געקומען אַהער קיין צימלאַ אַ גרופּע מענטשן, וואָס זײַנען נאָך קיינמאָל דאָ ניט געווען — ייִדישע קאָלווירטניקעס. זיי זײַנען געקומען אַהער פון זייער נאַציאָנאַלן ייִדישן נײַ־זלאַטאָפּאָליער ראַיאָן אף שליסן אַן אָפּמאַך וועגן סאָציאַליסטישן געוועט מיט די קאַזאַקן קאָלווירטניקעס.

אַראָפּ פֿון דער שיף אָן פֿאַראַד און טומל, אָפּגעגעבן שאָלעם־אַליי־כעם די אַלע קאָזאַקן, וואָס האָבן זיי באַגעגנט אויפֿן ברעג, האָבן די געקומענע ייִדן זיך אָפּגעזאָגט אַפֿילו פֿון פּריש־טיק — זיי האָבן פֿאַרזיכערט, אַז זיי האָבן גוט צוגעביסן אויף דער שיף, — און געבעטן, אַז מע זאָל זיי גלײַך פֿירן אין אַ קאָלווירט, באַווײַזן זיי, ווי לעבן די סאָוועטישע קאָזאַקן.

אינעם קאָלווירט „נאָוואַיאַ זשיזן" האָט די געסט ליבלעך באַגעגנט דער אַלטער קאָזאַק איוואַן אַנדרייעוויטש קאָזשעמיאַקין. ער האָט פֿאַרזשמורעט אַן אויג און באַקוקט די זעקס ייִדישע קאָלווירטניקעס, אַ שמייכל געטאָן, גלעטנדיק זיך די גרויסע גראָווע וואָנצעס. אויפֿן ערשטן קוק, זעט דער אַלטער, זײַנען דאָס מענטשן — ווי מענטשן. פֿאַרשיידענע זײַנען זיי. אָט איז דאָ צווישן זיי איינער אַ הויכער, אַ געזונטער, אַ שוואַרצער יונג מיט אַ ברייט פּאָנעם און מיט אַ גוטן שמייכל אויף די פֿולע ליפּן. און אָט איז דער צווייטער גאָר אַ ברעקל. פֿאַראַן אַ מעלקערן מיט שוואַרצע האָר און מיט שיינע טונקעלע איילבירט־אויגן. פֿאַרגעס אויף אַ ווײַלע, אַז זי איז אַ ייִדיש קינד, איז זי דיר לויטן אויסזען אַן עמעסע קאָזאַטשקע. פֿאַראַן אַ בריגאַדיר, פֿאַראַן אַ פֿעלד־מײַסטער און אויב דו גיסט אַ קוק אויף זייערע הענט... דער אַלטער קאָזשע־מיאַקין גיט זיך אַ גליטש מיטן בליק פֿון זײַן פֿאַרזשמורעטן אויג איבער אַלעמענס הענט, — לויט די הענט און לויט די מיטלען, מיט וועלכע זיי רופֿן זיך אָן, האָסטו דאָ צווישן זיי אַלע פֿאַכן, וואָס מע באַדאַרף האָבן אין אַ גוטן קאָלווירט. דער אַלטער גיט נאָכמאָל אַ קוק די ייִדן אין די פּעמענער. אַז מע וויל שטאַרק, — טראַכט ער, — קאָן מען זיך טאַקע אײַנריידן, אַז דאָס זײַנען עמעסע קאָלווירטניקעס...

אָבער ער האָט זיך ניט אַזוי גיך געלאָזט אײַנריידן. ער האָט געהאַלטן, דער אַלטער קאָזאַק קאָזשעמיאַקין, אַז ער איז אַ מיליאָן אויף ייִדן — ער האָט אַ סאַך יאָרן געדינט דעם קייסער, און די גאַנצע דינסט זײַנע איז אַדורך אין ייִדישע שטעט און שטעטלעך. ער קאָן גוט ייִדן און ער זעט קלאָר, אַז די געקומענע זײַנען ניט פּאַקאָזשע אויף ייִדן.

דערווײַל זײַנען צוגעקומען אַהער נאָך קאָזאַקן, געקומען קאָזשעמיאַקינס זון, אַנדריי, און דער אַלטער האָט זיך דערמיט דערפֿרייט, אַ ציי געטאָן אים באַם אַרבל, אָפּגעפֿירט אין אַ זײַט, אַ פֿרעג געטאָן:

— דו ווייסט אויף זיכער, אַז דאָס זײַנען זיי, די ייִדן?

אַנדריי האָט אַ שמייכל געטאָן.

— טאַטע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ קליין פּיצעלע כויזעק אין טאָן, — און דו האָסט געמיינט, אַז דאָס זײַנען טערקן?

— איך גלייב ניט! — האָט דער אַלטער אַ קוועטש געטאָן מיט די אַקסלען, — איך גלייב ניט, אַז ייִדן קאָנען זײַן גוטע ערדאַרבעטער. איך קען זיי פֿון לאַנגע צײַטן...

אַנדריושקע האָט ווידער אַ שמייכל געטאָן און געוואָלט שוין עפּעס שאַרפֿס זאָגן דעם פֿאָטער, נאָר דאָ האָבן די געסט געבעטן באַם אַלטן, ער זאָל זיי ווײַזן דעם פֿאַרזיי. דער אַלטער האָט, פֿון איידלקייט וועגן, אַוועקגעפֿירט די געסט אין פֿעלד, געוויזן זיי דעם פֿאַרזיי און זיך גענומען דערקלערן, וואָס און ווען און וויאַזוי, נאָר די געסט האָבן אים איבערגעריסן, גענומען אַ הויפֿן ערד אין דער האַנט, געריבן אים צווישן די פֿינגער, געפּרוווט אויף דער צונג, און אַליין זיך גענומען דערציילן דעם אַלטן, וואָס און ווען און וויאַזוי מע דאַרף באַאַרבעטן אַזאַ מין סאָרט ערד. און דער סאַך איז געווען, אַז דער שוואַרצבראָך איז באַ די פּרײַנט קאָזאַקן ניט אַזוי וואַזשנע באַאַרבעט, די פּראָסע טויג גאָר אינגאַנצן ניט, און די בעהיימעס גיבן ווייניק, צו ווייניק מילך.

עס האָט זיך באַקומען אַזאַ טשיקאַווע מײַסע, אַז דער אַלטער קאָזשעמיאַקין האָט זיך לעכאַטכילע אַפֿילו עטוואָס פֿאַרלאָרן. ער האָט געמיינט, אַז די ייִדן זײַנען געקומען צו אים זיך לערנען באַאַרבעטן די ערד, און דאָ האָט זיך גאָר אַרויסגעוויזן, אַז זיי שטעלן אים גאָר קאַשעס און גיבן אים גאָר אייצעס און האָבן גאָר טײַנעס צו די קאָזאַקן, און אין אייניקע זאַכן זײַנען זיי דיר טאַקע עמעס גערעכט. און דער אַלטער האָט שוין מיט אַ ביסל היץ, ווי ער וואָלט געהאַט אַנטקעגן זיך עמעסע פּאַכלײַט, צערייצט אַ זאָג געטאָן:

— אונדזערע בעהיימעס קאָנען ניט געבן מער מילך, מאַכמעס זיי זײַנען „קאַלמיטשקעס".

נאָר די געסט זײַנען דערפֿון ניט ניספּאָעל געוואָרן.

— און אַז „קאַלמיטשקעס" איז וואָס? — האָבן זיי זיך זייערס געטײַנעט, — אַ בעהיימע, מעג זי דיר זײַן אַ „קאַלמיטשקע", בלײַבט זי אַלץ אַ בעהיימע, זי האָט ליב, מע זאָל זי צע־מעלקן. וואָס מער דו מעלקסט זי, אַלץ מער מילך גיט זי.

אין גאַנג פֿונעם שמועס האָט דערווײַל דער אַלטער קאָזשעמיאַקין געזען אַז יאָ, ווערדליק נאָך דער אויסשפּראַך און נאָך דער, באַנעמונג נאָך און נאָך דעם געזאַנג, מיט וועלכן זיי ריידן, זײַנען דאָס טאַקע עמעסע ייִדן, אָט אַזעלכע, ווי ער, האָט זיי געקענט, ווען ער האָט

געדינט דעם קייסער אין די ייִדישע שטעט און שטעטלעך. אָבער ווערליק ווי זיי קאָנען דיר אויסגעבונדן די ערד מיט דער ערדארבעט, מיט דער פּיצוכט, זײַנען דאָס עמעסע קאָלווירט־ניקעס. דאָ קאָנסטו גאָרניט מאכן.

און צו פארנאכט, ווען די געסט זײַנען אוועקגעפאָרן אין א צווייטן קאָלווירט, האָט ער אפגיך צונויפגענומען דעם גאנצן קאָלווירטישן אקטיוו זײַנעם און אזא מין רעדע פאר זיי געהאלטן:

— געזען די מענטשן? ווי געפעלן זיי אײַך? וואָס קומט מיר ארויס דערפון, וואָס זיי האָבן אונדז געריםמט און געלויבט פאר דער ריינקייט אין אונדזערע הײַזער און פאר די גוטע ווײַנ־שטאָקן אונדזערע, און האָבן נאָך אונדז צוגעזאָגט צו לערנען זיך בא אונדז ריינקייט און אויך וויאזוי מע דארף אכטונג געבן אף ווײַנשטאָקן. זייער פֿײַן, זאָג איך אײַך, איז דאָס, וואָס זיי וועלן זיך לערנען בא אונדז. זיי וועלן זיך לערנען און וועלן זיך טאקע גיך אויסלערנען אויך. אזעלכע מענטשן זײַנען דאָס. אָבער וואָס באדארפן מיר איצט טאָן? צי האָט איר פארשטאנען, קאזאקן, אז די אָנצוהערעניש, וואָס זיי האָבן אונדז געמאכט וועגן דעם שווארצבורוך, איז טאקע א ריכטיקע אָנצוהערעניש. און אז די רייד וועגן דעם, אז א בעהיימע בלײַבט א בעהיימע, מעג זי דיר זײַן א „קאלמיטשקע", האָט זי אלציינס ליב, אז מע זאָל זי צעמעלקן, — זײַנען ריכ־טיקע און עמעסדיקע רייד? צי האָט איר גוט א קוק געטאָן, וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָס פאר א קולטורעלע ערדארבעטער די ייִדן זײַנען! לערנען זיך בא זיי באדארף מען דאָך!

און עס איז גלײַך אפן אָרט באשטימט געוואָרן, אז מאָרגן גאנצפרי גייט מען ארויס אין פעלד און מע באָראָנעוועט איבער פונדאָסנײַ דעם גאנצן שווארצבורוך.

2

די ערעווי־יאָמטעוודיקע טעג האָבן די געסט פארבראכט אף די פרילינגדיקע פעלדער, אין די קאזאקישע קאָלווירטן. עמעצער האָט א נאָמען געגעבן די דאָזיקע באגעגעניש צווישן ייִדן מיט קאזאקן אף די קאָלווירטישע פעלדער — „אָנקוקעניש".

— טנאָים וועלן מיר שרײַבן אין צימלא דעם ערשטן מײַ, די כאסענע וועלן מיר שפּילן אין סאָצדאָרף אין נאָיאבער, די „קרעסטינעס" וועלן מיר פּראווען... — האָט זיך די קאזאקישע יוגנט געוויצלט.

אין די שמועסן, אין די וויקוכים וועגן דעם, ווי איז בעסער צו באארבעטן די ערד, האָבן די קאזאקן זיך דערוווּסט גאָר נײַע זאכן וועגן די ייִדן.

— אמפערט זיך ניט, איך בעט אײַך, — האָט צו די קאזאקן געזאָגט איינער פון די געסט, דער הויכער, שטאלטנער איצקאָוויטש, — דער דאָזיקער ראציאָן איז שוין אויסגעפּרוווט גע־וואָרן אין מעשעך פון יאָרצענדליקער.

— וואָס זאָגסטו? — האָט מיט אָפענעם נײַגער און פּרײַנטשאפט זיך נאָכגעפרעגט בא אים אנדריושקע, — יאָרצענדליקער זאָגסטו? ווי לאנג פארנעמט איר זיך עס בעסאכאקל מיט ערד־ארבעט?

— ווי לאנג? — איצקאָוויטש האָט א שמייכל געטאָן. דער שמייכל זײַנער, האָבן די קאזאקן געזען, איז עפּעס א פארטראכטער, ווי ער וואָלט זיך געסטארעט צו דערמאָנען, וויפל יאָר פארנעמט ער זיך שוין טאקע מיט ערדארבעט. — בעסאכאקל, — האָט ער נאָך א ווײַלע טראכטן געענטפערט, — בין איך גאָר געבאָרן געוואָרן אין סטעפּ.

די קאזאקן האָבן אים באקוקט. אין זײַערע בליקן האָט מען געקאָנט זען נײַגער, אָבער אויך א טראָפּן אומגלויבן.

— אז וואָס מיינט איר, כאוויירים, — האָט זיך געכאפּט ענטפערן אף זײַער אומגלויבן דער גאסט זעלדין, א מענטש אין די מיטעלע יאָרן מיט א ברייט פארפלאמט פּאָנעם, — שוין העכער הונדערט יאָר, ווי מיר זיצן אף ערד.

און ער האָט זיי גאנץ גענוי דערציילט די געשיכטע, וויאזוי ייִדן האָבן זיך באזעצט אין די כערסאָנער סטעפּעס נאָך מיט הונדערט צוואנציק יאָר צוריק.

— אָבער אונדזער דאָליע, — האָט ער צוגעגעבן צום סאָף, — איז געווען פונקט אזא ביטערע, ווי די דאָליע פון אלע אָרעמע פויערים באם קאפּיטאליזם. אָן עמעס לעבן האָבן מיר פארזוכט ערשט בא דער ראטנמאכט.

די מעלקערן האָט אף א שטיל קאָל געגעבן צו פארשטיין די קאזאטשקעס, ווי זי גיט אכטונג אף איר בעהיימע דער „דײַטשקע".

— איר פֿאַרשטייט, — האָט זי געלאָסן גערעדט, — עס איז איר שווער אַנגעקומען צוצוקלײַבן די געהעריקע רוסישע ווערטער, — אַ בעהיימע — דאָס איז אַ שטומע צונג, אַ בעהיימע האָדעווען איז שווער. אַ בעהיימע קאָן מען ניט נעמען ווי אַ קינד אַף די הענט און פֿרעגן בא איר: וואָס ווילסטו, בעהיימע? מע דאַרף זיך אַליין אָנשטויסן. מע דאַרף וויסן, אָנשטויסן זיך איז שווער.

— מיר אַלע זײַנען צוביסלעך געבוירן געוואָרן אין סטעפּ! — האָט געטײַנעט צו די קאַזאַקן אַבראַמאָוויטש, אַ ברייטער, געזונטער מענטש מיט אַ קלוג פּנים און שאַרפֿן שמייכל. — בא אונדז אין קאָלווירט זײַנען דאָ אַ סאַך אַזעלכע, וואָס זײַנען דערוואַקסענערהייט נאָכאַמאָל פֿונדאָסנײַ געבאָרן געוואָרן אין סטעפּ. לאָמיר נעמען כאַיִם צאַרעסמאַן. וואָס איז געווען אַזוינס כאַיִם צאַרעסמאַן ביז דער רעוואָליוציע? אַ שלימעזאַלניק אַ קאַראַבייניק. און וואָס איז ער איצטער? אַ באַרימטער מענטש מיט אַ גראַמאָטע. איז ווו איז ער עס געוואָרן אַ באַרימטער מענטש? — אין סטעפּ. דאָ איז ער פֿונדאָסנײַ געבאָרן געוואָרן. איז וויפֿל איז ער אַלט געווען באַם פֿונדאָסנײַ געבאָרן ווערן? — 44 יאָר. איך געדענק עס ווי הײַנט, עס קומט צו אונדז אין סטעפּ אַ קאַראַבייניק און גיט זיך אַ שטעל אַנידער ווי אַ בעטלער בא דער דרעש־מאַשין. „ייִדן, — זאָגט ער, — איר דרעשט ברויט? — צו געזונט אײַך! און בא מיר האָבן זיך די נאָדלען מײַנע געשטעלט פּאַפּערעק אין גאָרגל, ניט אַהין, ניט אַהער. נאַט אײַך די נאָדלען, — זאָגט ער, — און גיט מיר ברויט". „אַפֿן ברויט איז באַלעבאָס די פּראַצע, — האָט אים געענטפֿערט אונדזער פּאַרטאָרג, — די נאָדלען קאָנען מיר צעטיילן צווישן די באַלעבאָסטעס, עס וועט זיי צוניץ קומען. אָבער וואָס וועט דערנאָכדעם זײַן מיט דיר? ווו וועסטו דערנאָך נעמען ברויט? אַף ברויט דאַרף מען פּראַצעווען. גיב אַ טראַכט". „שוין אָפּגעטראַכט, — זאָגט דער קאַראַבייניק, — וואָס מיינסטו, איך בין מיט דער פּראַצע צעקריגט, צי איך בין באַרויגעז אַף איר, צי מיר זײַנען, כאָלילע, סאָנים איינער דעם אַנדערן? צו פּראַצע בין איך געוווינט, נאָר וואָס זשע דען, ביז אַהער בין איך געוווינט געווען, אַז די פּראַצע מײַנע זאָל ניט גיין אַפֿן ווינט. איצט וויל איך זיך צוגעוווינען די פּראַצע מײַנע אַרײַנלייגן אין דער ערד, וועט אויסוואַקסן ברויט". און ער האָט זיך געשטעלט בא אונדז צו דער אַרבעט. און וואָס מיינט איר? דער מענטש האָט איצט דערלאַנגט אין זאַגס אַ מעלדונג: ער בעט זײַן פֿאַמיליע. „וואָס פֿאַר אַ צאַרעסמאַן בין איך?" — פֿרעגט ער באַם זאַגס און פֿאַרטײַטשט, אַז „צאַרעסמאָן" הייסט אַ ניעסטשאַסטנער, אַן אומגליקלעכער מענטש, און דאָס שטימט ניט מיטן עמעס, זאָגט ער, ווײַל ער לעבט גליקלעך און פֿאַרלאַנגט צו טראָגן אַ גליקלעכע פֿאַמיליע.

— געננוג דיר מײַסעס צו דערציילן, — רײַסט אים איבער זעלדין, — זיי וויסן אַליין אויך, וואָס איז אַזוינס די ראַטנמאַכט. אָט וויל איך אײַך זאָגן, כאַוויירים, גאָר אַן אַנדער זאַך. איך פֿאַרשטיי עס ניט, איר האָט אָפּגעדראָשן די טווע און די שטרוי איבערגעלאָזט אַפֿן פֿעלד. די שטרוי פֿאַרמיסטיקט דאָך דאָס פֿעלד, זי פֿריִעט. אַמער וואָלט איר גלײַכער פֿאַרברענט די שטרוי און דאָס אַש צעשאָטן איבערן פֿעלד, האָט איר פֿאַרטיקע באַמיסטיקונג.

— טאַקע אינדערעמעסן, — ענטפֿערן די קאַזאַקן, — טאַקע אַזוי! עס קאָן זייער זײַן, אַז אַזוי ווי איר אייצעט, איז טאַקע בעסער.

אומבאַמערקט גייען אַזוי אַוועק די ערעוו־יאָמטעוודיקע טעג. פֿון אינדערפֿרי ביז באַנאַכט — ראַק מע באַקוקט די פֿעלדער, די ווײַנגערטנער, די שטאַלן. מע אייצעט זיך, מע אַמפּערט זיך, מע פֿאַרשרײַבט אין די בלאָקנאָטלעך, און אַפֿן פֿערטן טאָג גייט שוין אַוועק אַ גוטער קלאַנג צווישן די קאַזאַקן:

— די ייִדן קענען די ערד!

אין די אָוונטן קלײַבן זיך צונויף די קאַזאַקן מיט די קאַזאַטשקעס אין די קאָלווירטישע קלובן. און יעדער קלוב שיקט רופֿן צו זיך אַ גאַסט. געסט זײַנען געקומען ווייניק — זעקס מאַן — קאָלווירטישע קלובן זײַנען דאָ אַ סאַך, יעדער קלוב וויל דאַפֿקע האָבן בא זיך אַ גאַסט — אַ ייִדישן קאָלווירטניק. רײַסט מען די געסט איינער באַם אַנדערן, שטעלט מען אויס אַפֿילע פּיקעטן אַף די וועגן און מע כאַפּט איבער די געסט, און מע פֿירט זיי אַוועק ניט אַהין, ווו זיי האָבן צוגעזאָגט צו זײַן. און אַזוי ווי זיי ווילן דאָך האַלטן וואָרט, די געסט, קומט זיי אויס צו זײַן אין איין אָוונט אין עטלעכע קלובן. אין די קלובן זינגט מען לידער און מע טאַנצט, און מע בעט די געסט ווײַזן, וואָס זיי קאָנען: צי קאָנען זיי זינגען פֿריילעכע לידער, צי קאָנען זיי טאַנצן שיינע טענץ?

— צום נאָיאַבער־יאָמטעוו באַדאַרפֿן מיר אומבאַדינגט ליקווידירן אונדזער אָפּגעשטאַנענקײַט, — שושקען זיך די געסט פֿאַרנאַכט אַפֿן געלעגער, — אין די טענץ זײַנען מיר שטאַרק אָפּגעשטאַנען פֿון זיי, אָבער טאַקע גאָר שטאַרק! אונדזער איצקאָוויטש טאַנצט גוט, דאָס איז אַן עמעס, איז ער דאָך אָבער איינער בא אונדז, און בא זיי טאַנצן אַלע!

— איינעם א טרומף האָבן מיר נאָך, — האָט דער אַלטער קאָזשעמיאַקין געזאָגט בעסאָד צו א גרופּע פּריוואַט זײַנע אין קלוב, נאָך דעם, ווי די געסט זײַנען אוועק. — דעם צווייטן מײַ וועלן מיר, קאַזאַקן, זיך זעצן אויף די פּערד און א דזשיגיטעווע טאָן... דאָ וועלן די געסט אונד־זערע א ביסעלע יענץ... דעם טרומף האָבן זיי ניט מיט וואָס צו דעקן...

— נעמט אויף א גאַסט, ליבע עלטערן, — האָט אײנעם זעלבן אָוונט געזאָגט דוניאַשע, קאָזשעמיאַקינס ייִנגערע טאָכטער, ארײַנקומענדיק אין שטוב מיטן ייִדישן קאָלוויִרטניק, מיטן „ברעקעלע".

מע האָט אים געבעטן צום טיש און מע האָט צוזאַמען געגעסן וועטשערע. באַם עסן, קאַלזמאַן דער שמועס האָט זיך געדרייט ארום פראַגן פון ערדאַרבעט, האָבן אַלע האַנאָע געהאַט פונעם געשפּרעך: דאָס „ברעקעלע" ווייסט דיר א טאַלק אין די זאַכן, אָבער ער פאַרײַסט ניט די נאָז, ער הערט זיך דיר צו מיט ביידע אויערן צום אַלטנס רייד, ווי א זון הערט זיך צו צו די רייד פון א פאָטער. אָבער ווי נאָר דער שמועס האָט זיך א קער געטאָן צום „ברעקעלעס" עלטערן, ווער זיי זײַנען און ווו זיי זײַנען, אזוי האָבן די רייד מיטאַמאָל און זייער ניט אָנגע־נעם זיך איבערגעריסן. דעם „ברעקעלעס" עלטערן זײַנען אין בירגערקריג שווערלעך פאַר־פּײַניקט געוואָרן פון קאַזאַקן.

— פון ווײַסגוואַרדייער, — האָט זיך פאַריכט דער גאַסט, און אַלע זײַנען מיטאַמאָל אַנ־שוויגן געוואָרן.

אָט די שטומע מינוט, וואָס האָט זיך ווי א שווערער שטיין געלייגט אויפן האַרץ באַ יעדן איינעם, וואָס איז ארום טיש געזעסן, האָט פאַרטריבן פונדאַנען גראַד דוניאַשעס מוטער, אוו־דאַטיאַ קירילאָוונא, א פּרוי א מאָגערינקע מיט זייער א קלוג פּאָנעם און מיט פלינקע טונקל־בלויע אייגלעך.

— איר וואָלט זיך דורכגעשפּאַצירט א ביסל, יונגע, דער אָוונט איז דאָך א מײַאַווער! — האָט זי מוטערלעך־ליבלעך געזאָגט.

די יונגע זײַנען אוועק שפּאַצירן. דער אַלטער קאָזשעמיאַקין איז זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט און ניט געוווּסט וואָס.

— אזא מין ניט אָנגענעמלעכקײַט מאַכט זיך, — האָט ער געזאָגט צו דער אַלטער.

— וואָס מיינסטו?

— איך מיין... די מײַסע מיט זײַנע עלטערן.

— מיילע... צוריקכאַפּן קאָן מען דאָס ניט.

— עפּעס זע איך אים אָפט מיט אונדזער דוניאַשען...

— דאָס „ברעקל"?

— אוהום. ניט קיין פּאָר אַמאָל?

— ווער ווייסט זיי, עפּשער טאַקע א פּאָר.

— נו, און דיך טשעפּעט עס ניט?

— ניין. זאָלן זיי זיך...

דער אַלטער האָט א טראַכט געטאָן, עטלעכע מאָל א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— און אין מײַן קאָפּ קריכט עס נאָך ניט.

— א האַרטער קאָפּ באַ דיר, קריכט עס פּאַמעלעך. — האָט די אַלטע לערעריש געזאָגט.

— האָסטו געזען, סאַראַ פריטקע זי איז דיר געוואָרן! — האָט ער א וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אויף איר.

— אָט אזא ווי געווען — אזא בין איך. א קאַזאַטשקע בין איך. א דזשיגיטאָווקע וועט באַ אײַך זײַן?

— איך רעכן, אז ס'וועט זײַן.

די אַלטע האָט, ווײַזט אויס, עפּעס א סאַך געוווּסט. זי האָט מיט א מאָדנעם שמייכל גע־קוקט אויפן אַלטן. איר האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט דערציילן אים, אז אָט איז זי אזא מאַ־מע, אז דוניאַשע האָט פאַר איר קיין סודעס ניט. און ער, דער טאַטע, איז אזא, אז ער ווייסט נאָך גאָרנישט. אָבער זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן, מאַכמעס זי האָט זיך דערשראָקן. זי איז געווען קימאַט זיכער, אז ווען דער אַלטער ווייסט דאָס, וואָס זי ווייסט, וואָלט אויסגעבראָכן אין שטוב א גרויסער סקאַנדאַל. דער כיישעק צו דערציילן דעם אַלטן דאָס, וואָס זי ווייסט, איז באַ איר געווען גרויס, און זי האָט זיך געכאַפּט, אז, יעדנפאַלס, זאָגן דעם אַלטן, אז אויף דער דזשיגיטאָווקע וועט פאַרקומען עפּעס אזוינס... — דאָס קאָן מען, זאָל ער זיך דערווײַל טראַכטן, וואָס וועט דאָרט פאַרקומען. אָבער זי האָט זיך דערמאָנט אָן דעם צוזאָג, וואָס זי האָט געגעבן דוניאַשען, — קיין וואָרט פון מויל ניט ארויסברענגען ביז א צײַט — און זי האָט געשוויגן.

טאַקע אַזוי, האָט זי געטראַכט. וואָס האָסטו זיך צו באַרימען מיט אַ זאַך, וואָס דו האָסט נאָך ניט געזען מיט דײַנע אייגענע אויגן!

און זי האָט אויסגעלאָשן די שײַן און זיך געלייגט שלאָפֿן.

3

אַף דער ערשטמײַיקער דעמאָנסטראַציע האָט מען די געסט אוועקגעשטעלט אויבנאָן אין דער שפּיץ פֿון דער קאָלאָנע, סאַמע אונטער די רויטע פֿאָנען. אַפֿן מיטינג האָבן די קאָזאַקן און די ייִדן, אין הייסע רעדעס, גערופֿן איינע די אַנדערע צו ערלעכער סאָציאַליסטישער מי, צו געטרײַקײַט און איבערגעגעבנקײַט דעם פֿאָטערלאַנד, די פּירער, דער פֿרײַנטשאַפֿט פֿון פֿעלקער.

אין אָוונט, אַפֿן מאַלצײַט, האָבן די קאָזאַטשקעס אונטערגעטראָגן לעקאָוועד די געסט אַ ריזיקן פּלאַדן, געפֿילט מיט אויבס און מיט אַ געדריידלטער ייִדישער אויפֿשריפֿט, געמאַכט פֿון ראָזשעוון צוקער אַפֿן געלן קרעם: „זאָל לעבן און זיך שטאַרקן די ייִדיש־קאָזאַקישע פֿרײַנט־שאַפֿט!" די אַלטע קאָזשעמיאַקינא, אויסגעפּוצט אין אָראַנזשעוון זײַדן קלייד מיט אַ גרויסן ווײַסן זײַדענעם טוך אַף די אַקסלען, האָט פֿײַערלעך דערלאַנגט דעם פּלאַדן דער ייִדישער מעלקערן.

— געלויבט און גערימט זאָלן זײַן די ברידער געסט, — האָט זי אויפֿריכטיק און פּראָסט געזאָגט. — טייל, שוועסטער, דעם פּלאַדן, אָבער טייל אים מיט אַ טאַלק, צעשנײַד אים אַזוי, אַז יעדער זאָל באַקומען דעם סאַמע שענסטן קיילעך.

די ייִדישע מעלקערן, אַ באַשיידענע פֿרוי אין אַ שוואַרצן זײַדן קלייד מיט אַ ווײַס קעל־נערל, מיט אַ ליבן שמייכל אין די גרויסע איילבירט־אויגן, מיטן פּלאַדן אַף אַ ריזיקער טאַץ אין דער לינקער האַנט, מיט אַ גרויסן הילצערנעם גאָפּל אין דער רעכטער האַנט, האָט זיך געלאָזט גיין אַרום טיש, געטיילט די כאַלאָקים, געפֿונען דערבײַ די קורצע פֿריילעכע ווער־טער, וואָס האָט יעדן איינעם געדאַרפֿט באַווײַזן, אַז דאַפֿקע אים קומט אָן דער סאַמע שענ־סטער קיילעך, אַזאַ מאָזל האָט ער שוין, אָבער אויך דער שאָכן האָט זיך ניט וואָס צו באַליי־דיקן, מאַכמעס דער גאַנצער פּלאַדן האָט בעעמעס טאַם גאַניידן.

מע האָט געגעסן און געטרונקען און זיך געלאָזט ווילגיין, מע האָט געזונגען לידער און מע האָט דערציילט מײַסעס, — פֿון די פּראָנטן און פֿון די שלאַכטן און אויך פֿונעם פֿינצטערן אַמאָל, ווי מע האָט געבידעוועט, אָבער געהאָפֿט אַף בעסערע צײַטן, און טאַקע זיך דערשלאָגן צו די בעסערע צײַטן. די יוגנט האָט זיך איבערגעוווּנקען און איבערגעוואָרפֿן מיט הייסע בליקן, זיך צוגעמאָסטן איינער צום אַנדערן און גערופֿן מיט די אויגן איינע די אַנדערע צום טאַנץ.

דער ערשטער האָט זיך פֿון טיש אופֿגעהויבן אַנדריושקע. מיט אַ פֿריילעכן רוף אַפֿן פּאָנעם האָט ער מיט אַ לײַכט טענצל זיך אוועקגעגליטשט אַנטקעגן דעם פֿינף־און־פֿערציקיאָ־ריקן זעלדינען, אײַנגעלאַדן אים צום טאַנץ.

דער „אַלטער" — זעלדין איז געווען דער סאַמע עלטסטער צווישן די ייִדישע געסט — האָט פֿאַרשעמט אַ שמייכל געטאָן, פֿאַרלאָרן צעשפּרייט די הענט.

— אַ כאַרפּע, אַ שאַנד, איך ווייס... — האָט ער געזאָגט רויט ווערנדיק, — אָבער איך קאָן ניט...

נאָר די זאַך האָט גלײַך פֿאַריכט איצקאָוויטש.

ניט וואַרטנדיק אַף קיין אײַנלאַדונג, איז ער פֿלינק אַרויסגעשפּרונגען פֿון פֿאַרן טיש, אַ דריי געטאָן זיך אַנטקעגן אַנדריושקען, אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס, אַ פּאַטש געטאָן אין די הויפּנס און איז אַ צעהוידעטער אוועקגעשוווּמען אין אַ ריטמישן טאַנץ. אָט האָט ער עטוואָס פֿאַרלאַנגזאַמט זײַן טאַנצנדיקן טראָט, ווי ער וואָלט זיך אָפּגערוט, און אָט האָט ער ווידער זיך אוועקגעדרייט ווי אַ וויכער, האַסטיק, מיט צעשפּרייטע הענט, אַף אויסגעצויגענע פֿיס, מיט אַ דריידל, מיט אַ צוזעצן זיך, מיט עטלעכע ריטמישע פּעטשלעך אין די דלאָניעס און מיט אַ גאַנצן הויפֿן צעשאָטענע פּעטשלעך פֿון די דלאָניעס איבער די גלאַנציקע כאָליעוועס פֿון די שטיוול, צום טאַקט פֿון דער מוזיק.

— האַ־האַ־האַ! — האָט די יוגנט פֿריילעך געשריגן. — זעט נאָר, זעט נאָר, ווי איצקאָוויטש טאַנצט! ווויל טאַנצט ער! אײַ, וווילו! אָט אַ יאַט! אַ מאָלאָדיעץ אַ יאַט!

— פֿאַרוויִז, פֿאַרווײַז! — שרײַען די פֿאַרזיצערס פֿון די קאָלווירטן.

— א וואַלס! א וואַלס! — מאַנען די ווײַבער, — לאָמיר אָקאָרשט זען, ווי ער וועט טאַנצן מיט א דאַמע א וואַלס.

— פּאַזשאַלויסטאַ! — זאָגט איצקאָוויטש, מיטאַמאָל אַפּהאַקנדיק זײַן טאַנץ. — א וואַלס — איז א וואַלס!

איצקאָוויטש גייט צו צו א דאַמע, זי שטעלט זיך אוף אַנטקעגן אים, פּאַריכט אָפּ זיך דאָס קליידל, פּאַרוויקלט אין שאַל איר הויכע ברוסט, הייבט אוף די הענט און לייגט זיי אַרוף איצקאָוויטשן אָף די אַקסלען.

דין איז אין דער טאַליע דער פּאַרזיצער פונעם יידישן קאָלווירט „נײַער וועג", דער כאַ־ווער יאַנקל איצקאָוויטש, שיין טאַנצט ער און טאַקע מיט געפילן אוידן! און די קאַזאַטשקעס קאַרגן זיך ניט און צאָלן אים דערפאַר מיט רופנדיקע שמייכלען און ליבלעכע בליקן.

די הויכברוסטיקע מאַרינאַ פילט, אז זי הייבט זיך שוין אָן באַגיסן מיט א שווייס אין טאַנץ מיט איצקאָוויטשן, אָבער זאָגן דאָס אים פּאַסט ניט, שיידן זיך מיט אים — ווילט זיך ניט. זי זעט און זי פילט, אז די קאַזאַטשקעס קוקן איצט אָף איר און זײַנען איר מעקאַנע: ווי לײַכט ער האַלט זי בא דער טאַליע, ווי איידל ער האַלט אירע פינגער, ווי גרינג עס שווימט זיך אין טאַנץ מיט אזא מין קאַוואַליער!

שיידן זיך מיט אזא מין קאַוואַליער — ניי־יין!

— און איר זאָגט: א כאַרפּע, א שאַנדע, מיר קענען ניט! — האָט פריילעך אויסגעשרי׳ען דער אַלטער קאָזשעמיאַקין. — דו זע, ווי ער טאַנצט! מוזיק, ניט בלײַב הינטערשטעליק!

און די מוזיק קלינגט נאָך העכער און נאָך הייסער.

שיין טאַנצט די יוגנט... איצקאָוויטש טאַנצט ניט שענער פון אַנדערע. נאָר אַלע דאַמעס האָבן כיישעק דאַפקע מיט אים טאַנצן. צי ער ווײַזט מער פײַער אין טאַנץ, צי דאָס פײַער זײַנס איז הייסער, נאָר מע לאָזט אים ניט רוען, איצקאָוויטשן, ווי נאָר ער טאַנצט אָפּ מיט איינער, אזוי לייגט אַרוף אירע הענט צו אים אָפן אַקסל א צווייטע דאַמע. און ער וויל זיי ניט פאַרשעמען, און ער קאָן זיי ניט אָפּזאָגן, און מיט א צאַרטן און ליבן שמייכל אָפן לאַנגן פּאָנעם טאַנצט ער מיט אַלע דאַמעס אזוי לאַנג, וויפל קוילעס זיי פּאַרמאָגן נאָר.

די אַלטע לײַט זײַנען מעקאַנע דער יוגנט. די אַלטע קאַזאַקן ווינקען צו קאָזשעמיאַקינען, קאָזשעמיאַקין ווינקט צו זעלדינען — רופט אים צום טאַנץ. זעלדין דערמאָנט זיך פּלוצעם, אז געטאַנצט האָט ער דאָך פונדעסטוועגן יאָ אַמאָל, נו... סימכאַסטוירע אין שול האָט ער גע־טאַנצט אַמאָל צי ניין? אוודע האָט ער געטאַנצט! וואָס האָט ער דאָרטן געטאַנצט? א „דײַ־דאַ", וואָס איז אזוי שלעכט א „דײַ־דאַ"? דאָס איז א טאַנץ, וואָס פּאַרמאַטערט ניט, א גרינגער טאַנץ, אָבער דערפאַר א היסלײַוועסדיקער, מיט א קנייטש, מיט א קרעכץ.

און מיט אָן אײַלנדיקן טראָט און מיט א שײַנענדיקן שמייכל אָפן פּאָנעם גייט ער צו צום אַלטן קאָזאַק, הייבט אוף יענעמס רעכטע האַנט און לייגט אַוועק צו זיך אָפן רעכטן אַקסל, הייבט אוף זײַן רעכטע האַנט און לייגט אַוועק צו קאָזשעמיאַקינען אָפן רעכטן אַקסל, בייגט אָן דעם קערפּער, פּאַרוואַרפט דעם קאָפּ אָף הינטן, הייבט אוף הויך איבער זײַן קאָפּ די לינקע האַנט זײַנע, ווי ער וואָלט עפּעס געכאַפּט היספּײַלעס, און טופּעט מיט די פיס אין הילצערנעם דיל פונעם קאָלווירטישן קלוב, און דרייט דעם אַלטן קאָזשעמיאַקינען פון רעכטס אָף לינקס און פון לינקס אָף רעכטס, בײַט די הענט און שרײַט מיט א פּאַרוואָר־פענעם קאָפּ צו דער סטעליע:

— אײַ, אײַ, גוט, אײַ, אײַ, אײַ!

דער אַלטער קאָזשעמיאַקין פּלאָנטערט נאָך דערווײַל א ביסל מיט די פיס. ער פאַרשטייט, אז זעלדין איז אַוועק מיט אים א יידישן טאַנץ. ער זוכט בא זיך אין זיקאָרן: צי האָט ער ערגעץ אַמאָל געזען אזא טאַנץ, ווען ער האָט געדינט דעם קייסער אין די יידישע שטעט און שטעטלעך? ניין, אזא טאַנץ האָט ער ניט געזען: „מע דאַרף זיך צוקוקן, — טרײַבט זיך אונטער דער אַלטער קאָזאַק, — מע דאַרף ניט אָפּשטיין פון אים!" און ער קוקט זיך צו, טאַנצנדיק, און ער זעט: דאָס איז א פּאַשעטער טאַנץ, א כיטרער טאַנץ, א טאַנץ פאַר אַלטע לײַט, וואָס האָבן שוין קיין קויעך ניט צו דרייען זיך, ווי א וויכער, אָף איין געבויגענעם פוס און מיט דעם צווייטן אָן אויסגעצויגענעם, דאָס איז פאַר די פיס א ווױלער אָפּרו־טאַנץ, אָבער די פרײַע הענט וואַרפט מען אַרוף הויך איבער די קעפּ, און מע פּלאָנטערט מיט זיי, די קעפּ פּאַרוואַרפט מען אָף הינטן און מע טרייסלט לײַכט מיט זיי, און דערבײַ שרײַט מען מיט פײַער:

— אײַ, אײַ, גוט, אײַ, אײַ, אײַ!

איצט איז שוין טאַקע גוט. דער אַלטער קאָזאַק האָט שוין געכאַפּט דעם „קנייטש" פון דעם דאָ נאָך ניט געזעענעם מאָדנעם טאַנץ. איצט שטייט ער שוין ניט אָפּ פון זעלדינען. איצט גייען זיי ביידע ריטמיש און געמאָסטן. מיט פאַרלייגטע הענט איינע בא די אַנדערע אָף די

אַקסלען, מיט אויסגעצויגענע פלאַטערנדיקע אין דער הייך פריַיע הענט, מיט פאַרוואָרפענע אַף הינטן קעפּ, און ביידע מיטאַמאָל שריַיען זיי שוין:

— איַי, איַי, איַי!

— איַי, ווי גוט! איַי, ווי שטאַרק! איַי, ווי שיין! — היצט אונטער פרייליך דער אוילעם און פּאַטשט צום טאַקט אין די הויפּנס.

— אָט פּרוּווט זיך איר איצטער אַזוי... — זאָגט דער אַלטער קאַזשעמיאַקין צו דער יוגנט און פירט אָפּ זעלדינען אָן אַ זיַיט, אייצעט זיך מיט אים וועגן עפּעס.

די יוגנט טאַנצט ווידער, זינגט לידער, שריַיט אויס הויכע טאָסטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

שפּעט באַנאַכט, פאַרן פאַנאַנדערגיין זיך, שטעלט זיך דער אַלטער קאַזשעמיאַקין אַף אַ שטול און רופט אויס מיט אַ פיַיערלעך קאָל:

— הערט מיַין מעלדונג. — זאָגט ער און מאַכט אַ שטרענג פּאָנעם פון אַן אַלטן סאָל־דאַט. — מאָרגן, פּונקט צוועלף באַטאָג, נאָל מינוט נאָל סעקונדן, וועט אַף אונדזער ריַיט־פעלד פּאַרקומען אַ וועט־געלויף מיט אַ דזשיגיטאָווקע מיט שפּרינגען איבער באַריערן און מיט האַקן ריטער. ווער פון די געסט קאָן פאַרלאַנגען אָנטיילצונעמען אין אָט דעם וועט־געלויף מיט דער דזשיגיטאָווקע? אַף ביַיצוזיַין און צוקוקן זיך צו אונדזער וועט־געלויף מיט דער דזשיגי־טאָווקע האָבן מיר פאַר די טיַיערע געסט פאַרגרייט ערטער אַף דער טריבונע, און מיר בעטן זיי אַלע קומען און זען. איך פרעג נאָר, ווער פון די געסט האָט עפּשער כיישעק ניט נאָר צו קוקן און זען, נאָר אויך טאַקע זיך זעצן אַפן פערד און אַליין אַ דזשיגיטעווע טאָן? אָדער עפּשער זיַינען די טיַיערע געסט צו אַזעלכע מינע זאַכן ניט געוווינט? פאַראַן צווישן די טיַיערע געסט אַזעלכע, וואָס האָבן כיישעק דערצו?

— פאַראַן! — האָט זיך דערהערט אַ געדיכטע באַסאָווע שטים פון צווייטן עק טיש: דאָס האָט דאָס „ברעקעלע" זיך אָפּגערופן, שטעלנדיק זיך אַף אַ שטול מיט אַ גלאָז וויַין אין דער האַנט. — איך פאַרלאַנג אָנטיילצונעמען אין דער דזשיגיטאָווקע! — זיַין שטים האָט געקלונגען נאָך געדיכטער און נידעריקער, אָבער די אויגן האָבן געשמייכלט.

— עפּשער?.. — האָט מיט אומצוטרוי געפרעגט דער אַלטער קאַזשעמיאַקין. — מיר שטעלן די פראַגע גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעך...

— מיר גיבן דעם ענטפער אויך פאַראַנטוואָרטלעך, — האָט נאָך אַלץ געשמייכלט דאָס „ברעקעלע", — אַ פערד, אַ שווערד, דאָס, מיין איך, וועט מען קריגן בא איַיך...

— און אַ טשוב האָט ער אַן אייגענעם! — שריַיט אויס, אַרופשפּרינגענדיק אַף אַ שטול דעם „ברעקעלעס" שאָכן אַבראַמאָוויטש, און צופּט דעם טשוב באַם ניַיעם דזשיגיט.

— און אַ טשוב האָבן מיר אַן אייגענעם! — שמייכלט דאָס „ברעקעלע", — אָט האָסטו דיר די גאַנצע אַמוניציע.

דער גאַנצער אוילעם האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער כידעש איז געווען גרויס ניט נאָר בא די קאַזאַקן. אייניקע יידישע קאָלווירטניקעס האָבן אויך ניט ווייניק זיך געכידעשט.

— וואָס טוט ער? — האָט מיט שרעק אַ טראַכט געטאָן זעלדין, אָבער גליַיך זיך באַ־רויִקט: — מיסטאַמע ווייסט ער, וואָס ער טוט. ניט פון יענע יִינגלעך איז ער, וואָס זאָל וועלן אונדז פאַרשעמען לעסאָף.

מיט אַ ווייכן בליק האָט אַפן „ברעקעלע" אַ קוק געטאָן די יידישע מעלקערן. זי האָט גע־טראַכט: „דאָס איז טאַקע גוט, וואָס ער האָט זיך אַרויסגערופן. זאָלן זיי זען דאָס אויך". אַז דאָס „ברעקעלע" איז ניט קיין פּוסטער באַרימער — דאָס האָט זי געוווּסט נאָך פון פריִער.

באַ דוניאַשען האָט זיך דאָס האַרץ מיטאַמאָל אַזוי הילכיק צעטראַסקעט, אַז זי האָט זיך אַזש אומגעקוקט אין די זיַיטן: צי באַמערקט מען ניט, ווי די פאַרב האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּאָנעם. נאָר ניין. אַלע זיַינען פאַרנומען איצט מיט עפּעס אַנדערש: מע קוקט אַף איר פאָטער, מע קוקט אַפן „ברעקעלע" — וואָס וועלן זיי איצטער טאָן איינער מיטן אַנדערן? און דוניאַשע באַרויִקט זיך און טראַכט: „גוט אַזוי, וואָס ער האָט זיך אַרויסגערופן, אַזוי ווי דאָס איז אָפּגערעדט געווען. לויט אַ פּלאַן פירט ער זיך אויף".

— אַ גוט פערד קאָנען מיר בא זיך געפינען, — זאָגט ענדלעך דער אַלטער, — און אַ שאַרף קלינגל וועט זיך אויך אָפּזוכן בא אונדז... וועלן מיר אים פאַרשריַיבן?

— יאָ, יאָ, פאַרשריַיב, איוואַן אַנדרייִטש.

— אין דער ריי אים, לויטן ראַנגשיר!

— ניין! וואָס פאַר אַ ראַנגשיר! אַ גאַסט איז ער!

— אַ גאַסט קומט דאָס ערשטע אָרט!

— טאַקע דעם ערשטן אים לאָזן!

— ניין, — זאָגט דער אַלטער שטרענג. — דעם ערשטן אים לאָזן קאָן מען ניט. און לויטן ראַנזשיר טויג אויך ניט. א גאַסט איז ער — דאָס יאָ! א טײַערער און געוווּנטשענער גאַסט, אָבער מיר ווייסן נאָך ניט, ווי ער רײַט, און מיר ווייסן נאָך ניט, ווי ער דזשיגיטעוועט. מירן אים געפינען זײַן אָרט, דערוף, מעזשדו פּראָטשים, ווערט געמאַכט דער וועט־געלויף, אַז יעדער איינער רײַטער זאָל באַווײַזן וואָס פאַר אַן אָרט אים קומט.

ערשט איצט האָט דוניאַשע באַמערקט, אַז אַלע שטייען מיט גלעזער ווײַן אין די הענט. זי האָט זיך אָנגעבויגן, גענומען פון טיש א גלאָז ווײַן, פאַריכט אַף זיך דאָס גרינע זײַדענע קלייד, א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, געוואָלט פאַרטרײַבן דאָס פלאַמפּײַער פון די באַקן און שטיל אויסגערופן:

— לאָמיר אויסטרינקען דערפאַר...

און זיך פאַרהאַקט, ווײַל איר האָט זי האָט דעם טאָסט צו הויך אויסגע־שריִען און אַלע האָבן זיך אומגעקוקט אַף איר. מיט איין זאַלפּ האָט זי אויסגעטרונקען איר גלאָז געדיכטן, שמעקעדיקן צימלער ווײַן.

אַף איר קוקנדיק, האָבן אַלע איבעריקע איבערגעקערט די גלעזער אין די מײַלער אַרײַן. דערנאָך האָבן זיי הייס אַפּלאָדירט. דערנאָך האָט מען פאַרצויגן א ליד. נאָר דאָ האָט הויך און פײַערלעך, מיטן טאָן פון אַן אַלטן קאָמאַנדיר, באַפוילן קאָזשעמיאַקין:

— גרייט מאַכן פאַרן גאַסט דעם „קאַבאַרדינעץ"! מיר וועלן דזשיגיטעווען!

4

דער פרימאָרגן פון יענעם צווייטן מײַ איז אויפגעגאַנגען מיט א הויכן בלויען הימל און מיט א שיינער יונגער זון איבער דער סטאַניצע צימלאַ און איבערן טײַך דאָן.

פון אַלע עקן האָבן צום גרויסן רײַט־פעלד זיך א לאָז געטאָן מענטשן אַף פערד, אַף וועג־לאַסיפּעדן, אַף לאַסטמאַשינעס, צופוס. דאָ און דאָרט האָבן געפינקלט רויטע לאַמפּאַסן אַף די הויזן, רויטע אָקאָלישקעס אַף די היטלען, פאַרביקע טיכלעך אַף די קעפּ פון די פרויען. דאָס גאַנצע פאָלק האָט פון סאַמע אינדערפרי אַן זיך געצויגן פון די הײַזער און גאַסן, פון די דערבײַיִקע ייִשוּוים און דערפלעך אַהער, צום פליין, צום רײַט־פעלד, א קוק טאָן אַפן וועט־געלויף פון זייערע פלינקע מענער, זין און ברידער.

א שאָ פאַר דעם, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דער וועט־געלויף, איז שוין דאָס גאַנצע רײַט־פעלד געווען אײַנגעשלאָסן אין א ריזיק בונט רעמל יאָמטעווודיק־געקליידטע מענטשן מיט פריילעכע פּענעמער. פונדערווײַטנס און פון דער הייך, לעמאָשל, פון דער טריבונע, ווו עס האָבן זיך געפונען די געסט, האָט אָט דער ריזיקער לעבעדיקער קרײַז אויסגעזען ווי א בונטער פילפאַרביקער בלומען־קראַנץ. די זון איז שוין אין דער שאָ געווען גאַנץ הויך איבער דער היגער ערד און די שטראַלן האָבן געשפּילט מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן אינעם בונטן אָנטאָן פון די צושויער.

די באַריערן זײַנען שוין צעשטעלט, די ריטער זײַנען שוין אויך אין די נעסטן, דער רינג אַפן הויכן שטעקן זילבערט זיך אַנטקעגן דער זון, די רײַטער זיצן שוין אַף די פערד און זײַ־נען גרייט.

דער אַלטער קאָזשעמיאַקין, אָנגעטאָן אין דער פולער קאַזאַקישער אוניפאָרם, טראָגט זיך אַרום אַף זײַן הויך שוואַרץ דאָנער פערד רײַט־פּלאַץ. ער מאַכט די לעצטע פאַראָר־דענונג, באַקוקט די רײַטער, גיט ערנסט און ליב א גלעט דעם האלדז פונעם „קאַבאַרדינעץ", אַף וועלכן עס זיצט דאָס „ברעקעלע". דאָס פערד איז הויך, דער ייִדישער קאַלווירטניק איז זייער קליין אין וווקס.

„אַך אַזאַ מין נאַרישקײַט! — טראַכט זיך דער אַלטער קאָזשעמיאַקין, — גאָר פאַרגעסן א קוק צו טאָן, וויִאַזוי האָט זיך אַרופגעקראַבקעט אַף אַזאַ מין הויך פערד אַזאַ קליינוווּקסיק מענטשל. נו, מיילע, דאָס וועט מען שוין זען שפּעטער. אַך, יאָ, נאָך עפּעס: א נאַרישקײַט טאַקע — ניט געדאַרפט לאָזן זיך זעצן אַפן „קאַבאַרדינעץ" דעם ייִדישן קאַלווירטניק אין זײַן ציווילער מאַרינאַרקע. געדאַרפט אים אָנטאָן אין א קאַזאַקישער אוניפאָרם. הערסט א מײַסע, אין גאַנץ צימלאַ, מיין איך, איז גאָר ניט צו קריגן אַן אוניפאָרם פון אַזאַ מין קליינער מאָס. סײַדן אַראָפּשלעפּן עס בא א שול־קינד. און, ווידעראַמאָל: ניט אין אוניפאָרם שטעקט דאָ די זאַך. מירן זען, ווי ער וועט דזשיגיטעווען..."

דער אַלטער גיט א צי א צי דאָס צײַמל, ווײַל זיך שטעלן אַף זײַן אָרט און געבן די קאָמאַנדע

אַנהייבן דעם וועט־געלויף, נאָר די געדאַנקען לאָזן אים הײַנט עפּעס ניט צורו, און ער פאַר־טראַכט זיך ווידער.

„נו, צו וואָס האָט ער זיך געלאָזט פאַרפירן פונעם שלעכטן געפּיל און געוואָרפן נעכטן זײַן פאַרשלאָג, אַז עמעצער פון די געסט זאָל אויך אָנטיילנעמען אינעם וועט־געלויף? ער האָט דען ניט געוווּסט, אַז די ייִדן האָבן זיך קיינמאָל ניט פאַרנומען מיט אַזעלכע זאַכן? ברענגען צו כאַרפּע און שאַנד זיי, די געסט? איז דאָך ווידעראַמאָל דאָס זעלבע: וועט דאָך עס ווידער־אַמאָל זײַן די כאַרפּע פון צימלאַ. זעט אָקאָרשט, — וועלן די קאָזאַקן פון די שכיינישע סטאַני־צעס לאַכן און שפּאָטן פון די צימלער, — קוקט זיך נאָר אײַן, ווער עס קומט צו זיי צוגאַסט: קאַלווירטניקעס ייִדישע, קאַלווירטניקעס אַזעלכע, וואָס אַז דו זעצסט זיי אַרויף אַף אַ פערד, פאַלן זיי דיר פון דעם אַראָפּ! אָט דאָס איז טאַקע געוועזן די גרעסטע נאַרישקײַט, וואָס ער האָט זיך נעכטן אַרויסגעכאַפּט מיט זײַן פאַרשלאָג. די געסט האָט ניט געפּאַסט זיך אָפּזאָגן — אַ קלאָרע זאַך! און איצט איז שוין שפּעט, פאַרפאַלן! ער זיצט שוין אַפן פערד, און אַלע זעען און ווייסן, אַז אין דער דזשיגיטאָווקע באַטייליקט זיך איינער פון די געסט, אַ ייִדישער קאַל־ווירטניק“.

דער אַלטער קאָזשעמיאַקין רײַט אַוועק צום ראַנד פון פעלד, ער וויל שוין אָנהייבן דעם וועט־געלויף, נאָר דאָ דערזעט ער זײַן דוניאַשע. ער כאַפּט איר אַומרויִקן בליק און ער ווייסט, אַז איר אומרו האָט עפּעס אַ שײַכעס צום „ברעקעלע“, וואָס זיצט איצט אַפן „קאַבאַרדינעץ“, ווי ניט אים וואָלט מען געמיינט.

— אַך, גייט עס צום טײַוול, די גאַנצע קאָפּדרייעניש מיט די איבעריקע געדאַנקען! — שעפּטשעט צו זיך דער אַלטער. שטעלט זיך אַף זײַן אָרט, הייבט אויף די רעכטע האַנט — אַ סיגנאַל, אַז דער וועט־געלויף האָט זיך אָנגעהויבן.

אָנגעבויגן איבערן פערדס האַלדז, גיט זיך אַ לאָז דער ערשטער רײַטער צו די באַריערן.

גרינג און פלינק, מיט אַ שיינעם הייב פון די פאָדערשטע פיס, שפּרינגט דאָס פערד אַריבער די באַריערן. ריין און גלאַט האַקט די שאַרפע שווערד די ריטער.

דאָס אַרבעט אַנדריושקע קאָזשעמיאַקין. ער טוט אַזוי: אינעם סאַמע היציקסטן געשפּרונג פונעם פערד גיט ער האַסטיק אַ הייב זײַן בייגעוודיקן און דינעם קערפּער און וואַרפט זיך אַרויס פון זאָטל, בלײַבט הענגען אַף איין האַנט, ערגעץ באַ דער רעכטער זײַט פונעם פערד. אַנדריושקע הענגט אַף איין האַנט, און דאָס פערד טראָגט זיך גאַלאָפּ.

דער ריזיקער מענטשן־קראַנץ, וואָס באַזוימט דאָס רײַט־פעלד, הודזשעט צופרידן.

אָפּגעטראָגן זיך אַ צוואַנציק מעטער באַ דער רעכטער זײַט פונעם פערד, גיט אַנדריושקע אַ וואָרף זײַן קערפּער אײַנדערלופטן, וואַרפט אים אַריבער דעם פערדס רוקן און בלײַבט הענ־גען אַף דער צווייטער זײַט פון זײַן פערד — אַף דער רעכטער האַנט. דער רײַטער הענגט אַף דער רעכטער האַנט, און דאָס פערד טראָגט זיך גאַלאָפּ.

דער מענטשן־קראַנץ אַרום רײַט־פעלד רוישט פריילעך.

דורכגעשפּרונגען אַזוי מיט זײַן פערד נאָך אַ צוואַנציק מעטער, הייבט זיך אויף דער רײַטער אַף דער רעכטער האַנט, ציט אויס די פיס אַרויף, שטעלט זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ. אָבער דעם רײַטערס קאָפּ ליגט ניט אַף קיין אָנשפּאַר — בלויז מיט דער באַק האָט דער רײַטער זיך צוגעטוליעט צו דער זײַט פון זײַן צעהיצט פערד, וואָס טראָגט זיך נאָך אַלץ איבערן פעלד ווי פײַל־אויסן־בויגן.

דער גאַנצער מענטשן־קראַנץ אַרום רײַט־פעלד אַפּלאָדירט הילכיק און פריילעך.

דערנאָך גיט זיך דער רײַטער אַ שטעל מיט די פיס אַפן זאָטל, קערט זיך איבער אײַנ־דערלופטן, גיט זיך אַ גליטש אַראָפּ אַף דער רעכטער זײַט און פאַרויס, און אַ ווײַלע דוכט זיך אויס, אַז ניט קיין רײַטער טראָגט זיך עס, נאָר אַ יונגער קענטאַוור שפּרינגט דאָ אַפן פעלד — אַ פערד מיט אַ מענטשישן קאָפּ.

די צושוויער שטורעמען, און דער אַלטער קאָזשעמיאַקין ציט אָן דאָס צײַמל און גלײַכט אויס די פּלייצע פון האַנאַץ: ער האָט עס גוט געמאַכט, אַנדריושקע, און ער וועט שוין ווידער האָבן דאָס ערשטע אָרט.

גלײַך נאָך אַנדריושקען לאָזט זיך אַף זײַן „קאַבאַרדינעץ“ דאָס „ברעקעלע“, דער ייִדישער קאַלווירטניק פון „נײַ־לעבן“. דער אוילעם ווערט שטיל, און אויך דער אַלטער פאַרגעסט אין אַלץ — ער יאָגט זיך מיטן בליק נאָכן רײַטער.

אָט איז שוין דער ייִדישער רײַטער באַם באַריער. דרײַ טריט פונעם באַריער. אָט וועט מע דאַרף צוימען דאָס פערד. אַף וואָס וואַרט ער? אַך, ניין, אַ טאָעס! ער האָט אים געצוימט צו דער צײַט! גוט! גרינג גענומען דעם באַריער! מאָלאָדיעץ! אין יעדער קונסט שפּילט די גרעסטע ראָליע די גרינגקײַט!

דער אלטער פארגעסט, אז ער האָט צומאָל ניט קיין קוק געטאָן: ווי זיצט דאָס „ברעקעלע" אפן פערד — גוט צי שלעכט. ניין, דאָס איז אים שוין גאָר אין קאָפּ ניט געקומען אפילע. ער האָט גלייך אַנגעהויבן דערפון, וויאַזוי דער ייִדישער קאַלווירטניק האָט געגומען דעם באריער. גענומען האָט ער אים גרינג.

— ווען מיר קוקן ווײַטער, — שעפּטשעט עפּעס א שטים דעם אלטן אין אויער אריין. באם פערטן באריער האָט דער רײַטער אף עפּעס א צענטל סעקונדע דאָך פארשפעטיקט מיטן צוימען דאָס פערד, און דער „קאָבארדינעץ" האָט זיך שיר ניט ספּאָטיקעט.

דער אלטער האָט זיך אזש אונטערגעהויבן אין זאָטל:

— אך, א גאָרנישט א יונגו! — האָט ער אויסגעשריִען. — ער וועט מיר נאָך פאטערן דעם אָגער!

אָבער ווידער ניין! דער רײַטער האָט ערגעץ באוויזן אָנצוזאָגן דאָס פארשפעטיקטע צענטל סעקונדע, אײַנגעצוימט דאָס פערד, אָפּגעלאָזט, און אויך אָט דער באריער איז גוט אריבער־געשפּרונגען געוואָרן, נאָר די גרינגקײַט איז שוין ניט אזא, ווי באם ערשטן באריער, ניין! דאָס צווייטע אָרט וועט ער אים ניט געבן. עס קומט אים ניט. ער מעג זיך זײַן צען מאָל א גאסט. דאָס פינפטע, דאָס זעקסטע אָרט וועט ער קריגן. מיר האָבן נאָך אזעלכע אָדלערס! ניט נעענטער פונעם זעקסטן אָרט קריגט ער!

און דער אלטער פארגעסט ווידעראמאָל, אז מיט א מינוט צען צוריק האָט ער ביטער כאראָטע געהאַט אף דער גאנצער מײַסע, וואָס ער האָט נעכטן פארטראכט, ווײַל עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אז דעם ייִדנס דזשיגיטאָווקע וועט זיך ענדיקן מיט א מיִעסן סקאנדאל.

באם האקן די ריטער טרעפט ווידער אָן אומגליק. דער ערשטער רוט ווערט געהאקט, אָבער ניט ריין, ער בלײַבט הענגען ווי א פארוווּנדעטע האנט. עס ווענדט זיך, אף וואָס פאר א קעגנער אָט אזא מין רײַטער וועט אין שלאכט אָנטרעפן. אויב ער וועט אזוי האקן אין שלאכט און דער קעגנער זײַנער וועט זײַן אן עכטער קאוואלעריסט, קאָן ער, דער קליינער, באצאָלן מיטן קאָפּ פאר אזא מין האק. מאכמעס אזא מין האק באטײַט, אז ער האָט דעם סוינע בלויז לײַכט פארוווּנדעט. און א שטארקער סוינע, אויב אפילע ער איז פארוווּנדעט, קאָן ער פארוווּנדעטערהייט ענטפערן מיט אזא האק...

נאָר דער צווייטער, דער דריטער, דער פערטער רוט פליט פײַן! ווּעדליק ווי עס זעט זיך פונדאנען, באדארף די דזיאגאָנאל פונעם שניט אויך זײַן א גאנץ פײַנע! גוט. מיר ווּעלן זען, וואָס עס וועט ווײַטער זײַן. דאָס פערטע אָרט וועט ער הײַנט זיכער נעמען!

דער רײַטער טראָגט זיך. מע זעט אים קוים אָן אפן פערד. נאָר אָט גיט א בלאַנק די שווערד, מיטן שפּיץ גיט זי א כאַפּ דעם רינג פון שטעקן, הייבט אים אוף הויך איבערן קאָפּ, פארשלײַדערט אים ווײַט אף הינטן, און דער קליינוווקסיקער רײַטער דרייט מיט דער שווערד איבער זײַן קאָפּ אזוי, ווי ער וואָלט שוין א גאנצע מייע סאָנים הינטער זיך אוועקגעלייגט און איז גרייט נאָך איינע א מייע פאָרויס זיך אוועקלייגן אף טויט.

— וויל, וויל, — שעפּטשעט ניט ווילנדיק דער אלטער, — ניין, דער איז דיר ניט קיין ליבהאָבער פון דער זאך — דער איז דיר א געלערנטער רײַטער!

און ער נעמט אָפּ זײַן בליק פונעם ייִדישן קאַלווירטניק, ער קוקט זיך אום אף די מענטשן ארום. אים ווילט זיך זאָגן: „הא, וואָס זאָגט איר? ווי געפעלט עס אײַך? דאָס האָב איך דאָך פארטראכט!" נאָר די מענטשן קוקן זיך אף אים ניט אום. זיי שרײַען, פאטשן בראוואָ, שטורעמען הילכיק און מיט פרייד.

דערנאָך גייען די איבעריקע רײַטער.

זיי טוען דאָס זעלבע.

זיי גיבן צו עטוואָס נײַס.

איינער צעזאָטלט אינמיטן געלאָף זײַן פערד.

דער אנדערער ווארפט אראָפּ אף דער ערד זײַן היטל, קערט זיך אום, בייגט זיך אָן, כאפּט עס פון דער ערד מיט דער האנט.

דער דריטער שטייט מיטן קאָפּ אפן פערדס רוקן און מיט די פיס ווארפט ער פריילעך אינדערלופטן.

מע רײַט איינציקווײַז, פּאָרווײַז, גרופּעסווײַז.

ניט אלע ארבעטן ריין. בא איינעם בלײַבט א ניט אָפּגעהאקטער רוט; דער צווייטער וואלגערט אום א באריער; באם דריטן פאלט אראָפּ דער רינג ניט צו דער צײַט.

די דורכגעפאלענע רײַטן אוועק פארשעמטע צום סאמע עק פונעם רײַט־פעלד.

עס איז נאָך פון פריִער אָפּגערעדט געוואָרן מיטן ייִדישן קאַלווירטניק, מיטן „ברעקעלע",

אז אויב ער וועט די ערשטע דזשיגיטאָווקע דורכמאַכן, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, מעג ער צום סאָף פֿונעם וועט־געלויף נאָכאַמאָל אַרויס אַפֿן פֿעלד א דזשיגיטעווע טאָן.

און אָט האָט זיך דאָס „ברעקעלע״ רײַטער ווידער באַוויזן אין פֿעלד. דאָס מאָל האָט ער אָף זײַן הויכן „קאַבאַרדינעץ״ מיט א באַזונדער שטאַרקן האַסט זיך א לאָז געטאָן.

אָט האָט ער געמאַכט דאָס אַלץ, וואָס אַנדריושקע האָט געמאַכט אינעם סאַמע אָנהייב פֿונעם וועט־געלויף. און כאָטש עס האָט זיך געלאָזט מערקן, אַז דער ייִדישער קאָלווירטניק מאַכט נאָך אַנדריושקען און ער מאַכט עס אײַליקער און ניט אַזוי גרינג ווי יענער, דאָך האָט דער גאַנצער אוילעם אַרום ווידער זיך צעשטורעמט. נאָר אָט האָט ער זיך געגומען טאָן אַזוינס, וואָס מע האָט נאָך דאָ הײַנט ניט געזען. ער האָט זיך אײַנגאַנצן אַרויסגעוואָרפֿן פֿון זאָטל, א בייג געטאָן זיך מיטן קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד, און האַלטנדיק זיך מיט איין האַנט אָנעם פֿערדס בויך־רימען, האָט ער מיט דער צווייטער האַנט א ריס געטאָן א בלימל פֿון פֿעלד, א גליטש געטאָן זיך צוריק, אַרויף אַפֿן זאָטל, א זוך געטאָן עמעצן, אָנבייגנדיק זיך רעכטס און לינקס, געפֿונען, וויִזט אויס, ווײַל ער האָט ראַש א קער געטאָן זײַן פֿערד צום מענטשן־קראַנץ און א וואָרף געטאָן דאָס בלימל צו דוניאַשען אָף דער ברוסט. דערנאָך האָט ער א שפּרונג געטאָן אין זאָטל, מיט איין דריי זיך אומגעקערט מיטן פּאָנעם אָף הינטן און מיטן רוקן צום פֿערדס קאָפּ, שמייכלענדיק צו די מענטשן.

און אַזוי איז ער אַוועקגעריטן גאַלאָפּ. מיטן שמייכלענדיקן פּאָנעם צום אוילעם, מיטן רוקן צום פֿערדס קאָפּ.

די מענטשן האָבן לאַנג געדונערט און געשטורעמט און ניט באַמערקט, ווי צווישן זיי דרייט זיך אַרום א יונגער קליינוווּקסיקער מענטש און זוכט עמעצן. מיסטאָמע האָט ער גע־זוכט דוניאַשען, נאָר דוניאַשע איז שוין דאָ ניט געווען. צודריקנדיק דאָס בלימל צו דער ברוסט, איז זי אַוועקגעלאָפֿן גרייטן די טישן.

* * *

אין אָוונט האָט מען זיך ווידער געזעצט צו די יאָמטעוודיקע טישן.

דער אָפּמאַך וועגן פֿרײַנטשאַפֿט און סאָצ־אַליסטישן געוועט איז שוין אונטערגעשריבן. איצט גייט דער געזעגענונגס־מאָלצײַט. די שמועסן דרייען זיך אַרום הײַנטיקן וועט־געלויף, און בײַ די טישן לאָזן זיך אָפּט הערן די נעמען פֿון די צוויי קאָלווירטישע ייִשוּווים.

— צימלאַ, ליבע געסט, — זאָגן איינע, — האָט אײַך הײַנט באַוויזן וואָס זי קאָן.

— סאָצדאָרף, — זאָגן אַנדערע קאָזאַקן, — האָט זיך אויך דאָס פּאָנעם ניט געשוואַרצט.

דער אָוונט איז פֿון יענע ליבע מײַאָווע אָוונטן, וואָס זײַנען דיר פֿול מיט גוטן צוזאָג, אַז דער פֿרילינג מיטן זומער וועלן זײַן שיינע און גוטע, אַז די גערעטעניש וועט זײַן א גרויסע און די מיידלעך מיט די ייִנגלעך וועלן זיך באַנעמען ליב און איידל איינע מיט די אַנדערע.

די יוגנט קאָן ניט אײַנזיצן בײַ די טישן. זי גייט אַרויס אין דרויסן. זי לאָזט זיך מיטן ברעג פֿונעם ברייט־צעגאָסענעם שמעקעדיקן דאָן.

אָפֿן ברעג שפּאַצירט אויך דער סאָצדאָרפֿער דזשיגיט יאָסיף ראַבינאָוויטש מיט דוניאַשע קאַזשעמיאַקינע. זייערע אַקסלען זײַנען ווי צונויפֿגעגאָסן, און די טריט אויך — לײַכט און איינציק.

— איך טראָג מיך אַרום די גאַנצע צײַט מיט אַזאַ מין געדאַנק, — זאָגט דוניאַשע, — דו ביסט א טראַקטאָריסט, און איך — דאָסגלײַכן. מיר וואָלטן געקאָנט מיט דיר...

— א פֿרײַנטשאַפֿט פֿאַרפֿירן, — לאַכט יאָסיף.

— וועגן אונדזער פֿרײַנטשאַפֿט מיט דיר רעדט מען שוין סײַווי אין אַלע שטיבער. — ענטפֿערט פֿראָסט דוניאַשע. — אַז מיר זײַנען מיט דיר די גאַנצע וואָך צוזאַמען, — זאָגט זי און באַהאַלט אַפֿילו ניט די האַנאָע דערפֿון, וואָס זיי זײַנען געווען די גאַנצע וואָך צוזאַמען. — אַפֿילו די מאַמע מײַנע, וואָס האָט ניט ליב זיך מישן אין פֿרעמדע הערצער, אַפֿילו זי האָט שוין געפֿרעגט בײַ מיר: „וואָס זשע, אָט גלײַך האָט ער דיך שוין בײַ דער נעשאָמע געפּאַקט?״

— איז וואָס האָסטו געענטפֿערט? — פֿרעגט יאָסיף מיט נײַגער.

— גאָרנישט האָב איך ניט געענטפֿערט. „פֿיר אים כאָטש אַרײַן אין שטוב, זאָגט זי, לאָ־מיך אים כאָטש אָנקוקן פֿון דער נאָענט״. האָב איך דיך אַרײַנגעפֿירט אין שטוב. אַז דו ביסט אַוועק, מאַכט זי צו מיר: „נו, גוט, איצט ווייס איך שוין, אַז ער איז א טראַקטאָריסט און ניט קיין מיִעסער באָכער, כאָטש... נאָר מיט א פֿערד קאָן ער זיך באַנעמען?״ דאָס וועסטו אַליין זען, זאָג איך צו איר, אָף דער דזשיגיטאָווקע. „גוט, מאַכט זי, פֿיר אים אַרײַן צו אונדז אין

שטוב נאַכאמאָל. זאָל דער פֿאָטער אים אויך אָנקוקן פֿון דער נאָענט". האָב איך דיך געבראַכט צו אונדז אין שטוב אַרײַן נאַכאמאָל. דו ביסט אַף מיר באַרויִגעז דערפֿאַר?

— ניין, — לאַכט יאַסיק, — זײַ זײַנען ליבע מענטשן, דײַנע אַלטע.

— איז וואָס זאָגסטו מיר וועגן דעם, וואָס איך רייד מיט דיר, וואָס מיר זײַנען ביידע טראַקטאָריסטן?

— וועגן דעם זאָג איך דיר, אַז דו געפֿעלסט מיר און מיר דוכט זיך, אַז איך האָב דיך ליב.

— אָט אַזוי־אָ, פֿון ערשטן בליק?

— מיט וואָס איז אַזוי שלעכט דער ערשטער בליק?

— דער ערשטער בליק קאָן אָפּנאַרן, מיין איך.

— וויפֿל געדויערט עס בא דיר דער ערשטער בליק — א יאָר?

— איך רייד וועגן אַן ערנסטער זאַך...

— און איך סײַדן שפּאַס?

— לאָמיר וויסן קלאָר, — דו שאַדכנסט זיך צו מיר? — האָט זי געלאַכט.

— איך קאָן דיר זאָגן קלאָר: איך שאַדכן זיך צו דיר. ווי מאַכט מען דאָס בא אײַך? מע דאַרף שיקן שאַדכאָנים מיט א פֿלעשל בראַנפֿן?

— רייד ניט קיין נאַרישקייטן, הער, ווו האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי דזשיגיטעווען?

— אין דער רויטער אַרמיי, פֿון קינדווײַז אָן האָב איך זיך דאָרט אופֿגעהאָדעוועט, זיך געשלאָגן מיט די ווײַסע.

— דאָס איז געוועזן נאָכן טויט פֿון דײַן פֿאָטער?

— נו, יאָ, איך בין געבליבן איינער אַליין. א בייזער — א שרעק! דו נעם זיך עס אין זינען אַרײַן.

— אַז דו ביסט געוועזן א בייזער? וואָס גייט עס מיר אָן?

— דו ביסט דאָך א טראַקטאָריסטקע, און איך בין דאָך א טראַקטאָריסט, און דו ווילסט דאָך גיין אין א געוועט מיט מיר.

— א־אַ... איך האָב קיין מוירע ניט פֿאַר דיר, שאַ, ווייסטו וואָס, שרײַב מיר בריוו.

— פּאַזשאַלויסטאַ! איך האָב סײַווי גערעכנט אַזוי טאָן. אָט ווי איך קום אַהיים, אַזוי שרײַב איך דיר אָן: אַזוי און אַזוי, דוניאַשע, קום צו מיר צוגאַסט.

— און ווי וועלן קוקן דײַנע דערוף?

— מײַנע? די ייִדן, מיינסטו? אָט אַזוי, ווי זיי קוקן דאָ, אַזוי וועלן זיי קוקן דאָרטן.

— טאַקע אַזוי, — האָט דוניאַשע פֿאַרטראַכט געזאָגט, — אַפֿילע דער פֿאָטער זאָגט: „עס באַקומט זיך, זאָגט ער, אַז מיר האָבן זיי ניט געקענט, מיר האָבן ניט געוווּסט, וואָס פֿאַר א מענטשן דאָס זײַנען איצט, די ייִדן, אַנדערע מענטשן זײַנען זיי איצט. און איך האָב גע־מיינט, אַז וועד־וועד, נאָר איך קען זיי, די ייִדן. ערשט, ניין! אַמאָל האָב איך זיי געקענט, נאָר איצט זײַנען זיי געוואָרן אַנדערע מענטשן". און וועגן דיר האָט ער מיר דערציילט. פֿונוואַנען ווייסט ער וועגן דיר? — האָט זי נאָענט א פֿרעג געטאָן און זיך צוגעטוליעט צו אים.

— ער האָט זיך בא מיר נאָכגעפֿרעגט, האָב איך אים דערציילט.

— נו, איז אָפּגערעדט? — האָט זי געפֿרעגט, טוליענדיק זיך צו אים. — דו וועסט שרײַבן?

ער האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך ניט געווערט, און פֿלוצעם האָט זי דערפֿילט, אַז עס איז איר מיטאמאָל אַזוי אומעטיק געוואָרן...

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער בא איר געפֿרעגט, באַמערקנדיק, ווי זי האָט א ציטער געטאָן. — עס איז דיר קאַלט?

— יאָ, — האָט זי טרויעריק געשמייכלט, ניט אָפּלאָזנדיק אים, — אַז דער ליבער פֿאַרט אַוועק, ווערט קאַלט אַף דער נעשאַמע...

ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און אופֿגעהויבן אַף די הענט. זי האָט זיך געווערט און דאָך אַרומגעכאַפּט זײַן האַלדז און דערפֿילט זיך אַזוי גוט, ווי א קליין קינד באַם גרויסן און שטאַרקן פֿאָטער אַף די הענט.

ווען זיי זײַנען צוריקגעקומען צום קלוב, זײַנען שוין אַלע געווען אין דרויסן.

די לאַסטמאַשין, א באַפּוצטע מיט רויטן שטאָף, האָט שוין געוואַרט אַף זיי. עס האָבן זיך געהערט די לעצטע טומלדיקע געזעגעניש־אויסגעשרייען.

— סאַצדאָרף! — האָט זעלדין געשריִען אין דער פֿינצטער. — אַלע זײַט איר דאָ? דער דזשיגיט אונדזערער איז געקומען?

— צימלאַ! — האָט איצקאָוויטש פֿריילעך געהוקעט. — אַלע אײַערע זײַנען אַפֿן אָרט? גיט אַכטונג, מיר האָבן קיינעם בא אײַך ניט צוגעגאַנוועט?

— אַט זײַנען זיי! — האָט אַנדריושקע פריילעך אויסגערופֿן. — אַט זײַנען די פּאַרפּאַ־לענע... דוניאַשע, שטעל זיך אַהער, גיכער, מיר וואַרטן אַף דיר! פּאַרציִ! — האָט ער צו עמעצן אַ קאָמאַנדעווע געטאָן.

עס האָט אַ קלונג געטאָן אַ האַרמאָשקע מיט גלעקלעך, און אַ צענדליק יונגע שטימען האָבן אַ זונג געטאָן אַ הילכיקע און פריילעכע ליד.

דאָס איז געווען אַ ליד, וואָס איינער אַ ציִמלער קאָלווירטישער פּאָעט האָט אין די לעצטע טעג פאַרפאַסט וועגן די ייִדן מיט די קאַזאַקן.

די ליד האָט אַלעמען גערירט — דאָס איז טאַקע געווען אַ שיינע און אַ האַרציקע ליד. נאָר באַזונדערס גערירט, ביז טרערן גערירט, זײַנען געווען צוויי מענטשן: דער אַלטער זעל־דין, וואָס איז אין די גרויזאַמע יאָרן פון בירגערקריג איינער אַליין געבליבן פון אַ גאַנצן ייִדישן יישעוו — די איבעריקע האָבן באַנדיטן אויסגעקוילעט — און די יונגע דוניאַשע, וואָס האָט זיך אין דער מינוט געפילט שטאַרק איינזאַם, ווײַל איר ליבער פּאַרט אַוועק. פונדעסט־וועגן האָבן ביידע, סײַ זעלדין, סײַ דוניאַשע, הויך מיטגעזונגען מיט אַלעמען, כאָטש מיט טרערן אין די אויגן, אַט די שיינע ליד, וואָס האָט באַזונגען דעם נײַעם און האַרציקן יאָמטעוו פון פרײַנטשאַפט.

■

מ ו י ש ע   ק ו ל ב א ק

ר א ד י ִ א ָ

(פונעם ראָמאַן „זעלמעניאַנער”)

שוין לאַנג געווען שטיל אין הויף. ס'איז סענטיאַבער כּודעש. זעט אויס, אַז עפּעס ווערט שוין באַלד ווידער געשען. און פונוואַנען דראָעט די געפאַר? דאַפקע פון אַן אומגעריכטער זײַט, פון פאַלקע פעטער איטשעס. פון אַט דעם נעפעש.

פאַלקע דעם פעטער איטשעס האָט זיך צו אַ האַלב יאָר אָנגעשריִען אַ פּופּיק, ווי ס'איז שוין באַוווּסט. דעמלט האָט מען אים געלייגט האַרטע צעגערס צום בויך, ביז ער (דער פּו־פּיק) איז ווי־ניט־איז צוריק אַרײַן אַף אַן אָרט.

קלאָר, אַז פון אַזאַ אָנהייב וועט שוין גאָרנישט אַרויסקומען.

דאָ ניט לאַנג האָט ער געגומען טראָגן אין שטוב האַלבע צעבראָכענע ביר־פלעשלעך, וואָס ער פלעגט זיי אָנגיסן מיט עפּעס אַ בלויען וואַסערל און וויקלען אין דעם שטיקלעך קופּער.

גאַנצע טעג פלעגט ער אַזוי זיִצן דאָרט, באַם פעטער יודען אין נידעריקן ציִמער, צווישן די פלעשלעך, גומי, דראָט, אײַזנס, און טראַכטן אַ טראַכטונג. ער האָט געוווּשט די נאָז און אַרײַנגעקוקט אין אַ ביכל אַרײַן. און אַז באַ אים אין קאָפּ איז, ענדלעך, קלאָר געוואָרן דער גאַנצער סאָד פון די דראָטן, איז ער אַוועק צו בערען מיט אַ פּלאַן מיקוייעך ראַדיאָפיצירן דעם רעבזנ־הויף.

ער האָט פאָרגעלייגט אַ שאַרפן בוי־פּלאַן:

אופהענגען די אַנטענעס אַף לופט־באַלאָנען, הויך אין הימל, קעדיי פּאַקן די עמעסע ריינע כוואַליעס. עלעקטרישע באַטאַרייעס וועט ער שוין מאַכן אין זײַנע ביר־פלעשלעך, די באַער־דיקונגען וועלן פאָרקומען אַף ריינעם קופּער — אַ סגולע פאַר די בליצן, און ביכלאַל וועט זיך זײַן ראַדיאָ אויסצייכענען מיט דעם ריינסטן קלאַנג, און הערן וועט מען קאָנען אַפילע אַמעריקע.

בערע איז געזעסן באַ אַ גרויסער קאַווענע, געריסן מיט אַ מעסער דאָס קאַלטע קאַווענע־פלייש און זיך גוט צוגעהאָרכט, נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— ראַדיאָ דאַרף מען אײַנפירן, אָבער אָן לופט־באַלאָנען.

— און ארבעטער־דערפינדונג איז בא דיר גאָרנישט? — האָט זיך פּאַלקע ניט אײַנגע־האַלטן.

— מאַך פריִער א פּראָסטע ראַדיאָ, — האָט בערע געזאָגט, — נאָכדעם וועלן מיר זען.

— אָבער ס'טאָך קאָסטן וועלוועלער, ראַציאָנאַליזאַציע איז בא דיר גאָרנישט?

— מאַך אָבער אפריִער די זאַך, וועלן מיר נאָכדעם זען, גוילעם! — האָט זיך שוין אופגע־כאַפּט בא אים זײַן אַלטע סינע צום פּאַרסמײַעטן ברודער.

פּאַלקע איז דאַן ארויס פון בערען אַן אופגעלויכטענער. וויבאַלד, אַז בערע האָט שוין באגיטיקט די זאַך, וועט ער אַלע כוואַליעס אײַנשפּאַנען אין זײַנע אַנטענעס און די שטיבער אָנגיסן מיט קאָנצערטן, פּידלען, שטימען, פּול ביז איבער די ברעגן. אָבער סע פּעלט אים געלט!

פּאַלקע האָט דאָ אפן אָרט, גײַענדיק איבערן הויף, צונויפגעשטעלט א רעשימע און באשטײַערט מיט אַן אָפּצאָל די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון הויף. באַלד איז ער אַוועק איבער די זעלמעניאַנישע שטיבער אַגיטירן פאַר דער ראַדיאָ.

די מעהומע איז געוואָרן גרויס, און ס'איז פאַרשטענדלעך אויך: בא עלעקטרע פאַרשפּאָרט מען כאַטש קעראָסין, אָט דאָס איז אָבער זינגעכץ, זינגעכץ סטאַם אין דער וועלט אַרײַן, און ס'איז גאָרניט אַזוי גוט אפן הארצן! דערבײַ האָט פּאַלקע פאַרשלונגען די רייד און מע האָט ביכלאַל ניט גוט באַנומען, וואָס ער איז דאָ אויסן.

די מומע גיטע האָט טכילעס פאַרשטאַנען די זאַך, אַז פּאַלקע וועט ארופקריכן אפן דאַך זעצן זיך זינגען, און זיי, אונטן, אין די שטיבער, וועלן אים דאַרפן הערן און צאָלן געלט:

— לײַכטע פּאַרנאָסעס ווילט זיך אים, דעם שילועו![1]

פּאַלקע האָט זיך אָבער געקאָכט, אים האָט ווייניק וואָס געקימערט, וואָס פּעטער זישע איז געזעסן, געזופּט טיי און געוואָרפן צו אים פון צײַט צו צײַט בליקן, ווי צו א שפּין. פּאַלקע האָט אַלץ געטײַנעט:

— עלעקטרע איז די באַזע פאַר דער אינדוסטריע, ראַדיאָ — פאַר די מויכעס.

און אַזוי האָט ער דעמלט אופגערודערט דעם הויף, דער היסלײַוועסדיקער פּאַלקע.

אין א פּאָר טעג האָט ער צונויפגעקליבן בא א פינף און צוואַנציק רובל און זיך געזעצט צו דער ארבעט.

ס'האָבן אָנגעהויבן גיסן די ערשטע, שיטערע, קרומע רעגנס: אהינטער זיי האָט דער אַנ־שוויגענער זומער מיט די פּאַרקויטיקטע מיליאָנען קאַלירן זיך געלאָשן אין די סאָפּזומערדיקע גערטנער. אומעטיקער גרין פון בורעקעס־בלעטער, מיט לילאָווע האַרטע אָדערן, איז געלעגן צעטראָטן צווישן די בייטן. שמוציקער געל, שמוציקער אָראַנזש, שמוציקער ברוין האָט זיך געוואַלגערט אָן קלאַנג אונטער די פיס.

אין אַזוינע טעג הערט מען טרויעריקע ווײַטע שטימען אָן אַנטענעס.

ס'האָט געטריפט א שמוציק רעגנדל, בייס פּאַלקע איז ארײַן בעטן דעם טאַטן, ער זאָל אים העלפן ארופשטעלן די שטאַרקסטע אַנטענע אפן מויער. דער פּעטער איטשע האָט אַף זיך אָנגעטאָן עפּעס א צעריסענעם בעגעד, אין וועלכן ס'איז בלויז גוט צו גײן איבער די הײַזער, און מע איז דורכן בוידעם ארופגעקראָכן אפן דאַך.

פּעטער איטשע איז אפן מויער געווען מיט צוויי און פּערציק יאָר צוריק, און ס'האָט זיך אים איצט אַלץ ניט געגלייבט, אַז אָט די הונדערטער מויערן און די רישטעוואַניעס צווישן דעם מאַטן מעש פון די האַרבסטיקע ביימער איז עס די אייגענע שטאָט, וואָס אַמאָל. פּאַלקע האָט אים אָבער ניט געלאָזט שטיין מיט דער באָרד אין האַנט און גאַפן איבער דער שטאָט. ער, פּאַלקע, האָט נעבעך געשלעפּט נאָך זיך א לאַנגן דראַנג, די קעשענעס אָנגעשטאָפּט מיט האַמערס, טשוועקעס, וואָס האָבן אים אראָפּגעשלעפּט די הויזן.

ער איז געווען צעהאָצט.

און איצטער האָט פּאַלקע דאָרט, אפן מויער, ארומגעיאָגט דעם טאַטן זײַנעם פון איין ברעג דאַך צו דעם אַנדערן. מע קאָן אָבער אויך ניט זאָגן, אַז פּעטער איטשען זאָל ניט גע־פעלן ווערן די שפּיל. ס'איז אים גראָד געפעלן, ווײַל פּעטער איטשע איז בעטעווע ניט געווען קיין שנײַדער, און, בעעמעס, ווען קאָן זיך מאַכן נאָך אַזאַ געלעגנהײַט — ארומצושפּאַצירן איבערן דאַך און ניט דאַרפן זיך פאַרענטפערן פאַר קײנעם.

ס'האָט געטריפט א שמוציק רעגנדל, בייס זיי זײַנען געלעגן צונויפגעקוטשעבורעט אפן נאַסן דאַך ארום קוימען און געקלאַפּט די לעצטע טשוועקעס אין דער אַנטענע.

---

[1] פלוידערזאַק.

פאַלקע האָט געפרעגט:

— דו האַלטסט פון דער סאָוועטנמאַכט, צי ניט?

— ווי־דען?

— טאָ פאַרוואָס שערסטו ניט אָפּ די באָרד? ס׳קאַפּעט דאָך פון איר.

— איכל דיר זאָגן דעם עמעס, — האָט זיך פעטער איטשע פאַרענטפערט, — ווען איך נעם אַראָפּ די באָרד, וואָלט איך געוואָרן אַ ביסל ייִנגער, נאָר פאַר לײַטן איז ניט שיין. קליינבירגער בלײַבט קליינבירגער! — האָט פאַלקע אַ זאָג געטאָן צום דאַך.

— איכל דיר זאָגן דעם עמעס, אַ ביסל שער איך זי אונטער אויך. אַמאָל אַ כאַפּ דאָ, אַמאָל אַ כאַפּ דאָרטן. מע קאָן דאָך ניט מיטאַמאָל!..

נאָכדעם, אַז זיי זײַנען אַראָפּ פון דאַך, האָט דאָרט געסטאַרטשעט אַ פלאָקן אין הימל, געפאַנגען די זיסע כוואַליעס פון דער וועלט.

איצט, ווען באַ פאַלקען וועלן זיך אָנגיסן די קאָנדענסאַטאָרן מיט עלעקטרע, וועט זיך אַ גאָס טאָן דאָס געזאַנג אין הויף, ווי אַ שלאַקסרעגן פון אָן אָפּגעריסענער כמאַרע, און מע וועט זיך טרינקען אין געזאַנג.

אַזוי האָט געטראַכט פאַלקע.

ס׳זײַנען אָבער אַוועק היפּשע עטלעכע טעג, און אין די טעלעפאָן־רערלעך האָבן יאָמערלעך געוויינט ווײַטע, הייזעריקע ווינטן. מע האָט געהערט דעם האַרבסטיקן וועטער אין די אייראָפּעיִשע לענדער.

פאַר די עטלעכע טעג איז פאַלקע אַראָפּ פון פּאָנעם. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומלויפן פון די שטיבער אין דרויסן אַרויס; דאָ איז ער אויפן דאַך, און דאָ גראָבט ער אַ גרוב ערגעץ אונטער אַ פענצטער, כאַפּט די דראָטן און לעקט מיטן צונג.

די לאַגע איז געוואָרן נאָך געפערלעכער מיט דעם, וואָס דער סויבע האָט שוין גענומען אַרויסרוקן זײַן כאַזערש פּיסל.

פעטער זישע האָט אַנומלטן באַם עסן אַ זאָג געטאָן, אַז דער פאַלקע מעג זיך אַפילע שטעלן אָפן קאָפּ, וועט ער ניט אײַנפירן קיין ראַדיאָ, ווײַל דערצו מוז מען נאָך אַלע מײַסעס אײַנשטעלן אַ פּאָמפּעדיקל.

— איך בין אַ זייגערמאַכער, — האָט ער געזאָגט, — און וועגן אַזוינע זאַכן זאָל מען מיך ניט לערנען. דיר דאַכט זיך, אַז אַ זייגער גייט אויך אַליין. נאָר ניין — מע דאַרף נאָך אַלע מײַסעס אײַנשטעלן אַ פּאָמפּעדיקל!

מער האָט פעטער זישע ניט גערעדט. זײַנס אַ וואָרט האָט אָבער שטענדיק איבערגעלאָזט אַ רושעם, און מע האָט דעמלט גענומען מיט פאַלקען שטילערהייט אַרײַנטײַנען וועגן אַ פּאָמפּעדיקל.

— הענג אויף אַ פּאָמפּעדיקל, — האָט מען זיך באַ אים געבעטן, — זײַ ניט קיין אַקשן.

— און וואָס קאָן עס דיר שאַטן, סאַפּקאַלסאַף, מע דאַרף אַמאָל הערן אָן עלטערן מענטשן אויך.

פאַלקע איז געוואָרן אויסער־זיך. ער האָט אַמאָל אַ שלײַדער געטאָן דעם האַמער אָן דער ערד און גענומען שרײַען:

— ווו זאָל איך אײַך אופהענגען אַ פּאָמפּעדיקל, אין הימל? דער אַלטער לאַטוטניק גייט מיך לערנען, וויאַזוי מע דאַרף אײַנשטעלן אַ ראַדיאָ. זאָל ער זיך גיין פריִער צולערנען אַ ביסל פיזיק, דער נײַער מאַרקאָני!

אָט דאָס האָט שוין פעטער איטשען אַרויסגעבראַכט פון געדולד, האָט ער מיט רעציכע אַ הייב געטאָן די הויזן און גענומען ריידן צו אים האַרבע דיבורים:

— די מינוט זאָלסטו מיר אופהענגען דאָס פּאָמפּעדיקל, דו הערסט, וואָס איך רייד צו דיר, אָט די מינוט!

אָפּאָנעם, שוין לאַנג שטיל געוועזן אין הויף.

מע קאָן דרייסט זאָגן, אַז ווען ס׳טרעפט אָף אָן אַנדערן, ניט אָף פאַלקען, וואָלט יענער זיכער אופגעהאַנגען אַ פּאָמפּעדיקל. פאַלקע האָט אָבער קיינעם ניט געפאָלגט, און איצטער זעט מען, אַז ער איז געוואָרן גערעכט אויכעט.

די ראַדיאָ איז געשטאַנען אָף מישקוילעס. ביכלאַל האָט מען שוין גענומען שטאַרק צווייפלען אין די סאָוועטישע אופטועכצן. ערשט דעמלט, שפּעט באַנאַכט, איז מאָטעלע דער שוואַרצער אַראָפּגעלאָפן אין הויף מיט אַ געשריי, אַז באַ אים אין קעסטעלע האָבן זיך גענומען הערן באַלאַלײַקעס.

דער הויף האָט זיך אַ ריס געטאָן. מע איז געשפּרונגען פון די פענצטער, און אַלע צום פּעטער פּאַליען אין שטוב. בעעמעס, באַ אים, באַ דעם שווואַרצן מאַטעלע אין ראַדיאָ, האָבן געצימבלט באַלאַלײַקעס. דערנאָך האָט דאָרטן אַלץ אופגעהערט און פון ערגעץ ווײַט האָט מען אַרײַנגעזאָגט מיט אַ מענטשלעכן קאָל:

— האַלאָ! האַלאָ! האַלאָ!

פּאַלקע איז אַראָפּגעלאָפן אַ צעמישטער צו אַלע זײַנע זעקס ראַדיאָס אין הויף. סאָפּקאַל־סאָף האָט ער געפּאַקט די זינגענדיקע כוואַליע, עמעס, דערווײַל אַ פּראָסטלעכע, אָבער ער האָט עטלעכע אַפּאַראַטן אַף קאַטאָד־לאָמפּן, וואָס וועלן, האָפנטלעך, פאַנגען אויך פידל־כוואַ־ליעס און אַלע בלאַנדזשענדיקע רעדעס איבער דער וועלט, וואָס זײַנען נאָך ניט אָפּגעניצט געוואָרן.

שפּעטער איז געוואָרן שטיל אין רעבזע־הויף, ווי אין אַן אויער. מע איז געזעסן קופּעס־ווײַז אַרום די ראַדיאָ־קעסטלעך, מיט אַ ביסל אַרויסגערוקטע אויגן, ווי באַ פייגל, און פאַר־כידעשט געהערט אַ רעדע וועגן די ברויט־פּאַרגרייטונגען אין וססר. די טעלעפאָן־רערלעך זײַנען געגאַנגען פון אויער צו אויער, און איבער אַלע שטיבער איז אַרומגעלאָפן דער פאַר־סמײַעטער פּאַלקע, געוויזן און אָנגעפירט מיט דער הערערײַ.

דער פּעטער יודע איז דאָרט באַ זיך אין שטוב צוגעפאַלן מיט אַ מין מעשוגאַס צו דער ראַדיאָ. ער האָט אָנגעצונדן אַלע עלעקטרישע לעמפּלעך אין שטוב, אוועקגעזעצט זיך מיט געשלאָסענע אויגן און געהערט. קיינער האָט שוין צו יענער ראַדיאָ ניט געקענט צוקומען, און אַז צאַלקע האָט דערזען באַ אים טרערן אין די אויגן, איז ער אַרויס צום פּעטער זישען דער־קונדיקן זיך, וואָס דער טאַטע זײַנער הערט דאָרטן.

עס האָט געשפּילט אַ וויאָלאָנטשעל אין מאָסקווע.

דעמלט האָבן זיך שוין אַלע געפונען באַם פּעטער זישען, געקליבן זיך, מיסטאַמע, הערן זײַן מיינונג וועגן דער זאַך.

כײַעלע איז אַראָפּ זיך נאָכפרעגן, צי מעג זי הערן ראַדיאָ און צי דאָס קאָן ניט אַמאָל פאַר־שאַטן איר קינד. פּאַלקע האָט זיך אַף איר אָנגעבייזערט און געגעבן דערקלערן, לויט דער פיזיק, אַז דאָס געזאַנג וועט באַ איר ניט דערגיין ביז צום בויך, אָבער דאָ האָט די מומע גיטע איבערגעריסן אַף אַ רעגע דאָס ראַבאָנישע שווײַגן און איר טאַקע געייצעט, אַז זי מעג מיט דער ראַדיאָ אָפּוואַרטן ביז נאָכן קימפּעט.

פּאַלקע האָט געזיגט. אפילע פּעטער זישע האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט. קיינע שום אינצידענטן, ווי דעמלט באַם אײַנפירן די עלעקטרע, זײַנען ניט פאָרגעקומען.

אַף מאָרגן האָט די באָבע באַסיע עפּעס יאָ באַמערקט דעם פלאָקן אַפּן דאַך, איז זי אוועק־געקראָכן איבער די שטיבער מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן דעם איניען, און כאָטש געווען האָט זי פּאַלקען, אַז ער האַנדלט מיט טויבן... טאָנקע, וואָס האָט שטאַרק ליב געהאַט פאַר־נעמען זיך מיט דער באָבען, האָט זי נאָכדעם אין אָוונט אוועקגעזעצט באַ דער ראַדיאָ, אָנ־געטאָן אַף איר אויסגעסאָכנעטן קעפּעלע די רערלעך, אָבער די באָבע האָט, ליידער, גאָרנישט געהערט און גאָרנישט פאַרשטאַנען.

דעם ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט זי אָנגענומען פאַר אַ וואַנט־זייגער.

סענטיאַבער כוידעש. דורכזיכטיקע טעג און קילע ווײַסע נעכט. עס שמעקט מיט נאַסע ליידיקע פעלדער. אין די פענצטער איז גרוי. גראַד אין די קילע, געל־דורכזיכטיקע טעג האָט זיך באַ פּאַלקען אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע. ער פאַרפּולקומט די ראַדיאָ און הערט שוין איצט קימאַט גאַנץ אייראָפּע. ער לערנט מאָרזעס אַלעפבייס. ער גרייט זיך פאַר אַ קורצכוואַליעניק. און אין די קילע זילבערנע נעכט, בייס בלויז עלעקטרישע שײַנען שאַרכן איבערן ברוק פון דעם רעבזע־הויף, עפענען זיך אײַליק די קליינע פאָרטקעס פון די שטיבער, און צעהאַצטע זעלמעניאַנער שרײַען זיך איבער:

— האַלאָ! האַלאָ! האַלאָ!
— בערלין!
— מאָסקווע!
— וואַרשע!
— בוקאַרעשט!

■

צאַדעק דאָלגאָפּאָלסקי

געפּראָרענע עפּל

אין דרויסן האָט געווילדעוועט א זאַווערוכע. פונעם וואַגאָן־ווענטיליאַטאָר האָט זיך פון צײַט צו צײַט ארײַנגעריסן א פרישער ווינט, און איינצלנע שנייעלעך האָבן אײַך אָנגענעם דערמאָנט, אַז איר געפינט זיך אין דער איצטיקער קאַלטער נאַכט אין א וואַרעמען אָנגעהייצטן וואַגאָן און איר ליגט אַפן ציכטיקן געלעגער, וואָס איר האָט באַקומען פונעם וואַגאָן־באַגלייטער.

אין האַרטן שלאָף־וואַגאָן איז געווען געראַם און געמיטלעך. אין אונדזער קופּע זײַנען מיר געווען זאַלבעפֿנאַנד — איך און לעבן מיר א צווייטער פּאַסאַזשיר מיט א געגאָלטן קאָפּ.

מײַן שאָכן האָט זיך געגרייט צו דער נאַכט. ער האָט זיך אָנגעהויבן אויסטאָן, ווי בא זיך אין דער היים, האָט אַלײן איבערגעבעט דעם געלעגער און איז געווען, קענטיק, אַנציקט פון דער געקעסטלטער, פון ענגלישן שטאָף, פעסטער און וואַרעמער דעקע, האָט מיט פאַרגעניגן געטאַפּט איר ברעג און האָט זיך צו מיר געווענדט:

— אָט די דעקע איז מײַנע אַן אַלטע באַקאַנטע. אָט די דעקע האָבן מיר באַקומען בעיע־רושע פון דער בורזשואַזער מאַכט, און זי איז נאָך איצט נײַ און פעסט. עס איז אָנגענעם זיך מיט איר צודעקן... נעמט אונדזערע בופעטן אין פיר־און־צוואַנציקסטן יאָר — מיר האָבן מיט זיי שטאָלצירט, אויסלענדישע טוריסטן זײַנען געווען פון זיי אַנציקט. עס האָט זיך שוין בא אונדז באַוויזן דער באַקנבערדיקער שווייצאַר, דער גרויסאַרטיקער גאַרניר, אויסגעטאַקטער פּאַיאַנס און טאַקע מיט אונדזער סאָוועטישער עמבלעם — מיטן סערפּ און האַמער. און איצט? וואָס קריגט איר איצט אין די בופעטן און וואָס באַקומט איר איצט אַף די סטאַנציעס?

— אָט פאָרן מיר דורך די סטאַנציע יאַבלאָקאָ. איר האָט דאָ נאָך מיט צוויי יאָר צוריק געקאָנט באַקומען פון קאָלטווו, און דעריקער האָט איר דאָ געקאָנט באַקומען... אַדעראַבע, שטויסט זיך אָן, פאַרוואָס רופט מען די סטאַנציע יאַבלאָקאָ... ווײַל דאָ איז דער צענטער פון דעם ווינטערדיקן עפּל, פון דעם עמעסן אַנטאָן, אָבער פון דעם געסמאַליעטן. קלינגענדיקן און זאַפטיקן און צײַטיקן, וואָס גיט אָפּ מיט א טאַם פון פרישן וואַניל, ווי מיר האָבן איצט ליב צו קוואַליפיצירן אַזאַ גוטן מין — פון דעם עמעסן עקספּאָרט־עפּל. אָט אין דער צײַט פלעגט זיך אַף דער זעלבער סטאַנציע באַווײַזן געפראָרענע עפּל פון אַזאַ מין, וואָס האָט ניט זײַן גלײַכן אין גאַנצן פאַרבאַנד. דאָס איז ניט געווען דער צעפּוילטער סאָרט עפּל, וואָס הייבט אָן פון קעלט צו ברויזן, ווערט פאַרכאַפּט פון פראָסט, הייבט אָן פאַקטיש צו פוילן, און מיר רופן דאָס געפראָרענע... גאָט באַהיט — אונטער דער ברוינער הויט פון די יאַבלאָקער עפּל האָט זיך אַלעמאָל אָנגעהויבן ווײַסע, זאַפטיקע, מיט זיסקײַט דורכגענומענע ווייכקײַט. די אָרטיקע אײַנוווינער האָבן זיך אויסגעלערנט זייערע עפּל קאָנסערווירן אַף זייער שטייגער... איך האָב קיינמאָל ניט אויסגעמײַדט אָט די סטאַנציע. איך האָב אַפילע מײַנע א באַקאַנטע פאַרקויפערקע געהאַט — א יונג שלאַנק מיידל מיט א גוטן סעמיטישן פּאָנעם און מיט א כיינעוודיקן שפּרינקעלע אַף דער רעכטער באַק. זי האָט מיך צווישן אַלע פּאַסאַזשירן אַלעמאָל דערקענט. זי פלעגט מיך אָפּשטעלן און זאָגן: „קויפט ווידער בא מיר עפּל, קויפט ווידער מײַנע עפּל".

און איצט טו איך זיך אויס לייגן שלאָפן פאַר יאַבלאָקאָ. אַז אין יאַבלאָקאָ זאָל ניט זײַן קיין עפּל — ווײַטער גיין קאָן מען שוין ניט!.. און עפּשער... ניין, איך טו זיך אָן. עס קאָן ניט זײַן, אַז אין יאַבלאָקאָ זאָל קיין עפּל ניט זײַן. הינטערן וואָקזאַל מוזן נאָך יאָ שטיין די לעצטע עפּל־פאַרקויפער. עס קאָן נאָך זייער זײַן, אַז איך זאָל דאָרטן טרעפן מײַן באַקאַנט מיידל מיטן סעמיטישן פּאָנעם און מיטן כיינעוודיקן שפּרינקעלע אַף דער רעכטער באַק...

דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער. פונעם פאַרשנייטן פענצטער האָבן זיך שוין פײַערלעך באַוויזן. דער שאָכן מײַנער האָט פונדאָסנײַ ארופגעצויגן אַף זיך די הויזן אַף די אונטערציִערס, ארײַן אין די שיך, דעם מאַנטל אַף זיך ארופגעוואָרפן און איז צום ארויסגאַנג אַוועק.

קיינער איז פון דער סטאַנציע ניט אַראָפּגעשטיגן. עס האָט געבושעוועט דער ווינט. דער שניי האָט נאָך ווילדער געקלאַפּט אין דעם אַזוי אויך פאַרווייעטן פענצטער. אונדזער פאַרשוין האָט זיך היפּש געזאַמט, אַפּאָנעם, געזוכט די עפּל־פאַרקויפערן הינטערן וואָקזאַל, און דאָ

איז דערווײַל אַרײַן פֿון יאַבלאָקאַ א פּאַסאַזשיר אין א ברעזענטענעם מאַנטל אַף א ווײַכן שעפּסענעם פּעלץ, האָט זיך אָפּגעטרייסלט פון שניי און קעלט, זיך אַרומגעקוקט און פאַרנומען איינס פון די פרײַע ערטער אין אונדזער קופּע, זיך אויסגעטאָן און צופרידן אַרײַנגעאָטעמט אין זיך די וואַרעמע לופט פון וואַגאָן.

— וואַרעם אין וואַגאָן, — האָט ער געזאָגט און האָט פאַנאַנדערגענומען זײַן ברעזענטן זעקל. דער פּאַסאַזשיר איז נאָך געווען גענוג יונג. זײַן פּאָנעם האָט געזאָגט איידעס וועגן דאָרפישן אָפּשטאַם. די שפּראַך און דער אַקצענט — אַז ער איז אַן אָרטיקער, א געבוירטיקער. דער באַגאַזש און דער הילעך פון ערדמעסטער אָדער אַן אַגראָנאָם, אָדער א וועטערינאַר און עפּשער א דאָרפישער געזעלשאַפטלעכער טוער, נאָר אַלנפאַלס, ער האָט געוויס א שײַכעס, א נאָענטע שײַכעס צו לאַנדווירטשאַפט.

עס איז אַרײַנגעלאָפן א פאַרסאָפּעטער מײַן שאָכן, דער ליבהאָבער פון איבערגעפּראָרענע עפּל, שוין נאָכן צווייטן קלונג, ווען דער צוג האָט זיך שוין שווער גערירט פון אָרט. דעם שאָכן מײַנעם האָט אפילע גוט פאַרדראָסן, וואָס ער איז אַרײַן אין וואַגאָן מיט ליידיקע הענט, וואָס ער האָט קיין איבערגעפּראָרענע עפּל ניט געקראָגן. נו, יאָ — אַנדערש קאָן דאָס ניט זײַן. ער האָט זיך אָפּילע ניט גערירט אַף עפּל. ער איז גיכער אַרויס, קעדיי אָנקוקן די אַלטע גוטע סטאַנציע, דאָס אָרט פון דעם אַמאָליקן בופעט, פונעם שטענדיקן פרישן און זעטיקן בופעט, וועלכער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג אַזוי גוט געאַרבעט.

— נעכטיקער טאָג, — האָט ער געמאָלדן. — אויסגעשטאָרבן איז יאַבלאָקאַ, אויסגעקערט ווי מיט א בעזעם.

— און אײַער באַקאַנטע סעמיטן?

— איר שפּאַסט? מע זאָגט אײַך, אַז אויסגעקערט... קיין לעבעדיקן נעפעש ניט באַגעגנט... און איר, כאַווער, איר זײַט ניט א יאַבלאָקער? — האָט ער זיך אומיטלבאַר געווענדט צום נײַעם פּאַסאַזשיר.

— פון דעם קאַנט, — האָט דער דאָרפישער מענטש געענטפערט.

— איר וועט אַוואַדע דערלויבן עפּעס פרעגן בא אײַך?

— מע קאָן פרעגן.

— ווו זײַנען עס אַהינגעקומען די היגע סעדער?

— אַף דער פראַגע קאָן איך גראַד ענטפערן אויספירלעך.

— אַזוי אַפילע?

— יאָ, יאָ.

— איז ווו זײַנען זיי אַהינגעקומען?

— די אַלטע סעדער?

— די אַלטע, די אַלטע.

— א טייל זײַנען אומגעקומען, און א טייל עקזיסטירן.

— אומגעקומען? פאַרוואָס אומגעקומען?

— א בוים, מיינט איר, לעבט אייביק?

— אַוואַדע ניט... אַנטשולדיקט — א נאַרישקײַט... די עפּל... די יאַבלאָקער באַוווּסטע געפּראָרענע עפּל... ווו זײַנען זיי אַהינגעקומען?

— פאַראַנען אויך געפּראָרענע עפּל.

— איר האָט דאָ אַפילע מיט זיך?

— אַפילע מיט זיך אין טאָרבע.

ער האָט אַרײַנגעשפּאַרט די האַנט אין ברעזענטענעם זעקל, האָט אַרויסגענומען א בלעכן קאָנסערוון־קעסטל און דערלאַנגט אונדזער באַריידעוודיקן פּאַסאַזשיר. מיר האָבן אַלע באַטראַכט דאָס קעסטל. אַף דעם איז געווען אָנגעקלעפּט אַן עטיקעט מיט אַן אויפשריפט: „געפּראָרענע עפּל” און אָנגעמאָלט א ברוינער עפּל. דער קינסטלער האָט זיך, קאָנטיק, געפלײַסט באַווײַזן דעם עפּל אין זײַן געפּראָרענעם צושטאַנד, נאָר דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן.

— הייסט עס, קאָנסערוון?

— ריכטיק, קאָנסערוון.

— ווערט אַף אַזא אויפן יאַבלאָקאַ אויך אינדוסטריאַליזירט?

— געוויס.

— און מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג? און מיטן פּינפּיאַר?

— און דער פּינפּיאַר דאַפּקע אין פיר יאָר.

— מיט אָנגעמערקטע פּלענער?

— וואָס מיר פירן זיי דורך אין לעבן נאָך פאַר דער צײַט.

— איר זײַט אַן אַגראָנאָם?
— ווי איר זעט.
— אינטערעסאַנט, — האָט אונדזער פּאַסאַזשיר דעם גלאַנציקן מויעך אַ גלעט געטאָן. און דער יאַבלאָקער אַגראָנאָם האָט אַרויסגענומען פֿון זײַן ברעזענטענער טאָרבע אַ מאַפּע אין אַ האַרטן קאַרטאָן־שײַדל און האָט זי פֿלינק פֿאַנאַנדערגעוויקלט. מיר האָבן זיך אַלע באַקאַנט מיטן סעדער־פּלאַן פֿון יאַבלאָקער ראַיאָן. אויף דער מאַפּע איז געווען אָנגעצייכנט ווי די אַלטע סעדער, אַזוי אויך די נײַע און אויך די, וואָס מע דאַרף נאָך פֿאַנאַנדערזעצן האַיאַר. דערבײַ האָט יעדער עפּלבוים זײַן פּונקט, אַזוי, אַז אויף דער מאַפּע זײַנען אָנגעצייכנט געוואָרן אין שאַכמאַט־אָרדענונג די פּאַקטישע צאָל עפּלביימער, און ניט נאָר עפּלביימער אַליין, נאָר אויך אַנדערע פּרוכט־ביימער און אַפֿילו יאַגעדעס־קוסטעס, וועלכע דאַרפֿן פֿאַרפֿלאַנצט ווערן.
דער אַגראָנאָם האָט אויפֿגעעפֿנט דאָס בלעכענע צילינדערל און באַוויזן אונדז אַלעמען: די „געפּראָרענע עפּל" האָבן געהאַט אַ שיין אויסזען און זײַנען געווען, ווי עס וויַיזט אויס, אויך געשמאַק אין טאַם.
— איר קאָנט פֿאַרזוכן, כאַווער, — האָט דער אַגראָנאָם פֿאָרגעלייגט.
מיר האָבן זיך ניט אָפּגעזאָגט פֿון קיבעד.
— גוט איז גוט, נאָר אַלץ ניט דאָס. ס'איז ניט דאָס.
מיר האָבן זיך אויסגעצויגן זאַלבעדריט אויף אונדזערע געלעגערס. מײַן שאָכן האָט אויסגעבויגן אַן אַבאַזשור און צוגעפּעסטיקט צום עלעקטרישן לעמפּל, אין קופּע איז געוואָרן פֿינצטערלעך.
מיר האָבן זיך אַלע געטוליעט אין די פּעסטע געקעסטלטע קאָלדרעס. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, און צו אונדז איז אַרײַן אין קופּע אַ פֿרוי און האָט פֿאַרנומען די אונטערשטע באַנק. אײַנגיכן איז די גאַנצע קופּע אײַנגעשלאָפֿן.
אופֿגעוועקט האָט אונדז אינדערפֿרי מײַן שאָכנס היספּײַלעסדיקער אויסגעשריי: „כאַ־װערטעס"
ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין דער נײַער פּאַסאַזשירקע, וועלכע איז געשטאַנען באַם פֿענצטער.
— נו יאָ, דער זיקאָרן האָט מיך ניט אונטערגעפֿירט. איר זײַט אַ יאַבלאָקערן?
— אַ יאַבלאָקערן.
— איר האָט... איר זײַט געשטאַנען... איר פֿלעגט... איר פֿלעגט ווינטער־צײַט... איך פֿרעג... אָט די געפּראָרענע עפּל...
— רעדט דײַטלעכער.
— איר האָט פֿאַרקויפֿט אין יאַבלאָקאָ איבערגעפּראָרענע עפּל?
— פֿאַרקויפֿט.
— נאָך גאָר ניט לאַנג... פֿאַראַיאָרן?
— ניט פֿאַראַיאָרן... איך האָב שוין אַ צוויי־יאָריקן אַרבעט־סטאַזש.
— אָבער איר זײַט די זעלבע.
— די זעלבע.
— און ווו אַרבעט איר?
— אויף יאַבלאָקער קאָנסערוון־זאַוואָד.
— זײַט איר אַן אַרבעטערן?
דאָס ייִדישע יונגע מיידל מיטן כײַנעוודיקן שפּרינקעלע אויף דער רעכטער באַק האָט זיך פֿאַרויטלט און האָט זיך צעלאַכט.
— וואָס וווּנדערט איר זיך אַזוי?.. אַנטשולדיקט...
זי איז אַרויס פֿון קופּע און האָט דאָס טירל אונטער זיך פֿאַריגלט אַ שמייכלענדיקע.

■

מ. דאַניעל

שטיינערנער באָדן

אין סטעפּ

דער באָדן איז דאָ אין קרים אַ האַרטער, דער שטיין ליגט אין אַנדערע ערטער דריי מעטער טיף, אין אַנדערע ערטער — גלייך אַפן אויבערפלאַך, — זאָגט מיר דער אַגראַנאָם בער דינאַר.

— וויאַזוי דערקענט איר?

— נאָכן געקלאַפּ פון די אויטאָמאָביל־רעדער, נאָכן הייך פון גראָז.

בערס ווערטער קומען צו מיין אויער אָפּגעריסן און ניט קלאָר. ער זאָגט זיי אַרויס הויך, שרייענדיק, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט, אַז דער גערויש פון יאַם, דאָס קלאַפּן פון די אויטאָמאָביל־רעדער וועלן זיינע ווערטער פאַרטויבן. אונדזערע קליידער זיינען שוין שטויביק־וויס, ווי דער געשלענגלטער קאַלכיקער וועג אונטער די רעדער.

אַ ווינט בלאָזט פון יאַם, טרייבט אום כאַפּטעס שטויב אין סטעפּישער פוסטקייט, פאַרשיט אונדז די אויגן, און דער יאַם פונוויטן זעט אויס מעשונע־בלאָ.

מיך, אַ געבאָרענעם אין ליטע, וואָס האָט די קינדער־יאָרן פאַרבראַכט אַף דעם גרויען טייך דווינע, דוכט זיך, אַז שולדיק אין דער יאַם־בלויקייט זיינען די עטלעכע וועשערנס — דאָס האָבן זיי צופּיל בלויוויס אין יאַם אַריינגעשאָטן...

— שוין אַ צייט, ווי איר אַרבעט אַף די ייִדישע פּאָנדן?

דינאַר קוקט אַף מיר פאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט ערשט איצט באַמערקט, אַז אַ ווילד־פרעמדער זיצט מיט אים אין אויטאָמאָביל. ער פרעגט שולדיק איבער:

— וואָס זאָגט איר?

— שוין אַ צייט, ווי איר אַרבעט אַף די פּאָנדן?

— באַלד צוויי יאָר.

— און פריער האָט איר געאַרבעט?

— איך האָב פאַרוואַלטעט דאָ אין געגנט מיט די נאַציאָנאַליזירטע פּריצישע הויפן.

— וווּ האָט איר זיך געלערנט פאַר אַן אַגראָנאָם?

— באַם טאַטן.

— איר מיינט ערנסט?

— איך ענטפער אייך גאַנץ ערנסט. דער טאַטע מיינער האָט געהאַט ערד הינטערן שטעטל. דינאָר דרייט אויס זיין פּאָנעם אָן אַ זייט, ווי ער וואָלט מיטן שאַרפן קער פון קאָפּ וועלן זאָגן, אַז ער וויל מער ניט ריידן, זיינע אויגן קוקן אַראָפּ צום קאַלכיקן באָדן, ווי זיי וואָלטן אונטערן ווייסן שטויב אין שיטערן גראָז וואָס געזוכט.

דער אויטאָמאָביל שלעפּט זיך באַרג־אַרויף. דער וועג איז אַ שמאָלער, שטיינערנער, צע־גראָבן אין טיפע גריבער, אין שפּיציקע בערגלעך.

דער אויטאָמאָביל איז שיקער פון מידקייט, פונעם שווערן וועג, פונעם צעגראָבענעם טראַקט. דער שאָפער ליגט מיט זיין גאַנצן גוף אַפן ראָד אָנגעלייגט, דער שאָפער געדענקט: איין פאַלשן קער, און מיר פליִען אונטערן גראָבן.

בער הייסט אָפּשטעלן דעם אויטאָמאָביל:

— קאָסטיע, קריך אַף מיין אָרט! וועסט דערוויל אויסרייכערן אַ ציגאַרעטל. איך דאַרף באַקוקן די געגנט.

דינאָר זיצט איצט אַפן אָרט פונעם שאָפער. גרויסע הענט, הענט ניט קיין אָפּגעהובלטע, ווי זיין גאַנצער גוף, ליגן איצט אַפן ראָד. ער דרייט זי פאַראַקשנט און בייז.

דער אויטאָמאָביל דערפילט, אַז קאָסטיע — דער גוטמוטיקער יונג, וואָס בענקט שוין לאַנג נאָך אַן עמעסן לעבעדיקן פערד און הילצערנעם וואָגן, איז אַוועק.

מיט אַלע אייזערנע גלידער דערפילט דער אויטאָמאָביל אַ היציקן, אומרויִקן פירער, הייבט זיך אָן צעטומלט טראָגן איבער בערג און גריבער און בלייבט שטיין אין טאָל.

בער קריכט אראָפּ פונעם אווטאָמאָביל, געפינט א שטיין, וואַרפט אים עטלעכע מאָל אפן הארטן באָדן.

א הילכיקער קלאַנג פון געוואָרפענעם שטיין צעטראָגט זיך אין דער ארומיקער שטילקייט, הילכט אָפּ ערגעץ ווייט־ווייט און פארגייט מיטן ווינט.

— דער באָדן שווייגט, שטום געוואָרן, — וויל איך די ערנסטקייט פון בערס פּאָנעם פאר־טרייבן.

— ער וועט באלד ריידן, — ענטפערט ער זיכער.

דינאַר ציט זיך אויס מיט זיין גאנצער לענג אף דער ערד און הייבט אָן שלאָגן מיטן שטיין דעם באָדן. ער שלאָגט אים פאמעלעך און מיט א סאך געדולד, קריכט אום אף די קני, אף אלע פיר. פון אונטער זיין העמד קוקט ארויס א ברוינע אָפּגעברענטע הויט, א הויט א גלאנציקע, גלאטע, ווי אויסגעטריקנטער לעדער. א זון אף אים ליגט א הייסע, אוראלטע, און ער אליין דערמאָנט אָן אמאליקן בושמענער, וואָס קלאַפּט אויס פייער פון שטיין.

פונעם באָדן הייבט ער אוף א פּאָנעם א פארשוויצטס. טראָפּנס שווייס קייקלען זיך פונעם שטערן אף די באקן און רינען אויס אין דער באוואקסענער ברוסט. רונדע אויגן פינקלען פריילעך און מיט ניצאָכן:

— אָט דאָ וועלן מיר נעמען שטיינער פאר די געביידעס. דער שטיין ליגט גלייך אפן אויבערפלאַך, און דאָס אָרט איז ניט ווייט פון די יישובים.

— וויאַזוי דערקענט איר? — פרעג איך נאָכאמאָל פארוונדערט.

— פּאַשעט, לויטן אָפּהילך פונעם געוואָרפענעם שטיין. די היגע שטיינשניידער דערקענען דעם באָדן לויטן טראָט פון פוס, נאָר איך בין דאָ נאָך א גרינער, קומט מיר אויס מאכן אָט די אלע קונצן. איר זיינט נאָך ניט מידן?

— ניין.

— וועלן מיר צופאָרן זען, ווי מע זעגט דעם שטיין פון באָדן.

— גוט.

ער באקומט פון זיין לעדערנעם טאָרבעלע א געגנט־מאפּע, זוכט צווישן רויטע און בלויע ליניעס דאָס אָרט, אף וועלכן מיר שטייען, און הייבט אָן אויסרעכענען, וויפל וויאָרסט איז עס פונעם צוויי־און־צוואנציקסטן ערדכיילעק.

אין דער ווייט טרינקט זיך אין זון אן איינציק פויערש הויז, דער קוימען וויקלט א דינעם פּאַס רויך צום לויטערן הימל, האָבן סטעפּישע ווינטן ניט וואָס צו טאָן אין אזא פוסטער ברייטקייט, כאַפּן זיי אונטער דעם דינעם פּאַס רויך, דרייען אים אין רייפן און צעטרייבן אים אין ארומיקער לויטערקייט.

מיר פאָרן ווייטער.

אנטקעגן אונדז קומט א ייִד מיט אן אָקס. דער אָקס איז געשפּאַנט אין א לאנגן וואָגן. ביידע, אי דער ייִד, אי דער אָקס, זיינען שטויביק און פארוואקסן. ביידע, אי דער ייִד, אי דער אָקס, שטעלן טריט שווער און פאמעלעך, ווי זיי וואָלטן איין מאָל פאר אלע מאָל באַ־שטימט, אז דאָ, אפן הארטן שטיינערנעם באָדן, וועסטו מיט איילעניש און אימפּעט גאָרניט אופטאָן. דאָ דארף מען שטעלן טריט פאמעלעכע און טיפע.

דעם אָקס איז שוין באקאנט דאָס גרילצנדיקע געשריי פון דעם אווטאָמאָביל, בלייבט ער האכנאַעדיק שטיין, ווארט מיט אָקסישן גלייכגילט, ביז זיין באלעבאָס וועט ענדיקן ריידן מיטן אגראָנאָם.

דער ייִד איז א שווארצער, רירעוודיקער, שטייט א רעגע ניט איין אף איין אָרט. אף די פּלייצעס טראָגט ער אן אלטן אויסגעטראָגענעם סורדוט, אף די פּיס — ליינוונטענע הויזן, באָר־וועס. ער שטייט אפן אווטאָמאָביל־גאַנעק און דערציילט א פארפלאָנטערטע מייסע וועגן צוויי שטעטלדיקע ייִדן... די ייִדן האָבן אים געגעבן געלט, ער זאָל פאר זיי אָנקוקן און פארפעסטיקן א נאכלע... דאָס געלט זייערס האָט ער פארטאָן אפן אָקס־און־וואָגן... און קיין ערד פאר זיי איז ניטאָ... איז עפּשער קאָן דינאָר אים געבן א צעטעלע, אז ער איז א קאפּצן, בלויז א צעטעלע.

דער אָקס האָט שוין פון דערפארונג געוווּסט, אז פון די אלע הינטערוועגישע שמועסן קומט גאָרניט ארויס, אז סיי־ווי־סיי וועט ער דעם באלעבאָס זיינעם דארפן פירן אין דער דער־בייקער שטאָט, אין קאַנטאָר אריין... דעם אָקס איז דערעסן געוואָרן שטיין אָן טאכלעס אפן צעדרייטן וועג, האָט ער דעם וואָגן און געשפּאַן א שלעפּ געטאָן פון אָרט — אוועק מיט א געבויגענעם קאָפּ צום יישעוו.

דער ייִד איז פונעם אווטאָמאָביל־גאַנעק אראָפּגעשפּרונגען, מיט באָרוועסע פּיס נאָכן אָקס־און־וואָגן געלאָפן און גוטמוטיק דעם אָקס געזידלט:

— שטיי, בעהיימו!.. שטיי, אָקסענער קאָפּ!.. א וואָרט מיט א מענטשן לאָזט ער מיר ניט אויסריידן.

דער אויטאָמאָביל פאָרט מיט אָפּטע איבערײַסן.

פון דער ברעג־יאַמיקער שטאָט, פון יעווּפּאַטאָריע, ציִען זיך פורן, באַזעצט מיט יידישע פויערים.

זיי קוקן בייז אפן אויסגעטריקנטן הימל, א הימל, וואָס ליגט שוין וואָכנלאַנג אָן א טראָפּן פײַכטקייט אף אויסגעדאַרטע, אויסגעטריקנטע פעלדער. א ווינט ברענגט צו שלעפּן א שטיק וואָלקן פון יאַם. דער וואָלקן קריכט אָן פּאַמעלעך, ער איז א שווערער, בײַכיקער, מיט צוויי העלע פלעקן אינדערמיט.

אין די בייזע אויגן פון די פויערים צינדט זיך אָן א פרייד; אין צעקנייטשטע, פאַרברוינטע צורעס לײַטערט זיך אויס א האָפענונג:

— א רעגן!!!

— שלוימע, א רעגן!!!

קײַקלט זיך דורך די פריידיקע בסורע אין פוסטן פאַרטריקנטן סטעפּ, קײַקלט זיך דורך פון וואָגן צו וואָגן, קלינגט אָפּ אין פויערישע הערצער מיט גליק, מיט געדרעטעניש, מיט אויפגעגאַנגענעם ברויט אף אויסגעטריקנטע פעלדער.

זיצן יידישע פויערים אין די לאַנגע הילצערנע פורן, די קעפּ פאַריסן צום שוואַרצן וואָלקן מיט די צוויי העלע פלעקן אינמיט, און וואַרטן אפן רעגן, ווי פריִער, בא גאַנעקעס פון פוסטע קרעמלעך אף לייזונג, און דער רעגן, ווי די געגאַרטע לייזונג אַמאָל, קומט ניט; א ווינט צערײַסט דעם וואָלקן, צעשפּרייט אים אף שטיקלעך און לאָזט אים הענגען אף קעפּ פון פויערים, ווי קריִע; א גלייזקע דאָרעם־זון, א געלע, שאַרפע, ווי יאַרציַיט־ליכט, ברענט אָן א טראָפּן ראַכמאָנעס די פויערישע האָפענונגען.

אויגן בא די פויערים לעשן זיך אויס, פּנעמער ווערן צוריק שוואַרץ און צעקנייטשט, ווי דער צעריסענער וואָלקן וואָלט זיך צו זיי אין די צעקנייטשטע צורעס פאַרקליבן, און לאַנגע בײַטשן קנאַקן אין קאָס אף דאַרע רוקנס פון מידע אָקסן:

— ניטאָ קיין רעגן!

— ניטאָ. א פאַרשאָלטענע געגנט דאָ.

כ א נ ע

כאַנע זיצט אף א בערגל, בא א קופּע אויסגעזעגטע שטיינער און קײַט א שטיק סיטנע ברויט. זי דערהערט פונדערווײַט דאָס פײַפן פונעם אויטאָמאָביל, שפּרינגט אוף פון אָרט, ווי זי וואָלט זיך קלײַבן אונדז לויפן אנטקעגן.

אָנשטאָט צו לויפן אונדז אנטקעגן ציט זי אַרוף אפן פּאָנעם גלײַכגילט און קײַט ווײַטער איר שטיק ברויט.

בער דערקענט זי פונווײַטן, דערקענט זי נאָכן פאַרביקן קאָרטענעם קלייד, וואָס זיצט פעסט אַרום איר יונגן גוף אַרומגעוויקלט. די רונדע אויגן בא בערן ווערן אופגעלעבט, ייִנגלשער, און זײַן גאַנצער שלעכט־אָפּגעהובלטער גוף ציט זיך אָן, ווי ער וואָלט וועלן א שפּרונג טאָן.

— ווער איז זי?

— א יונגע פויערטע, זי איז אַהער געקומען פון א ווײַסרוסיש שטעטל אַסטראַשיצקי־האָראַדאָק... מיט דער צײַט וועט זי נאָך זיך פירן די היגע פויערים... זי אַרבעט גוט...

בער באַמיט זיך ריידן גלאַסן און פויל, ווי די יונגע פויערטע באַם בערגל שטיינער גייט אים אָן, אײנע פון א סאַך פויערטעס, וואָס וועלן מיט דער צײַט גוט אַרבעטן...

נאָר די אויגן קוקן צו ברייט און אופגעלעבט, און די ווערטער פון פאַרטריקנטע ליפּן פאַלן צו ווייך און באַהאַרצט.

בער שרײַט פונעם אויטאָמאָביל:

— כאַנע, וואָס טוט איר דאָ?

— איך היט די שטיינער.

— ווו איז גערשן?

— אוועקגעפאָרן אין שטאָט.

— ער האָט הײַנט געאַרבעט?

— ביז זיבן אינדערפרי, באלד וועט ער זיך אומקערן.

כאַנע קוקט ניט אַף בערן. כאַנע קוקט אַף די אויסגעזעגטע שטיינער, וואָס זעען אויס, ווי גרויסע סאַלדאַטישע לאַבנס ברויט. בער שטייט האַרט לעבן איר און זוכט ווערטער, זוכט און געפינט ניט. כאַנע קערט אויס איר פּנים צום אַגראַנאָם און דערציילט פריילעך:

— איר ווייסט, כאַווער דינאַר... איך בין נעכטן אינדערפרי געווען באַ אייך...

בערס אייגן ווערן גרעסער, רונדער, און אַ רויטקייט פאַרשווענקט זײַן אָפּגעברענט פּאַ־נעם. ער פרעגט פאַרוואונדערט:

— אין שטאָט?

כאַנע לאַכט זיך הילכיק פאַנאַנדער, צוויי שורעלעך ציין פינקלען אַף דער זון. די ציינער זײַנען געדיכטע, שמאָלע און קריכן אָן איינע אַף די אַנדערע.

— מיט וועמען זײַט איר געפאָרן?

— איך בין צופוס געגאַנגען.

— צוויי און צוואַנציק וויאָרסט!

— איך בין אַרויס פאַרטאָג, אינדערפרי בין איך שוין געווען באַ אייך.

— און ניט געטראָפן?

— איר האָט ניט געגעבן, ער שטייט אין דער הינטער. אַנט פאַרגלייכט זיך מיט אַ שטיק פעדער אויף זיין בערג־מיט...

אַף כאַנעס פּנים רוקט זיך אָן אַ באַרויגעזדיק וואָלקנדל, פאַרציט אים מיט פאַרדראָס פאַר צוויי און צוואַנציק וויאָרסט צופוס גיין... און עפּשער טוט איר ווײ, וואָס דינאַר האָט די פאַריקע נאַכט ניט גענעכטיקט אין דער היים?

— כאַנע, פאַרוואָס האָט איר ניט געזאָגט, אַז איר וועט באַ מיר זײַן?

די ווערטער פון בערס איבערגעטריקנטע ליפּן פאַלן איצט הייזעריק, מיט אַ שטאַרקער כאַראַטע פאַר אַ פאַרשפּילטער באַגעגעניש. כאַנע ענטפערט גאָרניט. כאַנע האָט איר שמאָלן גוף אויסגעקערט צום סטעפּ, צו דער זון און געשוויגן.

בער איז מיט איבערגעטריבענע גיכע טריט אוועק אַהין, ווו אַכט זעגער האָבן מיט קורצע זעגן געשניטן דעם שטיין פון באָדן.

אַף קעפּ פון אַרבעטער איז געלעגן אַ מאַסיווער שטיינערנער דעק, געלעגן שווער און צעשרומפּן אין שאַרפע ווינקלען, ווענט האָבן זיך געשלענגלט טיף־טיף, געעפנט שמאָלע צע־דרייטע דורכגאַנגען און שפּאַלטן, און וואָס ווײַטער בער איז געקראָכן, אַלץ טונקעלער און קילער איז אין הייל געוואָרן. דער הייל האָט שטאַרק דערמאָנט אַ פרישע, ניט לאַנג אָפּגעג־ריסענע קוילן־שאַכטע.

און די לופט איז דאָ אויך געווען אַזאַ געדיכטע, אָנגעשטרענגטע, אָט־אָט רײַסט זיך אָפּ אַ שטיק דאַך און פאַרשיט און באַגראָבט די אַכט זעגער איינעם מיט בערן...

ניין, דער דאַך האָט זיך ניט אָפּגעריסן, געבליבן הענגען מיט זײַן שאַרפן פאַרשניטענעם קאָפּ צו דער זון פאַריסן, און בער מיט די אַכט אַרבעטער האָבן געגומען מעסטן די ברייט־לענג פון די אַנגעוואָרפענע שטיינער.

איך בין געזעסן אָפּגערוקט און פונווײַטן געקוקט, ווי די אַכט זעגער שנײַדן מיט קורצע זעגן דעם שטיין פון באָדן און געטראַכט אַזוי:

„טויזנטער יאָרן איז שטיינערנער באָדן געלעגן שטום און פאַרגליווערט, געבענקט אין עלנטער פאַרלאָזנקײַט, אין סטעפּישער פוסטקײַט נאָך מענטשישע טריט. זעלטן־ווען האָט זיך אַ טאָטערשע איינזאַמע פור געשלעפּט אַף זײַנע ברייטן, געשלעפּט זיך צענדליקער מײַלן צו אַ פאַרוואָרפענעם דערפל, און ווידער האָט אַ דאַרעם־זון געבאָוועט איר היץ אין לאַנגע אויס־געצויגענע זומער־טעג; ווידער האָבן סטעפּישע ווינטן געפּוסטעפּאַסעוועט אין ווילדע שטעכיקע גראָזן, און באַ דער נאַכט, ווען די זון ווערט רויט און קײַלעכיק, ווי אַ שטיק צעשמאָלצן אײַזן, און יאָם־כוואַליעס שרײַען, ווי ניט דערקווילעטע אָקסן, — באַ דער נאַכט קושן גרויע שוימיקע קעפּ פון פאַרמאַטערטע כוואַליעס דעם זאַמדיקן ברעג, קושן אים טויזנטער יאָרן און ווערן ניט זאַט.

„האָט אַ פאַרלאָזענער סטעפּ ניט געוואָרט, ניט געכאַלעמט, אַז עס וועלן זיך יידישע שטעטלעך מיט נעמען פאַרגעסענע און צוגעלעגענע:

האָראָדאָק, קאַפּוליע, סלוצק, אָוורוטש,

נעסוויזש, פּאַריטש, זעמבין, טשערעשני, נעמיראָוו.

פון די צוגעבונדענע ערטער אָפּרײַסן, אָפּרײַסן זיך און אוועקגיין צופוס און אַף באַנען, אַף פערד און אַף אָקסן, זוכן ערד און ברויט אַפּן ברעג פון שוואַרצן יאָם.

„סטעפּ האָט ניט געזען, ווי הילצערנע, האַלב־אײַנגעפאַלענע קרעמלעך, מיט שילדן אַלטע

און פאַרזשאַווערטע, ווי מאַצייווע־שטיינער, האָבן בלינד באַגלייט יידן בערדיקע און געגאָלטע, מיט ווייבער און קינדער, מיט שטוביקן אַלטוואַרג און דאַלעס.

„סטעפּ האָט ניט געהערט, ווי אין געוועזענע שטעטלשע באַטעמעדראָשים — איצטיקע קלובן, — זיינען רעדנער ביז שפּעט אינדערנאַכט געשטאַנען אויף טריבונעס, געוועזענע בימעס, און געדעדט וועגן ערד און טאַכלעס פאַר קינדער. און יידן האָבן געהערט און יידן האָבן פאַרשטאַנען, אַז שווער וועט זיין דער וועג, נאָך שווערער די פּויערשע מי, נאָר שטאַרבן דאָ פאַר הונגער, בײַ גאַנעקעס פון טויטע קרעמלעך ווילן מיר ניט.

„און יידן זיינען געפאָרן צו ערד, ווי אַמאָל אין פאַרצייטן צו כאַסענעס: מיט מאַטאָנעס און באַגלייטער, מיט געוויין און ווינטשעונישן. פאַרויס האָבן שטעטלדיקע קלעזמער געדימפּלט דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און לייוונטענע פאַנען האָבן איבער קעפּ געפלאַטערט, ווי כופּע־שטענגלעך.

„שטעטלשע ווייבער האָבן זיך מיט שמוציקע פאַרטעכער געווישט די אויגן, און שוין באַם באַן, באַם סאַמע אָפּפאָרן, דערמאָנט אַן אַלטע באַדכאָנישע ליד.

„די ליד האָבן יידן איצט געדאַרפט ווי ברויט, ווי א העמד אויפן לייב. הייזעריקער געזאַנג האָט זיך שווער געלייגט אויף שינדלדיקע, מיט מאָך פאַרוואַקסענע דעכער, אויף שמאָלע געסלעך, געבליבן ליגן אויף קעפּ פון געלאָזענע קרעמלעך, ווי שוויגערישע קלאָלעס.

„הערט זיך איין איצט דער שטיינערנער באָדן, ווי קורצע מעסערס צעשניידן זיין טויזנט־יאָריקע פאַרגליווערטקייט, פאַרנעמט דעם טיפן טראָט פון אַקער, געשריי פון אייזלדיקן אויטאָמאָביל, געקלאַפּ פון פּויערשע פּורן, און וויל אַלץ נאָך ניט גלייבן, אַז יידן פון ווייס־רוסישע און אוקראַיִנישע שטעטלעך האָבן זיין רו און שטומקייט אויף שטענדיק צעטראָטן."

אַזוי זע איך — אַ געקומענער, אַ פאַרליבטער אין גרויסע איבערוואַנדערונגען. און דער אַגראָנאָם דינאַר זעט ניט אַזוי. דער אַגראָנאָם דינאַר זיצט לאַנג אין דער אַרומרינגלונג פון די זעגער, רעכנט און ציילט, וויפל שטיינער פון באָדן זיי האָבן אויסגעשניטן. פאַר אַן אויסגעזעגטן שטיין צאָלט ער זיי פּופצן קאָפּעקעס. די זעגער זיינען אין קאַס און האָבן טײַנעס:

— צוויי טעג זיינען זיי אַרומגעגאַנגען ליידיק.

— כאַוועך אַגראָנאָם! — שרײַט אַ הויכער ייד מיט אַ געל בערדל און פאַרזשמורעטע אויגן, — מ'דאַרף מאַכן אַ סאָף צו די רײַסערײַען אין קאָלאָניע. צוויי טעג געפאַטערט צוליב יאַשקע טולטשינער, — אים פאַסט ניט, דעם וויסטן באַלעבאָס, בויען זיין „אימעניע" מיט די „רויטע יידעלעך", — אָן וואַלגערן זיך צוויי קופּעס שטיינער און מע רירט זיי ניט... און כאַנע איז מעכוייעוו גאַנצענע טעג דאָ זיצן?.. זי האָט ווייניק אַרבעט אין דער באַלעבאַטישקייט?.. פאַרן היטן דעם סטעפּ וועט מען איר קיין זשאַלעוואַניע ניט צאָלן...

— פאַרדריי דעם קראַן, זיך פאַנאַנדערגערעדט איינמיצקעדערינען. די הענט טויגן אין דער ערד, און דער צונג פאַרדינט רייד. געננג קלאָגן אויף דער מאַראָכע. די נאַכט ליגט שוין אויפן קאָפּ.

דער הויכער ייד ענטפערט גאָרניט, הייבט אויף פון דער ערד די זעג און גייט אַוועק צו דער שטיינערנער וואַנט. דער יונגער באָכער, וואָס האָט אים אָט ערשט געצוואונגען שווײַגן, בלײַבט שטיין אין אָפּגענאַרטער און עטוואָס פאַרלוירענער. ער האָט געהאָפט, אַז דער ייד מיטן געלן בערדל וועט זיך מיט אים פאַרמעסטן, און דאַן וואָלט ער אים דערציילט זיין ייכעס.

ניסן סאַלאָדוכע איז שוין זעקס כאָדאָשים אויף די פאָנדן. די ערשטע צוויי כאָדאָשים האָט ער געשוויגן. שרעק און צעשלאָגנקייט האָט אים פון שטעטל באַגלייט, געזעסן פעסט אויף זיינע דאַרע, עטוואָס אופגעהויבענע פּלייצעס, ווי זיי — די פּלייצעס — וואָלטן שטענדיק און אַלע מאָל געוואַרט אויף אַ קלאַפּ.

אַ געגנגעלע האָט ער געהאַט אַ לייכטס, אַ שווימענדיקס, ווי ער וואָלט מוירע געהאַט די ערד אָנרירן.

אַזוי איז ער צוויי יאָר אומגעשוווּמען מיט זיין לייכט געגנגעלע איבער אַלע מערק פון זיין געגנט, האָט אַרײַנגערוקט זיין עטוואָס אופגעהויבענע פּלייצע צווישן מאַרק־ביידלעך, געקויפט און פאַרקויפט, און איז שטענדיק אַרויס מיט דער טאָרבע און מיט אַ שווערן כויוו דעם פינאַנפּטייל...

— ער וועט זיין אַ פּויער. אויב ער האָט שוין טײַנעס און מאָנט, וועט ער זיין אַ פּויער. ערגער איז געוועזן, ווען ער האָט געשוויגן.

דינאַר מאַכט די לעצטע פאַראָדנונגען און גייט צוריק צום אויטאָמאָביל. כאַנע זיצט אויף איר פּריזיעדיקן אָרט, באַ דער קופּע שטיינער, און אויגן אַראָפּ, צו דער ערד.

דינאַר וואַרפט ווערטער גלאַט אַזוי, אין סטעפּ אַרײַן:

— איך פאָר באַלד אין שטאָט.

כאַנע ווייסט, אַז די געוואָרפענע ווערטער געהערן איר. זי הייבט אויף דעם קאָפּ און ענטפערט פריילעך:

— געזונטערהייט!

בער ציט אַרויף אויפן ברייטן ביינערדיקן פּאָנעם דעם גאַנצן ערנסט און דערקלערט שטאַרק זאַכלעך:

— אויב איר דאַרפט אין שטאָט, קאָן איך אײַך מיטנעמען.

— אַז איך וועל דאַרפן קומען, האָב איך פּיס.

כאַנעס מויעך איז איצט וואַך און בייגעוודיק. זי לאָקערט נאָך יעדן קער און ריר פון בערס געדאַנקען און האָט טאַקע האַנאָע, וואָס בער קאָן זײַן פאַרלאַנג זי צו זען ניט באַהאַלטן הינטער טרוקענע ווערטער־פּעלעכלעך.

בערן ווערט דערעסן איר שפּילן זיך מיט ווערטער, און עפּשער רעגט אים אויף איר קוקן אַראָפּ, ער גייט צו נאָענט צו כאַנען, לייגט אַרויף זײַן גרויסע האַנט צו איר אויף דער פּלייצע, און ווערטער פון זײַנע צעשפּאַלטענע ליפּן זײַנען אָפענע, פּאָשעטע — ווי די פּירקאַנטיקע אויסגעזעגטע שטיינער:

— כאַנע, איך וויל הײַנטיקן אָוונט זײַן מיט אײַך, פּאָרט אין שטאָט...

נאָכן גלאַנץ פון זײַנע אויגן, נאָך זײַן אָפּגעהאַקטן אָטעם ווייסט כאַנע, אַז בער וועט מער קיין איין וואָרט ניט אויסריידן, מער וועט ער ניט בעטן. זי קוקט אַ ווײַלע פאַרלאָרן אין זײַנע ברייטע שווואַרצאַפּלען, וואָס פאַרנעמען איצט דעם גאַנצן קײַלעך פון די אויגן־רייפלעך, און פרעגט שטיל:

— בער, ווו זאָל איך וואַרטן?

— אָט דאָ בײַ די שטיינער. איך פאָר באַלד צוריק.

לייב קוויטקאָ

אין קרייַז פון הייסע זונען

דיכטערישער רעפּאָרטאַזש

1. דער אַעראָפּלאַן

פול דער פּעראָן, מיר — פון זאוואָדן, פון פּרעסע, פון ראַט;
בא פּאָרערס, באַגלייטערס ער — פון יאַפּאַנישן פּראָלעטאַריאַט.
איז פריילעך די שטים. פאַר אַלעמען פון אונדז,
די פענעמער אונטערגעפירט ווו מע זאָל ניט שטעקן.
מיט פרילינג־פאַרנאַכטיקן גרים.
שפּילט אַנדערש דער בליק
צי ערגעץ אין יאַקוטסקער עקן,
און מע שפּירט —
צי ערגעץ אין אוקראַינע,
א יאָמטעוו האָט אַלעמענס לייַב באַרירט.
באַם פּוילישן קאָרדאָן, —

מיט אומגעדולד קאָכט דער לאָקאָמאָטיוו: א יאָמטעוו איז, פון פרייד א גרוס,
נאָר אַפן פּעראָן — אַז ערגעץ זיגט די מי,
גייען נאָך אום מיט באַגלייטערס די שלאָגלערישע פּראַצע.
די פּאַסאַזשירן. די וויַסע זשורנאַליסטן גייט עס אַנדערש אָן, —
מע בייַט זיך מיט אַדרעסן, פאַר אייניקע — פּאַרדרוס,
מע שרייַבט נאָך בריוו, — פאַר אַנדערע — סענסאַציע: —
אונטער דער האַנט מע לאָזט זיך פירן.

ס׳האַלטן נאָך אָפּ די אַרבעטער־דעלעגאַטן „אין ווילדן טורקעסטאַן,
א לעצטע באַראַטונג — אַף איין פוס. אין זאַמד, אין סטעפּ אָן ענדע, —
בורזשואַזע זשורנאַליסטן—פּאַרפומירטע פּאַטן— סאָוועטישע פאַנאַטיקער...
פלירטעווען א לייַכטן שמועס. געלייגט א באַן...
א ווייַל א צעמישעניש, — מע צעשפּאַרט זיך, ס׳איז קאַרג דעם וויַסן
מע לאָזט דעם וועג דעם פירער קאַטאַיאַמען. — אין קאָלאָניע־לענדער,
מיר האָבן דעם פריידיקן גענוס — איצט דאָס האַרץ פאַרסאַמט —
פירן אייַנעם מיט אים דעם גרוס איז נאַ, פּאַריס צום אויסברוך —
אין וויַטן וועג אַזאַ מין. נאַ דיר נאָך א שפּאָן!"

2. א שמועס

גייט אונדזער צוג איבער זאַמדיקע סטעפּישע ערטער,
פון יישעוו צו יישעוו אין ווייַט.
מ׳איז מיד שוין געוואָרן.
די אויסלענדער פּרעסע־לייַט זייַנען פאַרטיפט אין א קערטל.
די מיסטערס, דער הער, די סעניאָרן,
אין אָרענבורג קומען פאַרנעמען די ערטער אַרבקאָרן.

סע גלאַנצט ניט די קליידונג אַף זיי,
נאָר סע גלאַנצן די אויגן,
ניט מאַניקיורטע די נעגל,
הענט, וואָלט איך זאָגן, ווי קלעצער.
די קעפּ זייַנען פרייַ,
און קאָנען זיך קנעכטיש ניט בויגן,

מונטער באקוקט מען דעם גלאַנץ פון וואַגאָן דעם באַזעצטן,
סע שלאָגט זיך אָן מיט די בליקן —

די לײַט פון ביידע סיסטעמען.
זײַנען אַרבקאָרן נאָך יונג,
נאָר אין קאַמף שוין געפּעסטיקט:
שטום, אין געדאַנק אַף א ווײַל א געראַנגל —
„ווער וועמען?"
סע ציִען די אויסלענדער אַפּ
מיט די בליקן צום פענצטער.
און איינער פון זיי
פאַר אַרבקאָרן אַרויסזאָגט א מיינונג:
„ס'א לענדל אָן טראַקטן,
אָן מענטשן,
א לענדל פון בלויז קאַראַוואַנען".
אים ענטפערט א יונגער אַרבקאָר א טאַדזשיק,
און מונטערקײַט שײַנט פון די ציינער: —
„פאַרגעסט ניט,
ס'איז דײַטשלאַנד און פראַנקרײַך און שפּאַניע,
איטאַליע אינאיינעם —
קלענער פון לענדל פון איינעם,
פון דעם קאַזאַכסטאַנער!

„די באַזע פון באַוול וועט זײַן דאָ
אין טשימקענט, אולע־אַטאַ, דזשאַרקענט,
רײַז אין די טאָלן פון טשו און אילי.
פּיצוכט און ברויט — אין די קרײַזן
אַלמאַ־אַטאַער, סיר־דאַריער, סעמיפּאַלאַטער.
און קענדיר, און קענאַף און כאַנדרילע און בלײַ,
און דער קוילן־באַסיין אין קאַראַגאַנדינער קרײַז, —
ס'ווערן געלערנטע בויער די סטעפּיש־קירגיזישע מאַסן".

צערייצן אַרבקאָרישע רייד דעם מאַסיע,
נאָר ער מידט זיך,
אַלס גאַסט, א שמייכל צו טאָן,
ווי סע פּאַסט זיך.

מיר פאָרן באַטאָג אין די היצן,
באַנאַכט אין די קעלטן,
ביז צו די סטעפּעס
באַווײַזן זיך בערגישע קייטן.
זעען די אויסלענדער יורטעס און מוילהעזלען —
קווועלט מען:
די בונטע עקזאָטיק אין שיינע בלאָקנאָטס מע צעקווייטלט.
„די באַיען, באַסמאַטשן,
פון מעכטיקע מעלוכעס געשטיצטע,
האָבן האַריגעס פאַרקאָכט דאָ,
די מאַסן פאַרקנעכטן.
זיי האָבן געטייט און גערויבט,
איצטער..."
ער בייגט זיך צום פענצטער און שמייכלט: —
„אָט, א באַן דאָ דערבויעט..."
— עוויען, עוויען!
און דער בליק דעם מאַסיעס איז פאַרטרויערט

דער רועך זאָל אים וויסן, דעם גײַסט
פון פּאַריזשער קאָמונע!
געשטאַלט אין די קוזניעס פון קאַמף —
די אייניקס נאָך דרייסטער פון זיידעס.
פאַרפּעסטיקט אַף זעקסטל פון ערד —
זײַנען פון וועלט די סאַקאָנע, —
און אומדערהערט אַנטשיידן.

איז שוין די שטימונג געשלאָגן
בא פּײַנע פאַרשוינען.
זיי פרעגן זיך נאָך וועגן מיטיק,
דער וועג זיי — א לאַנגווײַליק־מאַטער.
אַרבקאָרן פאַרברוינטע
דערציילן אונדז ווײַטער
וועגן די פריידן און ליידן
אַפן גיגאַנט סטאַלינגראַדער.

3. באַגעגעניש

ערשט ווען מיר קומען קיין אַריס,
טוט א שײַן אַף דעם מאָסיע די שכינע,
ווי אויך אַף אַלע זײַנע פריינט
גייט אויף א שטימונג זיס.

מיט פלינקע פיס אַף דעם פעראָן,
מיט פריילעכן „האַלאָ"
איינס דעם צווייטן רופן:
ענדלעך, האָבן זיי אין וואָס דאָ קילן זיך געפינען:
אָנגעקומען איז אַן עשעלאָן
ארויסגעשיקטע באַלעגופים, —
באַיען אַנטבאַיעטע — צווישן און דרינען, —
וואָס מיר פון גאַנצן האַרצן זיי פאַרגינען.

פון פּאַטאָ־אַפּאַראַטן
גייט א קנאַקערײַ:
ארוף אַף א בוים,
אַף א טרעפּ,
אַף א דאַך, —
כאַפּט מען אַראָפּ די מעציע — דעם באַי,
פון שנאָרען, פון טנועס, פון פראַגן
דרינגט ארויס אַפן אויבערפלאַך
א קאַפּל קאָנטררעוואָליוציע
אַף צעדרייטער שפּראַך.

און פון יענער זײַט וואָקזאַל,
אַף באַפּרײַטע פעלדער
א טראַקטאָר־קאַלאָנע טאַראַראַכט.

4. א הייליקנס טפילע

— אַלאַ איל אַלאַ!
קלינגט אין פאַרטאָג
א טפילעדיק קאָל.

די זון איז נאָך ווײַט
פון בוכאַרע.

טפילעדיק שרײַט
אַן אַלטער דערוויש —
א האַלבער מעס,
באַם שוועל
פון כאַרעוון מעדרעס:
— אַלאַ איל אַלאַ!

„מיט טעמפּלען געשטעמפּלט
די שטאָט האָט אַלאַ,
כאַרעוו, איז כאַרעוו
אַלאַס בוכאַראַ!

„אין גרויסן מעדרעס:
דעם רועכס טשאיכאַנאַ,
דעם רועכס פאַרטרעטן.
אָף הייליקע כורוועס,
אַלאַס מעטשעטן, —
האָבן די רוכעס
געשטעלט אַ קאַלאַנטשאַ!

קלינגט בעקאָל־ראָם:
„ — אַלאַ איל אַלאַ!
אין פעסטונג דעם עמירס —
דער אויספּירקאָם.
„און פרויען ברעכן
די הייליקע קנעכטשאַפט,
ווערן ווידערשפּעניק,
ווערן גלײַך צו מענער. —
אַלאַ איל אַלאַ! —
זיי שמיצן אַראָפּ
די פאַראַנדזשאַ!

„אין הייליקן סאַמאַרקאַנד
איז קאָנדוקטאָר אין טראַמווײַ
אַן אָפּגעדעקטע פרוי.
זי גיט מענער בילעטן
מיט דער הוילער האַנט.

„דאָס זינדיקע פאָלק
בויט זינדיק געבײַ,
די פעלדער־באַוואַסערונג —
גערויבט בא דעם באַי.
„אָף פעלדער זייען זיי
דער רועך ווייסט וואָס:
באַוול און באַוול —
דאָס זינדיקע גראָז.

„אַלאַ איל אַלאַ! —
מיט זינדיקן פאָלק
פירט אָן אַ פרוי —
אַבי־דוווא.[1]
„קעגן דיר, אַלאַ,
און קעגן דײַן מולאַ.
שטראָף זי, שטראָף,
זי זיצט אין שלאָס דעם עמירס
אָן אַ פאַראַנדזשאַ
אָפן ערשטן שטול!"

רײַסט זיך דער אַלטער דערוויש
בא שוועלן פון כאַרווע מעדרעסן
און פאַלט כאַלאַשעס
אָף זײַן שטאָק:
די הייליקע בושעלס,
וואָס האַלטן נאָך אײַן זייערע נעסטן
אָף רעשטלעך פון מישקנס,
מעטשעטן, —
קנאַקן מיט שנאָבלען,
ווי מיט טשערעטן:
„טשראַק־טשראַק".

[1] פאַרטרעטער פון פאַרזיצער פון ציק פון אוזססר.

5. איבער דער איליער בריק

אין אילי האָבן אַרבעטער
געוואַרט אָף אונדז שוין לאַנג:
יונגע, אין רייען,
און זעלטן־ווו
פון שווערער מי
אַ צעאַקערטער פּאָנעם.

די יישעוולעך זײַנען דאָ נײַ,
און נײַ זײַנען אויך די פּאָנען.
די מאַכנע מאָנגאָלישע קינדער, —
געטרײַ די האַלדזטיכלעך פאַרבונדן,
קומען מיט געזאַנג.

אַרבעטער טרעטן אַרויס
וועגן טעמפּ און שטורעם,
באַרײַסערס, קלאָגערס, שיקורים, —
וועגן כעסרוינעס,
וואָס לאָזן קיינעם צורה.
טרײַבערס פאַרלאָזן
די קעמלען באַם ברונעם,
פאַרקנייטשנדיק פּנעמער ברוינע,
הערן צו.

פאַרטרעטער פון ראַט, —
זײַן וואָרט ער ווענדט צו די קינדער:
קירגיזישער לאָשן צעבינדן,
אָף פּנעמלעך פאַלט און צעצינדט זיי.

פלינק, אין בונטן כאַלאַט
זײַן דאַר געשטאַלט
בייגט זיך און ווײַזט
אַרום זיך, אָף ערטער, —
שטעמפּלענדיק זיי מיט האַרטע ווערטער,
שאַרף מיט דער האַנט
די לופט ער שפּאַרט.

— דאָ,
קינדער,
פאַרגעדענקט:
דאָ זײַנען בלאָטעס געווען,
איליער גריבער.
דאָ האָט מען געקרענקט,
געפייגערט פון פעסט און פון פיבער,—
באַלשעוויקעס — אײַערע עלטערן,
האָבן עס אַלץ אָפּגעשווענקט,
געלייגט דעם גרונט
פאַר א לעבן א שיינס,
און ווײַטער צום בויען נעמט איר עס איבער.

נאָכדעם פירט אונדז אַלעמען
דער אינזשעניער
אָנקוקן די בריק —
דאָס גרויסע, נײַע ווערק.
ווי שווער, ווי שווער
איז אָנגעקומען דאָ דער שטיק:
כּוץ דעם מידבאַר־וויסט,
כּוץ דעם טײַכס דערווילדער שטראָם, —
האָט שטענדיק אויסגעפעלט
בריקבוי־מאַטעריאַל,
פּראָדוקטן, קראַם,
נאָר ניט געפעלט האָבן ליידיקגייער
און שעדיקער.

טוט מען אונדז דעם קאָוועד אָן:
אונדזער צוג זאָל זײַן דער ערשטער צוג,
וואָס באַנײַט די בריק:
איבער ערשט געוועזענעם סאַקאָנע־גרוב
דורכפירן די ערשטע רויטע פאָן
פון אונדזער זיג.
גייט דורך צווישן אויסלענדער בעסאַד,
א מורמל צווישן זיך:
„דעם לאָקאָמאָטיוו וועט ניט אויסהאַלט די
בריק...״
זיי קריכן איינציקווײַז פון באַן אַראָפּ,
בלײַבן אַף צוריק.
ווען מיר דערוויסן זיך,
איז קורץ אונדזער באַשלוס:
זאָלן זיי זיך נאָכשלעפּן צופוס.

צו דעם לאָקאָמאָטיוו
מיר טשעפּען צו א צווייטן —
און אַרוף, און באַקלעפּן,
ווו נאָר א טרעפּל, א שטאַנג.
מיר פאָרן אַרוף אַפּן בריק
מיטן דאָפּל־מאַסיוו,
מיט געזאַנג.

מיר קוקן זיך אום אַף צוריק:
זיי קײַען קוים מיט די פיס דעם זאַמד.
מיר שטעלן זיך אָפּ און וואַרטן לאַנג.

ערשטער פּינפּיאָר—אָנגעשטרענגטע מי

1. די עפענונג פונעם גוס־צעך בא דער קרע־מענטשוקער יידישער פּראָפשול

2. יידישע פּיאָנערן צוגאסט בא אן אלטן שמיד

3. אומקערנדיק זיך פונעם פעלד

1



2

3

ערשטער פינפיאָר—אָנגעשטרענגטע מי

באם אָפּרייניקן אן אריק אין א ייִדישן קאָל־
ווירט אין אוזבעקיסטאן

ער איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן קאַרטשעווען די טײַגע

אפן צווייטן אלפארבאנדישן ייִדישן קולטור־צוזאמענפאר

אנאטאָלי ריבאַקאָוו

שווערער זאמד

ראָמאַן

17

אזויארום האָט מען צעשאָסן זעכצן מענטשן „פאר אָפּנארן די מאכט”, און אף די איבעריקע ארופגעלייגט א קאָנטריבוציע — פינף הונדערט טויזנט רובל, און ביז די סומע וועט אויסגעצאָלט ווערן, האָט מען גענומען פופציק אָרעוואניקעס, מענער, טאַטעס פון מישפּאָכעס. פון אונדזער הויז האָט מען גענומען קוזניעצאָווס איידעם, מייערן, א בעקער לויט דער פראָפעסיע. אריינטראָגן פינף הונדערט טויזנט, א האלבן מיליאָן, נאָך דעם, ווי מע האָט בא די היגע אלץ צוגענומען, איז, ווי איר פארשטייט, ניט מעגלעך געווען. די, וואָס מע האָט פארטריבן אהער, האָבן ביכלאל גאָרניט געהאט. עס זײַנען, פארשטייט זיך, געווען רײַכע מענטשן, צום בײַשפּיל, דער פעטער יויסעף, נאָר דאָס זײַנען איינציקע, און זיי דאַפקע האָבן גאָרניט אריינגעטראָגן, פארוואָס, וועט איר זיך דערוויסן שפּעטער. די קאָנטריבוציע האָט מען ניט אריינגעטראָגן, און די אָרעוואניקעס זײַנען צעשאָסן געוואָרן. מ׳האָט זיי צעשאָסן אין דעם סאָסנאָווע וואלד, ווו עס זײַנען פריִער געגאנגען די דאטשניקעס מיט די האמאקן, מ׳האָט זיי צעשאָסן לעבן דער וועראנדע, ווו אמאָל האָט דער אַפּטייקער אָריאָל פארקויפט קעפיר, איצט זײַנען דאָרט געווען אויסגעגראָבן טראנשייעס. דער וואלד איז געווען באנאנד מיט דער געטאָ, אלע האָבן געהערט דאָס שיסערײַ פון די אווטאָמאטן און מענטשן האָבן געוווּסט, אז דאָס צעשיסט מען זייערע זין, פאָטערס, ברידער און מענער. דאָך האָט זיך ניט אײַנגעגעבן צונויפזאמלען די קאָנטריבוציע, די געטאָ איז שוין געווען בארויבט. נאָר דערפאר, ווען ס׳איז באַפוילן געוואָרן אָפּגעבן די פוטערנע זאכן: פעלצלעך, היטלען, קעלנער, מאנזשעטן, — איז דאָס אָפּגעגעבן געוואָרן ביז דעם לעצטן פוכעלע, כאָטש מענטשן האָבן געארבעט אין וואלד, און וואָס פאר א פרעסט עס זײַנען געשטאנען, ווייסט איר אליין.

קאָמענדאנט פון דער געטאָ איז געווען דער עסעסאָווען שטאלבע, דער אויבער־הערשער, וואָס האָט געלייזט די פראגן פון לעבן און טויט. דירעקט האָט מיט די איניאָנים פון דער געטאָ אָנגעפירט דער יודנראט, וועלכן עס האָבן אָנגעמערקט די דײַטשן, דער פאָרזיצער פון וועלכן עס איז געווען מײַן פעטער יויסעף ראכלענקאָ, דער איינציקער פון אונדזער מישפּאָכע, וואָס איז מאסקים געווען מיטצוארבעטן מיט די דײַטשן, ער האָט אפילע זיך ניט גערעכנט דערמיט, וואָס זיי האָבן צעשאָסן זײַן אייגענע מוטער — יויסעף האָט זיך ניט עוואקויִרט, דאָס איז געווען זײַן פעלער, פון דעם פעלער האָט ער געמאכט אַן אויספיר, אז ער מיט זײַן רײַכטום טאָר ניט בלײַבן אין א זײַט, מע דארף פארנעמען אַן אָנגעזעען אָרט,

---

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד, נומ. 4, 5, 1979.

און ער איז געוואָרן דער פּאַרזיצער פון יודנראַט. עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ניט אַלע אָנ־פירער פונעם יודנראַט זײַנען געווען אַזעלכע, ווי דער פעטער יוסף. אַ סך האָבן סאַבאָ־טירט די אומענטשלעכע באַפעלן פון די אָקופּאַנטן, געטאָן אַלץ אַף צו פאַרהיטן און פאַרגרינ־גערן דאָס לעבן פון די מענטשן, און זײַנען דערפאַר אומגעקומען. סאָפּקאַלסאָף זײַנען אַלע מיטאַרבעטער פון יודנראַט פאַרניכטעט געוואָרן, סײַ די גוטע, סײַ די שלעכטע, נאָר וועגן מענטשן מישפּעטן מיר ניט נאָר לויט דעם, ווי־אַזוי זיי זײַנען געשטאָרבן, נאָר אויך לויט דעם, ווי־אַזוי זיי האָבן געלעבט. דער טויט קויפט אַ סך אויס, ווען דער טויט איז אַ טאַט. אינעם פאַל פון מײַן פעטער יוסף איז דאָס ניט געווען. דערבײַ איז ער געשטאָרבן מיט אַ באַזונ־דער מין טויט, וועגן וועלכן איך וועל דערציילן.

מײַן טאַטע האָט, באַגלײַך מיט אַלעמען, אָנגעטאָן אַ געלע לאַטע און צוזאַמען מיט דער מאַמען און מיט די קינדער זיך איבערגעקליבן אין הויז פונעם זיידן — אונדזער גאַס איז אין געטאָ ניט אַרײַן. נאָר מײַן פאָטערס מאַמע איז געווען אַ הונדערטפּראָצענטיקע דײַטשקע, איז ער, הייסט עס, געווען, ווי ס׳האָט אָפּיציעל זיך אָנגערופן בא די דײַטשן, „אַ פּערזאָן פון געמישטן אָפּשטאַם".

ווי־אַזוי זיך באַגיין מיט „פּערזאָנען פון געמישטן אָפּשטאַם" איז בא זיי, ווײַזט אויס, ניט געווען קיין פולע קלאָרקײַט, אין איינע פאַלן האָט מען גלײַך זיי פאַרניכטעט, אין אַנדערע — ניט גלײַך, אין דריטע ביכלאַל ניט געטשעפּעט, יענע האָבן געקענט לעבן אויסער דער געטאָ און ניט טראָגן קיין געלע לאַטעס.

דער פּראָטאָקאָל „וואַנזעע"... איר ווייסט, וואָס דאָס איז? איר האָט געהערט... נאָר איך געדענקט ניט... איז אָט, אין אָט דער פּאַפּקע האָב איך צונויפגעזאַמלט אייניקע אויסצוגן פון פאַרשיידענע דאָקומענטן, זיי זײַנען פּובליקירט, די מער אינטערעסאַנטערע האָב איך צונויפ־גענומען. אין וועלכן זין אינטערעסאַנט? אין דעם זין, וואָס דאָ זעט מען, ביז וואָס פאַר אַ גראַד עס קאָן פאַלן דער מענטש. אַהער געהער אויך דער פּראָטאָקאָל „וואַנזעע".

לויט דעם פּראָטאָקאָל טיילן זיך די „פּערזאָנען פון געמישטן אָפּשטאַם" אַף צוויי קאַטע־גאָריעס: די ערשטע שטופע — יידן אַף פופציק פּראָצענט און די צווייטע שטופע — יידן אַף פינף און צוואַנציק פּראָצענט. די ערשטע זײַנען צוגעגלײַכט געוואָרן צו יידן און האָבן גע־דאַרפט אומגעבראַכט ווערן, די צווייטע זײַנען צוגעגלײַכט געוואָרן צו דײַטשן און פאַרניכטן ווערן ניט געדאַרפט, מיטן אויסנאַם פון פאָלגנדיקע צופאַלן (איך ציטיר בוכשטעבלעך):

א) „ניט קיין אָנגענעמער אויסערלעכער אויסזען, וואָס מאַכט אים ענלעך אַף אַ יידן.

ב) אַ שלעכטע פּאָליצײַישע כאַראַקטעריסטיק, פון וועלכער ס׳איז צו זען, אַז די פּערזאָן פילט זיך פאַר אַ יידן און פירט זיך אַלס אַזעלכער". אינעם פּראָטאָקאָל זײַנען פאַראַן פיל פונקטן, וואָס זעען פאַרויס, אַז עמעצער זאָל, גאָט באַהיט, קאָנען אויסמײַדן דעם טויט. נאָר דער פּראָטאָקאָל „וואַנזעע" איז אָנגענומען געוואָרן סאָף יאַנוואַר פונעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר, און צי איז ער דערגאַנגען צו אַלע, באַזונדערס צו די שלאַכט־טעטיקע ראַיאָנען, איז ניט באַוווּסט. איך צווייפל. אין אונדזער שטאָט, צום בײַשפּיל, זײַנען גאַנץ געבליבן צוויי פּרויען „פּאַלוקראָווקעס", איך האָב זיי געזען, געשמועסט מיט זיי. פון אָנפאַנג זײַנען געווען זעקס, מע האָט זיי אַרעסטירט, זיי אויסגעפּאָרשט, אַרויסגעלאָזט, ווידער צוגענומען, געפירט קיין טשערניגאָוו, אומגעקערט זיי, ווידער געפירט... פיר האָט מען סאָפּקאָלסאָף צעשאָסן, נאָר צוויי זײַנען לעבן געבליבן, דאָס זאָגט איידעס, אַז דער פּראָטאָקאָל „וואַנזעע" איז ניט אומע־טום אויסגעפילט געוואָרן.

אויב איך האָב געפונען אָט די פּרויען נאָך דער מילכאָמע, האָבן די מענטשן, וואָס זײַנען דעמלט, אין איין־און־פערציקסטן יאָר, געווען אין געטאָ, פאַרשטייט זיך, געוווּסט, אַז די דאָזיקע זעקס האָט מען ניט פאַרשפּאַרט. דערבײַ האָבן צוויי טעכטער פון דער אַלמאָנע גאָ־ראַדיעצקאַיאַ געהאַט רוסישע מענער, אַרבעטער פון דעפּאָ, און זייערע קינדער, האַלב־רוסי־שע, האָט מען ניט פאַרטריבן אין געטאָ, די מאַמעס האָט מען פאַרטריבן, און די קינדער ניט, מ׳האָט זיי געלאָזט מיט די רוסישע טאַטעס, כאָטש אויך זיי האָט מען סאָפּקאָלסאָף צעשאָסן.

מײַן טאַטע וואָלט געקאָנט מעלדן, אַז ער איז אַ האַלבער דײַטש, נאָר ער האָט עס ניט געטאָן, זיך פאַררעגיסטרירט אַלס ייד און אוועק מיט דער מישפּאָכע אין געטאָ. די היטלע־ריסטן האָבן אַליין ניט געזוכט די, ווענען מע דאַרף טאָן אַ געפעליקײַט, אַ געפעליקײַט האָט מען זיך געדאַרפט בא זיי דערשלאָגן, און אויב דו דערשלאָגסט זיך ניט, רעכנסט זיך פאַר אַ יידן, איז זײַ אַ ייד, צעטייל זייער גוירל.

ווי־אַזוי האָט זיך דערצו באַצויגן די מאַמע? ווײַזט אויס, אַז זי איז ניט באַשטאַנען דערויף, אַז דער טאַטע זאָל אוועקגיין פון דער געטאָ. און איך פאַרשטיי זי. וואָס איז אַזוינס „ענדגיל־טיקע לייזונג פון דער יידישער פראַגע", האָבן זיי נאָך ניט געוווּסט. זיי האָבן געזען גריבער

אין װאַלד, אַלע טאָג פֿאַרבײַגעגאַנגען זײ, נאָר װעגן דעם, אַז די דאָזיקע גריבער דאָס איז זײער גורל, נאָך ניט אָנגעשטױסן זיך. יאָ, דער טױט האָט געלױערט אױף יעדן שפּאַן: פֿון הונגער, פֿון שװערער אַרבעט, מע האָט געקאָנט פּאַשעט צעשאָסן װערן פֿאַר גאָרניט... און דאָך זײַנען זײ צוזאַמען! די מאַמע האָט, פֿאַרשטײט זיך, געװוּסט, אַז די זעקס פֿרױען זײַנען ניט אין געטאָ, נאָר װי אַלע, האָט זי אױך געװוּסט, אַז מע שלעפּט זײ אין פּאָליצײ אױף פֿאַרהערן, מע פֿירט זײ קײן טשערניגאָװ, מע ברענגט זײ צוריק, מע פֿירט זײ װידער, און זײער גורל איז ניט געלײזט, און די מאַמע האָט זיך געשראָקן פֿאַרן פֿאָטער: אױב אים װעט זיך אַפּילע אײַנגעבן אַרױס פֿון געטאָ, איז ניט קלאָר, װאָס עס דערװאַרט אים, — מע קאָן אים פֿאַריאָגן ערגעץ, און זי װעט גאָרניט װיסן. זאָל ער בעסער זײַן דאָ, איר האָט זיך, מינאַסטאַם, געדאַכט, אַז זי װעט אַלעמען קאָנען פֿאַרטײדיקן. אין די שװאַרצע טעג איז אַלץ כּאַרװו געװאָרן, ס'איז געבליבן נאָר די מישפּאָכע, און מע דאַרף זיך האַלטן אײנער פֿאַרן צװײטן, װי מע האָט זיך געהאַלטן אײנער פֿאַרן צװײטן דרײַסיק יאָר, מע איז אַ סך צוזאַמען איבערגע־שטאַנען, מע װעט אױך דאָס איבערקומען.

די מאַמע האָט, װי דער טאַטע און דינע, געאַרבעט אין װאַלד — די סאַמע שרעקלעכסטע און אױסמאַטערנדיקע אַרבעט. פֿאַנאַנדערגעטײלט אױף אַרבעט האָט דער יודנראַט. אין דער שפּיץ פֿונעם יודנראַט איז געשטאַנען דער פֿעטער יױסעף, דער מאַמעס לײַבלעכער ברודער, מיט זײַן הילף װאָלט זי געקאָנט אַרבעטן ערגעץ אױף אַ פֿאַבריק אָדער זאַװאָד. די מאַמע האָט ניט ליב געהאַט יױסעפֿן, נאָר װען עס האַנדלט זיך װעגן לעבן און טױט, קאָן מען דערמיט זיך ניט רעכענען. נאָר דער פֿאָטער מיט דינען האָבן געאַרבעט אין װאַלד, און די מאַמע האָט געװאָלט זײַן מיט זײ באַנאַנד.

אַלע טאָג פֿיר אַזײגער באַגינען האָבן אין דער פֿינצטערניש אונטערן געשרײ און אונטער די קלאַפּס פֿון די פּאָליציאַנטן, אונטער די קלעפּ פֿון נאַהײַקעס, בײַטשן און שטעקנס, אונ־טערן געבײל פֿון הינט, זיך אױסגעשטעלט אױף דער גאַס קאָלאָנעס אַרבעטער... שנעלער, שנע־לער, שנעלער!.. ניט טראַכטן! ניט קלערן! אױסשטעלן זיך צו צװען אין אַ רײ, נעמען זיך פֿאַר די הענט! פֿאַרהאַלטן זיך אױף אַ סעקונדע — אַ קױל! פּאַרױס, מאַרש! לױפֿן, לױפֿן! שנעלער, שנעלער! אָפּגעשטאַנען — אַ קױל! און אַזױ ביזן װאַלד. און צװאַנציק שאָ אין װאַלד. און דער, װאָס איז געפֿאַלן אין װאַלד, — אַ קױל, און װער עס איז אָפּגעשטאַנען אױף צוריקװעגס, — אױך אַ קױל! אָפּדערנאָכט האָבן די מענטשן זיך געשלעפּט אױף צוריק, געטראָגן די, װאָס האָבן ניט געקאָנט גײן, מע האָט זיך געשלעפּט אין שמוציקן שנײ, אײנדערמיט פֿון דער פֿױסטער פֿינצ־טערער גאַס, ס'איז, װײַזט אױס, גילטיק געװען די קאָמענדאַנט־שאָ פֿאַר דער גאַנצער באַפֿעל־קערונג, און עפּשער שױן ניט גילטיק געװען — עפּשער האָט מען פּאַשעט מױרע געהאַט אַרױסגײן פֿון דער שטוב.

און אָט אײנמאָל, װען אַ קאָלאָנע אױסגעמאַטערטע מענטשן, װעלכע ס'האָבן געטריבן פֿון װאַלד די פּאָליציאַנטן, האָט זיך געשלעפּט איבער דער פֿױסטער גאַס, האָט מײַן מאַמע דערזען אױפֿן טראָטואַר די גאָלובינסקאַיאַ... איר געדענקט די גאָלובינסקאַיאַ? איך האָב אײַך דערצײלט װעגן איר: דאָס װײַב פֿונעם דעפּאָ־מעכאַניקער, זי איז אַמאָל געװען פֿאַרליבט אין מײַן טאַטן, געגאַנגען צו אים אין דער יאַטקע... איצט איז די גאָלובינסקאַיאַ, אָן אָנגעטאָענע אין אַ גוטן װינטערדיקן מאַנטל, אין אַ װאַרעם פּוכענעם שאַלכל, געגאַנגען איבער דער הילצערנער קלאַד־קע באַנאַנד מיט דער קאָלאָנע און געקוקט אױפֿן טאַטן... דאָס איז שױן ניט געװען יענער קראַ־סאַװעץ יאַקאָװ איװאַנאָװסקי, װעלכן מ'האָט אַמאָל אין שטאָט גערופֿן דער פֿראַנצױז, איצט איז דאָס געװען אַ סקעלעט אין שמוציקע שמאַטעס... איך װײס ניט. נאָר איך װײס, װי אַזױ די מאַמע האָט זיך דערצו באַצױגן. זי האָט אױף אַ קאָל, אַז אַלע זאָלן הערן, און געװיס האָט עס גאָלובינסקאַיאַ אַלײן אױך געהערט, אױסגעשריגן:

— פּאָליצײיִשע רעדנדע!

דער מאַן פֿון דער גאָלובינסקאַיאַ איז געװען דער שעף פֿון פּאָליצײ.

שטעלט זיך פֿאָר, אַז די גאָלובינסקאַיאַ האָט געזוכט מיט די אױגן ניט נאָר דעם טאַטן...

פֿאַרשטײט זיך, אַז די מענטשלעכע גורלאָלעס קרײצן זיך אָפּט איבער אױף אומגעװײנלעכע אױפֿאַנים, נאָר אין געגעבענעם פֿאַל איז קײן שום אומגעװײנלעכס ניט פֿאָרגעקומען. אַ קלײן שטעטל, מענטשן האָבן אָפּגעלעבט באַנאַנד אַ גאַנץ לעבן, אַלע קענען אײנער דעם אַנדערן, און כאָטש די געטאָ איז געװען איזאָלירט פֿון דער איבעריקער באַפֿעלקערונג, האָבן אַלע געװוּסט, װאָס אין געטאָ טוט זיך. און דאָס, װאָס גאָלובינסקאַיאַ האָט זיך באַװיזן אױף דער גאַס גראָד דאַן, װען מ'האָט פֿון װאַלד געטריבן די אַרבעטער־קאָלאָנע און געזוכט צװישן אַלע דעם טאַטן מיט דער מאַמען, איז קײן שום אױסערגעװײנלעכס ניט געװען, ניט געװײנלעך און אױסערליש איז געװען עפּעס אַנדערש: די גאָלובינסקאַיאַ האָט געזוכט גופֿע די מאַמע, און

מיטן ווּנק באַוויזן, אַז זי וויל זיך מיט איר באַגעגענען. און די מאַמע האָט עס פאַרשטאַנען און כאָטש זײַנערצײַט איז גאַלובינסקאַיא געווען דער מאַמעס סוינע נומער איינס, איז זי דאָך איר געגאַנגען אַנטקעגן, כאָטש יעדער מין קאָנטאַקט צווישן די אײַנוווינער פון שטאָט און די, וואָס געפינען זיך אין געטאָ, איז פאַרבאָטן געווען אונטערן געפאַר פון טויט.

נאָך דער מילכאָמע, ניין, נאָך בייס דער מילכאָמע, אין פיר־און־פערציקסטן יאָר, ווען איך בין געקומען אין אָרלויוו, האָב איך זיך באַגעגנט מיט דער גאַלובינסקאַיא. איר גורל איז געווען זייער אַ טרויעריקער. דער מאַן האָט אַנטיילגענומען אין די דײַטשישע אַקציעס, אונדזערע האָבן אים געמישפּעט און אים אויפגעהאַנגען. ריכטיק געטאָן — דאָס איז געווען אַ כּײַע. בעסער פון אַלץ וואָלט געווען פאַר דער גאַלובינסקאַיא ערגעץ אַוועקפאָרן: די אײדעס פון אירע גוטע מײַסים זײַנען אומגעקומען, עס זײַנען געבליבן די אײדעס פון איר מאַנס פאַרברעכן, איר פאַרשטייט, ווי אַזוי מענטשן האָבן זיך צו איר באַצויגן, איך כאָזער איבער, זי וואָלט געדאַרפט אַוועקפאָרן, נאָר זי איז ניט אַוועקגעפאָרן, מעגלעך, אַז עס האָבן ניט געקלעקט קיין קויכעס, דאָס איז געווען אַ צעבראָכענע פרוי, אַ שטילע, אַ שוויַגנדיקע, קאָן זײַן אַ ביסל אַ צעדרייטע. כ׳האָב אַפילע ניט געקענט, ווי עס דאַרף צו זײַן, אויסקלאָרן, וויאַזוי האָט זיך איר אײַנגעגעבן באַגעגענען מיט דער מאַמען, פאַר אַזאַ באַגעגעניש האָט דער מאַן זי געקאָנט האַרגענען.

נאָר זיי האָבן זיך באַגעגנט, און אָט וואָס זי האָט דערציילט דער מאַמען:

— ראַכיל, אין טשערניגאָוו האָט מען באַפרײַט די „פּאַלוקראַוווקעס", ס׳איז פאַראַן אַ באַפעל זיי ניט טשעפּען, מע דאַרף באַפרײַען אויך דײַן יאַקאָוון, אין דעפאָ פאָדערט זיך אַ פאַרוואַלטער פונעם סקלאַד, זאָל יאַקאָוו זיך דורכשמועסן מיט איוואַן קאַרלאָוויטשן, באַ אים וועט יאַקאָוו זײַן אויסער געפאַר.

די מאַמע האָט ניט געענדערט איר באַציִונג צו מענטשן, און דאָך האָט זי דער גאַלובינסקאַיא, דעם ווײַב פון פּאָליצײַ־שעף, דעם ווײַב פונעם הענקער און פאַרעטער, שטעלט אײַך פאָר, געגלייבט. געגלייבט און באַשלאָסן: אויב מע וועט יאַנקעוון נעמען אין דעפאָ, אַפן סקלאַד, אַף דער אײַזנבאַן־ליניע, הייסט עס, אַז מע וועט אים אין ערגעץ ניט פאַרשיקן, ער וועט זײַן דאָ, אין שטאָט. מע וועט אים קאָנען ראַטעווען און מע דאַרף אים ראַטעווען, וואָס עס זאָל ניט דערוואַרטן זי, דינען, סאַשען, נאָר דעם טאַטן דאַרף מען ראַטעווען.

און זי האָט געזאָגט צו אים:

— גיי און זאָג, אַז דו ביסט אַ האַלבער דײַטש.

— איך וועל ניט גיין, — האָט געענטפערט דער טאַטע, — דײַן גורל איז מײַן גורל.

נאָר די מאַמע איז באַשטאַנען, געוויינט:

— איך בעט דיך, יאַנקעוו, מוטשע מיך ניט! גיי צו איוואַן קאַרלאָוויטשן, גיי אוועק פונדאַנען, דו דאַרפסט לעבן. אַז דו וועסט ראַטעווען זיך, וועסטו עפּשער אויך ראַטעווען אונדז.

זי האָט געזאָגט דאָס, וואָס זי האָט ניט געקלערט, געוווּסט: זיי ראַטעווען איז אוממעגלעך. נאָר זי האָט אויך געוווּסט, אַז צוליב זיך וועט דער טאַטע ניט אַוועקגיין. דער טאַטע האָט אויך געוווּסט, אַז ראַטן זיי איז אוממעגלעך, און זיך ראַטעווען אָן זיי — ניט געוואָלט.

און ער האָט געענטפערט:

— ראַכיל, איך האָב מײַנס געזאָגט. און מער זאָל וועגן דעם קיין וואָרט ניט געזאָגט ווערן.

נאָר די מאַמע האָט געטאָן אַף איר אויפן.

אין שטאָט זײַנען געווען דרײַ דײַטשישע קאָמענדאַנטן. דער מיליטערישער קאָמענדאַנט לייטענאַנט ריינגאַרדט, דערנאָך דער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ שטאַלבע, און דער קאָמענדאַנט פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע קאַפּיטאַן לע־קורט. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דער עלטסטער וואָלט געדאַרפט זײַן ריינגאַרדט — דער מיליטערישער קאָמענדאַנט פון דער שטאָט. נאָר ס׳איז געווען ניט אַזוי. שטאַלבע, דער קאָמענדאַנט פון דער געטאָ, האָט זיך אונטערגעוואָרפן זײַן עסעס־שעף, דער גורל פון די ייִדן איז געווען אין זײַנע הענט, ער האָט געהאַט אופגאַבעס, אין וועלכע ריינגאַרדט האָט זיך ניט אַרײַנגעמישט. וואָס איז נעגייע לע־קורטן, האָט ער אָנגעפירט מיט אַ באַגרענעצטן באַצירק, מיט דער אײַזנבאַן־ליניע, און אַזויאַרום געווען, ווי די דריטע פערזאָן, נאָר דאָס איז געווען ניט אַזוי. אונדזער סטאַנציע איז געווען אַף דער גרענעץ פון דער פראָנט־זאָנע אַף דער איבערקרייצונג פון צוויי אַרמייִשע גרופּירונגען, די דײַטשן האָבן שטאַרק זי אָפּגעהיט, צוליב איר גרייט געווען מאַקריוו זײַן מיט אַלע אונטערנעמונגען פון דער שטאָט און אַפילע מיט דער פאַרגרײטונג פון וואַלד. די אינטערעסן פון דער אײַזנבאַן־ליניע איז אונטערגעאָרדנט געווען אַלץ. דערין איז באַשטאַנען די ראָל פון לע־קורטן. ער איז

געווען אין שטאָט דער סאַמע אָפּווירקנדיקער אָפּיצער, דערבײַ נאָך דער עלטסטער לויטן ראַנג. אַ מענטש אָן אומאָפּהענגיקער, ענערגישער, און מעגלעך ניט אַזאַ רעצייעך און סאַ־דיסט, ווי אַנדערע, נאָר דִי אופגאַבעס זײַנע זײַנען געווען ניט קיין גרינגע. די מיטאַרבעטער פון דער סטאַנציע, קימאַט דער גאַנצער טעכנישער פּערסאָנאַל איז אַוועק מיט אונדזער מיליטער, די מיטאַרבעטער־ייִדן האָט מען פון אַזאַ וויכטיקן סטראַטעגישן אָביעקט באַזײַטיקט. מע האָט זיי געבראַכט צו טרײַבן פון דער געטאָ נאָר אָף אָנלאָדן און אויסלאָדן די וואַגאָנען, אָף אָפּרייניקן די ליניע נאָך די באָמבאַרדירונגען. נאָר די סטאַנציע דאַרף אַרבעטן באַטאָג און באַנאַכט, עשעלאָנען קומען אָן איינער נאָכן אַנדערן, מע דאַרף מענטשן: די דעפּאָ איז אַ גרויסע — דאָ האָט מען געביטן די לאָקאָמאָטיוון, דאָ האָט מען זיי רעמאָנטירט, געוואַשן און אַזוי ווײַטער. מע האָט צוגעשיקט אַ באַשטימטע צאָל אײַזנבאַן־מיליטער, נאָר אַלציינס האָבן געפעלט ספּעציאַליסטן. צווישן די, וועלכע זײַנען פאַרבליבן, איז געווען איוואַן קאַרלאָוויטש. איוואַן קאַרלאָוויטש איז אַ גוטער ספּעציאַליסט, דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געאַרבעט אָף דער אײַזנבאַן־ליניע, געקענט זײַן זאַך, געקענט די מענטשן, און דערצו נאָך אַ דײַטש, רעדט אָף רוסיש און אָף דײַטש, קיין בעסערן געהילף האָט לע־קורט ניט געדאַרפט, ער האָט אים זייער געשעצט און אים אָנגעטרויט אין אַלץ.

וואָס קאָן מען זאָגן וועגן איוואַן קאַרלאָוויטשן? צי האָט ער געאַרבעט פאַר מוירע צי מיט פאַרגעניגן — דאָס ווייס איך ניט, אַ פאַקט איז, אַז ער האָט געאַרבעט מיט די אָקופּאַנטן. די לאַגע זײַנע אַלס דײַטש איז געווען אַ קאָמפּליצירטע, איר פאַרשטייט אַליין, צווישן צוויי פײַערן. איך קאָן וועגן אים גאָרנישט ניט זאָגן, איך קאָנסטאַטיר בלויז: ער האָט פאַרגעזעצט אַרבעטן אָף דער אײַזנבאַן־ליניע און דער קאָמענדאַנט לע־קורט האָט אים פולשטענדיק אָנ־געטרויט. צו איוואַן קאַרלאָוויטשן האָט זיך געווענדט די מאַמע.

ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט דעם זיידנס הויז זיך געגרענעצט מיטן סאָד פון איוואַן קאַרלאָוויטשן, נאָר זיי האָט אָפּגעטיילט אַ טויבער פּלויט, וואָס איז איצט דערצו נאָך געווען אין דער הייך אַרומגעשלאָגן מיט שטעכלדראָט. און ס'איז געווען אַ באַפעל, וואָס האָט פאַרווערט צו ריידן מיט ניט־ייִדן, ווידער אונטערן געפאַר פון צעשאָסן ווערן.

און דאָך האָט די מאַמע געפונען אַ מעגלעכקײַט זיך באַגעגענען מיט איוואַן קאַרלאָוויטשן. איגאָר האָט געהאַט אויסגעגראָבן אַ לאָך צום שאָכן אין סאָד אַרײַן, ער איז געקומען צו איוואַן קאַרלאָוויטשן און געזאָגט, אַז די באָבע ראַכיל וואַרט אָף אים באַם פּלויט.

איוואַן קאַרלאָוויטש האָט זיך געיאָוועט. איר וועט מאַסקים זײַן, אַז פון זײַן זײַט איז עס געווען אָן אָפּטער, ער וואָלט געקאָנט ניט קומען, געקאָנט איבערגעבן איגאָרן דער פּאָליצײַ און צווינגען די קאָמענדאַטור אַזוי באַוואָרענען דעם פּלויט, אַז קיינער, ניט קיין קינד, ניט קיין דערוואַקסענער, זאָל ניט קאָנען אַרײַנדרינגען צו אים אין סאָד.

דאָס האָט איוואַן קאַרלאָוויטש ניט געטאָן, ער איז צוגעגאַנגען צום פּלויט און האָט אויס־געהערט די מאַמע.

— איוואַן קאַרלאָוויטש, — האָט די מאַמע געזאָגט, — איר קענט גוט יאַנקעוון... ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו מעלדן, אַז ער איז אַ האַלבער דײַטש, ער וויל אונדז ניט פאַרלאָזן... נאָר ער וועט דאָך אומקומען. איוואַן קאַרלאָוויטש, ער וועט אומקומען אין צוויי וואָכן אַרום, איר וואָלט נאָר אַ קוק געטאָן אָף אים... די „פּאָלוקראָווקעס” טשעפּעט מען ניט, איר ווייסט מינאַסטאַם, אַז מע האָט געלאָזט די באַריסאָווא, די נעדזשוועצקיס, מע האָט געלאָזט גאָראָדיעצקאַיאַס איי־ניקלעך... זיי האָבן אַליין געמאָלדן, ווער זיי זײַנען, און יאַנקעוו האָט ניט געמאָלדן, ער האָט מוירע, אַז מירן פאַרפאַלן ווערן אָן אים, נאָר ער וועט צוליב אונדז אומקומען, ער איז ניט צוגעפּאַסט צו אַזאַ לעבן. איך וועל אײַך זאָגן נאָך מער, ניט נאָר זײַן מאַמע איז אַ דײַטשקע, נאָר דער פאָטער איז אָף העלפט אַ רוסישער. העלפט אים, איוואַן קאַרלאָוויטש!

אין דעם פאַל האָט די מאַמע איבערגעכאַזערט די לעגענדע, וועגן דער געהיימניספולער אָפּשטאַמונג פונעם אַלטן איוואַנאָווסקי.

— איך וועל אַ טראַכט געבן, וואָס מע קאָן טאָן, — האָט געזאָגט איוואַן קאַרלאָוויטש און צוגעגעבן: — און איר סטאַרעט זיך מער מיט מיר ניט באַגעגענען, ראַכיל אַבראַמאָוונאַ, עס קאָן זיך שלעכט ענדיקן.

דאָס איז אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט דער מוטער...

נאָר אין אַ צײַט אַרום, ווי עס האָט דערציילט גאָלובינסקאַיאַ, האָט איוואַן קאַרלאָוויטש באַ אַ געלעגנהײַט געמאָלדן לע־קורטן, אַז דער היגער אײַנוווינער יאַקאָוו איוואַנאָווסקי, וואָס געפינט זיך אין דער געטאָ, איז אַ האַלבער דײַטש, וואָס איז געקומען פון דער שווייץ צוליב אַ ראָמאַנטישער געשיכטע: ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ שיינהײַט — אַ ייִדישקע — דערפאַר האָט ער געמאָלדן, אַז ער איז אָף העלפט אַ ייִד, אָבער דאָס איז זייער צווייפלהאַפט, אויב מע זאָל

מישפּטן לויט זײַן פֿאַמיליע — איוואַנאָווסקי: דאָס איז די סאַמע פֿאַרשפּרייטע רוסישע פֿאַמיליע, און אין דער שווייץ האָט ער זייער ווירקעוודיקע קרוויום — דײַטשן, א מענטש איז דאָס ביז גאָר אַן אָנשטענדיקער און אָרנטלעכער, ער האָט א סאַך יאָרן געאַרבעט אפֿן סקלאַד פֿון דעפּאָ, קאָן אויסגעצייכנט זײַן פֿאַך, און ס׳וואָלט גוט געווען אים אומקערן אפֿן סקלאַד, דער אַלטער פֿאַרוואַלטער פֿון סקלאַד איז אוועקגעפֿאָרן, שטעלן אַף זײַן אָרט א דײַטש, וואָס קען ניט די רוסישע שפּראַך, קאָן מען ניט: ער וועט ניט קאָנען אַרויסגעבן די רעזערוו־טיילן, און צווישן די רוסישע מיטאַרבעטער זעט ער ניט קיין קאַנדידאַטור, קיינעם, אויסער איוואַנאָווסקין קאָן ער דעם סקלאַד ניט אָנטרויען.

לע־קורט האָט זיך געווענדט צו שטאַלבען, געפֿאָדערט איוואַנאָווסקין, שטאַלבע דערוויידערט — יעדער אײַנוווינער פֿון דער געטאָ איז זײַן דעראָבערונג. לע־קורט באַשטייט, און אָט יאָווען זיך נאָכן טאַטן צוויי עסעס־לײַט, אַלע זײַנען זיכער, אַז מע פֿירט אים צעשיסן, נאָר די מאַמע איז רויִק, זי פֿאַרשטייט, אַז דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט לע־קורט. און ווירקלעך, אײַנגיכן האָט דער טאַטע זיך אומגעקערט. מיט א צעבלוטיקט פּאָנעם, מיט א צעהאַקטן אַקסל. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מ׳האָט אים קלוימערשט פֿון דער געטאָ ניט אַרויסגעלאָזט, ניט געגלייבט, אַז ער איז א האַלבער דײַטש, און אים א פּאָר מאָל א זעץ געגעבן פֿאַר וועלן אָפּנאַרן. און אַז דאָס דאַרף מען מער ניט טאָן, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל. און די מאַמע האָט אים געגלייבט: מענטשן האָט מען געשלאָגן־געמיימעסט, פֿאַר וואָס נאָר ס׳האָט זיך געמאַכט.

אָבער ווי עס איז געווען אין דער ווירקלעכקײַט, האָט מיר דערציילט די גאָלובינסקאַיאַ.

דעם טאַטן האָט מען געבראַכט אין דער קאָמענדאַטור און אים אויסגעפֿרעגט. קיין איבער־זעצער, ווי איר פֿאַרשטייט, האָט מען ניט געדאַרפֿט. בײַס דער אויספֿאַרשונג איז פֿעסטגע־שטעלט געוואָרן, אַז די מאַמע זײַנע איז ווירקלעך א דײַטשקע פֿון באַזעל, איר מיידלשע פֿאַמי־ליע איז גאַלער, און אַז אין דער שווייץ האָט ער קרוויום — ריינבלוטיקע דײַטשן.

פּאַרגעקומען איז עס אין נאָיאַבער פֿון איין־און־פֿערציקסטן יאָר, דער פּראָטאָקאָל „וואַנזעע" האָט נאָך ניט עקזיסטירט, קיין קלאָרקײַט בענוגייע די מישלינגען איז ניט געווען, און דאָ האָסטו פֿאַר זיך ניט פּאָשעט קיין האַלב־בלוטיקן, ווי, לאָמיר זאָגן, א האַלב־רוסישן אָדער אוקראַאינער, אין זײַנע אָדערן רינט דײַטשיש בלוט, און אויסערלעך זעט ער אויס, ווי א ריי־נער דײַטש, א געבוירענער קריסט־ליוטעראַנער, און דער דאָקטער האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז ער איז ניט געמאַלעט, און דערצו פֿאָדערט אים אַליין דער קאַפּיטאַן לע־קורט, א מענטש מיט אויסערסט וויכטיקע באַופֿטראַגן.

דעם טאַטן מעלדעט מען, אַז ער וועט אַרבעטן אַף דער אײַזנבאַן, אַז ער קאָן לעבן אויסער דער געטאָ, נאָר אַז ער דאַרף יעדע וואָך זיך יאָווען אין פּאָליצײַ זיך אָפּמערקן.

דער פֿאָטער פֿרעגט: און וואָס וועט זײַן מיטן ווײַב, מיט דער מישפּאָכע?..

ווײַב?! מישפּאָכע?! זיי וועלן בלײַבן אין דער געטאָ, און ער האָט ניט קיין רעכט מיט זיי זיך טרעפֿן. הייסט עס, אים לעבן, זיי — טויט. און דער טאַטע מעלדעט: אָדער מע וועט אים אַרויסלאָזן מיט דער מישפּאָכע, אָדער זאָל מען אים אומקערן צוריק אין געטאָ.

— דײַן ווײַב איז א ייִדישקע, איר אָרט איז אין געטאָ, — ענטפֿערט שטאַלבע, — דײַנע קינדער זײַנען „אובליודקעס" און זייער אָרט איז אין געטאָ, צווישן אַנדערס, ביסטו אויך ווי זיי א באַסטאַרד, א מישלינג און דײַן עמעס אָרט איז אויך אין געטאָ. צי עפּשער האַלטסטו זיך פֿאַר א דײַטש?

און דער טאַטע, א שטילער מענטש, א פֿאַרמוטשעטער פֿון וואַלגערן וואַלדע, פֿון הונגער און קראַנקײַטן, אַן אָפּגעשליסענער, שמוציקער, וואָס איז דערגאַנגען ביז דער לעצטער מאַד־רייגע, ענטפֿערט:

— אויב איר, הער שטאַלבע, זײַט א דײַטש, בין איך א ייִד.

איר הערט אַן ענטפֿער! איר פֿאַרשטייט! שטאַלבע האָט אים געקאָנט צעשיסן אפֿן אָרט. נאָר ניט צעשאָסן. בלויז צוויי מאָל אים א שמיץ געטאָן מיטן סטעק איבערן אַקסל און איבערן פּאָנעם. וואָס אַזוינס זייער סטעק איז, ווייסט איר? דאָס איז אַן אײַזערנער שטאַנג, וואָס איז אַרומגעצויגן מיט לעדער. מיט אַזא כליסט קאָן מען האַרגענען א מענטשן. נאָר דער טאַטע איז לעבן געבליבן. שטאַלבע האָט אים געהייסן זיך אומקערן אין געטאָ, און לע־קורטן האָט ער געגעבן צו וויסן: איוואַנאָווסקי זאָגט זיך אָפּ פֿון דער אַרבעט אַף דער אײַזנבאַן, ער האַלט זיך פֿאַר א ייִדן און אַלס אַזעלכער פֿאַלט ער אונטער אונטער די אַלגעמיינע ייִדישע רעגעלן.

וועגן דעם, וואָס איז פּאַרגעקומען, האָט דער פֿאָטער ניט דערציילט, קיינעם ניט דער־ציילט, געזאָגט בלויז, אַז פֿון דער געטאָ לאָזט מען אים ניט אַרויס, און פֿאַרן פּרווו זיך אויס־געבן אַלס האַלבער דײַטש האָט מען אים אַרײַנגעשניטן א פּאָר מאָל.

נאָר פונעם טאַטנס ווערטער האָט די מאַמע געמאַכט אַזאַ אויספיר: מע דאַרף אום יעדן פּרייַז דערוויסן, אַז דער טאַטע זאָגט דעם ריינעם עמעס — ער איז ווירקלעך אַ האַלבער דייַטש.

איך געדענק ניט, צי האָב איך אייַך געזאָגט צי נייַן, אַז בײַ דעם טאַטן האָט זיך פאַרהיט דער שווייצאַרישער פּאַספּאָרט. פאַרוואָס ער האָט זיך פאַרהיט, ווייס איך ניט. מעגלעך, אַז ער האָט אים געהאַלטן, ווי דעם איינציקן דאָקומענט, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיטן פאָטערלאַנד. אָדער פראָסט ווי עס פאַרהיטן אַקוראַטע מענטשן זייערע פּאַפּירן.

די מאַמע געפינט דעם פּאַספּאָרט און אייַלט זיך מיטן זיידן, וואָס צו טאָן. און דער זיידע שאַצט גלייַך אָפּ די לאַגע: יאַנקעוו איז אַן אויסלענדישער אונטערטאַנער. צי ס'איז גענוג אָף אים ראַטעווען, אָדער ניט, דאָס האָט דער זיידע ניט געוווּסט, איך צווייפל ביכלאַל, צי האָט ער געוווּסט, אַז די שווייץ איז אַ נייטראַל לאַנד, נאָר אַז דאָס איז אַ שאַנס, האָט ער גלייַך פאַרשטאַנען, דערבייַ כלאָפּאָטשעט נאָך פאַר יאַנקעוון אַזאַ מענטש, ווי דער אײַזנבאַן־קאָמענדאַנט.

— איך וועל וויַיזן דעם פּאַס יויסעפן, — האָט באַשלאָסן דער זיידע.

— יויסעף וועט אָפּגעבן דעם פּאַס שטאַלבען און דעמלט וועט אַלץ זייַן פאַרפאַלן, — האָט דערווידערט די מאַמע.

— ער וועט אים ניט אָפּגעבן שטאַלבען, — האָט געזאָגט דער זיידע.

און כאָטש די מוטער האָט ניט געגלייבט יויסעפן, זי האָט געוווּסט, ווער ער איז, דאָך האָט זי זיך פאַרלאָזט אָפּן זיידן: קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

יויסעף האָט לאַנג געטראַכט. ער האָט בעסער פונעם זיידן זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין פּאָליטיק, ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט דעם פּאַספּאָרט איז יאַנקעוו ניט נאָר קיין פּערזאָן פון געמישטן אָפּשאַם, נאָר אויך אַן אויסלענדישער אָנגעהעריקער, דערבייַ נאָך אַן אָנגעהעריקער פון אַ נייטראַלער מעלוכע. און פאַר יויסעפן איז געשטעלט געוואָרן אַ דילעמע: זאָגן שטאַלבען וועגן דעם דאָזיקן פּאַספּאָרט אָדער ניט זאָגן?

לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז ער וועט זאָגן... דעמלט וועט שטאַלבע, אָן צווייפל, פאַרניכטן דעם פּאַספּאָרט, קעדיי דערנאָך פאַרניכטן יאַנקעוון, עמעס, ער וועט, אָן צווייפל, אין דער פאַר־לער מאָס אָפּשאַצן יויסעפס שריט. נאָר וואָס וועט עס אים, יויסעפן, געבן? שטאַלבעס גוטע באַציִונג? צוטרוי בײַ אים האָט ער אַזוי אויך: מע האָט אָפּיצ׳על אים אַרויסגעגעבן אַ פּיסטאָלעט „וואַלטער" אָפּן פּאַל, אויב עמעצער פון געטאָ וועט אָנפאַלן אָף אים. נאָר הייַנט טרויט אים אָן שטאַלבע, און מאָרגן וועט ער אים רוּיִק אָפּשיקן אין וואַלד, מע זאָל אים צעשיסן; אַנדערע געטאָס זייַנען פאַרניכטעט צוזאַמען מיט די סאַמע געהאַרכזאַמע יודנראַטן. שטאַלבעס גוטסקייַט איז בלויז צייַטווייַליק, פאַר דער פּערספּעקטיוו גיט עס גאָרניט. און אָט איז דער שוואָגער זייַנער אָף האַלב אַ דייַטש, און אין דער שווייץ זייַנען פאַראַן בײַ אים ווירקזאַמע קרויווים — דאָס איז אַ פּערספּעקטיוו, אַ מעטושטעשע, ניט קיין קלאָרע, נאָר דאָך אַ פּערספּעקטיוו. אַ שטרויעלע. נאָר דער, וואָס טרינקט זיך, כאַפּט זיך פאַר אַ שטרוי.

און יויסעף האָט געזאָגט דעם זיידן:

— איך האָב דעם פּאַספּאָרט ניט געזען, דו האָסט אים מיר ניט געוויזן. דו האָסט דעם פּאַספּאָרט אויך ניט געזען, ראַכיל האָט אים דיר ניט געגעבן, אַזוי זאָג איר. זאָל זי אים איבערגעבן איוואַן קאַרלאָוויטשן, וויאַזוי? — דאָס איז איר זאַך.

נאָר די מאַמע האָט מוירע געהאַט אָפּגעבן דעם פּאַספּאָרט איוואַן קאַרלאָוויטשן, דאָס ער־שטע מאָל אין לעבן האָט זי ניט געקאָנט אָנעמען קיין זעלבשטענדיקן באַשלוס. מיט וואָס האָט זיך פאַרענדיקט איר אַרייַנמישונג, איר ווענדונג צו איוואַן קאַרלאָוויטשן? און אויב אַלץ וועט ווידער זיך איבערכאַזערן?.. ווי זשע גיט מען אָפּ דעם שווייצאַרישן פּאַספּאָרט?.. און אויב דער פּאַספּאָרט וועט פאַרפאַלן ווערן?..

דער מאַמעס קווענקלענישן קאָן מען פאַרשטיין: איין ניט ריכטיקער שפּאַן — און אַ סאָף! יעדן טאָג קומען פאַר צעשיסונגען, האַריגעס, איזדיעקענישן, איר האָט זיך געוואָלט לויפן צו איוואַן קאַרלאָוויטשן און קלאָגן פאַר אים, ער זאָל ראַטעווען יאַשען... נאָר פון דער אַנדערער זייַט, האָט זי אַליין געגעבן שטאַלבען אַ מעגלעכקייַט צעמאַזיקן אָף יאַשען, צי וועט זי ניט געבן קיין מעגלעכקייַט פאַר נאָך עפּעס ערגערס, אויב זי וועט איבערגעבן דעם פּאַספּאָרט איוואַן קאַרלאָוויטשן?

און פּלוצעם האָבן אין געטאָ געגומען דערגיין קלאַנגען, אַז אין די שכיינישע שטעט און דערפער פאַרניכטעט מען די יידן ביז איינעם, דערין אויך די מישפּאָכעס פון יענע, וועלכע מע האָט אַהער געבראַכט צו טרייַבן אָף אַרבעט.

איר שטעלט זיך פאָר, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן? בײַ יעדערן פון די פיר טויזנט, וואָס

מע האָט אהער פאַרטריבן, זײַנען פּאַרבליבן קינדער, טאַטעס, מאַמעס, ברידער, שוועסטער שוין זשע האָט מען זיי צעשאָסן און אַרײַנגעוואָרפן אין די גריבער?!

פון אָנפאַנג האָט מען אין די דאָזיקע קלאַנגען ניט געגלייבט, מ׳האָט ניט געוואָלט גלייבן, מוירע געהאַט צו גלייבן, באַזונדערס די זקיינים. צוליב וואָס דאַרפן דאָס די דײַטשן? זיי נייטיקן זיך דאָך אין אַרבעטס־קראַפט, זיי צווינגען די מענטשן אַרבעטן, ווי די אָקסן, צוליב וואָס זשע איז דאָס הארגענען? ווער וועט וואַלגערן דעם וואַלד, אויסלאָדן די עשעלאָנען, רייניקן די וועגן נאָך די באָמבאַרדירונגען? ווער וועט אַרבעטן אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן? עמעס, דאָ טוען זיך ניט קיין געזעצלעכע זאַכן, נאָר דאָס איז צוליב דעם בלוטיקן הונט שטאַלבע און זײַנע געהילפן, עמעס, די באַפעלן זײַנען שווידערלעכע, נאָר דאָס זײַנען באַפעלן פון מילכאָמע־צײַט, עמעס, גאָט שטראָפט זײַן פאָלק פאַר די שווערע זינד... נאָר ווו און ווען האָט מען געזען, אַז מע זאָל פּראָסט אַזוי אָן אַ פאַרוואָס, אָן אַ פאַרוואָס הארגענען קינדער און פרויען?!

אַזוי האָבן געטײַנעט די זקיינים, נאָר ניט אַלע זקיינים. מײַן זיידע ראַכלענקאָ האָט אַזוי ניט געזאָגט. צו אונדזער הויז זײַנען די קלאַנגען דערגאַנגען פריִער, ווי אין אַנדערע.

דער ערשטער סיגנאַל איז געווען פון אַנאַ יעגאָראָוונען — איר געדענקט, אַליעס געוועזענע ניאַניע?

אַנאַ יעגאָראָוונאַ האָט געאַרבעט אין אַ דײַטשישער אָפיצערישער גאָרקיך, אינעם געוועזענעם הויז פון די קאַלווירטניקעס. פון אונטן די גאָרקיך, פון אויבן — אַ קאַזינאָ, אַן אָפיצערישער קלוב, מיט איין וואָרט, אַ פאַרווײַלונגס־הויז פאַר די הערן אָפיצערן. דער באַדין־פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון היגע טוישווים, און אין דער שפּיץ פונעם הויז האָט דער שעף פון פּאָליצײַ גאָלובינסקי אוועקגעשטעלט די פאַני יאַנזשוועצקאַיאַ — איר געדענקט די געוועזענע אייגנטימערן פון האָטעל? אַ דאַמע, ווי איך האָב שוין דערציילט, אַן אַריסטאָקראַטישע, אַן אָנגעזעענע, וואָס ווייסט פון עטיקעט, קאָן דעקן און סערווירן אַ טיש, מיט איין וואָרט, דינען די הערן אָפיצערן. אין איר איבערגעגעבנקײַט האָט גאָלובינסקי ניט געצווייפלט, דערבײַ האָט ער איר צוגעזאָגט, אַז דעם האָטעל וועט מען איר מיט דער צײַט אומקערן, ווײַל די באָלשעוויקעס האָבן אים ניט געזעצלעך רעקווירירט. די אַלטע יאַנזשוועצקאַיאַ האָט אונטערגעקליבן אַ שטאַט און צווישן אַנדערע גענומען אַף דער קיך אויך אַנאַ יעגאָראָוונען.

אָבער מיט דער פאַני יאַנזשוועצקאַיאַ האָט זיך באַקומען ניט אײַנגאַנצן אַזוי, ווי עס האָט אויסגערעכנט דער שעף פון פּאָליצײַ גאָלובינסקי.

איר זאַך האָט זי, אָן צווייפל, געקענט, זי האָט געקאָנט באַדינען, צוגרייטן, אָן אַקוראַטע, אַ שטרענגע, און מיט איר אויסזען האָט זי ווירקלעך צוגעגעבן דעם דאָזיקן אַנשטאַלט אַ באַשטימטן רעספּעקטאַבעלן אויסזען. נאָר, איר פאַרשטייט, קיין שום רעספּעקט האָט זיך דאָ ניט געפאָדערט. וואָס פאַר אַ רעספּעקט, וואָס פאַר אַן עטיקעט, אַז די הערן אָפיצערן האָבן באַ יעדער געלעגנהײַט און אָן שום געלעגנהײַטן זיך אָנגעטרונקען, ווי די כאַזיירים, און האָבן געהאַלטן פאַר אויסערגעוויינלעכן שאַרם זיך פירן דאָ טאַקע, ווי כאַזיירים!

און אייגנמאָל, ווען זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין זייער געוויינלעכן כאַזערישן צושטאַנד, האָבן זיי געגומען פאָדערן, אַז די פאַני יאַנזשוועצקאַיאַ זאָל זיי ברענגען פרויען.

פאַני יאַנזשוועצקאַיאַ האָט געענטפערט, אַז אַזעלכע פרויען זײַנען אין שטאָט ניטאָ און ניט געווען.

די הערן אָפיצערן האָבן געזאָגט, אַז אַלע פרויען זײַנען אַזעלכע. זיי האָבן געלאַכט, זיך אויסגעדריקט מיט מיִעסע, גראָבע און ניט קיין אָנשטענדיקע ווערטער.

דעמלט האָט די פאַני יאַנזשוועצקאַיאַ זיך אופגעשטעלט און געמאָלדן, אַז פאַר איר לאַנג לעבן האָט זי געזען אַ סאַך אָפיצערן, סײַ רוסישע, סײַ פּוילישע, און יענע האָבן קיינמאָל זיך ניט דערלויבט אַזוי צו ריידן וועגן פרויען, ווײַל אַן אָפיצער איז פריִער פאַר אַלץ אַ ריטער. אַזוי ריידן וועגן פרויען און דערבײַ אין דער אָנוועזנהײַט פון אַן אַלטער דאַמע, קאָנען נאָר כאַמעס, נאָר גראָבע יונגען, אַפילע ווען זיי, די גראָבע יונגען, זײַנען אין אָפיצערישע מונדירן מיט פּאָגאָנעס.

אָט אַזאַ רעדע האָט אַוועקגעלייגט די פאַני יאַנזשוועצקאַיאַ, זי האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ ווירדיקער און שטאָלצער פרוי. זאָל איר ווייך זײַן די ערד!

הייסט עס, אַז דער ערשטער סיגנאַל וועגן די פאַרניכטונגס־אַקציעס, אַ סיגנאַל, עמעס, ניט קיין דירעקטער, איז געקומען דורך אַנאַ יעגאָראָוונאַ.

באַגעגענענדיק זיך מיט אַליען, האָט זי איר איבערגעגעבן פּראָדוקטן און געבעטן:

— זאָג דער באָבע, אַז איך וועל דיך אוועקפירן קיין דיקאַנקע.

— פאַרוואָס? — האָט געפרעגט אַליע.

— ווײַל דו ווײסט דאָ שטאַרבן פֿון הונגער, אָט פּאַרוואָס.
אַליע האָט דאָס ניט איבערגעגעבן. אַנאַ יעגאָראָוונאַ ווײל ראַטעווען נאָר זי אײנע, און וואָס וועט זײַן מיט די איבעריקע, מיט איגאָרן?

נאָר בײַס דער צווײטער באַגעגעניש האָט אַנאַ יעגאָראָוונאַ איבערגעצאַזערט איר פּאָ־דערונג, אַפֿילו זי אַנגעשראָקן: אויב אַליע וועט ניט איבערגעבן דער באָבען, וועט זי מער ניט ברענגען קײן פּראָדוקטן.

אַליע האָט געמוזט עס זאָגן מײַן מאַמען. די מאַמע האָט דאָס איבערגעגעבן דעם טאַטן און דעם זײדן.

דער טאַטע האָט גלײַך באַשלאָסן:

— זאָל זי אַוועקפֿאָרן, דאָ וועט זי שטאַרבן פֿון הונגער.

און דעמלט האָט געזאָגט דער זײדע:

— אײדער זי וועט שטאַרבן פֿון הונגער, וועט מען זי הארגענען. אין סאָסניצי און אין גאָראָדניע האָט מען שוין געהאַרגעט אַלע קינדער.

וועגן דעם, אַז אין סאָסניצי און אין גאָראָדניע האָט מען געהאַרגעט די קינדער, האָט דער זײדע געזאָגט דאָס ערשטע מאָל, נאָר ער האָט געוווּסט דערפֿון פֿריִער. דער זײדע האָט אָנגעפּירט מיטן באַערדיקן די געשטאָרבענע, די דײַטשן האָבן דעמלט נאָך דערלויבט באַגראָבן די געשטאָרבענע אָפּן בעסוילעם, פּאַרשטײט זיך, אָן שום ריטואַל, פּאָשעט. צוליב סאַניטאַרע צווּעקן, אונטערן אויפֿזיכט פֿון פּאָליציִאַנטן. דער בעסוילעם האָט זיך געפֿונען דרײַ קילאָמעטער פֿון דער געטאָ, יעדע לעווײַע איז פֿאַר דער באַערדיקונגס־בריגאַדע געווען אַן אַרויסגאַנג אין דער אויסערלעכער וועלט, און באַגראָבן האָט מען, ווי איר פֿאַרשטײט, עטלעכע מאָל אין טאָג, מײסים האָבן געקלעקט, און די פּאָליציִאַנטן איז נימעס געוואָרן לויפֿן נאָך יעדער אָרן, וואַרטן, ביז די זקײנים גראָבן אויס די גריבער, און ביכלאַל, ווו וועלן זיך אַהינטאָן די דאָזיקע דאָ־קאַדיאָגעס, און די פּאָליציִאַנטן האָבן זײ איבערגעלאָזט אַלײן און אַוועקגעגאַנגען שיקערן, און דאָרט, אָפּן בעסאַלמען, האָט דער זײדע זיך באַגעגנט מיט מענטשן פֿון די אַרומיקע דערפֿער און ער האָט געוווּסט אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום, געוווּסט, אַז מע ברענגט אום די ייִדן, נאָר אין שטוב האָט ער גאָרנישט ניט געזאָגט, ניט אָפּגעסאַמט די מענטשן דאָס אַזוי אויך פּאַרסאַמטע לעבן. ער האָט געזאָגט ערשט דאַן, ווען די אויסראַטונג איז צוגעקומען צו דער געטאָ. און ס׳איז קלאָר געוואָרן, אַז אַנאַ יעגאָראָוונאַ ראַטעוועט אַליען ניט פֿון הונגער, נאָר פֿון צעשאָסן ווערן. מע האָט איר אָפּגעגעבן אַליען, און אַנאַ יעגאָראָוונאַ איז אַוועקגע־פֿאָרן מיט איר קײן דיקאַנקע.

און די קלאַנגען זײַנען ווירקלעכקײט געוואָרן, און פֿאַר די אײַנוווינער פֿון שטאָט האָט מיט דער גאַנצער קלאָרקײט אופֿגעטויכט זײער צוקונפֿט.

און די מאַמע האָט באַשלאָסן עפּעס אונטערנעמען.

18

פֿונקט אין יענער צײַט האָט אין געטאָ זיך באַוויזן דער פֿעטער גרישע. באַם אַרויסגאַנג פֿון וואַלד האָט ער זיך אַרײַנגעשאַרט אין אַ קאָלאָנע, וואָס האָט זיך אומגעקערט פֿון דער אַרבעט, אָנגעטאָן, ווי זײ, אין טראַנטעס, מיט אַ געלער לאַטע, איז ער צוגעשטאַנען ניט צו זײַניקע, זײ וואָלטן אים דערקענט, און דורכפֿאַלן האָט ער ניט געטאָרט — אַ רויטאַרמײער פֿון דער אַרומרינגלונג איז צוגעשטאַנען צו פֿרעמדע מענטשן, זײ האָבן אים ניט געקענט, פּונקט אַזאַ פּאַרוואַקסענער, אויסגעדאַרטער, פּאַרמוטשעטער, ווי אַלע. דעקאַבער, נאַכט, קעלט, די וואַכלײַט זײַנען דערפֿרוירן, זײ טרײַבן מענטשן, און ער איז דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט, דורכגעגאַנגען בעשאָלעם, דערזען אין עק פֿון דער קאָלאָנע דינען, זי דעריאָגט, געגעבן איר אַ צײכן, זי זאָל זיך מאַכן ניט ווּיסנדיק, אַז זי קען אים, און ער איז אַרײַן צום זײדן אין הויז.

וועגן זיך האָט גרישע דערצײלט קורץ: ער איז אַרויס פֿון דער אַרומרינגלונג, בלאָנדזשעט אַרום איבער די וועלדער, מאָרגן וועט ער ווידער אַוועקגײן אין וואַלד. די דאָזיקע ווערסיִע האָט אויסגעזען וואָרהאַפֿטיק. אינדערעמעסן איז גרישע געקומען פֿון איוואַן אַנטאָנאָוויטש סידאָראָווס פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד — איר געדענקט דעם געוועזענעם דירעקטאָר פֿון דער שוך־פֿאַבריק? סידאָראָוו האָט זיך ניט אויסבאַהאַלטן, געלעבט אָפּן, די דײַטשן האָבן אים ניט גע־

טשעפּעט: אַ געמישפּעטער, די סאָוועטנמאַכט האָט אים באַליידיקט. מע האָט אים אַפילו פּאַר־געלייגט שטעלעס, נאָר ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, פאַרופן זיך אויף געזונט־צושטאַנד.

אָבער אויף דער אָקופּירטער טעריטאָריע איז סידאָראָוו פאַרבליבן לויט דער פאַרגעבונג פונעם ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי. סאָפּקאָלסאָף האָט מען אים געמאַסערט און די דײַטשן האָבן זיך דערוווּסט, ווער ער איז, נאָר נעמען אים ניט באַוויזן — סידאָראָוו איז אַוועק אין וואַלד.

וועגן דער ראַליע פון דער פּאַרטיזאַנישער באַוועגונג אין אַלגעמיין געפינען און באַזונ־דערס בײַ אונדז אין דער וואַלדישער אומגעגנט, אויף דער איבערקרייצונג פון אוקראַיִנע, ווײַס־רוסלאַנד און רספּסר, וועל איך ניט ריידן, די דאָזיקע ראַליע איז אַלעמען באַוווּסט. די פּאַר־טיזאַנער האָבן אָנגעטאָן גרויס שאָדן דעם סוינע, שוין אַליין מיטן פאַקט פון זייער עקזיסטענץ האָבן זיי באַגײַסטערט דאָס פאָלק, אָפּגעצויגן אויף זיך שלאַכט־טיילן פונעם קעגנער, געהאָלפן אונדז אין דער אויסשפּירונג, באַזונדערס דערפאָלגרײַך טעטיק געווען אויף די קאָמוניקאַציעס פונעם קעגנער, איר ווייסט, נאַטירלעך, וואָס איז אַזוינס פּאַרטיזאַנישע „רעלסן־מילכאָמע”.

אין אונדזער ראַיאָן האָבן זיך אָנגעהויבן שאַפן פּאַרטיזאַנישע דיווערסיע־ און אויס־שפּירונגס־גרופּעס שוין אין דער צווייטער העלפט פון יול. ניט ווײַט פון אונדז איז געווען דער באַרימטער קאָריוקאָווער פּאַרטיזאַנישער ראַיאָן, ווו די דײַטשן האָבן מוירע געהאַט זיך באַווײַזן, זיי האָבן אויסגעשטעלט שילדן מיט אויפשריפטן „פּאַרטיזאַנישע זאָנע” און אויסגע־האַקט אין וואַלד ברייטע פּראָסיעקעס, קעדײַ פאַרהיטן זייערע טראַנספּאָרטן פון אומדערוואַרטע אָנפאַלן.

נאָך ביזן קומען פון די דײַטשן האָט סידאָראָוו אַרײַנגעפירט אין וואַלד פּראָדוקטן, אַ ביסל געוועהר. אַ מענטש אַ באַדאַכטער, האָט ער מיט טאַלק אָפּגעקליבן מענטשן פון די היגע, וועלכע ער האָט גוט געקענט, און שפּעטער — פון יענע, וואָס זײַנען אַרויס פון דער אַרומרינגלונג. איינער פון די, וואָס איז אַרויס פון דער אַרומרינגלונג, איז געווען דער פּעטער גרישע, סי־דאָראָוו האָט אים ניט געדאַרפט קאָנטראָלירן, ער האָט אים געקענט נאָך פון דער אַרבעט אויף דער פאַבריק; אַ מײַסטער מיט גאָלדענע הענט, איז ער געוואָרן אַ גוטער אונטערפֿײַסער. סי־דאָראָוו האָט אים זייער געשעצט. אָבער דער אָטריאַד האָט געהאַט זײַנע אויפגאַבעס, ער איז טעטיק געווען אין זייער קאָמפּליצירטע אומשטענדן, אינעם אָפּעראַציעס טיל פונעם קעגנער, אינעם ראַיאָן, ווו עס האָבן זיך געפונען גרויסע קויכעס, און דערפאַר האָט סידאָראָוו דער־לויבט גרישען באַזוכן די געטאָ ערשט אין יאַנוואַר אָדער פעברואַר פון צוויי־און־פערציקסטן יאָר, און עפּשער אַליין אים געשיקט אין געטאָ, סידאָראָוו האָט געהאַט באַזונדערע אויסזיכטן אויף אונדזער שטאָט, ריכטיקער, אויף אונדזער אײַזנבאַן־סטאַנציע.

גרישע האָט באַשטעטיקט, אַז אַרום־און־אַרום ווערט די יידישע באַפעלקערונג פאַרניכטעט, דעם זעלבן גוירל דערוואַרט אויך אונדזער שטאָט. און מע דאַרף זיך גרייטן אָדער צום טויט, אָדער צום קאַמף.

איך מיין, אַז פיל זײַנען געווען פאַרווונדערט. וועגן וואָס פאַר אַ קאַמף קאָן גיין אַ רייד? מיט וועמען קעמפן? מיט וואָס? מיט שטעקנס? מע דאַרף פריִער קריגן געוועהר, זיך אויסלערנען באַגיין מיט דעם און וואַרטן אויף אַ באַקוועמען מאָמענט, וואַרטן אויף אַן איבערבראָך אין גאַנג פון דער מילכאָמע.

נאָר, איר פאַרשטייט, וואַרטן האָט מען ניט געטאָרט, די שאָ האָט געשלאָגן! טאַלאַנטפולע אינזשעניערן, כימיקער און דאָקטוירים פונעם רײַך האָבן שוין געשאַפן אַן ערשטקלאַסישע אינדוסטריע מיט גאַז־קאַמערעס, קרעמאַטאָריעס, גאַז־וואָגנס, מילן אויף צו דרויבלען מענטשישע ביינער. מע האָט שוין אָפּגעשיקט קיין דײַטשלאַנד זעקעלעך און העמדעלעך, וועלכע זײַנען אַראָפּגענומען געוואָרן פון געהאַרגעטע קינדער, קאָראַנקעס און בריקן, אַרויסגעריסענע פון מײַלער, פרויען־האָר אויף פּאַקעווען מאַטראַצן, אַש פון פאַרברענטע — אויף באַגיטיקונג, עס זײַ־נען שוין געמאַכט געוואָרן פון מענטשן־הויט אַבאַזשורן און ביכער־אײַנבונדן: דײַטשלאַנד איז דאָך די היימהייט פון ביכער־דרוקערײַ. די אינדוסטריע פון טויט איז אַרײַן אין איר קראַפט, און מע האָט זיך געדאַרפט גרייטן צו פאַרטיידיקן, פאַרטיידיקן זיך מיט פוסטע הענט אויף אומצוקומען, נאָר אומקומען מיט ערע.

די נאַכט האָט גרישע פאַרבראַכט מיט זײַנע זין וועניע, טאַליען און עדיקן, מיט מײַן שוועסטער דינע און דעם ברודער סאַשע. קיינער פון זיי איז לעבן ניט געבליבן, און קיין איינצלהײַטן פון זייער שמועס קאָן איך ניט איבערגעבן. אין דער זעלבער נאַכט האָט גרישע זיך באַגעגנט מיט נאָך עטלעכע מענטשן, וועלכע ער האָט גוט געקענט; איך מיין, אַז די טעמע פון זייער געשפּרעך איז געווען די זעלבע. פיר מענטשן האָט גרישע אָפּגעקליבן פאַרן אָט־ריאַד, יונגע, געזונטע, דרייסטע, לויט דער פּראָפעסיע שאָפערן, צווישן זיי יעוסיי קוזניעצאָוו, מאַשע קוזניעצאָווס מאַן, אַ שטאַרקן מאַנצבל, לויט דער פּראָפעסיע אַ שאָפער. פאַרשטייט

זיך, אז גרישען האָט זיך געוואָלט נעמען זײַן זון וועניען, וואָס איז שוין אַלט געווען זיבעצן יאָר, א הויכער, געזונטער, א שרעקלאָזער, ווי אַלע ראַכלענקאָס, נאָר וועניען האָט מען גע־דאַרפט דאָ. גרישע וואָלט אַליין אויך געבליבן אין שטאָט, נאָר ער איז געקומען פון דער אַרומרינגלונג, א רויטאַרמייער. האָט ער געקאָנט זײַן בלויז אַף אַן אומלעגאַלער אַרבעט, און אין דרײַ געסעלעך איז דאָס פּראַקטיש ניט מעגלעך.

אַפן אַנדערן טאָג איז גרישע אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד, און נאָך אין צוויי טעג אַרום זײַנען פון דער האַלץ־פאַרגרייטונג אַוועקגעגאַנגען די מענטשן, וועלכע ער האָט אָפּגעקליבן, זיי זײַנען געקומען צום אָפּגעשטעלטן אָרט, ווו עס האָט געוואַרט אַף זיי גרישע, קעדיי אָפּ־פירן זיי צו סידאָראָווען.

מיט זיי איז אַוועקגעגאַנגען דער קליינינקער איגאָר. גרישע האָט אים באַוויזן דעם וועג אין וואַלד, נאָכדעם האָט איגאָר זיך אומגעקערט אין געטאָ און פון יענעם טאָג געוואָרן א פאַרבינדלער צווישן דער געטאָ און די פּאַרטיזאַנער. ער איז געווען דרייסט און שרעקלאָז, אויסגעצייכנט האָט ער, ווי אַן עכט רוסיש ייִנגל, די קינדהייט האָט ער פאַרבראַכט בײַ אונדז און געהערט האָט ער, ווי די אײַנוווינער פון אונדזער שטאָט, אַף א געמיש פון רוסיש און אוקראַיִניש. דורכמאַכנדיק די רעזיסן פון דער געטאָ אין וואַלד אַרײַן און צוריק, האָט ער גע־ווּסט, ווו עס געפינען זיך אַפן וועג די דערפער און בײַ א נויט וואָלט ער געקאָנט זיך אויס־דרייען, דערצו האָבן דעמלט אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די וועגן גענוג היימלאָזע ייִנגלעך.

וואָס איז נעגייע מײַן פּאָטער, האָט גרישע געזאָגט, אַז ער דאַרף אומבאַדינגט אַוועקגיין אַף דער אײַזנבאַן־ליניע, ווערן דער פאַרוואַלטער פון סקלאַד, ווי עס לייגט אים פאַר איוואַן קאַרלאָוויטש.

— מיר דאַרפן אונדזערן א מענטשן אַף דער סטאַנציע, — האָט גרישע געזאָגט, — אָט דער מענטש וועסטו זײַן.

פאָרן טאַטן איז עס געווען אומדערוואַרט. ער האָט געהאַט פעסט באַשלאָסן ניט פאַרלאָזן די מישפּאָכע, און ווען עס וועט שלאָגן די שאָ, אומקומען צוזאַמען מיט אַלעמען. ער האָט ניט מוירע געהאַט פאַרן טויט אויך אויסער דער געטאָ, נאָר איר ווייסט, וואָס אים האָט אָפּגע־האַלטן? — אויב איך וועל דורכפאַלן, — האָט ער געזאָגט, — וועט לײַדן איוואַן קאַרלאָוויטש, וואָס האָט פאַר מיר כלאָפּאָטשעט.

אין דעם איז געלעגן איינגאַנצן דער טאַטע: ער האָט ניט געקאָנט אונטערפירן קיין מענטשן, דערבײַ נאָך א מענטשן, וואָס ראַטעוועט אים דאָס לעבן.

דערויף האָט גרישע געענטפערט:

— פאַר אים ערגער זיך ניט, אים וועט גאָרנישט ניט זײַן: ער קאָן ניט זײַן פאַראַנטוואָרט־לעך פאַר יעדער אַנגעשטעלטן פון דעפּאָ.

די מאַמע האָט געשוויגן. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז גרישע האָט ניט צופעליק געייצעט דעם טאַטן אַוועקגיין אַרבעטן אַף דער אײַזנבאַן, דאָס איז א פאַרגעבונג פון גרישעס נאַטשאַלני־קעס, יאַנקעוו וועט דאַרפן העלפן די פּאַרטיזאַנער, און זי האָט געוווּסט, וויפל מענטשן מע האָט שוין אופגעהאַנגען און צעשאָסן אין די אַרומיקע דערפער, וועלכע מע איז כוישעד געווען אין פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער. זי האָט מיטגעפילט די פּאַרטיזאַנער, פאַרהאַסט די דײַטשן, נאָר גערעכנט, אַז אונדזער פּאָטער איז ניט פייִק צו קעמפן: ער וועט גלײַך דורכ־פאַלן און מע וועט אים פאַרמוטשען. נאָר בלײַבן דאָ איז אויך א זיכערער טויט. פון דער געטאָ מוז מען אַוועקגיין אום יעדן פּריַיז, און דאָרט וועט מען זען. עפשער וועט מען אים ווי אַן אויסלענדער אַוועקשיקן אין דער שווייץ... זאָל ער אַוועקגיין, דערנאָך וועט זי אײַנרעדן גרישען, אַז מע זאָל אים אין קיין זאַך ניט אַרײַנמישן, מע זאָל אים לאָזן צורו, געבן אים א מעגלעכקײַט ראַטעווען דאָס לעבן.

און זי האָט געזאָגט:

— יאַנקעוו, דו דאַרפסט אײַנגיין.

נאָר דער טאַטע האָט זײַן כויוו אײַנגעזען אין דעם, וואָס ער וועט שטאַרבן באַנאַנד מיט זײַן פרוי, מיט זײַן טאָכטער, מיט זײַן זון און אייניקל. ער האָט ניט געוווּסט, צי וועט ער זײַן נוצלעך פאַרן קאַמף דאָרט, אין סקלאַד פון דעפּאָ. ער האָט געוווּסט, אַז אויב ער וועט אַוועקגיין אַפן סקלאַד, וועט ער אַוועקגיין פון גענעם, נאָר אין גענעם וועלן פאַרבלײַבן ראַכיל, דינע, סאַשע, איגאָר, און לאָזן זיי אין גענעם האָט דער טאַטע ניט געקאָנט.

ניטאָ וואָס צו צווייפלען, אַז קיינער האָט אַזוי ניט געקענט מײַן מאַמע, ווי דער פּאָטער, נאָר ער האָט זי נאָך געקענט אַזאַ, וועלכע עס האָבן ניט געקענט און ניט געקאָנט קענען קיין אַנדערע...

איך געדענק, ס'איז געווען א ווונדערלעכער זומער, א „שוואָמען־זומער", די סטאשענאָקס האָבן געטאסקעט פון וואלד ווײַסע שוואָמען עמערוויַז, געטריקנט זיי, געזאלצן, געפּרעגלט, דער רייעך האָט זיך געטראָגן איבער דער גאנצער גאס... איינעם א באגינען זײַנען מיר אויך אוועק אין וואלד, מיר האָבן גענומען מיט זיך דינען, זי איז אלט געווען, מינאסטאם, א יאָר פינף־זעקס, ניט מער. באראָוויקעס זײַנען געוואקסן הינטער דער באלקע, נאָר אהין איז געווען ווײַט, די קינדער וואָלטן מיד געוואָרן, און מע האָט באשלאָסן פארקערעווען אין יונגן סאָסניאק, דאָרט האָבן געמוזט זײַן מאסליאטעס.

די מאמע מיט דינען זײַנען געגאנגען פון פאָרנט, דער זאמד איז נאָך נאס געווען פונעם טוי, דער מאמעס שפורן פון די טריט זײַנען געווען טיפע, און דינעס — קוים צו באמערקן, זי האָט גאָרנישט ניט געוויגן.

און אָט האָבן זיי זיך צוגעזעצט אויף די שפּיץ פינגער — ווײַסע שוואָמען סאמע אפן וועג! די מאמע האָט זיך אופגעהויבן, געמאכט א שפּאן אין א זײַט: צי זעט מען ניט קיין שוואָם. און פלוצעם אָנגעהויבן שרײַען, געכאפּט דינען, צוגעדריקט זי צו זיך און פארגליווערט געוואָרן פון שרעק...

— נארעלע, — האָט דער טאטע זיך צעלאכט, — ס'איז אן אוזש.

די מאמע איז געשטאנען א בלאסע, ניט אָפּגעריסן דעם בליק פונעם קוסט, און מיט א שטיל און שלאבעריק קאָל געפרעגט:

— טאקע אויף אן עמעס אן אוזש, יאנקעוו?

מיך האָט דאָס דאָזיקע קאָל פארוווּנדערט: אזא אומבאהאָלפן קאָל האָב איך קיינמאָל ניט געהערט, — דאָס איז געווען א קאָל פון א שוואכער פרוי, ניט דאָס שטרענגע, זיכערע קאָל פון מײַן מאמע. אז זי קאָן זיך דערשרעקן, בעטן מעכילע, זיך קלאָגן אויף עפּעס — אזא האָבן מיר זי ניט געקענט. אזא האָט זי געקענט נאָר איין מענטש אין דער וועלט — דער טאטע. און ער האָט פארווערט דער מאמען איבערגעבן זײַן פּאספּאָרט איוואן קארלאָוויטשן. און דאָס מאָל האָט די מאמע ניט געוואגט אים ניט פאָלגן.

דער טאטע איז ווידער געבליבן אין געטאָ. ווי אלע, א הונגעריקער, א באָרוועסער, מיט פורונקולן און קרעץ. ער האָט געוואלגערט בײַמער אפן פראָסט, אָנגעלאָדן זיי אויף פלאטפאָרמעס. אויסגעלאָדן וואגאָנען, גערייניקט די וועגן, צונויפגעזאמלט די סנאָריאַדן, וועלכע האָבן זיך ניט צעריסן, — געטאָן אלץ, וואָס אלע האָבן געטאָן, געגעסן, וואָס אלע האָבן געגעסן, ס'הייסט, גאָרנישט ניט געגעסן, זיך אומגעקערט אין געטאָ שפּעט אין אָוונט, געטראָגן אויף זיך אָפּגעשוואכטע כאוויירים, זיי זאָלן ניט פאלן אפן וועג. די, וואָס זײַנען געפאלן, האָט די וואך צעשאָסן. און די מאמע איז געגאנגען אויף דער ארבעט, און דינע, און נאָר איין איגאָריאָק איז געבליבן אין שטוב, און אינגיכן האָט זיך אומגעקערט אין געטאָ אויך אָליע.

אין דיקאנקע האָט עמעצער אויסגעגעבן אנא יעגאָראָוונען, מע האָט זי ארעסטירט, געבראכט זי צו אונדז, באוויזן דעם יודנראט אָליען, און דער פעטער יויסעף האָט אנערקענט, אז דאָס דאָזיקע מיידעלע איז ווירקלעך פון דער געטאָ. אין דעם פאל איז שווער צו מישפּעטן יויסעפן: דעם פאקט האָט מען אָפּלייקענען ניט געקאָנט. אָליען האָט מען אומגעקערט אין געטאָ און אנא יעגאָראָוונען אופגעהאנגען אפן שטאָט־פּלאץ, אויף דער ברוסט האָט מען איר אופגעהאנגען א שילדל: „זי האָט אויסבאהאלטן א זשידיאָנאָק".

אזוי איז געשטאָרבן אנא יעגאָראָוונא, א גרויסע פרוי, ערע איר אָנדענק!

איך דערצייל וועגן פאקטן, וואָס זײַנען שטרענג פעסטגעשטעלט געוואָרן. די דאָזיקע פאקטן באטרעפן, ווי איר פארשטייט, א הונדערטכיילעק פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אין געטאָ. דאָס איבעריקע איז אוועק צוזאמען מיט די מענטשן אין די קוואָרים. דאָך איז געווען אזוינס, וואָס איז געווען א סאָד פאר דער געטאָ גופע, און טאקע צוליב דעם סאָד דערצייל איך די דאָזיקע געשיכטע, אנדערש וואָלט מען ניט באדארפט מײַן דערציילונג — אומעטום איז, אן ערעך, געווען דאָס זעלבע. אומעטום האָט מען אומגעבראכט די מענטשן, וויאזוי קאָנקרעט האָט מען זיי אומגעבראכט: צי האָט מען זיי געצווונגען פריִער זיך לייגן אין גרוב און דערנאָך זיי צעשאָסן, אָדער, פארקערט, פריִער זיי צעשאָסן און דערנאָך ארײַנגעוואָרפן אין גרוב, — דאָס האָט שוין קיין באדײַטונג ניט.

וועגן דעם, וואָס איך קלײַב זיך דערציילן, האָב איך ביז גאָר קנאפּע יעדיִעס, זיי דערלויבן בלויז זיך עפּעס־וואָס אָנשטויסן, עפּעס־וואָס זיך פאָרשטעלן. די דאָזיקע פאָרשטעלונגען, דאָס דאָזיקע אָנשטויסן זיך קאָנען זײַן ריכטיקע און אויך פעלערהאפטע, פינקטלעכע און בעערעכדיקע, נאָר אָן דעם וועלן ניט זײַן קלאָר די ווײַטערדיקע געשעענישן, צוליב וועלכע איך דערצייל אײַך אלץ.

אונדזער שאָכן, דער שאַרניק סטאשענאָק, איז געווען באַפרײַנדעט מיט מײַן זיידן און האָט זיך געניצט מיטן זיידנס שײַער אַף צו האַלטן לעדער, איר ווייסט עס, איך האָב שוין, דאַכט זיך, גערעדט וועגן דעם. אין די דאָזיקע שײַערן זײַנען געווען קעלערס. מע האָט זיי אויסגעגראָבן בײַס דעם בירגערקריג, ווען עס פלעגן אַנפליִען באַנדעס, אַלץ צונעמען. דעמלט איז אויסגעקומען באַהאַלטן אין אָט די קעלערס די לעדער־סכוירע. די קעלערס זײַנען געווען גוט פאַרמאַסקירט, אונטער צווייענדיקע דילן, און די דײַטשן האָבן וועגן זיי ניט געוווסט. אפילע מיר, ווען מיר זײַנען נאָך געווען קינדער, האָבן ניט געוווּסט וועגן זייער עקזיסטענץ. און אָט האָבן אין די דאָזיקע קעלערס זיך אופגעריסן מאָטיע גאָראָדיעצקי און בראָניע קור־ראס — דעם לערערס אייניקל, ביידע זײַנען אַלט געווען צו פערצן יאָר. די דײַטשן האָבן דעם אופרײַס ניט געהערט, דער זיידע האָט באַגראָבן די כעוורע אַפן בעסוילעם. פון וואָס מענטשן זײַנען געשטאָרבן, האָבן די עסעסאָווצעס זיך ניט אינטערעסירט, קיין צײַגענישן פון קיין דאָקטער, ווי איר פאַרשטייט, ניט געפאָדערט.

אַף וואָס פאָרט האָבן זיך אופגעריסן מאָטיע און בראָניע? עפשער האָבן זיי זיך געשפּילט מיט א געפונענער מינע אָדער גראַנאַטע? איר פאַרשטייט, שפּילן זיך איז זיי ניט אָפּגעגאַנגען. און אין שטאָט האָבן קיין גראַנאַטעס זיך ניט געוואַלגערט, אין וואַלד האָט מען זיי געקאָנט געפינען, נאָר ווי איר ווייסט, האָט מען אין וואַלד שפּאַצירן ניט געטאָרט, פאַר שפּאַצירן אין וואַלד האָט מען קינדער געשאָסן אַפן אָרט. און אויב די כעוורע האָבן, אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן, געזוכט אין וואַלד באָמבעס און גראַנאַטעס, אונטער דער געפאַר פון צעשאָסן ווערן, געבראַכט זיי אין געטאָ, האָבן זיי עס, ווי איר פאַרשטייט, געטאָן ניט צוליב שפּילן זיך.

און דאָך, מיין איך, אַז די דאָזיקע באָמבעס און גראַנאַטעס האָבן זיי געפונען ניט אין וואַלד. זיי האָבן זיי געמאַכט. שרעקט זיך ניט פאַר דעם דאָזיקן וואָרט. אויב מע קאָן אָנרופן באָמבע א פלאַש מיט פעטראָלעום, אָן ארומגעוויקלטע מיט א שמאַטע, אָנרופן גראַנאַטע — א בלעכערנע פּושקע מיט הײַקעס אָדער שרויפן, אָדער פאָשעט א שטיקל טרויב, וואָס איז אָנגעפילט מיט דינאַמיט, האָבן זיי אַזעלכע באָמבעס און גראַנאַטעס געקאָנט מאַכן, ניט באַנוצנדיק זיך אפילע מיט קיין לערנבוך פון כימיע אָדער מיט דער ענציקלאָפּעדיע פון בראָקהאַוז און עפראָן. און כאָטש זיי זײַנען געווען קינדער, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט קיין עמעס געווער. און אָט האָט איר א צווייטן פאַקט: קוזניעצאָווס אייניקלעך וויטיען און אַליקן האָט מען געכאַפּט, ווען זיי האָבן צוגעשלעפּט אווטאָמאַטן פון א מאַשין, וועלכע די שאָפערן האָבן געלאָזט שטיין. ווען שטאַלבע זאָל געווען וויסן, צוליב וואָס זיי האָבן צוגעשלעפּט די אווטאָמאַטן, וואָלט ער, אָן שום צווייפל, צעשאָסן א האַלבע געטאָ. נאָר ער האָט עס באַטראַכט, ווי א קינדערש שפּיצל, און דערפאַר באַפוילן צעשיסן בלויז די קונדייסים.

דער מאַמעס כאַווערטע עמאַ קוזניעצאָווא, איר טאָכטער פאַניע און גרישעס ווײַב אידע, א מוטער פון פיר קינדער, האָט מען צעשאָסן באַם טויער פאַר מאַכן א פּרווו אַרויסצוטראָגן פון דער פאַבריק אוניפאָרמעס. מעגלעך, אַז זיי האָבן געוואָלט דאָס דאָזיקע אָנטאָן אויסבײַטן אַף פּראָדוקטן. קיין אייגענע זאַכן האָבן זיי שוין לאַנג ניט געהאַט, מע האָט זיי צוגענומען, און וואָס מע האָט ניט צוגענומען, איז שוין פון לאַנג אויסגעביטן געוואָרן: פאַר א היפּשל קרויט האָט מען געדאַרפט אָפּגעבן א נײַ קלייד, פאַר צען קאַרטאָפליעס — מאָדעל־טופל, פאַר א גוטן זייגער האָט מען געקאָנט באַקומען א לעבל ברויט... נאָר קיין אוניפאָרמעס, שטיוול, לעדער וועסטו אַפן מאַרק ניט פאַרקויפן, דאָס האָט מען געקאָנט אויסבײַטן באַ די פּאָליציאַנטן, באַ די סאָלדאַטן, און, ווי איר פאַרשטייט, ניט נאָר אַף פּראָדוקטן.

איך כאַזער איבער, פאַקטן זײַנען בעצימצע, נעפּלדיקע, מע קאָן זיי טײַטשן אַף פאַרשיידענע אופאַנים, נאָר אָן אויספיר קאָן מען מאַכן נאָר איינעם: אין דער טיף פון דער געטאָ, אין דער טיף פון אָט דעם גענעם, האָט גענומען געבוירן ווערן א ווידערשטאַנד, פון אָנפאַנג א הילפלאָזער, א פּרימיטיווער, נאַיִווער, נאָר מענטשן האָבן זיך געגרייט צום קאַמף, אוז דאָס איז דאָס וויכטיקסטע! די קערנדלעך, וועלכע דער פעטער גרישע האָט פאַרזייט, זײַנען ניט פאַרפאַלן געגאַנגען, און וואָס פאַר א שפּראָצונגען עס זײַנען אופגעגאַנגען, וועט איר נאָך זען.

נאָר אָט האָט איר א פאַקט, שוין אָן אַבסאָליוט א וואָרהאַפטיקן: איך האָב אין זינען דעם געשפּרעך פון מײַן זיידן ראַכלענקאָ מיט זײַן זון יויסעפן, דעם פּאָרזיצער פונעם יודנראַט, ער איז דערגאַנגען צו מיר קימאַט בוכשטעבלעך.

דער זיידע איז געקומען צו יויסעפן און געזאָגט:

— יויסעף, דו ווייסט, וואָס מע האָט געמאַכט אין גאָראָדניע און אין סאָסניצע?

— איך ווייס, — האָט געענטפערט יויסעף.

— דאָס זעלבע וועט מען מאַכן באַ אונדז.

— וואָס לייגסטו פּאַר? — האָט געפרעגט יוסעף.
— אוועקגיין אין וואַלד.
יויסעף האָט געוווּסט, אַז צום וואַלד וועסטו ניט דערגיין, און אויב דו וועסט דערגיין, וועסטו אין וואַלד אומקומען, ער איז זיכער געווען, אַז דאָס ווייסט גוט דער זיידע, אַז ניט צוליב דעם איז דער זיידע געקומען צו אים.
— וואָס נאָך לייגסטו פּאַר? — האָט יויסעף געפרעגט.
דאָס האָט באַטײַט: לייג אַרויס, צוליב וואָס דו ביסט געקומען.
— עס זײַנען פאַראַן פּויערים...
— וועלכע פּויערים?
— פון כוטאָר.
— איז וואָס?
— זיי קאָנען אויסבאַהאַלטן פאַר גאָלד.
— דאָס גאָלד וועלן זיי נעמען און דערנאָך אויסגעבן.
— די פּויערים זײַנען זיכערע.
— און ווו נעמען גאָלד?
— דו האָסט ניט?
— פּאַר גרישען האָב איך ניט! — האָט יויסעף געזאָגט. — מיינסט, איך ווייס ניט, ווער עס האָט דיך צוגעשיקט? נאַר פאַרגעדענק: גרישע איז אַ פּאַרטיזאַן. אויב שטאַלבע וועט זיך דערוויסן, וועט ער אײַך אַלעמען צעשיסן, דאָס גאַנצע הויז — דאָס איז אין בעסטן פאַל. אין ערגסטן — יעדן צענטן אין שטאָט.
— איך האָב גרישען ניט געזען פון יענעם טאָג, ווען מע האָט אים צוגענומען אין אַרמיי, — האָט געזאָגט דער זיידע, — ווו ער איז און וואָס איז מיט אים, ווייס איך ניט.
— איך ווייס אויך ניט און וויל ניט וויסן! — האָט יויסעף איבערגעשלאָגן. — נאַר פאַרוואָס דו זוכסט גאָלד, ווייס איך. איז אָט: מיש זיך ניט אַרײַן. מיט וועמען שלאָגן זיך? מיט זיי?! זיי האָבן אײַנגענומען גאַנץ אייראָפּע און זיי וועלן אײַננעמען די גאַנצע וועלט. מיט וואָס זיך שלאָגן? מיט בערדאַנקעס, מיט פאַרזשאַווערטע מאַכנאָווסקע ביקסן? קעגן טאַנקען און קוילנ־וואַרפערס? אויב זיי וועלן בײַ אונדז געפונען כאָטש איין פּיסטאָלעט, וועלן זיי אויסשיסן די גאַנצע געטאָ. גרישען איז גרינג צו שטעלן אין קאָן אײַערע לעבנס — ער איז אין וואַלד. זײַנע זין — די סמאַרקאַטשעס ווילן שטאַרבן, ווי העלדן, צוליב זיי וועלן אומשולדיקע מענטשן גיין אף אַ זיכערן טויט.
— דער טויט וואַרט אף זיי אַלציינס. — האָט געזאָגט דער זיידע.
— פונוואַנען ווייסטו עס? — האָט דערווידערט יויסעף. — יאָ, אין גאַראַדניע און אין סאָס־ניצי איז עפּעס פּאַרגעקומען... געגוי וואָס — ווייסן מיר ניט. איך האָב געפרעגט בײַ אײנעם אַ מענטשן. „יאָ, — זאָגט ער, — מע האָט דערציילט”. פאַרוואָס? „מע האָט געמאַכט אַ פּרווו אָנ־פאַלן אף די דײַטשן”. מינאַסטאַם האָבן זיך אויך צונויפגענומען ייִנגלעך מיט פּיסטאָלעטן. דערפאַר האָט מען צעשאָסן אַלעמען. דאָס זעלבע וועט פּאַרקומען בײַ אונדז. אויב אונדזערע סמאַרקאַטשעס וועלן ניט שטיל ווערן, וועל איך זיי אײַנגעבן שטומעניש. בײַ אונדז איז נאָך גאָרנישט ניט געווען, קיין שום אַקציעס, און עס וועלן ניט זײַן! זיי דאַרפן אונדז און זיי וועלן לאַנג אונדז דאַרפן — וואַלד איז דאָ גענוג, און פרילינג וועלן זיי בויען אַ וועג, ביזן קומענ־דיקן אָסיען וועלן מיר זיך האַלטן, און דעמלט וועלן זיי נעמען מאָסקווע, די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן, עס וועט ווערן שאָלעם אף דער וועלט, און דאָס, וואָס מע טוט בייס אַ מילכאָמע, טאָר מען פרידנסצײַט ניט טאָן. מע דאַרף איבערוואַרטן, מע דאַרף דערלעבן.
— בײַ די, וואָס מע האָט געבראַכט אהער צו טרײַבן פון סאָסניצי און גאַראַדניע, האָט מען דערהאַרגעט די קינדער. אף וואָס זאָלן זיי נאָך וואַרטן? — האָט געזאָגט דער זיידע.
— ס'איז נאָך ניט באַוווּסט, וועמען מע האָט געהאַרגעט, וועמען ניט, — האָט דערווידערט יויסעף, — מ'האָט זיי געקאָנט אַרויספירן קיין פּוילן, דאָ איז נאָענט דער פראָנט, און זיי האָבן מוירע, אַז די ייִדן וועלן העלפן די רויטע. איז אָט, זאָג אַלעמען: מע דאַרף ניט מאַכן קיין פּאַניקע, פּאַרשפּרייטן קלאַנגען. אויב גרישע וועט נאָכאַמאָל קומען אהער, וועל איך אים איבערגעבן שטאַלבען, דאָס איז מײַן פליכט, אויב איך וועל אים ניט אויספילן, וועט מען מיך צעשיסן. און זײַנע זין, אויב זיי וועלן פּרווון כאָטש אַ ריר טאָן מיט אַ פינגער, וועל איך אויך איבערגעבן שטאַלבען. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיבן טויזנט לעבנס און בין מעכוייעוו אַזוי צו האַנדלען.
— פון די זיבן טויזנט איז שוין געבליבן פינף, — האָט געזאָגט דער זיידע.

— פינף טויזנט זײַנען אויך מענטשן, — האָט געזאָגט יוסף. — און מיש זיך ניט צו דעם, טאַטע. אויב מע וועט זיך דערוויסן וועגן דיר, וועט מען צעשיסן ניט נאָר דיך, נאָר אויך אַלע זקנים.

דער זיידע האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס באַטײַטן די דאָזיקע וואָרענונגען. מע וועט אומ־ברענגען ניט נאָר די קינדער, נאָר אויך די זקנים. דער זיידע האָט עס געוווּסט אָן יוספן. ער האָט אים געזען אַף דורך־און־דורך. ער זאָגט אַ ליגן, אַז מ׳האָט די קינדער קלוימערשט אווּעקגעפירט קיין פּוילן, — די קינדער האָט מען צעשאָסן; ער זאָגט אַ ליגן, אַז ערגעץ איז, קלוימערשט, נאָך געבליבן אַ געטאָ, — זיי זײַנען אַלע פאַרניכטעט צוזאַמען מיט די אײַנוווי־נער; ער זאָגט אַ ליגן, אַז די דײַטשן וועלן, קלוימערשט, נעמען מאָסקווע און די מילכאָמע וועט זיך גיך ענדיקן, — זיי האָבן צוגעזאָגט נעמען מאָסקווע נאָך אין אָקטיאַבער. און קיינער וועט דאָ ניט בלײַבן לעבן, ער לײַגט אַלץ, דער אויסוווּרף, טראַכט נאָר וועגן זײַן אייגענער פּעל און ניט וועגן ראַטעווען די מענטשן. פריִער וואָלט דער זיידע אַלץ אויסגעלייגט יוי־ספן, פריִער וואָלט דער זיידע אים דערלאַנגט מיטן שטעקן. נאָר מיטן שטעקן וואָלט ער זיך ניט דערוווּסט, וואָס ער דאַרף זיך דערוויסן: פונוואַנען ווייסט יוסף וועגן דעם, אַז גרישע איז געקומען און אַז די כעוורע גרייטן עפּעס?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז גרישע איז געקומען?

— דו זאָגסט דאָך, אַז ער איז ניט געקומען...

— איך האָב אים ניט געזען, נאָר עמעצער האָט עמעצער אַנדערש געזען. ס׳איז אינטערע־סאַנט — ווער? גרישע איז דאָך מײַנער אַ זון.

— און איך בין ניט דײַן זון?

— איר זײַט אַלע מײַנע זין, און דו, און לייזער, און גרישע. נאָר וועגן דיר און לייזערן ווייס איך, און וועגן גרישען ניט, און איך וויל וויסן.

— דו ווייסט מער פון מיר, און לאָמיר ניט ריידן וועגן דעם. גיי, טאַטע, און פאַרגעדענק: איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די מענטשן און איך וועל ניט לאָזן זיי אומברענגען ניט גרי־שען, כאָטש ער איז מײַנער אַ ברודער, ניט וועניקער דינען, כאָטש זיי זײַנען מײַנע פּלע־מעניקעס, און אפילו דיך ניט, כאָטש דו ביסט מײַן פאָטער. איר זײַט ניט אַליין אַף דער גאַס, אַף אײַך קוקן פרעמדע אויגן... באַנאַנד מיט אײַך ווינען מענטשן... עס ווינט אַלעשינסקי, פלאַטקין... עס ווינען די יאַגודינס...

אומיסטן האָט עס יוסף געזאָגט, צי ס׳האָט זיך בא אים אַרויסגעכאַפּט, נאָר פאַרן זיידן איז עס געווען גענוג.

— גוט! — האָט געזאָגט דער זיידע און איז אַוועקגעגאַנגען.

ווי איר ווייסט, איז דער שאַרניק אַפאַנאַסי פראָקאָפּיעוויטש סטאַשעניאָק געווען דעם זיידנס שאָכן. דער עלטערער זון זײַנער אַנדריי, ווי איך האָב אײַך דערציילט, האָט געאַרבעט אין דעפּאָ און האָט געלעבט אינעם אײַזנבאַן־יישעוו מיט זײַן ווײַב קסאַנען — איר געדענקט, נאָך וועלכער דער פעטער יוסף האָט זיך געפרווווט אָוכאַזשעווען? זייער עלטערער זון, מאַקסים, איז געווען אַפן פראָנט, און די טאָכטער מאַריע און דער זון קאָסטיאַ האָבן געאַרבעט אין דעפּאָ. מיט די אַלטע סטאַשעניאָקס האָט געלעבט די מישפּאָכע פונעם צווייטן זון, פון פּעט־רוסן, זײַן ווײַב אירינאַ מיט דרײַ טעכטער: ווערע, נינאַ און טאַניאַ — זעכצן, דרײַצן און צען יאָר. אַליין פּעטרוס איז געווען אַפן פראָנט.

די דײַטשן האָבן באַפוילן די סטאַשעניאָקס זיך פאַרנעמען פון פעשטשאַנע, וואָס איז אַרײַן אין דער זאָנע פון געטאָ, זיי זײַנען איבערגעפאָרן אין אונדזער שטוב אַף דער שכייִנעסדיקער גאַס, אין זייער הויז האָט מען באַזעצט יידן, וועלכע מ׳האָט געבראַכט צו טרײַבן פון אַנדערע גאַסן און אַנדערע שטעט. מ׳האָט אַרײַנגעשטופּט אַהין אַ מענטשן זיבעציק אָדער מער. דאָ האָט געוווינט דער אַפּטייקער אַריאַל מיט דער טאָכטער און מיט פיר אייניקלעך, ס׳האָט גע־וווינט דער שלימאַזלדיקער קאַצעוו קוסיִעל פלאַטקין — איר געדענקט, אָט יענער, בא וועלכן מײַן טאַטע האָט געאַרבעט אין דער יאַטקע. דאָס ווײַב זײַנס איז אַוועקגעפאָרן אין עוואַקואַ־ציע מיט זײַן געוועזענעם מעשאָרעס, צווישן אַנדערס, האָט דאָרט אויך געוווינט דער אַלטער אַלעשינסקי, דער געוועזענער מאַסקאַטעלשטשיק, בא וועלכן דער טאַטע האָט אויך געדינט אין קלייט; נאָכן נעפּ איז אַלעשינסקי געוואָרן אַ בלעכער, ער האָט, צווישן אַנדערס, אויס־באַהאַלטן אַ ביסל גוטס, דער זיידע האָט וועגן דעם געוווּסט. אינעם הויז פונעם שאַרניק סטאַ־שעניאָק האָט אויך געוווינט די מישפּאָכע פונעם צעשאַסענעם כאַיִם יאַגודינען, זײַנע קינדער, אייניקלעך און אורייניקלעך, אויסער יענע, נאַטירלעך, וואָס זײַנען אויך אין דער אַרמיי אָדער זיך עוואַקויִרט.

פון כאַיִם יאַגודינס טעכטער וויל איך ווענדן אײַער אופמערקזאַמקײַט אַף סאַרען, אַף

יענער, וואָס האָט זיך פּאַרנומען מיט בריליאַנטן און איז אין דער יוגנט ענלעך געווען אַף ווערא כאַלאַדנאַיאַ, איצט איז זי אַלט געווען העכער די פופציק, און, ווי איר פּאַרשטייט, האָט זי אין ווערא כאַלאַדנאַיאַ מיט קיין זאַך שוין ניט דערמאָנט. דעם גרעסטן טייל פון איר לעבן האָט זי פאַרבראַכט אין די טורמעס און לאַגערן, געווען אַף סאָלאָווקי און אַפן ווײַסיאַם־קאַנאַל, וואָזוי זי איז גאַנץ געבליבן, האָב איך קיין פאָרשטעלונג ניט. באַ אונדז האָט זי זיך באַוויזן פאַר דער מילכאָמע, זי האָט געדרייכערט, געזשליאָקעט בראַנפן, געזידלט זיך — מיט איין וואָרט, אַ קרימינעלע, אַ רעצידיוויסטקע, און גערופן האָט מען זי שוין ניט ווערא כאַלאַדנאַיאַ, נאָר סאָנקע דאָס גאָלדענע הענטל. געבליבן איז זי דערפאַר, ווײַל ווי אַ געליטענע פון דער סאָוועטנמאַכט האָט זי פון די דײַטשן דערוואַרט פאַר זיך פיל גוטס. דורכגעגאַנגען, ווי מע זאָגט עס, פײַער און וואַסער, ניט פאַרפאַלן געוואָרן אין די טורמעס און אין די לאַגערן, האָט זי באַשלאָסן, אַז אויך דאָ וועט זי ניט פאַרפאַלן ווערן. נאָר צום אַלעם ערשטן האָט מען זי פאַר אַלעמען אין די אויגן אויסגעשמיסן אַפן פּלאַץ, פופצן שטעקנס האָט מען איר אַרײַנגעלייגט, אַנטשולדיקט מיר פאַרן אויסדרוק, אין הינטן, ווײַל זי איז אַרויסגעגאַנגען אַף דער גאַס מיט אָנגעפאַרבטע ליפּן, לויט איר אַלטער געוווינהײַט האָט זי געקלערט עמעצן פון די פּאָליצײַען פאַרפירן, און עפשער טאַקע עמעצן פון די דײַטשן, זי האָט ניט געוואָלט זיך רעכענען מיטן באַפעל, וואָס האָט פאַרווערט פאַרבן די ליפּן און באַנוצן זיך מיט קאָסמעטיק, דערפאַר איז זי באַשטראָפט געוואָרן מיט פופצן שמיץ, אַזוי אַז אַ כודעש צײַט האָט זי ניט געקאָנט זיצן. און די דײַטשן האָבן געוואָרנט אַלעמען, אַז דאָס צווייטע מאָל וועלן זיי פאַר פאַרבן די ליפּן און ביכלאַל פאַר קאָסמעטיק שיסן אַפן אָרט. נאָר די דאָזיקע שטראָף האָט סאַרען ניט אָנגעלערנט. איר האָט זיך אײַנגעגעבן באַקומען צוטרויִ באַ די דײַטשן — מע האָט זי אָוועקגעשטעלט פאַר אַ בריגאַדיר, און זי, אַ פּלשטענדיקער אויסוואָרף, האָט זיך אײַזידע־קעוועט איבער די מענטשן, געפאָדערט באַ זיי כאַבאַר פאַר ניט שיקן אַף שווערער אַרבעט. נאָר וואָס פאַר אַ כאַבאַר קאָן מען נעמען באַ אַ שטאַרבנדיקן? דאָס לעצטע ברעקל ברויט, דאָס לעצטע שטיקל קאַרטאָפליע? און דער דאָזיקער טינעף האָט גענומען און געלאָזט מענטשן שטאַרבן. האַקלאַל, זי האָט געדינט זיך און די דײַטשן מיט לײַב און לעבן, זי האָט געקאָנט פאַרקויפן ווען איר ווילט... און דער זיידע האָט פאַרשטאַנען, אַז טאַקע זי האָט איבערגעגעבן יויסעפן וועגן גרישען. זי וואָלט דאָס געקאָנט אָפּטראָגן אויך אין קאָמענדאַטור, נאָר וואָס וואָלט זי געהאַט דערפון? אַן איבעריקע פײַקע ברויט... ניין, זי האָט עס איבערגעגעבן יויסעפן, דעם פאַרזיצער פון יודנראַט, געמאָסערט, אַז זײַן לײַבלעכער ברודער, ניט קיין רעגיסטרירטער מיליטער־אָנגעשטעלטער פון דער רויטער אַרמיי, איז געווען אין געטאָ און אַוועק פון דער געטאָ; דערמיט האָט זי שאַנטאַזשירט יויסעפן, דערפאַר האָט יויסעף זי געלאָזט אַלס בריגאַדיר, זיך ניט צוגעהערט צו די פּילצאָליקע אָנקלאָגעס אַף איר, ער האָט מוירע געהאַט, אַז סאַרע וועט דערציילן שטאַלבען וועגן דעם, אַז ער, יויסעף, האָט אויסבאַהאַלטן פון דער קאָמענדאַטור, אַז דער ברודער זײַנער, אַ רויטאַרמייער און אַ פאַרטיזאַן, איז געקומען אין געטאָ.

איך דערלאָז, אַז יויסעף האָט ניט צופעליק דערמאָנט סאַרען, געוווסט, אַז דער זיידע וועט עס פאַרגעדענקען, נאָר פּאַשעט זיך צונויפריידן מיט אים מוירע געהאַט: ער האָט געוואָלט פּאָטער ווערן פון סאַרען, נאָר ניט געוואָלט בלײַבן אָפּהענגיק פונעם זיידן און דערפאַר פאַרבײַגייענדיק אַ זאָג געטאָן וועגן סאַרען, געוווסט, אַז דער זיידע וועט אַלץ פאַרשטיין לויטן קלענסטן אָנדײַט. דער זיידע האָט פאַרשטאַנען. ניט נאָר פאַרשטאַנען, נאָר דורכגעקאָנט־ראַלירט. און ער האָט זיך איבערצײַגט, אַז סאַרע ווייסט וועגן גרישעס קומען, זי שטויסט זיך אַן וועגן נאָך עפּעס, און ער האָט אָנגענומען זײַנע מיטלען.

19

נאָר זײַנע מיטלען האָט דער זיידע אָנגענומען ניט גלײַך. ניט באַוויזן. איינגיכן נאָכן שמועס מיט יויסעפן איז אין געטאָ דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע אַקציע פון פאַרניכטונג. געשען איז עס, ווײַזט אויס, אין פעווראַל אָדער אין מאַרט פונעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר; אייניקע זאָגן — ווינטער, די אַנדערע — פרילינג. גיכער פאַר אַלץ, מיין איך, אין סאָף פעווראַל אָדער אָנהייב מאַרט.

מיט אַ וואָך אָדער צוויי וואָכן פריִער איז געמאָלדן געוואָרן אַ רעקוויזירונג פון לאָמען, זאַסטופּעס און לאָפּעטעס קלוימערשט אַף בויען אַ וועג. וועגן דעם, אַז מע קלײַבט זיך בויען

א וועג, זײַנען שוין פון לאַנג אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, דאָס האָט, ווײַזט אויס, געדאַרפט זײַן
א ראַקאַדנע וועג, פון צאַפן אַף דאָרעם, אַט טאַקע וועגן דעם האָט יוסף גערעדט מיטן זיידן. די רעקוויזירונג האָט קיינעם ניט אַנגעשפיצט, מע איז שוין פון לאַנג געוווינט געוואָרן צו רעקוויזיציעס. דעם צונויפגעזאַמלטן אינסטרומענט האָבן די פּאָליצײַען אָנגעלאָדן אַף מאַשינעס און אוועקגעפירט, ווי דערנאָך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אין וואַלד אַף אַריאַלס געוועזענער ווער־ראַנדע. נאָכן נעפּ איז דאָרט געווען א בופעט פון ראַיפּאָ, עס איז צוגעבויט געוואָרן א קיך, א קאַמער און א האַלץ־שײַער.

די ערשטע אַקציע האָט אַרומגעכאַפּט די פּראָרעזנאַיאַ־גאַס. פיר אַזייגער פּאַרטאָג זײַנען די אַרבעטער־קאָלאָנעס אוועקגעגאַנגען אין וואַלד, און האַלב פינף אין א פּאָלשטענדיקער פינצטערניש האָבן די עסעס־לײַט און די פּאָליציי מיט זייערע הינט אַרויסגעטריבן די מענטשן אַף דער גאַס קלוימערשט אַף צו דעזינפעקצירן די הײַזער פון טיפוס; מע האָט אַרויסגעטריבן מיט נאַהײַקעס, כליסטן, ביקסן־קאָלבעס, אַרויסגעשלעפּט פון די געלעגערס; די מענטשן האָבן ניט באַוויזן זיך אָנטאָן — זקיינים, פרויען, קינדער, מאַנצבלען... די קראַנקע האָט מען אַרויסגע־טראָגן אַף טראַגבעטלעך און אַף זיך, די קאַליקעס האָט מען געבראַכט צו טרײַבן אַף קוליעס; א זידלערײַ, א געשריי, די, וואָס האָבן זיך ניט געקאָנט אופהייבן, האָט מען דערשאָסן דאָרט, ווו זיי זײַנען געלעגן. נאָר ניט געקוקט אַף דער אײַלעניש, אַפן זידלערײַ און קלאַפּעס, אַפן בילן פון די הינט, אַף די נאַהײַקעס און שטעקנס, אַפן שיסערײַ, האָט קיינער ניט, קיין איין מענטש זיך ניט אַנגעשטויסן, אַז דאָס איז א סאָף, אַז לעבן איז געבליבן געציילטע שאָ. יעדער מין זאַך האָט זיך דאָ אָנגעהויבן און איז באַגלייט געווען מיט זידלערײַען, קלעפּ, נאַהײַקעס, כליסטן, צעשיסונגען אַפן אָרט, די עסעסאָווצעס האָבן געפּאָדערט שנעלקײַט, שנעלקײַט, שנעל־קײַט, גיכער, גיכער, גיכער, ניט פאַרטראַכטן זיך, ניט קלערן, לויפן, לויפן, לויפן! פאַרהאַלטן זיך א ווײַלע — א קויל! שנעלער! אויסשטעלן זיך אין א קאָלאָנע, צו צען מענטשן אין א ריי, גיכער, גיכער, נעמען זיך פאַר די הענט! אייניקע פרויען האָבן זיך ניט געקאָנט נעמען פאַר די הענט, זיי האָבן געהאַלטן אַף די הענט זויגקינדער, די סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעריסן די קינ־דער, צעקלאַפּט זייערע קעפּ אַפן ברוק, אין די ווינקלען פון די הײַזער; שנעלער, שנעלער, מע זאָגט דאָך אײַך, פי, כאַזיירים! לעבעדיק זײַנען געבליבן יענע קינדער, וועלכע די מאַמעס האָבן באַוויזן צובינדן צו זיך מיט א טיכל אָדער מיט א האַנטעך. דעריקער: שנעלער, שנעלער, שנעלער! ווייניקער ווי פאַר א האַלבער שאָ האָט מען אַרויסגעטריבן פון די הײַזער אַכט הונ־דערט מענטשן, זיי אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס צו צען אין א ריי, דאָס אַלץ אונטער גע־שרייען, זידלערײַען, הינטישער בילערײַ, שיסערײַ, אונטערן געפּײַף פון נאַהײַקעס, כליסטן. אַף די שכײנעסדיקע גאַסן האָט מען אַלץ געהערט, די געטאָ איז ניט געשלאָפן, אַלע האָבן מוירע געהאַט אַרויסצוגיין, מ'האָט זיך פאַרשלאָסן, כאָטש וואָס פאַר א ריגלען קאָנען דאָ העלפן? סאָלדאַטן האָבן אַרומגערינגלט די קאָלאָנע און זי אוועקגעטריבן אין וואַלד. שנעלער! לויפן, לויפן, לויפן!.. מענטשן זײַנען געלאָפן, קינדער זײַנען געלאָפן, קאַליקעס זײַנען גע־שפּרונגען אַף די קוליעס, אַלטע, קראַנקע, די, וואָס זײַנען געפאַלן, זײַנען דערשאָסן געוואָרן אַפן אָרט... דער וועג צום וואַלד, בא דרײַ קילאָמעטער, איז געווען אויסגעלייגט מיט קערפּערס פון דערשאָסענע; ווען מ'האָט זיי דערנאָך פאַרגראָבן, האָבן די פאַרפרוירענע מייסים געקלונ־גען, ווי גלאָז...

אין וואַלד, פאַר דער לאָנקע, ווו עס איז געשטאַנען אַריאַלס ווערראַנדע, האָט מען אָפּגע־שטעלט די קאָלאָנע, זי צעטיילט אַף פיר גרופּעס צו צוואַנציק רייען אין יעדער גרופּע, די גרופּעס האָט מען פאַנאַנדערגעפירט אין פיר זײַטן פון דער לאָנקע און געהייסן זיך זעצן אַפן שניי אַזוי, אַז צווישן די גרופּעס זאָל בלײַבן א דורכגאַנג. די מענטשן האָבן זיך אַנידער־געזעצט, אַף זיי האָבן געהוילט די אָנגערייצטע הינט, קיינער האָט ניט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס מע האָט זיי אַהער געבראַכט צו טרײַבן. אויב מע דאַרף דעזינפעקצירן די שטיבער וואָלט מען זיי געדאַרפט איבערפירן אַף אַנדערע גאַסן... צוליב וואָס אַהער?

צוליב וואָס מע האָט זיי געבראַכט צו טרײַבן אַהער, האָבן זיי זיך געכאַפּט אָנשטויסן, ווען זיי האָבן איבערגעכאַפּט דעם אָטעם פונעם לויפן, באַרויקט די קינדער, זיך אַרומגעקוקט און אין דער פינצטערניש, אין דעם פאַרטאָגיקן פראָסטיקן רייכל, דערזען די הויך־טורעמס, וואָס זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן צווישן די ביימער מיט די לייטערס, וואָס זײַנען צוגע־שטעלט געווען צו זיי, אַף די טורעמס — סאָלדאַטן מיט קוילנוואַרפערס, זיי האָבן דערזען אַרום דער לאָנקע עסעסאָווצעס און פּאָליציאַנטן מיט אויטאָמאַטן און אין די דורכגאַנג פון די גרופּעס אויך סאָלדאַטן און פּאָליציאַנטן מיט אויטאָמאַטן און הינט... אַכט הונדערט מענטשן זײַנען געווען אַרומגערינגלט, אין א נעץ, אין קלעמען. שטאַלבע, דער פעדאַנטישער שול־לערער, האָט גוט דורכגעטראַכט און גוט אָרגאַניזירט זײַן ערשטע פאַרניכטונגס־אַקציע. אין די

שכײנישע שטעט און דערפער זײַנען געווען דורכגעפירט אקציעס. שטאלבע האָט גוט דורכשטודירט די דערפארונג פון זײַנע שלאכט־קאָלעגן, די קאָלעגן האָבן ברײטהארציק און אָן שום זעלבסטנוץ, כאוועריש און ריטערלעך זיך געטײלט מיט זײער דערפארונג, גאָרנישט ניט פארלײקנט, ניט די דערגרײכונגען, ניט די פעלערן, און שטאלבע האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיט דער אקציע, געשטאנען אף דער ווערανדע, אן ארומגערינגלטער פון זײַן שטאב, און מיט באפרידיקונג צוגעקוקט, ווי פינקטלעך עס ווערט אויסגעפילט זײַן פלאן. דעריקער איז א פינקטלעכער גראפיק און די שנעלקײַט, וואָס גיט ניט קײן מעגלעכקײַט די קאָרבאָנעס זיך ארומצוקוקן.

די עסעסאָווצעס האָבן אָפּגעקליבן פופציק מאנצבלען, באפוילן זײ נעמען אף דער ווערандע לאָמען, זאסטופּעס און לאָפּעטעס, אָפּרײיניקן און טיפער מאכן דעם ריוו. דאָס איז געווען א קעגנטאָנקען־ריוו, וואָס איז אויסגעגראָבן געווען אף צו פארטײדיקן די אײַזנבאַנסטאנציע פון לײַכטע און מיטעלע טאנקען, דערפאר האָט ער געהאט א דרײַעקיקע פאָרם, אפן מיליטער־לאָשן הײסט עס „ניט קײן פולשטענדיק אָפענער טראפּעציע־ידאלער ריוו”. א פולשטענדיק אָפענער טראפּעציע־ידאלער ריוו איז אף צו פארהאלטן שווערע טאנקען, און דאָ איז פאָרויסגעזען געוואָרן אן אטאקע פון מיטעלע און לײַכטע טאנקען. די ברײט — פינף מיט א האלבן מעטער — איז איבערגענוג, נאָר די טיף פון צוויי מעטער, איז ווייניק, די בעסטע טיף איז דרײַ מעטער. אלזאָ, דעם ריוו האָט מען געדארפט טיפער מאכן, פארברײטערן פון אונטן, אָפּרײיניקן דעם שנײ, די ערד, די צווײַגלעך, די בלעטער.

און ווען די פופציק מאנצבלען האָבן זיך ארויפגעלאָזט אין ריוו און גענומען ברענגען אים אין אָרדענונג, האָבן די מענטשן שוין קלאָר געוווּסט, פארוואָס זײ זײַנען דאָ.

די ערעוו פרימאָרגנדיקע לעוואָנע האָט באלויכטן די לאָנקע, די מענטשן, וואָס זײַנען געזעסן אפן טונקעלן שנײ, די קוילנווארפלער אף די טורעמס, די פּאָליציאַנטן מיט די ביקסן, די הינט אף די אָנגעצויגענע רימענס, די עסעסאָווצעס מיט די אווטאָמאטן, וועלכע זײַנען געווען אָנגעצילט אף די מאנצבלען, וואָס האָבן שווײַגנדיק געארבעט אין ריוו.

די לעוואָנע האָט באלויכטן שטאלבען זעלבסט, וואָס איז געשטאנען אף דער ווערандע און שווײַגנדיק געקוקט אפן בילד. אלץ גײט זײער גוט, די אָרדענונג איז א מוסטערהאפטע. די הױפּט־זאך איז ניט פארוואנדלען די אקציע אין קײן בוינע, נאָר אין א גוט־אָרגאניזירטער אָפּעראציע. איך וועל אײַך זאָגן, ווי א געוועזענער אויסשפּירער, וואָס האָט זיך אָנגעזען מיט געגוג דײַטשן, זײ האָבן זײער ליב געהאט אזעלכע ווערטעלעך: אקציע, אָפּעראציע, עקזעקוציע, פאר זײ איז אָרדענונג געווען א סימבאָל פון געזעץ, און אין נאָמען פון געזעץ האָבן זײ געקאָנט רויק הארגענען פרויען, אלטע לײַט, קינדער. נאָר אויב די אָרדענונג איז צעשטערט, אויב די קינדער, פרויען, זקײנים שטעלן זיך קעגן, ווערט די גערעכטיקײַט פון דער דאָזיקער אונטערנעמונג געשטעלט אונטער א כשאד, און שטאלבע האָט פארשטאנען, ווי וויכטיק עס איז זיך דערשלאָגן אן אבסאָליוטע אונטערטעניקײַט, אז די מענטשן זאָלן אָן א פּיפּס זיך לײגן אין ריוו, זיך לײגן מיטן באוווסטזײַן פון אומפארמײַדלעכקײַט פון די דאָזיקע מאָסמיטלען — דערמיט וועלן זײ אלײן באשטעטיקן די געזעצלעכקײַט פון זײ.

די מאנצבלען האָבן פארענדיקט גראָבן, ארויסגעקראָכן פון דעם ריוו, צונויפגעלײגט לעבן דער ווערандע די לאָמען און די לאָפּעטעס און זיך אנידערגעזעצט אפן שנײ לעבן דער ווערандע, ווו מע האָט זײ אָנגעוויזן, אונטער דער וואך פון די קוילנווארפלער; נאָך דער אקציע וועלן זײ דארפן פארשיטן דעם ריוו.

דערנאָך האָט מען באפוילן דער ערשטער גרופּע זיך אויסטאָן נאקעט און צונויפלײגן דאָס אָנטאָן אפן ראנד פון דער לאָנקע: דאָס שוכווארג באזונדער, די אײבערשטע קלײדער באזונדער, דאָס הינטערשטע וועש באזונדער... און ווײַל די מענטשן האָבן ניט אויסגעפילט דעם באפעל, זײ האָבן פארשטאנען, אז יעדער באוועגונג זײערע, יעדער אויסגעטאָנענער שוך, ארא̇פּגעצויגענער ארבל — איז א שפּאן צו דער גרוב, א שפּאן צום טויט, און זײַנען געזעסן אפן שנײ, פארגליווערטע, איז ווײַטער אוועק אין גאנג א זידלערײַ, א פּײַפּעניש פון נאהײַקעס, פריקלאדן, א בילערײַ פון הינט; די לאָנקע האָט זיך גענומען רודעווען, מענטשן האָבן געוויעט, געשריגן: „הענקער!”, „מערדער!”, די קינדער האָבן געווײנט, זיך געקלאמערט פאר די מוטערס: „מאמעניו, פארלאָז מיך ניט!”, געשריִען, געוויין; און אלס ענטפער ווידער נאהײַקעס, שטעקנס, ביקסן־קאָלבעס, זידלערײַ, א הינטישער געביל; עמעצער האָט זיך געלאָזט צום וואלד און גלײַך געפאלן א דערשאָסענער — פונדאנען וועסטו ניט אנטלויפן; מענער און פרויען האָבן זיך געוואָרפן אף די עסעסאָווצעס, געפּרווט ארויסרײַסן דאָס געווער, געשלאָגן זיך, געביסן זיך; און דעמלט זײַנען לויטן באפעל פון שטאלבען די עסעסאָווצעס אָפּגעטראָטן אין דער קײט פון די אווטאָמאטלער, וועלכע האָבן ארומגערינגלט די לאָנקע, די

קייט האָט געגעבן א זאַלפּ איבער דעם האַמוין, דער האַמוין האָט אָנגעהויבן לויפן, פון די טורעמס האָבן גענומען שטעפּן די קוילנוואַרפערס, די לאָנקע איז רויט געוואָרן פון בלוט, און די מענטשן זײַנען געפאַלן אַף דער ערד און זיך צו דער ערד צוגעטוליעט.

שטאַלבע האָט געגעבן א באַפעל אָפּשטעלן דאָס פײַער — ווידער האָבן אין דעם האַמוין זיך אַרײַנגעשניטן די סאָלדאַטן. מיט די נאַהײַקעס, כליסטן, מיט די קאָלבעס פון די ביקסן האָבן זיי געצוווּנגען די מענטשן זיך אופהייבן, מע האָט ווידער זיי צעטיילט אַף פיר גרופּעס, באַפוילן זיך אויסטאָן נאַקעט, און ווידער — שנעלער, שנעלער, אָן אָפּהאַלט! עס צעבינדט זיך ניט דער שוך — א קויל! דאָס קינד לאָזט ניט אַרויס פון די הענט די ליאַלקע — א קויל! און די מענטשן האָבן גענומען אײַלן, פלינקער זיך באַוועגן, באַנאַנד ליגן געהאַרגעטע און ניט דערשלאָגענע, עס כאָרכלען און עס קאָרטשען זיך פאַרוווּנדעטע, און אַף דיר איז אָנגעשטעלט די רער פונעם אווטאָמאַט, איבער דיר די נאַהײַקע און דער כליסט!

איצט האָט שטאַלבע באַפוילן זיך אויסטאָן אַלע ביז איינעם! גאָט איז אַן אײדעס, אַז ער האָט געוואָלט דורכפירן די אַקציע אָרגאַניזירט, געוואָלט, אַז מע זאָל זיך דערוואַרטן די ריי צו דער גרוב אָנגעטאָנענע, מע זאָל ניט פאַרירן; גאָט איז אַן אײדעס, אַז ער האָט געוואָלט זײַן הומאַניסטיש, אַף וויפל די אומשטענדן דערלויבן עס, נאָר זיי פאַרדינען ניט קיין הומאַניזם, זאָלן זיי זיצן צווישן די מייסים, זאָלן זיי זיצן אַפן שניי, וואָס איז איבערגעמישט מיט בלוט.

די אָרדענונג איז אײַנגעשטעלט געוואָרן, און דער גראַפיק, כאָטש מיט א פאַרשפּעטיקונג, איז ווידער אַרײַן אין דער מאַכט, דאָך מיט אייניקע קאָרעקטיוון; לויטן פּלאַן האָבן די עקזעקוטירטע געדאַרפט אַקוראַט און געדיכט זיך אויסלייגן אין ריוו, פון אויבן צעשיסט מען זיי פון אווטאָמאַטן, אַף דער ריי לייגן זיך אַנדערע, און אַזוי אַלע. נאָר איבער זייער סאַבאָטאַזש איז אויסגעקומען פון דעם דאָזיקן פּלאַן זיך אָפּצוזאָגן: די נאַקעטע מענטשן האָט מען צוגעטריבן צו דער גרוב, געשאָסן זיי אין דער פּלייצע, די מענטשן זײַנען געפאַלן אין דעם ריוו, אָדער די, וואָס זײַנען געפאַלן לעבן דעם ריוו, האָט מען אַראָפּגעשטופּט אַהין מיט די שטיוול; אַף זייער אָרט האָט מען צוגעטריבן אַנדערע, געשאָסן זיי אין דער פּלייצע; ניט אַלע קוילן האָבן געטראָפן אין די קינדער, די קינדער זײַנען דאָך קלייניִנקע, די קינדער האָט מען אַראָפּגעשטויסן אין ריוו לעבעדיקע, אַף זיי זײַנען געפאַלן געהאַרגעטע, פאַרוווּנדעטע; א מוירעדיק גרויסער פאַרבלוטיקטער מענטשישער הויפן האָט זיך באַוועגט אין ריוו, נאָר די הויפּט־זאַך איז גיכער, גיכער, נאָך גיכער!

ס׳האָט זיך אײַנגעשטעלט א שטילקייט, וועלכע איז צעשטערט געוואָרן בלויז דורך די אווטאָמאַט־רייען און פּיסטאָלעט־אויסשיסן; די מענטשן האָבן געשוויגן, די מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז געקומען זייער לעצטע שאָ, קיינער וועט זיי ניט ראַטעווען, זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום ריוו מישפּאָכעסווײַז, זיך געזעגנט איינער מיטן אַנדערן, מוטערס האָבן אַרומגענומען די קינדער, פאָטערס האָבן באַרויִקט די זין, זקיינעס און זקיינים האָבן געשעפּטשעט טפילעס צו גאָט, וואָס איז אויך דאָס מאָל ניט געקומען זיי צוהילף. דאָס איז געווען ניט קיין שטילקייט פון פאַרגליווערטקייט, דאָס איז געווען א שטילקייט פון מוטיקער צעשיידונג מיטן לעבן, פאַראַכטונג צום טויט, פאַראַכטונג צו די מערדער, עס האָט געקנאַלט א שיסערײַ, עס האָבן געהילכט די אווטאָמאַטן, עס האָבן געבילט די הינט און פון דער ווערצנדע האָבן זיך דורך א טרויב געטראָגן שטאַלבעס קאָמאַנדעס.

כ׳האָב אָפט געהערט אַזעלכע רייד: וואָס הייסט עס אַזוינס — מע איז צוגעגאַנגען, זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער גרוב, זיך געלייגט, געוואַרט אַף דער קויל?.. און וואָס, זאָגט מיר, האָבן זיי געקאָנט טאָן? לויפן איבער דער לאָנקע, ווי די האָזן? קוויטשען, ווי כאַזיירים, וועלכע מע קוילעט? באַווײַזן דעם סוינע זייער שרעק — דעם כײַיִשן שרעק?! ניין! זיי איז באַשערט געווען דערטויט, אַן אומפאַרמײַדלעכער, אַן אומאָפּווענדלעכער, און מע האָט געדאַרפט שטאַרבן ווירדיק. דאָס שווײַגן איז געווען זייער ווירדע.

ווען אַלע זײַנען צעשאָסן געוואָרן, האָט מען די פּופּציק מאַנצבלען, וואָס האָבן אויסגעפּילט די ראָליע פון באַגרעבער, באַפוילן אַראָפּוואַרפן די מייסים אין ריוו און פאַרשיטן מיט ערד.

זיי האָבן גענומען די לאָפּעטעס, דאָס זײַנען געווען קרעפּטיקע מאַנצבלען, זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס עס דערוואַרט זיי, פאַרלירן האָבן זיי ניט געהאַט וואָס, זיי האָבן וועגן אַלץ זיך צונויפגערעדט, זיצנדיק אַפן שניי, ווען מע האָט צעשאָסן זייערע ווײַבער, קינדער, מאַמעס; און אָט האָבן זיי ווידער גענומען אין די הענט די לאָמען און די לאָפּעטעס, און זיי האָבן פּלוצעם זיך אַרופגעוואָרפן אַף די סאָלדאַטן, דורכגעריסן די קייט, די ווערצנדע האָט זיי פאַרשטעלט פון די טורעמס, זיי זײַנען געווען ניט דערגרייכבאַר פאַר די קוילנוואַרפערס. צעריסן די קייט, האָבן זיי זיך א לאָז געטאָן צעשאָטענערהייט צום וואַלד. די עסעסאָווצעס מיט די הינט האָבן, שיסנדיק פון די אווטאָמאַטן און פּיסטאָלעטן, זיך א וואַרף געטאָן נאָך זיי... און

דאָך איז אייניקע געלונגען אוועקצוגייען, צווײ האָב איך געזען נאָך דער מילכאָמע, זיך אליין באַגעגנט מיט זיי, אָפּ זייערע דערציילונגען באַזירט זיך עטוואָס פון דעם, וואָס איר הערט איצט פון מיר. נאָר אַ סאַך פון די אַנטלאָפענע זײַנען דערשאָסן געוואָרן, זייערע קערפּערס זײַנען געבליבן אין וואַלד. די עסעסאָווצעס האָבן קיין צײַט ניט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט זיי, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אָפּ דער לאַנקע, געצוווּנגען די פּאָליציאַנטן פאַרשיטן דעם ריוו מיט ערד; און כאָטש קיין קאַרבאַנעס איז באַ די דײַטשן ניט געווען, עס זײַנען געווען לײַכט פאַרוווּנדעטע מיט די לאָפּעטעס, צעביסענע און צעראַצטע און איין שווער־פאַרוווּנ־דעטער — מיט אַ לאָם צעקלאַפּט דעם קאָפּ, איז דאָך שטאַלבע, ווי אַן אָרנטלעכער און אָנ־שטענדיקער אָפּיצער, געצוווּנגען געווען אָנשרײַבן אין ראַפּאָרט, אַז דער פּלאַן פון דער עקזע־קוציע איז צעשטערט געווען איבער דעם ווידערשטאַנד פון די עקזעקוטירטע און אַז עטלעכע מענטשן זײַנען דערשאָסן געוואָרן בײַס אַ פּרווו צו אַנטלויפן. די רעליאַציע האָט אויסגעזען ניט זייער קיין זיגרײַכע, און קיין שום באַלוינונג האָבן שטאַלבע און זײַנע געהילפן, ווײַזט אויס, ניט באַקומען.

אין געטאָ האָט מען געהערט דאָס שיסערײַ, די אויטאָמאַט־רייען, די לאַנקע איז געווען אינגאַנצן דרײַ ווי־ארסט פונדאַנען. נאָר די מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין וואַלד, אָפּ דער אַנדערער זײַט פון דער אײַזנבאַן־ליניע, אַ קילאָמעטער אַכט פון דאָרט, האָבן גאָרנישט ניט געהערט, און ווען זיי זײַנען שפּעט אין אָוונט געקומען אין געטאָ, האָבן זיי ניט געטראָפן ניט נאָר זייערע אייגענע און נאָענטע, נאָר אויך זייערע הײַזער. די אַרויסגאַנגען אָפּ דער פעשטשאַנע־גאַס זײַנען געווען פאַרצוימט מיט שטעכלדראָט. די פעשטשאַנע און די גאָספּיטאַלנע גאַסן און די געסלעך צווישן זיי זײַנען איצט געווען די געטאָ. עס האָבן דאָ געוווינט אַ דרײַ טויזנט מענטשן. ווייניקער, ווי פאַר אַ האַלב יאָר, איז פאַרניכטעט, צעשאָסן געוואָרן, אומגעקומען, געשטאָרבן פון הונגער און קראַנקײַטן באַ פיר טויזנט מענטשן.

די הײַזער אָפּ פּראַרעזנאַיאַ זײַנען צוזאַמען מיטן ביסל סקאַרב פאַרקויפט געוואָרן די אײַנוווינער פון די אַרומיקע דערפער. צום באַדווערן און צום בײַזאַיען אונדזערן, האָבן זיך געפונען באַלאַנים אָפּ צו אָפּקויפן די הײַזער און דאָס פאַרמעגן פון די אומשולדיק פאַרטי־ליקטע.

דאָס אָנטאָן און דאָס גרעט פון די צעשאָסענע האָט מען געבראַכט אָפּ דער ניי־פאַבריק, דאָס שוכוואַרג אָפּ דער שוסטער־פאַבריק, עס פאַנאַנדערסאָרטירט, פאַריכט און עס געלאָזט אין פאַרקויף דורך די דײַטשישע קלייטן. פאַנאַנדערקלײַבנדיק די זאַכן, האָבן די אַרבעטערנס פון דער פאַבריק דערקענט דאָס אָנטאָן און די שיך פון זייערע אייגענע און באַקאַנטע.

דעם יודנראַט האָט שטאַלבע צוגעשטעלט אַ כעזשבן פון אַכט טויזנט רובל פאַר פּאַטראָ־נעס און אַנדערע הויצאָעס, וועלכע די מאַכט האָט געהאַט אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַקציע.

אַזוי איז דורכגעפירט געוואָרן די ערשטע פאַרניכטונגס־אַקציע אין אונדזער שטאָט. נאָך דעם האָבן פיל זיך אופגעהאַנגען — די שטריק האָט מען נאָך ניט רעקוויזירט. עס האָבן זיך געהאַנגען פאָטערס און מוטערס, באַ וועלכע עס זײַנען פאַרניכטעט געוואָרן די קינדער; עס זײַנען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד עטלעכע מישפּאָכעס, וואָס האָבן ניט געוואָלט זיך דערוואַרטן, ווען מע וועט דאָס זעלבע טאָן מיט זיי; דער מאַן האָט געהאַרגעט די פרוי מיט די קינדער, דערנאָך זיך גענומען דאָס לעבן, אָדער די מוטער האָט געהאַרגעט אירע קינדער, דערנאָך געהאַרגעט זיך, זיך געהאַנגען. עס האָט זיך געהאַנגען דער פעטער לייזער: ער האָט ניט געקאָנט איבערטראָגן אַזאַ לעבן, ניט געוואָלט וואַלגערן דעם וואַלד פאַר די דײַטשן, ניט געוואָלט פאַרשיטן קיין לעבעדיקע קינדער, ניט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן אין גרוב — און האָט געפונען אין זיך מוט צו שטאַרבן, זיך הענגען באַנאַכט אין שײַער; דער זיידע האָט אים אַרויסגענומען פונעם שלייף און אים מעקאַבער געווען אָפּן בעסוילעם, באַנאַנד מיט דער באָבען. אייניקע זײַנען אַנטלאָפן אין וואַלד, דערפאַר האָבן די עסעסאָווצעס צעשאָסן זייערע מישפּאָכעס, און די, וואָס האָבן קיין מישפּאָכעס ניט געהאַט, האָט מען צעשאָסן מענטשן פון די בריגאַדעס, ווו זיי האָבן געאַרבעט, יעדער פינפטן, און מ'האָט אײַנגעפירט אַן אײַנדער־פרײַקן אָפּעל, אַן איבערוף.

שוין אָפן ערשטן אָפּעל האָט שטאַלבע געמאָלדן, אַז אָפּ ווײַטער וועט פאַר אַנטלויפן צעשאָסן ווערן ניט נאָר די מישפּאָכע, נאָר אַלע, וואָס וווינען אינעם הויז, ווו עס האָט געלעבט דער אַנטלאָפענער, און יעדער דריטער פון דער בריגאַדע.

„גייט ניט אוועק צו די פּאַרטיזאַנער, — האָט געזאָגט שטאַלבע, — אין וואַלד וועט איר אומקומען פון קעלט און הונגער, די פּאַרטיזאַנער נעמען ניט קיין ייִדן, זיי וואַרפן זיי אוועק אין וואַלד אָפּ אומקום. אַרבעט אָרנטלעך, וועלן קיין אַקציעס מער ניט פאַרקומען. די אַקציע איז אַרויסגערופן געוואָרן איבער די ווינטערדיקע שוועריקײַטן מיטן צושטעלן פּראָדוקטן,

ס'איז א שווער מאָסמיטל, נאָר עס קומט פאַר א מילכאָמע, די דײַטשישע יוגנט קומט אום אפן פראָנט, די באפעלקערונג פון דײַטשלאַנד שטייט אויך אויס שווועריקײַטן, מע דאַרף דאָס פאַרשטיין. איצט איז די פראגע פון שפּײַז געלייזט און קיין אקציעס וועלן מער ניט זײַן. אַרבעט! און וועגן פאַרטיזאַנער גיט צו וויסן. פאַר יעדער יעדיע וועט אַרויסגעגעבן ווערן א באַלוינונג".

אינגיכן נאָכן אפעל איז אין געטאָ ווידער געקומען דער פעטער גרישע און געגנוי דערציילט וועגן דער אקציע, דערציילט לויט די ווערטער פון די מאַנצבלען, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט, צוגעשטאַנען צו סידאָראָווס אָטריאַד, און גרישע האָט צוגעגעבן, אַז דער גוירל פון דער געטאָ איז געלייזט: די קומענדיקע אקציע קאָן מען דערוואַרטן אין א באַליבן טאָג; מע דאַרף אַוועקגיין אין וואַלד, נאָר צום וואַלד ווערסטו אָן געווער זיך ניט דורכשלאָגן, די קאַרדאָנען זײַנען שטאַרקע, מע דאַרף אויך געווער פאַר די, וואָס וועלן ניט באַווײַזן אַוועקגיין אין וואַלד, אַז אין פאַל פון אַן אקציע זאָל מען קאָנען שטעלן א ווידערשטאַנד.

ווי איך פאַרשטיי איצט און ווי מיר האָט שפּעטער דערציילט סידאָראָוו, האָט זיך געהאַנדלט וועגן שאַפן פון די געטאָ־אײַנוווינער א פאַרטיזאַנישן אָטריאַד, פון אָנפאַנג א שלאַכט־אָטריאַד און דערנאָך א מישפּאָכעדיקן, אַזוי אַז אונטער דעם אופזיכט פון די שלאַכטלײַט זאָל מען קאָנען פאַרהיטן דאָס לעבן פון די פרויען און קינדער. א פאַרטראַכט איז דאָס געווען ניט גאָר קיין רעאַלער, אַן אוטאָפּישער, איר פאַרשטייט אליין: פרילינג פון צוויי־און־פערציקסטן יאָר, ווען די איבערוואָג איז נאָך געווען אף דער זײַט פון די דײַטשן, איבערפירן אין וואַלד הונדערטער פרויען, קינדער, איז געווען א פאַנטאַזיע! נאָר ווייניק גרויסע זאַכן זײַנען געבוירן געוואָרן פון פאַנטאַזיעס?

אָבער אף אויסצופילן דעם דאָזיקן פאַנטאַסטישן פּלאַן האָט מען געדאַרפט געווער. אליין געמאַכט געווער, עטלעכע אַוועקגעגאַנוועטע גראַנאַטן און פּיסטאָלעטן — דאָס איז קיין געווער ניט. מע דאַרף עמעס געווער, און א סאַך. מע קאָן עס פאַרכאַפּן אף דער סטאַנציע, ווו עס ווערן אויסגעלאָדן עשעלאָנען מיט געווער. נאָר צוליב דעם דאַרף מען האָבן אף דער אײַזנבאַן אַן אייגענעם מענטשן.

ס'איז קלאָר געווען, וועגן וועמען עס רעדט גרישע, ער האָט גערעדט וועגן מײַן טאַטן, דירעקט האָט ער עס אים ניט געזאָגט, ניט געוואָלט אָנבינדן, ניט געוואָלט צווינגען. דער וועג פון קאַמף, אף וועלכן ער האָט זיך געשטעלט, אף וועלכן עס האָבן זיך געשטעלט זײַנע קינדער און די כאַווײרים פון זײַנע קינדער, איז געווען א געפערלעכער וועג, אים קאָן מען באַטרעטן נאָר פרײַוויליק. דאָס פאַריקע מאָל האָט דער טאַטע זיך אָפּגעזאָגט פון אָט דעם וועג, און גרישע האָט מער ניט געוואָלט אף דעם באַשטיין, ניט געוואָלט אפילע פאַרפירן קיין שמועס וועגן דעם. איצט האָט די מאַמע אָנגעהויבן:

— יאַנקעוו! — האָט די מאַמע געזאָגט. — דו דאַרפסט העלפן אונדזערע קינדער. אויב דו וועסט ניט העלפן, וועט קיינער ניט העלפן.

מיט א שווער האַרץ האָט זי עס געזאָגט, זי האָט געוווּסט, אַז קיין זאַך וועט זי ניט בעטן בא גרישען. און דער טאַטע האָט לויט דעם, ווי עס האָט א ציטער געטאָן איר שטים, פאַרשטאַנען: די מוטער זאָגט דאָס אופריכטיק.

מײַן טאַטע, מײַן מאַמע זײַנען ניט געווען קיין קעמפער. זיי זײַנען געווען מענטשן מוטיקע, נאָר זייער מוטיקײַט איז געווען אָפּגעגעבן דער באַשטעטיקונג און דער שוץ פון זייער ליבע, זייער מישפּאָכע. די ליבע איז געווען זייער לעבן, און זיי האָבן געדאַרפט אומקומען צוזאַמען; דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געוואָלט, — צוזאַמען גיין צו דער גרוב. איצט איז זיי פאַרגעשטאַנען שטאַרבן באַזונדער און שטאַרבן אף פאַרשיידענע אויפאַנים. נאָר אין דער מינוט, ווען די מאַמע האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע ווערטער, איז זי שוין געווען אַן אַנדער מענטש, געוווּסט, אף וואָס זי שיקט איר מאַן, און צו אַלץ גרייט געווען אליין.

ווידעראַמאָל דורך איגאָרן האָט דער פעטער איבערגעשיקט איוואַן קאַרלאָוויטשן זײַן שווייצאַרישן פּאַספּאָרט און א צעטעלע וועגן דעם, אַז ער וועט כלאָפּאָטשען וועגן אַרויספאָרן אין דער שווייץ, און דערווײַל בעט ער אים אײַנאָרדענען אף אַרבעט אין דעפּאָ.

איך ווייס ניט, וואָס עס איז פאָרגעקומען צווישן שטאַלבען און לע־קורטן, נאָר ס'איז א פאַקט, אַז מע האָט דעם טאַטן אַרויסגעלאָזט פון דער געטאָ און אים באַשטעטיקט אַלס פאַרוואַלטער פונעם דעפּאָ־סקלאַד.

ווי:אַזוי דער טאַטע איז אַוועקגעגאַנגען פון דער געטאָ, ווי:אַזוי עס האָט אויסגעזען די צעשיידונג, קאָן איך ניט זאָגן. און ווי:אַזוי איז ער אַרויסגעגאַנגען פון שטוב און ווי:אַזוי איז ער געגאַנגען איבער אונדזער גאַס, זינקענדיק אין דער שווערער זאַמד, — ווייס איך אויך ניט... אָבער דאָס איז געווען א סאַך... זיך באַווײַזן אין געטאָ, זיך זען מיט עמעצן פון דער געטאָ

האָט מען דעם טאַטן פאַרוועָרט. יעדע וואָך האָט ער געדאַרפט זיך יאַוועָן אין פּאָליציי און זיך אָפּמערקן דאָרטן, און זײַנע דאָקומענטן, ווי אַן אונטערטאַנער פון דער שווייץ, זײַנען אָפּגע־שיקט געוואָרן קיין בערלין, אין דעם 4־טן אָפּטייל פון געסטאַפּאָ, מיט וועלכן ס׳האָט אָנגעפירט אַדאָלף אייכמאַן. געלעבט האָט דער טאַטע אין אַ קליין קעמערל באַם סקלאַד. דער סקלאַד און דאָס קעמערל האָבן זיך פּאַרהיט. איך מיט דער פרוי האָבן עס באַזוכט, ווען איך בין געקומען אַהער דאָס ערשטע מאָל...

יאָ, איך האָב כאָטשע געהאַט דאָס צווייטע מאָל... ווי־אַזוי? איך האָב מוירע, אַז די דאָזיקע געשיכטע וועט אונדז אָפּווענדן פונעם איקער. וואָס קאָן דאָ זײַן פּאַר אַ סאָד, וואָס רעדט איר? איר ווילט עס וויסן, ביטע...

20

מײַן ווײַב, גאַלינאַ ניקאָלײַעוונאַ, דעמלט, מילכאָמע־צײַט, פּראָסט גאַליאַ, איז געווען אַ טעלעפאָניסטקע אין פאַרבינדונגס־באַטאַליאָן. זי איז אוועק אין דער אַרמיי פון ערשטן קורס פונעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. דאָס איז זייער זעלטן: אין פאַרבינדונג איז מען געגאַנגען מיט אַכט און אויך מיט זעקס קלאַסן, און זי, מיט אַזאַ בילדונג, איז געגאַנגען אַפילע ניט פּאַר קיין ראַדיסטקע, נאָר פאַר אַ פּראָסטער טעלעפאָניסטקע. די קורסן פון ראַדיסטקעס זײַנען זעקסכאָדאַשימדיקע, פון טעלעגראַפיסטקעס — פירכאָדאַשימדיקע, און פון טעלעפאָניסטקעס — נאָר פון איין כוידעש. גאַלינאַ האָט געוואָלט וואָס גיכער גיין אַפן פראָנט, זי האָט אָפּגעלערנט אַ כוידעש און מע האָט זי אַוועקגעשיקט אין דעם טייל, וואָס איז געשטאַנען דאָרט, ווו עס זײַנען געווען די קורסן, — אין סטאַלינגראַד.

פון דער ליטעראַטור און פון די קינאָ־פילמען האָט זיך בא אונדז אויסגעאַרבעט אַ פאַר־שטעלונג וועגן מיידלעך־פראָנטאָוויטשקעס: אַ קרעפּטיק, געזונט מיידל אין אַ גימנאַסטיאָרקע, אין אַ קליידל, שטיוועלעך, און אין אַ פּילאָטקע, ווינטער — אין אַ פוטערן היטל מיט אויערן און אין אַ פּעלצל. אַ געשיקטע רעגוליאַטאָרשע מיט פאָנעלעך. עס זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען אויך אַזעלכע, נאָר ווײַט ניט אַלע. גאַליאַ איז געווען אַ הויכע, אַ מאָגערע, דערבײַ אין איין־און־פּערציקסטן — צוויי־און־פערציקסטן יאָר האָט מען אונדזערע מיידלעך אַרויסגעגעבן ניט נאָר קיין מאַנצבלש אָנטאָן, נאָר אויך מאַנצבלש גרעט... העמדער, גאַטקעס, וואַטאָווע הויזן, פופּייקעס, פוישטן... דאָס דאָזיקע אָנטאָן האָט געראַטעוועט דאָס לעבן, נאָר, ווי איר פאַרשטייט, האָבן די מיידלעך ניט געקאָנט אויסזען ווי ווענערע מילאָסקאַיאַ, דאָך פון דער צווייטער זײַט, אין וואָס דו זאָלסט ניט אָנטאָן ווענערע מילאָסקאַיאַ, בלײַבט זי ווענערע.

אַפן פראָנט איז געווען אויך עמעצע ליבע, עס פלעגט זײַן אויך אַזוי, „די מילכאָמע וועט אַלץ פאַרמעקן״. וואָס איז אַזוינס אַ מיידל אין מיליטער? איין זאַך איז דער האָספּיטאַל, ווו דער איקער־פערסאָנאַל איז פרויען, ווו ס׳איז פאַראַן הייסע וואַסער, בעטגעוואַנט און אַזוי ווײַטער, און די מאַנצבלען זײַנען פאַרווונדעטע, קראַנקע, וועלכע מע דאַרף אַרומזען, די פרויען זײַנען ניט אָפּהענגיק פון זיי. אַ צווייטע זאַך איז אַ פאַרבינדונגס־באַטאַליאָן: אַרום־און־אַרום מאַנצ־בלען, די מיידלעך ווינען אַפילע ניט צוזאַמען, מע צעשיקט זיי אין די ק.פּ. און נ.פּ., אין די קאָרפּוסן, דיוויזיעס, פּאָלקן, באַטאַליאָנען. דאָס מיידל איז איינע, און צומאָל איז די נויטווענ־דיקײַט אין שוץ פון אַ שטאַרקער מאַנצבלשער האַנט, די נויטווענדיקײַט אין עלעמענטאַרער געמיטלעכקײַט אומפאַרמײַדלעך... וואָס דו זאָלסט ניט טײַנען, אַפילע דער קאָמאַנדיר פון אַ ראָטע האָט אַ באַזונדערע שטוב אָדער בלינדאַזש.

נאָר, איר ווייסט, גאַליאַ, ווי מע זאָגט עס, האָט דורכגעטראָגן איר פאָן... אַזעלכע זײַנען געווען צוויי: גאַליאַ און איר כאַווערטע נינאַ פּאָלישטשוק, ביידע פון איין שטאָט, פון איין אינסטיטוט, זיי זײַנען צוזאַמען אַוועק אין שול, געוואָרן טעלעפאָניסטקעס און אַרײַנגעפאַלן אין איין טייל. זיי האָבן זיך אַזוי אַוועקגעשטעלט, אַז קיינער האָט זיך צו זיי ניט צוגעשאַרט און ניט געוואַגט זיך צושאַרן. נינען איז דאָס געווען לײַכט: ניט קיין שיינע, אַ קליינינקע מיט אַ שפּיצעכיק נעזל. און גאַליאַ איז אַ וווּקסיקע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן, מיט אַ ליכטיקן בליק. פיל מאַנצבלען איז זי געפעלן געוואָרן, נאָר איר פאַרשטייט, אַ זעלבשטענדיקע. זי האָט ניט געהאַט פיל פון דעם, וואָס עס האָבן געהאַט אירע כאַווערטעס פונעם באַטאַליאָן, נאָר די סאָלדאַטן האָבן איר געהאָלפן, זי אָפּגעהיט, געווען אַ דרייסט מיידל, זי איז געזעסן אַף איר קאָמוטאַטאָר ביז צום סאָף, באַקומען צוויי אָרדענס פון דעם רויטן שטערן — פאַר אַ פאַרבינד־לערן איז דאָס ניט ווייניק.

באַ אונדז האָט אויך לויט די ביכער און קינאָ־פּילמען זיך געשאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז די הויפּט־פיגור אין דעם פאַרבינדונגס־מיליטער איז דער ראַדיסט, און וועגן דער ראַדיסטקע איז שוין בכלל ניטאָ וואָס צו ריידן — זי איז די עכטע העלדן. איך מוז באַמערקן, אַז דאָס איז אויך ניט אינגאַנצן אַזוי.

ראַדיאָ האָט ניט קיין דראָטן, דער שטעט ווערט געדעקט אַן שום פּערזענלעכער געפאַר פאַרן ראַדיסט, געפערלעך איז נאָר דאָס אָרט, ווו ער זיצט. און דער טעלעפאָניסט ציט דעם דראָט איבערן שלאַכטפעלד, אָפּט אונטער דער נאָז פונעם קעגנער, ווערט באַשאָסן פון דער לופטן, פון דער אַרטילעריע, פונעם סנײַפּער. און די צעשעדיקטע פאַרבינדונג מוז מען מאָמענטאַל אופשטעלן, דאָס מיליטער קאָן ניט בלײַבן אַן קיין אָנפירונג, און אופשטעלן די פאַרבינדונג קומט ווידער אויס פאַר די אויגן פונעם קעגנער. דער פאַרבינדלער מאַסקירט זיך, נוצט אויס די קנייטשן פון דער ערד, נאָר ניט שטענדיק גיט זיך דאָס אײַן, באַזונדער לעבן דעם ק.פּ., ווו מע דאַרף דאָס דראָט אופהייבן.

איר וועט זאָגן: די טעלעפאָניסטקע איז אַפּן קאָמוטאַטאָר, און די פאַרבינדונג צײען און פאַריכטן די מאַנצבלען... יאָ, אין גרונט איז עס אַזוי. נאָר ווען עס טרעפט אַן אומגליק, מוז דער אַפּאַראַטאָר העלפן אופשטעלן די ליניע. אין די שלאַכט־אומשטענדן האָבן די פרויען געצויגן די פאַרבינדונג און געגאַנגען מיט די קאַטושקעס. דער קנופּ פון פאַרבינדונג געפינט זיך, געוויינלעך, אַפּן ק.פּ., לאָמיר זאָגן אין בלינדאַזש, נאָר וואָס פאַר אַ בלינדאַזשן, פרעגט זיך, זײַנען געוועזן אין סטאַלינגראַד? דאָרט האָבן די טעלעפאָניסטקעס אַליין געגראָבן שפּאַלטן, באַהאַלטן זיך אין זיי מיט די אַפּאַראַטן, אַליין געצויגן דאָס דראָט, אַליין אַרויסגעגאַנגען און פאַריכט עס אונטערן פײַער. און כאָטש נאָכן פופצנטן אָקטיאַבער פונעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר איז געווען אַ באַפעל, אַז אַלע מיידלעך זאָל מען איבערפירן אַפּן לינקן ברעג, די באַדינגונגען זײַנען געוואָרן אומדערטרעגלעך, — איז צו טשויקאָוון געקומען אַ דעלעגאַציע פון מיידלעך, צווישן זיי אויך גאַליאַ, און געבעטן, זיי לאָזן באַגלײַך מיט אַלעמען אַפּן רעכטן ברעג. און זיי זײַנען געבליבן, און זיי האָבן געקעמפט, און אומגעקומען. קיין איין שטאָט האָט ניט געוווּסט פון אַזויפיל העלדן, ווי סטאַלינגראַד, אָבער ניט קיין סך סטאַלינגראַדער האָבן באַקומען דעם דאָזיקן טיטל. דעם טיטל העלד האָט מען ברייטהאַנטיק געגומען צוויי־געגען דערנאָך, ווען מע איז אווועק פאָרויס, ווען מע האָט אָנגעגריפן און געזיגט, און ניט דעמלט, ווען מע האָט זיך פאַרטיידיקט, און אַט דעמלט זײַנען אומגעקומען אומבאַוווּסטע סאָלדאַטן... אויך פיל אונדזערע מיידלעך־פאַרבינדלערנס זײַנען געבליבן אין דער סטאַלינגראַדער ערד, ערע זײַער אָנדענק!

איר קאָנט ווידער זאָגן: אויב טעלעפאָנישע פאַרבינדונג איז אַזוי געפערלעך, איז דאָך בעסער זיך באַנוצן מיט ראַדיאָ, די ראַדיאָ איז דאָך זיכערער. יאָ, זיכערער. נאָר פאַרגעסט ניט, אַז אַף דער מילכאָמע, באַזונדער אין אָנהייב, איז געווען נאָך ניט אַלץ אַף דער געהעריקער הייך; דערבײַ הערט דער קעגנער די ראַדיאָ, הייסט עס, אַז מע דאַרף פאַרשיפרירן, דערנאָך דעשיפרירן, אַף דעם גייט אוועק צײַט, און ווו נעמט מען עס צײַט אין די שלאַכט־אומשטענדן? און בכלל וועל איך אײַך זאָגן: יעדער קאָמאַנדיר האָט בעסער געהאַלטן פונעם טעלעפאָן. דורכן טעלעפאָן איז די אופווירקונג אַ דירעקטע, אפילע פּסיכאָלאָגיש, אַליין דער טאָן פונעם שמועס, פונעם כאַראַקטער פון קאָמאַנדיר איז וויכטיק. פאַר אַ שלאַכט־קאָמאַנדיר שטייט אַפּן צווייטן אָרט, נאָך דעם פּערזענלעכן שמועס, דער שמועס דורכן טעלעפאָן. וואָס איז שײַעך דער אַרטבאַטאַרייע, איז דער טעלעפאָן פּאַשעט דאָס איינציקע מיטל פון פאַרבינדונג: ווען דו פירסט אַ פײַער, וועסטו קיין ראַדיאָגראַמעס ניט דעשיפרירן.

טאַקע אין אַן אַרטילעריסטישער באַטאַרייע האָט גאַליאַ אָנגעהויבן איר דינסט, כאָטש אַהין האָט מען, אַלס קלאַל, קיין מיידלעך ניט געשיקט, פאָרט אַ פײַער־פּאָזיציע. נאָר מיט גאַליען האָט זיך אַזוי באַקומען: זי איז אַרײַנגעפאַלן אין אַרטילעריע, דאָרט האָב איך זיך מיט איר באַקאַנט. דערנאָך, ווי איך האָב אײַך דערציילט, האָט מען מיך איבערגעפירט אין דער אויסשפּירונג, זי — אין פאַרבינדונגס־באַטאַליאָן, נאָר די דיוויזיע איז געווען די זעלבע, און מיר האָבן זיך דאָך באַגעגנט, עמעס, ניט אָפט.

און אָט זײַנען מיר איינמאָל, אין נאָיאַבער אָדער דעקאַבער פונעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר, נאָך אין סטאַלינגראַד, באַנאַכט אַרײַנגעפאַלן אין עפּעס אַ צענעריקטער געבײַדע, אין אַ סקלאַד, צי אַ פאַקהאַוז, לעבן אַ צעשעדיקטער אײַזנבאַן־ליניע. די געבײַדע איז געווען צעקלאַפּט אַף שטיקלעך, נאָר דאָס שטיקל אָרט איז גאַנץ, און דער קעלער אונטער דעם איז גאַנץ, אוילעם האָט זיך אהער פאַרזאַמלט — אַ וועלט, מע קאָן קיין שפּאַן ניט מאַכן. מע איז געקומען אהער פון פאַרשיידענע טיילן, די, וואָס האָבן רעכט געהאַט עטלעכע שאָ כאַפּן אַ דרעמל, די כוועורע האָבן קוים אָפּגעזוכט פאַר מיר אַן אָרט לעבן דער וואַנט, אַ טרוקן אָרט,

ווײַטער פון דער טיר. און דאָ האָבן זיך געיאָוועט גאַליאַ מיט נינען, זיי זײַנען נעבעך דורכ־געפרוירן ביז די ביינדעלעך, גלײַך פון דער זאַווערוכע, פון דער שלאַכט, און קיין אָרט איז ניטאָ פאַר זיי. אַלע ליגן, אויסדרייען זיך איז ניט מעגלעך. נאָר איר ווייסט, וואָס עס האָט געזאָגט דער גענעראַל גודעריאַן: ס׳איז ניטאָ קיין פאַרצווייפלטע לאַגע, עס זײַנען פאַראַן פאַרצווייפלטע מענטשן. ניט שלעכט געזאָגט. מע האָט געמוזט זיך צונויפרוקן, צונויפרוקן די מענטשן און באַלייגן די מיידלעך. ווי איר פאַרשטייט, איז מען געשלאָפן אין דעם, וואָס מע איז געווען אָנגעטאָן, אין וואַטאָווע הויזן, אין די שיך, דער דיל איז אַ צעמענטענער, דעריבער האָב איך אויסגעשפרייט מײַן פלאַשטשפּאַלאַטקע, אײַנגעדעקט גאַליען מיט מײַן שינעל, אַרומגענומען זי, זי האָט זיך דערוואַרעמט, אַ קוק געטאָן אויף מיר, אַ שמייכל געגעבן און שטאַרק־שטאַרק אַנשלאָפן געוואָרן, כאָטש איבער אונדז האָט געקנאַלט, די ווענט האָבן זיך געוויגט, נאָר זי איז שטיל געשלאָפן, געאָטעמט לעבן מיר, איר אָטעם איז געווען, ווי דער גערוך פון פריש־געשניטן גראָז; ער איז געווען עפּעס פון אַ באַזונדער מין, אָט דער גערוך, דעריקער דאָ, ווי עס האָט געשמעקט מיט נאַסע שינעלן, מיט צעגאַנגענעם שניי, מיט מאַכאָרקע און טוטין, און איר פּאָנעם איז געווען לעבן מײַנעם, אין שלאָף איז איר פּאָנעם געווען אײַנגאַנצן ווי בײַ אַ קינד, און די ליפּן זײַנען געווען קינדערשע, און די ווײַעס, — אָרעם מיידעלע, אַ שפּערעלע, וואָס איז אַרײַנגעפאַלן אין אָט דער בוינע. אַזאַ צאַרט געפיל האָב איך געהאַט צו איר. און איך בין געשלאָפן, צי ניט געשלאָפן, געדרעמלט, געהערט איר אָטעם, געזען איר קינדערש פּאָנעם און אירע קינדערישע ליפּן...

פאַרטאָג האָט מען בײַ דער טיר אויסגעשריגן:

— טאַקאַרעוואַ, פּאָלישטשוק, צום אַרויסגאַנג!

גאַליאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט, איר פּאָנעם איז געווען ווי בײַ אַ קינד, פּונקט ווי אין שלאָף, זי האָט צוטרווילעך אַ שמייכל געטאָן צו מיר, אַ ציטער געגעבן און אויפגעשטאַנען, און נינאַ פּאָלישטשוק איז אויפגעשטאַנען. זיי האָבן גענומען זייערע ביקסן, זייערע טעלעפאָן־קעסטלעך, זיך געזעגנט מיט אונדז און אַוועקגעגאַנגען.

איר פּאָנעם, דער צוטרוילעכער שמייכל, איר אָטעם, וואָס האָט געשמעקט מיט פריש־אָפּגעשניטן גראָז, האָבן זיך מיר אײַנגעקאַרבט אין האַרצן...

דערנאָך האָבן מיר, ווי פריִער, זעלטן זיך געזען, זי איז מיר געפעלן געווען, און, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, איז זי צו מיר אויך געווען ניט גלײַכגילטיק, כאָטש זי האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. אין דרײַ־און־פערציקסטן איז זי אַלט געווען צוואַנציק יאָר, איך איין און דרײַ־סיק, און איך בין אַ פּראָסטער לייטענאַנט־אויסשפּירער, קיין שום טײַוול האָב איך ניט, אויסער בענדלעך פון אַ פאַרווונדעטן... און זי דאַרף גאָרניט, נאָר, ווײַזט אויס, אַז זי האָט געגעבן אַ ניידער זיך האַלטן, און אוכאַזשעווען נאָך איר האָב איך ניט געקאָנט, ניט געוואָלט אויסזען בײַ איר אין די אויגן, ווי אַזאַ, וואָס דאַרף אַ מויד. כ׳האָב זיך באַצויגן צו איר כאַווערישׁ, און זי איז געווען צו מיר צוגעלאָזט. זי איז ביכלאַל געווען אַ צוגעלאָזטע, נאָר איר צוגעלאָזנקײַט האָט געהאַלטן די מאַנצבלען אויף אַ מעהאַלעך: איר ווייסט, קלוגע פרויען קאָנען עס, און דערצו איז גאַליעס פּראָפעסיע אַזאַ: בײַס אַ שלאַכט דאַרפן אַלע דעם טעלעפאָן, מע דאַרף אָנפירן מיט דער שלאַכט. באַזונדערס דער שטאַב פונעם קאָרפּוס. טעלעפאָן־ליניעס זײַנען פאַראַן נאָר צוויי: אַ גלײַכע און אַן אַרומיקע, און פּונקטן אויפן קאָמוטאַטאָר — פערציק, און אויף יעדן פּונקט — אַן אָנגעזעענער נאַטשאַלניק, און ער פאָדערט פאַרייניקן מיט דער אָדער אַנדערער דיוויזיע, טייל. אַלע דאַרפן. און ווי׳אַזוי גייט מען אַרויס פון דער לאַגע? דאָס איז אַ קונסט. לאָמיר זאָגן, אַז עס קלינגט דער קאָמאַנדיר פון דער אַרטילעריע, און אין דער זעלבער צײַט קלינגט דער שעף פון שטאַב, דעם קאָמאַנדיר פון אַרטילעריע וועסטו ניט אָפּנאַרן, נאָר דעם שעף פונעם שטאַב טאָר מען ניט אָפּזאָגן, הייסט עס, אַז מע דאַרף אים ווי־עס־איז באַרויִקן... „איין ווײַלינקע, כאַווער פּאָלקאָווניק, באַלד פאַרייניק איך אײַך, לייגט דערווײַל אַוועק דאָס טרײַבל, וואַרט, באַלד וועל איך זיך פאַרייניקן מיט דער דיוויזיע און וועל אײַך אָנקלינגען”... דערנאָך, אַזוי העפלעך דעם קאָמאַנדיר פון אַרטילעריע: „וואַסילי פּיאָדאָראָוויטש, ס׳האָט זיך אויסגעשטעלט אַ גרויסע ריי, מע זידלט מיך...” אַזעלכע סיטואַציעס זײַנען אָן אַ שיר, מע דאַרף אַלעמען באַרויִקן, קיינעם ניט באַליידיקן, האָבן צו אַלעמען אַ צוגאַנג, צו צוואַנציק יאָר דאַרף דאָס מיידל זײַן אַ דיפּלאָמאַט!.. איר קלערט, אַז צופעליק זײַנען אויפן קאָמוטאַטאָר נאָר פרויען? אויב אויפן קאָמוטאַטאָר מאַכט זיך אַ מאַנצבל, הייבט דער קאָמאַנדיר פונעם קאָרפּוס אָן נערווירן, ווי נאָר ער דערהערט זײַן קאָל, עס הייבן זיך אָן קאָלערליי פּרעטענזיעס, קאַפּ־ריזן. אין די שלאַכט־אומשטענדן איז אַ טעלעפאָניסטקע דאָס זעלבע, ווי אַ מעדיצינישע שוועסטער אין שפּיטאָל. ווען דו גייסט דורך אַזאַ שול, לערנסט זיך אויס באַגיין מיט מענטשן — וועסטו שוין דעמלט זיך קאָנען אַוועקשטעלן, ווי עס געהער צו זײַן.

איר געדענקט דעם מײַ פון דרײַ־און־פערציקסטן? דער ערשטער מײַ־כוידעש נאָך סטאַ־לינגראַד? דער גרויסער איבערבראַך אין דער מילכאָמע... און דער אומגעריכטער שטילשטאַנד אַף די פראָנטן; מיר זײַנען געקומען צו־זיך נאָכן זיג, און די דײַטשן האָבן ניט געקאָנט קומען צו־זיך נאָך דער מאַפּאַלע. דער מײַ פונעם דרײַ־און־פערציקסטן איז געווען אַן אויסנאַם אין אַלע פּראַטים, ער איז ניט ענלעך געווען אַף קיין שום אַנדערן. איר וועט זאָגן, אַז ס'איז געווען נאָך איין גרויסער מײַ — פונעם פינף־און־פערציקסטן יאָר. יאָ, אַן אַלפאָלקישער זיג, אַן אַל־וועלטלעכער זיג! און דאָך פאַר אונדז, פראָנטאָוויקעס, איז דער מײַ פונעם דרײַ־און־פערציקסטן געווען אויסערגעוויינלעך, מיר האָבן זיך דערפילט ווי נײַע מענטשן, דערשפּירט די אייגענע קראַפט, זיכערקײַט, צום ערשטן מאָל אָפּגעטעמט, געבראַכט זיך אין אָרדענונג, זיך אַרומגע־וואַשן, זיך אַרומגערייניקט נאָך אַ צוויייאָריקן אויסמאַטערנדיקן בלוטיקן וועג. דאָס איז געווען דער ערשטער עמעסער איבערײַס, די ערשטע פּאַוזע. מיר האָבן זי פאַרדינט מיט אונדזער בלוט און לעבן. דאָס ערשטע מאָל, זינט דעם קריג, האָבן מיר געקאָנט אָפּמערקן דעם ערשטן מײַ, מיר האָבן רעכט געהאַט אָפּן יאָמטעוו. און דאָ באַקומען מיר אַ באַפעל: מיר האָט מען צו־געייגנט דעם טיטל פון אַן עלטערן לייטענאַנט און באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער רויטער פאָן, און די כעווורע אויך אָרדענס און מעדאַלן.

געשטאַנען זײַנען מיר דאָרעמדיקער פון וואָראָניעזש, אין דער ריכטונג פון קורסק, אין אַ דאָרף, שטעלט זיך פאָר, קימאַט אין אַ גאַנץ דאָרף. וואָראָניעזש איז צעקלאַפּט אַף ברעקלעך, די אַרומיקע דערפער און דערפלעך זײַנען פאַרברענט, און דאָס איז ווי דורך אַ נעס גאַנץ געבליבן — אַ גרויס דאָרף. די שטיבער זײַנען גאַנץ, די בעדער הייצן זיך, דער נאַטש־פּראָד האָט עפּעס־וואָס אויסגעטיילט אין צוזאַמענהאַנג מיטן יאָמטעוו, מיר האָבן טראָפּיינעם ראָם און טראָפּיינעם שאָקאָלאַד... נאָר דעריקער איז, וואָס אין דעם דאָרף זײַנען אויך די פאַרבינדלער און צווישן זיי גאַליאַ, אַ פרײַע פון דער דעזשורסטווע. און ס'איז שוין ניט דאָס איין־און־פערציקסטע, נאָר דאָס דרײַ־און־פערציקסטע יאָר, גאַליאַ טראָגט שוין ניט קיין פּופײַ־קע מיט קיין וואַטאָווע הויזן, נאָר אַ גימנאַסטיאָרעטשקע, אַ קליידל, שטיוועלעך און אַ פּריי־זור... אַ וואָזשנע מיידל! און אָט איז זי געקומען צו אונדז, צו די אויסשפּירער, באַשיינט מאַ־מעש אונדזער באַשיידענעם יאָמטעוו.

און איך בין באַם טיש ניט דער לעצטער מענטש, די ראָטע איז מײַנע, באַם טיש — מײַנע סאָלדאַטן, איך בין דאָ דער עלטסטער. איך בין ניט קיין קאַדראָווער מיליטער־מאַן, איך בין אַ ציווילער מענטש, האָב ניט ליב, פאַרשטייט איר מיך, קיין סובאָרדינאַציעס, נאָר אַרמיי איז אַרמיי, וואָס דו זאָלסט ניט טײַנען, בין איך דער קאָמאַנדיר, מיר האָט געגליקט אין דער אויסשפּירונג, און די כעווורע האָבן געוואָלט דינען מיט מיר. איך האָב, אָן צווייפל, געפּאָדערט, אָן דעם איז ניט מעגלעך, נאָר קיינמאָל ניט דערלויבט זיך צוטשעפּען צו עמעצן: אַ קנעפּל, דאָס הינטערקעלנערל, וויִאזוי גייסטו, וויִאזוי שטייסטו... עס טרעפט אַ ניוזיקל, און דאַפקע ער איז אַן עכטער סאָלדאַט, און ניט יענער, וואָס ציט זיך אויס און קוקט אײַך אין מויל אַרײַן...

נאָר דאָס איז גלאַט אַזוי, געקומען צום וואָרט. קורץ, ס'איז דער ערשטער מײַ פונעם דרײַ־און־פערציקסטן יאָר. וועגן די אומשטענדן האָב איך אײַך דערציילט: אַ יאָמטעוודיקער טיש, ראָם, טושאָנקע, סאַלע, שאָקאָלאַד, באַם טיש גאַליאַ, ווי אַ קייסערינע, דאָ זיץ איך — ווי דער עלטסטער, און עס קומט אויס, אַז מיר זײַנען אַ פּאָר... און די כעווורע מײַנע האָבן עס אַזוי פאַרשטאַנען, דעריקער, וואָס זי איז צו מיר געקומען אין געסט, די כעווורע זײַנען ניט קיין נאַראָנים, און עס האָט זיך באַקומען אַזוי, אַז אַלע זײַנען זיך ביסלעכווײַז צעגאַנגען, ערגעץ פאַרשווּנדן געוואָרן, ווי צוליב פּערזענלעכע איניאָנים, מע האָט אונדז געלאָזט אַליין, כאָטש איר מעגט מיר גלייבן, אַז איך האָב זיי דערצו ניט געגייט, אַפילע קיין אָנדײַט ניט געמאַכט, מיר האָט זיך טאַקע געוואָלט פאַרבלײַבן מיט גאַליען, נאָר איך קאָן דאָך די איבעריקע ניט קאַליע מאַכן דעם יאָמטעוו... יאָמטעוו — איז יאָמטעוו פאַר אַלעמען... און איך, ווי דער עלט־סטער, האָב געקאָנט באַפוילן אַלעמען זיצן באַם טיש און פאַרזעצן זיך פרייען, נאָר פון דער אַנדערער זײַט, ווען גאַליע וואָלט דאָס וועלן, וואָלט זי אַליין געקאָנט ענדערן די סיטואַציע, זי וואָלט אויך געקאָנט זיך אופהייבן און זאָגן, אַז אויב אַלע גייען זיך פאַנאַנדער, וועט זי אויך אוועקגיין, און דעמלט וואָלט איך געמאַכט אַזוי, אַז די מענטשן זאָלן בלײַבן. נאָר גאַליע האָט זיך ניט אופגעהויבן, ניט געצווּנגען מיך פאַרהאַלטן די מענטשן. און מיר זײַנען גע־בליבן אינצווייען...

פונדעסטוועגן זע איך, אַז ניט געקוקט אַף דער יאָמטעוודיקער שטימונג, איז גאַליאַ עפּעס פאַרזאָרגט, עפּעס אַ שאָטן פאַרדעקט איר געזיכט און פאַרשווינדט.

איך פרעג:

— און ווו איז נינא?

אויב אף אזא יאָמטעווו איז זי געקומען אליין, אָן דער כאַווערטע, מיט וועלכער זי צעשיידט זיך ניט זינט דער מילכאָמע און איז עפּעס פאַרזאָרגט, איז עס מיסטאָם איבער דער כאַווערטע.

אף מייַן פראַגע ענטפערט זי:

— כ׳ווייס ניט.

ווי:אזוי קאָן עס זייַן, וואָס הייסט זי ווייסט ניט, ווו איז איר נאָענטסטע כאַווערטע, זיי לעבן דאָך צוזאַמען! עפּעס איז, ווייַזט אויס, בא זיי פאַרגעקומען, זיך צעקריגט, צעווערטלט, עס טרעפט, נאָר וואָס קער זיך עס אָן צו מיר, פרעגט זיך? כאַווערטעס קריגן זיך, בעטן זיך איבער, אזוי איז עס שוין... מייַן אופמערקזאַמקייַט איז אָנגעצילט אין אַן אנדער זייַט, מייַנע געדאַנקען זייַנען פאַרנומען געווען מיט עפּעס אנדערש, און איר אומרו האָב איך דערקלערט מיט דער געשאַפענער סיטואַציע: זי איז געבליבן מיט מיר אליין, זי האָט פאַרשטאַנען, אז עפּעס דאַרף פאַרקומען, אז עפּעס דאַרף זיך לייזן. איך נעם איר האַנט אין מייַנע הענט און פרעג מיטפילנדיק:

— זיך צעווערטלט?

— יאָ, זיך צעווערטלט, — ענטפערט זי, נאָר די האַנט נעמט זי ניט צו. די האַנט האָט עטוואָס א ציטער געטאָן, נאָר איך האַלט זי פעסט, איר האַנט איז געבליבן אין מייַנער.

— ס׳איז גאַרניט, איר וועט זיך איבערבעטן...

איך פיל די וואַרעמקייַט פון איר האַנט, די ווייכקייַט פון איר דלאָניע און איר נאָענטקייַט. איך האָב שוין אזויפיל יאָר זיך ניט צוגערירט צו קיין פרויִשער האַנט! איך צי צו גאַליען צו זיך און קוש זי.

— מע דאַרף ניט, כאַווער עלטערער לייטענאַנט! — זאָגט זי.

א מיידל דאַרף זיך קעגנשטעלן, כאָטשבי סימבאָליש.

און איך וויל נאָכאַמאָל זי א קוש טאָן...

אָבער זי באַפרייַט זיך פון מייַנע הענט.

— איך האָב דאָך אייַך שוין געזאָגט, כאַווער עלטערער לייטענאַנט, אז מע דאַרף ניט! מיך האָט פאַרדראָסן איר אָפיציעלע ווענדונג, ניט דער צערייצטער טאָן, ניט ווייַל זי האָט מיך אָפּגעשטויסן, נאָר דאָס, מיט וואָס פאַר א געוווינטער און געניטער, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, באַוועגונג זי האָט עס געמאַכט. ניט קיין גוטער געפיל האָט זיך א רודעווע געגעבן אין מיר, ניט קיין גערעכטיקער... אויב זי קאָן אזוי זיכער און פעסט זיך באַפרייַען פון א מאַנצבל, הייסט עס, אז זי קאָן אויך, ווען מע דאַרף, זיך ניט באַפרייַען.

דאָך זאָג איך פשאָרעמאַכנדיק:

— נו, גאַליא, צו וואָס איז דער אָנשטעל?

זי איז אופגעשטאַנען.

— איך האָב געמיינט, אז איר זייַט אַן אנדערער, נאָר איר זייַט אזא, ווי אלע, עך, איר על־טע־רער ליי־טע־נאַנט!

אין אָט דעם „עך, איר על־טע־רער ליי־טע־נאַנט!” האָב איך דערפילט, אז זי וויל מיך באַליידיקן: ס׳הייסט, אפן ק.פּ. האָט זי צו טאָן מיט גענעראַלן, און דאָ א פריש־אויסגעבאַקענער עלטערער לייטענאַנט, ערשט הייַנט באַקומען דעם טיטל און האָט גלייַך באַשלאָסן, אז אלץ מעג ער.

דער מויעך האָט זיך בא מיר איבערגעקערט, צי וואָס? אזוינס איז קיינמאָל מיט מיר ניט פאַרגעקומען, איך שווער אייַך! און איבער וואָס — כ׳פאַרשטיי אליין ניט.

און איך פרעג אזוי גראָב:

— א לייטענאַנט טויג דיר ניט?

— איר זייַט ניט אזא, ווי אנדערע, איר זייַט ערגער, יענע מאַכן כאָטש קיין אָנשטעל ניט, זייַנען ניט צווייפּנעמדיק, — האָט געזאָגט גאַליא.

און איז אוועקגעגאַנגען.

איך האָב אויסגעטרונקען נאָך א האַלבע גלאָז ראָם און זיך געלייגט שלאָפן.

אפן אנדערן טאָג אַנאַליזיר איך אלץ און פאַרשטיי, אז איך האָב זיך געפירט, ווי א נישט. מע דאַרף זיך אַנטשולדיקן, אומזיסט באַליידיקט א מיידל. פאַרשטייט זיך, אז צווישן אונדז קאָן שוין גאָרניט זייַן, דאָס איז קלאָר, נאָר דאָך זייַנען מיר קימאַט אָנדערהאַלבן יאָר באַקאַנט, מיר האָבן איינס דעם אנדערן אַרויסגעוויזן אַכטונג, און צעשיידן זיך אף א כאַזערישן אויפן טאָר מען ניט, מע דאַרף פאַרבלייַבן מענטשן; כ׳וועל איר זאָגן: כ׳האָב אויסגעטרונקען, געפירט זיך, ווי א כאַם, אַנטשולדיק, פאַרגיב, פאַרגעס, לאָמיר בלייַבן פרייַנט, ווי פריִער. דו האָסט

זיך געפירט ריכטיק, און ווען דו זאָלסט מיר געווען געבן אין דער מאָרדע, וואָלט געווען נאָך ריכטיקער. זי איז א קלוג מיידל, זי וועט פאַרשטיין און מיר מוחל זײַן. און דערפון, וואָס איך האָב באַשלאָסן זיך אַנטשולדיקן פאַר איר, איז מיר געוואָרן לײַכט אויף דער נשמה. און מיט א גרינג געמיט האָב איך זיך געלאָזט גיין צום צווייטן עק דאָרף, ווו עס האָבן געלעבט די פאַרבינדלער.

איך קום צו גיין, גאַליא איז ניטאָ, עס איז דאָ איר כאַווערטע נינא פאָלישטשוק, איך האָב איך דערציילט וועגן איר, און נאָך עפּעס א מיידל, א פאַרבינדלערן.

איך רוף אַרויס נינען, פרעג, ווו איז גאַליא. נינא קנייטשט מיט די אַקסל:

— כ׳ווייס ניט.

איך פיל, אַז דער „כ׳ווייס ניט" באַטײַט „און וויל ניט וויסן". פּונקט אַזוי, ווי נעכטן בײַ גאַליען... נאָר בײַ גאַליען איז עס געווען מיט אומרו, מיט פאַרזאָרגטקײַט, און בײַ נינען בייז־צערייצט, אומפאַרשעמדיק.

נינא פאָלישטשוק האָט אויך געהאַט א גוטע רעפּוטאַציע סײַ ווי א מיידל, סײַ ווי א פאַר־בינדלערן, נאָר אינגאַנצן אַן אַנדערע, ווי בײַ גאַליען. א קליינינקע, א שוואַרצינקע, מיט א לאַנג נעזל, א ווינזעלע, א גוטע טעלעפאָניסטקע, נאָר ווידער ניט, ווי גאַליע, אינגאַנצן אַנ־דערש. קיין שום דיפּלאָמאַטיע, איידלקײַט, ווייכקײַט — אַף קיין האָר ניט! נאָר דערפאַר איז זי געווען זייער א פּונקטועלע, אַלץ פאַרשטאַנען אַפן ווונק און שטאַרק אַקוראַט אין דער אַרבעט. גערעדט האָט זי טרוקן, אָפיציעל, שאַרפלעך אַפילע, נאָר קיינמאָל גאָרנישט ניט פאַרגעסן און פּינקטלעך אָרױנטירט זיך אין די אומשטענדן פון שטאַב, אַן אַנטשלאָסענע גע־ווען און איר באַשלוס איז אַמערסטן געווען א ריכטיקער, דעריבער זײַנען אַלע איר מוחל געווען די קאַטעגאָרישקײַט, און כאָטש פון אָנפאַנג זײַנען געווען קאָנפליקטן און מיספאַרשטיי־ענישן און מע האָט זי אַפילע באַזײַטיקט פונעם הויפּט־קאָמוטאַטאָר, איז מען ביסלעכווײַז צו איר צוגעוווינט געוואָרן, באַזונדערס דער קאָמאַנדיר פונעם קאָרפּוס, פון אַלע טעלעפאָניסטקעס האָט ער ליב געהאַט צו אַרבעטן מיט נינען, ווײַל פאַר אים האָט נינא געטאָן אַלץ. פאַרן קאָ־מאַנדיר פון קאָרפּוס האָט אויך גאַליע געטאָן אַלץ, נאָר גאַליע האָט עס געטאָן ווייך אין באַצוג צו אַנדערע, ס׳הייסט, אַנטשולדיקט, פאַרענדיקט, דער גענעראַל פאָדערט דעם דראָט, און דעם גענעראַל: „איין מינוט, כאַווער גענעראַל, באַלד וועל איך אַרויסרופן", — ס׳הייסט, איינעם לאָזט זי ענדיקן, און דעם קאָמאַנדיר צווינגט זי צוּוואַרטן. נינא וועט פאַרן קאָמאַנדיר פון קאָרפּוס מאָמענטאַל איבעררײַסן יעדער מין שמועס. נאָר דערפאַר וועט זי, ווען ער וועט ענדיקן דעם שמועס, קיינמאָל ניט פאַרגעסן יענעם, וועמען זי האָט איבערגעשלאָגן, זי וועט אָנקלינגען און אליין פאַרלייגן פאַרזעצן.

אַזא אומאָפּהענגיקן און קאַטעגאָרישן כאַראַקטער האָט זי געהאַט, א כאַראַקטער א גאַנץ שווערן. צו איר האָט מען זיך געדאַרפט צופּאַסן, נאָר אויב דו האָסט זיך שוין צוגעפּאַסט, האָסטו שוין געקאָנט דורכקומען מיט איר. יעדנפאַלס מיט גאַליען זײַנען זיי באַפרײַנדעט, און אַט האָסטו דיר — זיך צעקריגט...

און איך פרעג אָן צערעמאָניעס:

— איבער וואָס האָט איר זיך צעקריגט?

פון איר זײַט פרעגט נינא, פונוואַנען איך ווייס וועגן זייער קריג און וואָס האָט מיר וועגן דעם געזאָגט גאַליא און אַזוי ווײַטער און אַזוי ווײַטער. איך וועל די זאַך ניט פאַרציִען, מיר האָבן אַזוי זיך שוין אויך צופיל פאַרהאַלטן איבער דער געשיכטע, דערפאַר וועל איך איבער־געבן נאָר דעם טאַך.

די גאַנצע זאַך, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז איבער דעם נאַרוועגישן שרײַבער קנוט האַמ־סונען. שטעלט זיך פאָר! נאָר, צווישן אַנדערס, איז דאָס א סאַך ערנסטער, ווי מע קאָן מיינען אין דער ערשטער מינוט. די זאַך באַשטייט ניט אין דעם, וואָס זיי האָבן זיך צעוועַרטלט איבער קנוט האַמסונען. מיידלעך זײַנען זיי געבילדעטע, אָנגעלייענטע, פונעם ערשטן קורס פעדינסטי־טוט, זיי האָבן זיך געקליבן ווערן לערערנס פון ליטעראַטור, זיי האָבן געקענט וועמען איר ווילט, דערין אויך קנוט האַמסונען, וועלכן איך, מוז זיך אַנערקענען, האָב דעמלט ניט גע־קענט. אין קיין שום פּראָגראַמעס איז ער ניט אַרײַנגעגאַנגען, און איך האָב פרײַער פאַר אַלץ געלייענט דאָס, וואָס עס האָט געפאָדערט די פּראָגראַם. קנוט האַמסון האָט זיך ניט געפאָדערט.

ווי יעדער שרײַבער, האָט ער געהאַט אָנהענגער און קעגנער. גאַליא, צום בײַשפּיל, האָט אַנערקענט אים אַלס גרויסן קינסטלער, דאָך האָט זי געהאַלטן, אַז זײַן העלד איז איינזאַם, אַן א באַדן, עגאָצענטריש, בײַ אים איז א קראַנקע נשמה און א צעריסענע פּסיכיק, זי האָט געדעקט דעם דאָזיקן האַמסון מיט פלעכאַנאָוון און מיט אַנדערע מאַרקסיסטישע קריטיקער, וועלכע האָבן שוין פונלאַנג דערוויזן די רעאַקציאָנערע טענדענצן פון זײַן שאַפונג, זי האָט

געטײַנעט, אַז האַמסון איז געווענדט צום שלעכטן אינעם מענטשן אין קעגנזאַץ פֿון לעוו טאָל־סטאָיען, וואָס דערהייבט אינעם מענטשן דאָס גוטע, דאָס נאָבעלע. און נינאַ פֿאַלישטשוק איז, פּאַרקערט, באַשטאַנען אויף דעם, אַז קנוט האַמסון האָט אויף אַן עמעס באַוויזן די מענטשלעכע פּסיכאָלאָגיע. נינעס טאַטע, פֿאַרשטייט איר מיך, איז געווען אַ געלערנטער — אַ פֿילאָלאָג, אַ ספּעציאַליסט אויף האַמסונען, דערפֿאַר האָט מען אים, זײַנערצײַט פֿעסט דורכגעאַרבעט; ס'הייסט, ער פֿאַרטיידיקט די רעאַקציאָנערע אײַנשטעלונגען פֿון קנוט האַמסונען. אַזויאַרום, איז פֿאַר נינאַ פֿאַלישטשוק האַמסון געווען ניט פּראָסט האַמסון, נאָר אַ גרויסער שרײַבער, פֿאַר וועלכן איר פֿאָטער האָט געליטן, און דערפֿאַר האָט זי יעדן מין קריטיק בענעגייע האַמסונען קרענק־לעך אופֿגענומען, און גאַליאַ, ווי איר נאָענטסטע כאַווערטע, האָט זיך געסטאַרעט ניט באַרירן די דאָזיקע טעמע.

נאָר דאָ האָט גראָד דער דײַטש אַראָפּגעוואָרפֿן פֿלוגבלעטלעך. ער האָט זיי געוואָרפֿן די גאַנצע צײַט, מיר האָבן אויף זיי ניט געלייגט קיין אַכט, נאַרישקײַטן, פּוסטע מעַסעס, נאָר, איר פֿאַרשטייט, דאָס מאָל האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפֿן אַ פֿלוגבלעטל, אין וועלכן ס'איז געזאָגט גע־וואָרן, אַז פֿיל אָנגעזעענע מענטשן פֿון אייראָפּע, און צווישן זיי דער באַרימטער נאָרוועגישער שרײַבער קנוט האַמסון, האַלט פֿולשטענדיק אונטער היטלערן, און עס זײַנען געבראַכט גע־וואָרן אייניקע זײַנע אַרויסזאָגונגען וועגן דעם, גופֿע וועלכע געדענק איך שוין ניט, ווער קאָן עס פֿאַרגעדענקען די פֿאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַפּלערײַ.

נאָך דער מילכאָמע האָב איך איבערגעלייענט האַמסונס אייניקע זאַכן: „הונגער", „פּאַן"... איך בין, פֿאַרשטייט זיך, ניט קיין ליטעראַטאָר, ניט קיין קריטיקער, און ווער ס'איז געווען גערעכט, גאַליאַ צי נינאַ, קאָן איך ניט מישפּעטן. די ביכער זײַנען, אָן שום צווייפֿל, שטאַרקע און אופֿווירקנדיקע, נאָר, פֿון דער צווייטער זײַט, האָט האַמסון אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרכאַפּט נאָרוועגיע, ווירקלעך מיטגעאַרבעט מיט זיי, אַקטיוו אַרויסגעטראָטן אויף זייער זײַט, און די היטלעריסטן האָבן ברייט אויסגענוצט זײַן נאָ־מען פֿאַר די צילן פֿון זייער פּראָפּאַגאַנדע. נאָך דעם, ווי עס איז צעשמעטערט געוואָרן דאָס היטלערישע דײַטשלאַנד, איז קנוט האַמסון געשטעלט געוואָרן פֿאַרן גערייכט פֿאַר פֿאַראַט, און די קולטור־וועלט האָט אים באָיקאָטירט. פֿון אָט דעם פֿאַקט וועסטו זיך אין ערגעץ ניט אַהינטאָן. איר וועט מוזן מאַסקים זײַן, אַז אויב אַן אַלוועלטלעך־באַרימטער שרײַבער אַרבעט מיט מיט די פֿאַשיסטן, מיט די, וואָס האָבן פֿאַרכאַפּט זײַן היימלאַנד, איז דאָס ניט צופֿעליק, און, באַשולדיקנדיק האַמסונען, איז גאַליאַ גערעכט געווען און ניט נינאַ.

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו די געשעענישן.

הייסט עס, האָבן די דײַטשן אַראָפּגעוואָרפֿן פֿלוגבלעטלעך, אין וועלכע עס איז דערמאָנט געוואָרן האַמסון, איינס אַזאַ בלעטל איז אַרײַנגעפֿאַלן צו גאַליען, און זי האָט עס באַוויזן נינען: טו אַ קוק, הייסט עס, וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר דײַן האַמסון...

נינאַ, פֿאַרשטייט זיך, לאָזט זי ניט ריידן: עס קאָן ניט זײַן, קנוט האַמסון איז ניט פֿון די, דאָס האָבן די דײַטשן אויסגעטראַכט...

האַקלאַל, זיי האָבן זיך צעווערטלט, גאַליאַ מיט נינען, דער וויקועך איז פֿאָרגעקומען אין אַ שטוב, אין דער אָנוועזנהײַט פֿון די מיידלעך, דער דאָזיקער פֿאַקט איז דערגאַנגען צום באַפֿולמעכטיקטן פֿון דער באַזונדערער טייל, צום לייטענאַנט דאַנילאָוו; דאַנילאָוו האָט, פּונקט ווי איך, האַמסונען ניט געקענט, נאָר אַז די פֿלוגבלעטלעך דאַרף מען אָפּגעבן, האָט ער גוט געוווּסט און אַז מע דאַרף זיי ניט איבערגעבן קיין אַנדערע און ניט פֿירן אַרום זיי קיין דיס־קוסיעס, האָט ער אויך געוווּסט. ער האָט אַרויסגערופֿן די מיידלעך און זיי אויסגעפֿרעגט דע־רין, אויך נינען און גאַליען, אַלע האָבן באַשטעטיקט, אַז גאַליאַ האָט געבראַכט דאָס פֿלוג־בלעטל, און זי אַליין האָט אויך ניט אָפּגעלייקנט, כאָטש זי האָט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס דראָעט איר און מיט וואָס דאָס קאָן זיך ענדיקן. דערמיט דערקלערט זיך איר נעבעכיקער אופֿגערודער־טער צושטאַנד.

און איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, אַלץ פֿאַרשטאַנען, אָפּגעשאַצט די לאַגע און זיך פֿאָרגע־שטעלט, מיט וואָס עס שמעקט.

איך גיי אַוועק צו דאַנילאָוון און זאָג אים:

— הער מיך אויס, לייטענאַנט... דאָס איז מײַן פֿלוגבלעטל, איך האָב עס געפֿונען... צוליב וואָס האָב איך עס געהאַלטן? פֿאַרשטייסט, דאָרט רעדט זיך וועגן באַרימטן שרײַבער האַמסו־נען... איך האָב עס באַוויזן גאַליאַ טאָקאַרעווען, זי איז דאָך פֿונעם פֿילאָלאָגישן. און זי האָט געפֿרעגט בא דער פֿאַלישטשוק, יענערס טאַטע איז אַ פּראָפֿעסאָר, אַ ספּעציאַליסט, פּונקט אויף האַמסונען. אַלץ האָט זיך באַקומען איבער מײַן נײַגעריקײַט, ס'האָט זיך געוואָלט אויספֿאָרשן... נאָר ווי מיינסטו, איך האָב געקענט פֿאַרשפּרייטן אַ דײַטשיש פֿלוגבלעטל?

— און פאַרוואָס האָט מיר טאָקאַרעוואַ (אָט די גאַליאַ) ניט געזאָגט, אַז דו האָסט איר געגעבן דאָס פלוגבלעטל? — פרעגט דאַנילאָוו.

— דאַנילאָוו, — זאָג איך, — און דײַן מיידל וואָלט געזאָגט וועגן דיר? דו קענסט ניט גאַ־ליען? איך וועל דיר געבן די באַליבּיקע דערקלערונגען, אַפילו שריפטלעך, ווי דו ווילסט... און נאָך בעסער, צערײַס אָט דעם טינעף צו אַלע הינטישע שלעק, טו אַ קוק, וויפל עס וואָל־גערן זיך בלעטלעך אין פעלד, מאַך ניט קאַליע דאָס לעבן מיר און דעם מיידל.

— ניין, — זאָגט ער, — אַזוי פּאָשעט צערײַסן טאָר מען ניט.

ער נעמט אַראָפּ דאָס טרײַבל, קלינגט אין קאָמוטאַטאָר, זאָגט גאַליען:

— טאָקאַרעוואַ! לאָז עמעצן אױף דײַן אָרט און קום באַלד צו מיר.

עס באַווײַזט זיך גאַליאַ, זעצט זיך צו, דאַנילאָוו פרעגט זי:

— איז פונוואַנען קומט צו דיר דאָס פלוגבלעטל?

— איך האָב אײַך שוין דערקלערט, — ענטפערט גאַליאַ, — כ'האָב עס געפונען אױף דער גאַס.

דאַנילאָוו ווײַזט אױף מיר:

— און דער עלטערער לייטענאַנט זאָגט, אַז ער האָט עס דיר קלוימערשט געגעבן.

— איך ווייס ניט, וואָס עס זאָגט דער עלטערער לייטענאַנט, און וויל ניט וויסן, — זאָגט גאַליאַ.

דעמלט נעמט דאַנילאָוו דאָס פלוגבלעטל, צערײַסט עס אױף קליינע שטיקעלעך און די שטיקעלעך וואַרפט ער אַרײַן אין קויש.

— דאָס, וואָס איר ראַטעוועט אַרויס אײַער עלטערן לייטענאַנט, איז מענטשלעך פאַר־שטענדלעך, נאָר דאָס צווייטע מאָל ראָט איך אײַך: ניט באַם עלטערן לייטענאַנט, ניט בײַ קיין שום אַנדערן אַזעלכע מאַטאַנעס ניט נעמען. און איר, כאַווער עלטערער לייטענאַנט, דאַרפט אױף ווײַטער אַזעלכע מאַטאַנעס ניט שענקען.

— דאָס איז ניט קיין מאַטאַנע, — זאָג איך, — כ'האָב זיך געווענדט נאָך אַ קאָנסולטאַציע וועגן האָמסונען?

— און איר האָט געטאָן ניט ריכטיק, — לערנט ער מיך, — איר האָט געשטעלט דעם סער־זשאַנט טאָקאַרעווען אין אַ פאַלשער לאַגע, נאָר, נעמענדיק אין אַכט, אַז איר זײַט אַ שלאַכט־אַפּיצער, שטעל איך אָפּ דעם דאָזיקן איניען, באַטראַכט דאָס, ווי אַ ניט באַדאַכטן שריט, נאָר איך וואָרן אײַך אױף ווײַטער. אַלץ, גייט, כעוורע, מער זאָלט איר צו מיר ניט אַרײַנפאַלן.

צווישן אַנדערס האָט דאַנילאָוו מיר שפּעטער געזאָגט, אַז ער האָט גלײַך פאַרשטאַנען, אַז איך לײַג, אַז איך וויל אַרויסהעלפן גאַליען און ער איז געווען צופרידן דערפון, אים האָט זיך אַליין ניט געוואָלט באַגראָבן אַזאַ טײַער מיידל, נאָר ניט געוווּסט, ווי־אַזוי אָפּשטעלן דעם איניען, אַזוי אַז מײַן דערקלערונג איז געווען צו דער צײַט. צי האָט ער געזאָגט עמעס צי ניט — ווייס איך ניט, נאָר יעדנפאַלס האָט ער אין דעם פאַל זיך געפירט גוט, ווען אױף זײַן אָרט וואָלט זיך געמאַכט אַן אַנדערער, וואָלט גאַליאַ געקאָנט ניט שלעכט אָפּליין.

נאָר אַלץ איז פאַרבײַ. מיר גייען בײַדע אַרויס, גאַליאַ שמייכלט:

— אַ דאַנק! ווי־אַזוי זאָל איך איצט אײַך באַדאַנקען?

— גאַליאַ, — זאָג איך, — אומזיסט טוסטו דאָס אַזוי... מע דאַרף ניט, איך האָב זיך נעכטן געפירט, ווי אַ כאַזער...

— איך רייד ניט וועגן נעכטן, נאָר וועגן הײַנט, — שלאָגט זי מיך איבער, — נעכטן איז געווען און אַוועק. און הײַנט האָט איר זיך געיאַוועט ווי מײַן עלטערער לייטענאַנט, דאַנילאָוו האָט דאָך אַזוי טאַקע געזאָגט: „ראַטעוועט אַרויס אײַער...” עפּשער האָט איר אים געזאָגט, אַז איך בין אײַער „פּעפּעזשע”?

— ניין, דאָס האָב איך אים ניט געזאָגט, — ענטפער איך, — אַזוי צו זאָגן האָב איך קיין גרונט ניט. דו פאַרשטייסט פּאָשעט ניט, אױף וויפל דאָס איז ערנסט און מיט וואָס דאָס האָט זיך געקאָנט ענדיקן.

— באַומרויִקט זיך ניט, — זאָגט זי, — ס'איז דאָ, ווער עס זאָל פאַר מיר זיך באַומרויִקן.

— נו, איז גוט, — ענטפער איך, — דאָס איז נאָך בעסער, ס'וועט דיר צוניץ קומען אױף אַ צווייט מאָל, גיב אים איבער אַ גרוס, און אַליין זײַ געזונט!

דערמיט זײַנען מיר זיך צעגאַנגען. איך האָב ניט געלייגט קיין אַכט אױף אירע אָנדײַטונ־גען וועגן באַשיצער, איך האָב געוווּסט: דאָס איז געווען אונדזער גענעראַל, דער קאָמאַנדיר פונעם קאָרפּוס, ער האָט זי געשעצט און וואָלט געוויס זי פאַרטיידיקט. ניט אין אים גייט עס... פאַרשטייט זיך, אַז צוויי יאָר פראָנט מאַטערן אויס די נערוון אַפילו בײַ צוואַנציק יאָר, נאָר זי איז געווען אַ באַדאַכט און אַ קלוג מיידל, איך וואָלט מינאַסטאָם זי געקאָנט איבערצײַגן,

אז איך האָב אפּגעמעסטן כאַראַטע אַף מײַן נעכטיקער אופירונג. אָבער טאָן דאָס איז ניט גע־ווען קיין מעגלעכקײַט.

אינגיכן האָבן זיך אָנגעהויבן שלאַכטן אפן קורסקער בויגן, מיר זײַנען געגאַן פּאַרויס, די זומערדיקע קאַמפּאַניע — בעלגאָראָד, אָריאָל, כאַרקאָוו, די ווינטערדיקע קאַמפּאַניע — קיִעוו, קאָרסון־שעווטשענקאָווסקע, ראָוונע, לוצק, פּראָסקוראָוו, קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, דערנאָך ווידער די זומערדיקע קאַמפּאַניע, מיר גייען איבער ווײַסרוסלאַנד, שפּאַנען אַרײַן אין פּוילן און אין סאָף יול — אָנהייב אווגוסט פונעם פיר־און־פערציקסטן פאַרסירן מיר די ווײַסלע און פאַרכאַפּן פּלאַצדאַרמען אינעם ראַיאָן פון מאַגנושעוו. פאר אַט דעם יאָר מיט עפּעס האָב איך א צווייטן מאָל געזען גאַליען, אַזוי, פאַרבײַלויפנדיק, אין שטאַב פון דער אַרמיי, דערנאָך האָט מען דעם קאָמאַנדיר פונעם פאַרבינדונגס־באַטאַליאָן איבערגעפירט אין שטאַב פון דער אַרמיי, און ער האָט צוגענומען גאַליען אין שטאַב פון דער אַרמיי, נו, און אַף וויפל זי איז אין שטאַב פון דער אַרמיי, פאַרשטייט איר אַליין, אַז זען זי האָב איך ניט געקאָנט. און, ווי איך האָב זיך דערוווּסט, באַלד נאָך דער מילכאָמע האָט זי זיך דעמאָביליזירט און איז אוועקגעפאָרן: די געוועזענע סטודענטן האָט מען דעמאָביליזירט, זיי זאָלן פאַרזעצן זייער לערנען, און איך האָב נאָך א יאָר געדינט אין דײַטשלאַנד אין דעם אָקופּאַציאָנס־מיליטער.

געשטאַנען זײַנען מיר דעמלט אין רײַכענבאַך, ניט ווײַט פון כעמניץ, איצט קאַרלמאַרקס־שטאַדט, דאָס לעבן איז פאַרגעזעצט געוואָרן. נאָר גאַליא גייט מיר ניט אַרויס פון זינען, זי האָט שטאַרק זיך אײַנגעקאַרבט אין האַרצן, איך האָב ניט געקאָנט פאַרגעסן יענע נאַכט, ווען מיר זײַנען געשלאָפן אין די סטאַלינגראַדער רויִנעס, איר קינדערש פּאָנעם, די צוטרוילעכע אויגן און דעם געדוך פון פריש־געשניטן גראָז — דאָס אַלץ האָב איך ניט געקאָנט פאַרגעסן, דאָס אַלץ איז געבליבן אין מיר אפן גאַנצן לעבן. עמעס, דאָרט, אין רײַכענבאַך, איז בא מיר געווען א ראָמאַן מיט א דאָקטערשע, קאָמיסאַראָווא, א קאַפּיטאַן פון מעדיצינישער דינסט, א פײַנע פרוי פון אכט און צוואַנציק יאָר, פּונקט אזא איינזאַמע, ווי איך. א קלוגע, אַן אינטע־ליגענטע, א דערצויגענע, קאָרעקטע, א מענטש מיט ווירדע! זי איז געפאָרן צו מיר פון ער־פורט, וווּ עס איז געשטאַנען זייער שפּיטאָל, און איך בין געפאָרן צו איר, כ׳האָב דעמלט געהאַט א מאַשין אַן „אָפּעל־אָלימפּיא". צי האָט זי מיך ליב געהאַט? איך מיין, אַז יאָ! נאָר, ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז זי געווען א צוריקגעהאַלטענע ביכלאַל, און אינעם אַרויסווײַזן אירע געפילן באַזונדערס. און איר צוריקגעהאַלטנקײַט איז געווען, אויב איר ווילט, אַן ענטפער אַף מײַן צוריקגעהאַלטנקײַט, זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען, און איך בין געווען אזא דערפאַר, ווײַל צווישן אונדז איז געשטאַנען גאַליא... דער ראָמאַן מיט קאָמיסאַראָווען האָט זיך מיט גאָרניט פאַרענדיקט. אין יול פונעם זעקס־און־פערציקסטן יאָר האָב איך זיך דעמאָביליזירט, זיך אומ־געקערט אין פאַרבאַנד און אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע; אין נאַרקאָמאַט פון דער לײַכטער אינדוסטריע, האָט געדינט מײַנער א פראָנט־כאַווער, וואַסיאַ גלאַזונאָוו, ער האָט מיר צוגעזאָגט אַרבעט, מעגלעך אפילע אין מאָסקווע, כאָטש אין מאָסקווע איז שווער מיטן צו־שרײַבן זיך, נאָר דאַרף קום צו פאָרן, מירן א טראַכט טאָן, עפּעס צוקלערן.

בא מײַן פראָנט־כאַווער האָב איך זיך באַגעגנט מיט אַנדערע, ס׳האָט אונדז אַלעמען צע־זייט און צעשפּרייט, אַלע האָבן זיך געריסן אהיים, ניט אַלע האָבן געהאַט א היים. יעדערער האָט איצט איבערגעבויט דאָס לעבן אַף א נײַעם אויפן, פאַרפירט נײַע באַקאַנטשאַפטן, נאָר דאַך ניט פאַרגעסן די אַלטע, וואָס זײַנען געשלאָסן געוואָרן מיט בלוט און מיט סאָלדאַטישער מי.

און אָט זיצן מיר איינמאָל בא מײַנעם א גוטנפרײַנט, דערמאָנען זיך, רעכענען איבער ווו ווער עס איז, און דאָ זאָגט איינער:

— כעוורע, איר געדענקט גאַליא טאָקאַרעווא, די טעלעפאָניסטקע, זי איז געווען בא אונדז אין סטאַלינגראַד, דערנאָך איז זי איבערגעגאַנגען אין שטאַב פון אַרמיי?

דאָס האַרץ האָט זיך בא מיר אָפּגעשטעלט.

— איז אַט, — זעצט ער פאָר, — האָב איך זי געזען, באַגעגנט אפן יאַראָסלאַווער וואָקזאַל, זי וווינט ערגעץ הינטער מאָסקווע, און אַרבעט אין מאָסקווע.

— ווו וווינט זי, ווו אַרבעט זי? — פרעג איך.

— כ׳ווייס ניט, — ענטפערט ער, — מיר זײַנען מיט איר געווען ווייניק באַקאַנט, זי האָט מיך אפילע ניט דערקענט, איך האָב איר דערמאָנט אונדזער קאָרפּוס, דעם פאַרבינדונגס־באַ־טאַליאָן... געפרעגט זי: נו, וואָזוי איז בא דיר? גוט, ענטפערט זי. אָנגעטאָן אין א פוטערל, אין א שיין היטעלע, א דאַמאַטשקע, ווי עס דאַרף צו זײַן!

וואָס זאָל איך אײַך זאָגן? דעם גאַנצן כוידעש יאַנוואַר פונעם זיבן־און־פערציקסטן יאָר האָב איך פאַרבראַכט אפן יאַראָסלאַווער וואָקזאַל. אַלע טאָג, אָן אָפּרו־טעג. פון זיבן אזייגער האָב איך באַגעגנט די אָנקומענדיקע בײַשטאָטישע צוגן, פאַרנאַכט פון פינף ביז צוועלף באַ־

נאכט האָב איך זיי באַגלייט. ס׳פלעגט טרעפן, אַז איך בין געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג. און די פּרעסט זײַנען יאַנוואַרישע, און מענטשן — טויזנטער, און פלאַטפאָרמעס — עטלעכע, און ליכטיק ווערן נעמט שפּעט, און פינצטער ווערט פרי... אַ מוירעדיקע זאַך... גאַליאַ איז ניטאָ...

איך האָב זיך אָנגעפרעגט אין דער דערקונדיקונגס־ביוראָ: טאָקאַרעוואַ גאַלינאַ ניקאָלײַעווגאַ, געבוירן אין סטאַלינגראַד אין דרײַ־און־צוואַנציקסטן יאָר... ניין, ניטאָ אַזאַ אין מאָסקווע. הייסט עס, אַז זי וווינט ערגעץ הינטער מאָסקווע... נאָר וווּ?

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פּעווראַל. איך שטיי אויך אין פּעווראַל, כאָטש איך פאַרשטיי: ס׳איז אומזיסט!

און דאָך האָב איך זי באַגעגנט! יאָ, יאָ, באַגעגנט! שטעלט זיך פאָר! זונטיק אינדערפרי. זי איז געקומען פון טײַנינקע, ווו עס האָבן געלעבט אירע עלטערן און ווו זי איז געווען צו־געשריבן, כאָטש פאַקטיש האָט זי געוווינט אין מאָסקווע, געוווינט מיט אַ כאַווערטע אין אַ געדונגענעם צימער, געלערנט זיך אינעם מאָסקווער אוניווערסיטעט אויפן פילאָלאָגישן פאַקול־טעט, אויפן דריטן קורס, אָף זונטיק איז זי אַוועקגעפאָרן צו די עלטערן אין טײַנינקע, און איצט געקומען — אין קראַם אַרײַן.

און איך זאָג:

— אויב דו האָסט ניט קענען, פאָר איך מיט דיר, איך קלײַב זיך אויך אַהין, און אַ מענטש בין איך ניט קיין היגער.

— שוין לאַנג אין מאָסקווע? — פרעגט זי.

און עפּעס האָב איך דערפילט אין איר פראַגע.

— יאָ, שוין באַלד אַ כוידעש, — ענטפער איך. — און פאַרוואָס פרעגסטו, האָסט מיך גע־זען — צי וואָס?

— געזען.

— ווו?

— דאָ, אויפן וואָקזאַל, צוויי מאָל געזען.

— פאַרוואָס ביסטו ניט צוגעגאַנגען?

— דו האָסט עמעצן געזוכט, מוירע געהאַט צו שטערן.

— איך האָב דיך געזוכט.

זי האָט געשוויגן, דערנאָך געזאָגט:

— איך האָב געוווּסט, אַז דו זוכסט מיך. נאָר צוליב וואָס?

— גאַליאַ, — זאָג איך, — אָט שטיי איך פאַר דיר, אַזאַ ווי איך בין, איך האָב דיך ליב, כ׳האָב שטענדיק דיך ליב געהאַט, נאָר דיך איינע, און כ׳האָב געזוכט דיך און געפונען.

— און איך האָב דיך ליב, — ענטפערט זי, — און איך האָב געוווּסט, אַז מירן זיך באַגע־גענען, נאָר דו ביסט געווען אַ ייִנגל און אַ ייִנגל פאַרבליבן...

מיר לעבן שוין קימאַט דרײַסיק יאָר, און אַלע דרײַסיק יאָר, ווי איין טאָג. מיר האָבן דרײַ זין — יאַקאָוו, אַלעקסאַנדער און הענריך — ס׳איז שוין אויך פאַראַן אַן אייניק איגאָר און אַן אייניקל דינע, אַזוי האָבן מיר זיי אָנגערופן אין אָנדענק פון די, וואָס ליגן אין נאַסן קייווער...

פאַרוואָס מײַנע זין זײַנען פאַרשריבן אַלס ייִדן? דאָס איז אכטונג צו מיר? איך מיין, אַז ניין... די מאַמע אכטן זיי ניט ווייניקער ווי מיך. נאָר איר פאַרשטייט, אַ זון פון אַ גרוזין און אַ רוסישער פאַרשרײַבט זיך, אַלס קלאַל, ווי אַ גרוזין, אַ זון פון אַן אוזבעק און אַ רוסישער — אַלס אוזבעק. איר פאַרשטייט, דאָך נעמט ניט דער מאַן דעם ווײַבס פאַמיליע, נאָר דאָס ווײַב נעמט די פאַמיליע פונעם מאַן און די קינדער — די פאַמיליע פונעם טאַטן. איך מיין, אַז מײַנע קינדער האָבן געטאָן ריכטיק.

נו, אָט האָט איר די געשיכטע פון מײַן כאַסענע האָבן, און איך קאָן זיך ווידער אומקערן צו אונדזער הויפּט־געשיכטע.

21

אין פרילינג פונעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר פלעגט אין געטאָ שטאַרבן, ווי מע דערציילט, אַ מענטשן פופצן־צוואַנציק אַ טאָג. עס האָט געוווּלדעוועט דיזענטעריע. שטאָלבע האָט גע־צוווּנגען גלײַך באַגראָבן אַלעמען, ער האָט באַקומען אַ באַפעל „וועגן באַגראָבן די קערפּערס פון די פערד, פּי, הינט און ייִדן, וואָס וואַלגערן זיך אָף די וועגן". ס׳איז פרילינג. די מייסים צעלייגן זיך, דעריבער איז געווען אַ באַפעל באַגראָבן די מייסים אָף אַ טיף ניט ווייניקער פון צוויי מעטער. וואָס איז נעגייע אָרנס, האָט דאָ צוגעדינט דער ייִדישער מינהעג, וועלכער זעט

פאַר, אַז מעקאַבער זײַן דאַרף מען אָן אָרנס, נאָר פאַרוויקלט אין טאַכריכים, די אָרנס האָט מען געבראַכט צוריק אין געטאָ פאַר נײַע מייסים, אָרנס האָבן געקלעקט, נאָר ווען עס האָבן אופגעהערט צו קלעקן טאַכריכים, האָט שטאַלבע באַפוילן באַגראָבן די מייסים אָן זיי, אומקערן די טאַכריכים אין געטאָ און פאַרוויקלען אין זיי אַנדערע מייסים. דער באַפעל איז אויסגעפילט געוואָרן. אין געטאָ האָבן זיך אומגעקערט סײַ די אָרנס, סײַ די טאַכריכים.

צו יענער צײַט, ווי איך שטעל זיך פאָר, איז בא די נאַציסטן פאַרפאַלן געוואָרן, אַזוי צו זאָגן, דער ערשטיקער ענטוזיאַזם צו מאַסן־פאַרניכטונגען, איזדיעקענישן און אַכזאָריעסן, דאָס אַלץ איז געוואָרן אין אַ געוווינהײַט. די ערשטע טעג איז פאַר זיי געווען עטלעכע טויזנט מענטשן, עמעס, אין דער מערהײַט פרויען, קינדער און אַלטע לײַט, נאָר געזונטע, שטאַרקע, פול מיט לעבן און ענערגיע. און דעריבער איז די ערשטע צײַט אויסגעקומען צו זײַן באַזונדערס וואַכזאַם, אַרויסווײַזן אויסערגעוויינלעכע גרויזאַמקײַט, קעדיי פאַרוואַנדלען אָט די מענטשן אין אַרבעטס־פּי. איצט האָבן זיי געזען פאַר זיך ניט קיין זיבן, נאָר אַ דרײַ טויזנט נעפּאַשעס, דאַכאַדיאַגעס, אויסגעדאַרטע, אָפּגעשוואַכטע, קוויטיקע, אָפּגעשליסענע, פאַרפרוירענע, צעקאַליעטשעטע, וואָס שלעפּן זיך קוים איבער דער ערד. אַזעלכע וועסטו אפילע ניט אָנרופן קיין מענטשן. די דאָזיקע באַשעפענישן זײַנען געפאַלן אין געטאָ, געפאַלן אין וואַלד, אײַנגעבויגענע ביז דער ערד, און איבערהויפּט איצט, נאָך דער אַקציע, האָבן זיי געוווּסט, אַז עס וואַרט אויף זיי אומפאַרמײַדלעך דער טויט, זיי האָבן עס געוווּסט פעסט, זיך צוגעוווינט דערצו, פאַרשטאַנען, אַז זיי קאָנען שטאַרבן אַ באַליביקע מינוט און זײַנען גרייט געווען צו שטאַרבן, אויף זיי האָט מען אפילע ניט געדאַרפט פאַטערן קיין קויל, זיי פאַלן פון איין נעריק מיטן שטעקן. דער ציל איז דערגרייכט, דער רעזשים ווערט אויטאָמאַטיש אָפּגעהיט, די שרעק איז אַרײַנגעדויבעט געוואָרן פעסט און אויף שטענדיק. און אויב פריִער האָט מען אַלע, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט, שטרענג אונטערזוכט, האָט מען איצט געזוכט אַבי ווי, פוילבלעך, און מיט אַ ווידערגעפיל: ס׳איז פריקרע זיך צורירן צו אָט די לײַזיקע, קרעציקע באַשעפענישן, אפילע קוקן אויף זיי קאָן מען ניט, באַזונדערס איצט, אין אַפּרעל, ווען די מאַטע זון רייצט דאָס בלוט, ווען עס ציט צום גראָז, אויסצוטרינקען, ווען פאַרבײַ גייען סאָלדאַטן אין אורלויב מיט טראָפּייען, מיט רוסישע שמאַטעס, מיט אײַזערנע קרייצן, און דאָ רויע זיך אין טינעף און אין איפּעש. מע קאָן, נאַטירלעך, זיך פריילעך מאַכן, צווינגען זיי אויסטאָן זיך נאַקעט און וואַלגערן זיך אין בלאָטע, אָדער צווינגען זיי מאַכן גימנאַסטיק, לאָמיר זאָגן, צוזעצן זיך, אַלע אינײינעם, אונטער אַ קאָמאַנדע: „זעצן זיך! אופשטיין! זעצן זיך! אופשטיין! צען מאָל!.. צוואַנציק!.. דרײַסיק!.. פופציק!.. הונדערט!..” ביז זיי וועלן ניט פאַלן טויטע. אָדער צווינגען טאַנצן... נאַקעטע, פאַרשטייט זיך... נאָך דער אַרבעט, נאַטירלעך, וואַלס, צום בײַשפּיל... איינער אַן עסעסאָוועץ האָט ווירטואָז געשפילט אויף אַ ליפּן־האַרמאָניק „דאָס מײַסעלע פונעם ווינער וואַלד” פון יאָהאַן שטראַוסן, ניט אויסהאַלטן דעם טאַקט האָט געקאָנט נאָר אַ גלאָמפּ, אַן אויסוווּרף, אַ סאַבאָטאַזשניק, דערפאַר האָט ער טאַקע אַרײַנגעכאַפּט דעם לעצטן שמיץ מיט דער נאַהײַקע... אָבער נאָך שענער איז זייער טאַנץ פריילעכס... שוין איינמאָל אַ געלעכטער! צירק! קינאָ! אַ קאַבאַרע! איר וואָלט שוין געמעגט אָנקוקן, וויאַזוי אָט די סקעלעטן שפרינגען אונטער, פאַרוואַרפן די פיס און די הענט, לייגן אַרונטער די גראָבע פינגער אונטער די פאַכוועס, און שטרעקן אַרויס די הינערשע ברוסט, און פאַלן ווידער, פאַרשטייט זיך, און ווידער קומט אויס זיי אָפּשיקן מיט דער נאַהײַקע אויפן בעסאַלמען. נאָר אויך אַזעלכע פאַרשטעלונגען ווערן דערעסן. איז וואָס איז שוין דאָ צו ריידן וועגן באַזוכענישן... אויב פריִער האָט מען געצוווּנגען טראָגן דעם אָרן באַזונדער און דאָס דעקל באַזונדער, האָט מען איצט אין ערגסטן פאַל באַפוילן אונטערהייבן דאָס דעקל, און וועגן פאַנאַנדערוויקלען די טאַכריכים האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, ווײַל אין אָט די טאַכריכים האָט מען אײַנגעוויקלט די מייסים, וואָס זײַנען געשטאָרבן פון אָנשטעקנדיקע קראַנקײַטן.

אָבער, ווי מיר האָבן דערציילט יענע צוויי מענטשן, וועלכע ס׳איז געלונגען, ווי איר געדענקט, אַנטלויפן אין דער צײַט פון דער אַקציע, האָט מען דאַפקע אין די טאַכריכים אַרײַנגעטראָגן געווער אין געטאָ.

דער זיידע האָט געלעבט אויפן בעסאַלמען. ווען מע באַגראָבט יעדן טאָג צו פופצן מענטשן, וועסטו קיין פופצן מאָל ניט לויפן צו דרײַ קילאָמעטער הין און צוריק, און דער פעטער יויסעף האָט דערוויזן שטאַלבען, אַז ס׳איז נייטיק צעטיילן די אַרבעט: איינע נעמען צונויף די מייסים אין געטאָ, די צווייטע טראָגן זיי אַוועק אויפן פעלד און קערן זיך אום מיט די פוסטע אָרנס און מיט די טאַכריכים, די דריטע גראָבן גריבער און באַהאַלטן די מייסים, די דאָזיקע דריטע האָבן עס טאַקע געוווינט אויפן פעלד אין אַ שטיבל. צו דער באַגראָבונגס־בריגאַדע זײַנען געווען צוגעפּעסטיקט צוויי פאָליצײַען פון די היגע אײַנוווינער, איך האָב זיי געקענט: איינער — דער

געוועזענער באַפּולמעכטיקטער פון מעלוכע־סטראַכירונג מאַרקאָווסקי, דער אַנדערער — כליופּאַ, א וועטערינאַר־פעלדשער, נאָך א יונגער. ביידע זײַנען געווען פולשטענדיקע אויסוורפן, נאָר דער זיידע האָט זיי געקויפט פאַר סאַמאַהאָן און סאַלע.

סאַמאַהאָן? סאַלע? פונוואַנען קומט צום זיידן סאַמאַהאָן און סאַלע? ער אַליין, זײַנע קינדער, זײַנע אייניקלעך קומען אום פון הונגער. וועגן וואָס פאַר א סאַלע, וועגן וועלכן סאַמאַהאָן קאָן גיין א רייד?

און דאָך האָט דער זיידע געהאַט סאַמאַהאָן, געהאַט סאַלע, געהאַט עטוואָס וויכטיקערס פון סאַלע און סאַמאַהאָן. איך האָב אין זינען גאָלד. ווו האָט ער גענומען גאָלד? ער האָט גענומען בא די, וואָס האָבן געהאַט. דאָס, וואָס די דײַטשן האָב זיך ניט געקאָנט דערשלאָגן מיטן צעשיסן די אָרעווניקעס, מיט די קוילנוואַרפערס און אווטאָמאַטן, האָט געקאָנט אופטאָן דער זיידע. א הונגעריקער, א פאַרפרוירענער און א רעכטלאָזער, האָט ער אַלע טאָג באַגראָבן אין דער ערד צו צען־פופצן מענטשן, באַגראָבן דאָס ווײַב און דעם זון און אַליין געשטאַנען מיט איין פוס אין קייווער. און איך וועל אײַך זאָגן אַזוי: אויב א זאָקן פון צוויי און אכציק יאָר געפינט אין זיך קויכעס אין אַזעלכע באַדינגונגען קריגן געווער, אין אַזעלכע באַדינגונגען טאָן אַלץ אַף צו באַשיצן די ווירדע פון זײַנע לאַנדסלײַט, האָט גאָט און די נאַטור אים באַשאָנקען מיט א מעכטיקן גײַסט און מעכטיקן ווילן.

ווי איך האָב אײַך דערציילט, האָט דער זיידע אויסגערעכנט נעמען גאָלד בא זײַן זון יויסעפן, דאָס האָט זיך אים ניט אײַנגעגעבן, דערפאַר האָט זיך אים אײַנגעגעבן איבערצײַגן, אַז סאַרע יאַגודינאַ ווייסט, אַז דער פעטער גרישע איז געווען אין געטאָ, ווייסט, אַז די יינגלעך קלײַבן זיך עפּעס טאָן, שאַנטאַזשירט דערמיט יויסעפן, און יויסעף, דער פאָרזיצער פון יודנראַט, האָט מוירע פאַר איר. דער זיידע האָט וועגן דעם דערציילט מײַן מאַמען, און זיי האָבן באַשלאָסן אָנעמען מיטלען. נאָר עס איז פאָרגעקומען די אַקציע, מע האָט צעשאָסן אַכט הונדערט מענטשן, און זייערע מיטלען האָבן זיי אָנגענומען שוין נאָך דער אַקציע און נאָך א צווייטער געשעעניש, וועגן וועלכער איך וועל באַלד דערציילן.

פאַרשטייט זיך, אַז אין קריג מיט דער ציווילער באַפעלקערונג האָבן די דײַטשן דערגרייכט זייער א סאַך, אַף דעם פּראָגנט האָבן זיי געוווּסט נאָר פון איינע זיגן — באַטירלעך, זיי האָבן געהאַט צו טאָן מיט א ניט באַוואָפנטן קעגנער... מיליאָנען געהאַרגעטע... ניט אַלע זײַנען געווען העלדנמוטיק, נאָר צווישן זיי זײַנען געווען העלדן, זייערע נעמען ווייסן מיר ניט, אָדער ווייסן קימאַט ניט... נאָר אויב מע זאָל ריידן וועגן דער געטאָ, איז דער ערשטער דענקמאָל קומט די קינדער פון געטאָ. זיי זײַנען געווען די סאַמע שרעקלאָזע: זיי האָבן אַרײַנגעבראַכט אין געטאָ שפּײַז, און דערבײַ אַרויסגעוויזן אומגעהערטע דרייסטקײַט און געוואַגטקײַט, פיל האָבן באַצאָלט מיטן לעבן פאַר א שטיקל ברויט, פאַר א זשמעניע מעל, פאַר איין קאַרטאָפליע, פאַר איין בורעקל, און דאָס האָט זיי אַלציינס ניט אָפּגעהאַלטן. אַף הונדערט צוואַנציק גראַם ברויט א טאָג און הונדערט גראַם אַרבעס א וואָך וואָלטן די אײַנוווינער פון דער געטאָ אויסגעשטאָרבן פאַר דרײַ כאָדאָשים. זיי זײַנען ניט אויסגעשטאָרבן און ס'איז אויסגעקומען זיי פאַרניכטן. די ערשטע שלאַכט איז געווען מיטן הונגער, די ערשטע האָבן די קינדער אָנגעהויבן די דאָזיקע שלאַכט און זי געוווּנען. זיי האָבן געוווּסט ערטעלעך, ווו מע קאָן אַרויסקריכן אַף די שכיינישע גאַסן, זיי זײַנען דורכגעקראָכן דורך יעדער שפּאַלט, געריוועט זיך אין דעם מיסט, געגאַנוועט אַף די סקלאַדן, אין די בונקערס, אַראָפּגעשלעפּט פון די דײַטשישע אווטאָמאַשינעס, געביטן זאַכן אַף ברויט, געקויפט, אויב ס'איז געווען געלט, — און אַלץ, ביזן לעצטן ברעקל, געבראַכט אין געטאָ... איר ווייסט... ווען א הונגעריקער מענטש קריגט א שטיקל ברויט, איז זײַן ערשטער באַגער עס אופעסן, וואָס זשע קאָן מען שוין זאָגן וועגן א הונגעריק קינד? נאָר איך כאַזער איבער, זיי האָבן אַלץ, ביזן לעצטן ברעקל, געבראַכט אין געטאָ. אָט די קינדער זײַנען צו זיבן יאָר געוואָרן מענטשן, צו אַכט געשטאָרבן, ווי מענטשן.

אונדזער מישפּאָכע איז געווען אין עטוואָס א בעסערער לאַגע. איין צײַט האָט געהאָלפן אַנאַ יעגאָראָוונאַ, זי האָט אונטערגעקאָרמעוועט אָליען. נאָר אַנאַ יעגאָראָוונאַ איז שוין ניט געווען, ערע איר אָנדענק! נאָר ס'האָט דען געקאָנט קלעקן פאַר אַלעמען דאָס, וואָס זי האָט געבראַכט? זי האָט אַליין געהונגערט. די הויפּט־הילף איז געקומען פון די סטאַשעניאָקס. אויב אונדזער מישפּאָכע האָט איבערגעלעבט אָט דעם שרעקלעכן ווינטער, איז נאָר אַדאַנק די סטאַשעניאָקס. זיי האָבן געוווינט אין אונדזער געוועזענעם הויז, פריִער פלעגן מיר פונדאַנען צום זיידן גיין דורך איוואַן קאַרלאָוויטשס סאָד, איצט האָט מען גיין ניט געטאָרט: א וואַכמאַן וועט דערזען — באַקומסטו א קויל! נאָר איגאָר האָט געהאַט א לאַזייקע אין סאָד צו איוואַן קאַרלאָוויטשן, און פון דאָרטן — א צווייטע אונטערן פּלויט אין אונדזער הויף. בײַנאַכט פלעגט איגאָר זיך אַרײַנגאַנווענען צו די סטאַשעניאָקס, זיי האָבן אים געגעבן, וואָס זיי האָבן נאָר

געקאָנט, און מיטן זעלבן וועג האָט איגאָר זיך אומגעקערט צוריק. צווישן אנדערס, אין זייער שטוב פלעג זיך באַגעגענען אַליע מיט אנא יעגאָראָוונען. ווען די פּאָליציי זאָל זיך געוועגן דערוויסן, וואָלט מען צעשאָסן אַלע סטאַשעניאָקס. נאָר די סטאַשעניאָקס זײַנען געווען עכטע מענטשן, זיי זײַנען ניט אײַנגעבראָכן געוואָרן בײַס די דײַטשן. זייער מענטשלעכן כוווו האָבן זיי געשטעלט העכער פון שרעק.

נאָר די סטאַשעניאָקס האָבן ניט געהאַט ניט קיין פּראָדוקטן־סקלאַד, ניט קיין פּראָדוקטן־קראָם, זיי האָבן אָפּגעריסן פון זיך, זיך געטיילט מיטן לעצטן, זיי האָבן אַראָפּגענומען פון זיך דאָס לעצטע, כּדי העלפן די פרײַנט, וואָס קומען אום אין געטאָ. און זיי האָבן דאָך דרײַ אייניקלעך — זיי דאַרף מען אויך געבן עסן...

נאָך איין מין הילף, עמעס א ציַטוויַליקע, נאָר א וויכטיקע, איז געקומען פון אן אנדער זײַט.

דעם זיידנס הויז איז געווען דאָס ערשטע אַף פּעשטשאַנע־גאַס, הויז נומער איינס. נאָר שטאַלבע האָט געמאַכט דעם טויער אין עק פון פּעשטשאַנע אַף ארויסצוגיין אין וואַלד, און דעם זיידנס — פאַרשפּאַרט. דעם זיידנס הויז איז געוואָרן דאָס לעצטע. נאָך דעם — א געדיכטער פּלויט און שטעכלדראָט. און איבערן פּלויט א באַזע פון גאָרטנוואַרג און אויבסט, פאַרשטייט זיך, א פאַרלאָזטע, ווײַל קיין שום גאָרטנוואַרג און פּייִרעס האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. וואָס ס׳איז געווען, האָבן שוין פון לאַנג צעשלעפּט די אײַנוווינער, און אונדזערע האָבן פאַנאַנדערגעטיילט, עס זאָל דעם סוינע ניט אָנקומען. דאָס איבעריקע איז פאַרפוילט געוואָרן און ס׳האָט זיך געוואַלגערט צווישן די פּוסטע קעסטלעך און די פּעסער.

נאָר ס׳איז דאָך פּרילינג. די קאָמאַנדשאַפט פאָדערט שטרענגע סאַניטאַרע מאָסמיטלען, און דער יודנראַט האָט באַקומען א באַפעל אויסטיילן אַף אָפּרייניקן די באַזע צוואַנציק מענטשן אין דער שפּיץ מיטן בריגאַדיר, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצקײַט פון די שפּײַז־פּראָדוקטן. וועלכע פּראָדוקטן? פאַר דער פוילער קרויט, פאַרפרוירענע קאַרטאָפליעס, פאַרפוילטע עפּל? אָט טאַקע פאַר דעם! דאָס אַלץ, דאָס שטינקענדיקע און פאַרפוילטע דאַרף מען סאָרטירן, צונויפנעמען אין הויפנס, דאָס וועט ארויסגעגעבן ווערן דעם יודנראַט אַפן כעזשבן פון דער דערנערונגס־נאָרמע.

דער פּעטער יוסף האָט אוועקגעשטעלט אַלס בריגאַדיר גאָראָדיעצקיס איידעם — איסאַקן, ביז דער מילכאָמע האָט ער געאַרבעט אַף דער דאָזיקער באַזע אַלס פאַרגרייטער, זיך פאַנאַנדערגעקליבן אין גאָרטנוואַרג און פּרוכטן, און כאָטש אַלץ איז פאַרפוילט געוואָרן און ס׳האָט געשטונקען, נאָר, עפּשער, וועט מען קאָנען עפּעס־וואָס ארויסבאַקומען נוצלעכס פאַר דער געטאָ.

אַף דער דאָזיקער באַזע האָט מען פריִער געמאַכט פון טריסקאַווקעס געפילעכץ פאַר קאָנפּעטן, מע האָט די טריסקאַווקעס ארײַנגעלייגט אין פּעסער, זיי פאַרגאָסן מיט עפּעס א באַשטאַנד, די יאַגעדעס פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין א ווײַסער מאַסע, וואָס איז ניט קאַליע געוואָרן. די פּעסער פלעגט מען אוועקשיקן קיין טשערניגאָוו אַף דער קאָנדיטערײַ־פאַבריק. און אָט האָט אין איינעם פון די קעלערס, אונטער א הויפן פּוסטע קעסטלעך, איסאַק געפונען עטלעכע פאַרקלאַפּטע פּעסלעך מיט געפילעכץ. עפּשער האָט ער געוווּסט וועגן זיי, עפּשער זיי אַליין באַהאַלטן, פּינקטלעך זאָגן קאָן איך ניט. וויִאַזוי אונדזערע יִינגלעך האָבן וועגן דעם זיך דערוווּסט, ווייס איך אויך ניט; א פאַקט איז, אַז זיי האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט און באַשלאָסן די דאָזיקע פּעסער ארויסבאַקומען, אין יעדער פאַס איז אַכציק קילאָגראַם געפילעכץ, איין פאַס האָט געקאָנט ראַטעווען פון הונגער־טויט עטלעכע צענדליק מענטשן.

און אָט האָבן די כעוורע אויסגעגראָבן א דורכגאַנג פונעם זיידנס קעלער צו דער באַזע, זיך דערקליבן צו די פּעסער און אין בידאָנעס און עמערס דורך די נעכט איבערגעטראָגן דאָס קאָנפּעטן־געפילעכץ אין דער געטאָ.

איך האָב דערנאָך באַטראַכט דעם דורכגאַנג, ריכטיקער, דאָס, וואָס איז פון אים פאַרבליבן; ער איז געווען די לענג פון א מעטער פינף, געגראָבן האָט מען אים אין דער פינצטער, מע האָט אים אויסגעגראָבן גענוג ברייט, מע זאָל קאָנען דורכטראָגן די עמערס, געפעסטיקט אים, די ערד זאָל ניט אָפּפאַלן. מע קאָן דאָס רעכענען, ווי א נעס, נאָר די כעוורע האָבן געמאַכט א דורכגאַנג, געבראַכט דאָס געפילעכץ, די אײַנוווינער פונעם הויז האָבן געקאָכט דערפון קיסעל און זיך דערנערט דערמיט קימאַט א כוידעש, נאָר צו אַלץ קומט א סאָף, ס׳איז אויך געקומען א סאָף צום רעטונגס־קיסעל. די עסעסאָווצעס האָבן עפּעס אָנגעשמעקט און באַנאַכט, ווען די יִינגלעך האָבן גענומען געפילעכץ, זיך ארײַנגעריסן אַף דער באַזע.

אין רעיד זײַנען די כעוורע געגאַנגען צו צוויי: איינער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, זיך דערקליבן צו די פּעסער, אָנגעפילט די בידאָנעס און זיי דערלאַנגט אַרויף דעם

אנדערן, דערנאָך פלעגט ער אַרויסקריכן פון קעלער, און מיט פולע בידאָנעס זײַנען זיי געקראָכן צוריק: דאָס מאָל איז געגאַנגען מײַן ברודער סאַשע און קוזניעצאָווס אַן אייניקל — אילױשע. און אָט איז אַן אַבלאַווע... די כוואַרע האָבן זיך געהאַט צונױפגערעדט: אױב מע װעט דורכפאַלן, זאָל מען אין קײן שום פאַל ניט אױסגעבן דעם אונטערערדישן דורכגאַנג, שטאַרבן, נאָר ניט אױסגעבן: אױב די עסעסאָװצעס װעלן אַנטרעפן אױף די קעלערס און אױף דעם, װאָס אין די קעלערס געפינט זיך, װעט מען צעשיסן אַלע אײַנװױנער פונעם הױז. און װען די יינגלעך האָבן דערזען די דײַטשן, האָבן זיי גענומען אַפּטרעטן ניט צום אונטערערדישן אַרױס־גאַנג, כאָטש ס'איז געגוג געװען אַרײַן אהין, קעדײַ זיך ראַטעװען, — זײ האָבן זיך געלאָזט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, זיי זײַנען אַפּגעטראָטן, באַהאַלטנדיק זיך צװישן די קעסטלעך און פעסער. די עסעסאָװצעס זײַנען געגאַנגען נאָך זיי, געשאָסן און געטראָפן אין זיי, װען סאַשע איז שױן אַרױפגעקראָכן אױפן פּלױט און האָט געהאָלפן אַרױפקריכן אילױשען. אילױשען האָט מען דערשאָסן פון אונטן און סאַשע איז געבליבן הענגען אַ טױטער אױפן פּלױט. סאַשע איז אַלט געװען פערצן יאָר, אילױשע — צװעלף. די דײַטשן האָבן געפונען די פעסער מיט דעם קאָנפעטן־געפילעכץ, נאָר דעם אונטערערדישן דורכגאַנג ניט געפונען.

אַזױ איז אומגעקומען מײַן קלענערער ברודער סאַשע, אַ צאַרטער, אַן אײדעלער, אַ בלױ־אױגיק ייִנגל. אומזיסט האָב איך זיך באַאומרויִקט פאַר אים, ער האָט זיך אַרױסגעװיזן אַלס מאַנצבל, ערע זײַן אָנדענק! ערע דעם אָנדענק פון אַלע אומגעקומענע און פאַרמוטשעטע!

צװישן אַנדערס, אין דער צײַט פון דעם קאָנפעטן־געפילעכץ האָט סאַרע זיך געיאָװעט צו אונדז אין שטוב און געפּאַדערט טריסקאַװקע־קיסעל. װען אין איין הױז דערנערן זיך פּופּ־ציק מענטשן מיט אַזאַ קיסעל, איז נאַטירלעך, װאָס עס דערװיסן זיך װעגן דעם די שכנים, דערבײַ נאָך, אַז די דאָזיקע שכנים האָבן ניט װאָס צו עסן. נאָר אַפילו אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָבן די מענטשן ניט אַרױסגעריסן דעם ביסן פון אַ צװײטנס מױל. יעדערער האָט געגעסן דאָס, װאָס ער האָט געקאָנט קריגן, אױסבײַטן, אַװעקגאַנװענען, קױפן אױסער די װענט פון דער געטאָ. אַן אַלגעמײנער קעסל איז געװען באַם יודנראַט, נאָר דאָס בּרעקל ברױט, װאָס דער מענטש האָט געקראָגן, אײַנשטעלנדיק דאָס לעבן — דאָס איז געװען זײַן בּרעקל, ער האָט געקאָנט מיט דעם זיך טײלן, געקאָנט זיך ניט טײלן, דאָס איז געװען זײַן זאַך, זײַן רעכט. און דאָ געגאַנװעטע קאָנפעטן־געפילעכץ; אױב עס פאַנאַנדערטײלן צװישן אַלעמען, װעלן די דײַטשן גלײַך זיך דערװיסן. און דערפאַר האָבן די אײַנװױנער פון אונדזער הױז געהאַלטן דאָס פאַר אַ סאָד, נאָר, װי איך האָב שױן געזאָגט, מאַכן דאָס פאַר אַ סאָד אין יענע באַדינגונגען איז געװען אוממעגלעך: די שכנים האָבן געװוּסט, נאָר געשװיגן, ניט גע־פרעגט, זײ האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַן סאָלידאַריטעט װעלן זײ אַלע פאַרפאַלן װערן. און נאָר סאַרע האָט ניט געװאָלט זײַן סאָלידאַר, זי האָט אױסגעגעבן דעם סאָד, פּרעך זיך געיאָװעט צו מײַן מאַמען און געפּאַדערט קיסעל אָדער דאָס, פון װאָס מע קאָכט קיסעל. די מאַמע האָט ניט געזשאַלעװעט קײן טעלער קיסעל, זי האָט, צװישן אַנדערס, געשיקט געפילעכץ די קראַנקע פון אַנדערע הײַזער, נאָר דאָ האָט זי געזען פאַר זיך אַ געמײנהײַט, אַ שאַנטאַזשיסטקע, אַ קרימינעלע פאַרברעכערן, דערלאַנג איר אַ פינגער װעט זי אָפּבײַסן די האַנט, און די מאַמע האָט זי דורכגעטריבן. און באַנאַכט האָט די װאַך געכאַפּט סאַשען און אים געשאָסן, און די מאַמע איז איצט געװען זיכער, אַז אָן סאַרען איז זיך דאָס ניט באַגאַנגען.

װעגן דעם ערשטן באַזוך פונעם פעטער גרישע האָב איך דערצײלט, שױן דעמלט האָבן דער זײדע און די מאַמע פאַרשטאַנען, אַז סאַרע האָט דאָס אָפּגעטראָגן דעם יודנראַט. און װען בראָניע קוראַס און מאָטיע גאַראַדיעצקי האָבן זיך אױפגעריסן אין קעלער, מאַכנדיק באָמבעס, האָט סאַרע געפּרעגט בײַ דער מאַמע:

— הער נאָר, ראַכיל, פון װאָס זײַנען עס געשטאָרבן בראָניע און מאָטיע? איך האָב זײ יענעם אינדערפרי געזען אינגאַנצן געזונטע.

— עפן ברײטער אױף די אױגן, — האָט געענטפערט די מאַמע, — דו װײסט ניט, װי־אַזױ עס שטאַרבן דאָ מענטשן? אָט איז ער לעבעדיק און אין אַ שאָ אַרום — טױט.

— יאָ, — האָט אײַנגעשטימט סאַרע, — נאָר קײן זאַך דונערט ניט און רײַסט ניט אױף.

— דו האָסט געהערט?

— מענטשן זאָגן.

— מענטשן זאָגן נאַרישקײַטן.

— אױב די דאָזיקע נאַרישקײַטן װעלן דערגײן צו שטאַלבען, װעט עמעצן װערן ביטער, — האָט סאַרע געדראָעט.

— דעם, פון װעמען דאָס װעט דערגײן, װעט אױך זיס ניט זײַן, — האָט געװאָרנט די מאַמע.

די וואָרענונג האָט ניט געווירקט אויף סאָרען.

ווען נאָך דער אַקציע איז ווידער געקומען דער פעטער גרישע, האָט סאָרע דעם זעלבן אָפּדערנאַכט זיך אַרײַנגעשטעלט צו אונדז. זי האָט געגנישטערט מיט די אויגן און כאָטש זי האָט דעם פעטער גרישען ניט געזען, ער איז מיט די זין געזעסן אין קעלער, האָט זי אָבער בײַ דער מאַמען געפֿרעגט:

— ווו זשע איז דײַן פּאַרטיזאַן?

— דו דאַרפֿסט אים?

— איך ניט, שוואַלבע דאַרף אים.

— דו ביסט געוואָרן זייער נערוועז, סאָרע, — האָט געזאָגט די מאַמע, — דאָס טויג ניט פֿאַר דײַן געזונט. איך וועל דיר געבן באַרויִקונגס־טראָפּנס.

און זי נעמט אַרויס פֿון דער קעשענע אַ פֿלעשעלע, איר ווייסט, אַזאַ אַפּטייק־פֿלעשעלע פֿון אַ צוויי הונדערט גראַם און דערלאַנגט עס סאָרען:

— פּאַרזוך, עס ווירקט גוט.

סאָרע קוקט אויף איר מיט כשאַד:

— פּרווו אַליין די ערשטע!

— פֿונעם אייגענעם גורל זאָגסטו זיך אָפּ, — באַמערקט די מאַמע און טוט אַ זופּ.

נאָך איר טוט אַ שלונג סאָרע. און, שטעלט זיך פֿאָר, זי כאַפּט זיך גלײַך, אַז דאָס איז סאַמאַהאָן, עמעסער סאַמאַהאָן! זי זופּט אויס דאָס פֿלעשעלע ביזן דנאָ און קאָן נאָך לאַנג ניט אָפּרײַסן זיך דערפֿון, באַשמעקט עס... סאַמאַהאָן אין געטאָ, ווו פֿאַר אַזעלכע זאַכן קומט שיסן! כאַפּט עס דער טײַוול, מע וועט סײַ־ווי־סײַ צעשיסן, און דאָ האָסטו סאַמאַהאָן! סאַ־מאַ־האָן! סאָראַ וווּנדער ס'איז איר באַשערט. פֿון שטאַלבען וועט זי אַזוינס באַקומען, פֿון יויסעפֿן, פֿונעם דרעקישן יודנראַט?!

— געדענק, סאָרע, — האָט געזאָגט די מאַמע, — קיין שום פּאַרטיזאַנער זײַנען דאָ ניטאָ, ניט געווען און עס קאָנען ניט זײַן. וואַרף עס אַרויס פֿונעם קאָפּ און כאָזער ניט איבער די דאַזיקע נאַרישקײַטן.

סאָרע איז פֿונעם בראַנפֿן פֿריילעכער געוואָרן.

— גוט, ראַכיל, מיר וועלן מיט דיר דורכקומען, זאָרג זיך ניט וועגן קיין שום זאַך! אָבער אויף מאָרגן, צי אין צוויי טעג אַרום, יאָוועט זיך ווידער סאָרע און פֿאָדערט סאַמאַהאָן, פֿאָדערט מאַכאָרקע.

— קיין מאַכאָרקע האָב איך ניט און האָב ניט געהאַט, — ענטפֿערט די מאַמע, — איך רייכער ניט. און קיין בראַנפֿן איז אויך ניטאָ, דאָס, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך דיר אָפּגעגעבן.

— זאָגסט אַ ליגן! — ענטפֿערט סאָרע. — איך זע דיך אויף דורך און דורך. פֿונוואַנען האָסטו בראַנפֿן?

— נאָך ביז דער מילכאָמע...

— זאָגסט ווידער אַ ליגן. דאָס איז פֿרישער סאַמאַהאָן. מיך וועסטו ניט נאַרן. ווו האָסטו געקריגן?

— דאָס וועל איך דיר ניט זאָגן, — ענטפֿערט די מאַמע, — פֿאַרמישן אין דעם, וועמען עס זאָל ניט זײַן, קאָן איך ניט און וויל ניט.

— נו, ווי דו ווילסט, אויב דו וועסט מיר ניט זאָגן, וועסטו זאָגן שטאַלבען! סײַ וועגן סאַמאַהאָן, סײַ וועגן דײַן ברודער דעם פּאַרטיזאַן, און וואָס די קינדער דײַנע און די פּלע־מעניקעס טוען אין קעלער.

— וואָס ווילסטו, סאָרע?

— בראַנפֿן וויל איך, רייכערן וויל איך! — ענטפֿערט סאָרע. — עס זאָל מיר זײַן סאַמאַהאָן, מאַכאָרקע זאָל מיר זײַן, אַנדערש וועט זײַן מיט דיר דאָס זעלבע, ווי מיט דײַן זון!

איר פֿאַרשטייט?! די שלאַנג האָט זיך מוידע געווען, אַז זי האָט צוגעלייגט אַ האַנט צום טויט פֿון סאַשען און איליושען, אַז זי האָט די דײַטשן אָנגעוויזן אויף דער באַזע, דערפֿאַר זײַנען זיי אַזוי צו איר געניגט, דערפֿאַר האָט מוירע פֿאַר איר יויסעף.

— הער מיך אויס אויפֿמערקזאַם, סאָרע, — האָט געזאָגט די מאַמע, — פֿאַרן טויט האָב איך קיין מוירע ניט, מיר איז שוין לאַנג צײַט אויף יענער־וועלט. און אויב דו ווילסט מיט מיר אַזוי ריידן, וועט קיין שום שמועס צווישן אונדז ניט פֿאָרקומען. גיי צו שטאַלבען, עפּשער וועט ער דיר אונטערטראָגן אַ גלעזעלע. פֿון מיר וועסטו אויף אַזאַ אופֿן זיך גאָרנישט ניט דערשלאָגן. פֿאַרנעם זיך.

— מײַלע, — האָט פֿשאַרעדיק געזאָגט סאַרע, — מײַלע, ראַכיל, דראַדל זיך ניט אָן... לאָמיר װי אַ מענטש מיט אַ מענטש, קריג מיר װײַן און רײַכערן.
— קײן טוטין קאָן איך ניט קריגן.
— כאַפּט אים דער טײַװל. װײַן קריג מיר.
— פֿאַר קײן דאַנק גיט מען קײן בראַנפֿן ניט.
— װאָס דאַרף מען?
— װײסט ניט, װאָס מע דאַרף אין דאַרף?.. זאָקן, טופּליעס, קאָפּטלעך...
— אַ קאָפּטל װעט זײַן, — האָט געמאָלדן סאַרע, װײַזט אױס, אַז זי האָט גלײַך באַקלערט, פֿון װעמען זי װעט דאָס קאָפּטל אַראָפּרײַסן. —
— אַרײַנטראָגן אַהער נעם איך זיך ניט אונטער, אױב די װאָך װעט מיך כאַפּן, װעלן זײ מיך צעשיסן, — האָט געזאָגט די מאַמע. — קום מאָרגן באַנאַכט אָפּן בעסוילעם צו מײַן טאַטן, װעסט ברענגען אַ קאָפּטל, װעסטו אַלץ באַקומען.
די קומענדיקע נאַכט איז סאַרע געקומען אָפּן בעסוילעם, װוּ עס האָט אָף איר געװאַרט דער זײדע מיט נאָך זעקס אַלטע לײַט פֿון דער באַגראָבונגס־בריגאַדע. די פּאָליצײַאַנטן זײַנען ניט געװען, זײ זײַנען אָװעקגעגאַנגען שלאָפֿן אין שטאָט, זײ פֿלעגן שטענדיק אַװעקגײן אָף באַנאַכט אין שטאָט.
און זיבן זקײנים אין דער שפּיץ מיטן זײדן האָבן געמישפּעט סאַרע יאַגודינע פֿאַר באַרײַסן הונגעריקע מענטשן, פֿאַר מעסירעס, פֿאַרן טויט פֿון סאַשען און איליושען און זי פֿאַרמישפּעט צום טויט. און דער זײדע האָט אױסגעפֿילט דעם אורטײל: ער האָט זי דערשטיקט מיט װישקעס פֿון אַ פֿערד. און די אַלטע לײַט האָבן זי באַגראָבן פֿון יענער זײַט פּלױט.
די עסעסאָװצעס האָבן געשלעפּט סאַרעס בריגאַדע, אַלע, װאָס האָבן געלעבט מיט איר אין הױז, געװאָלט דערגײן, װוּ זי האָט זיך אַהינגעטאָן. די עסעסאָװצעס האָבן באַשלאָסן, אַז זי איז אַנטלאָפֿן, אין דעם האָט זײ איבערצײַגט יױסעף. װאָס איז דאָ פֿאַראַן צו כידעשן זיך! אַ קרימינעלע רעצידיװיסטקע, זי איז געלאָפֿן פֿון עמעסע טורמעס, און דאָ... דאָס איז בא איר אַ שפּײַ. און שטאַלבע האָט געגלײבט, דאָך האָט ער געװאָרנט, אַז דאָס קומענדיקע מאָל װעט פֿאַרניכטעט װערן די גאַנצע מישפּאָכע פֿון דעם אַנטלאָפֿענעם און די גאַנצע בריגאַדע.
װיאַזױ, בא װעמען גופֿע, װאָס גופֿע, און װיפֿל געלט און קאָסטבאַרע זאַכן דער זײדע האָט באַקומען, קאָן איך ניט זאָגן, איך װײס ניט, קײן אײדעס דערפֿון זײַנען ניט געבליבן. אָן אײדעס איז געבליבן נאָר דערפֿון, װאָס עס איז פֿאָרגעקומען בא אונדז אין הױז, װער עס איז, אָט דער אײדעס, װעט איר זיך דערװיסן שפּעטער. װאָס עס איז פֿאָרגעקומען אין אַנדערע הײַזער, װײס איך ניט, און װיאַזױ דער זײדע האָט גענומען דאָס גאָלד בא זײַן זון יױסעפֿן, װײס איך אױך ניט. לױט אײנער אַ װערסיע איז דער זײדע געקומען צו יױסעפֿן און געזאָגט:
— דײַן מיטהעלפֿערן סאַרע איז אװעק אין װאַלד. איך האָב איר געװיזן אַהין דעם װעג. איך קאָן דיר אױך װײַזן.
און יױסעף האָט זיך דערשראָקן און האָט אָפּגעגעבן דעם זײדן זײַן גאָלד.
לױט אַ צװײטער װערסיע, לױט מײַן מײנונג, אַ מער װאָרהאַפּטיקער, האָט יױסעף זיך אָף קײן האָר ניט דערשראָקן, זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, און דאָס גאָלד האָט בא אים אַרױסגעגאַנװעט זײַן טאָכטער רײַע לױטן באַפֿעל פֿון מײַן מאַמען און האָט דאָס איבערגעגעבן דעם זײדן. עפּעס־װאָס האָט דער זײדע נאָך צונױפֿגענומען אין געטאָ. דאָס זײַנען געװען ניט קײן גרױסע װערט־זאַכן, ניט קײן ברילִיאַנטן פֿון דער ענגלישער קרױן און ניט קײן גאָלדענע כפּײצים פֿונעם דימענט־פֿאָנד. קדאָשים־רינגלעך, אױרינגלעך, בראַשקעס, זאַפֿאָנקעס, זילבערנע לעפֿל, גאָלדענע קאָראָנקעס, גאָלדענע צאַרישע צענערלעך. און דאָס אַלץ ניט קײן קעסטלעך, ניט קײן קאַסטנס, מע האָט צונױפֿגעזאַמלט עטװאָס נאָך דעם, װי אַלץ האָבן צוגענומען די דײַטשן, און װאָס זײ האָבן ניט צוגענומען האָט מען אױסגעביטן אָף פּראָדוקטן. און דאָך האָט דער זײדע עטװאָס צונױפֿגעזאַמלט און עס פֿאַרביטן אָף געװער. בא װעמען און דורך װעמען האָט דער זײדע געקראָגן געװער, קאָן איך אױך ניט זאָגן — דער סאָד איז באַגראָבן געװאָרן מיטן זײדן צוזאַמען אין קײװער. יעדנפֿאַלס, דער בײַט איז געװען אַ קאָמפּליצירטער, דורך דעם זײדנס אָנגעטרױטן מענטשן, װאָס האָט געלעבט אין דאָרף פּעטראָװקע, זיבן קילאָמעטער פֿון בעסוילעם.
איך קאָן, פֿאַרשטײט זיך, ניט זאָגן אָף זיכער, נאָר איך מײן, כ'בין אַפֿילע זיכער, אַז דאָס האָט אַ שײַכעס צום זײדנס זײַטיקן זון, מעגלעך, אַז דאָס איז יענער געװען דער אָנגעטרױטער מענטש, ניט צופֿעליק איז ער פֿון פּעטראָװקע! נאָר אָף װיפֿל עס איז ניט דערװיזן, װעלן מיר אים אָנרופֿן פּראָסט דעם זײדנס אָנגעטרױטע פּערזאָן. דער דאָזיקער מענטש האָט אײַנ־

געקויפט געווער אין שטאָט, עפּעס א דײַטשישער סאָלדאַט איז ניט בײַגעשטאַנען דער פאַר־פירערשאַפט פון גאָלד. גאָלד איז געווען ווייניק און געווער איז געווען א סאַך. דאָס סאַמע ווערטפולסטע — פיר דײַטשישע אויטאָמאַטן, שמײַסערס, זייער גוטע אויטאָמאַטן, גרינגע, אָנ־שטאָט אונדזער דיסק א טרײַבל פאַר צוויי און דרײַסיק קוילן, דערנאָך עטלעכע ביקסן, פּיס־טאָלעטן, גראַנאַטעס... ס'איז ווייניק אַף צו האַלטן מילכאָמע מיט היטלערן, נאָר דאָך האָט דאָס געשפּילט די אַנטשיידנדיקע ראָליע: אַדאַנק דעם האָבן די כעווריע זיך אויסגעלערנט באַגיין מיט געווער. זיי האָבן דאָך ניט געוווּסט, וויאַזוי דאָס אָנצוּווענדן... די קויל אין דער אַבאַימעס? און דערנאָך? וואָס איז דאָס פאַר א ציפערן: הונדערט מעטער, צוויי הונדערט, דרײַ הונדערט? וואָס איז דאָס? א דולע־פּושקע? און דאָס? אַך, דאָס דעקל פון דער דולע־פּושקע... און אויב דאָס האָט זיך פאַרהאַקט? וויאַזוי וואַרפט מען א גראַנאַטע, אַז מע זאָל אַליין ניט אַרײַנכאַפּן קיין שפּליטער?

א דריט און א פערט מאָל איז געקומען דער פעטער גרישע, באַוויזן, געלערנט זײַנע זין ווענינען און עדיקן, מײַן שוועסטער דינע, און זיי האָבן שוין געלערנט אַנדערע. דער ווידער־שטאַנד הייבט זיך אָן פון יענעם טאָג, ווען דער מענטש נעמט געווער אין די הענט. דאָס ערשטע געווער האָט געגעבן דער זיידע. ניט קיין סאַך. נאָר אָן אים וואָלטן די מענטשן גע־ווען מאַכטלאָז, אַפילע דאַן, ווען אין זייערע הענט איז אַרײַנגעפאַלן א סאַך געווער.

די פּאָליצײַען האָבן, נאַטירלעך, פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע מאַכט געשעפטן אַפן בע־סוילעם. סאַמאָהאָן, סאַלע, ברויט, פון דער געטאָ ברענגט ער עס דאָך ניט, אין געטאָ האָט מען די קעץ מיט די הינט שוין לאַנג אויפגעגעסן, בראַנפן און פאַרבײַסעכץ ברענגט מען אהער באַנאַכט, ער בײַט צי ער קויפט, הייסט עס, אַז געלט איז דאָ, ס'איז פאַראַן באַראַכלאָ! זיי איז אַפן געדאַנק ניט געקומען, אַז דער אַלטער האַנדלט אײַן געווער. עסנווארג פאַרגרייט ער, דער אויסוווּרף, א סאַך עסנווארג, אויב ער גיט זיי אַזויפיל. א גאַנצן טאָג היטן זיי אָט די יודייסקע קליאַטשעס, עפשער טראָגן זיי אַלץ דורך אין די אָרנס צווישן די שמאַטעס אָנשטאָט מייסים, ניין, די מייסים נעמען זיי אַרויס, נעמען אַראָפּ פון זיי די טאַכריכים און לאָזן זיי אַראָפּ אין די גריבער, מורמלען עפּעס אַף זייער לאָשן און פאַרשיטן זיי מיט ערד. די מייסים זײַנען נאַקעטע, אַזוי האָט באַפוילן די קאָמענדאַטור. און דאָך איז דאָס אַלץ ניט פונדערלופטן, ניט קיין מאַנע פון הימל. שיקורים און אויסוווּרפן, נאָר כעזשבענען האָבן זיי געקאָנט; מאַר־קאָווסקי — א סטראַכיר־אַגענט, כליופּאַ — א וועטערינאַר־פעלדשער, געבילדעטע, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז אויב דער אַלטער גיט זיי אַזאַ כאַבאַר, איז וויפל זשע שיקט ער אַוועק זײַנע זשידעס, וויפל באַצאָלט ער און מיט וואָס באַצאָלט ער?

דאָס האָט מען געדאַרפט פּאָרויסזען. איר ווייסט דאָך, וויפל דאָס שטריקעלע זאָל זיך ניט ציִען... און באַשולדיקן דעם זיידן אין עפּעס טאָר מען ניט, ער האָט אין ערגעץ ניט דערלאָזט קיין פעלער, נאָר די אומשטענדן זײַנען געווען שטאַרקער פון אים. עפשער האָט ער עפּעס דערפילט אין די פּאָליצײַען, ער האָט מיט דער הויט געפילט מענטשן, נאָר די פּאָליצײַען זײַנען אויך געווען ניט קיין טיפּשעס, דורכגעטריבענע בעסטיעס, זיי האָבן אָפּגענאַרט דעם זיידן, אים פאַרפירט.

אָפּדערנאַכט זײַנען זיי, ווי געוויינלעך, קלוימערשט אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט. נאָר ווײַט זײַנען זיי ניט אַוועק. זיי האָבן זיך פאַרטײַעט, זיך דערוואַרט, ווען דער זיידע איז באַנאַכט אַרויסגעגאַנגען פון זײַן שטיבל און זיך געלאָזט אין וואַלד. די פּאָליצײַען נאָך אים... נאָר דער זיידע האָט עפּעס דערפילט, עפשער האָט ער דערהערט טריט, דאָס טרישטשען פון צווײַגלעך, ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעהערט, און די פּאָליצײַען האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זיך פאַרטײַעט. דער זיידע איז א ביסל געשטאַנען, ווײַטער אַוועק, נאָר איצט האָט ער שוין, ווײַזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז מע שפּירט נאָך אים, ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און געלאָזט זיך אַף צוריק. די פּאָליצײַען האָבן אים פאַרצאַמט דעם וועג...

וואָס איז דאָרט פאָרגעקומען אינדערעמעסן, קאָן איך ניט זאָגן. צו מיר איז דערגאַנגען די באַשרײַבונג פון דער דאָזיקער סצענע, נאָר צי זי אַנטשפּרעכט דער ווירקלעכקײַט, ווייס איך ניט...

די פּאָליצײַען האָבן באַזוכט דעם זיידן, נאָר גאָרנישט ניט געפונען. לאָמיר אָפּמערקן אָט דעם פאַקט: דער זיידע איז געגאַנגען נאָך געווער, נאָר קיין געצאָלטס דערפאַר מיט זיך ניט געטראָגן. אַלץ איז געווען אָפּגעצאָלט פאַרויס: דאָס צונויפגעזאַמלטע גאָלד, די ווערטפולע זאַכן, דאָס געלט — דאָס אַלץ האָט דער זיידע גלײַך איבערגעגעבן דעם פאַרטרויטן מענטשן. און ער האָט ריכטיק געטאָן: ווו האָט ער געקאָנט עס אַלץ פאַרבאַהאַלטן, וויאַזוי עס טיילנווײַז אַרויסטראָגן פון דער געטאָ? וואָס לענגער דו באַהאַלטסט, וואָס אָפטער דו טראָגסט אַרויס, אַלץ גיכער וועסטו דורכפאַלן. דער זיידע האָט אַלץ אָפּגעגעבן דעם אָנגעטרויטן מענטשן פון

פעטראָוקע, אין דאָרף איז דאָס געווען זיכערער, יעדנפאַלס אין אַ קלענערער געפאַר, ווי אין געטאָ. נאָר וואָס פאַר אַ צוטרוי דער זיידע האָט עס געדאַרפט האָבן צו דעם דאָזיקן מענטשן, אויב ער האָט איבערגעגעבן אין יענעמס הענט דעם גורל פון דער געטאָ! און דאָס איז אַ צווייטער באַווײַז, אַז דער אָנגעטרויטער מענטש איז געווען דעם זיידנס זון.

הייסט עס, אַז די פּאָליצײַען האָבן גאָרניט געפונען באַם זיידן און זיי האָבן אים באַפוילן גיין ווײַטער, אַהין, ווו ער איז געגאַנגען, דאָס הייסט ברענגען זיי צום מענטשן, מיט וועלכן ער האָט זיך געדאַרפט באַגעגענען. זיי האָבן אָנגעהויבן שטויסן אים מיט די ביקסן־קאָלבעס, און דער זיידע האָט זיך געלאָזט מיט אַ וואַלד־שטעג. נאָך אים דער באַאַרטער פּאָליציי, מאַרקאָווסקי, דער געוועזענער אַגענט פון מעלוכע־סטראַכירונג, און נאָך מאַרקאָווסקין — כליופּאַ, דער וועטערינאַר־פעלדשער.

דער זיידע איז אָפּגעגאַנגען, וויפל ער האָט געדאַרפט, און פּלוצעם אומגעריכט זיך אויסגעקערעוועט, אַרויסגעכאַפּט בײַ מאַרקאָווסקין די ביקס און אויסגעשריגן איבערן גאַנצן וואַלד:

— אַנטלויף, מיקאַלאַ!

און ער האָט אַראָפּגעלאָזט די ביקס אויף מאַרקאָווסקיס קאָפּ, יענער איז אומגעפאַלן, נאָר כליופּאַ האָט באַוויזן אָנצילן די ביקס און אויסשיסן...

און דער זיידע איז אומגעפאַלן...

נאָר איידער ער איז אומגעפאַלן, באַוויזן דאָס צווייטע מאָל אויסשרײַען:

— אַנטלויף, מיקאַלאַ!

כליופּאַ האָט אויסגעשאָסן אין אים, אינעם ליגנדיקן, אינעם טויטן, דערנאָך אופגעהויבן מאַרקאָווסקין: יענער האָט נאָך געלעבט, כאָטש דער קאָפּ איז בײַ אים געווען דורכגעלעכערט, — און אים אוועקגעשלעפּט צום שטיבל פונעם בעסוילעם. אויף דער פּלייצע זײַנען בײַ אים געווען ביידע ביקסן, און אויף די הענט — דער כאָווער לויט דער פּאָליציי־דינסט.

נאָר, איר פאַרשטייט, — מיקאַלאַ איז ניט אַנטלאָפן! און דאָס איז אַ דריטער באַווײַז, אַז דאָס איז געווען דעם זיידנס אַ זון: ער האָט געהאַט דעם זיידנס כאַראַקטער. ניט ווײַט פונעם שטיבל האָט ער זיי דעריאָגט, דערשאָסן ביידן, צוגענומען זייערע ביקסן, קוילן, מעסערס, אַראָפּגענומען פון זיי די פאָרמעס, צוגענומען די דאָקומענטן און איז אוועק.

אויף אַנדערן טאָג זײַנען אָנגעפאָרן עסעסאָווצעס, געסטאַפּאָווצעס מיט הינט, אַליין שטאַלבע איז געקומען: עס זײַנען דערהאַרגעט געוואָרן צוויי פּאָליצײַען, עס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער אַלטער ייד אוּוראָם ראַכלענקאָ, געוויס אוועק צו די פּאַרטיזאַנער. נאָר די הינט האָבן געפונען דעם זיידנס קערפּער. דער זיידע איז געלעגן אויף דער פּלייצע, מיט פאַרמאַכטע אויגן, פאַרשאָטן מיט איבערגעפרירטע פרילינגדיקע בלעטער, מיט צונויפגעלייגטע הענט אויף דער ברוסט... וועגדט אײַער אופמערקזאַמקייט דערויף! הייסט עס, אַז מיקאַלאַ האָט זיך אומגעקערט, אויסגראָבן אַ גרוב האָט ער ניט געהאַט מיט וואָס, ס׳איז ניט געווען קיין צײַט און צוליב וואָס — אויב דער זיידע וואָלט פאַרשוווּנדן, וואָלט זײַן מישפּאָכע צעשאָסן געוואָרן... אויך דאָס, וויאַזוי דער זיידע איז געלעגן, איז דער פערטער באַווײַז, אַז דאָס איז געווען דעם זיידנס זון.

נאָך דער מילכאָמע בין איך געקומען קיין פעטראָוקע, געוואָלט געפונען דעם דאָזיקן מענטשן, פאַקטיש מײַן פעטער, אָדער זײַנע קינדער, פאַקטיש מײַנע שוועסטערקינדער, געוואָלט געפינען די פּרוי, וועלכע דער זיידע האָט בייס זײַנע ווײַטע יונגע יאָרן ליב געהאַט און פון וועלכער ער האָט געהאַט אַ זון. נאָר אָנשטאָט דעם דאָרף האָב איך געפונען פאַרסמאַליעטע קוימענס, דאָס דאָרף האָבן די דײַטשן פאַרברענט אין דרײַ־און־פערציקסטן יאָר, און אַלע אײַנוווינער ביז איינעם זײַנען צעשאָסן געוואָרן פאַר פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער. און אויב דער דאָזיקער מענטש איז געווען מײַן זיידנס אַ זון, האָט ער איבערגעלעבט זײַן פאָטער, בלויז אויף איין יאָר, און ביידע האָבן זיי, דער טאַטע מיטן זון, געהאַט איין גוירל.

אַזוי אַרום, האָט מען דעם זיידנס קערפּער געפונען, באַגראָבן, און כאָטש ס׳איז ניט געווען קיין שום באַווײַזן, אַז דער זיידע האָט אַ שײַכעס צו דעם מאָרד פון די פּאָליצײַען, פאַרקערט, אַלץ האָט באַוויזן, אַז ער איז געהאַרגעט געוואָרן צוזאַמען מיט זיי, ניט געקוקט דערויף, האָט מען די גאַנצע בריגאַדע פון די באַגרעבער — פערצן מענטשן — צעשאָסן; צווישן זיי איז געווען קוסיעל פּלאָטקין, דער בלעכער אַלעשינסקי — ווי איר זעט, האָט דער זיידע אונטערגעקליבן אַ בריגאַדע פון באַקאַנטע. אַנטשולדיקט, קיין שום הומאָר איז אין די דאָזיקע אומשטענדן ניט אָפּן אָרט, נאָר אַ פאַקט בלײַבט אַ פאַקט: דער זיידע האָט אונטערגעקליבן אין דער בריגאַדע אייגענע מענטשן, געוועזער האָט ער אַליין געקראָגן, נאָר אײַנגעוויקלט עס אין טאַכריכים, אַרײַנגעלייגט אין די אָרנס און אַרײַנגעטראָגן עס אין געטאָ האָבן אַנדערע, און די דאָזיקע אַנדערע האָבן געדאַרפט זײַן זיכערע מענטשן.

22

אין דער זעלבער צײַט האָט דער פּעטער גרישע פאַרגעזעצט פאַרמירן דעם אַטריאַד. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זעקס מענטשן וועט אים געבן סידאָראָוו, צען וועט גרישע נעמען פון דער געטאָ. גרישע האָט אָפּגעקליבן אין געטאָ צען מענטשן, אויך דאָס מאָל האָט ער ניט גענומען זײַנע זין, קיינעם האָט ער ניט גענומען פון די, וואָס האָבן זיך געקאָנט באַגיין מיט געווער — זיי באַדאַרף מען דאָ; ער האָט גענומען די, וואָס האָבן נאָך ניט באַהערשט דאָס געווער, אין וואַלד וועט ער זיי אויסלערנען; כעוורע זײַנען דאָס יונגע, פאַרהעלטניסמעסיק געזונטע, פון דער שוּך־פאַבריק, פונעם לעדער־זאַוואָד, פּרעמדשטאַטישע.

נאָר ס'האָט זיך געשטעלט די פראַגע, ווי אַזוי זיי אוועקפירן פון דער געטאָ? אוועקגיין איז ניט שווער, אָבער וואָס וועט זײַן נאָכדעם? פיל פון דעם, וואָס איז פאַרווערט געווען אין געטאָ, איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, פון אייניקע זאַכן האָט מען זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק, נאָר אַנטלויפן — דאָס איז פאַרבינדונג מיט די פּאַרטיזאַנער. און פאַר אַנטלויפן פון געטאָ האָט מען האַרב באַשטראָפט די געבליבענע.

ס'איז געווען איין אויסוועג: דער יודנראַט זאָל זיי באַווײַזן אין זײַנע צעטלען פון די געשטאָרבענע. אין יודנראַט האָט די מאַמע געשיקט דינען. פאַרוואָס איז זי אַליין ניט געגאַנגען? ס'איז מיר איצט שווער צו מישפּעטן. נאָר איך מיין אַזוי: נאָכן טויט פונעם זיידן האָבן אין אירע הענט זיך צונויפגעזאַמלט אַלע פעדעם און זי האָט, ווײַזט אויס, ניט געטאָרט זיך וואַרפן אין די אויגן. איין פאַלשער שפּאַן — איז אַ דורכפאַל, אַ דורכפאַל פון איינעם איז אַ דורכפאַל פון אַלע, צוויי גאַסן, עטלעכע געסלעך, דאָ זײַנען דרײַ טויזנט מענטשן, אַלע זעען אַלץ, הערן אַלץ... עפּשער האָט די מאַמע ניט געקאָנט האָבן קיין געשעפטן מיט יויסעפן, ווײַל דאָס האָט זי גופא, ווי עס האָט זיך אויסגעקלאָרט, געצוווּנגען זײַן טאַכטער רײַע אַרויסגאַנווענען דאָס גאָלד און עס אָפּגעבן דעם זיידן... האקלאַל, אַ פאַקט איז, אַז אין יודנראַט, צו יויסעפן, איז אוועקגעגאַנגען דינע.

אַן אויסגעמאַטערטע פון הונגער, קעלט, פון שווערער אַרבעט, אַן אָפּגעשליסענע און אַ קויטיקע, איז דינע אַלצייַנס געבליבן אַ שיינע. איר פאַרשטייט, וואָס זי האָט דערוואַרט צווישן אָט די כּײַעס און פאַרגוואַלדיקער? נאָר מע דאַרף אָפּגעבן רעכט שטאַלבען, ער איז טרײַ געווען די „צוועלף געבאָטן וועגן דער אויפירונג פון די דײַטשן אַף מיזרעך"... איר ווייסט זיי ניט? איך זע, אַז איר זײַט ניט זייער באַהאַוונט... און ווער איז עס באַהאַוונט? די ספּעציאַליסטן פון דער געשיכטע פונעם פאַשיסטישן רײַך. דאָס אַלץ איז געוואָרן אַן אָביעקט פאַר דער וויסנשאַפט... נאָר ס'איז אַ שאָד! דעם דאָזיקן לימעד פון דער געשיכטע וואָלט מען געדאַרפט דערלערנען אין די שולן...

איז אָט, דער אַכטער געבאָט האָט געפאָדערט:

„האַלט זיך ווײַטער פון די רוסישע, זיי זײַנען ניט קיין דײַטשן, נאָר סלאַוויאַנער. טרינקט ניט מיט די רוסישע. טרעט ניט אַרײַן אין קיין שום פאַרבינדונגען מיט די פרויען און מיידלעך. אויב איר וועט זיך אַראָפּלאָזן צו זייער מאַדרייגע, וועט איר פאַרלירן דעם אַווטאָריטעט אין די אויגן פון די רוסישע. אַרויסגייענדיק פון זייער לאַנגדויערנדיקער דערפאַרונג, באַטראַכטן די רוסן אונדז, דֵי דײַטשן, ווי העכערע באַשעפענישן".

די געבאָטן האָט צונויפגעשטעלט דער באַפולמעכטיקטער פון פּראָוויזאַנט דער סטאַטס־סעקרעטאַר באַקע, נאָר סײַוויסײַ איז דער עסעסאָוועץ שטאַלבע געווען מיט זיי איינשטימיק. אויב ס'האָט זיך אַזוי געשטעלט די פראַגע וועגן רוסישע פרויען, איז וואָס איז שוין דאָ צו שמועסן וועגן ייִדישע! צעשיסן איז — אָרדענונג, פאַרגוואַלדיקן — אומאָרדענונג. און דערמיט איז דינע אין אַ באַשטימטער מאָס געווען באַשיצט. נאָר פון אַלעם אַנדערן איז זי באַשיצט ניט געווען. נאָך מער! שטאַלבע האָט זי געהאַלטן אין אויג: איוואַנאָווסקיס טאָכטער, דער מישלינג, וועלכן לעַ־קורט האָט אַרויסגעריסן פונדאַנען, און דערצו נאָך אַ זינגערן.

זינגען איז אין געטאָ געווען פאַרווערט, פאַר זינגען איז געקומען צעשיסן; פאַר הויך ריידן — פּופּצן שמיץ, אָבער פאַר זינגען — צעשיסן: אויב איינער וועט אָנהייבן זינגען, קאָן נעמען זינגען אויך אַ צווייטער, אַלע וועלן נעמען זינגען. די ליד מאַכט זיי פאַר מענטשן, און זיי זײַנען אינזעקטן; אינזעקטן, ווי ס'איז באַוווּסט, זינגען ניט.

צווישן אַנדערס, האָבן אין אייניקע געטאָס די דײַטשן געשאַפן אָרקעסטערס, זיי האָבן געשפּילט פּאָפּולערע מעלאָדיעס „קאָלנידרע", „אַ בריוועלע דער מאַמען", און אין דער ווילנער אָדער מינסקער געטאָ, כ'געדענק ניט פּינקטלעך, האָט מען געצוווּנגען דעם באַוווּסטן

זינגער גאָרעליקן זינגען ייִדישע לידער. די מענטשן האָט מען אויסגעשטעלט אפּן פּלאַץ, טויזנטער, צענדליקער טויזנטער, גאָרעליק האָט געזונגען פאַר זיי, דער אָרקעסטער האָט געשפּילט נאָך פון דער קינדהייט באַקאַנטע מעלאָדיעס, די מענטשן זײַנען געשטאַנען און גע־וויינט... און דערנאָך האָט מען זיי געפּירט צעשיסן. און אין אָשווענטשים, ווי איר ווייסט, איז אויך געווען אַן אָרקעסטער פון קאַצעטניקעס, פאַר דעם, ווי מע האָט די מענטשן אָפּגעשיקט אין די גאַז־קאַמערעס, האָט מען זיי געשפּילט „די טאַנגאָ פון טויט".

נאָר שטאַלבען זײַנען, מינאַסטאַם, פּרעמד געווען סאַנטימענטן, און די מאַסשטאַבן זײַנען ניט יענע און ניט יענע אופגאַבן; פון זיבן טויזנט זײַנען געבליבן נאָר דרײַ, איניגיכן וועט מען צושיקן עלעקטרישע זעגן, און מיט די דרײַ טויזנט וועט מען מאַכן א סאָף. אָ, דעמלט וועט ער, שטאַלבע, שוין ניט דערלאָזן קיין אומאָרדענונג און קיין סאַבאָטאַזש! דעמלט וועלן זיי זיך שוין לייגן אַקוראַט: פוס צו פוס און קאָפּ צו קאָפּ.

האַקלאַל, עס גייען ניט אָפּ קיין לידער! און פּלוצעם האָט דער צעקראַכענער רייִנגאַרדט, דער מיליטער־קאָמענדאַנט פון שטאָט, געגעבעטן בא שטאַלבען דערלויבן דינע איוואַנאָווסקען, דער טאָכטער פון דעם בלוט־געמישטן יאַקאָוו איוואַנאָווסקי, אַרויסטרעטן אין קלוב אויף א קאָנצערט.

וועגן אונדזער קלוב, דעם געוועזענעם קלוב פון פּראָמקאָאָפּעראַציע, האָב איך אײַך דער־ציילט: דאָרט איז זײַנערצײַט דינע אַרויסגעטראָטן אויף ליבהאָבערישע קאָנצערטן. און אָט האָט מיט דער דערלויבעניש פונעם מיליטערישן קאָמענדאַנט די שטאָטישע פּאַרוואַלטונג אײַנגע־אָרדנט באַם קלוב א ליבהאָבערישן טעאַטער פאַר דער אַרטיקער באַפעלקערונג. די אָנפירער פונעם טעאַטער זײַנען געווען דאָס פּאַרפּאַלק קוליק, אַלטע אַרטיקע לערערס, איך האָב, צווישן אַנדערס, זיך געלערנט בא זיי אין שול, און אָט, ביטע, בא די דײַטשן האָבן זיי זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט קולטור־אַרבעט. געשטעלט האָבן זיי, הויפּטזאַכלעך, די פּיעסן פון סטאַריצקין, „די ציגײַנערן אַזאַ" און פּאַרשיידענע איבעראַרבעטונגען פון גאָגאָלן, וועלכע ס'האָט געמאַכט פּאַנאַס מירני. די געשיכטע מיטן טעאַטער האָט זיך פאַרענדיקט מיט א פּײַנעם ספּעקטאַקל. בייס איינער א פאָרשטעלונג האָט די פּאָליציי אַרומגערינגלט דעם קלוב, פאַרהאַלטן די יוגנט, און אין קלוב זײַנען אַמערסטן געגאַנגען יוגנטלעכע, און מע האָט אַלעמען אָפּגעשיקט אויף אַרבעט קיין דײַטשלאַנד, ווײַל פּרײַוויליק פאַרן האָט ווייניק ווער געוואָלט. נאָך דעם איז קיינער אין טעאַטער ניט געגאַנגען, און ס'איז ניט געווען, ווער עס זאָל גיין... נאָר דאָס איז פאָרגעקומען שפּעטער, נאָך דעמלט, אין פרילינג פון צוויי־און־פערציקסטן יאָר, האָבן די דײַטשן געהייסן צוגרייטן א גרויסן יאָמטעוודיקן קאָנצערט פאַר די דײַטשישע מיליטער־אָנ־געשטעלטע, אָבער די דײַטשישע מיליטער־אָנגעשטעלטע וועסטו סטאַריצקיס פּיעסע ניט באַווײַזן, די אוקראַיִנישע שפּראַך פאַרשטייען זיי ניט, הייסט עס, אַז מע דאַרף שפּילן אויף מוזיקאַלע אינסטרומענטן, טאַנצן, זינגען... און ס'איז אופגעקומען אן אידיי רופן דינע איוואַ־נאָווסקאַיאַ, נאָר מיט אַזאַ שטים קאָן מען איבעראַשן די דײַטשן. עמעס, זי איז פאַרשפּאַרט אין געטאָ, נאָר איר אייגענער פּאָטער לעבט אויסער דער געטאָ, לעבט אויף דער פרײַ. מיט איין וואָרט, די קוליקעס האָבן אײַנגערעדט דעם בורגאָמיסטער, דער בורגאָמיסטער — רייִנגאַרדטן, רייִנגאַרדט האָט זיך געווענדט צו שטאַלבען... איר שטעלט זיך פאָר שטאַלבעס צערייצטקײַט!! מע האָט אַרויסגעגראַבלט פון דער געטאָ דעם טאַטן, איצט דערקלײַבט מען זיך צו דער טאָכ־טער?

שטאַלבע האָט גלײַך באַפוילן ברענגען צו אים דינען. מ'האָט זי געבראַכט.

שטאַלבע פרעגט דורך אן איבערזעצער:

— דו קאָנסט זינגען?

איך מוז אײַך זאָגן, אַז דינע האָט גערעדט אויף דײַטש, ווי איך, ס'הייסט גערעדט פרײַ. בא אונדז אין שטוב איז דײַטש געווען ווי א דריטע שפּראַך. דערצו האָט דינע פיל צײַט פאַר־בראַכט אין הויז פון איוואַן קאַרלאָוויטשן, זיך געלערנט מוזיק בא זײַן ווײַב סטאַניסלאַווא פראַנצעווונאַ, און בא איוואַן קאַרלאָוויטשן אין הויז האָט מען גערעדט אויף דײַטש, און אין שול האָט זי געלערנט דײַטש. אָבער דאָ, בא שטאַלבען, האָט דינע זיך ניט וויסנדיק געמאַכט, אַז זי קען די שפּראַך: אין געטאָ איז דאָס געווען געפערלעך. די מענטשן, וואָס האָבן באַהערשט דײַטש, האָט מען געקאָנט געבן ניט גאָר קיין אָנגענעמע באַשעפטיקונגען, לאָמיר זאָגן, איבער־זעצן פאַר די אײַנוווינער פון געטאָ ניט קיין מענטשלעכע דײַטשישע באַפעלן, דאָס הייסט זײַן אין א באַשטימטער מאָס זייער געהילף.

ווען דער איבערזעצער האָט איר איבערגעכאַזערט שטאַלבעס פראַגע, האָט דינע דער־שפּירט אין דעם א געפאַר און זי האָט געענטפערט:

— קיין זאַך קאָן איך ניט.

— און מיר האָט מען איבערגעגעבן, אַז דו זינגסט גוט, — האָט געזאָגט שטאַלבע.
— כ'האָב געזונגען אין שול, שוין אַלץ פון לאַנג פאַרגעסן.
— און דײַנע געוועזענע לערער ווילן, אַז דו זאָלסט זינגען אין קלוב.
— איך קאָן ניט זינגען, פאַרגעסן, און די שטים איז בײַ מיר פאַרפאַלן געוואָרן, איך בין הייזעריק...

זי איז טאַקע אינדערעמעסן געווען הייזעריק, אַלע זײַנען זיי געווען הייזעריק און געהוסט: האַלב־נאַקעטע, האָבן זיי געוואַלגערט דעם וואַלד ווינטער אין די פראָסט, פרילינג אין די רעגנס.

— און ווו איז דײַן טאַטע? — פרעגט שטאַלבע.
— אַרבעט אויף דער אײַזנבאַן־ליניע.
— ער איז דען ניט קיין ייִד?
— ניין.
— מינאַסטאַם כלאַפּאָטשעט ער עס פאַר דיר, — האָט שטאַלבע גערעדט ווי צו זיך אַליין.

די דאָזיקע באַמערקונג האָט, מײַן איך, געצווונגען דינען אויף אַ מינוט זיך פאַרלירן. שוין זשע דאַרף עס דער טאַטע, אַז זי זאָל אַרויסטרעטן אין קלוב? זי זאָל זינגען? אַז זי זאָל זינגען פאַר זיי?

איר פאַרשטייט, אונדז איז איצט גרינג צו קלערן פאַר דינען, ברענגען טעזיסן און קאָנטר־טעזיסן, אָנעמען פאַר איר אַזאַ אָדער אַן אַנדער באַשלוס. איר איז געווען שווערער. אין וואָס איז באַשטאַנען דער עמעס איז איר ניט געווען באַוווּסט. דער פאָטער אַרבעט אויף דער סטאַנציע, נאָר צוליב וואָס ער איז דאָרטן, וועגן דעם האָבן געוווּסט בלויז די מאַמע, סידאָראָוו, דער פעטער גרישע און דער זיידע. איצט, ווען דער זיידע איז אומגעקומען, האָבן געוווּסט בלויז די מאַמע, סידאָראָוו און דער פעטער גרישע. די מאַמע האָט אָנגעטרויט דינען, נאָר איר דאַרפֿט פאַרשטיין יענע אומשטענדן. ווען די דײַטשן וואָלטן זי אין עפּעס כוישעד געווען, וואָלטן זיי איר געקאָנט טאָן אַזוינס, וואָס ווער וועמען איר ווילט עפענען דאָס מויל. דינע האָט נאָר געוווּסט, אַז דעם טאַטן האָט מען אַרויסגעלאָזט פון דער געטאָ, אַז זײַנע איניאַנים געפינען זיך אין בערלין, די מאַמע האָפט, אַז מע וועט אים אָפּלאָזן אין דער שווייץ, און איך מיין, אַז פאַר דינען, ווי זי האָט ניט ליב געהאַט דעם פאָטער, איז ער שוין געווען אויסער איר לעבן, אַלע, ווער ס'איז ניט געווען אין אָט דעם געגנעם, זײַנען געווען אויסער איר לעבן, דער פאָטער האָט זיך געראַטעוועט, איז דאַנקען גאָט! ער האָט זיך ניט געוואָלט ראַטעווען, די מאַמע האָט אים געצווונגען, זי האָט אים ניט, אין וואָס צו באַשולדיקן, נאָר ער איז שוין אויסער איר לעבן. זי קלערט ניט, אַז דער טאַטע זאָל וועלן, אַז זי זאָל זינגען אין קלוב; נאָר אויב ער וויל אַפילע, וועט זי אַלצײנס פאַר זיי ניט זינגען! קיינמאָל ניט! זי האָט געוווּסט, אַז פון איין ניט געלונגען וואָרט הענגט אָפּ איר לעבן, און דאָך האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס ניט, ווער עס כלאַפּאָטשעט פאַר מיר, נאָר איך האָב אַלע לידער פאַרגעסן און קאָן שוין פון לאַנג ניט זינגען.
— הייסט עס, אַז דו ווילסט ניט זינגען אין קלוב?
— ניין!

שטאַלבע האָט זי אָפּגעלאָזט און געמאָלדן רײַנגאַרדטן, אַז די ייִדן איז פאַרווערט עפנטלעך אַרויסצוטרעטן, און אויב עס וואָלט יאָ דערלויבט געווען, האָט דינע איוואַנאָווסקאַיאַ זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוטרעטן אין קלוב. און רײַנגאַרדט איז ניט באַשטאַנען, אים אַליין איז די דאָזיקע זעלבסטעטיקײַט ניט געפעלן געווען: ס'איז נאָך ניט באַוווּסט, וואָס פאַר אַ קונץ וואָלט די דאָזיקע דינע אַרויסגעוואָרפן אויף דער בינע, כאָטש איר פאָטער, אַ פערזאָן פון געמישטער אָפּשטאַמונג, פירט זיך אויף דער אײַזנבאַן־ליניע לאָיאַל.

דערמיט האָט זיך געענדיקט. וועגן קיין שום לידער איז מער קיין רייד ניט געווען, דינע האָט פאַרגעזעצט אַרבעטן, ווו מע האָט באַפוילן: אין וואַלד, באַם אָפּרייניקן די וועגן, די ליניע, באַם אויסלאָדן וואַגאָנעס, באַם ראַמען די קאַזאַרמעס, און באַנאַכט האָט זי צוזאַמען מיט ווענׅיע ראַכלענקאָן געלערנט די כעוורע פאַנאַנדערנעמען און צונויפנעמען געווער. ווי מע דערציילט, האָט זי זעלבסט דאָס זייער גיך און געשיקט זיך אויסגעלערנט. פאַרשטייט זיך, אַז קיין פאָליגאָן האָבן זיי ניט געהאַט, טרענירן זיך איז ניטאָ ווו, נאָר ס'איז געווען קלאָר: ווען עס וועט אויסקומען אָנווענדן געווער, וועלן זיי עס קאָנען אָנווענדן. און ווענׅיע האָט נאָך ביזן קריג געהאַט אַ צייכן פון „אַ וואָראָשילאָוו־שיסער“.

און אָט באַופטראַגט די מאַמע דינען, אַז זי זאָל זיך דערשלאָגן באַם פעטער יויסעפן, ער זאָל אַראָפּשרײַבן אַלס געשטאָרבענע צען מענטשן, וועלכע דער פעטער גרישע וועט אוועקפירן צו די פאַרטיזאַנער...

— וועמען דארף מען באווײַזן אין ראַפּאָרט? — האָט געפרעגט יויסעף.
דינע האָט אָנגערופן צען מענטשן.
יויסעף האָט פאַרשריבן זייערע נעמען און פאַמיליעס אַף א פּאַפּירל.
— גוט, איך וועל א טראַכט געבן.
— ניין, — האָט דערווידערט דינע, — די ערשטע פינף דאַרף מען אַראָפּשרײַבן הײַנט; זיי וועלן באַנאַכט אוועקגיין, די איבעריקע מאָרגן, זיי וועלן אוועקגיין מאָרגן באַנאַכט.
— איך וועל זיי ניט אָפּשרײַבן ניט הײַנט, ניט מאָרגן, נאָר ווען איך וועל דאָס האַלטן פאַר נייטיק, — האָט געענטפערט דער פעטער יויסעף, — און אויב איך וועל ניט האַלטן פאַר נייטיק, וועל איך זיי אינגאַנצן ניט אָפּשרײַבן. אויב מע וועט זיי כאַפּן, וואָס וועט זײַן מיט מיר?
— דו האָסט געקאָנט גלײַך אַזוי זאָגן, צוליב וואָס זשע האָסטו פאַרשריבן זייערע פאַמיליעס?
— כ'האָב געדאַרפט, האָב איך פאַרשריבן. איך וויל וויסן, פאַר וועמען וועט מען בא אונדז צעשיסן יעדן פינפטן.
— קער מיר אום דאָס צעטל און פאַרגעס אין דעם, — האָט געזאָגט דינע.
— ניין, — האָט דערווידערט יויסעף. — עס וועט בלײַבן בא מיר. און דו, אויב דו ווילסט נאָך א ביסל לעבן אַף דער וועלט, פאַרנעם זיך מער ניט דערמיט. און איצט גיי.
— גיב אַפּ דאָס צעטל!
— פאַרנעם זיך! — האָט יויסעף זיך צעשריגן. — אין גרוב האָט זיך דיר פאַרוואָלט? איך וועל עס דיר שנעל אײַנאָרדענען.
— גיב אַפּ דאָס צעטל! — האָט דינע איבערגעכאַזערט.
— דיר, דאָס צעטל?.. און אָט דאָס ווילסטו ניט?
יויסעף האָט אַרויסגענומען פונעם טיש־קעסטל זײַן „וואַלטער". יויסעף איז לויט דער נאַטור געווען א מעשוגענער מענטש און איז פּייַיק געווען אַף אַלץ, דעריקער נאָך דאָ, ווו ער האָט ניט מוירע געהאַט פאַר קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקײַט און ווו דעם מענטשנס לעבן האָט געקאָסט ניט מער, ווי א שטיקל בלאָטע.
— לייג אוועק דײַן פּושקע, — האָט געזאָגט דינע. — איך לייג דיר פאַר עפּעס אַנדערס: אויב דו וועסט זיי באַווײַזן אינעם ראַפּאָרט פון די געשטאָרבענע, וועל איך ז'ר אומקערן דײַן גאָלד.
איך מיין, אַז דאָס איז געווען אומגעריכט פאַר יויסעפן; זײַן גאָלד, האָט ער געהאַלטן, איז אַף אייביק פאַרלוירן. און פּלוצעם, לאָזט זיך אויס, ניין, ניט פאַרפאַלן, עס קאָן זיך אומקערן צו אים, און מיט דעם די האָפענונג אַף ראַטעווען זיך. אַף זײַן שוואַגער יאַנקעווען האָט ער שוין ניט געהאָפט; עפּעס שווײַגט צו לאַנג זײַן שווייצאַרישע מישפּאָכע. און אין די פאַר־טיזאַנער האָט יויסעף ניט געגלייבט — זיי וועט מען אויסראָטן, נאָר מיט גאָלד קאָן מען זיך אויסבאַהאַלטן אַף עפּעס א כוטאָר; עס זײַנען פאַראַן באַקאַנטע, מע וועט ניט אויסגעבן; און אויב מע וועט אויסגעבן, וועט אויסקומען אָפּגעבן די דײַטשן דאָס גאָלד, און ער וועט אוועק אײַנער אַליין, די טאָכטער — די פאַרעטערן באַדאַרף ער ניט, דאָס ווײַב וועט ניט אויסהאַלטן דעם כוטאָרישן קעלער — פאַר איר איז אַלציינס, ווו זי וועט שטאַרבן, דאָ אָדער דאָרט. און אויב ער וועט אוועקגיין, וועט מען צעשיסן דעם יודנראַט, נאָר מע וועט דאָך סײַוויסײַ צע־שיסן; א טאָג פריִער, א טאָג שפּעטער — וואָס איז דער כילעק? מע דאַרף אַרויסרײַסן בא די־נען דאָס גאָלד, זי האָט עס, אומזיסט וואָלט זי ניט געזאָגט, און דערנאָך פאָטער ווערן פון איר, קיין איידעס באַדאַרף ער ניט.
איך בין זיכער, אַז אַזוי האָט געטראַכט יויסעף, איך האָב אים גוט געקענט. ער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרשטאַנען, אַז, פאַרלייגנדיק אומקערן דאָס גאָלד, וויל דינע פאַריכטן איר דורכפאַל, איר פעלער: זי האָט אָנגערופן די מענטשן, וועלכע ווילן אוועק צו די פאַרטיזאַנער. זי דאַרף אָפּנעמען דאָס צעטל, נאָר דאָס צעטל וועט זי ניט באַקומען. יויסעף האָט אוועק־געלייגט אַפּן צעטל זײַן „וואַלטער" און איצט שוין רויִק, נאָר זאַכלעך געזאָגט:
— באַווײַזן די דאָזיקע מענטשן ווי געשטאָרבענע קאָן איך ניט: אויב זיי וועלן דורכפאַלן, וועט מען מיך צעשיסן. נאָר אויב דו וועסט מיר אומקערן דאָס גאָלד, זאָג איך דיר צו, אַז דאָס צעטל וועל איך פאַרניכטן און פאַרגעסן אין דעם.
— גיב מיר אַפּ דאָס צעטל, און איך וועל דיר ברענגען דײַן גאָלד, — האָט דינע געזאָגט.
— ניין, — האָט דערווידערט יויסעף, — וועסט ברענגען דאָס גאָלד, וועל איך גלײַך, פאַר דיר אין די אויגן, פאַרברענען דאָס פּאַפּירל.

דינע האָט אויסגעצויגן די האַנט... נאָר יויסעף איז געווען אַף דער וואַך און פאַרדעקט דאָס צעטל מיט דער דלאָניע. נאָר דינע האָט אַ כאַפּ געטאָן ניט דאָס פּאַפּירל, זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם „וואַלטער".

— לייג אַוועק דעם פּיסטאָלעט, גוילעם! — האָט יויסעף אויסגעשריגן.

כאַטש אַן אויסוואָרף, נאָר פון די שרעקעוודיקע איז ער ניט געווען. פּאַרט פון די ראַכ־רענקאָס. דערצו איז דער פּיסטאָלעט געשטאַנען אַפן שוק־שלאָס. נאָר ער האָט ניט געוווּסט, אַז דינע ווייסט, וויאַזוי זיך באַגיין מיט געווער. זי האָט דערהערט, ווי הינטער איר האָט זיך געעפנט די טיר, עמעצער איז אַרײַנגעקומען אין צימער; יויסעף האָט איבערן טיש זיך באַמיט אַרויסכאַפּן בא איר דעם פּיסטאָלעט, און זי האָט אויסגעשאָסן יויסעפן אין קאָפּ; זיך אויסגע־קערעוועט: אַף דער שוועל איז געשטאַנען יויסעפס געהילף — כאַנע ברוק, און ווען דינע האָט זיך אויסגעקערעוועט מיטן אופגעהויבענעם פּיסטאָלעט, האָט ער פאַרהאַקט די טיר. דינע האָט אַ כאַפּ געטאָן פונעם טיש דאָס פּאַפּירל מיט די צען פאַמיליעס, עס צונויפגעקנייטשט און אײַנגעשלונגען... זי האָט דערהערט דאָס טאָפּטשען פון שטיוול, די טיר האָט זיך געעפנט, זי האָט אויסגעשאָסן, טײַער, אָרעם קינד, אַף איר שאָס האָט מען געוואָרט, זי האָט אויסגעשאָסן אין דער פוסטקײַט, הינטער דער טיר איז קיינער ניט געווען, און אין איר זעלבסט האָט מען אויסגעשאָסן דורכן פענצטער... און איך וועל ווידער זאָגן: אָרעם קינד, — מע האָט זי ניט דערהאַרגעט, בלויז פאַרוווּנדעט. ווען מע וואָלט זי גלײַך דערהאַרגעט, וואָלט דאָס געווען אַ גרויס גליק פאַר איר, אַ גרויס געווינס!

שטאַלבע האָט זיך אויסגעשפּיגן אַף יויסעפן. נאָר דאַך אַן אָנגעשטעלטע פּערזאָן, דער פּאָרזיצער פון יודנראַט, וועלכן די דײַטשישע מאַכט האָט אַוועקגעשטעלט און וואָס האָט לאָיאַל אויסגעפּילט זײַנע פליכטן. הייסט עס, אַז דאָס איז אַן אַקט פון נעקאָמע, אַן אַקט פון סאַבאָטאַזש און ווידערשטאַנד. ווער זײַנען געווען די באַגײַסטערער, די אָרגאַניזאַטאָרן? דעם מאָרד האָט אויסגעפּילט די טאָכטער פונעם מישלינג יאַקאָוו איוואַנאָווסקי, וואָס איז דורך די באַמיִונגען פונעם קאַפּיטאַן לע־קורטן באַפרײַט געוואָרן פון דער געטאָ. בא אַ גנייווע איז גע־כאַפּט געוואָרן זײַן זון, איצט בא אַ מאָרד — זײַן טאָכטער. דאָס מיידל שווײַגט, ניט געקוקט אַפן העכסטן גראַד פון פאַרהער. איר מוטער ראַכיל, ראַכיל איוואַנאָווסקאַיאַ, טײַנעט, אַז יויסעף ראַכלענקאָ איז צוגעשטאַנען צו דער פּלעמעניצע און, פאַרטיידיקנדיק זיך, האָט זי אַרויסגע־כאַפּט בא אים דעם פּיסטאָלעט און אויסגעשאָסן אין אים. דעם פּיסטאָלעט האָט ער, דער קאָ־מענדאַנט שטאַלבע, ווירקלעך פּערזענלעך אַרויסגעגעבן ראַכלענקאָן, דעם פּאָרזיצער פון יודנ־ראַט. נאָר די דאָזיקע דערקלערונגען האָבן אים אַבסאָליוט ניט באַפרידיקט.

ראַכיל איוואַנאָווסקאַיאַ האָט שטאַלבע אַליין אויסגעפרעגט. ווי עס האָט פאַרזיכערט דער היגער פעלקסדויטשע, דער אינזשעניער פון דעפאָ, איז די פרוי, וואָס שטייט פאַר אים, די גראַוווע ייִדישקע, געווען דער אָביעקט פון דער ראָמאַנטישער ליבע פון דעם אויסוואָרף איוואַ־נאָווסקי, צוליב איר איז ער, קלוימערשט, איבערגעפאָרן פון דער שווייץ קיין רוסלאַנד, איבער איר אַוועק אין געטאָ, איבער איר זיך אָפּגעזאָגט אַוועקגיין פון דער געטאָ.

די דאָזיקע געשיכטע האָט שטאַלבע באַטראַכט, ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. בא די ייִדן איז ניטאָ קיין ליבע, ס'איז פאַראַן בלויז פאַרמערונג, פאַרמערנדיק זיך, ווערן זיי פאַר־היט אַלס ראַסע. מיט די ביבלישע מיפן וועגן ליבע, ווי מיט אַנדערע מײַסעלעך, האָבן זיי יאָרהונדערטער אָפּגעטעמפּט די וואַכזאַמקײַט פון דער מענטשהײַט, פאַרדעקט זייער שטרע־בונג צו באַהערשן די וועלט. אָט די דאָזיקע פרוי האָט צוליבן קאַנפעטן־אַנפּילעכץ געשיקט איר זון צום טויט, זי האָט רויק געקוקט אַף אים, ווען ער איז געהאַנגען אַפן פּלויט, איצט וויל זי ניט אויסלייזן איר טאָכטער פון די פּײַניקונגען און זיך אַנערקענען, ווער ס'האָט איר באַפוילן הארגענען דעם פּאָרזיצער פון יודנראַט. ווי זי האַלט זיך עס, מיט וואָס פאַר אַ סינע זי קוקט עס! זי טראַכט אויס, לײַגט, רעכנט אים פאַר אַן אידיאָט, זיי האַלטן אַלעמען פאַר גוילעמס — גרויסהאַלטערישע גאָרנישטן!

און אָט איז דער פּלאַץ, עס זײַנען אויסגעשטעלט די אײַנוווינער פון דער געטאָ, און אַפן פּלאַץ אַ צייל̈עם. מע פירט אַרויס אַפן פּלאַץ דינען, אַ נאַקעטע, אַ צענעריקטע, פאַרבלוטיקטע, דאָס פּאָנעם איז בלאָוו, מע בינדט זי צו צום צייל̈עם, און שטאַלבע זאָגט דער מוטער:

— אָט איז דײַן טאָכטער, אויב דו וועסט זאָגן, ווער ס'האָט זי געשיקט האַרגענען דעם פּאָרזיצער פון יודנראַט, וועלן מיר זי פּאַשעט אופהענגען. אויב דו וועסט ניט זאָגן, וועלן מיר טאָן אַזוי, אַז זי וועט זיך אַליין אַנערקענען.

און די מאַמע האָט געענטפערט:

— זי האָט ניט אין וואָס זיך צו אַנערקענען. קיינער האָט זי ניט געשיקט, און זי האָט

זיך ניט געקליבן קיינעם צו הארגענען. ער האָט אליין זי געוואָלט הארגענען. זי האָט זיך פאַרטיידיקט.

און דעמלט האָט דער הענקער, לויטן צייכן פון שטאַלבען, אַרײַנגעקלאַפּט דעם ערשטן טשוואָק אין דינעס האַנט. דינע האָט פאַרלוירן דעם באַוווסטזײַן, און שטאַלבע האָט באַפוילן זי אָפּגיסן מיט וואַסער.

מע האָט זי אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, זי איז געקומען צו־זיך, און שטאַלבע האָט געזאָגט:

— ווילסט ריידן?

דינע האָט געשוויגן.

— עפּשער ווילסטו עפּעס אויסזינגען?

דינע האָט געשוויגן.

ער האָט זי אַ זעץ געגעבן מיט דעם כליסט.

— עפּשער ווילסטו פאַרט עפּעס זינגען?

און דינע האָט גענומען זינגען... ניין, ניט זינגען... פון איר ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ כריפּעניש, פון האַלדז האָט גענומען רינען בלוט, מע האָט איר אָפּגעהאַקט די לונגען, זי האָט זיך פאַרכלינעט, ווידער עפּעס אויסגעזונגען, נאָכאַמאָל, אַלץ שטילער און שטילער... איך קאָן אײַך פּינקטלעך ניט זאָגן, וואָס זי האָט זיך געפּרוווט צו זינגען. עפּשער אַ ייִדישע ליד, עפּשער אַן אוקראַיִנישע צי רוסישע, און עפּשער דעם „אינטערנאַציאָנאַל”, דעם הימן פון אונדזער יוגנט, פון אונדזערע האָפענונגען...

זי האָט פאַרגעזעצט צו מורמלען אַזוי, אַז מע האָט גאָרנישט ניט געהערט אַפילו דאָ, אין דער טויטער שטילקײַט. דער הענקער האָט אַרײַנגעקלאַפּט אַ טשוואָק אין דער רעכטער האַנט, דערנאָך אין דער לינקער, און זי האָט אַלץ געמורמלט, ביז זי איז ניט פאַרשטילט געוואָרן, זי איז געהאַנגען אַ געקרייצטע אויפן צײַלעם. אַלע זײַנען געשטאַנען אויף זייערע ערטער, אַלע האָבן געקוקט אויף איר, און מײַן מאַמע האָט געקוקט אויף איר, אויף איר טאָכטער, אַ געקרייצטע אויפן צײַלעם, און די קליינינקע אַליע האָט געקוקט, און דער קליינינקער איגאָר...

איך מיין, אַז דאָס איז געווען יענע מינוט, ווען ייִנגעלעך און מיידעלעך, וועלכע האָבן זיך שוין אויסגעלערנט האַלטן געווער, וואָלטן דאָס אויפגעהויבן אויף נעקאָמע צו נעמען פאַר דינען און, אויב מע דאַרף, אומגעקומען באַנאַנד מיט איר. נאָר זיי האָבן ניט באַקומען קיין באַפעל, און זיי זײַנען שוין געווען שלאַכטלײַט און אָן אַ באַפעל האַנדלען ניט געקאָנט.

די טויטע דינע איז געהאַנגען אויפן צײַלעם דרײַ טעג.

נאָך דעם איז דער פאַרזיצער פון יודנראַט אָנגעמערקט געוואָרן כאָנע ברוק, יויסעפס געוועזענער פאַרטרעטער. כאָנע ברוק האָט אונטערגעשריבן אַלץ, וואָס מײַן מאַמע האָט פון אים געפאָדערט. ער האָט מוירע געהאַט פאַר איר, און עפּשער מיטגעפילט. די צען מענטשן, וועלכע כאָנע האָט אַראָפּגעשריבן אַלס געשטאָרבענע, זײַנען אַוועק אין וואַלד, אַוועקגעגאַנגען זײַנען זיי צו צוויי, צו דרײַ, באַגלייט האָט זיי דער קליינינקער איגאָר, וואָס האָט געוווּסט דעם וועג.

אַזוי איז אומגעקומען אונדזער דינע. ערע איר העלדנמוט און געוואַגטקײַט! זאָלן אויף אייביק פאַרשאָלטן זײַן די הענקערס!

23

צי האָט געוווּסט דער טאַטע וועגן דעם טויט פון סאַשען און דינען?.. די דײַטשן האָבן איזאָלירט די געטאָ, איבערגעריסן אַלע פאַרבינדונגען מיט דער אָרטיקער באַפעלקערונג, און דאָך איז דאָס אַ קליין שטעטל, און וואָס עס טוט זיך אין געטאָ, האָבן מענטשן געוווּסט. נאָר געוווּסט האָט מען אין אַלגעמיין: אַלע טאָג שיסט מען מענטשן, מע הארגעט, מע טייט, נאָר וועמען גופא מע האָט דערהאַרגעט, האָט בא אַזאַ מאַסן־פאַרניכטונג קיין באַדײַטונג שוין ניט געהאַט. און די מענטשן, מיט וועלכע דער טאַטע האָט זיך באַגעגנט אויף דער סטאַנציע, האָבן אַליין ניט געקאָנט וויסן. דערבײַ האָט דער טאַטע געלעבט אָפּגעזונדערט. איידעס וועגן זײַן אָנווועזנהײַט אויף דער סטאַנציע האָב איך שפּעטער, נאָך דעם קריג, געפונען גאַנץ גענוג, פיל מערער, ווי איידעס וועגן לעבן פון מײַן מוטער, נאָר וועגן זײַן לעבן ווייס איך אַ סאַך ווייניקער. „ער האָט געאַרבעט אויפן סקלאַד” — דאָס איז אַלץ, וואָס עס האָבן מיר דערציילט די אײַזנבאַנער. ער האָט געאַרבעט און געוווינט אויפן סקלאַד, אַרויסגעגעבן טיילן און מיט קיינעם אויסער דער אַרבעט זיך ניט באַגעגנט.

און דאָך מיין איך, אַז דער פאָטער האָט געוווּסט וועגן טויט פון זײַנע קינדער. דער פעטער גרישע האָט געוויס ניט אויסבאַהאַלטן פון אים דעם דאָזיקן פאַקט, דאָס איז געווען

ניט לויט זײַן כאַראַקטער. מיטן פּעטער גרישע האָט דער טאַטע געהאַט אַ קאָנטאַקט דורך דעם פאַרבינדלער אַנדריי סטאַשעניאָק, דעם עלטערן זון פון אַפאַנאַסי פּראָקאָפּיעוויטש. אַנדריי, זײַן ווײַב קסאַנאַ, די טאָכטער מאַריַא און דער זון קאָסטיאַ האָבן געוווינט אין אײַזנבאַן־יִישעוו, געאַרבעט אין דעפּאָ און באַזאָרגט סידאָראָווס פּאַרטיזאַנער מיט אינפאָרמאַציע וועגן דעם צושטאַנד אַף דער סטאַנציע, וועגן די עשעלאָנען, וואָס גייען פאַרבײַ, און פיל אַנדערס, וואָס אונדזער קאָמאַנדשאַפט דאַרף נייטיק וויסן, און זיי האָבן באַקומען פון סידאָראָוון פאַרגעבונגען פאַר מײַן טאַטן.

דער פאַרטראַכט האָט זיך געענדערט: אַף אײַנצוקויפן געווער איז ניט געבליבן קיין צײַט, געווער האָט מען געדאַרפט פאַרכאַפּן.

האַלטן געווער אין פאַקהאַוז האָבן די דײַטשן קיין רעכט ניט געהאַט: אַן אײַזנבאַן־סטאַנציע איז אַן אָביעקט פאַר לופט־אָנפאַליען, פונקט ווי מיר, האָבן זיי געדאַרפט אויסלאָדן די וואַגאָנעס ערגעץ־ווו אַף די באַנקנופּן, פאָלוסטאַנקעס. נאָר אָרדענונג איז אָרדענונג, און מילכאָמע איז מילכאָמע, מילכאָמע איז אַן און פאַר זיך אַ גרויסע אומאָרדענונג אינעם מענטשלעכן לעבן. די עשעלאָנען האָט מען אויסגעלאָדן אינעם פראַכט־הויף, די וואַגאָנעס זײַנען געשטאַנען אַף די וועגן, דאָס געווער איז געלעגן אין פאַקהאַוז צו עטלעכע טעג און אויך וואָכנווײַז. נאָר די סטאַנציע האָט באַוואַכט אַ ספּעציעלע טייל, זי איז געווען אַרומגערינגלט מיט הויכטורעמס און קוילנוואַרפערס, אַלע וועגן אַהער זײַנען געווען פאַרמאַכט. אַן אָנפאַל אַף דער סטאַנציע איז אוממעגלעך. מעגלעך האָט זיך אַרויסגעוויזן אַן אַנדער אָפּעראַציע.

אַף דער סטאַנציע זײַנען אָנגעקומען די טיילן פון עפּעס אַן אינפאַנטעריע־דיוויזיע, און די ווירטשאַפט פונעם שעף פון געווער־פאַרזאָרגונג, אַף דײַטש Munitionsgruppenfürer אָדער Munitionsoffizier, פּינקטלעך געדענק איך ניט, מע האָט עס אַלץ באַשטאַט ניט אינעם פראַכט־הויף, נאָר אין איינעם פון די דעפּאָ־סקלאַדן. דעם טאַטנס מעלוכע־פאַרמעגן האָט מען אַרויסגעשלײַדערט, אָפּגעצאַמט און אײַנגעאָרדנט אַ וואַרשטאַט־סקלאַד, מ׳האָט צעפּאַקעוועט די קעסטלעך, איבערגעקוקט דאָס געווער — צי איז עס ניט צעשעדיקט געוואָרן, צי זײַנען ניט אַראָפּגערוקט די מושקעס, די פאַבריק־שמירעכץ האָט מען פאַרביטן אַף געוויינלעכער, מ׳האָט גערייניקט די קאַנאַלן פון די רערן; ניט ווײַט, אין אַ טאָל, האָט מען אַפילע אײַנגעאָרדנט אַ פּאָליגאָן, געפּרוּווט דאָס געווער — מיט איין וואָרט, מ׳האָט עס געגרייט צום שלאַכט, בייס די שלאַכטן איז ניטאָ ווען זיך צו אייסעקן דערמיט.

געהיט האָבן דעם סקלאַד, אָדער די וואַרשטאַטן, רופט זיי ווי איר ווילט, פּאָשעטע סאָלדאַטן פון די טיל־דיוויזיעס, מיט זיי איז גרינגער געווען זיך צונויפשמועסן, ווי מיט די עסעסאָווצעס. די געווער־מײַסטערס, וועלכע האָבן דורכגעקוקט דאָס געווער, האָבן גענומען באַם טאַטן אינסטרומענטן, דאָס, יענץ, זיך ניט געהיט פאַר אים, געהאַלטן אים פאַר אַ פאָלקסדויטש. און דער סקלאַד איז אַרויסגעגאַנגען ניט אַף דער זײַט פון דער שטאָט, נאָר צום אײַזנבאַן־יִישעוו, ווו עס איז ניט געווען ניט קיין קאָמענדאַטור, ניט קיין מיליטער. און צום סקלאַד איז צוגעגאַנגען דער שאָסיי־וועג. מיט איין וואָרט, באַדינגונגען זײַנען געווען. די אָפּעראַציע איז אַ געפערלעכע, אַ געוואַגטע, נאָר, איר פאַרשטייט, געוואַגטקײַט נעמט אײַן די וועלט. און מע דאַרף זיך צעטײַלן: אין אַ באַליביקער מינוט קאָנען די טילן פון דער דיוויזיע, און דערין אויך די סקלאַדן, זיך איבערדיסלאָצירן. און צי וועט זיך מאַכן נאָך אַזאַ צופאַל, ווער ווייסט.

דער שעף פון ד וואַרשטאַטן, די שרײַבערלעך, די קלאַדאָווששיקעס, די געווער־מײַסטערס האָבן געוווינט אין פּריוואַטע קוואַרטירעס. אַף באַנאַכט איז געבליבן נאָר די וואַך — זעקס מענטשן, דער קאַראַול־שעף איז געווען דער זיבעטער, דער קאַראַול האָט זיך געפונען אַפן צווייטן שטאָק, אין די קאַבינעטן. די שאָפערן, וועלכע פלעגן קומען נאָכן געווער, האָבן גענעכטיקט אין יִישעוו, זייערע מאַשינעס זײַנען געשטאַנען לעבן סקלאַד, דאָ האָט זיך געפונען דער אויסערלעכער פּאָסטן פון דער וואַך, דער צווייטער פּאָסטן, דער אינערלעכער — אין קאָרידאָר, לעבן דער טיר פונעם סקלאַד. געביטן האָט זיך דער קאַראַול אַלע פיר שאָ.

איך וועל אײַך זאָגן: פאַרטראַכט איז דאָס געווען אויסגעצייכנט. איר זײַט אַמאָל געווען אין אַ גרויסער לאָקאָמאָטיוו־דעפּאָ? ניין... נאָר פאַרבײַפאָרנדיק האָט איר כאָטש געזען, ווי אַ דעפּאָ זעט אויס? אַ גראַנדיעזע געבײַדע, ווו עס שטייען לאָקאָמאָטיוון, דרײַענדיקע פּלאַטפאָרמעס... אַ דעפּאָ דאָס איז אַ גרויסע אונטערנעמונג, אַף אַ גרויסער טעריטאָריע, מיט אַ פילצאָליקן פּערסאָנאַל. לאָקאָמאָטיוון קומען, גייען אַוועק, עס בײַטן זיך די בריגאַדעס, און ס׳איז גאָרניט אַזוי קאָמפּליצירט דורכצופירן אַהין פינף מענטשן, וואָס זײַנען אָנגעטאָן, ווי רעמאָנטניקעס, דערבײַ נאָך, ווען דער פאַרוואַלטער פונעם סקלאַד איז אַן אייגענער מענטש. זיי זײַנען געקומען אײנציקווײַז, צו צוויי, און הינטער די ספּעצאָווקעס האָבן זיי געהאַט מעסערס, פּיסטאָלעטן, און דער טאַטע האָט זיי באַהאַלטן אין סקלאַד. און נאָך צוויי, אַף אַראָפּ־

צונעמען די אויסערלעכע וואך, האָבן זיך באַהאַלטן בא אַנדריי סטאַשעניאָקן אין שטוב, דאָס הויז איז געווען ניט ווײַט.

איך כאָזער איבער, און איר ווערט אַליין זיך איבערצײַגן, אַז די אָפּעראַציע איז געווען אויסגעצייכנט פאַרטראַכט, דעטאַל אויסגעאַרבעט, און דער ערשטער טייל איז גוט פאַרווירקלעכט געוואָרן: די באַוואָפנטע מענטשן זײַנען דורכגעדרונגען אין דעפּאָ און זײַנען גרייט געווען אָנצופאַלן... נאַרן... ווי איר ווייסט, קאָן מען אַלץ ניט פאָרויסזען, קיינער איז ניט גאַראַנטירט פון א צופאַל...

עס האָבן זיך געיאַוועט צוויי פּאָליציאַנטן, געהייסן דעם טאַטן גיין נאָך אים. וווהין? אין קאָמענדאַטור. צוליב וואָס? דאָרט וועט מען דיר זאָגן. צוליב וואָס האָט דער טאַטע אַליין געוווּסט: מע האָט אים אָפּט אַהין געשלעפּט, פאַר אים איז עס ניט געווען קיין נײַס. נאָר ער האָט ניט דערוואַרט, אַז דאָפּקע הײַנט.

איר שטעלט זיך פאָר די לאַגע? דעם טאַטן פירט מען אַוועק, און ס'איז ניט באַוווּסט, ווען ער וועט זיך אומקערן און צי וועט ער זיך ביכלאַל אומקערן, און אין סקלאַד בלײַבן פאַרשלאָסן גרישע און זײַנע מענטשן, און אויב מע וועט זיי געפינען, וועט מען זיי הארגענען, ביז איינעם.

דער טאַטע פּרוּווט זיך אַרויסדרייען: מע דאַרף אַרויסגעבן רעזערוו־טיילן דער צווייטער וואַכטע, ס'איז אומעגלעך פאַרשליסן דעם סקלאַד, צי קאָן מען ניט איבערטראָגן די יאַווקע אויף מאָרגן; ער רעדט הויך, אַז גרישע זאָל הערן, נאָר די פּאָליצײַען ווילן פון קיין זאַך ניט וויסן — ס'איז באַפוילן צו ברענגען איוואַנאָווסקין אין קאָמענדאַטור, און ריידן איז ניטאָ וואָס!

וואָס קאָן מען מאַכן! דער טאַטע האָט פאַרשלאָסן דעם סקלאַד און איז אַוועקגעגאַנגען, און גרישע מיט זײַנע מענטשן איז געבליבן.

די אומשטענדן האָבן זיך געביטן צום ערגערן, נאָר דאָס מאָל איז דאָך געווען אויף זייער זײַט: אַרום האַלבער נאַכט האָט דער פאָטער זיך אומגעקערט.

די דײַטשיש־פאַשיסטישע סיסטעם פון זעלבסטשוץ איז קאָמפּליצירט: געסטאַפּאָ, עסעס, עסדע, פאַרשיידענע מינים פּאָליציעס און אַרמייִשע אויסשפּירער און קאָנטער־אויסשפּירער. ווען עס זײַנען אָנגעקומען נײַע אַרמייִשע טיילן, האָט די געפאַרלאָזע דינסט אָנגעהויבן אַלץ פון אָנהייב, און פריִער פאַר אַלץ האָט מען אויסגעפאָרשט די פערזאָנען פון געמישטער אָפּשטאַמונג, דערין, הייסט עס, אויך מײַן פאָטער. און עס זײַנען, פאַרשטייט זיך, געווען פּאַסקודניאַקעס, וועלכע האָבן געשריבן מעסירעס, אַז דער טאַטע מײַנער איז ניט קיין פערזאָן פון געמישטער אָפּשטאַמונג, נאָר א ריינבלוטיקער ייִדע, און יעדער מעסירע האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן. אויך עפּעס ענלעכס איז געווען דאָס מאָל. דערבײַ איז אין שטאָט אָראָפּגעקומען עמעצער פון דער הויכער קאָמאַנדשאַפט, און מיט אים א נײַע געסטאַפּאָ אָדער עסדע, דער טײַוול ווייסט זיי, ווער קאָן זיך עס פאַנאַנדערקלײַבן, און דעם טאַטן האָט מען אָפּגעהאַלטן דעם גאַנצן אָוונט, אים פאַרהערט און סאָפּקאָלסאָף אָפּגעלאָזט. נאָר דער טאַטע האָט געפאָדערט, אַז די פּאָליציאַנטן זאָלן אים אָפּפירן צוריק: אין שטאָט איז שוין געווען גילטיק די קאָמענדאַנט־שאָ, און די פּאָליציאַנטן האָבן אים אָפּגעפירט ביז דער סאַמע דעפּאָ, די פּאַטרולן האָבן זיי געזען אין שטאָט און אויך די וואַכלײַט פון דער סטאַנציע, אין דער אָנוועזנהייט פון די פּאָליציי־לײַט האָט דער טאַטע אופגעשלאָסן די טויערן פון סקלאַד, אַרײַנגעגאַנגען און זיך פאַרשלאָסן פון אינווייניק. אַלץ איז אין אָרדענונג: גרישע מיט זײַנע מענטשן זײַנען אויפן אָרט.

צוועלף אַזייגער האָט זיך געביטן די וואַך. דער וואַכמאַן אין קאָרידאָר האָט זיך אויך געביטן. אין דעם דאָזיקן קאָרידאָר איז געווען א טיר פון דעם טאַטנס סקלאַד, דער טאַטע האָט זיך באַנוצט מיט איר אויף דורכצוגיין אין די דינסט־צימערן. ס'איז אויסגערעכנט געווען דערויף, אַז דער וואַכמאַן וועט אַרײַנגיין צו אים, זיי פלעגן אָפט אַרײַנגיין; אין סקלאַד איז געווען היימלעכער, ווי אין פּאָסטן, לאַנגן און טונקעלן קאָרידאָר; די וואַכלײַט האָבן געפלאַפּלט מיטן טאַטן, די טיר אין קאָרידאָר אַרײַן איז געווען אָפן, זיי האָבן געזען זייער פּאָסטן, און ווען דעם פּאָסטן איז אַלצייגס, ווי שטיין אויף אים, און מע קאָן זיך פאַרופן דערויף, אַז מע איז אַרײַנגעגאַנגען פאַררייכערן, דערבײַ קאָנטראָלירט באַנאַכט קיינער ניט די אינערלעכע וואַך, אַלץ איז פאַרשלאָסן, דער קאַראָול־נאַטשאַלניק שלאָפט, ער פירט אַפילו ניט פאַנאַנדער די וואַך, זיי שטייען אַליין אויף, עס וועקן זיי די, וואָס פאַרענדיקן די דעזשורסטווע.

זיך אומגעקערט, האָט דער טאַטע זיך צוגעזעצט צום טיש, אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און זיך גענומען צו דער אַרבעט. דער וואַכמאַן האָט א ביסל זיך אַרומגעדרייט אין קאָרידאָר און איז ווירקלעך אַרײַנגעגאַנגען צו אים, זיך צוגעזעצט אויף א טאַבורעט לעבן טישל און פאַרפירט

מיטן טאטן א געשפרעך, וועגן וואָס ווייס איך ניט, כ'בין דערבײַ ניט געווען, און די, וואָס זײַנען געווען, האָבן ניט פאַרשטאַנען די דײַטשישע שפּראַך.

אין דער דאָזיקער אָפּעראַציע איז מיר שווערער פון אַלץ זיך פאָרשטעלן גופא דעם טאַטן. וואָס קאָן מען מאַכן, איך קען אים אינגאַנצן פאַר אַן אַנדער מענטשן. דעם פעטער גרישע און זײַנע כעוורע שטעל איך זיך גלענצנד פאָר, כ'האָב אַליין אַראָפּגענומען געניג דײַטשישע וואַכלײַט. די גאַנצע אָפּעראַציע איז בא מיר, ווי אַף דער דלאָניע, איך כאַזער איבער: זי איז געווען געניאַל לויט איר פּאָשעטקײַט. נאָר דעם פאָטער אין דער ראָליע פון א דיווערסאַנט, נאָך מער, אין דער ראָליע פון א מענטשן, וואָס דאַרף רויִק שמועסן מיטן וואַכמאַן, קעדיי אָפּוועגדן זײַן אופמערקזאַמקײַט, פאַרשלעפערן זײַן וואַכזאַמקײַט, וויסנדיק, אַז דעם דאָזיקן וואַכמאַן וועט מען כאַפּן, פאַרשטופּן דאָס מויל און דערשטיקן, און ביז דער לעצטער מינוט רויִק אים קוקן אין די אויגן, — דערויף האָט דער טאַטע געדאַרפט ווערן אַן אַנדער מענטש.

געהאַרגעט דעם וואַכמאַן, האָבן זיי איבערגעשניטן די טעלעפאָן־ און סיגנאַל־דראָטן, איינער מיט אַן אויטאָמאַט איז געבליבן פון אונטן לעבן די טרעפּ, און פיר צוזאַמען מיטן טאַטן האָבן זיך אופגעהויבן אין דער הייך. די שיך האָבן זיי אַראָפּגענומען; ווער ס'איז געבליבן אין די שקאַרפּעטקעס, ווער באָרוועס.

די וואָך האָט פאַרנומען פיר צימערן. אין איינעם האָט געוווינט דער קאַראַול־שעף, אין די איבעריקע צו צוויי וואַכלײַט. איין צימער איז געווען פרײַ — די וואַכלײַט זײַנען געווען אַף די פּאָסטנס. פאַרשלאָסן האָט זײַן צימער נאָר דער קאַראַול־שעף.

איר ווייסט מינאַסטאַם: די דײַטשן האָבן ליב געהאַט, באַזונדערס אין דעם ערשטן פּעריִאָד פון קריג, אײַנאָרדענען זיך מיט באַקוועמלעכקײַטן, דעריקער פלעגן זיי זיך אײַנאָרדענען מיט קאָמפאָרט דאָרט, ווו עס זײַנען דערויף געווען באַדינגונגען. דאָ זײַנען באַדינגונגען געווען. ניט קיין ערד־שטיבל, ניט קיין בלינדאַזש, אפילע ניט קיין דאָרפישע כאַטע, נאָר גערעמע, ליכטיקע קאַבינעטן, מיט רעקווירירט מעבל, מיט ברייטע, באַקוועמע בעטן, מיט ריין בעטגעוואַנט, באַנאַנד איז א וואַרעמער סאַרטיר, א דוש, א קיך. אפילע אין די ערד־שטיבלעך און אין די בלינדאַזשן זײַנען זיי געשלאָפן נאָר אין הינטערשטן וועש, און דאָ, אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווײַט פון פראָנט, אין הינטערלאַנד, עמעס, אַף דער פײַנטלעכער טעריטאָריע, נאָר אַף א גרויסער, א גוט באַוואָרנטער סטאַנציע, אין א גרויסן באַפעלקערטן פונקט, ווו עס איז פאַראַן מיליטער, פּאָליציי, האָבן זיי זיך געהיט נאָר פאַר באָמבאַרדירונגען, דערבײַ האָט אין יענער צײַט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, זיך אָפּגעשטעלט אין שטאָט הויכע קאָמאַנדשאַפט, און אין דער אָנוועזנהײַט פון הויכער קאָמאַנדשאַפט פילן זיך די דײַטשן פיל זיכערער, אַזאַ פּסיכאָלאָגיע איז בא זיי: א דײַטשישער סאָלדאַט גלייבט הייליק אין דער אַלמעכטיקײַט פון זײַן קאָמאַנדשאַפט, — יעדנפאַלס, דעמלט, אין איין־און־פערציקסטן יאָר, האָבן זיי אין דעם געגלייבט. סטאַלינגראַד איז נאָך דעמלט ניט געווען, דער מיף וועגן דער מילכאָמע, ווי א שפּאַציר, האָט זיך נאָך ניט צעווייעט.

מיט איין וואָרט, די כעוורע האָבן זיי גענומען שלעפעריקע, געשטאָכן זיי אין די געלערס. יענע האָבן אפילע קיין פּיפּס ניט געטאָן.

ווען מיטן קאַראַול איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט דער טאַטע אָנגעקלאַפּט צום שעף פונעם קאַראַול:

— האַנס, עפן אויף!

יענער האָט, א פאַרשלאָפענער, ניט פאַנאַנדערגעקליבן, ווער עס קלאַפּט צו אים, ער האָט, מינאַסטאַם, א קלער געטאָן, אַז עס קלאַפּט איינער פון זײַנע סאָלדאַטן, ער איז אופגעשטאַנען פונעם געלעגער און געעפנט די טיר, דאָ טאַקע האָט דער פעטער גרישע אים אַרײַנגעשטאָכן א מעסער. דערנאָך, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט, האָבן זיי עטוואָס פאַרבויגן די מאַסקירונגסשטאָרע אַפן פענצטער, און לויט דעם דאָזיקן סיגנאַל, האָבן די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בא אַנדריי סטאַשענאָק, אַראָפּגענומען דעם אויסערלעכן וואַכמאַן, אויך אָן איין שאָס.

אַראָפּגעלאָזט זיך אַפן ערשטן שטאָק, האָט מען געעפנט די טיר פונעם סקלאַד, זי האָט זיך פאַרשלאָסן אַף א געוויינלעכן פאַרוקער, וואָס איז געווען פאַרפלאָמבירט, אופגעעפנט פון אינוויייניק דעם טויער צום פלאַץ. די מאַשינעס זײַנען געשטאַנען האַרט לעבן אַרײַנפאָר, נאָך באַטאָג זײַנען זיי געווען אָנגעפילט מיט ברענשטאָף און גרייטע אין וועג. יעזוסיי קוזניעצאָוו און דער צווייטער שאָפער, א באָכער פון סאָסניצי, האָבן אַלץ צוגעגרייט. מע האָט אָנגעלאָדן אין די מאַשינעס קעסטלעך מיט אויטאָמאַטן, ביקסן, קוילן, גראַנאַטעס; דער טאַטע האָט אָנגעוויזן די פאַרשלאָסענע קאַמער, ווו עס האָט זיך געפונען א קעסטל מיט צינדערס, דעם שלאָס האָט מען אַראָפּגעהאַקט און דעם קאַסטן דעטאָנאַטאָרס אויך אַרופגענומען אַף דער

מאשין, מע האָט אָנגעלאָדן זעקס האַנט־קוילנוואַרפערס MГ-42 און צו זיי א קעסטל מיט קוילן־סטענגעס, פיר מינענוואַרפערס; עטלעכע קאַסטנס מיט פלייש־קאָנסערוון, זיי זײַנען צופעליק געווען אין סקלאַד,— דאָס אַלץ האָט מען אָנגעלאָדן אין די מאַשינעס און פאַרשוווּנדן געוואָרן. ווי מע האָט מיר נאָכדעם דערציילט, האָט די גאַנצע אָפּעראַציע, פונעם מאָמענט, זינט מע האָט געהאַרגעט דעם וואַכמאַן אין קאָרידאָר, און ביז דעם, ווי ביידע מאַשינעס זײַנען אַוועקגעפאָרן, געדויערט ניט מער ווי פופֿצן־צוואַנציק מינוט. איר וועט זאָגן, אַז דאָס איז א פאַנטאַזיע... ניין, דאָס איז געווען א פאַקט.

און אָט זײַנען די מאַשינעס שוין ניטאָ. דער טאַטע איז געבליבן. גרישע האָט אים פאַרגעלייגט אַוועקפאָרן, נאָר דער טאַטע האָט זיך אָפּגעזאָגט, זײַן אַנטלויפן וואָלט באַוויזן, אַז ער האָט א שײַכות צו דעם דאָזיקן אָנפאַל, און דעמלט וואָלט מען געכאַפּט מײַן מאַמען און מע וואָלט זי געפּײַניקט, געמוטשעט, אויסגעלאָזט דעם כּעס צו איר און ניט נאָר צו איר, נאָר אויך צו אַליען, צו איגאָרן, צו אַלע קרויווים, צו דער גאַנצער געטאָ. דאָס האָט דער טאַטע נעמען אַף זיך ניט געוואָלט. און גרישע האָט, מיסטאַמע, אים פאַרשטאַנען און ניט באַשטאַנען דערויף, כאָטש דער ערשטער כשד האָט געדאַרפט פאַלן טאַקע אַפן טאַטן: ער איז נעענטער פון אַלעמען געווען צום אָרט פון די געשעענישן, נאָר קיין דירעקטע באַווײַזן זײַנען ניט געווען, אַלץ איז געמאַכט געוואָרן ריין און אַקוראַט. יענע נאַכט האָבן אונטן, אין דעפּאָ, געאַרבעט דזשורנע בריגאַדעס פון רעמאָנטניקעס, נאָר זיי האָבן אויך גאָרנישט ניט געוווּסט און ניט געהערט. איך כאָזער איבער: אַלץ איז געמאַכט געוואָרן זייער גוט, איך זאָג דאָס ווי אַן אויספּירער; דעם קערפּער פונעם אויסערלעכן וואַכמאַן האָט מען באַהאַלטן הינטער דער וואַנט אַזוי, אַז עס זאָל אים ניט באַמערקן דער פאַרבײַגייענדיקער פּאַטרול, און דעם קערפּער פונעם אינערלעכן וואַכמאַן האָט מען אַוועקגעלייגט ניט אין קאָרידאָר, נאָר אין סקלאַד גופא. די דײַטשן האָבן זיך געכאַפּט ערשט אינדערפרי, קאָן זײַן, אַזייגער פינף אָדער זעקס.

און באַלד ווי מע האָט זיך געכאַפּט, איז די גאַנצע סטאַנציע, אַלע מיליטערישע און פּאָליצייִשע טיילן פון שטאָט אויפגעהויבן געוואָרן לויט אַן אַלאַרעם: עס זײַנען געהאַרגעט זיבן סאָלדאַטן, אַוועקגעטריבן געוואָרן צוויי מאַשינעס מיט געווער. איר שטעלט זיך פאָר, וואָס עס האָט זיך געטאָן?!

מע האָט געגעבן צו וויסן אין שטאַב פון דער דיוויזיע, פון דאָרט איז אַראָפּגעקומען א ראָטע סאָלדאַטן, מע האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגן די דיווערסאַנטן, און אין אָוונט האָט מען אין וואַלד, א קילאָמעטער פערציק פון דער סטאַנציע, געפונען די פאַרברענטע מאַשינעס, די הינט האָבן זיך געריסן אין וואַלד אַרײַן, נאָר פאַרטיפן זיך אין וואַלד האָבן די סאָלדאַטן מורא געהאַט און זיך אומגעקערט מיט גאָרניט.

אינדערפרי, גלײַך ווי די דײַטשן האָבן זיך דערוווּסט וועגן אָנפאַלי, האָט מען אַרומגערינגלט די סטאַנציע, אַרומגערינגלט די דעפּאָ און פאַרהאַלטן אַלעמען, ווער עס האָט באַנאַכט געאַרבעט, און דערנאָך ביכלאַל אַרעסטירט אַלע דעפּאָווסקע; מע האָט געמאַכט אונטערזוכונגען אין די הײַזער פונעם אײַזנבאַן־יישעוו, פאַרהאַלטן אַלע, אַף וועמען ס׳איז נאָר געפאַלן א כשד, זיי פאַרייניקט צו די אַרעסטירטע — א מאַן הונדערט האָט מען א כאַפּ געגעבן און עפּשער מער: מ׳האָט געפּרוּווט געפונען יענע, ווער עס האָט געהאָלפן אין דעם אָנפאַלי, זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז אָן הילף פון די דעפּאָווסקע איז אַזאַ אָנפאַלי ניט מעגלעך געווען, און געהאָלפן האָט, פאַרשטייט זיך, ניט איינער, געהאָלפן האָבן א סאַך, געהאָלפן האָט אַן אָרגאַניזאַציע; מע האָט געשלעפּט מענטשן אַף די פאַרהערן, געפּײַניקט זיי, געפאָדערט אויסגעבן די אָנטיילנעמער און מיטהעלפער.

מײַן טאַטן האָט מען אויך צוגענומען, נאָר ער האָט דערוויזן זײַן אַליבי; אָט זײַנען די געסטאַפּאָווצעס, וועלכע האָבן אים יענעם אָוונט פאַרהערט, אים געהאַלטן ביז צוועלף אַזייגער, אָט זײַנען די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אים געבראַכט, דערנאָך אָפּגעפירט און געזען, ווי ער איז אַוועק זיך לייגן שלאָפן אין זײַן קעמערל, פאַר זיי אין די אויגן האָט ער געעפנט און פאַרמאַכט דעם סקלאַד. און דער טאַטע האָט, אַלס פּערזאָן פון געמישטער אָפּשטאַמונג, זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער פּאָליציי. אָט האָט איר א פּאַראַדאָקס: דער טאַטע איז געווען דער ערשטער, וועמען זיי האָבן אַרויסגעלאָזט, אַלס אַזאַ, וואָס האָט ניט קיין שײַכות צום אָנפאַלי.

נאָר ס׳איז געווען נאָך אַן אַנדער פּאַראַדאָקס: אַף דער געטאָ איז ניט געפאַלן אַפילו קיין שאָטן פון כשד. די דײַטשן האָבן געוווּסט, אַז אין די דאָזיקע ערטער רעגירט סידאָראָוו, נאָר מיט דער געטאָ האָבן זיי אים ניט פאַרבונדן. די געטאָ איז אין שטאָט, אַף דער אַנדערער זײַט פונעם אײַזנבאַן־וועג, ווײַט פון דער דעפּאָ, אין דעפּאָ אַרבעטן ניט קיין ייִדן, נאָר דעריקער האָבן די דײַטשן ניט געקאָנט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז זיי, די ייִדן, זײַנען פייִק אַף עטוואָס

ענלעכס דערוף. און א סאַך פּאַליציאַנטן זײַנען איבערגעוואָרפן געוואָרן אַף היטן די סטאַנציע און דעם אײַזנבאַן־יישעוו, ווי „אַן אַנגעשטעקטער מיט פּאַרטיזאַנער”. אין רעזולטאַט דערפון איז די באַוואַכונג פון דער געטאָ אָפּגעשוואַכט געוואָרן, די געטאָ האָט אויסגעשפּילט זאָל זײַן א קורצע, נאָר ווערטפולע צײַט, ווײַל די אַקציע איז געהאַנגען איבערן קאָפּ. עס זײַנען אָנגעקומען עלעקטרישע זעגן, עס זײַנען אָנגעקומען דײַטשישע אַרבעטער־קאָמאַנדעס אַף גרייטן וואַלד, די געטאָ איז געווען ערעוו דער פאַרניכטונג, עס האָט זיך אָנגערוקט די גורלדיקע שאָ.

די דײַטשן האָבן געפונען די פאַרברענטע מאַשינעס אין וואַלד, פּערציק קילאָמעטער פון דער סטאַנציע. נאָר געוועזן. פאַר דער געטאָ איז אויסגעלאָדן געוואָרן קימאַט לעבן דער סטאַנציע, א קילאָמעטער צוויי־דרײַ, ניט מער. אין א באַשטימט אָרט האָט ווענין ראַכלענקאָ מיט זײַנע כאַוויירים געוואַרט. דער פּעטער גרישע האָט זיי אָפּגעגעבן דרײַסיק אויטאָמאַטן מיט פּאַטראָנעס, צען פּיסטאָלעטן, א קעסטל גראַנאַטעס מיט דעטאָנאַטאָרס.

די עסעסאָוצעס האָבן געווילדעוועט אַף דער סטאַנציע, זיך געפּלײַסט אַנטפּלעקן די מיטהעלפער פון דעם אָנפלי. ספּעציעל געקומענע הענקערס, מײַסטערס פון זייער זאַך, האָבן געפּײַניקט די פאַרהערטע: געשלאָגן ביז צו טויט, געפּײַניקט מיט עלעקטרישן טאָק, געברענט מיט א שוויס־לאָמפּ, אויסגעשטאָכן מיט נאָדלען די אויגן, אַרײַנגערוקט די קעפּ אין קאַלטער וואַסער, ביז דער קאָרבן האָט געהאַלטן באַם דערשטיקט ווערן, געלאָזט זיך אָפּעטעמען — און ווידער מיטן קאָפּ אין דער פאַס; מ'האָט אויפגעהאַנגען פּופּציק קילאָגראַם געוויכט אַף יעדער פוס, אויסגעדרייט און צעבראָכן די הענט מיט די פיס, אופגעהאַנגען פרויען פאַר די האָר, מאַנצבלען פאַר די פיס מיטן קאָפּ אַראָפּ אָדער פאַר די הענט, פאַרבונדענע אַף דער פּלייצע, אַרויסגעריסן מיט צוואַנגלעך די נעגל... פאַרשטייט זיך, אַז ניט אַלע האָבן געקאָנט אויסשטיין די דאָזיקע פּײַניקונגען, ס'האָט געטראָפן, אַז מע האָט אָנגערעדט אַף אַנדערע, אָנגערעדט אַף זיך, און מע קאָן קיינעם ניט באַשולדיקן, באַשולדיקן דאַרף מען די הענקערס; נאָר די הענקערס זײַנען געניטע, זיי האָבן געקאָנט אָפּטיילן דעם עמעס פון דעם אויסגעטראַכטן, זיי דאַרפן ניט קיין פאַלשע אָנערקענונגען, זיי דאַרפן געפונען די עמעסע אָנטיילנעמער פון דעם אָנפלי; דאָס אָנריידן אַף יענעם און אַף זיך אַליין האָט בלויז פאַרפּלאָנטערט, פאַרשאָטנט דעם איניען, און די אומגליקלעכע מענטשן, וואָס האָבן אָנגערעדט אַף זיך און אַף אַנדערע, האָט מען געפּײַניקט נאָך מער, קעדיי פּאָטער ווערן פון זיי.

און דאָך איז דער געסטאַפּאָ געלונגען עפּעס אָנטאַפּן. בײַס די פאַרהערן און פּײַניקונגען האָט עמעצער אָנגערופן אַנדריי סטאַשענאָקס נאָמען. וויאַזוי און פאַרוואָס זײַן נאָמען איז אָנגערופן געוואָרן, ווייס איך ניט, נאָר מע האָט אים אָנגערופן. באַלד זײַנען אַרעסטירט געוואָרן אַנדריי, קסאַנאַ, זייערע קינדער ווערא און קאָסטיע; פאַרשטייט זיך, פּײַניקונגען, קלעפּ, נאָר זיי האַלטן זיך פעסט; מיר ווייסן גאָרניט, מיר האָבן גאָרניט געזען, אין יענער וואַכטע אין דעפּאָ ניט געאַרבעט, זיי אַרבעטן ביכלאַל ניט באַנאַכט, נאָר באַטאָג.

קיין שום באַווײַזן, נאָר א כשאַד, דעם אַלטן סטאַשענאָק האָט מען אויך כוישעד געווען, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער געטאָ, די פּאַליציאַנטן האָבן שוין געהאַט צו אים אַרײַנגעקוקט, כאָטש געפונען האָט מען גאָרניט. נאָר אויב מע איז דיך כוישעד, הייסט דאָס, אַז דו ביסט סײַוויסײַ שולדיק, זיי האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען מענטשן, וועלכע מע האָט קלאָל אין גאָרנישט ניט כוישעד געווען. זיי האָבן באַשלאָסן אום יעדן פּרײַז אָפּזוכן די, וואָס האָבן געהאָלפן דעם אָנפלי, דאָס האָט מען זיך געקאָנט דערשלאָגן נאָר דורך שרעק, מ'האָט אַרעסטירט אַלע סטאַשענאָקס און געמאָלדן, אַז אויב די אײַנוווינער פונעם יישעוו וועלן ניט אויסגעבן די איבעריקע מיטהעלפער פון דעם אָנפלי, וועלן אַלע אַרעסטירטע, באַ א הונדערט מענטשן, צעשאָסן ווערן. און אויב נאָך דעם וועט מען ניט אויסגעבן, וועט דער יישעוו אַוועק מיטן פײַער, און די אײַנוווינער וועלן פאַרניכטעט ווערן — זאָלן די פּאַרטיזאַנער געדענקען, וואָס עס קאָסטן זייערע אָנפלי׳ען, און די אײַנוווינער זאָלן ווײסן, מיט וואָס עס ווערט באַצאָלט זייער הילף די פּאַרטיזאַנער.

איצט שטעלט זיך פאַר דעם צושטאַנד פון מײַן טאַטן, נעמט אין אַכט זײַן כאַראַקטער, אַנדערש וועט איר ניט פאַרשטיין זײַן טאַט. ער האָט געוווּסט, וויאַזוי מע פּײַניקט די מענטשן, געוווּסט וועגן דעם, אַז די סטאַשענאָקס זײַנען אַרעסטירט, געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט הונדערטער אומשולדיקע. פאַרשטייט זיך, אַז צעשיסן אַרעוווניקעס, אויסראָטן ציווילע באַפעלקערונג, פאַרניכטן שטעט און דערפער — איז געזעצלאָזיקייט, באַרבאַריזם. נאָר אויב מע זאָל זיך אָפּזאָגן פון ווידערשטאַנד, הייסט עס, אַז דער סוינע האָט דערגרייכט זײַן ציל און האָט געזיגט. דער טאַטע האָט עס פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען נאָך א צווייטע זאַך: פון אים הענגט אָפּ דאָס לעבן פון הונדערט מענטשן. קעדיי זיי ראַטעווען, אויסלייזן פון די פּײַניקונגען און טויט, דאַרף מען נאָר איין זאַך — אָנרופן דעם מענטשן, וואָס האָט געהאָלפן

די פארטיזאנער. דער דאָזיקער מענטש דאָס איז ער, און נאָר ער. אויב ער וועט זיך אנערקענען, וועט מען אים הארגענען, נאָר ער וועט שטארבן מיט א ריינעם געוויסן; מע וועט הארגענען זײַן ווב, די אייניקלעך, נאָר יענע הונדערט האָבן אויך ווײַבער, קינדער.

אזוי האָט דער טאטע, שטעל איך זיך פאָר, געטראכט. דער טאטע האָט זיך געיאָוועט אין קאָמענדאטור און געמאָלדן, אז דאָס האָט ער ארײַנגעפירט די פארטיזאנער אין דעפאָ, באהאלטן אין סקלאד, געהאָלפן אומברענגען די וואך און פארכאפּן דאָס געווער.

פון אָנפאנג האָט מען אים ניט געגלייבט: זײַן אליבי איז אומבאשטרײַט, נאָר עפשער נעמט ער די שולד אף זיך, קעדיי ארויסהעלפן די עמעסע שולדיקע? אויב ס׳איז אזוי, האָט ער זיך געיאָוועט אהער לויטן באפעל פון דער דיווערסיע־גרופּע, ניט קעדיי ראטעווען די אָרעוניקעס, נאָר קעדיי ראטעווען די דיווערסאנטן. הייסט עס, אז דו קענסט זיי און דו דארפסט זיי אָנרופן!

וואָס זיי האָבן עס געטאָן מיטן טאטן! גאָט מײַנער, וואָס זיי האָבן עס געטאָן מיט אים, א צוגעבונדענעם צום טיש, אין דער קאמערע פון גרוילטאטן! דרײַ טעג, דרײַ מעסלעס, אומופהערלעכע לײדן, ווי די געשיכטע פון דער מענטשהײַט. דער טאטע האָט קיינעם ניט אָנגערופן, ניט אויסגעגעבן, קיינעם ניט בארעדט. עס זײַנען געקומען מענטשן, איבערגעטאָנענע אין ארבעטער־קליידער, און געפאָדערט, ער זאָל זיי באהאלטן אין סקלאד, ער האָט זיי באהאלטן, דערנאָך, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער קאָמענדאטור, זיי געעפנט די טיר אין קאָרידאָר ארײַן, זיי האָבן געהארגעט דעם וואכמאן, פארניכטעט דעם קאראול און אוועקגעפירט דאָס געווער. קיינער, אויסער אים, האָט עס ניט געוווּסט, ניט געזען.

מ׳האָט אים געבראכט צו פירן אין דעפאָ א צענעריקטן, א פארבלוטיקטן, ער האָט באוויזן, וויאזוי דאָס אלץ איז געווען: ווו מע האָט איבערגעשניטן די טעלעפאָן־ און סיגנאל־דראָטן, פונוואנען ס׳איז גענומען געוואָרן דאָס געווער, און וואָס אן ערעך מע האָט גענומען, דערין די קעסטלעך מיט קאָנסערוון. אלץ איז זיך צונויפגעפאלן מיט דעם, וואָס מע האָט צוגענומען.

דאָס האָט איבערצײַגט די געסטאפּאָווצעס. יאָ, ער האָט געהאָלפן אין דעם אָנפלי, נאָר ער איז דאָך ניט געווען דער איינציקער! ווער זשע זײַנען די איבעריקע?

און ווידער דרײַ שרעקלעכע טעג, דרײַ שרעקלעכע נעכט, אזעלכע, מיין איך, האָט ווייניק ווער אין דער וועלט איבערגעטראָגן.

אפן זיבעטן טאָג איז פון די קאָמענדאטור־טויערן ארויסגעגאנגען א פראָצעסיע. פון פאָרנט די געסטאפּאָ־אָנפירערשאפט, נאָך זיי די עסעסאָווצעס מיט אווטאָמאטן, און אף א וואָגן א קלאָץ, א טייל פון נאָך א לעבעדיקן מענטשן — ער איז נאָך געווען לעבעדיק, מײַן פאָטער, ער האָט נאָך געאָטעמט. מע האָט אים צוגעשלעפּט צו דער טליִע, שטיין אף די צעבראָכענע און פארברענטע פיס האָט ער ניט געקאָנט. און מע האָט אים אופגעהאנגען, ניט אין געטאָ, נאָר אפן פלאץ לעבן דער געטאָ, אז אלע זאָלן זען, און אף זײַן ברוסט האָט מען אופגעהאנגען א שילדל: „א פארטיזאנער".

אזוי איז אומגעקומען מײַן פאָטער יאנקעוו איוואנאָווסקי, אין דער עלטער פון צוויי און פופציק יאָר, א געבוירענער פון באזעל, וואָס אין דער שווייץ.

צום באדויערן, האָט זײַן אנערקענונג, זײַן טויט קיינעם ניט געהאָלפן.

אפן מארק־פלאץ ווערט אופגעשטעלט נאָך איין טליִע, שוין מיט צען ארופהענגענדיקע שלייפן. מע טרײַבט צונויף די אײַנוווינער פון שטאָט און פונעם אײַזנבאן־יִישעוו און מע פירט ארויס אפן פלאץ אלע סטאשענאָקס: אפאנאסי פראָקאָפּיעוויטשן, זײַן ווײַב, דעם זון אנדריי, די שנור קסאנא און אירינא, דעם אייניק קאָסטיא, די אייניקלעך — מאריִא, ווערא, נינא און טאניא: אפאנאסי פראָקאָפּיעוויטש איז אלט צוויי און זיבעציק יאָר, טאניען — צען, אלע מיט פארבונדענע הענט אף דער פלייצע, און בא אלע אף דער ברוסט א שילדל מיט אן אופשריפט: „זיי האָבן געהאָלפן די פארטיזאנער", — און מע שטעלט זיי ארויף אונטער דער טליִע.

איר ווייסט, וואָס עס האָבן געטאָן אונדזערע סאדיסטן־פאָליצײַען? זיי האָבן אויסגעשטעלט די סטאשענאָקס אונטער דער טליִע אין אזא אָרדענונג, ווי זיי פלעגן שטיין אף דער בינע פונעם קלוב פראָמקאָאָפּעראציע, ווען זיי האָבן געזונגען זייערע ווײַסרוסישע לידער: פון אָנפאנג אפאנאסי פראָקאָפּיעוויטש, נאָך אים זײַן ווײַב, דערנאָך אנדריי, קסאנא, אירינא און ווײַטער די קינדער, אלע ווײַסקעפּיקע, באָרוועסע, אין ווײַסע העמדער... און די טאבורעטקעס פון אונטער זייערע פיס האָט מען ארויסגעקלאפּט לויט דער ריי, מיט פאוזעס, ביז מע האָט ניט ארויסגעקלאפּט פון אונטער די פיס דעם לעצטן טאבורעט פון דער צעניאָריקער טאניע.

ערע זייער אָנדענק! אייביקער רום די געוואגטע זין און טעכטער פונעם ווײַסרוסישן פאָלק!

24

די מאַמע האָט געזען דעם קערפּער פונעם געהאַנגענעם פאָטער. ער איז געהאַנגען דריַי טעג — די פאַשיסטישע נאָרמע, דער פאַשיסטישער סטאַנדאַרט. אין דעם פּראַט האָט מיטן טאַטן פּאַסירט פונקט אַזוי ווי מיט די אַנדערע, וואָס זײַנען אופגעהאַנגען געוואָרן עפנטלעך. נאָר די דריַי טעג זײַנען געווען די לעצטע טעג פון דער געטאָ.

די דײַטשן זײַנען גרויסע מײַסטערס פון קאָמפּליאַזש. אויף די טויערן פון אָשוועונטשים איז געהאַנגען אַן אופשריפט: «Arbeit macht frei» – „אַרבעט מאַכט פריַי". די אַרבעט איז געווען איינע — דערשטיקט ווערן אין די גאַז־קאַמערעס, די פריַיהייט אויך איינע — באַפריַיען זיך פון דעם שווידערלעכן לעבן. אָבער סענטיאַבער פונעם צוויי־און־פערציקסטן איז שוין ניט סענטיאַבער פונעם איין־און־פערציקסטן — איצט האָבן די מענטשן געוווּסט די עמעסע ווערט פון די דאָזיקע ווערטער.

דערבײַ איז אין אַ קליינער שטאָט אַלץ זייער נאָענט. אָט איז די געטאָ, און באַנאַנד די „אַרישע" גאַס; אָט ווײַנען אָנשטענדיקע מענטשן, און באַנאַנד פּאָליציַיען, און וואָס עס ווייסט די פּאָליצייקע, ווייסט אָפט דאָס וויַיב פון אַן אָנשטענדיקן מענטשן. און אין פיל הײַזער שטייען איַין אָפּיצערן פון דער „ווירטשאַפטקאָמאַנדע" — אַן אַנשטאַלט אויף צו עקספּלואַטירן די ווירט־שאַפט פון ראַיאָן — און פאַשעטע סאָלדאַטן, און עס מאַכט זיך, אַז צופעליק, און אַמאָל ניט צופעליק, ווערט אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט, וואָס גיט אַ מעגלעכקײַט וועגן אַ סאַך זיך אָנשטויסן. און דער יודנראַט איז פאַרבונדן מיט דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, און דאָרט, שטעלט זיך פאָר, טרעפן זיך אויך אָרנטלעכע מענטשן. און באַ די, וואָס אַרבעטן אויף די אונטערנעמונגען, נעמט מען אַלץ אָפּטער און אָפּטער אָפּ די אַרבעטער־קאַרטלעך, דאָס באַטײַט, מאָרגן גיי אין וואַלד, אויב דו טויגסט דערצו, און אויב דו טויגסט ניט, וואַרט, ווען מע וועט דיך אַוועקשיקן אויף דער לאָנקע, אין דער גרוב. ווי די פייגל פילן דאָס אָנקומען פון אַ שטורעם, ווי כּײַעס דער־שפּירן די ערשטע אונטערערד־שטויסן, אַזוי האָבן די מענטשן פאַרשטאַנען, אַז עס שלאָגט זייער שאָ, עס גרייט זיך די לעצטע, אַנטשיידענע אַקציע.

דעם דריַיצנטן סענטיאַבער האָט מען צוואַנציק פרויען אַוועקגעשיקט אין דער געוועזענער פ.ז.ו. אופראַמען די געבײַדע — מע האָט געוואַשן, געשאָבן, געריייניקט, געבראַכט אין אָר־דענונג די סאַרטירן, מע האָט איבערגעטאַסקעט פונעם סקלאַד די בעטן, דאָס בעטגעוואַנט, בענקלעך, טישן, מע האָט אופגעהאַנגען וואַש־בעקנס. עס האָט זיך געגרייט אַ קאַזאַרמע. פאַר וועמען? און באַהאַוונטע מענטשן האָבן אונטערגעזאָגט: פאַר אַ „זאָנדערקאָמאַנדע A" פון טשער־ניגאָוו. אַ „זאָנדערקאָמאַנדע" האָט באַטײַט פאַרניכטונג פון דער געטאָ.

מײַן מאַמע האָט באַלד וועגן דעם געגעבן צו וויסן דעם פאָטער גרישע... נאָר וויאַזוי?

נאָכן אָנפאַלי אויף דער סטאַנציע האָט דער רעזשים זיך ווידער פאַרערגערט, די דײַטשן האָבן פאַרשטאַרקט די וואַך, פּאַטרולן, קאָרדאָנען, זיי האָבן איבערגעשניטן די וועגן, געכאַפּט אַלעמען; דער פאָטער גרישע האָט זיך געהיט באַוויַיזן אין געטאָ, ער האָט ניט געשיקט זײַנע מענטשן, די פאַרבינדונג איז אויף אַ באַשטימטער צײַט צעשטערט געוואָרן. נאָר וועגן דער פאַרשטייענדיקער אַקציע מוז מען אומבאַדינגט איבערגעבן. און ס'איז געשטעלט געוואָרן די פּראַגע: וועמען שיקן? אפילו ניט אין וואַלד, צום וואַלד זיך דערקלײַבן אין אַזעלכע אומ־שטענדן איז אוממעגלעך, נאָר כאָטש אין נאָענטסטן דאָרף, דאָרט איז געווען סידאָראָווס אַ מענטש, די מאַמע האָט אים, וויַיזט אויס, געקענט. נאָר ביז דעם נאָענטסטן דאָרף איז אויך אוממעגלעך זיך דערקלײַבן, אַלע וועגן, אַלע שטעגן זײַנען בלאָקירט. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געקאָנט דערקלײַבן, איז געווען דער קלייניניקער איגאָר. ביז איצט זײַנען אַלע זײַנע רעידן דורכגעגאַנגען בעשאָלעם; נאָר איך כאַזער איבער: די באַדינגונגען האָבן זיך געענ־דערט, מע האָט געכאַפּט יעדערן, וואָס האָט זיך געפונען ניט אין זײַן באַפעלקערטן פּונקט, זאָל דאָס זײַן אפילו אַ קינד.

די מאַמע האָט פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַ געפאַר זי שטעלט איגאָרן, פון אַלע באַשלוסן, וואָס זי האָט געהאַט אָנגענומען, איז דער דאָזיקער באַשלוס געווען דער סאַמע שרעקלעכסטער. נאָר קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

באַנאַכט האָט די מאַמע אַוועקגעשיקט איגאָרן. ער האָט זיך דערקליבן ביזן דאָרף און איבערגעגעבן וועמען מע דאַרף דאָס, וואָס די באָבע האָט אים אָנגעזאָגט. נאָר אויפן וועג צוריק, שוין קימאַט אין שטאָט, האָט דער פּאַטרול פאַרהאַלטן איגאָרן.

— דו וויסט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער, — האָבן געזאָגט די פּאָליציאַנטן.
— איך ווייס ניט קיין שום פּאַרטיזאַנער, — האָט איגאָר געענטפערט.
— וווּהין ביסטו געגאַנגען?
— אין דאָרף אַרײַן.
— נאָך וואָס?
— בעטן עפּעס עסן.
— מע האָט דיר געגעבן?
— געגעבן.
— ווער האָט דיר געגעבן?
— איינע אַ מומעשי.
— קום, ווײַז אונדז דאָס דאָזיקע דאָרף, ווײַז אונדז די מומעשי.
— כ׳וועל ניט גיין. זי האָט מיר געגעבן ברויט, און איר וועט זי דערפאַר הארגענען.
— מירן ניט הארגענען, דו ווײַז זי נאָר, דעמלט וועלן מיר דיר גלייבן, אַז דו ביסט ניט געגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער.
— ניין, כ׳וועל ניט ווײַזן, איר וועט זי הארגענען.
מ׳האָט אים געמײַמעסט מיט נאָהײַקעס און מיט רימענס, און ער, איר פאַרשטייט, האָט זיך אײַנגעשפּאַרט, און פּאַרטיק: איך וועל ניט ווײַזן, און אַלץ, זי האָט מיר געגעבן ברויט, און איר וועט זי הארגענען.
אַכט יאָר איז דעם ייִנגל, און אָט האָט איר אײַך, צוגעטראַכט און כאַזערט אַלץ איבער: „זי האָט מיר געגעבן ברויט, און איר וועט זי הארגענען"...
און ווידער דער פּלאַץ, ווידער אויסגעמאַטערטע באַשעפעניש, וואָס דערמאָנען אין מענטשן, ווידער מײַן מאַמע, שוין נאָר מיט אַליין. אין דער מיט פונעם פּלאַץ שטייט איגאָר אַף די קני, מיט פאַרבונדענע הענט אַף דער פּלייצע. און הינטער אים אַן עסעסאָווע מיט אַ האַק. ווו זיי האָבן זי אויסגעזוכט, הייב איך ניט אָן צו וויסן. אַן אַלטערטימלעכע האַק, אַף כויזעק. דאָס קלינגל איז ענלעך אַף אַ האַלבער לעוואָנע. איך ווייס, אַז זי האָט געדינט די עסעסאָוצעס אַף צו פאַרוויַילן זיך. אינעם הויף פון דער קאָמענדאַטור האָבן זיי זיך פאַרווײַלט מיט איר אַזוי: זיי האָבן אוועקגעשטעלט אַ קינד אַף די קני מיט פאַרבונדענע הענט אַף דער פּלייצע, געהייסן דעם אָנבייגן דעם קאָפּ און אַ זעץ געטאָן מיט דער סעקירע. דעם געוועט האָט אויסגעווינען יענער, ווער עס האָט מיט איין זעץ צעהאַקט דאָס קינד פּונקט אַף דער העלפט. אַזוי האָבן זיי זיך פאַרווײַלט אין הויף פון דער קאָמענדאַטור, איצט האָבן זיי אײַנגעאָרדנט זייער שפּאַס פאַר אַלעמען.
שטאַלבע האָט געזאָגט מײַן מאַמען:
— דײַן אייניק גייט צו די פּאַרטיזאַנער. איב ער וועט אָנווײַזן דעם וועג, וועט ער לעבן, איב ער וועט ניט ווײַזן, וועט ער שטאַרבן.
— ער וויסט ניט דעם וועג צו די פּאַרטיזאַנער, — האָט געענטפערט די מאַמע.
און דעמלט האָט איגאָר אויסגעשריגן:
— באָבעניו, איך האָב מוירע!
און די מאַמע האָט געענטפערט:
— שרעק זיך ניט, איגאָריאָק, זיי וועלן דיר גאָרנישט ניט טאָן, בייג אָן דעם קאָפּ און פאַרמאַך די אויגן.
איגאָר האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ און פאַרזשמורעט זיך, דער הענקער האָט אופגעהויבן די האַק און האָט איבערגעהאַקט איגאָרן פּונקט אַף דער העלפט, אַ מײַסטער געווען. עס האָט אַ זעץ געטאָן בלוט, נאָר דער הענקער האָט געטראָגן אַ לעדערנעם פאַרטעך, און ער האָט זיך ניט אײַנגעשמירט.
און שטאַלבע, דער געוועזענער שול־לערער, האָט געמאָלדן:
— אַזוי וועט זײַן מיט יעדן קינד, וואָס וועט געפונען ווערן אויסער דער געטאָ. פאַר־געדענקט!
דערנאָך האָט ער געזאָגט מײַן מאַמען:
— קלײַב צונויף דײַן אייניק, קיינער וועט עס פאַר דיר ניט טאָן.
די מאַמע האָט אַראָפּגענומען פון זיך די שמאַטעס, פאַרוויקלט אין זיי דאָס, וואָס איז פאַרבליבן פון איגאָרן, אוועקגעטראָגן אהיים, און דעם זעלבן טאָג האָט די באַגראַב־בריגאַדע אים מעקאַבער געווען אַפּן בעסוילעם.
און פאַר סידאָראָוון און פאַר דעם פעטער גרישע האָט זיך געשטעלט די פראַגע: וואָס טוט מען?

זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַן ערנסטע פּראָגע, אַן ערנסטע פּראָבלעם — הייסט גאָרישט ניט זאָגן. דאָס איז געווען אַן אומדערלייזבאַרע פּראָגע, אַן אומדערלייזבאַרע פּראָבלעם.

אַן אופשטאַנד? נאָר אין דער גאַנצער געטאָ זײַנען פאַראַן צוויי־דרײַ צענדליק מענטשן, וואָס קאָנען ווי־עס־איז האַלטן געווער, אַ געזעמל פון כעוורע קעגן רעגולערן מיליטער. און וווּ וועלן זיי זיך פאַרטיידיקן? אַף צוויי גאַסן? אין הילצערנע שטיבער? ס׳איז גענוג אונטערצינדן איין הויז, אַז עס זאָל פאַרברענט ווערן די געטאָ מיט אַלע אירע אײַנוווינער. דורכרײַסן זיך אין וואַלד? ווי׳אַזוי? אַ דרײַטויזנטדיקער טאַבאָר, אַ האַמוין פון פּלייטים, דורך קאָרדאָנען און פאַרצוימונגס־אָטריאַדן, דורך אַן אָפן פעלד? אויב אַפילע דערלאָזן אַ פאַנטאַזיע, אַז עס וועט זיך אײַנגעבן אַרויס פון דער געטאָ און זיך דורכשלאָגן צום וואַלד, איז וואָס טאָן ווײַטער? ווי׳אַזוי האָדעווען די מענטשן, זיי אויסהאַלטן, פאַרטיידיקן? עס רוקט זיך אונטער דער אָסיען, און נאָך אים דער ווינטער.

פאַרבלײַבט איינס: אָן צווייפלעניש לאָזן זיך אַנטקעגן דעם גוירל, אַנטקעגן דעם שיקזאַל. לייגן זיך אין דער גרוב באַנאַנד מיטן זון אָדער מיט דער טאָכטער, אונטערשטעלן דעם נאַקן אָונטער דער דײַטשישער קויל, ניט אַרויסווײַזנדיק זאָל זײַן אַ האָפענונגסלאָזן, נאָר דאָך ווירדיקן ווידערשטאַנד, ניט אופהייבן די האַנט קעגן דעם מערדער... פון אַלע וואַרי׳אַנטן וואָלט דאָס געווען דער סאַמע ניט אָנעמבאַרער. אין יענע וואַרי׳אַנטן איז פאַרלוירנגעגאַנגען נאָר דאָס לעבן, און אין דעם סײַ דאָס לעבן, סײַ די ערע.

הייסט עס, אַן אופשטאַנד און אַוועקגיין אין וואַלד. אַ ציל ניט קיין רעאַלער, נאָר אָן אַ ציל איז ניט פאַראַן קיין האַנדלונג. אַן אופשטאַנד און טאַקע מאָרגן אינדערפרי, ביז ס׳איז ניט אַראָפּגעקומען די „זאָנדערקאָמאַנדע”. אין דער דאָזיקער צײַט וועט סידאָראָוו מאַכן אַן אָפּוועגנדיקן אָנפאַל אַף דער אײַזנבאַן־בריק, אַף אָט יענער, פון וועלכער איך בין אַמאָל געשפּרונגען אין וואַסער, אויספּײַנענדיק זיך פאַר סאָניע ווישניעווסקען. לעי־קורט וועט שיקן צו דער בריק הילף און דערמיט אָפּשוואַכן די וואַך אַף דער סטאַנציע.

אַ פּלאַן איז דאָס אַ פאַנטאַסטישער, אַ האָפענונגסלאָזער, נאָר קיין אַנדערער האָט ניט געקאָנט זײַן. אַ פּלאַן פון אומקום, נאָר פון ווירדיקן אומקום — דאָס וועט זײַן דער כעזשבן, וואָס די אײַנוווינער פון דער געטאָ וועלן אַרויסשטעלן פאַר זייער טויט און פאַר וועלכן די היטלעריסטן וועלן באַצאָלן מיט זייערע לעבנס.

אַפּדערנאַכט האָט גרישע מיט זײַנע כאַוויירים, זעכצן מענטשן, זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די אַרבעטער־קאָלאָנעס, די וואָכלײַט האָבן זיי שוין ניט קאָנטראָלירט, ניט איבערגעציילט, ניט באַזוכט, זיי האָבן זיך געגרייט צו אַן אַנדערער, מער וויכטיקער אַקציע, אָנגעזאַמלט פאַר איר האַס און אומבערעכנעסדיקײַט, געקוקט אַף די אַרײַנגייענדיקע אין געטאָ מיט קאַלטבלוטיקן גלײַכגילט פון מערדער, פאַר וועלכע די דאָזיקע מענטשן זײַנען שוין טויט.

באַנאַכט האָט גרישע צונויפגעזאַמלט אין קעלער פונעם זיידנס הויף אַ צוואַנציק אווטאָריטעטע מענטשן, וועלכע זײַנען פּײַ׳ק פירן נאָך זיך די איבעריקע.

נאָר גרישע האָט פיל זאַכן ניט אויסגערעכנט. ער האָט געדענקט ווי אַ סאָלדאַט, ווי אַ קעמפער און ניט גענומען אין אַכט, אַז ער האָט צו טאָן ניט מיט קיין סאָלדאַטן, קעמפער: אַ יאָר פון אומראַכמאָנעסדיקער קנעכטשאַפט און דערנידעריקונג האָט אָפּגעטייט אין די דאָזיקע מענטשן דעם ווילן צו ווידערשטאַנד, זיי איבערפולט מיט כײַ׳שן פאַכעד פאַר די דײַטשן... און אייניקע האָבן זיך דערשראָקן...

יאָ, מענטשן זײַנען פּײַ׳ק שטעלן אַ ווידערשטאַנד, נאָר אין דעם פאַל, אויב מע זאָל זיי טרײַבן צום טויט. נאָר דערווײַל האָט מען זיי נאָך ניט געטריבן, און עפּשער גרייט מען די קאַזאַרמע ניט פאַר קיין „זאָנדערקאָמאַנדע” און קיין שום אַקציע וועט ניט זײַן. אויב זיי וועלן אופשטיין, וועט מען אַלע ביז איינעם האַרגענען. מענטשן קאָנען זיך קעגנשטעלן, ווען מע האַרגעט זיי, נאָר אויב מע האַרגעט זיי ניט, איז צוליב וואָס דאַרפן זיי, ניט קיין באַוואָפנטע, זיך וואַרפן אַף דער באַוואָפנטער וואַך, אַף באַוואָפנטע סאָלדאַטן, לויפן אין וואַלד, וווּ עס וואַרט סײַוויסײַ אַף זיי דער טויט?

אַזוי האָבן געזאָגט אייניקע, דערבײַ אווטאָריטעטע מענטשן, און דאָס האָט אָפּגעשפּיגלט די שטימונג פון דער געטאָ, יעדנפאַלס, פון אַ באַדײַטנדיקן טייל. גרישעס פּלאַן איז זיך צעפאַלן פאַר אים אין די אויגן.

גרישע איז געווען אַ געוואַגטער מענטש, און געקומען זײַנען מיט אים אויך געוואַגטע מענטשן. זיי זײַנען גרייט געווען אַף אַ האָפענונגסלאָזן שריט: שטעלן זיך אין דער שפּיץ פון דרײַ טויזנט ניט קיין באַוואָפנטע מענטשן און זיך אַרופוואַלגערן אַף דעם באַוואָפנטן קעגנער. ווי׳אַזוי עס זאָל זיך ניט פאַרענדיקן, וועט עס זײַן אַ פּרווו, וועט עס זײַן טאַט, וועט עס זײַן

א שלאַכט; צוליב א שלאַכט זײַנען זיי געקומען, און אויב ס'איז באַשערט צו פאַלן, וועלן זיי פאַלן אין שלאַכט, — דאָס איז דער גורל פון סאָלדאַטן, דער טויט פון א סאָלדאַט. נאָר אומקומען אָן א שלאַכט, גיין צום טויט צוליב סאָלידאַריטעט האָבן זיי ניט געקאָנט, ניט געהאַט קיין רעכט, זייערע לעבנס האָבן געהערט ניט זיי, זייערע לעבנס האָבן געהערט דעם קאַמף.

און גרישע האָט געשטעלט די פראַגע אַזוי: אָדער אָן אופשטאַנד באַלד, הײַנט פאַרטאָג, פיר אַזייגער באַגינען, בייס מע וועט אויסשטעלן די אַרבעטער־קאָלאָנעס, אָדער ער מיט זײַנע מענטשן גייען אַוועק, גייען אַוועק שוין, אַט גלײַך פונדאַנען, פון די קעלערס... איז אַט, הייסט עס, באַשליסט, איך קאָן אײַך ניט צווינגען.

מײַן מאַמע האָט, ווי אַמאָל דער זיידע מײַנער, שווײַגנדיק אויסגעהערט די דאַזיקע אַמפּערנישן, דערנאָך געזאָגט:

— איר זײַט קיין מאַנצבלעך ניט, איר זײַט שטשורעס! די דײַטשן זײַנען גערעכט — מע דאַרף אײַך אויסראָטן. איר ווילט זיך אויסבאַהאַלטן אין די ווינקלען, נאָר אַזעלכע ווינקלען זײַנען ניט פאַראַן, זיי וועלן אײַך געפינען אומעטום! איר זאָגט, אַז קיין אַקציע וועט ניט זײַן? און ווו זײַנען די אַכט הונדערט מענטשן פון פּראַרעזנאַיאַ? איר ווייסט ניט דעם וועג צו דער גרוב? איבערמאָרגן וועט מען אים אײַך באַווײַזן, איר וועט אים דורכגיין דאָס לעצטע מאָל. איר זאָגט: די מענטשן וועלן זיך ניט אופהייבן? אין מײַן הויז זײַנען פאַראַן זעקס און פערציק מענטשן, זיי וועלן זיך אופהייבן אַלע ווי איינער, א שוואַכער וועט גיין נאָך א געזונטן, א ניט באַוואָפנטער נאָך א באַוואָפנטן. מיר וועלן זיך שלאָגן, אונדז איז באַשערט אומצוקומען, נאָר מירן אומקומען אין אונדזער הויז און ניט אין דער גרוב.

דאָס האָט זי געזאָגט יענע, וועלכע האָבן דערוווידערט קעגן אופשטאַנד. און גרישען מיט זײַנע מענטשן האָט זי געזאָגט:

— איר ווילט אַוועקגיין — גייט! איר ווילט דאָ איבערלאָזן אײַערע ווײַבער און קינדער דעם טויט — לאָזט איבער! מיר וועלן זיך שלאָגן אַליין, מיר האָבן מיט וואָס זיך צו שלאָגן; אונדזערע קינדער האָבן געוועהר, מיר האָבן העק, האַמערס, לאָמען, לאָפּעטעס, דרענגלעך, פּיס, צייַן, מיר וועלן זיי איבערהריזען די העלדזער!

זי האָט זיך אויסגעקערעוועט צו וועניע ראַכלענקאָ, צו גרישעס זון:

— וועניע, דו וועסט אַוועקגיין מיטן פאָטער אָדער דו וועסט בלײַבן אונדז פאַרטיידיקן?

און וועניע האָט געזאָגט:

— איך וועל בלײַבן דאָ און וועל זיך שלאָגן.

און גרישע און זײַנע מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַוועקגיין טאָר מען ניט: אָן אופשטאַנד וועט אַלצײַנס זײַן. דאָס האָבן אויך פאַרשטאַנען די, וואָס האָבן זיך געקווענקלט.

באַנאַכט איז די מאַמע אַרומגעגאַנגען די הײַזער און געזאָגט, אַז פאַרטאָג וועט מען אַלעמען אוועקפירן צעשיסן, מע דאַרף זיך גרייטן צו א ווידערשטאַנד און צום אַוועקגיין אין וואַלד. זי איז פול געווען מיט רויִקער אַנטשלאָסנקײַט, איך ווייס ניט צי האָט די אַנטשלאָסנקײַט זיך איבערגעגעבן די מענטשן, איך מיין, אַז פיל פון זיי האָט זי זיך איבערגעגעבן, דעריקער, וואָס די מאַמע האָט גערעדט און אַלץ געטאָן אָפּן, איבערגעגאַנגען פון הויז צו הויז, און די וואָך האָט ניט געלייגט קיין אַכט.

פיר אַזייגער פאַרטאָג אונטער דעם אופזיכט פון די שלעפּעריקע פּאָליציאַנטן האָבן די מענטשן אָנגעהויבן אַרויסגיין און זיך אויסשטעלן אין די אַרבעטער־קאָלאָנעס, א סאַך, ווי עס איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, האָבן הינטער דעם אָנטאָן געהאַט באַהאַלטן העק, האַמערס, מעסערס, לאָמען, און בא די קעמפער פּיסטאָלעטן און אויטאָמאַטן.

נאָר פון פיל הײַזער זײַנען די מענטשן ניט אַרויסגעגאַנגען, עס זײַנען ניט אַרויסגעגאַנגען אַפילע די, וואָס האָבן געדאַרפט גיין אין וואַלד אַף אַרבעט: מע האָט זיך פאַרשלאָסן, פאַרבאַריקאַדירט די טירן און די פענצטער, עס האָט זיי אַרומגעכאַפּט א שרעק, זיי האָבן מוירע געהאַט אַרויסצוגיין אַף דער גאַס, ווו עס וואַרט אַף זיי דער טויט. לאָמיר זיי ניט באַשולדיקן; די דאָזיקע מענטשן האָבן ניט געהאַט קיין געווער און זײַנען געווען אָנגעשראָקן. דאָס, וואָס זיי זײַנען ניט אַרויס אַף דער גאַס, זיך פאַרשפּאַרט, איז שוין אַליין געווען אַן אַקט פון ווידערשטאַנד, די ערשטע פאַרשוועכונג פון די פּרינציפּן, וואָס זיי האָבן זיך דערלויבט קעגנשטעלן.

און דאָס איז געוואָרן דער אָנהייב פונעם אופשטאַנד. די פּאָליצײַען האָבן אָנגעהויבן אופרײַסן די פאַרשפּאַרטע שטיבער, ס'איז געוואָרן אַן אומאָרדענונג, דאָס האָט געדינט אַלס סיגנאַל. דער ערשטער האָט אויסגעשאָסן אין א פּאָליציאַנט וועניע ראַכלענקאָ, נאָך אים אַנדערע כעווורע, און די מענטשן, דערזעענדיק די געפאַלענע פּאָליצײַען, האָבן זיך א וואַרף געטאָן אַף די איבעריקע. דאָס איז געווען, ווי אַן אופרײַס פון א דעטאָנאַטאָר: דערהערט א פּיסטאָ־

לעט־שיסעריַי, האָבן די סנײַפּערס זיך אָנגעצילט אין דער וואך אף די טורעמס, די כעוורע האָבן באוואָרפן מיט גראנאטעס די קאראול־געבײַדע און מיט אן אוטאָמאטן־פײַער דער־הארגעט די עסעסאָוועס, וועלכע זײַנען פון דאָרט ארויסגעלאָפן; אנדערע זײַנען אָנגעפאלן אפן פאָליציי־אָפּטייל לעבן דער שטאָט־פּאַרוואלטונג, די דריטע האָבן זיך ארײַנגעריסן אין הויז, וווּ עס האָט געוווינט שטאלבע און אים געהארגעט, די פערטע — אין הויז פונעם קאָמענ־דאנט רײַנגאַרדטן, געהארגעט זײַן אָרדינארעץ, נאָר אליין רייַנגאַרדט האָט באוויזן ארויס־שפּרינגען דורכן פענצטער, אים אָניאָגן איז קיין צײַט ניט געווען; און צום סאָף האָט זיך דער־הערט א פּאַרטיזאַנישער אופרײַס: אינדערלופטן איז געפלויגן דער וואסערלייטונג־טורעם אף דער אײַזנבאַן־ליניע — דאָס האָבן געמאכט סידאָראָווס פּאַרטיזאַנער. און אין טומל פון די אופרײַסן, שיסערײַען, געשרייען, זידלערײַען האָבן די מענטשן זיך געלאָזט פון דער געטאָ...

אָבער אייניקע פּאָליצײַען האָבן באוויזן אנטלויפן, זיי האָבן געשאָסן, עמעצן דערהארגעט און פאַרוואונדעט, און א סאך עסעסאָוועס האָבן זיך געראטעוועט. זיי האָבן אויך געשאָסן, אָפּטרעטנדיק צו דער סטאנציע; איין וואכמאן אפן טורעם האָט באוויזן באשיסן דעם האמוין פון זײַן קוילנוואַרפער, און דער קאָמענדאנט לעך־קורט האָט אופגעהויבן לויט אן אליארעם דאָס אײַזנבאַן־מיליטער, מאָביליזירט די מיליטערלײַט, וואָס זײַנען געפאָרן אין אורלויב אָדער זיך אומגעקערט פון אורלויב, אלעמען אוועקגעשטעלט אונטער געווער, אָבער ניט געשיקט זיי פארפאָלגן די אנטלאָפענע, נאָר געשטעלט פארהיטן די סטאנציע. ער האָט טייקעף ראדירט וווּהין מע דארף, און אינגיכן זײַנען אף אוטאָמאשינעס אָנגעקומען טיילן פון עסעס און א „זאָנדערקאָמאנדע".

נאָר ביז דאָס אלץ איז פאָרגעקומען, איז דער וועג געווען אָפן, און מײַן מאמע, וואָס האָט געהאלטן אָליען פאר א האנט, האָט אוועקגעפירט די מענטשן פון דער געטאָ, געפירט זיי ניט דורך די הויפּט־טויערן, די הויפּט־טויערן זײַנען ארויסגעגאנגען צום אײַזנבאַן־וועג, דאָרט זײַנען געווען דײַטשן. מע איז ארויסגעגאנגען דורך דער אנדערער זײַט פון פּעשטשאנע. צעבראָכן דעם פּלויט לעבן זיידנס הויז, צעריסן דאָס שטעכלדראָט, געגאנגען מיטן ראנד פון שטאָט, דערנאָך פארבײַ דעם בעסוילעם אפן וועג, וואָס האָט געפירט צו די ווײַטע וועלדער.

פון דער געטאָ זײַנען ארויסגעגאנגען א מענטשן זעקס הונדערט. די איבעריקע זײַנען געבליבן. געבליבן זײַנען די, וואָס האָבן זיך גלײַך פארבאריקאדירט אין די הײַזער, און ווען פון דעם טורעם האָט אָנגעהויבן שטעפּן דער קוילנוואַרפער און די גאסן זײַנען רויט געוואָרן פון בלוט, האָבן פיל פון די, וואָס זײַנען ארויסגעגאנגען פון די הײַזער, זיך אומגעקערט, און, פארשטייט זיך, אז עס זײַנען געבליבן די קאליקעס, אינוואלידן, קראנקע, מאכטלאָזע, אלטע לײַט, אלע, וואָס האָבן ניט געקאָנט גיין, און קיין טראָגבעטלעך איז ניט געווען.

גרישע האָט אונטערגעטײַלט די מענטשן. די דײַטשן וועלן זיך גיך ארומזען, עס וועלן אונ־טערקומען זייערע טיילן, זיי וועלן אָנהייבן נאָכיאָגן. עס איז נייטיק באוויַזן צוקומען ביזן וואלד, ביזן אָפּגערעדטן אָרט, ווו עס וואַרטן צוויי מענטשן מיט קוילנוואַרפערס, דאָרט וועט מען קאָנען אָרגאניזירן א שוץ און פארהאלטן דעם קעגנער, און ביז דעם דאָזיקן אָרט איז, צווישן אנדערס, צוועלף קילאָמעטער. און גרישע האָט זיך ניט געקאָנט דערוואַרטן, ביז עס וועלן זיך צונויפנעמען אלע שלאכטלײַט, א סאך כעוורע זײַנען ניט אוועקגעגאנגען פון זייערע פּלעצער, פאַרגעזעצט פירן א פײַער פון די באהעלטענישן, זיי האָט זיך געוואָלט אוועקלייגן וואָס מער עסעסאָוועס און פּאָליצײַען; יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן זיי געוווּסט, זיי האָט געקלעקט געוואגטקײַט אָנצופאלן, נאָר זיי זײַנען ניט געווען געשולט, ניט געוווּסט, ווען ס'איז נייטיק אָפּצוטרעטן; זיי האָבן געמיינט, אז זיי פארהאלטן די דײַטשן, אינדערעמעסן האָט מען זיי שוין דאָ ניט געדארפט, דאָ איז אלץ געווען פארענדיקט, מע האָט זיי געדארפט דאָרט, אפן מארש, און זיי זײַנען געבליבן און שוין ניט געקאָנט אוועקגיין, זיי זײַנען אומגעקומען אָדער זיך פאַרייניקט צו די, וועלכע האָבן זיך פארשלאָסן אין די הײַזער.

און פאר גרישען איז וויכטיק געווען יעדער קעמפער; זעקס הונדערט מענטשן — דאָס איז א גרויסע קאָלאָנע, און ניט קיין מיליטערישע קאָלאָנע, נאָר א האמוין פון פּליטים, וואָס זײַנען באהערשט פון שרעק; אף צו באשיצן זיי דארף מען א סאך מענטשן, און מיט זיי איז געווען א צענדליק פּאַרטיזאַנער און עטלעכע באוואָפנטע כעוורע.

און דאָך האָט גרישע ארויסגעשטעלט א שוץ אי פון פאָרנט, אי פון די זײַטן, אי פון טיל — אלץ, ווי עס פאָדערט זיך. באם בעסוילעם האָט ער אוועקגעשטעלט די ערשטע וואך, מיט דרײַ קילאָמעטער ווײַטער — א צווייטע, זיי וועלן באגעגענען די פארפאָלגער, יעדערער אף זײַן גרענעץ. מע וועט, פארשטייט זיך, זיי אויסהארגענען, דאָס זײַנען מענטשן פארמיש־פּעטע צום טויט, און דאָך וועלן זיי אף וויעלכע־ניט־איז רעטונגס־מינוטן פארהאלטן דעם קעג־נער. פארשטארקן די וואך האָט גרישע ניט געקאָנט, מע האָט באדארפט באשיצן די מאכט־

לאָזן מענטשן, וועלכע זײַנען געווען אין איינע שרעק, וועלכע זײַנען געגאַנגען, ניט וויסנדיק, וווּהין זיי גייען, מענטשן, בא וועלכע דער טויט שטייט פון הינטן און וואַרט אַף זיי פון פאַרנט, און יעדערער האָט געטראַכט וועגן ראַטעווען זיך זעלבסט; בא דער ערשטער פּאַניק קאָנען זיי זיך צעלויפן, ריכטיקער, זיך צעקריכן — לויפן האָבן זיי ניט געקאָנט. נאָר די, וואָס זײַנען געווען קרעפטיקער, יענע זײַנען געגאַנגען פלינקער, זיך געײַלט דערגרייכן צום וואַלד; די שוואַכע האָבן זיך געײַלט נאָך זיי, זיי האָט ניט געקלעקט קיין קויכעס, זיי האָבן זיך צו־געזעצט אַף די ראַנדן אָדער געפאַלן אַפן וועג, מע האָט זיי געדאַרפט אופהייבן און זיי שלעפּן; לאָזן זיי, אַז דער סוינע זאָל זיך איזדיעקעווען איבער זיי, וועט די קאַלאָנע פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ סטאַדע פון כײַעס, קיין כײַעס טראָגן ניט אַוועק זייערע פאַרווונדעטע. דאָס טוען מענטשן און ביז דער מינוט, ווען זיי בלײַבן מענטשן. מע האָט געלאָזט בלויז די, וואָס זײַנען שוין געווען טויט... באַגראָבן די טויטע איז קיין צײַט ניט געווען, שלעפּן די טויטע האָבן קיין קויכעס ניט געקלעקט, די קויכעס האָט מען געדאַרפט פאַר די, וואָס זײַנען נאָך געווען לעבעדיק. און די קאַלאָנע האָט זיך אַלץ מער און מער צעצויגן: אַ לאַנג קייטעלע פון גייענ־דיקע סקעלעטן, וואָס פאַלן און הייבן זיך ווידער אוף אָדער וואָס הייבן זיך שוין ניט אוף — יעדערער האָט זיך געשלעפּט אַליין פאַר זיך...

און פּלוצעם האָבן די מענטשן זיך אָפּגעשטעלט. זיי האָבן דערהערט הינטער זיך אַ שי־סערײַ און דערזען צינגען פון פײַער, וואָס האָבן זיך אופגעהויבן צום הימל. דאָס האָט גע־ברענט און ס'איז אויסגעראָטן געוואָרן די געטאָ...

יאָ, ס'האָט געברענט און ס'איז אויסגעראָטן געוואָרן די געטאָ. דערמיט האָבן זיי געקאָנט צוואַרטן, די געטאָ וועט דאָך אין ערגעץ ניט אַוועקגיין, מע האָט געדאַרפט זיך גלײַך לאָזן נאָכיאָגן. נאָר דער האַס און דער דאָרשט פון נעקאָמע האָבן איבערגעוויגן. מע האָט דאָס אויסגעלאָזט אַף די געבליבענע. דער ווזוואָד עסעסאָווצעס האָט אַרומגערינגלט די אופּגע־שטאַנענע געטאָ און צוגעטראָטן זי צו פאַרניכטן, דאָ אַפן אָרט, אַף אָט־די גאַסן. די עסעסאָווצעס האָבן זיך געפּרוּווט אַרײַנרײַסן אין די פאַרבאַריקאַדירטע הײַזער, פון דאָרט האָט מען געשאָסן; זיי האָבן פאַרוואָרפן די הײַזער מיט גראַנאַטעס, די מענטשן זײַנען אַרויס־געלאָפן אַף די גאַסן, עס זײַנען געלאָזט געוואָרן אין גאַנג אויטאָמאַטן און די פּעשטשאַנע און די גאַספּיטאַלנע זײַנען פאַרגאָסן געוואָרן מיט בלוט. און דאָך האָבן די מענטשן, באַוואָפנטע מיט וואָס עס האָט זיך געמאַכט, זיך געפּרוּווט דורכרײַסן די קייט — קיינעם איז דאָס ניט גע־לונגען... און ווען דער ווידערשטאַנד איז אײַנגעבראָכן געוואָרן, ווען די קוילן האָבן בא די קעמפער זיך געענדיקט, און אַליין די קעמפער זײַנען געהאַרגעט געוואָרן, און די קלאַנגען פון דער שיסערײַ האָבן אופגעהערט פאַרטויבט צו ווערן פון די געשרייען און קרעכצערײַען פון די פאַרווונדעטע, דעמלט האָט די שטראָף־קאָמאַנדע זיך אַרײַנגעריסן אין די הײַזער און פאַרענדיקט מיט די געבליבענע אַלטע לײַט, קראַנקע און קאַליקעס; די הינט האָבן אַרומגע־שמעקט די הויפן, די עסעסאָווצעס האָבן דערשאָסן די קינדער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. פאַר עטלעכע שאָ איז אַלץ געווען פאַרענדיקט, די געטאָ פאַרניכטעט. קימאַט צוויי טויזנט מענטשן האָט מען פאַרגראָבן אין וואַלד, אין דער גרוב, אַף דער לאָנקע. נאָר זיי זײַנען אַליין ניט געגאַנגען אין וואַלד, זיך אַליין ניט געלייגט אין דער גרוב! זייערע טויטע קערפּערט האָט מען אָנגעלאָדן אַף מאַשינעס, אַרײַנגעפירט אין וואַלד און דאָרט שוין אַרײַנגעוואָרפן אין גרוב; די אײַנוווינער פון געטאָ איז אויסגעקומען פאַרניכטן אין זייערע אייגענע שטיבער. די געטאָ האָט געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, גענומען אַן אויסקויף פאַר איר לעבן און געוואָרן אָפּגעווישט פון דער ערד; די היטלעריסטן האָבן קיינמאָל ניט דערמאָנט וועגן דער דאָזיקער געטאָ: דאָס איז געווען זייער שאַנד, זייער דורכפאַל, — די געטאָ איז אַפילע ניט אַרײַן אינעם צעטל פון די פינף און פופציק באַוווסטע געטאָס. נאָר זי האָט עקזיסטירט, זי האָט געקעמפט און אומגעקומען מיט ערע.

פאַרענדיקט מיט דער געטאָ, האָבן די דײַטשן זיך געלאָזט נאָך די אַנטלאָפענע. נאָר די מענטשן האָבן זיך שוין געהאַט דערנעענטערט צום וואַלד, ביידע זאַסלאָנעס האָבן זיך אופ־געהויבן פון די אָרטער, זיך פאַרייניקט צו די הויפּט־קרעפטן און פאַרנומען אַ שוץ אַפן ראַנד פון וואַלד. איצט האָבן זיי געהאַט אַ קוילנוואַרפער, אינגיכן האָבן זיך אויך באַוויזן די סאָל־דאַטן. נאָר ווען זיי זײַנען אונטערגעקומען צום וואַלד, האָט זיי באַגעגנט אַ שיסערײַ פון קוילנוואַרפער, מינענוואַרפער און ביקסן.

און די אַנטלאָפענע זײַנען דערווײַל אַרײַן טיף אין וואַלד. פאַרויס זײַנען געגאַנגען צוויי פאַרטיזאַנער, יעווסיי קוזניעצאָוו און קאַליע גאַראַדיעצקי, זיי האָבן געדאַרפט דורכפירן די מענטשן צו אַ צווייטן, טויבן בריאַנסקער וואַלד, ווו עס האָבן געוואַרט אַף זיי סידאַראָווס פאַרטיזאַנער און וווּהין די דײַטשן וועלן ניט דערוועגן אַרײַנקוקן. פלייטים זײַנען געווען ניט

מער פון פיר הונדערט — די קעמפער זײַנען געבליבן אפן ראנד פון וואלד, און די איבעריקע. וואָס האָבן ניט אויסגעהאלטן דעם וועג, האָבן פארזייט מיט זייערע קערפערט דעם דאָזיקן וועג פון טרויער. נאָר אויך דער וואלד, וועלכן ס'איז פאָרגעשטאנען איבערצושנײַדן, איז געווען א גרויסער, א קילאָמעטער צען, און די מענטשן זײַנען שוין דורכגעגאנגען צוועלף — אָן אן אָפּשטעל, אָן א פּריוואל, און זיי האָבן ניט געקאָנט גיין, דערבײַ איז מען שוין אדורך די אָפענע ערטער און מע האָט זיך דערפילט אין א געוויסער מאָס זיכערער. מע האָט זיי דאָך געזאָגט: „מע דארף זיך נאָר דערקלײַבן צום וואלד", — און אָט זײַנען זיי אין וואלד און קאָנען זיך ניט אָפּשטעלן...

און מײַן מאמע האָט געזאָגט יעווסיי קוזניעצאָוון:

— די מענטשן דארפן איבערכאפּן דעם אָטעם. זיי קאָנען ניט גיין ווײַטער.

— ניין, — האָט געענטפערט יעווסיי, — גרישע וועט לאנג זיך ניט האלטן. און אויב די מענטשן וועלן זיך צוזעצן, וועלן זיי שוין ניט אופשטיין.

זיי האָבן פאָרגעזעצט זייער וועג, נאָר מענטשן זײַנען אלץ אָפטער און אָפטער געפאלן אף די וואלד־שטעגן אָדער זיך אָפּגעשטעלט, זיך צוגעשפּארט צו דיביימער.

און דעמלט האָט די מאמע געזאָגט צו יעווסייען:

— מיט די, וואָס קאָנען, גיי ווײַטער. איך וועל בלײַבן מיט יענע, וואָס דארפן כאָטש א ביסל איבערכאפּן דעם אָטעם, זאָל מיט מיר פארבלײַבן קאָליע. ער וועט אליין ווײַזן דעם וועג, אין א האלבער שאָ ארום וועל איך אופהייבן די מענטשן.

און די, וואָס האָבן נאָך געהאט קויכעס, זײַנען געגאנגען ווײַטער מיט יעווסיי קוזניעצאָוון, און די איבעריקע האָבן זיך צוגעזעצט אף א לאָנקע, די מאמע האָט זיך אומגעקערט נאָך די אָפּגעשטאנענע און אויך זיי געבראכט צו דער לאָנקע.

און די מאמע האָט געזאָגט אָליען אין דער אָנוועזנהײַט פון קאָליע גאראָדיעצקין:

— ווּעסט בעטן דעם פעטער סידאָראָוון, אז ער זאָל דיך אָפּפירן קיין טשערניגאָוו צום אדוואָקאט טערעשטשענקאָ. ווּעסט זאָגן טערעשטשענקאָן, אז דו ביסט ראכיל ראכלענקאָס אייניקל. קאָליע, דו ווּעסט עס איבערגעבן סידאָראָוון?

— איך וועל איבערגעבן, — האָט געזאָגט קאָליע. דערנאָך האָט די מאמע געזאָגט צו די מענטשן:

— שטייט אוף, דאָ טאָר מען מער ניט פארבלײַבן, מע דארף גיין ווײַטער.

אייניקע האָבן זיך אופגעהויבן, נאָר די מערהײַט ניט — עס זײַנען ניט געווען קיין קויכעס.

און דעמלט האָט די מאמע געזאָגט:

— איר הערט, ווי מע שיסט? דאָס שטאַרבן אײַערע קינדער, קעדיי אונדז ראטעווען. איצט זײַט איר מער שוין ניט קיין קנעכט, איצט זײַט איר פרײַע מענטשן, איר וועט נעקאָמע נעמען פארן בלוט פון אײַערע אייגענע און נאָענטע, צווינגען די דאָזיקע כײַעס באצאָלן פאר אײַער פּײַן, איר וועט זיי אויסראָטן, ווי די מעשוגענע הינט, ווײַל מעשוגענע הינט דארף מען אויסראָטן, געפינט אין זיך קויכעס אף צו גיין. גייט! קאָליע, פיר זיי!

און די מענטשן האָבן געפונען קויכעס אף אופצוהייבן זיך און גיין ווײַטער. נאָר די מאמע איז ניט געגאנגען, זי איז געבליבן שטיין, די מענטשן זײַנען דורכגעגאנגען פארבײַ איר, און אלעמען האָט זי צוגעגעבן קויעך מיט איר דורכדרינגלעכן בליק. אין דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז אלט געווען אינגאנצן נײַן און פערציק יאָר, איז שווער געווען צו דערקענען די פריִערדיקע ראכיל ראכלענקאָ. פון דער פריִערדיקער ראכיל איז פארבליבן נאָר דער ווּקס און דער שטעל! א הויכע, א שלאנקע, איז זי געשטאנען, ניט גערירט זיך, ניט אָפּגעטראָטן פונעם אָרט, נאָר פאר יעדער דורכגעגאנגענעם מענטשן האָט זי זיך אָפּגערוקט אלץ טיפער אין וואלד, איר געשטאלט איז אָפּגעווישט געוואָרן — זי איז ווי צערונען געוואָרן אינדערלופטן און ביסלעכווײַז פארשוואונדן; און ווען די מענטשן האָבן זיך אומגעקוקט אהין, ווּ זי איז געשטאנען, איז זי שוין ניט געווען. קיינער האָט ניט געהערט די קלאנגען פון אירע טריט, דעם כרוסט פון די צווײַגלעך אונטער אירע פיס, זי איז צערונען געוואָרן אין וואלד, צווישן די פארגליווערטע סאָסנעס, צערונען אין דער לופט, וואָס איז אָנגעזאַפּט געווען מיט טערפּקע סאָסנע־רייכעס, פונקט ווי דעמלט, ווען זי, א זעכצניאָריק מיידעלע, איז געזעסן אין וואלד מיט איר יאקאָבן, מיטן בלויאויגיקן ייִנגל פון דער שטאָט באזעל, וואָס אין דער שווייץ...

א פאנטאזיע? מיסטיק?.. קאָן זײַן.. און דאָך האָט קיינער קיינמאָל מער זי ניט געזען, מײַן מאָמען, ניט קיין לעבעדיקע, ניט קיין טויטע. זי איז פארשוואונדן, צערונען געוואָרן, צעגאנגען זיך אין דער לופט, אין סאָסנע־וואלד, לעבן דער קליינער שטאָט, ווּ זי איז געבוירן געוואָרן, אָפּגעלעבט א לעבן, ווּ זי האָט ליב געהאט און געווען געליבט, ווּ זי איז, ניט געקוקט אף אלע ניסיוינעס. געווען גליקלעך, אויסגעכאָוועט קינדער, דערצויגן אייניקלעך, געזען זייער שרעק־

לעכן טויט, איבערגעטראָגן דאָס, וואָס עס קאָן ניט אויסהאלטן קיין איין מענטשלעך הארץ נאָר איר הארץ האָט עס אויסגעהאלטן, און אין די לעצטע מינוטן פונעם לעבן געוואָרן א מוטער פאר אלע אומגליקלעכע, זיי געשטעלט אפן וועג פון קאמף און ווירדיקן טויט.

דערבײַ איז די שלאכט אפן ראנד פונעם וואלד פאַרגעזעצט געוואָרן. די דײַטשן האָבן ניט געוווּסט די קרעפטן פון דעם קעגנער, זיי זײַנען געבליבן ליגן, געשאָסן, געוואַרט אף הילף. אין א שאָ ארום האָט גרישע אוועקגעשיקט צען מענטשן, געבליבן מיט צוואנציק שלאכטלײַט. נאָך אין א שאָ ארום אָפּגעשיקט נאָך צוועלף און געבליבן מיט אכט.

ווען עס זײַנען אונטערגעקומען די עסעסאָווצעס, האָבן די סאָלדאטן זיך אופגעהויבן אין אטאקע. זיי זײַנען געגאנגען, געזונטע, שיקערע, אָן היטלען, אין שווארצע קיטעלן מיט פאר־קאטשעטע ארבל, און אף די ארבל שארבנס און איבערגעקרייצטע ביינער. געגאנגען זײַנען זיי אין פולן וווּקס; דער קוילנוואָרפער האָט צעשאָסן די ערשטע ריי, די צווייטע ריי האָט אריבערגעטראָטן איבער די דערהארגעטע, די דריטע ריי — איבער דער צווייטער; זיי האָבן דערגרייכט צו אונדזערע און ארײַנגעטראָטן אין א האנט־געפעכט. דײַטשן און פּאָליציאַנטן זײַנען געווען א סאך, און בא גרישען אינגאנצן אכט מענטשן, אלע זײַנען זיי אומגעקומען אין דער דאָזיקער שלאכט. די עסעסאָווצעס האָבן פארלוירן מער פון א העלפט פון זייער באשטאנד און ווײַטער אין וואלד ניט געגאנגען. עס זײַנען געקומען זייערע מאשינעס, אוועק־געפירט די געהארגעטע און פארווונדעטע, און די קערפּערס פון גרישען, זײַנע זין וועניא און טאָליע און פון נאָך פינף שלאכטלײַט זײַנען געבליבן אף דער לאָנקע. אינדערפרי האָבן די פארטיזאנער זיי צוגענומען, זיי אריבערגעטראָגן אין דעם ווײַטן וואלד און זיי באגלייט אין קייווער מיט צוואנציק זאלפּן פון ביקסן.

אין סידאָראָווס אָטריאד זײַנען געקומען בא פיר הונדערט מענטשן. פאר א סאך איז דער שווידערלעכער וועג געווען די לעצטע אָנשטרענגונג, א וואָר געוואָרענע האָפענונג — די לעצטע האָפענונג, א סאך האָט מען באגראָבן שוין אין דער ערשטער וואָך. די, וואָס זײַנען לעבן גע־בליבן, האָט סידאָראָוו געלאָזט אין זײַן אָטריאד אָדער איבערגעגעבן אין אנדערע אָטריאדן, און די זקיינים, זקיינעס, קראנקע באהאלטן בא זיכערע מענטשן אין כוטאָר, ווו זיי האָבן אָפּגעלעבט זייערע לעצטע טעג. אַליען, ווי עס האָט אָנגעזאָגט מײַן מאמע, האָט מען איבער־געשיקט קיין טשערניגאָוו צו טערעשטשענקאָן, טערעשטשענקאָ האָט זי צוגענומען, געוואָרן איר פאָטער, און זי טראָגט זײַן נאָמען — אָלגאַ טערעשטשענקאָ... איצט האָט זי צוויי קינדער, און, ווי איר פאָטער, איז זי אויך אָן אדוואָקאט. פון איר, פון אַליען, האָב איך זיך דערוווּסט פיל איינצלהײַטן וועגן אונדזער מישפּאָכע, פון אונדזער גאנצער מישפּאָכע איז געבליבן דער איינציקער איידעס.

די געטאָ האָט פארענדיקט איר עקזיסטענץ אין סענטיאַבער פונעם צוויי־און־פערציקסטן יאָר, די מילכאָמע האָט זיך געענדיקט אין מײַ פונעם פינף־און־פערציקסטן. פון די, וואָס זײַנען ארויסגעגאנגען פון דער געטאָ, אָיז גאָר וויניק לעבן געבליבן: זיי זײַנען אומגעקומען אין די פארטיזאנישע שלאכטן, דערנאָך אין ארמיי, ווען די פארטיזאנער האָבן זיך ארײַנגעגאָסן אין אונדזערע רעגולערע טיילן, און יענע, וואָס זײַנען געבליבן לעבן, זײַנען צעזייט געוואָרן איבערן לאנד, צעזייט געוואָרן איבער די ראכוועסן פון אונדזער ערד, קימאט קיינער האָט זיך ניט אומגעקערט אהיים, קיין היים האָט קיינער ניט געהאט.

דאָך האָב איך געפונען עטלעכע פארטיזאנער, און זיי האָבן דערגאנצט דאָס, וואָס אָליע האָט דערציילט מיט יענע איינצלהײַטן, וועלכע זי האָט ניט געקאָנט וויסן. און אָט די דער־וואקסענע, געוואגטע מענטשן, וואָס זײַנען דורכגעגאנגען דורך אלץ, דורך וואָס עס קאָן אדורכגיין א מענטש, האָבן באשטעטיקט, אז מײַן מוטער ראכיל איז ווירקלעך פאר זייערע אויגן צערונען געוואָרן אין וואלד, צעגאנגען זיך אין דער לופט. זיי האָבן זיך געשווירן, אז זיי האָבן עס געזען מיט די אייגענע אויגן. עפשער איז דאָס ניט אזוי, עפשער האָבן זיי עס מיט זייערע אויגן ניט געזען, עפשער איז די דאָזיקע לעגענדע אופגעקומען ווי א גאליוציגאַ־ציע אין די מויכעס פון מענטשן, וואָס זײַנען דערפירט געוואָרן ביז צו דער לעצטער מאָד־רייגע. דאָס ארויסגיין פון געטאָ איז געווען א נעס, און ווען עס קומט פאָר איין וווּנדער, שווימט אוף אויך א צווייטער, און די דאָזיקע לעגענדע איז ארײַן אינעם באַוווּסטזײַן, ווי א וואָרהאפטיקער פאקט.

נאָר אפילע סידאָראָוו, ער איז געבליבן לעבן, איך האָב זיך מיט אים א סאך מאָל בא־געגנט נאָך דער מילכאָמע, אפילע סידאָראָוו, אן אלטער קאָמוניסט, א מענטש מיט א ניכטערן מויעך, וועלכן ס׳איז פרעמד יעדער מין אָבערגלויבן, אפילע ער, ווען איך האָב אים געפרעגט וועגן דער מוטער, האָט געענטפערט:

— אליין האָב איך עס ניט געזען, דײַן מוטער איז צו אונדז ניט דערגאַנגען, נאָר מענטשן זאָגן, אַז אַזוי איז עס געווען...

און, איר ווייסט, ער האָט אַפּגעקערעוועט די אויגן... אים, פֿאַרשטייט איר מיך, איז געווען ניט באַקוועם זיך אַנערקענען, אַז ער, אַן אַלטער מיטגליד פֿון דער פּאַרטיי, דער קאָמאַנדיר פֿון אַ פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד, וואָס גלייבט ניט ניט אין גאָט, ניט אין טײַוול, און אָט אין דער געהיימניספֿולער פֿאַרשווינדונג פֿון מײַן מוטער גלייבט ער, נאָר אַנערקענען זיך דערין וויל ער ניט און דערפֿאַר ענטפֿערט ער אַזוי ניט באַשטימט.

ביז דער מילכאָמע האָבן באַ אונדז אין שטאָט געוווינט עטלעכע טויזנט ייִדן, איצט איז דאָ געווען ניט מער פֿון צוויי הונדערט מאַן. וועגן גורל פֿון די, וואָס זײַנען געבליבן באַם דײַטש, ווייסט איר, און די, וואָס זײַנען ניט אַרונטערגעפֿאַלן אונטער זײַן מאַכט, זײַנען אָדער אומגעקומען אין די שלאַכטן, אָדער אוועקגעפֿאָרן אין עוואַקואַציע און שוין פֿאַרבליבן אין די נײַע ערטער. אומגעקערט האָבן זיך אַמערסטן אַלטע לײַט, און צווישן זיי אונדזער פֿאַבריקמאַכער בערנאַרד סעמיאַנאָוויטש, נאָך אַ פֿעסטער, אַ ציכטיקער, אַ גראָוער, מיט אַ ווירדיקן אויסזען.

פֿיל טעג זײַנען די אַלטע לײַט אַרומגעגאַנגען איבער די הויפֿן, פּוסטע פּלעצער, וועגן, וועלדער און פֿעלדער און צונויפֿגענומען אין זעק דעם נישער פֿון די געהאַרגעטע. אייניקע האָט בערנאַרד סעמיאַנאָוויטש דערקענט לויט די האָר: עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז האָר ווערן אין דער ערד ניט פֿאַרפֿאַלן. און נאָך האָט מען דערקענט די ביינדעלעך פֿון מײַן שוועסטער דינע. די עסעסאָווצעס האָבן זי צוגעבונדן צום ציילעם מיט אַלטן עלעקטרישן דראָט, דער דראָט איז געבליבן אַף די ביינער, לויטן דראָט האָט מען זי דערקענט. דאָס, וואָס איז געבליבן פֿון די דערקענטע, האָט מען מעקאַבער געווען אַפֿן בעסוילעם, און די ניט דערקענטע — אין ברודער־קייווער, אין דעם, וואָס די היטלעריסטן האָבן געמאַכט אין וואַלד. די אַלטע לײַט האָבן געוואָלט דעם גאַנצן ברודער־קייווער אַריבערטראָגן אַפֿן בעסוילעם, נאָר דאָס איז געווען אומעגלעך — עטלעכע טויזנט געהאַרגעטע, און דער בעסוילעם האָט פּאַקטיש ניט עקזיסטירט, די מאַציייוועס האָט מען צעטאַסקעט, און דעם בעסוילעם גופֿא האָט מען לויטן באַפֿעל פֿון דער קאָמענדאַטור צעאַקערט.

מע האָט געפֿונען די רעשטלעך פֿון די סטאַשעוּנאַקס, פֿון אַלע צען, זיי זײַנען געלעגן צוזאַמען, אַזוי ווי מע האָט זיי אופֿגעהאַנגען. מיט אַ טעלעגראַמע האָב איך אַרויסגערופֿן אַלעסיען, אַלעקסאַנדרינאַ אַפֿאַנאַסיעוונאַ סטאַשעוּנאַק, זי איז געקומען צו פֿאָרן, ס'איז אויך געקומען מאַקסים, איר פּלעמעניק, אַנדריי סטאַשעוּנאַקס זון, און מיר האָבן באַגראָבן זייערע ביינער. סטאַשעוּנאַקס צווייטער זון פּעטרוס איז ניט בײַגעווען בײַס דעם טרויעריקן אַקט: ער איז אומגעקומען אין די שלאַכטן אַפֿן צאַפֿן־דאַניעץ.

די ביינער פֿון מײַן פֿאָטער יאַקאָוו איוואַנאָווסקי האָט מען ניט געפֿונען, כאָטש די שכניים האָבן פּינקטלעך אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו ער איז באַגראָבן געוואָרן — די פּוסטקע, וואָס איז ניט ווײַט פֿון אונדזער גאַס, אַפֿן וועג צום טײַך. איך האָב אַפֿילע געפֿונען דעם מענטשן, וואָס האָט לויטן באַפֿעל פֿון די פּאָליצײַען געגראָבן דעם קייווער. נאָר קיין שום קייווער איז אַף דעם דאָזיקן אָרט ניט געווען — ריינער זאַמד. מיר האָבן איבערגעגראָבן די גאַנצע פּוסטקע און קיין זאַך ניט געפֿונען, נאָר זאַמד, זאַמד, ריינער שווערער זאַמד... די ביינער פֿון מײַן פֿאָטער זײַנען פֿאַרשוווּנדן, ניט געלאָזט קיין סימען. מאָדנע, ניט עמעס?

איך פֿלעג דעמלט אָפֿט קומען אין שטאָט אַרײַן, קימאַט יעדער אורלויב געהאַלפֿן מיט וואָס איך האָב געקאָנט. דאָס אַלץ, פֿאַרשטייט איר מיך, האָט געפֿאָדערט גרויסע אָנשטרענגונגען: אופֿשטעלן דאָס אַלטע פֿעלד, ברענגען אין אָרדענונג דעם ברודער־קייווער, צונויפֿזאַמלען געלט אַף אַ דענקמאָל, מאַכן פּאַרצוימונגען. עס פֿלעגט אויך קומען אַלעקסאַנדרינאַ אַפֿאַנאַסיעוונאַ סטאַשעוּנאַק, מיר זײַנען געגאַנגען מיט איר אין ראַיִוסּפּירקאָם און אין שטאָטראַט, דאָרט האָט מען אונדז, פֿאַרשטייט זיך, מיטגעפֿילט, נאָר ס'האָט געקלעקט אייגענע כלאָפּאָטעס: מע דאַרף אופֿשטעלן די שטאָט, די אונטערנעמונגען, ברענגען צו אַ טאָלק די לאַנדווירטשאַפֿט, אַלץ איז צעבריקט, צעשטערט. מע דאַרף טראַכטן וועגן די לעבעדיקע — דאָס איז ריכטיק, נאָר פֿאַרגעסן די טויטע טאָרן מיר אויך ניט, זיי וועלן ניט אופֿשטיין פֿון די קוואָרים, זיי זעצן פּאָר צו לעבן, נאָר אין אונדזער זיקאָרן, און אָפּזאָגן זיי אין דעם האָבן מיר קיין רעכט ניט. איך פֿלעג קומען צו פֿאָרן, אַרומגיין, כלאָפּאָטשען און ווען איך פֿלעג זיך אומקערן קיין מאָסקווע, האָב איך פֿונדאָרטן זיך איבערגעשריבן מיט סידראַוון; ער איז שוין געווען אַף פּענסיע, צײַט האָט ער געהאַט, און ער האָט אויך געהאָלפֿן מיט וואָס ער האָט געקאָנט — מיט יענע מענטשן האָט ער געלעבט, געאַרבעט און געקעמפֿט.

שפּעטער, מוז מען זיך אַנערקענען, האָב איך געגומען קומען זעלטענער. עס זײַנען אונטערגעוואַקסן די זין, מע האָט זיי געדאַרפֿט אָפּגעבן צײַט, און די יאָרן זײַנען שוין ניט די, מע

דאַרף פּאַרן זיך אונטערהיילן, און די פּרוּוו דאַרף אָפּרוען... דאָס לעצטע מאָל בין איך דאָרט געווען אין צוויי־און־זיבעציקסטן יאָר, אין סענטיאַבער, בייסן דרײַסיקסטן יאָרצײַט, זינט דעם אופשטאַנד און פאַרניכטונג פון דער געטאָ.

מיר זײַנען מיט סידאַראָוון אוועקגעגאַנגען אפן בעסוילעם. אַרום האָבן שעמערירט מיט גאָלד די האַרבסטיקע פעלדער, מיר זײַנען געגאַנגען מיטן וועג, דורך וועלכן מע האָט אוועקגעטראָגן פון געטאָ די טויטע און מיט וועלכער מײַן מוטער ראַכיל און מײַן פעטער גרישע האָבן אוועקגעפירט די לעבעדיקע. דער בעסוילעם איז אופגעשטעלט געוואָרן, מ'האָט אַרומגעצוימט אים און אַף דעם אָרט, ווו עס זײַנען געווען די קוואָרים, פאַרזעצט יונגע בערעזקעס, זיי זײַנען שוין אויסגעוואַקסן, אָט די בערעזקעס, זיי שטייען אין גלײַכע רייען און רוישן מיטן געבלעטער אַף די אומבאַוווּסטע קוואָרים. און אינווייניק אין דער פאַרצוימונג איז איבערגעלאָזט אָרט פאַר נײַע קוואָרים, ווו מע וועט באַערדיקן יענע, וואָס וועלן שטאַרבן דעמלט, ווען מע דאַרף שטאַרבן.

א טרויעריק בילד — א פּוסטער בעסוילעם אָן פּליטעס, אָן דענקמעלער, אָן אופשריפטן, אָן בלומען. ווו זײַנען דאָ די קוואָרים פון מײַנע אָוועס? ווו רוט מײַן באָבע, דער פעטער לייזער, מײַן ברודער סאשע, מײַן קליינינקער פּלעמעניק איגאָר?..

מיר זײַנען געשטאַנען מיט סידאַראָוון, געשוויגן, דערנאָך אוועקגעגאַנגען אפן ברודער־קייווער, אַף יענעם, אין סאָסנע־וואַלד, לעבן אַריאַלס געוועזענער ווערענדע, ווו מע האָט אַמאָל פאַרקויפט קעפיר און אײַזקרעם, ווו עס האָבן אָפּגערוט אין האַמאַקן מענטשן, ווו עס זײַנען אַמאָל געזעסן מײַנע יונגע עלטערן און געפּרוּווט זיך דורכשמועסן אַף פאַרשיידענע שפּראַכן און ווו זיי האָבן געקאָנט זיך דורכשמועסן נאָר אַף איין שפּראַך, אַף דער גרויסער שפּראַך פון ליבע.

באַם ברודער־קייווער זײַנען געווען נאָך מענטשן, היגע אײַנוווינער: אַלטע לײַט, באַיאָרטע, עס זײַנען אויך געווען קינדער — די, וואָס זײַנען דאָ אויסגעוואַקסן נאָכן קריג... עמעצער פון זיי האָט געקענט מײַן מאַמע ראַכיל, מײַן טאַטן יאַנקעוון, מײַן געוואַגטן זיידן אוראָם ראַכלענקאָ, אייניקע האָבן זיי ניט געקענט. נאָר דאָ זײַנען געלעגן זייערע באָבעס און זיידעס, זייערע פאַטערס און מוטערס, זייערע ברידער און שוועסטער, געלעגן אין א מוירעדיק־גרויסער גרוב, ווו מע האָט זיי, אומבאַוואָפנטע, שוצלאָזע, צעשאָסן פון אויטאָמאַטן.

אפן קייווער איז געשטאַנען א גרויסער שטיין פון שוואַרצן גראַניט, אַף אים איז פון אויבן אַף דער רוסישער שפּראַך, פון אונטן — אַף יידיש, געווען אויסגעהאַקט: „אין אייביקן אָנדענק די קאָרבאָנעס פון די דײַטשיש־פאַשיסטישע פאַרכאַפּער".

לעבן מיר איז געשטאַנען סידאַראָוו, דער געוועזענער שאַכטיאָר, דערנאָך דער דירעקטאָר פון דער שוך־פאַבריק, שפּעטער דער פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדיר, דער איצטיקער פּענסיאָנער. ער איז געבוירן געוואָרן אין דאָנבאַס, נאָר שוין לאַנג געלעבט דאָ, ער האָט געוווּסט און פאַרשטאַנען אַלץ אַף דורך און דורך.

ער האָט אָנגעוויזן אַף די אופשריפטן, וועלכע זײַנען געווען אויסגעהאַקט אפן שטיין אַף רוסיש און אַף יידיש און שטיל מיך א פרעג געטאָן:

— הער נאָר, באַריס, און דער רוסישער טעקסט איז ריכטיק איבערגעזעצט געוואָרן?

קינדווײַז, מיסטאָם, ביז א יאָר אַכט צי נײַן, האָב איך זיך געלערנט אין כיידער, דערנאָך איבערגעגאַנגען אין א רוסישער שול, און פון לאַנג פאַרגעסן די יידישע אויסיעס. און דאָך קימאַט אין זעכציק יאָר אַרום זײַנען פון די אומבאַוווּסטע און אייביקע טיפענישן פונעם זיקאָרן אופגעשטאַנען פאַר מיר אָט די אויסיעס, אָט די ווערטער, איך האָב זיך דערמאָנט אין זיי און איבערגעלייענט:

„ונקיתי, דמם לוי נקיתי"[1].

דער געדאַנק פון די דאָזיקע ווערטער איז געווען אַזאַ: „אַלץ ווערט פאַרגעבן, די, וואָס האָבן פאַרגאָסן אומשולדיק בלוט, וועט קיינמאָל ניט פאַרגעבן ווערן"...

זעענדיק, אַז איך אײַל זיך ניט מיט קיין ענטפער, האָט סידאַראָוו א קאָסע געטאָן אַף מיר דעם בליק, אַלץ האָט ער פאַרשטאַנען, דער כאַכעם, און ווידער געפרעגט:

— נו, מע האָט ריכטיק איבערגעזעצט?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, — אַלץ איז ריכטיק, אַלץ איז פּינקטלעך.

1975 — 1977
יאַלטע — פּערעדעלקינאָ.

---

[1] וועניקייסי, דאַמאָם לוי ניקייסי.

■ ■ ■

נײַע לידער

א כוידעש פון שטילקייט

אף דער טעריטאָריע פון ווײַסרוסלאַנד, ווו עס ווערט אָפגעהיט די אורשפּרינגלעכקײַט פון דער נאַטור, איז געמאָלדן א כוידעש פון שטילקייט.

(אופשריפט אף א פלאַקאַט)

מע האָט הײַנט געמאָלדן א כוידעש פון שטילקײַט,
א כוידעש פון שטילקײַט,
א כוידעש פון מילדקײַט.
די ביקסן — פאַרהאַנגען, אָן קוילן — די רערן,
און קיינער אין ערגעץ קיין שאָס וועט ניט הערן.
אף ראַכוועסן אלע —
אף לענגען און ברייטן
עס וועלן ניט שאַלן
קיין יעגער־טרומייטן.
עס מעגן די פייגלען די נעסטן פאַרלאָזן,
עס מעגן די האָזן זיך שפּילן אין גראָזן,
עס מעגן די ענטלעך אין וואַסער זיך טוקן —
ס'וועט קיינער ניט קומען, קעדיי זיי פאַרצוקן.

מע האָט הײַנט געמאָלדן א כוידעש פון שטילקײַט,
א כוידעש פון שטילקײַט,
א כוידעש אָן ווילדקײַט.
אין וואַלד און אין פעלד אין די פרישע קאַאָרן
עס וועט זיך ניט הערן קיין רויש פון מאָטאָרן.
קיין פישער אין שטילע
פרימאַרגנס מע זעט ניט —
די וועגנטקעס אפילע
צעוויקלען מע וועט ניט.
א שטעק טאָן פון נאָרע די נאָז וועט א כײַע,
א שמעק טאָן, א שמוך טאָן: ס'איז שטיל, א מעכײַע!
ארומגיין מע קאָן איבער וועגן און שטעגן,
און שפּילן די קליינינקע בערעלעך מעגן.

מע האָט הײַנט געמאָלדן א כוידעש פון שטילקײַט,
א כוידעש פון שטילקײַט,
א כוידעש פון מילדקײַט.
אפילע דער ווינט וועט פון אָרט זיך ניט רירן,
קיין בוים וועט קיין אייניציקן בלאַט ניט פאַרלירן.
די טײַכן און קוואַלן
ניט בויטען וועט קיינער —
קיין שטיין וועט ניט פאַלן
אין וואַסער אין ריינער.

די הירשן אף בארג־שפּיצן מעגן זיך שטעלן
באקוקן דעם כידעש פון טאָג פונעם העלן:
אפילע קיין שאָרך פון א מענטש ניט צו הערן,
די רויִקײַט קיינער עס וועט ניט צעשטערן...

מע האָט הײַנט געמאָלדן א כידעש פון שטילקײַט,
א כידעש פון מילדקײַט,
א כידעש אָן ווילדקײַט!..

הארץ און וועלט

— עפּעס האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ...
— נעם איין וואַלידאָל.

(פון א געשפּרעך)

אַט איז עס ווייך,
אַט ווערט עס האַרט,
אַט שלאָגט עס שטיל, אַט נעמט עס קאָכן...
ס'טוט וויי דאָס האַרץ,
ס'טוט וויי דאָס האַרץ,
ווי נאָדלען וואָלטן עס געשטאָכן.

עס איז ניט דײַנע — יענעמס פּײַן,
ניט דײַנע זײַנען פרעמדע טרערן.
...דאָס האַרץ — עס קאָן ניט רויִק זײַן:
דאָס האַרץ די אייצעס וויל ניט הערן.

ס'טוט וויי... און וואָס זשע טאָן איך זאָל,
אז ס'זײַנען ניט פון יענע ליידן,
וואָס מיט א פּיל פון וואַלידאָל
מע קאָן א ביסל זיי פאַרמיידן?

דורך טײַכן שפּאַנט,
דורך בערג עס גייט,
דורך קאָנטינענטן און דורך יאַמען,
ווו נאָר אָן אוולע — איז עס גרייט
זיך זאָרגן מיט דער וועלט צוזאַמען.

א ריס.
א שטויס אונטערן דיך —
און ס'האַרץ ווערט מיטן בלוט דערוואָרגן...
וואָס טוסטו? קאָנסטו דען איין זיך
אַרײַנעמען אזויפיל זאָרגן?

פון זאָרגן יענע גיט די שמאַרץ
א גלי מיט פיבערדיקן צאַפּל.
ס'טוט וויי דאָס האַרץ,
ס'טוט וויי דאָס האַרץ,
עס ווערט ניט רויִקער קיין קאַפּל.

איך בין אים מויכל

De mortuis nil nisi bene–
וועגן טויטע רעד אָדער גוטס, אָדער גאָרניט.
(א לאַטײַנישער אפאָריזם)

אזוי שוין פירט זיך פון לאַנגאָן,
און האַלטסט זיך בא די מידעס יענע,
וואָס אײַנגעשטעלט ס'האָט נאָך סאָלאָן:
„דע מאָרטויִס ניל ניסי בענע".

אפילע ווען דו האָסט געוווּסט
פון אים די ביטערסטע מינוטן,
דערמאָנען אלע מאָל דו מוזסט
אים ניט מיט שלעכטן — נאָר מיט גוטן.

פון דעמלט אָן און ביז אצינד
איז גילטיק דער פאַרבאָט: מע טאָר ניט!
די טויטע טאַדלען איז א זינד,
ווײַל האָבן קאָנסטו צו זיי שוין גאָרניט.

און ווען א צווייפל פאַרט דיך נעמט:
נו, מאַלע וואָס זיך פירט אין לעבן —
דיך טאַדלען פלעגט ער אומפאַרשעמט,
און איצט דו ווילסט אים אלץ פאַרגעבן?

ווען ס'גייט אין אייביקײַט אוועק
א מענטש, וואָס האָט דיך אָפט באַליידיקט,
דו ביסט אים מויכל, וואָס ער פלעג
פאַרשאַפן דיר אי צאַר, אי ווייטעק.

דו ווייסט שוין ניט, צי גוט, צי ניין
דו טוסט, — ס'א גנאָד צי א פאַרברעכן?
נאָר ס'קומט דער אלטער גריך צו גיין
און לאָזט ניט זײַן געבאָט פאַרשוועכן.

מיכל פאַרט אוועק

און נאָך אַ נײַס: מיכל פאַרט טאַקע אוועק...
(פון אַ בריוו)

פון יענע ווײַטן, פרעמדע ווײַטן,
ווהין דו ביסט אוועק נאָך גליק,
דעם גורל, ווי דו זאָלסט ניט בײַטן —
איז מער ניטאָ קיין וועג צוריק.

און דו וועסט בענקען, דו וועסט בענקען
נאָך אָט דעם וואַלד, נאָך אָט דעם פעלד,
וואָס פלעגן אַלע מאָל דיר ברענגען
אַזויפיל אויצרעס פאַר דײַן וועלט.

עס וועט דיר פעלן, ס'וועט דיר פעלן
דער שניי, וואָס ליב געהאַט דו האָסט,
די שויב, אויף וועלכער ס'האָט געמעלן
געמאָלט מיט בײדע הענט דער פראָסט.

דו וועסט אים זוכן, וועסט אים זוכן —
דעם קוואַל, וואָס האָט דײַן דאָרשט געשטילט,
וואָס איין מאָל נאָר פון אים פאַרזוכן —
דעם טעם ביז לעצטן טאָג מע פילט.

עס וועט דיך ציִען, ס'וועט דיך ציִען
צו יעדן גרעזל, יעדן זאַנג,
וואָס פלעגן אין קאַיאָר אין פריִען
מיט טוי דיך פאָיען יאָרנלאַנג.

פון יענע ווײַטן, פרעמדע ווײַטן,
ווהין דו ביסט אוועק נאָך גליק,
דעם גורל, ווי דו זאָלסט ניט בײַטן —
איז מער ניטאָ קיין וועג צוריק...

סוווענירן

אין לאָנדאָן זײַנען אין דער מאָדע זאַכן, וועלכע האָבן געהערט די געוועזענע פאַשיסטישע פאַרברעכער.

(פון די צײַטונגען)

פאַרפּלייצט אַלע גאַסן, אין רויש יעדער האָל איז —
מע נישטערט, מע זוכט צווישן אוילעם באַלאָנים,
אין סיטי, אין הײַד־פּאַרק מע שלעפּט פאַר די פּאָלעס,
מע ציפּט פאַר די אַרבל, מע וואַרפט אײַך אין פּאָנעם.

רעקלאַמע, רעקלאַמע, רעקלאַמע, רעקלאַמע!
וואָס שטייט איר? וואָס וואַרט איר? אָט איז זי דערנעבן,
די סכוירע די בעסטע, די נײַטיקסטע סאַמע —
פּונקט יענע, וואָס קאָן פאַרגעניגן אײַך געבן.

דער ווימפּעל פון גערינגס אויטאָ ניט געפעלט אײַך?
געפּלאַטערט ער האָט אַפן ווינט אין אַשוויענטשים!
איר ווייסט סײַוויסיי ניט, וואָס טאָן מיט די געלטער —
אײַנגאַנצן פאַר טויזנט פונט סטערלינג, און נעמט אים!

רעקלאַמע, רעקלאַמע, רעקלאַמע, רעקלאַמע!
עס שווימען אַרויס די פּלאַקאַטן פון נעפּל:
איר קאָנט נאָך פאַרזאַמען! איר קאָנט נאָך פאַרזאַמען —
פון הימלערס טאַכטוינים ס'פּאַרקיפּט זיך אַ קנעפּל!

און היטלערס אַ פּלאַט מיט מעטורעפע רעדעס.
און געבעלסעס בריוו צו אַ קרוויווע אַ ווײַטער —
און ברענגט עס אַהיים, און אַ שמעק טאָן אײַך וועט עס
מיט רויך, מיט געפּרעגלטס פון מענטשישע שײַטערס.

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

נאָר, לעדי ענד דזשענטלמען, לאָרדן און פּערן,
אַ שאָד איז פונדעסטוועגן אײַער וואַליוטע:

איר זאָלט פונעם מיסכער פאַראָרעמט ניט ווערן,
איז עפשער אײַך געבן אן אייצע א גוטע?

וואָס דארפט איר זיך אויסברענגען, נעבעך, אזויפיל,
אז אויצרעס איר קאָנט אויך אין ענגלאנד געפינען,
דעריקער — אומזיסט, און פארשפּאָרן צו קויפן.
פארקערט, אף א נאָווינע קאָן מען פארדינען.

די הענט אין די גראָבײַזנס קלאַמערט אײַן פעסטער,
און טוט זיך א גראָב ערגעץ נאָענט, דערנעבן:
אין קאָוועטרי פּרוווט, צי אין לידס, אין מאנטשעסטער —
און ס׳ווערן רעליקוויעס באלד אײַך געגעבן.

פון נאצישער באָמבע — א פּרעכטיקער שפּליטער,
א שיכל א קינדערשס, א צאָפּ פון א מיידל:
באוויזן זי האָט ניט צו געבן א ציטער —
דער נאצישער פלי̅ער געארבעט האָט איידל!

א שטיק פאַרצעלײַ — נאָך בימיי די טשארטיסטן,
א פרעסקע פון טעמפּל, וואָס ליגט אין רוינען —
ווי איבערגעלאָזט מ׳האָט דאָס אלץ דאָ אומיסטן,
מע זאָל ניט פארגעסן — ס׳זאָל בלײַבן א סימען...

דעם גראָבײַזן — טיפער! ניט זשאלעוועט קויכעס!
ער גייט ניט? ער וויל ניט? — די לאָמען אהערצו!
אמאָל, קעדיי ניכטערער מאכן די מויכעס,
מע מוז זיך מאטריעך זײַן — טאקע א קרעכץ טאָן!

אָט דאָ! טרייסלט איבער א מעטער נאָך מעטער —
און וויפל דאָס הארץ גלוסט זיך נעמט סוווענירן!
די לאָמען אפילע זיך ברעכן? וואָס רעדט איר!
אנו, עקסקאוואטאָרס אהער ברענגט צו פירן!

רײַסט אוף דעם אספאלט, מיט די וואָרצלען — די ביימער!
און ציגל נאָך ציגל — די הײַזער, די בריקן!
ארויסשארן וועלן זיך מענטשלעכע ביינער?
ס׳איז אויך א רעליקוויע — ס׳הארץ צו דערקוויקן!

וואָס לויפט איר? אָ, יאָ, גאָר פארגעסן מיר האָבן,
אז אנדערע סכוירעס אצינדער אײַך רעגן:
איר האָט שוין פון לאנג דעם זיקאָרן באגראָבן,
און אויך מיט קיין אטאָם־קראפט אים ניט דערוועקן!

רעקלאמע! רעקלאמע! שאפט אײַן סוווענירן!
ניט זײַד און ניט סאמעט, ניט ראָזשינקעס־מאנדלען,
וואָס בריטישע שיפן צום ברעג פלעגן פירן...

...אז אָך און אז וויי צו אײַך מיט אזא האנדל!

בער האלפערן

די פאָטאָגראפיע

1

ווען ער האָט צוזאמענגעקליבן אלע פאָטאָגראפיעס און שוין אפילע זיך אײַנגעשאפן אן אלבאָם אף זיי פאנאנדערצולייגן, האָט ער זיך געכאפט, אז עס פעלט אים איינע, עפשער די סאמע וויכטיקסטע. דאכט זיך וואָס, מיט איינער מערער, מיט איינער ווייניקער, וואָס איז די נאפקעמינע? נאָר יאנקל לאנגפוס האָט זיך אײַנגעשפּארט: ער דארף דאפקע האָבן יענע פאָטאָגראפיע — אָן איר פעלט די סאמע וויכטיקסטע רינג און, אויב ער וויל אף דער עלטער האָבן א פולקאָם בילד פון זײַן לעבן, דארף ער אומבאדינגט האָבן יענע, די, וואָס פעלט.

ווען א בוים אורטיילט מען לויט זײַן קווערשניט. יעדער קרײַז אינעם קווערשניט אנשפּרעכט א געוויסן פּעריאָד פון זײַן לעבן. נאָר אויב בא א בוים זײַנען אלע קרײַזן גלײַך, איז עס בא א מענטשן גאָר ניט אזוי: דאָ איז איין קרײַז ניט ענלעך צום צווייטן.

אָט די פאָטאָגראפיע, ווען וועלכער דער אלטער לאנגפוס האָט זיך איצטער פארקלערט, באַטײַט אן איבערברוך אין זײַן לעבן.

...געלעבט האָט אין א קליין שטעטל א גאָטספאָרכטיק ייִנגל, וואָס איז, ניט איבערקלערנדיק און ניט גריבלענדיק זיך, געגאנגען דעם וועג, וועלכן די עלטערן און זיידעס האָבן אויסגעטאָפּטשעט פאר אים. ער האָט זיך ביז א געוויסער צײַט גאָר ניט געקאָנט פאָרשטעלן אפילע, אז ס׳איז מעגלעך אן אנדער וועג. און דאָ האָט פּלוצעם דאָס ייִנגל מוירעד געווען: אופגעהערט צו דאווגען, זיך ארויסגעדרייט פון גיין שאבעס מיטן טאטן אין קלויז און ביכלאל מיט דער גאנצער אופירונג זײַנער באהויפּטעט זײַן זעלבשטענדיקײַט. געשען איז דאָס קורץ נאָך זײַן בארמיצווע, ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען אין דער נײַ־געעפנטער ייִדישער פאָלקס־שול. די דאָזיקע פאָלקס־שול איז געווען א נײַס אינעם שטעטל. לעהייפּעך צו דער אלטפרענקישער טאלמעטוירע, איז זי געווען א מער־ווייניק מאָדערנע וועלטלעכע שול. דער פעטער לייבל, דער מאמעס ייִנגערער ברודער, האָט, זיצנדיק בא זיי אין שטוב און טרינקענדיק א הייסע גלאָז טיי, שפּאסנדיק געטײַנעט:

— אן איידל ייִנגל איז אײַער יאנקעלע: קאָלזמאן ער האָט געלעבט אפן טאטנס כעזשבן, האָט ער אָפּגעהיט אלע גאָטס דינים. נאָר נאָך דער בארמיצווע, אז ער האָט געעפנט אן אייגענע קאָנטע בא גאָט און זײַנע כאטאָיִם פאלן שוין ניט אפן טאטן, נאָר אף אים, טוט ער זיך, וואָס ער וויל. — און מיט א כיטרע שמייכעלע צו יאנקעלען: — האָסט ניט מוירע פארן גענעם, יאנקעלע?

דער טאטע איז געזעסן מיט אָנגעכמורעטע ברעמען, די מאמע האָט מיט פארליבטע אויגן געקוקט אף לייבלען — זי האָט שטארק געהאלטן פון איר געבילדעטן ייִנגערן ברודער — און יאנקעלע האָט א פארויטלטער ניט געוווּסט, ווּ די אויגן אהינצוטאָן: ער האָט געשפּירט אין די שפּאסיקע רייד פונעם יונגן פעטער א באגיטיקונג פון זײַנע נײַע דראָכים.

אין יענער צײַט, אין אָנהייב פונעם לערניאָר, האָט מען אין א זוניקן טאָג ארויסגעפירט דעם גאנצן קלאס אין הויף און אפן פאָן פון דער שול־געבײַדע געמאכט א פאָטאָגראפיע. יאנקל לאנגפוס געדענקט זייער גוט די פאָטאָגראפיע: אינמיטן זײַנען געזעסן דער לערער און די לערערקע, צו וועלכער ער, יאנקעלע, איז געווען זייער צוגעבונדן און וועלכע האָט אים שפּעטער ארײַנגעצויגן אין אומלעגאלן קאָמיוג. הארט לעבן דער לערערקע איז געזעסן ער, יאנקעלע, דאָס ייִנגל מיט די ספּריטנע אויגן, וועלכער האָט שוין געהאט אן „אייגענע קאָנטע” בא גאָט און האָט שוין אָנגעהויבן צו גיין זײַן אייגענעם וועג.

און נאָך דערמאָנט ער זיך: הינטער אים, אין דער צווייטער ריי, איז געשטאנען צאלקע. דער שטילער, גוטער צאלקע, וואָס איז אים געווען טרײַ און איבערגעגעבן, ווי קיינער. צאלקע איז געשטאנען מיט איין האנט ארויסגעלייגט אַף יאנקעלעס אקסל, און די דאָזיקע פּאָזע האָט באטײַט אי איבערגעגעבנקײַט, אי פארערונג צו אים, יאנקעלען, וועלכער איז פאר צאלקען געווען אן אָפּגאָט. יאנקעלע האָט געוווּסט: וואָס מיט אים זאָל ניט זײַן, וועט צאלקע שטענדיק שטיין בא זײַן זײַט און מיט מעסירעסנעפעש אים פארטיידיקן.

יאנקעלע פלעגט אָפט ארײַנגיין צו צאלקען. בא זיי איז געווען א גאָטספאָרכטיקע שטוב, א ציכטיקע און נאַיִוו־נעשאָמעדיקע. עס האָט דאָרט געשמעקט מיט כיילעוו פון די שאבעסדיקע ליכט אין די מעשענע לײַכטער, מיט געפילטע פיש, מיט דער באָבעס כאלע, מיט עפּעס אן אײַנגעשטעלטער טמימעסדיקער ייִדישקײַט, וואָס ציט זיך פון זיידעס און באָבעס. אין יאנקעלעס שטוב, פונקט ווי אין די מערסטע הײַזער פון זײַנע באקאנטע, איז אויך געווען ייִדישקײַט, נאָר דאָס איז שוין געווען א צעטרענצלטע ייִדישקײַט, אָן דעם אינערלעכן גלויבן, און דערפאר האָט פון איר אָפטמאָל געטראָגן מיט צוויִעס און צווייפּנעמדיקײַט. אין צאלקעס שטוב האָט זיך געוואָלט ריידן בעלאכאש און קיין גראָב וואָרט איז ניט געקראָכן אַף די ליפּן.

און טאקע צוליב אָט דער „ייִדישקײַט” זײַנען זיך שפּעטער זייערע וועגן פאנאנדערגעגאנגען. צאלקע איז געווען מיט זײַן גאנצער ריינער קאָשערער נעשאָמע איבערגעגעבן יאנקעלען, נאָר גיין אין זײַנע „גאָטלאָזע” וועגן האָט ער ניט געקאָנט. וואָס יאנקעלע האָט אין אים ניט ארײַנגעטײַנעט, האָט ניט געהאָלפן. אַף דער גאנצער לאָגישער ארגומענטאציע, וואָס יאנקעלע האָט אים מיט דער היציקײַט פון א נײַ־אויסגעבאקענעם אפּיקוירעס אונטערגעטראָגן, האָט צאלקע געשאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, ער פארשטייט עס. נאָר דעם נעקסטן שאבעס האָט יאנקל ווידער געזען צאלקען, ווי ער שפּאנט מיטן טאטן און די צוויי קלענערע ברידער סטאטעטשנע אין קלויז.

שוין צוליב צאלקען און דער לערערן דארף ער האָבן די פאָטאָגראפיע.

צו דער לערערקע איז ער געווען צוגעבונדן, ווײַל זי האָט פאר אים געעפנט א נײַע וועלט און די אומגעצוימטע פרייד, מיט וועלכער ער האָט זיך ארײַנגעוואָרפן אין אָט דער וועלט, וואָס האָט פאָרויסבאשטימט זײַן געפיל צו אָט דער יונגער לערערקע. ווי ער פארשטייט איצטער, איז צום דאָזיקן געפיל געווען צוגעמישט אין א היפּשער דאָזע אויך זײַן נאָך ניט דערוואכטער, נאָר שוין שפּראָצנדיקער מענערישער געפיל. ייִנגלעך אין דעם עלטער ציִען זיך אָפט און פארגעטערן פרויען, א סאך עלטערע פון זיי.

די דאָזיקע לערערן, די צארטע, די יונגע, איז שפּעטער ארײַנגעפאלן אין טורמע און האָט דאָרט אויסגעהויכט איר נעשאָמע.

צאלקע, דער טרײַער קאָשערער צאלקע, מיט זײַן נאַיִוון גאָט אין הארצן, איז שפּעטער געפאלן אַפן פראָנט.

יאנקל לאנגפוס קוקט נאָכאמאָל דורך די פאָטאָגראפיעס, וואָס ער האָט געגרייט פארן אלבאָם. דאָס ביסל פארמילכאָמעדיקע פאָטאָגראפיעס, וואָס ער פארמאָגט, האָט ער צו פארדאנקען זײַן פארשטאָרבענער מומע, פון וועלכער ער האָט זיי געיארשנט. דאָס זײַנען אלטע, אויסגעבלייכטע פאָטאָגראפיעס מיט שטעמפּלען פון אלטע פירמעס. די שטעמפּלען האָבן זיך געביטן, נאָר די הילצערנע פיגורן פון די מענטשן זײַנען געבליבן די זעלבע. פארשטיינערטע, ניט־שמייכלענדיקע פּענעמער, מיט ייִראס־האשאָמאיִמדיקע אויגן. די מענער פון עלטערן דאָר — אַפן שפּיץ קאָפּ א פרומע זײַדענע יארמלקע, בא אלע אָן אויסנאם פרויען — לײַכטע פאטשיילעס אַפן קאָפּ. די הענט בא אלעמען ליגן סטאטעטשנע אַף די קני.

די נאָכמילכאָמעדיקע פאָטאָגראפיעס זײַנען מערסטנטייל ליבהאָבערישע — דאָ ווארפט זיך זעלטן דורך א פאָטאָ פון אן אטעליע. די יארמלקע, די פאטשיילע איז פארשוווּנדן. די פּענעמער זײַנען דאָ ניט אזעלכע פארשטיינערטע, ס'טרעפט זיך אָפטער א שמייכל, אמאָל א פארלעגענער, אמאָל א זעלבסטצופרידענער. פאָטאָגראפיעס פון אים, יאנקלען אליין, זײַנען דאָ זייער ווייניק, ער האָט ניט ליב געהאט זיך צו פאָטאָגראפירן. סראָוו פאָטאָגראפיעס, וואָס ער האָט, זײַנען קאָלעקטיווע: אַף דער ארבעט, אין פּרעזידיִום פון א פארזאמלונג און אזוי ווײַטער. דאָס איז גוט. דאָס פארבינדט אים, דעם דעמלטיקן, מיט דער צײַט, מיט מענטשן. יעדע פאָטאָגראפיע — דער קווערשניט פון א בוים, זײַן אָפּשפּיגלונג אין דער געגעבענער צײַט...

אָבער ווו איז יענע פאָטאָגראפיע, ווו ער, א יונג מיט ספּריטנע אויגן, רײַסט זיך צו דער ברייטער ליכטיקער וועלט, וואָס האָט זיך דעמלט, מיט איין שווונג פון א קישעף־שטעקעלע, אנטפּלעקט פאר אים?

מע דארף א זוך טאָן בא די אמאָליקע כאווירים. זיי זײַנען ווייניק, גאָר ווייניק פארבליבן...

2

— די פֿאָטאָגראַפֿיע, הייסט עס, האָ? — אָשער גאַרפֿונקל זאָגט עס מיט אַ פּאַנפּעוואַטער שטים און קוקט פּאַרדעכטיק אויף לאַנגפֿוסן. אים לייגט זיך ניט אַפּן סייכל, אַז יענער דאַרף די פֿאָטאָגראַפֿיע סטאַם אַזוי און כּאַלעשט צו דערגיין דעם סאַד, וואָס שטעקט הינטער דער מאָדנער ביטע.

ער האָט שוין עטלעכע מאָל אויסגעפּאַנפּעט די פֿראַגע, שוין אַ פּאָר מאָל געמאַכט דעם אָנ־שטעל, אַז ער זוכט און געפֿינט ניט, זיך ווי־דער געזעצט צום טיש און ווײַטער געוואָרפֿן פֿאַרשרעישע בליקן אויף זײַן געוועזענעם כּאַווער. דער בליק זײַנער פֿון אונטער די געדיכטע גראָווהאָריקע ברעמען איז אַ כּיטרער, ער באַ־טײַט: „קאָנסט אָפּנאַרן וועמען דו ווילסט מיט דײַן טמימעסדיקער ביטע, אָבער באַ מיר וועט אָט דער נומער ניט דורכגיין. איך וועל שוין דערגיין, וואָס דאָ שטעקט".

לאַנגפֿוס האָט שוין אַ פּאָר מאָל זיך אופֿגע־הויבן, קעדיי אוועקצוגיין, נאָר דער באַלעבאָס לאָזט ניט:

— פֿאַרשטייסט, יאָשע, באַ מיר איז ניט לאַנג געווען אַ רעמאָנט. אַלץ איז איבערגעקערט גע־וואָרן מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרוף. אָט וועל איך נאָך אַ זוך טאָן אין יענעם צימער.

— אַ גרויסע דירע באַ דיר, — וווּנדערט זיך לאַנגפֿוס. ער געדענקט שוין ניט די צײַט, ווען ער איז געווען באַ זײַן געוועזענעם כּאַווער.

— וואָס טויג מיר, וואָס זי איז אַ גרויסע, — מורמלט גאַרפֿונקל, — ניט אַלץ, וואָס גלאַנצט, איז גאָלד, לעמאָשל: אַ ליסינע. אַלץ איז דאָ אַלט, די איווונס רויכערן...

די דירע איז ווירקלעך אַ גרויסע, מיט אַ סאַך צימערן, און אַן אומגעלומפּערטע, ווי סע טרעפֿט אָפֿט אין גאַר־גאָר אַלטע הײַזער. קענטיק, צען מאָל אַן איבערגעבויטע און איבערגעפּלאַנירטע, מיט קרומע קאָרידאָרן און מיט פֿינצטערע אַל־קערס, צו וועלכע עס פֿירן הילצערנע צע־טרענצלטע טרעפּלעך. ביכלאַל איז דאָס אַלץ ענ־לעך אויף אַ קרעטשמע, ווו ס'לעבן ניט נאָר די באַלעבאַטים, נאָר ס'דרייען זיך שטענדיק אַרום פֿרעמדע מענטשן. די מישפּאָכע אַליין איז אַ גרויסע — זין און שניר, טעכטער און איידעמס און צו זיי — אַ היפּשער נאָכוווּקס פֿון אייניק־לעך. אויסער זיי האָבן אין שטוב זיך שטענדיק אַרומגעדרייט אַנגעפּאַרענע מענטשן: ווײַטע קרויווים אָדער סטאַם באַקאַנטע פֿון פּראָווינץ, וואָס זײַנען געקומען אין שטאָט דערליידיקן עפּעס אַן איניען; אַ מיידל, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון איר שטעטל זוכן אַ שידעך; פּרויען און מאַנצבלען, וואָס זײַנען געקומען זוכן עפּעס אַ דעפֿיציטע סכוירע; מיט אַלעמען

האָט דער באַלעבאָס געשמועסט, אין אַלעמענס איניען אַרײַנגעדרונגען, געגעבן סאָלידע זאַכ־לעכע אייצעס, אַלעמען געהאָלפֿן, און טאָמער האָט עמעץ פֿון די אָנגעפּאָרענע ניט געהאַט ווו איבערצונעכטיקן, האָט זיך שטענדיק געפֿונען אַן אַלקער, אין וועלכן עס שטייט אַ הילצער־נער טאַפּטשאַן מיט אַ לאַנג ניט געלופֿטערטן מאַטראַץ.

אין קיך מיט דער הילצערנער אויסגעריבע־נער פּאָדלאָגע האָט שטענדיק געברענט אַ פֿײַער — אויף דער גרויסער פּליטע האָבן גע־זאָטן טשײַניקעס און טעפּ. מענטשן, אייגענע און פֿרעמדע, זײַנען אַרײַנגעגאַנגען, זיך אָנגע־גאָסן טיי, אָדער געגומען וואָס פֿון די טעפּלעך און דאָ גופֿע זיך צוגעזעצט צום גרויסן טיש. דאָ איז שטענדיק געווען אַ יאַריד: עמעצער איז געקומען פֿון דער אַרבעט איבערכאַפּן אַ ביסן, עמעצער האָט געאײַלט צום וואָקזאַל און נאָך עמעצער האָט סטאַם פֿון לאַנגווײַל זיך אָנגע־גאָסן אַ גלעזל טיי און זיך צוגעזעצט צום טיש כאַפּן אַ שמועס.

דורכן צימער, אין וועלכן ס'זײַנען געזעסן לאַנגפֿוס מיטן באַלעבאָס, האָט זיך דורכגע־טראָגן אַ כאַפּטע ייִנגלעך פֿון שול־עלטער, וועלכע האָבן מיט היץ גערעדט צווישן זיך וועגן עפּעס אַן עקספּערימענט, וואָס זיי גייען מאַכן אין עקסטן צימער. דער באַלעבאָס האָט זיי נאָכגעשריִען, זיי זאָלן זיך סטאַטעטשנע אופֿירן און נאָר ניט מאַכן קיין אופֿרײַס. אין אַ צווייטן צימער האָבן באַכערים פֿון סטודענטישן עלטער געשפּילט אין שאָך. פֿון דאָרט האָבן זיך געהערט קורצע אויסגעשרייען און דער קלאַפּ פֿון די הילצערנע פֿיגורן אויפֿן ברעט. דער באַלעבאָס איז שוין אויך אַ פּאָר מאָל אַרײַנגע־גאַנגען אַהין, געגעבן, מע זאָל זײַן שטילער און פֿאַרייִנסוועגן אַרויסגעזאָגט זײַן מיינונג וועגן דער לאַגע אויף דער שאָך־ברעט.

— מאַזיקים, — האָט ער זיך קלוימערשט גע־בייזערט, אָבער אינדערעמעסן געקוואָלן, — ניט קיין מעלופֿן־קינדער, די הײַנטיקע... האָ? סט'גע־זען? אײַ, אײַ, אײַ, ווו נעמט מען די יונגע יאָרן? ווי זאָגט מען עס: ניטאָ דער פֿערד־און־וואָגן, וואָס זאָל די יונגע יאָרן דעריאָגן...

לאַנגפֿוס האָט ווידער געמאַכט אַ פּרוּוו זיך אופּצוהייבן, נאָר דער באַלעבאָס האָט אים ניט געלאָזט: אָט וועט ער נאָך אַרײַנגיין אין יענעם אַלקער. עפּשער וועט ער דאָרטן געפֿינען.

צוריקגעקומען, זעצט ער זיך צו צום טיש, קוקט אַ ווײַלע כּיטרע אויף לאַנגפֿוסן און זאָגט:

— איך פֿאַרשטיי, צו וואָס דו דאַרפֿסט די פֿאָטאָגראַפֿיע. דו שרײַבסט אַ בוך! מע־מור־אַרן! — ציט ער מיט פֿאַרגעניגן אויס דאָס אומ־

געווײנלעכע וואָרט און שטעלט אויס דעם גראָבן פֿינגער אַלס צייכן פֿון עפּעס גרויס, וואָגיקס.

לאַנגפֿוס פּראָטעסטירט, וואָס איז ער און ווי קומט ער צו שרײַבן אַ בוך. נאָר דער באַלעבאָס הערט אים ניט און בראָקט דאָס זײַניקע:

— און פֿאַרוואָס זאָלסטו טאַקע ניט שרײַבן אַ בוך? ביסט געווען אַ קעמפֿער נאָך אין דער אומלעגאַלער פּאַרטיי, געזעסן אין טורמע באַ סמעטאָנען[1]. שפּעטער פֿאַרנומען הויכע פּאָסטנס. אוודאי, אוודאי דאַרפֿסטו שרײַבן אַ בוך. קלענערע פֿון דיר זײַנען שוין אַרויס מיט ביכער. ווען מע גיט שיִשי, ווען מע גיט מאַפּטיר...

— ניין, ניין, וועגן קיין בוך קלער איך גאָרניט. איך דאַרף זי סטאַם אַזוי.

נאָר אָשער גאָרפֿונקל האַלט, אַז ער האָט שוין געכאַפּט דעם טאַמציס און דאָס, וואָס יענער לייקנט, איז עס פֿון באַשיידנקייט.

— ...און דו ווילסט, הייסט עס, אין דײַן בוך אַרײַנכאַפּן אויך די פֿאָלקס־שול אונדזערע. פֿאַרוואָס ניט? כ'לעבן, אַ גלײַכע זאַך. ס'איז דאָך געווען אַ פּראָגרעסיווע שול. מיט פּראָגרעסיווע אידייען... כ'וועל אַ זוך טאָן, כ'וועל אַ זוך טאָן. — אײַלט ער זיך צוצוגעבן, זעענדיק די אומגעדולדיקע באַוועגונג פֿון לאַנגפֿוסן. — זי דאַרף זײַן באַ מיר. איך בין דאָך אויך געווען אַף דער פֿאָטאָגראַפֿיע...

— נו, יאָ, פֿאַרשטייט זיך, דו ביסט דאָרטן געווען. אין דער אייבערשטער ריי, דאַכט זיך.

פֿאַר לאַנגפֿוסעס אויגן שווימט אויף דער אַמאָליקער אָשערקע — אַ פּוכקער, שלאַבעריקער יאַט, וואָס האָט אויסגעזען אַ ביסל פֿאַרשלאָפֿן, אָבער אינדערעמעסן איז ער געווען אַ פֿלינקער, אומעטום באַוויזן, ווו צוויי איז ער אַ דריטער. אַף די האַפּסאָקעס האָט ער שטענדיק געהאַלטן אין האַנט אַ ווײַסע בולקע און געקײַט. טאָמער פֿלעגט די בולקע אַראָפּפֿאַלן אַף דר'ערד, פֿלעגט ער זי אַ שמיר טאָן מיטן אַרבל און ווײַטער קײַען. דערבײַ האָט ער שטענדיק עפּעס־וואָס געטאָן: געשפּילט אין פֿעדערן, עפּעס־וואָס געקויפֿט און פֿאַרקויפֿט, זיך געביטן מיט מאַרקעס. אַ הענדלערישע נעשאָמע שוין דעמלט געווען. שפּעטער טאַקע געוואָרן אַ סויכערל, אָבער, ווי לאַנגפֿוס האָט געהערט, האָט ער מיט אַלע זײַנע סאָכרישע טאַלאַנטן קיין גליקן ניט געמאַכט. קוים זיך דורכגעשלאָגן מיט דער כאַיונע. געווען פֿון די סאָכרים, אַף וועלכע מע פֿלעגט אין ווילנע זאָגן: „נעמט אַרויס אַ שויב אין אַנטאָקאָל און שטעלט אַרײַן אין שניפּישאָק"[2]. איצטער, אין די סאָוועטישע באַדינגונגען, מאַכט ער אַ כאַיונע בעהאַרכאָווע און לעבט זיך גאָר־גאָר ברייטלעך.

— ביסט שוין אַף פּענסיע, אָדער אַרבעטסט נאָך?

— אַף פּענסיע, אַף פּענסיע. דעם קערן האָב איך שוין. איך האַלט, זיבעציק איז דער קערן און וואָס ווײַטער, איז שוין געשאָנקען. איך בין אַף פּענסיע, נאָר אַרבעט אַ ביסל אויך... אונדזער פֿאַך, די פֿאַרזאָרגונג... ווייסט דאָך אַליין... דאָ דאַרף מען זײַן אַ קינסטלער... אַניט שטעלט זיך אָפּ די אונטערנעמונג... איז אין שווערע פֿאַלן דאַרף מען אונטערשטעלן אַ פּלייצע... די יונגע האָבן נאָך ניט די נייטיקע דערפֿאַרונג... ווייסט דאָך: אַן אַלטער ברעכט און אַ יונגער בויט איז נאָך ניט גלײַך.

יאָ, אָט דאָס איז ער. אָט דער מענטש מיטן שווערן שלאַבעריקן גוף און ניט ריינעם געשפּרענקלטן פּאָנעם האָט געפֿונען זײַן טיקן. די ברייט פֿאַנאַנדערגעשטעלטע אויגן גיבן אים צו דעם אויסזען פֿון אַ דענקענדיקן מענטשן. נאָר לאַנגפֿוס ווייסט, וועגן וואָס ער דענקט. אַ הײַנטצײַטיקער וואַריִאַנט פֿונעם אַמאָליקן מענאַכעם־מענדל. אַ ריטער פֿון פּרינציפּ פֿון מאַטעריעלער פֿאַרינטערעסירונג. אַ פּיִאָנער פֿון דער שמאַלציקער פֿילאָסאָפֿיע: „איך — דיר, דו — מיר". פֿון די מענטשן, וואָס פּאַסן זיך צו צו אַלע באַדינגונגען און לעבן ווי גאָט אין אָדעס. מיסטאָם איז ער ניט קיין זשוליק, ניט קיין שווינדלער, ער פֿאַרשטייט נאָר אויסצוקלײַבן דאָס אָרט, ווו ער קאָן צוניץ קומען און וואָס קומט אים צוניץ.

לאַנגפֿוס טראַכט: צי מענאַכעם־מענדל איז געווען אַ גוטהאַרציקער מענטש, איז ניט קלאָר. ער איז געווען אַ צו גרויסער אָרעמאַן, ער זאָל קענען אַרויסווײַזן גוטהאַרציקײַט, אויב ער האָט עס אַפֿילע פֿאַרמאָגט. אָבער אָשערל גאָרפֿונקל, וואָס פֿאַרדינט גוט און לעבט אין ווילטיק, איז בעפּיירעש אַ גוטהאַרציקער און לײַטזעליקער מענטש. ער טוט טויוועס מענטשן, איבערהויפּט האָט ער האַלט צו פּראָטעזשירן די מענטשן, וואָס קומען פֿון פּראָווינץ. ער האַלט זיי וואָכנלאַנג אין זײַן שטוב, לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט אײַנצוּאָרדענען זייערע איניאָנים, נוצט פֿאַר זיי אויס אַלע זײַנע פֿאַרבינדונגען. און דאָס אַלץ טוט ער אומזיסט, אָן שום נוצן פֿאַר זיך. זײַן אייגנציקער לוין איז, וואָס ער קריכט אַרײַן אין יענעמס איניאָנים, ער האָט עס מעסוקן האָלט, מאַמעש ווי אַ ייִדענע.

— וואָס איז געוואָרן מיט דעם מיידל פֿון אונדזער שטעטל? אָט די, מיט די פֿאַרווײנטע אויגן, וואָס האָט באַ דיר געלעבט, געדענקסט?

— אָ! — ווערט אָשער גאָרפֿונקל אַ לעבעדיקער. — דאָס איז דאָך זעלדע... זשעניע, ווי זי

[1] דיקטאַטאָר אין דער בורזשואַזער ליטע.
[2] אַנטאָקאָל, שניפּישאָק — פֿאָרשטעט אין ווילנע.

רופט זיך איצט. אן אייניקל פון אונדזער אמאַ־
ליקן כאַזן אוורהם ריקלעס, געדענקסט? איר
טאַטע איז אַ גוטער זינגער, אַרבעט אַלס פאַר־
וואַלטער פונעם שטעטלשן קלוב און איז נאָך
אַ מוזיק־לערער אויך. פאַרדינט זייער גוט. זײַן
טאַטן, דעם כאַזן, האָט זיך גאַרניט געקאָנט כאַ־
לעמען, אַז מיט זינגען קאָן מען מאַכן אַזאַ לעבן.
אָבער די טאָכטער זײַנע, זעלדע, איז נעבעך
פאַרזעסן געוואָרן אין שטעטל, ניט געקאָנט זיך
צושלאָגן צו אַ טאַכלעס. שוין געוועזן פון „מאַ
ליאַט"... פאַרשטייסט? „מאַ ליאַט" — זי האָט
שוין יאָרן... געקומען אהער, געקלאָגט, געיאָ־
מערט: פעטער... וואָס פאַר אַ פעטער בין איך
איר? אַזאַ פעטער, ווי דו. פעטער, בעט זי זיך,
ראַטעווע! נו, איז זי באַ אים אָפּגעזעסן וואָכן.
איך, מײַן פלוינעסטע, מיר האָבן געקערט
וועלטן. ס'איז אָבער ניט אַזאַ לײַכטע זאַך. אַ
שטאַרק פאַרזעסן מיידל און נאָך דערצו אַ
קלאָגמוטער. דאַפקע ניט קיין מאַליאַטער... גע־
דענקסט, וואָס מע פלעגט זאָגן אַף מאַליאַטער
מיידלעך? אַ מאַליאַטער מיידל לאַכט נאָך איי־
דער מע קיצלט זי... און דאָס — אַ קלאָגמוטער.
ניט פאַר הײַנט געדאַכט. נו, זאָג אַליין, ווער
דאַרף הײַנטיקע צײַטן אַ טכינע־ייִדענע? איז
עס געגאַנגען מיט אַ סקריפּ. אָבער איך האָב
פאַרט אויסגעפירט: אָפּגעזוכט פאַר איר אַן אַל־
מען, ניט גאָר קיין אַלטן, אַ גוטן פאַרדינער.
אַרבעט אין אַ סקלאַד. מע דאַרף דאָך העלפן
אַן אייגענעם מענטשן, אַ לאַנדסמאַן, האַ, וואָס
זאָגסטו? געקאָסט האָט עס מיר אַ סאַך, אי גע־
זונט, אי געלט, אָבער דערפאַר פאַרדינט אַ
מיצווע. האַ, וואָס זאָגסטו? ס'וועט צוניץ קומען
אַף יענער־וועלט?

יאַנקל לאַנגפוס הייבט שוין אָן צו פאַרשטיין,
אַז ער פאַרלירט דאָ אומזיסט צײַט: אָשער גאָר־
פונקל איז ניט פון די מענטשן, וואָס זאָלן אָפּ־
היטן אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן עפּעס
אַ פאָטאָגראַפיע פון די קינדער־יאָרן.

אויך דער באַלעבאָס האַלט, אַז ער האָט שוין
„צעקײַט" זײַן כאַווער: יענער וויל אַרויסגעבן
אַ בוך, און צו אַזעלכע זאַכן האָט ער אַ קנאַפּן
אינטערעס. טיף פון האַרצן האַלט ער, אַז אַרויס־
געבן אַ בוך דאָס איז אַן איניען פון קאָוועד,
וואָס מע טיילט עמעצן צו, אַשטייגער, ווי מע
פלעגט אַמאָל צוטיילן אַן „אַליִע", אַ פעטן מאַפּ־
טיר אַ יוסטן באַלעבאָס. צו אַזעלכע זאַכן איז
ער גלײַכגילטיק.

— כ'וועל נאָך אַ זוך טאָן, — טרייסט ער
לאַנגפוסן, ווען יענער הייבט זיך אויף, — נאָר
די פאָטאָגראַפיע איז באַ מיר מאַשמאָעס ניטאָ.
באַ וועמען קענסטו זי אָפּזוכן? אַז עס איז דאָך
קימאַט קיינער ניט פאַרבליבן. מער ניט, ווי
הירשקע קאַגאַנסקי. פּרוּוו באַ אים. אַ מענטש
אַן אַקוראַטער, באַ אים איז אַלץ ווי אין פּאַ־
סעק שטייט... געדענקסט, די העפטן און די
ביכער זײַנען באַ אים געוועזן שטענדיק אײַנגע־
וויקלט אין ווײַס פּאַפּיר. איך טרעף זיך זעלטן
מיט אים. ניט פון מײַן בראַנזשע. ער האָט זיך
אַרײַנגעלאָזט אין געלערנטקײַט. נאָך דער מיל־
כאָמע זיך פאַרוואָלט ווערן אַ געלערנטער. גע־
דענקסט, ווי מע פלעגט אַמאָל זאָגן? אַז באַ אַ
באַלעגאָלע פּייגערט דאָס פערד, ווערט ער אַ
מעלאַמעד.

3

הערשל קאַגאַנסקיס דירע איז געוועזן פונקט
דער הייפּעך פון גאָרפונקלס: אַ הײַנטצײַטיקע,
אַ קליינע, אָבער באַקוועמע, אויסגעשטאַט מיט
מאָדערנעם מעבל און אַ זאָרגעוודיק אָרומגע־
זעענע.

— אַ, יאַשאַ! זיך שוין לאַנג ניט געזען. —
האָט קאַגאַנסקי באַגעגנט דעם גאַסט. — טו זיך
אויס, קום אַרײַן.

אין פירהויז האָט אַלץ געבלאַנקט, דער דיל —
אָן אַ שפּרענקל. דער גאַסט האָט זיך אַ קווענקל
געטאָן, נאָר די ציכטיקײַט האָט עס געפאָדערט:
ער האָט אויסגעטאָן די שיך. דער באַלעבאָס
האָט דערלאַנגט אַ פּאָר שטעקשיך. זיי זײַנען
אַרײַן אין אַ ניט־גרויסן צימער מיט ביכער־
שאַפעס באַ די ווענט און אַ קליינעם שרײַבטיש
באַם פענצטער — דער קאַבינעט פונעם באַלע־
באָס.

לאַנגפוס האָט אָן לאַנגע שׂיִעס געזאָגט, צו־
ליב וואָס ער איז געקומען. קאַגאַנסקי האָט זיך
ניט פאַרוווּנדערט, ניט נאָכגעפרעגט, צוליב
וואָס ער דאַרף דאָס, נאָר זיך פאַרטראַכט. זײַן
מאָגער ענערגיש פּאָנעם איז געוועזן באַוועגלאָז,
די אויגן אָנגעצילט אַפן אונטערשטן ווינקל פון
דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, וווּ הינטער די גלע־
זערנע טירלעך האָבן מיט גאָלדענע אויסיִעס
געגלאַנצט די בענדער פון אַן ענציקלאָפּעדיע.

— סאַכאַקל, האַ? — ער האָט אופגעהויבן די
אויגן און אַ טרויעריקן בליק געטאָן אַף לאַנג־
פוסן. („ווי אין נעשאָמע אַרײַנגעקוקט" — האָט
אַ קלער געטאָן לאַנגפוס). — דו אַרבעטסט שוין
ניט, האַ? און איך, זעסטו, אַרבעט נאָך. — ער
האָט הילפלאָז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט,
ווי ער וואָלט זיך אַליין געוווּנדערט אַף זיך,
וואָס ער אַרבעט נאָך. — ווען עס וואָלט געוועזן,
ווי אין ספּאָרט... לעצטנס איז דאָרט אײַנגעפירט
געוואָרן אַ קלאַל: מע ציילט די צײַט ניט, ווי

זי גייט, נאָר וויפל איז נאָך פאַרבליבן — צוואַנ־ציק מינוטן, נײַנצן מינוטן, אכצן און אַזוי ווײַ־טער. א גאָלדענער קלאַל — דאָס מאָבילעזירט די שפּילער, עס צווינגט זיי זיך אָנצושטרענגען, שאַפן דאָס אויסערסט מעגלעכע... ווען עס וואָלט אין לעבן אַזוי געווען, וואָלטן די מענטשן גע־לעבט פאַרנונפטיקער און בעסער אויסגענוצט זייער צײַט.

לאַנגפוס האָט פאַרשטאַנען, אז דעם מענטשן מוטשעט דער געדאַנק, צי ער דאַרף שוין וואַרפן די אַרבעט, צי ניט. קאַגאַנסקי האָט פאַרנומען אַן אָנפירנדיקן פּאָסטן אין זײַן אינסטיטוט, קיי־נער האָט אים ניט געצווּונגען אַוועקצוגיין אַף פּענסיע, און ווײַל ער האָט אליין געמוזט עס באַשטימען, האָט די פראַגע אים געמוטשעט.

— גאָט זאָל שוימער אומאצל זײַן, אַזאַ קלאַל זאָל אײַנגעפירט ווערן אין לעבן. קיינער וואָלט קיין זאַך ניט געטאָן און נאָר געקוקט אַפן זיי־גער.

קאַגאַנסקיס פאַרוואָלקנט פּאָנעם איז א ביסל לויטערער געוואָרן, א דינער סקעפּטישער שמייכל האָט באַרירט זײַנע דינע ליפּן.

— פריִער האָט מען געשעצט די אַלטע, אַלס די טרעגער פון דערפאַרונג. הײַנט איז עס ניט אַזוי. די אינפאָרמאַציע פון די טעכנישע וויסנ־שאַפטן איז אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז איין מענטש איז ניט בעקויעך אַלץ אַרומצוכאַפּן. א געלערנ־טער איז הײַנט ניט דער, וואָס געדענקט א סאַך, נאָר דער, וואָס זוכט, וואָס וואַגט. און דאָס איז די פּריווילעגיע פון די יונגע. מיר, אַלטע, זײַ־נען צו אינערט, צו קאָנסערוואַטיוו... דו האָסט ריכטיק געטאָן, וואָס דו ביסט אַוועק פון דער אַרבעט.

— איך בין די טעג געווען בײַ אַשערקען, בײַ גאָרפונקלען. ער האַלט, אַז דערפאַרונג איז דער איקער.

— אַשערקע איז אומשטערבלעך, — האָט מיט אַן איראָנישן פּאַטאָס געזאָגט קאַגאַנסקי.

די טיר האָט זיך געעפנט, און די פרוי פונעם באַלעבאָס האָט אַרײַנגעטראָגן א טאַץ מיט צוויי גלעזער טיי און צובײַסעכץ. זי האָט אַוועקגע־שטעלט דעם קיבעד אַף א רונד טישל לעבן שרײַבטיש, אַקוראַט אונטערשפּרייטנדיק א ברייטע סאַלפעטקע. די פרוי איז אויך געווען אַזוי שטשופּלע, ווי איר מאַן, דאָס פּאָנעם בײַ איר איז געווען באַדעקט מיט דינע געדיכטע קנייטשעלעך, נאָר די בלענדנדיק ווײַסע האָר האָבן איר צוגעגעבן א לויכטנדיקע ציכטיקײַט און זי געמאַכט יינגער. זי איז אַרויס אַזוי שטיל, ווי זי איז אַרײַן, שענקענדיק דעם גאַסט א שמייכל.

— ניין, די פאָטאָגראַפיע האָב איך ניט. כ׳וועל נאָך א זוך טאָן, אָבער כ׳בין זיכער, אַז זי איז ניטאָ. פאַרפאַלן געוואָרן אין דער מיל־כאָמע־צײַט.

— א שאָד, א שאָד.

— נאָר איך געדענק זי זייער גוט. די פאַלקס־שול, וואָס האָט זיך דעמלט אַזוי אומגעריכט געעפנט אין אונדזער שטעטל, איז אויך פאַר מײַן ווײַטערדיק לעבן געווען אָנטשיידנדיק. יאָ, איך געדענק די פאָטאָגראַפיע. איך וואָלט גע־קאָנט אויסרעכענען אַלעמען דאָרט. איך בין געשטאַנען גאָר הינטן... א קליינטשינקער גע־ווען.

זיי האָבן אָנגעהויבן אויסצורעכענען די נע־מען און נאָך יעדן נאָמען איז געפאַלן, ווי א קורצער קלאַפּ פון א האַק, דאָס אומבעראַכמאָ־נעסדיקע „ניטאָ”, „ניטאָ”, „ניטאָ”... א פאַרכאַפּ־טער פון די דערמאָנונגען, האָט לאַנגפוס גע־וואָלט פאַרזעצן די שפּיל, נאָר דאָ האָט ער באַמערקט, אַז מיט יעדן קורצן בייזן „ניטאָ” ווערט הערשלס פּאָנעם טונקעלער און דער שטשופּלער קערפּער ווערט אַזוי ווי נאָך מער אײַנגעשרומפּן. ער האָט פאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פאַר מיט זײַן מיטשמוסער. הערשקע איז געווען אין זייער קלאַס דער סאַמע קלענסטער, דער סאַמע שוואַכסטער און נאָך א קרענקלע־כער דערצו. הערנדיק די נעמען פון די כאַוויי־רים, וואָס זײַנען שוין ניטאָ, איז אים אים פּאַשעט ניט באַקוועם אנטקעגן אָט די גרויסע, שטאַר־קע, וואָס ער, דער מאָגערינקער, קרענקלעכער, האָט זיי איבערגעלעבט. יאַנקל לאַנגפוס האָט איבערגעביטן די פּלאַסטינקע:

— נו, יאָ, וואָס איז דער ווּנדער... געטאָ, דײַטשישע קאָנצלאַגערן, פראָנט — דעם פולן רומל האָט אונדזער דאָר געהאַט דורכצומאַכן...

— נו, און איך בין דען ניט געווען אַפן פראָנט? — האָט שטיל געזאָגט קאַגאַנסקי. ער האָט זיך אַלץ ניט געקאָנט אָפּכידעשן, וואָס ער לעבט.

לאַנגפוס האָט זיך גענומען צו דער טיי. דער מענטש קעגנִיבער אים האָט זיך קימאַט ניט צוגערירט צו דער גלאָז — ער איז געזעסן גלײַך און גראָדליניק.

...אַזוי גלײַך און גראָדליניק איז ער געווען אויך אַמאָל. פאַר לאַנגפוסעס אויגן שווימט פּלוצעם אויף אַן עפּיזאָד פון די קינדער־יאָרן. ער, יאַנקעלע, איז געקומען אין קלאַס א פאַרסאָפּע־טער — שיר ניט פאַרשפּעטיקט — און זיך טיי־קעף געווענדט צום שאַכן אַף דער פאַרטע כאַזמקע־באָנדע (מערקווירדיק, ווי דער דינסט־גרייטער זיקאָרן האָט אים טייקעף אונטערגע־טראָגן דעם צונעמעניש פון כאַזמקען — באָנדע), ער זאָל אים געבן אָפּשרײַבן די אויפגאַבע, וואָס ער האָט ניט באַוויזן צו מאַכן. כאַזמקע־באָנדע שטעלט אָן אַף אים זײַנע מאַמזערישע אייגע־לעך: „די מאַרקע פון סאַלוואַדאָר אהערו!”. יאַנ־

קעלע קווענקלט זיך, נאָר דאָ דרייט זיך אונ־
טער הערשקע און זאָגט: „קום, כ׳וועל דיר
געבן״. כאַימקע־באַנדע קערט זיך דראָענדיק
אויס צו הערשקען, נאָר דער קליינינקער שוואַ־
כער הערשקע רירט זיך ניט פון אָרט און מעסט
אים אָפּ פון אונטן ארויף מיט אזא פאראכטלעך־
שטאָלצן בליק, אז באַנדע טרעט אָפּ.

כאַימקע־באַנדע האָט געדינט בייס דער דײַ־
טשישער אָקופּאַציע אין דער געטאָ־אָפּליציי און
איז צוזאַמען מיט אלע ייִדישע פּאָליציסטן ליק־
ווידירט געוואָרן דורך די דײַטשן בייס זיי זײַ־
נען אָפּגעטראָטן. הירשקע־פּײַג (אויף די דאָזיקע
צונעמעניש שפּרינגט ארויס ווי פון א טיפן
ברונעם) האָט געקעמפט אפן פראָנט ביז צום
סאָף.

נאָך דער טיי גייט קאַגאַנסקי צו צום ביכער־
שראַנק, עפנט די אונטערשטע פּאָליצע און
נעמט פון דאָרטן ארויס א שאכטל. אין איין
העלפט שאכטל ליגן פאָטאָגראַפיעס, אין דער
אנדערער, דער קלענערער, אויסצייכענונגען:
אָרדענס, מעדאלן.

די פאָטאָגראַפיעס ליגן אין גרויסע ווײַסע
קאָנווערטן. אף יעדן קאָנווערט איז דאָ אן אויפ־
שריפט: די יאָרן, צו וועלכע זיי געהערן. דער
קאָנווערט פון די פּארמילכאָמע־יאָרן איז א מאָ־
גערער. די פאָטאָגראַפיע, וואָס זיי זוכן, איז
ניטאָ.

א ווײַלע זיצן זיי שטיל. דאַן ווינקט דער
גאַסט אף דער אָפּטיילונג, ווו ס׳ליגן די אויס־
צייכענונגען.

— א היפּש ביסל בא דיר, האַ?

— ניט מערער מיסטאמע, ווי בא דיר. דו
ביסט דאָך אויך געווען אפן פראָנט. און אף דער
ציווילער ארבעט נאָך דער מילכאָמע ביסטו
אויך ניט געווען פון די לעצטע.

— ניין. בא מיר איז ווייניקער. — לאַנגפּוס
זאָגט עס גוטמוטיק, אָן א פּיצל קינע.

קאַגאַנסקי שאַצט עס אָפּ און ווערט לעבעדי־
קער.

— אפן פראָנט איז אן אויסצייכענונג אָפּטמאָל
די זאַך פון א צופאל. ווי אויך דאָס לעבן, אגעוו.
די בעסטע אויסצייכענונג, וואָס איך האָב פאר־
דינט, איז אָבער דאָ ניטאָ. אָט וועל איך דיר
דערציילן.

...אין האַרבסט 1943 איז ער פארוואונדעט גע־
וואָרן אין פוס. ער איז לאַנג געלעגן אפן פעלד,
געפּרוּווט פויזען. פארלאָרן דעם באַוווסטזײַן,
זיך אופגעכאַפּט, ווידער געפויזעט... סאַפּקאָלסאָף
האָט מען אים ארויסגעטראָגן פון שלאַכטפעלד,
געבראַכט אים צו שלעפּן אין פעלד־לאַזאַרעט.
דאָרט, ווי געוויינלעך נאָך א שלאַכט, האָט זיך
געטאָן כוישעך. אומעטום האָבן זיך געוואַלגערט
פאַרוואונדעטע. פון אלע ווינקלען האָבן זיך גע־
הערט קרעכצן, די לופט איז געווען דורכגעזאַפּט
מיט א געדיכטן רייעך פון בלוט און ברוד. דער
פערסאָנאַל איז ארומגעגאַנגען מיט אויגן, רויטע
פון ניט־דערשלאָפן.

די דאָקטאָרשע איז צוגעגאַנגען צו אים, אָפּ־
געוויקלט די שמאַטע, מיט וועלכער זײַן פוס
איז געווען פארבונדן, געזען, וואָס ארום דער
וווּנד טוט זיך, און קורץ באַפוילן:

— אמפּוטירן!

— ניין! — האָט אויסגעשריִען הערשקע. —
בעשום־אויפן ניט!

— דו ווייסט, וואָס עס קאָן זײַן? — האָט
דראָענדיק געפרעגט די דאָקטאָרשע.

— ניין, ניין! — האָט געשריִען הערשקע. —
נאָר ניט אמפּוטירן!

אף די געשרייען איז צוגעגאַנגען דער דאָק־
טער, אן עלטערער מענטש. זײַן פארטעך איז
געווען פארפלעקט פון בלוט, פון די פארקאַ־
שערטע ארבל האָבן ארויסגעקוקט שטאַרקע,
באַוואַקסענע מיט שוואַרצע הערעלעך, הענט.
ער האָט זיך אײַנגעבויגן, באַקוקט די וווּנד, א
שמעק געטאָן זי און ארופגעלייגט זײַן גרויסע
שטאַרקע האַנט אף הערשלס אקסל:

— באַרויִק זיך, סאָלדאַט. די אמפּוטאַציע איז
נייטיק, אויב דו ווילסט אויסמײַדן עפּעס ער־
גערס.

— ניין! — האָט פעסט געזאָגט הערשל. —
פאר קיין פאַל ניט. איך דערלויב ניט!

פאר די לאַנגע כאַדאָשים אפן פראָנט איז ער
מיטן טויט געוואָרן אף „דו״. ער האָט זיך ניט
געשראָקן פארן טויט, ער האָט זיך געשראָקן
פארן לעבן, פאר דער פּערספּעקטיוו צו בלײַבן
א קריפּל.

דער דאָקטער האָט זיך אויסגעגלײַכט: איין
מוטיקער מענטש האָט פארשטאַנען א צווייטן.
ער האָט א שטרענגן בליק געוואָרפן אף דער
דאָקטאָרשע און מיט א פעסטער קאָמאַנדירס־
קער שטימע באַפוילן:

— צוגרייטן אים צו עוואַקואַציע און טייקעף
אָפּשיקן!

דאַן האָט ער זיך אײַנגעבויגן איבער דעם
פארוואונדעטן און ווידער ארופגעלייגט זײַן
שטאַרקע האַנט אף הערשלס פּלייצע. דאָס מאָל
האָט זײַן האַנט געזאָגט: „זײַ מוטיק, סאָלדאַט,
דיר שטייען פאר שווערע ניסיוינעס, אָבער
איך פארשטיי דיך״.

ס׳האָט געדויערט קימאַט אָנדערהאַלבן מעס־
לעס, ביז הערשל איז אָנגעקומען אין א האָס־
פּיטאַל אין הינטערלאַנד. זײַן וווּנד איז ניט בע־
סער, נאָר אדאַנק די מעדיצין־שוועסטער אין
צוג, אויך ניט קיין סאַך ערגער געוואָרן. אין
האָספּיטאַל האָט זיך ווידער אָנגעהויבן דאָס
זעלבע: „אמפּוטירן!״. הערשל האָט מיט פאַר־
שטשעמעטע פון ווייטעק ציין געטײַנעט דאָס
זײַניקע: „ניין, ניין!״ די דאָקטוירים האָבן גע־

שאָקלט מיטן קאָפּ, נאָר צווישן זיי האָט זיך איינגעפונען איינע, ניט קיין יונגע, מיט אן אַס־קעטיש פּאָנעם און אויגן פון א מאָנאַשקע, וואָס האָט איר לעבן איינגעלייגט, קעדיי אים ארויס־צוריַיסן פון קלעם. נאָך צען וויטעקפולע טעג און שלאָפלאָזע נעכט האָט זי אים געמאָלדן: „דער קריזיס איז פאַרביַי, איצטער וועט עס גייין בעסער״. און צום ערשטן מאָל האָט הערשל דערזען א בלאַסן שמייכל אַף איר פּוריטאַניש־אַסקעטישן פּאָנעם.

ווען ער האָט זיך אויסגעשריבן פון האָספּי־טאַל, האָט ער מיט געפיל געדריקט די האַנט פון זיַין רעטערין:

— נאַדעזשדאַ פּאַוולאָוונאַ, איך האָב אייַך צו פאַרדאַנקען דאָס לעבן!

— ניין, — האָט זי אָפּגעענטפערט, — איר האָט נאָר צו פאַרדאַנקען זיך, אייַער מוט. איך בין געווען בלויז אייַער באַהעלפערן.

נאָך א כוידעש אין סאַנאַטאָריע איז ער ווי־דער געווען אַפן פראָנט.

— אָט דאָס, — האָט הערשל פאַרענדיקט זיַין דערציילונג, — איז געווען מיַין גרעסטער אופּ־טו. עפּשער טאַקע א העלדנטאַט. און אָט פאַר דעם האָב איך ניט קיין מעדאַל.

— וואָס הייסט, דו האָסט ניט קיין מעדאַל? — האָט לאַנגפוס מעיושעוודיק געזאָגט. — דיַין גאַנץ וויַיטערדיק לעבן איז די מעדאַל.

ער האָט איצטער געזען מיט נייַע אויגן זיַין געוועזענעם שול־כאַווער. די שיטערע וויַיסע האָר, פאַרקעמט אַף אַרויף, גיבן אים צו אן איי־דעלן אויסזען. די געדיכטע שוואַרצע ברעמען אַפן דאַרן, ענערגישן פּאָנעם מאַכן אים קאַלט און שטרענג. אינדערעמעסן איז ער אָבער א האַרציקער דעליקאַטער מענטש, וואָס קריכט ניט יענעם אין דער נעשאָמע און איז צוריק־געהאַלטן, ווי אַלע ווילנסשטאַרקע מענטשן.

— דו ביסט דאָך אַפן פראָנט געווען צוזאַמען מיט צאַלקען, ניט? — האָט געפרעגט לאַנגפוס.

אַף הערשלס פּאָנעם האָט זיך באַוויזן א שמייכל. לאַנגפוס האָט זיך פאַרכידעשט: צאַל־קע איז געפאַלן אַפן פראָנט, וואָס איז דאָ צו שמייכלען. הערשל האָט אופגעכאַפּט דעם פאַר־ווּנדערלעכן בליק פונעם כאַווער און געזאָגט:

— כ'האָב זיך דערמאָנט אן עפּיזאָד. דאָס איז געווען אין אָנהייב פון אונדזער פראָנט־לעבן. יענער טאָג איז געווען א שוידערלעכער. די קאַ־נאָנאַדע פון ביידע זיַיטן האָט געקראַכט, גע־דונערט, געשמעטערט, געטראַסקעט, געטרייסלט. עס האָבן זיך שוין ניט געהערט די איינצלנע סנאַריאַדן, אָדער דאָס קראַכן פון די באָמבעס, וואָס האָבן זיך געשאָטן פון די עראָפּלאַנען. אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין ריטשע, פון א מוירעדיקער גענעמדיקער קראַפט. דער גאַנצער האַריזאָנט, דער וואַלד אַנטקעגן אונדז, איז פאַרצויגן געוואָרן מיט א פעך־שוואַרצן רויך. שפּעטער זיַינען אַזוינע טעג געווען נאָך און נאָך. אָבער יענער טאָג איז געווען אונדזער ערשטער אַפן פראָנט. מיר זיַינען געלעגן אין דער טראַנשיי דערשיטערטע, דערדריקטע. צאַל־קע איז געלעגן האַרט לעבן מיר. ווען ס'איז א ביסל שטילער געוואָרן, האָט צאַלקע א קער געטאָן צו מיר דעם קאָפּ — דאָס פּאָנעם איז געווען אַש־גרוי און באַדעקט מיט ערד־פּלעקן, די אויגן איימעדיק־גרויס — און געזאָגט מיט א טיפער איבערצייַגונג: „ניטאָ קיין גאָט. ניטאָ!״

— אין יענעם טאָג איז ער געפאַלן?

— ניין. געפאַלן איז ער אין עטלעכע כאָדאָ־שים אַרום. אין א טאָג, וואָס איז דאָפּקע געווען א פאַרהעלטעניסמעסיק שטילער און רויִקער. אַזויאַרום, האָט ער עטלעכע כאָדאָשים נאָך גע־טאָפּטשעט די פראָנט־ערד אַלס אַפּיקוירעס. אן אַפּיקוירעס איז ער שוין געווען אן איבערצייַג־טער, מיר האָבן א סאַך געשמועסט אַף דער טע־מע... אין יענער שלאַכט, ווו ער איז געפאַלן, האָט ער זיך דאָפּקע אויסגעצייכנט, געקראָגן נאָכן אומקום אן אָרדען.

— קאָשער געלעבט און קאָשער געשטאָרבן. — האָט מיט געפיל געזאָגט לאַנגפוס.

נאָכן דערציילן די פּאָר פראָנט־עפּיזאָדן איז קאַגאַנסקי געוואָרן באַריידעוודיקער. אויך לאַנג־פוס האָט זיך דערמאָנט פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון זיַין פראָנט־לעבן. מע איז אַריַינגעזעסן ביז צו דער שפּעטער שאָ.

— א שאָד, וואָס מיר טרעפן זיך אַזוי זעלטן, כאָטש מע וווינט אין איין שטאָט. — האָט לאַנג־פוס געזאָגט, געזעגענענדיק זיך.

— די היַינטיקע שטאָט איז אן אכזער. — האָט קאַגאַנסקי באַמערקט, — זי צעשיידט אומבאַראַכ־מאָנעסדיק מענטשן. וואָס גרעסער די שטאָט, אַלץ איינזאַמער פילט זיך דער מענטש אין איר. — שוין בא דער שוועל האָט ער צוגע־געבן, — איז וואָס בלייַבט דיר איצטער? בלויז ציפּע! ציפּע בינשטיין, געדענקסט? ציפּע מיט די צעפּעלעך, האָט מען זי גערופן. זי לעבט אין מינסק. פּאָר צו! איר אַדרעס האָב איך ניט, אָבער אַז דו וועסט צופאָרן, וועסטו זי לייַכט אויסגעפינען דורך דער אַדרעס־ביוראָ.

לאַנגפוס האָט שוין אַריבערגעטראָטן די שוועל, ווען ער האָט זיך געכאַפּט:

— שאַ, בינשטיין האָט מען זי גערופן מיידל־וויַיז. און איצט? כ'האָב געוווּסט, נאָר עפּעס פאַרגעסן. פעלדמאַן הייסט זי. פעלדמאַן. — קאַ־גאַנסקי האָט געהאַט אן אייַזערנעם זיקאָרן.

קלוגע מענטשן זיצן אין „גאָרספּראווקא״! לאַנגפוס האָט אויסגעפּילט דאָס זוכצעטל אַף „ציפּע מאַטעלעוונא״, נאָר די מענטשן פון „גאָרספּראווקא״ האָבן זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס מיינט ער די, וואָס איז פאַרציכנט בא זיי אלס „צעציליאַ מאַטווייעוונא״. אויך דאָס געבוירן־יאָר האָט ניט געשטימט: ציפּע איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער, ווי ער האָט געמיינט — בא א פרוי קען מען קיינמאָל ניט דערגיין די יאָרן! נאָר וואָס העלפט די גאַנצע כאָכמע פון די „גאָרספּראווקא״־לײַט, אַז די געזוכטע פּערזאָן איז מער ניטאָ. געשטאָרבן דעם און דעם טאָג — בעסאכאקל מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק.

לאַנגפוס האָט איבערגעלייענט איין מאָל די ספּראווקע, א צווייט מאָל און איז מיט א זיפץ ארויס פון דער געבײַדע. אין שטאָט האָט ער ניט וואָס צו טאָן, ער וועט שוין אוועקפאָרן צוריק. דער וואָקזאַל איז היפּשלעך ווײַט, נאָר ער האָט זיך ניט וואָס צו אײַלן. מע דאַרף ניט קיין אויטאָבוס, קיין טראָלייבוס: אַף דער עלטער איז גוט צו גיין פּאַוואָליע צופוס. ער וועט דערווײַל באַטראַכטן די פרעמדע שטאָט.

און גייענדיק אזוי פּאַוואָלינקע און באַטראַכטנדיק דאָס פרעמדע לעבן, דערטראַכט ער זיך פּלוצעם צו א פּאַשעטן געדאַנק: ציפּע האָט געהאַט א טאָכטער, הײַנטיקע צײַטן בײַט מען ניט אזוי אָפט די דירעס. פאַרוואָס זאָל ער ניט א פּרווו טאָן זען די טאָכטער פון דער פאַרשטאָרבענער כאַווערטע? דאָס צעטל פון „גאָרספּראווקא״ ליגט נאָך אין דער מאַנטל־קעשענע, וווהין ער האָט עס מעכאַניש ארײַנגערוקט, ער שלעפּט ארויס דאָס צעקנייטשטע פּאַפּירל, לייענט איבער דעם אדרעס און פרעגט דעם ערשט־בעסטן דורכגייער, ווי גייט מען אהין.

די טיר עפנט א פרוי אין די מיטעלע יאָרן, און לאַנגפוס בלײַבט שטיין א געפּלעפּטער: די לעבעדיקע ציפּע, נאָר א ביסל שלאַנקער און א קאַפּעטשקע, דאַכט זיך, העכער. דער פרוי, וואָס קוקט אַף אים מיט פאַרכידעשטע אויגן, זאָגט ער טאַקע:

— נו, די לעבעדיקע ציפּע... דאָס הייסט, צעציליאַ מאַטווייעוונע... ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

— טוט זיך אויס. — זי פאַרשטייט שוין, אַז די רייד וועט גיין וועגן איר מוטער און איר געזיכט ווערט ערנסט. — מע רופט מיך ראַכיל. ראַכיל סעמיאָנאָוונע. קומט ארײַן.

לאַנגפוס רופט זיך אָן, טוט אויס דעם מאַנטל און זיי גייען ארײַן אין א גרויסן גוט מעבלירטן צימער, קענטיק אַן עסצימער. דער טיש איז צוגערוקט צו דער וואַנט און איבער אים הענגט א פּאָרטרעט. לאַנגפוסעס אויגן שפּרינגען פון פּאָרטרעט צו דער באַלעבאָסטע: דאָס איז זי, די באַלעבאָסטע, אָדער... ניין, דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ציפּע, די מוטער. דאָס זעלבע קײַלעכיקע פּאָנעם, נאָר א ביסל אָפּגעלעבט און אונטער די אויגן טונקלע רייפן.

זיי זעצן זיך באַם קליינעם טישל אין ווינקל, און ראַכיל סעמיאָנאָוונע דערציילט די קורצע געשיכטע פון דער מוטערס קראַנקײַט און טויט. אירע רייד קלינגען ווי אײַנגעכאַזערטע, קענטיק, זי דערציילט עס ניט צום ערשטן מאָל. אירע ברייט פאַנאַנדערגעשטעלטע גרויסע אויגן קוקן פאַרצאַרט און פאַרומערט. לאַנגפוסן דערמאָנען זיי ציפּעס אויגן: שטענדיק פאַרזאָרגטע און אומרויִקע, ווי זי וואָלט זיך וועלן דערמאָנען, וואָס נאָך פאַר א כויוו זי האָט לעגאַבע דער וועלט. ציפּע האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלטן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט. „די גאַנצע וועלט אַף איר קאָפּ״ — האָט מען זיך גערייצט מיט איר.

לאַנגפוס זאָגט איר, ווער ער איז און וואָס פאַר אַן איניען עס האָט אים געבראַכט אהער. די פרוי ווערט לעבעדיקער:

— אזוי ווי בא מײַן מוטער! די לעצטע צײַט האָט זי אַלץ געשטרעבט אונטערצופירן סאַכאַקלען און אַלץ געוואָלט דערגיין, צי זי האָט אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט אָפּטאָן אַף דער וועלט. עפּעס אזוי ווי זי וואָלט שוין געפּילט...

— ניין, בא מיר איז עס ניט אזוי. אַבסטראַקטע געדאַנקען וועגן טויט זײַנען מיר פרעמד. כאָטש ס'וואָלט עפּשער שוין צײַט געווען פאַר זיי... איך סטאַרע זיך זיי אויסצומײַדן.

— איז וואָס? אויסגעפינען די יוגנט־כאַטאָים? — איר פּאָנעם צינדט זיך אָן מיט א שעלמישן שמייכל, די נעץ פון די דינע קנייטשעלעך שײַנט אוף מיט א שטיפעריש רייץ.

„פונקט ווי די מאַמע!״ — פאַרכידעשט זיך לאַנגפוס. ציפּע איז געווען אַן אומיטלבאַרע נאַטור און זיך ווייניק גערעכנט מיט טאַקט, ווען זי האָט געוואָלט א שטעך טאָן.

ראַכיל סעמיאָנאָוונע הייבט זיך אוף און גייט ארויס אין עקסטן צימער נאָך די פּאָטאָגראַפיעס. לאַנגפוס באַגלייט מיטן בליק די געפּאַקטע, אָבער פלינקע פיגור. פאַר זײַנע אויגן שווימט אוף א בילד פון פאַרגאַנגענע יאָרן.

...ס'איז געווען א שפּעטע שאָ פון א נאַסן ווינטיקן האַרבסט־אָוונט. ער און ציפּע — זיי האָבן שוין דעמלט געלעבט אין דער גרויסער שטאָט — זײַנען געשיקט געוואָרן דורך דעם אומלעגאַלן קאָמסאָמאָל פאַרטיילן פלוגבלעטלעך. דער ראַיאָן, וואָס זיי האָבן געקראָגן, איז

געווען דער סאַמע וויכטיקער, אָן אַרבעטער־ראַיאָן הינטער דער שטאָט מיט נידעריקע הײַזלעך און כאַלופּעס, אָנגעשטאָפּטע מיט מענטשן, ווי אַ מילגרוים מיט קערנדלעך. זיי זײַנען געגאַנגען פֿון איין הײַזקע צו דער אַנדערער, פֿון איין הייפּל צום צווייטן. ווו צוגעקלעפּט די פּראָקלאַמאַציע צו דער וואַנט, ווו אונטערגערוקט זי אונטער דער גאַנעק־טיר. דער נאַסער קאַלטער ווינט האָט דורכגענומען ביז די ביינער, די ניט־ברוקירטע גאַס איז געווען בלאָטיק. מאַכמעס קאָנספּיראַציע האָבן זיי געשפּילט אין פֿאַרליבטע. די געפּאַרפּולע אַרבעט האָט אויפֿגעשרויפֿט די נערוון, יאַנקל האָט זיך געטוליעט צו זײַן באַגלייטערן. מיסטאָם האָט ער צו אייפֿעריק געשפּילט דעם געליבטן, ווײַל ציפּע האָט אים עטלעכע מאָל אָפּגעשטעלט, מורמלענדיק: „נו, נו, ראָמעאָ... רויקער!" זיי זײַנען שוין דורך די גאַס, פֿאַרכאַפּט אויך זײַטיקע הײַזלעך. יאַנקל איז צוגעגאַנגען צום לעצטן הײַזל, קלוימערשט צו זען דעם נומער, פֿלינק אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט און אַ פֿריילעכער גענומען ציפּען אונטערן אָרעם: „נו, אַלץ. קום!" אים האָט זיך שוין געכאַלעמט ציפּעס צימערל, ווו ער מיט איר, צוויי קאַמפּס־כאַווערים, וואָס האָבן דורכגעמאַכט געמיינזאַמע געפּאַרפּולע שאָען, וועלן אָפּגיין אין געמיטלעכקייט פֿון ווילגאַטש, קעלט און נערוון־שפּאַנונג. נאָר זי האָט אים אָפּגעקילט: „זעסט אָן דאָרטן דאָס הײַזל? מע דאַרף נאָך אַהין אויך צוגיין". יאַנקל האָט געזען אָט דאָס אָפּגעזונדערט הײַזל, וואָס איז געלעגן ווײַט פֿון דער גאַס, נאָר ער האָט געהאַלטן, אַז ס'וועט ניט זײַן קיין כעט, אויב מע וועט עס דורכלאָזן. „עט, אַ כורווע", — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. נאָר ציפּע האָט דערווידערט: „אָט טאָקע ווײַל דאָס איז אַ כורווע, טאָרן מיר זי ניט דורכלאָזן". — האָט זי אים, ווי מיט אַ קאַלטן דוש, אָפּגעגאָסן.

און אָט אַזאַ האָט ער זי פֿאַרגעדענקט: דאָס פּאָנעם — אַ בלאַסער רונדער פֿלעק אונטער דער לעוואָנע־שײַן מיט אַ פּאָר געדיכטע צונויפֿגערוקטע ברעמען, וואָס זײַנען שטרענג־מאַנעריש צו זיך און צו דער וועלט.

ער איז דעמלט אוועק צו אָט דעם שלימאַזלדיקן הײַזל. צוריק איז ער געגאַנגען, ראַנגלענדיק זיך מיטן קאַלטן נאַסן ווינט. „דו גייסט מיט איין פֿלייצע פֿאָרויס", — האָט זי אים געזאָגט, ווען ער האָט זיך דערנעענטערט צו איר. „און ווי דאַרף מען גיין?" — האָט ער אומצופֿרידן אַ בורטשע געטאָן. „מיט דער פֿולער ברוסט, יאַנקל. מיט דער פֿולער ברוסט פֿאָרויס".

ס'איז שוין געווען זייער שפּעט, ווען זיי זײַנען דעמלט, מידע, דורכגענעצטע און פֿאַרפֿראָרענע, צוגעקומען צו איר שטוב. ער האָט אויף איר אָנגעשטעלט אַ שטום־בעטנדיקן בליק. ציפּע האָט געזאָגט: „ס'איז שוין שפּעט, יאַנקל גיי אַהיים".

זי איז געווען אַ פּאַשעט מיידל, ניט געבלאָזן זיך, נאָר עפּעס איז איר גאַנץ וועזן געווען דורכגעדרונגען מיט אַן אײַנגעבאָרענער, נאַטירלעכער ווירדע. צו אַנדערע מיידלעך פֿון זייער סוויווע האָט מען זיך באַצויגן גוטברודעריש, זיך דערלויבט אַ שפּאַס, אַ צווייד־ײַטיק ווערטל; צו איר האָט מען זיך געהיט צוצוגיין מיט אַ וווּלגאַר וואָרט, מיט אַ פֿלאַכן וויץ. לאַנגפֿוס האָט זיך דעמלט געוווּנדערט און פֿאַרשטייט עס ניט ביז איצט: ווי קומט צו איר אָט די אײַנגעבאָרענע ווירדע, אַז בעסאַכאַקל האָט זי געשטאַמט פֿון אַ פּראָסטער באַלעגאָלישער מישפּאָכע, איר טאַטע איז געווען אַ באַלעגאָלע בען באַלעגאָלע, און די עלטערע ברידער אויך. דער טאַטע און די באָנים האָבן אָפּגעהיט די מיזיניצע ווי אַ שײַנדל און זײַנען פֿון דער הויט געקראָכן, זי זאָל קריגן בילדונג און „ווערן אַ מענטש".

ראַכיל סעמיאָנאָוונע איז אַרײַנגעקומען מיט אַ פּאַקעט פֿאָטאָגראַפֿיעס.

— דאָס איז פֿון דער מוטער, — האָט זי געזאָגט, זאָרגעוודיק עפֿענענדיק דעם פּאַקעט.

די פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר גרויסן פֿאָרמאַט, האָבן זיי ביידע גלײַך באַמערקט. ביידע האָבן זיך צוגעכאַפּט צו איר. יאָ, דאָס איז זי געווען.

לאַנגפֿוס האָט אַראָפּגעכאַפּט די ברילן, — ער איז געווען קורצזיכטיק, — צוגעטראָגן די פֿאָטאָגראַפֿיע צו די אויגן און זשעדנע באַטראַכט זי. אָט, אין צענטער, איז ער — טאַקע אַ קאָפּ־פּעטשקע מער, ווי ס'איז נייטיק, צוגערוקט צו דער לערערקע און עפּשער דערפֿאַר טאַקע קוקט ער אַזוי אַרויסרופֿעריש, אַזוי אַזעסדיק אויף דער וועלט. אָט איז די לערערקע אַליין מיט איר שמאָל איידל פּאָנעם און אָפֿענעם בליק פֿון די גרויסע שוואַרצע אויגן (לאַנגפֿוסן דאַכט זיך איצט, אַז ער זעט שוין אין אירע אויגן דעם צאַר פֿון איר פֿריצײַטיקן טויט), אָט זײַנען זיי, די איבעריקע, קימאַט פֿערציק קליינע מענטשעלעך, וואָס גרייטן זיך מונטער און זאָרגלאָז אַרײַנצוטרעטן אין לעבן. עס איז נאָך קנאַפּע צוויי צענדליק יאָר ביז צו יענעם ניסאָיען, וועלכן ניט אַלע וועלן אויסשטיין און גאָר ווייניק וועלן לעבן בלײַבן. —

ראַכיל סעמיאָנאָוונע נעמט די פֿאָטאָגראַפֿיע צו זיך, האַלט זי שטאַרק אָפּגערוקט פֿון די אויגן, קוקט מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק אויפֿן מיידל באַם סאַמע ברעג פֿון דער אייבערשטער ריי, וואָס שטייט אַ ביסל אַזוי־ווי אָפּגעזונדערט פֿון אַלעמען, האַלט הויך דעם קאָפּ און קוקט מיט אַ שטרענגן, פֿאַרזאָרגטן בליק. איר פּאָנעם איז קײַלעכיק, דאָס נעזל קורץ, די ליפּן פּולב־

לעך. בייס ראַכיל סעמיאַנאָוונע רײַסט זיך אַפּ פון דער פאָטאָגראַפיע, איז איר געזיכט טרויעריק און קלאָר. זי זאָגט פאַרטראַכטערהייט:

— עפשער זאָגן עס אַלע מיידלעך וועגן זייערע פאַרשטאָרבענע מאַמעס, נאָר פאַר מיר איז זי געווען אַ הייליקע. זי האָט פאַרמאָגט אַ היפּערטראַפּירטן געפיל פון אַכרײַעס און אַ שטרענג־מאַנערישע באַציִונג צו אַנדערע, און קוידעמקאַל צו זיך. אין איר האָט געלעבט אַ באַזווער עקסטאַז, אַ ריינע נעשאָמע און עפּעס אַ פאַטאַל שטרעבן זיך מאַקריוו צו זײַן פאַר איר אידיי. אַזעלכע מענטשן זײַנען אַפן פלאַץ, ווען מע דאַרף מאַכן די רעוואָלוציע, אַראָפּוואַרפן דאָס אַלטע און בויען דאָס נײַע. וועגן אייגענעם ווויליזײַן, פערזענלעכע אינטערעסן קלערן זיי ניט. און דערפאַר כאַפּן זיי זיך אין אַ געוויסן מאָמענט, אַז די צײַט האָט זיי איבערגעיאָגט...

— איר האָט זייער ריכטיק און פּינקטלעך פאָרמולירט די גרונט־שטריכן פון אײַער מוטערס כאַראַקטער.

— פּינקטלעכקײַט דאָס איז מײַן פאַך, — טוט אַ שמייכל די פרוי, — איך בין אַ מאַטעמאַטיקערן. קאַנדידאַט פון מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן.

לאַנגפוס קוקט ווידער אַפּן ברעג פון דער אייבערשטער ריי פון דער פאָטאָגראַפיע. דאָרט שטייט דאָס מיידל, וועלכע האָט אין דער יוגנט פאַר אים אַזויפיל באַטײַט. דאָס, וואָס די פרוי האָט אים איצט געזאָגט, איז פאַר אים ניט קיין אַנטפּלעקונג, נאָר ס'איז טשיקאַווע. ער קוקט ווידער אַף דער פאָטאָגראַפיע, קוקט אַזוי לאַנג און דורכדרינגלעך, ביז ער דערזעט הינטער אָט דעם מיידל דאָס באַבערדלטע ברייטע געזיכט פון איר טאַטן, דעם באַלעגאָלע... און אָט שווימען אויף פאַר זײַנע אויגן די פּענעמער פון די פיר באָנים זײַנע... אַלע געזונטע, קרעפּטיקע האַרעפּאַשניקעס און עכטע, ערלעכע מענטשן. אים ווערט עפּעס מאָדנע ליכטיק אַף דער נעשאָמע, זײַן פּאָנעם צעפליסט זיך אין אַ גוטמוטיקן שמייכל און ער פרעגט:

— דו ווייסט, ווער דײַן זיידע איז געווען? — ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי ער איז אַריבער מיט איר אַף „דו" און אויך זי נעמט עס אויף אַלס נאַטירלעכע זאַך. אַף זײַן גוטמוטיקן שמייכל ענטפערט זי מיט אַ שטילן שעמעוודיקן שמייכל:

— איך ווייס. אַ באַלעגאָלע.

— ער איז געווען ניט קיין פּאַשעטער באַלעגאָלע! ניט קיין בינדיוזשניק. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ סקרופּולעזער, פאַרשפּיצט־געוויסנהאַפטער ערלעכקײַט. אַ באַלבעמאָנעס, האָט מען עס אַמאָל גערופן. די קרעמערס פלעגן אים אָנטרויען אַלע זייערע געשעפטן אין שטאָט. פאַרלאָזן זיך אַף אים, ווי אַף אַן אײַזערנער וואַנט. ער איז געווען דער גרויסער בעטוועך אין שטעטל. אַפילו ווען בא זיי, בא די קרעמערס, פלעגן אויסברעכן סיכסוכים, פלעגן זיי סראָוו גיין ניט צום רעבן, נאָר צו אים, מאַטל דעם באַלעגאָלע. און די זין זײַנע, אַלע עלטערע פון ציפען, זײַנען געגאַנגען אין טאַטנס דראָכים — אַלע געזונטע, ערלעכע באַלעגאָלעס. פאַר דער מיזיניצע האָבן זיי די וועלט אײַנגעלייגט. אַליין שווער געהאָרעוועט, נאָר זי צו קיין האַרעוואַניע ניט צוגעלאָזט. נאָר דײַן מאַמע איז ניט געווען קיין צעבאַלוועטע, ניט קיין פאַרצויגענע.

ראַכיל סעמיאַנאָוונע קווועלט. זי הייבט זיך אויף, גייט צום בופעט, דערלאַנגט אַפן טיש זיסקײַטן. בייס זי באַוועגט זיך איבערן צימער, לאָזט לאַנגפוס ניט אַראָפּ פון איר דאָס אויג. ניין, די פיגור אירע איז ניט די זעלבע, ווי בא דער מוטער — זי איז אַ קאַפּעטשקע העכער און אַ ביסל אויך דינער, נאָר דער גאַנג אירער, אַ לײַכטער, אַ שוועבנדיקער, איז דער זעלבער. די בלומען אַף איר כאַלאַט, בייס זי גייט, באַוועגן זיך, ווי לעבעדיקע און ס'דאַכט זיך, אַז זיי לאַכן צופרידענע.

— נו, דערציילט, דערציילט. וואָס זײַט איר אַנשוויגן געוואָרן? מיר איז דאָס זייער אינטערעסאַנט.

לאַנגפוס רעדט און רעדט. ער דערציילט וועגן דער מוטער, דערמאָנט פאַרשיידענע עפּיזאָדן פון איר טעטיקײַט אין דער אומלעגאַלער באַוועגונג. דערציילט וועגן דער באַלעגאָלישער מישפּאָכע, וועגן שטעטל. אינמיטן ריידן גייט אים אַ שטאָך דער געדאַנק, אַז ער אידעאַליזירט אַ ביסל דאָס שטעטל, נאָר ער פאַרטרײַבט גיך דעם געדאַנק: ס'איז אַ פאַרגאַנגען לעבן, אַן אָפּגעשטאָרבנס, מעג מען עס אַ ביסל צופּוצן. און אייגנטלעך פּוצט ער גאָרניט צו, ער פאַרשווײַגט בלויז די טונקעלע זײַטן.

די פרוי הערט גערן, זי פּאָדערט נאָך און נאָך דעטאַלן. נאָר דאָ כאַפּט זיך לאַנגפוס, אַז ס'איז שוין שפּעט, ער דאַרף גיין.

— זיצט נאָך אַ ביסל. באַלד וועט קומען דער מאַן. און אויך דער זון וועט באַלד אַרײַנגיין. ער איז שוין אַ סטודענט בא מיר, — זאָגט זי ניט אָן שטאָלץ, — דאָס יאָר אָנגעקומען אין אוניווערסיטעט, אויך אַפן מאַטעמאַטישן.

— ניין, ניין. איך וועל שוין גיין, כ'וועל פאַרשפּעטיקן צום צוג. פאַר דער פאָטאָגראַפיע בין איך אײַך העכסט דאַנקבאַר. כ'וועל אַראָפּנעמען אַ קאָפּיע און אײַך צוריקשיקן.

— גוט, גוט. נאָר עפשער וועט איר נאָך בלײַבן. כ'וואָלט זייער געוואָלט, איר זאָלט

דערציילן דעם זון אָט דאָס, וואָס איר האָט מיר אָקאָרשט דערציילט. זאָל ער וויסן וועגן זײַנע זיידעס, וועגן די וואָרצלען זײַנע...

נאָר פאַר לאַנגפוסן איז שוין ווירקלעך גע־ווען שפּעט. ער געזעגנט זיך אָפּ און גייט א העכסט צופרידענער, ארויס.

5

דעם צוג האָט ער ווירקלעך פאַרשפּעטיקט. נאָר דערקלײַבן זיך פון מינסק קיין ווילנע איז ניט קיין דײַגע — עס פליִען אלע ווײַלע אעראָ־פּלאַנען.

אין א שאָ ארום שטײַגט ער שוין ארײַן אין גראַמען סאלאָן פון א „יאק". טאַקע גוט, וואָס ער פאַרט ניט מיט דער באַן. אין דער ענגער קופּע פילט מען זיך אויסגעמישט מיט די מיט־פאָרער, עס פאַרבינדן זיך וואַכיקע שמועסן. אינעם סאלאָן פון אעראָפּלאַן איז ער אליין פאַר זיך, מיט זײַן יאָמטעוודיק־געהויבענער שטימונג, וועלכע ער טראָגט אין זיך, ניט אויסצופליעס־קען.

ער זעצט זיך באַם איליומינאַטאָר. דער הימל איז בלוי און אומענדלעך, די ערד איז קליין. דער גערויש פון די מאָטאָרן ווערט אלץ שטאַר־קער, שנײַדנדיקער, לאַנגפוס וויל כאַפּן דעם מאָמענט, ווען די רעדער רײַסן זיך אָפּ פון דער ערד, נאָר דאָס געלינגט אים ניט, ער פילט בלויז, ווי ער פליט, פליט, פליט...

פלוצעם רײַסט זיך דורך דורכן גערויש פון די מאָטאָרן צו אים א דינינקער, דינינקער ניגן. ער איז עכט ייִדישלעך און צוויבערלעך פאַר־כאַפּנדיק. צוערשט וווּנדערט זיך לאַנגפוס — ווי קומט צו אים, דעם ניט איבעריק מוזיקאַלישן מענטשן, א ניגן. נאָר אָט שיילן זיך אויס פון דער מעלאָדיע ווערטער... ווערטער פון א ליד, וואָס ער האָט אמאָל געהערט און וואָס ער האָט גאָרניט געטראַכט, אז זיי ליגן נאָך אין זײַן זי־קאָרן. ער הערט זיך צו מיט א פאַרטײַעטן אָטעם צו די ווערטער:

איז געפלויגן א גאָלדענע פּאווע...
טרילי, טראַליא, טרילי...

ווי וווּנדערלעך און צו דער צײַט זײַנען די ווערטער און די מעלאָדיע צו דער יאָמטעוודי־קײַט, וואָס ער טראָגט איננווייניק אין זיך. דער ניגן הוידעט און הוידעט זיך אף די צאַרטע פליגל פון זײַן פאַנטאַזיע, און לאַנגפוס שפּירט, ווי זײַנע ליפּן באַרירט א לײַכטער שמייכל. ער קערט זיך אָפּ צום איליומינאַטאָר, קיינער זאָל ניט זען דעם גליקלעכן שמייכל אף זײַן פּאָנעם.

דער קאַראַפּוז

אין דער דאָזיקער שטוב איז יאַנקל געווען צום ערשטן מאָל. דעם באלעבאָס האָט ער ניט געקענט און קיין באזונדערן איניען צו אים ניט געהאט. עס האָט אים פּאָשעט פאַרשלעפּט אהער זײַנער א נאָענטער פרײַנט, וואָס האָט צו אים געטײַנעט: „קום, קום, ס'איז א טשיקאַווע שטוב און א טשיקאַווער מענטש. איך קום צו אים אָפט ארײַן, און ער האָט מיך ניט איין מאָל געבעטן, איך זאָל דיך מיטנעמען". — „ער קען מיך דען?" — „מאשמאָעס יאָ. און עפשער קענ־סטו אים אויך".

נאָר ניין, אין האלב־פינצטערן קאָרידאָר, ווו דער באלעבאָס האָט אים באגעגנט, האָט ער דערזען פאַר זיך א פולשטענדיק אומבאַקאַנטן מענטשן. ער האָט א מורמל געטאָן זײַן פאַמי־ליע, זיך באַגריסנדיק מיט אים, יענער האָט אויך עפּעס־וואָס א מורמל געטאָן און מע איז ארײַן אין א גרויסן צימער, קענטיק אן עסצי־מער. דאָרטן, בא א גרויסן טיש און בא א גלעזל טיי, זײַנען שוין געזעסן עטלעכע פאַר־שוינען, אלע אומבאַקאַנטע. דער באלעבאָס האָט פאָרגעשטעלט די נײַ־ארײַנגעקומענע, אוועק־געזעצט זיי צום טיש און אָנגעהויבן פּאַדוועען ארום זיי. פון ערגעץ־ווו האָט מען זיי אויך דערלאַנגט צו א גלאָז טיי, דער באלעבאָס האָט אימפּעטדיק צוגערוקט צו זיי די צוקערניצע, דאָס צובײַסעכץ, געקוקט אף זיי מיט בעטנדי־קע, קימאַט האַכנאָעדיקע אויגן. פון דעם דאָזיקן בליק האָט יאַנקל דערפילט אן אומהיימלעכ־קײַט: אים האָט זיך געדאַכט, אז דער מענטש דערנידעריקט זיך.

די טעמע, אף וועלכער מע האָט געשמועסט באַם טיש, איז פאַר יאַנקלען געווען ניט קיין אינטערעסאַנטע. ס'איז געווען ערעוו דאַטשע־סעזאָן, און מע האָט מיט היץ, מיט זאַכקענטע־ניש און פראַקטימדיק באַהאַנדלט דעם איניען דאַטשע: זייערע פרײַזן, זייערע מײַלעס, זייערע כעסרוינעס. פאַר יאַנקלען האָט אָט־די טעמע

ניט עקזיסטירט. יעדעס יאָר פלעגט ער אָפּן כּוידעש פון זײַן אורלויב אוועקפאָרן — מיט א פּוטיאָווקע, אָן א פּוטיאָווקע — אַף א קוראָרט, וואָס ער פלעגט אויסקלײַבן נאָך דער מעגלעכ־קײַט און געשמאַק.

— איך זע, — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט צו יאַנקלען, — איר זײַט גלײַכגילטיק צו אָט דעם איניען. נאָר פאַר מיר, זאָלט איר מיר מויכל זײַן, איז עס אַנדערש. איך בין, פאַר־שטייט איר מיך, א מעטופּל: קינדער, אייניק־לעך, קיין אײַנהאָרע. א גרויסע מישפּאָכע... אויך דאָ, אין שטאָט, לעבן מיר אַלע צוזאַמען. א גרויסע דירע באַ מיר...

יאָ, דאָס האָט שוין יאַנקל באַוויזן צו באַ־מערקן: די דירע איז א גרויסע און אַן אומגע־לומפּערטע, ווי ס׳טרעפט אָפּט אין גאָר־גאָר אַל־טע הײַזער אין אַלט־שטאָט. מיסטאַמע וועט מען דאָס הויז אײַנגיכן אַראָפּטראָגן און דאַן וועט זיך די גרויסע מישפּאָכע צעשפּאַלטן, אַריבער־גייענדיק אין קליינע, מאָדערנע אַפּאַרטאַמענטן. דערווײַל פּילט זיך דאָ נאָך דער אַלטמאָדישער שטייגער, דער פּאַטריאַרכאַלער.

יאַנקל האָט זיך צוגעקוקט צום באַלעבאָס און האָט אינערלעך פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מע האָט אים דערציילט: ניין, מיט גאָרניט טשי־קאַווע, א ייִד פון א גאַנץ יאָר, שוין שטאַרק אין די יאָרן, נאָר א זשוואַווער, א רירעוודיקער. זײַנע באַוועגונגען זײַנען אימפּעטדיקע, אימ־פּולסיווע, נאָר אין זײַן כּיפּאָזנדיקײַט ליגט עפּעס א האַמעטנעקײַט, ער איז ניט פלינק, דאָ פאַרטשעפּעט ער עפּעס, דאָ שטויסט ער זיך אָן עפּעס־וואָס אָן. דאָס פּאָנעם איז ניט קיין גרויס, מיט קליינע אומבאַדײַטנדיקע שטריכן, אַפילע די קנייטשן אַפן פּאָנעם זײַנען ניט די טיפע, וואָס זאָגן אײדעס וועגן א לײַדנשאַפטלעכער נאַטור אין א כאַשעוון עלטער, נאָר צאַלרײַכע און דריבנע, וואָס דערציילן וועגן א גרויס לעבן מיט לאַנגע צאָרעס און קורצע פריידן. אויב אַזאַ מענטש איז טשיקאַווע, איז עס בלויז דורך זײַן אַלטעגלעכקײַט און וואָכעדיקײַט.

יאַנקל האָט שוין עטלעכע מאָל אָפּגעכאַפּט דעם באַלעבאָס׳ פרעגנדיקע און א ביסל כיטרע בליקן, ווי יענער וואָלט געפרעגט: נו, דער־קענסט מיך ניט? יאַנקל האָט געקנייטשט דעם שטערן, פײַנלעך אָנגעשטרענגט דעם זיכּאָרן, נאָר ניין, ער האָט זיך מיט דעם מענטשן קיין־מאָל ניט געטראָפן.

נאָר אָט האָט דער באַלעבאָס געמאַכט איינע פון זײַנע אימפּעטדיק־האַמעטנע באַוועגונגען. ער האָט, אופהייבנדיק זיך, שיר ניט אומגע־וואָרפן זײַן שטול, געוואָלט אים כאַפּן און דאָ פאַרטשעפּעט מיט זײַן רעקל א טעצל פונעם טיש. דאָס טעצל איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צע־בראָכן מיט א הילכיקן טראַסק, און דער דאָזי־קער פלוצעם אופגעקומענער קלאַנג האָט אופ־געוועקט א שפּעלטעלע אין יאַנקלס זיכּאָרן. ער האָט זיך דערמאַנט.

יאָ, ער האָט זיך דערמאַנט...

דאָס איז געווען גלײַך נאָכן סאָף פון דער מילכאָמע. איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך אומגעקערט אין דער כאַרעווער, וויסטער שטאָט, איז געווען יאַנקלס א ווײַטער קאָרעווע. ער האָט פאַרנומען א גרויסע האַלב־כאַרעווע דירע אין א הויז, פון וועלכן ס׳איז געווען אַראָפּגעטראָגן דער דאַך און אַרויסגעריסן א שטיק וואַנט. די צימערן אין דער דאָזיקער די־רע זײַנען געשטאַנען פּוסטע און עפּעס האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז אַלע אָפּגעריסענע, אָפּגע־פליקטע ייִדן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט, האָבן געפונען א מאָקעם־מיקלעט אין אָט די פּוסטע צימערן מיט די אָפּגעשטאַנענע טאַפּעטן און די נאַס־באַפלעקטע סטעליעס. יאַנקל פלעגט אָפּט אַרײַנגיין אין אָט דער די־רע, און וואָס ער האָט זיך דאָרטן אָנגעזען און אָנגעהערט, וואָלט געקלעקט אַף צו פאַרפּאַסן ניט איין אייכע־מעגילע. נאָר באַזונדערס האָט אַף אים א רוישעם געמאַכט איינער א יונגער־מאַן. ער איז אָקאָרשט געקומען, א פאַרוואָק־סענער, א ברודיקער, אָנגעטאָן אין טראַנטעס און א הילפלאָזער ביז גאָר. ער האָט דורכגע־מאַכט אַלע שיווע מעדורעס גיהענעם, פאַרלאָרן א ווײַב מיט צוויי פּיצלעך קינדער, אַליין ניט געוווּסט, ווי־אַזוי ער איז לעבן געבליבן און ניט אָנגעהויבן צו וויסן, ווי לעבט מען ווײַטער און צוליב וואָס. דערציילט וועגן זײַנע אומגליקן האָט ער מיט א מאָנאָטאָנער שטימע, אָן שום מאָדוליאַציעס, אָן אופרודערונג און אופרעגונג, אָט אַזוי ווי מע לייענט אשריי. דער בליק פון זײַנע אויסגעלאָשענע אויגן איז געווען א פאַר־לאָרענער, די באַוועגונגען אַפּאַטיש.

דאָס ערשטע מאָל האָט יאַנקל אים געזען, ווען יענער האָט זיך געפּאַרקעט אין דער קיך, פּרוּווּנדיק אָנצינדן די קעראָסינקע. דאָס פּאָנעם איז געווען באַ אים אויסגעשמירט אין סאַזשע, די פינגער פאַרפּאַטשקעט און ס׳האָט זיך אַלץ ניט באַקומען באַ אים. סאַפּקאַלסאָף, אַז די קע־ראָסינקע האָט שוין געברענט באַ אים, האָט יאַנקל באַקוקט דאָס נעבעכדיקע באַשעפעניש. דאָס האַרץ האָט אים פאַרקלעמט און ער האָט אים א פרעג געטאָן:

— יונגערמאַן, ווי וועט איר ווײַטער לעבן?

— איך ווײ־ײַי? — האָט ער א צי געטאָן דאָס וואָרט, ניט האַלטנדיק פאַר נייטיק אַפילע עס צו פאַרענדיקן.

— איר האָט א פאַך? וואָס האָט איר געטאָן פאַר דער מילכאָמע?

— געהאַלטן א קרעמל אין מײַן שטעטל.

— נו, איז גוט, קאָנט איר האַנדלען. וועט איר אָנקומען אין דער האַנדל־קאָאָפּעראַציע.

— ווער? איך? האַנדלען? ווי קום איך צו האַנדלען? אַז דאָס קרעמל האָט געהאַלטן דאָס ווײַב... און איך האָב זיך סתּם אַרומגעדרייט אין בעסמעדרעש... באַ אַ בלאַט גמאָרע... גע־קאָנט אַמאָל די שוואַרצע פֿינטעלעך...

— נו, דאָס איז איצטער אַ קנאַפּע מלאָכע.

— וואָסי? איך זאָג דען, ס'איז אַ מלאָכע? — האָט דער יונגערמאַן אויסגעצויגן פֿלעגמאַטיש.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון אונטער זײַנע טראַנטעס אַן אַליומינעווע קענדל, געוואַלט אָנ־גיסן אין דעם די אָפּגעזאָדענע וואַסער, נאָר דאָס קענדל האָט זיך אויסגעגליטשט פֿון זײַנע ציטעריקע פֿינגער און מיט אַ הילכיקן טראַסק געפֿאַלן אַף די שטיינערנע פּליטקעס. דערנאָך איז אים פֿאַרט געלונגען אָנצוגיסן דאָס קענדל, און ער האָט, ברײַענדיק די ליפּן אָן דעם הייסן קענדל, געזופּט די וואַסער.

יאַנקל האָט געקוקט אַף אים און געטראַכט: ווו נעמט מען שאַגאַלס פּענדזל, אַנטאָקאָלסקיס פֿינגער, אויסצומאָלן, אויסצוקלעפּן אָט די פֿאַר־קערפּערונג פֿון ייִדישער פּײַן, פֿון ייִדישע צאָ־רעס, פֿון ייִדישער הילפֿלאָזיקייט? אָט שטייט זי דאָך פֿאַר אים אַ לעבעדיקע אין איר גאַנצער הימלשרײַענדיקער אויסזיכטלאָזיקייט.

נאָך אַ פּאָר מאָל, קומענדיק אין יענער דירע, האָט יאַנקל געזען אָט דעם פֿאַרשוין, אַלץ אַזוי אָפּגעריסענעם, אָפּגעשליסענעם, נעבעכדיקן און הילפֿלאָזן. שפּעטער איז ער פֿאַרשוווּנדן גע־וואָרן פֿון דער דירע צוזאַמען מיט אַלע פּליי־טים, וואָס די נאָכמילכאָמע־כוואַליע האָט אָנגע־טראָגן. מער האָט יאַנקל אים ניט געזען, נאָר ניט איין מאָל נאָך מיט קלעמעניש, מיט האַרצ־ווייטיק געטראַכט וועגן אָט דעם שלימאַזאַל־ניק.

און איצטער... נאָך אַזוי פֿיל יאָרן...

דער באַלעבאָס האָט זיך אומגעקערט פֿון קיך, וווּהין ער האָט געהאַט אַרויסגעטראָגן די שער־בלעך. ווואַרפֿנדיק אַ בליק אַף יאַנקלען, האָט ער עפּעס־וואָס באַמערקט אין זײַנע אויגן. ער האָט האַסטיק געכאַפּט אַ שטול, זיך צוגערוקט צו יאַנקלען און פֿאַרטרוילעך אים אַרײַנגעשעפּ־טשעט:

— וואָס? דערקענט, האַ?

באַ יאַנקלען האָט פֿון דערשטוינונג די צונג זיך ניט געדרייט אין מויל.

— זאָגט מיר... וואָס טוט איר? מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפֿטיקט די גאַנצע יאָרן?

— וואָס איך טו? אַן עקאָנאָמיסט בין איך... אַן עקאָנאָמיסט...

די צונג איז באַ יאַנקלען אינגאַנצן צוגעקלעפּט געוואָרן צום גומען.

— איר קלערט אַוודאי, בילדונג, האַ? — האָט יענער אַ שמייכל געטאָן. — ע, בלאָטע... וואָס איז דאָס עקאָנאָמיק? מאַגאַ־מאַסע. און וועלכער ייִד פֿאַרשטייט ניט אין מאַגאַ־מאַסע? און מיינט ניט, אַז די שוואַרצע פֿינטעלעך, וואָס כ'האָב אַמאָל געלערנט, קומען דאָ ניט צוניץ. אײַ־אײַ־אײַ, קומען זיי צוניץ... דאָרט איז דאָך אויך די־נים... אַ גאַנצער „סואַד זאַקאָנאָוו"... — דער ייִד האָט פֿאַרזשמורעט די אויגן און, שאָקלענ־דיק זיך, ווי אַ יעשיווע־באָכער באַם לערנען גמאָרע, האָט ער מיט מעסיקעס פֿאַרצויגן דעם אייביקן מײַ־קאָ־מאַשמע־לאָן פֿון די אַמאָליקע יאָרן.

יאַנקל האָט אַ פֿאַרינטערעסירטער זיך צוגע־רוקט נעענטער צום ייִדן.

— זאָגט מיר, ווי איז דאָס אײַך געלונגען? ווי ט'איר געלעבט די גאַנצע יאָרן?

דער באַלעבאָס האָט געעפֿנט די פֿאַרזשמורע־טע אויגן. זיי זײַנען באַ אים געווען קליינע און שוואַרצע, לעבעדיקע און אַ ביסל טרויעריק־פֿאַרטראַכטע. די קאַרבן אַפֿן פּאָנעם האָבן זיך עטוואָס אויסגעגלײַכט, נאָר פֿון די אויגן זײַ־נען געלאָפֿן צו די גראָווע שלייפֿן דינינקע שטראַלעכלעך־קנייטשעלעך. ער האָט דער־ציילט, ווי ער איז דעמלט ביסלעכווײַז געקומען צו־זיך, אָנגעקומען אַרבעטן אַלס שרײַבערל אין קאָנטאָר פֿון אַ זאַוואָד, פֿאַרלייגט אַ פֿאַמיליע, זיך אַרײַנגעטאָן מיט לײַב־און־לעבן אין דער אַרבעט און בעהאַדראָגעדיק געגאַנגען אין דער אַרבעט פֿאָרויס, פֿאָרויס...

די געסט אַרום טיש האָבן ווײַטער אײַפֿעריק געפֿירט זייער געשפּרעך, יאַנקל מיטן באַלעבאָס, אַ ביסל אָפּגערוקט פֿונעם טיש, זײַנען געווען פֿאַרטאָן אין זייער שמועס. פּלוצעם איז אַרום טיש שטיל געוואָרן, אַלעמענס בליקן האָבן זיך אַ ווענד געטאָן צו דער טיר, וואָס האָט געפֿירט אין דער טיפֿעניש פֿון דער דירע. יאַנקל מיטן באַלעבאָס האָבן אויך אַ קוק געטאָן אַהין. די טיר, וואָס איז געווען ניט אינגאַנצן צוגעמאַכט, האָט זיך פּאַוואָלינקע אָן עפֿן געטאָן, ס'האָט זיך געבילדעט אַ שפּעלטל און אין דאָזיקן שפּאַלט האָט זיך באַוויזן אַ קאַראַפּוז מיט גראָ־בע פּיסעלעך און הענטעלעך און מיט אַ פּאָ־נעם, אַף וועלכן ס'איז געווען אויסגעגאָסן די אָנשטרענגונג פֿון דער גרויסער אַרבעט, וואָס ער טוט. קענטיק, דער קויעך, מיט וועלכן ער האָט געעפֿנט די טיר, איז געווען צו גרויס פֿאַר אים, ער איז געפֿאַלן. נאָר ניט פֿאַרלאָרן זיך, ניט פֿאַנאַנדערגעוויינט זיך. צוזאַמענגענומען אַלע זײַנע קויכעס, זיך אויפֿגעהויבן און ווײַטער געגאַנגען. אַלע האָבן פֿאַרטײַעטע געקוקט אַף אים. אַף זײַן רונד פֿאַרביק פּאָנעם פֿון אַ גע־זונט, גוט דערנערט קינד האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די גײַסטיקע און פֿיזישע קויכעס, וואָס ער האָט

מאָביליזירט, קעדיי אָפּצוטאָן די ריזיקע אַרבעט, אָף וועלכער ער האָט זיך פאַרמאָסטן. די גראַ־בינקע פּיסעלעך האָבן געמאַכט אַ פּאָר טריטעלעך, דאָס געפעקטע קערפּערל האָט זיך וואַלגער געטאָן, ער האָט זיך אָפּגעשטויסן פון דיל, זיך אופגעהויבן און ווײַטער מוטיק גע־שפּאַנט. געגאַנגען איז ער צום זיידן, וועלכן ער האָט טייקעף אויסגעטיילט פון אַלע מענטשן אַרום טיש. קיינער האָט זיך ניט גערירט, ניט אופגעהויבן זיך אים צו העלפן. אַלע האָבן ווי פאַרקישעפטע געקוקט אָף דעם קליינעם מענ־טשעלע, וואָס פירט מוטיק אַ קאַמף צו דערגרייכן זײַן ציל. עפּשער דער ערשטער קאַמף צום ערשטן ציל אין זײַן לעבן.

נאָך אַן אָנשטרענגונג, נאָך אַן אָנשטרענגונג און אָט פאַלט שוין דאָס נעפּעשל צו צו די באַקאַנטע, צו די גוטע קאַמאַשן פונעם זיידן. אָף זײַן פּאָנעם גיסט זיך אויס אַ צופרידנקײַט. דאָס איז די גליקזעליקײַט פון אַ מענטשן, וואָס האָט נאָך שטאַרקער האַרעוואַניע דערגרייכט צום געגאַרטן ציל.

דער זיידע שטייט אוף פון זײַן שטול, בייגט זיך אײַן צום קאַראַפּוזיקל און הייבט אים הויך אוף. ער שמייכלט אַ צופרידענער. דער טריומף פונעם אייניקל איז אויך זײַן טריומף.

אַ דינער זון־שטראַל רײַסט זיך דורך אין דעם מאָמענט דורכן פענצטער און באַלויכט די שטיי־ענדיקע פיגור. די זון קוקט קיינמאָל ניט אַרײַן אין דאַזיקן ענגן הויף פון אַלט־שטאָט. נאָר באַם סאַמע אונטערגיין, איידער זי לייגט זיך שלאָפן, האַלט זי פונדעסטוועגן פאַר נייטיק צו וואַרפן אַ קורצן לעצטן בליק אויך אין אָט דעם אַלטן ווילנער הויף. און דאָס איז טאַקע דער מאָמענט, ווען זי באַשײַנט דעם אַלטן ייִדן מיט זײַן איי־ניקל אָף די הענט.

יאַנקל קוקט אַ פאַרקישעפטער. מע דאַרף ניט שאַגאַלן, מע דאַרף ניט אַנטאָקאָלסקין. אָט איז אַ לעבעדיקער מאָנומענט פון אויסדויער, פון אײַנגעוואָרצלטקײַט, פון אומשטערבלעכקײַט.

כראָניק

50 יאָר „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ"

די ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט פון אונדזער לאַנד האָט אָפּגעמערקט דעם 50־יאָריקן יובילײ פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" — אָרגאַן פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר. לויטן אוקאַז פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט פון פססר איז די צײַטונג באַלוינט געוואָרן מיט דעם אָרדען פון פעל־קער־פרײַנטשאַפט.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון פססר, פאָרזיצער פון פּרעזידיום פונעם אויבער־סאָוועט כאַווער לעאָניד איליטש ברעזשנעוו האָט צוגעשיקט דעם קאָלעקטיוו פון דער רעדאַקציע, דעם אוטאָרן־אַקטיוו און די לייענער אַ באַגריסונג, אין וועלכער עס ווערט צווישן אַנדערס געזאָגט:

„הײַנט, ווען דאָס גאַנצע סאָוועטישע פאָלק מידט זיך אָף צו אויספילן די היסטאָרישע באַשלוסן פונעם XXV צוזאַמענפאָר פון קפּסס, איז די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" באַרופן מיטצוהעלפן, ס׳זאָל ווײַטער שטײַגן די ראָל פון דער שעפערישער אינטעליגענץ אין דער אַלפאָלקישער זאַך פון בויען די קאָמוניסטי־שע געזעלשאַפט, מיטהעלפן אין דער אַנטוויקלונג און קעגנזײַטיקער באַרײַכערונג פוז דער סאָוועטישער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור. עס איז קיין סאָפעק ניט, אַז די „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" וועט אויך אָף ווײַטער טאַלאַנטפול און בוילעט אָפּשפּיגלען די אַרבעטס־אופטוען פונעם סאָוועטישן פאָלק, זײַנע שלאַכט־העלדנטאַטן אין דער גרויסער פּאַטעריאָטישער מילכאָמע, אַנטפּלעקן די בעסטע מאָראַלישע אייגנשאַפטן פון אונדזער מיטצײַטלער, וועלכע עס האָט דערצויגן די פּאַרטיי, אומבאַשאָלעמדיק קעמפן מיט דער בורזשואַזער און רעוויזיאָניסטישער אידעאָלאָגיִע, מיט די אַנטיפּאָדן פון דער קאָמוניסטישער מאָראַל".

■ ■ ■

אף די שפּורן
פון געשעענעס

מיר פאַרגעסן אים ניט

דער לייענער און גאַזעלשאַפטלעכער פּאַר־שפּרייטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איליא ריזשאַווסקי פון קיעוו האָט אונדז צוגעשיקט א בריוו, ווו עס גייט א רייד וועגן דער היסטאָרישער שלאַכט פאַר סטאַלינגראַד. אינעם בריוו דערמאָנט אי. ריזשאַווסקי די לעגענדאַרע „פּאַוולאָווס שטוב", וועלכע איז איצט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א דענקמאָל פון סאָלדאַטישער גוווּרה.

דער סערזשאַנט פון דער דרײַצנטער גוואַרדײַשער דיוויזיע יאַקאָוו פּאַוולאָוו איז בײַם די שלאַכטן אין סטאַלינגראַד געווען דער „קאָמענדאַנט" פון אָט דעם הויז.

אי. ריזשאַווסקי שרײַבט: „פּאַוולאָווס שטוב" האָבן פאַרטיידיקט דער רוס אי. אַפאַנאַסיעוו, דער אוקראַינער וו. גלושטשענקאָ, דער גרוזינער נ. מאָסאַשווילי, דער טאַטער פ. ראַמאַזאַנאָוו, דער קאַזאַך ט. מורזאַיעוו, דער אוזבעק ק. טוטונאָוו, דער טורקמען א. טורדיעוו, דער ייִד אי. כאַיִט".

א מיטאַרבעטער פון אונדזער רעדאַקציע האָט זיך געווענדט צום העלד פון סאָוועטנפאַרבאַנד יאַקאָוו פעדאָטאָוויטש פּאַוולאָוו, וואָס וווינט אין דער שטאָט נאָווגאָראָד, און זיך אָנגעפרעגט, צי געדענקט ער אידל כאַיִטן.

אי. פ. פּאַוולאָוו האָט געענטפערט מיט א בריוו, אין וועלכן ער שרײַבט, אַז ער געדענקט דעם סערזשאַנט כאַיִט, וועלכער איז געווען א קוילנוואַרפלער. צום באַדויערן, האָבן זיך קיין אײַנצלהייטן וועגן אָט דעם שלאַכטמאַן בא אים ניט פאַרהיט. ער אײַצעט אונדז זיך ווענדן צום זשורנאַליסט ל. סאָלאָווייטשיק, דעם מחבר פונעם בוך „פּאַוולאָווס שטוב".

מיר פּובליקירן דאָ די פאַרצייכענונג וועגן דעם גוואַרדיגל פאַר „פּאַוולאָווס שטוב" אין סטאַלינגראַד אין האַרבסט 1942, וועלכע דער זשורנאַליסט לייב סאָלאָווייטשיק האָט אָנגעשריבן ספּעציעל פאַרן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

ער איז געווען א קוילנוואַרפלער...

אכט און פופציק טעג און אכט און פופציק נעכט האָט ער צוזאַמען מיט זײַנע כאַווייריִם בײַם די סטאַלינגראַדער שלאַכטן פאַרטיידיקט



С уважением

12/III 75.

א בריוו אין רעדאַקציע פון יאַקאָוו פּאַוולאָוו וועגן זײַן שלאַכט־כאַווער אי. כאַיִט

דאָס הויז, וואָס איז אַרײַן אין דער געשיכטע פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע אונטער נאָמען „פּאַוולאָווס שטוב".

אידל כאַיִט איז געווען א באַשיידענער און מוטיקער מענטש.

ער איז געווען...

און איז געפאַלן אין א הייסער שלאַכט, אין 1942.

די היטלעראָווצעס זײַנען פון דער הויט געקראָכן, קעדיי זיך דורכרײַסן צו דער וואָלגע. זיי האָבן שוין פאַרכאַפּט קימאַט גאַנץ סטאַלינגראַד, אַלע זעכציק קילאָמעטער לענגויס דעם טײַך, ביזן ברעג איז זיי געבליבן דורכגיין א קליין פּאַסמעלע ערד, בלויז עטלעכע הונדערט מעטער די ברייט.

און דעמלט שליסט זיך אַרײַן אינעם געשלעג די דרײַצנטע גוואַרדייִשע דיוויזיע בעראָש מיט איר קאָמאַנדיר, דעם גענעראַל ראָדימצעוו, וועלכער האָט שוין געקעמפט מיט די פאַשיסטן אין 1937 אין דער שפּאַנישער הויפּטשטאָט מאַדריד. איצט זײַנען אים ווידער פאַרגעשטאַנען גאַסן־שלאַכטן.

די דרײַצנטע גוואַרדייִשע דיוויזיע איז אַרויסגערופן געוואָרן פונעם רעזערוו. א גאַנצע נאַכט האָט מען זי אף שיפן און באַרזשעס איבערגע־

אידל כאַיט אין די יאָרן פון דער
פּאַטערלענדישער מילכאָמע

פירט פון איין ברעג װאָלגע צום צװייטן. אירע באַטאַליאָנען זײַנען גלײַך אַרײַנגעטראָטן אין שלאַכט — ראָדימצעװן האָט מען אויסגעטײלט אַ פּאָזיציע אין דעם צענטראַלן ראַיאָן פון דער שטאָט.

שוין אין די ערשטע מינוטן אָף דער סטאַלינגראַדער ערד קומט אויס אויך דעם סערזשאַנט יאַקאָװ פּאַװלאָװן זיך אַרײַנװאַרפן אין שלאַכט. ער װאַרט ניט, ביז זײַן גאַנצער באַטאַליאָן װעט זיך איבערצײַען פון יענער זײַט װאָלגע, מע דאַרף װאָס גיכער באַפרײַען די בײַברעגיקע הײַזער, װעלכע עס האָבן פאַרכאַפּט די פאַשיסטן. ער אַטאַקירט מיט זײַן אָפּטײלונג איין שטוב נאָך דער צװייטער, אַ ביסל שפּעטער שטעלט ער זיך בעראָש פון אַ גרופּע פון פערצן מענטשן און לאָזט זיך אַװעק אין אַ געװאַגטן דרײַמעסלעסיקן רעיד צום פײַנט אין הינטערלאַנד. דער ציל פון אָט דעם קלײנעם אָטריאַד — ניט לאָזן צורו די פאַשיסטן, מאַכן אַ ראַש, אופהייבן אַ שיסערײַ אין אומגערעכטע ערטער, פאַרניכטן װאָס מער אָקופּאַנטן. זאָלן זײ װיסן, אַז דער דערפאָלג פון דער דײַטשישער אַרמײ איז ניט קיין געזיכערטער, ער איז אַ צײַטװײַליקער, — די שטאָטישע קװאַרטאַלן, װעלכע זײַנען פאַרכאַפּט געװאָרן, װעט מען מוזן אומקערן צוריק דער רויטער אַרמײ. פונעם געװאַגטן רעיד קערן זיך אום בלויז פינף מענטשן...

דרײַ הונדערט מעטער פונעם װאָלגער ברעג זעט זיך אַרויס פון אַלע זײַטן אַ ציגלנער מויער. סרײפּעס האָבן פאַרשװאַרצט זײַנע דיקע װענט, עס זעען זיך אָף זײ שפּורן פון קוילן און שפּליטערס. דאָס איז די באַרימטע מיל — דער באַסטיאָן פונעם דריטן באַטאַליאָן (זי זעט אויס אויך איצט, אין צענדליקער יאָר אַרום, אַזוי, װי אין די גרויזאַמע „סטאַלינגראַדער טעג". די װאָלגאָגראַדער טױשעװים האָבן באַשטימט ניט אופּצושטעלן די טײַערע רוּינעס—זאָלן זײ פאַרבלײַבן װי אַ דענקמאָל).

פאַרן סוינע האָט די דאָזיקע געבײַדע געהאַט אַ גרויסע באַדײַטונג, אָף זײַנע מאַפּעס איז זי געװען אָפּגעמערקט אונטערן נאָמען „פאַבריק", און ער האָט מיט אַלע קויכעס געשטרעבט פאַרכאַפּן זי אָדער פאַרניכטן. דאָס װאָלט אים געגעבן אַ מעגלעכקײַט זיך דורכצוברײַסן צו דער װאָלגע אָף אַ גרויסן שטעטך.

טאַקע אינעם ראַיאָן פון דער געװעזענער מעלוכע־מיל נומער פיר, װעלכן ס'האָט פאַרטײדיקט דער צװײי־און־פערציקסטער גװאַרדײיִשער שיסער־פּאָלק, זײַנען פאָרגעקומען די שלאַכטן, װאָס האָבן געמאַכט באַװוּסט אָף דער גאָרער װעלט „פּאַװלאָװס שטוב". די שטוב איז געװען דערװײַטערט פון דער מיל אָף אַ מעהאַלעך פון 150 מעטער. אין אָט דער געבײַדע אָף דער פּענזענסקער גאַס (נומער 61) איז ערעװ דעם פאַשיסטישן אָנגריף אָף סטאַלינגראַד געװען טעטיק דער געגנטלעכער געבװױך־פאַרבאַנד. אַלפּי־נעס איז זי געבליבן גאַנץ נאָך די שרעקלעכע באַמבאַרדירונגען פון דער שטאָט, אויסגעזען האָט די שטוב גאַנץ פרידלעך, אַלנפאַלס, קײנער האָט פון איר ניט געשאָסן.

דער פּאָלקאָװניק יעלין באַפוילט זי פאַרנעמען.

דער קאָמאַנדיר פון דער זיבעטער ראָטע פאַרקלערט זיך. ער איז מעכוײעװ אויסצופילן דעם באַפעל. אָבער װעמען פאַרטרויען די אָפּעראַציע? זײַן ראָטע איז שוין ביז גאָר שיטער. עס װאָלט געװען גוט שיקן צום הויז פּאַװלאָװן, נאָר דער סערזשאַנט איז געבליבן אײנער אַלײן אין דער שיסער־אָפּטײלונג — מע האָט אים אַפילע, שפּאַסנדיק, גערופן „גענעראַל אָן כאַיל". דאַרף מען אים געבן אָן אַרמײ!

פּאַװלאָװ האָט געבעטן, מע זאָל אים געבן דרײַ סאָלדאַטן. דער קאָמאַנדיר פון דער זיבעטער ראָטע נאַומאָװ האָט שוין געהאַט אַ מעגלעכקײַט, פאַר דער װאָך, װאָס זײ קעמפן אין סטאַלינגראַד, אָפּצושאַצן זײַן אַרבעט, און ער איז געװען זיכער, אַז דער סערזשאַנט װעט דעם באַפעל אויספילן.

אין דער שטוב אָף פּענזענסקער גאַס, נומער 61, האָט שוין פּאַװלאָװ, „פאַרבײַגײענדיק", אַרײַנגעקוקט בײַס זײַן מאַרש אין דעם הינטערלאַנד פון די פאַשיסטן. ער האָט דעמלט זיך דערװוּסט, אַז אין די פיר קעלערס פונעם הויז באַהאַלטן זיך אָן ערעך דרײַסיק סטאַלינגראַדער אײַנװוינער — אַלטע לײַט, פרויען און קינדער. זײ זײַנען אַהער געקומען נאָך דעם טראַגישן זונטיק, דעם 23 אױגוסט 1942, װען די פאַשיסטן האָבן פאַרגענומען דעם ערשטן ביז גאָר שטאַרקן אָנפאַל אָף דער שטאָט. העכער זעקס הונדערט דײַטשישע אַעראָפּלאַנען האָבן דאַן באָמבאַרדירט די פרידלעכע באַפעלקערונג.

כאָטש מע האָט גערעכנט, אַז דאָס הויז אַף דער פּענזענסקער גאַס איז „קיינעמס ניט", דאָך האָבן זיך באַטאָג שוין באַוויזן לעבן דעם פּאַשיסטן, און דער זיבעטער ראָטע איז אויסגעקומען אופהייבן א שיסערײַ איידער נאומאָוו האָט באַקומען דעם באַפעל צו פאַרנעמען דאָס הויז.

— עפּעס קומט דאָרט פּאָר אומבאַגרײַפּלעכס, — זאָגט נאומאָוו, געזעגענענדיק זיך מיט פּאַוולאָוון. — כ'האָב מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי די ברוינע וויפּערס זײַנען אַרײַנגעקראָכן אהין, דערנאָך איז געוואָרן שטיל... נעם דײַן מיליטער און גיי, סערזשאַנט, ביזוואַנען די לעוואָנע איז ניט אַרוף אַפן הימל. ס'איז א שטאָך אַרבעט פאַר דיר. זאָל זײַן מיט מאַזל.

פּאַוולאָוו און זײַנע כאַוויירים לאָזן זיך אַוועק אין וועג. דער ערשטער פּויזעט איוואַן אַלעקסאַנדראָוו, דערנאָך ניקיטאַ טשאַרנאָגאַלאָוו — ביידע זײַנען געגאַנגען מיט פּאַוולאָוון אין הינטערלאַנד צו די פּאַשיסטן, פון זיי שטייט ניט אָפּ וואַסילי גלושטשענקאָ — פּאַוולאָווס אַן אַלטער פרײַנט.

צום אַרײַנגאַנג אין דער שטוב דערפּויזען אַלע פיר אויסשפּירער. צוויי פאַרבלײַבן אַף די טרעפּ, פּאַוולאָוו און טשאַרנאָגאַלאָוו שמוגלען זיך דורך אין הויז דורך דער צעעפנטער טיר. זיי קוקן אַרײַן אין איין קוואַרטיר, אין א צווייטער — קיינער איז ניטאָ, נאָר, קענטיק, די פּאַשיסטן זײַנען דאָ געווען.

שטילערהייט לאָזן זיך אַראָפּ די אויסשפּירער אין קעלער. ס'איז שטיל. אין ווײַטן ווינקל ברענט א ליכט. אין איר שײַן דערזעען די אויסשפּירער עטלעכע אומבאַוועגלעכע פיגורן — אַף טויט איבערגעשראָקענע מענטשן. פּאַוולאָוו זאָגט מונטער. „מיר זײַנען אייגענע!" — און די מענטשן לעבן אוף.

אַלע אין איין קאָל, אַרײַנפּאַלנדיק איינער דעם אַנדערן אין די רייד, דערציילן זיי, אַז די שטוב איז פול געפּאַקט מיט דײַטשן, דאָס מיידעלע לידע האָט אַליין געזען הײַנט, ווי זיי האָבן זיך אופגעהויבן אַף די טרעפּ פונעם שכיינעסדיקן אַרײַנגאַנג.

די לעוואָנע איז שוין אַרויס אַף איר הימלשטעג, און דורכגיין דעם מעהאַלעך צווישן די אַרײַנגאַנגען אין הויז איז געפערלעך. עס געלינגט אָבער די אויסשפּירער דורכפּויזען די פופצן מעטער אָן פאַרלוסטן.

און שוין אין דער ערשטער קוואַרטיר א סיורפּריז — מע רעדט דאָרט אַף א פרעמדער שפּראַך.

א קנאַק מיטן פוס אין טיר — זי צעפּראַלט זיך, אין צימער פליען צוויי גראַנאַטעס. אַפן פענצטער־ברעט אין רויך און שטויב דערזעט פּאַוולאָוו א קוילנוואָרפער. אַפן דיל — צוויי געהאַרגעטע. דורכן פענצטער קאָן מען זען, ווי עס אַנטלויפן איבערן פּלאַץ און באַהאַלטן זיך הינטערן שטוב־ראָג די לעבנגעבליבענע פּאַשיסטן.

אינעם דריטן און פערטן אַרײַנגאַנג זײַנען שוין קימאַט קיין דײַטשן ניט געווען. אַנשטאָט זיי האָט זיך באַוויזן דער סאַניטאַר־אינסטרוקטאָר קאַלינין. באַטאָג האָט ער אַרויסגעטראָגן פונעם שלאַכט א פאַרוווּנדעטן, געבראַכט אים אַהער און דאָ געבליבן שטעקן. איז פאַראַן מיט וועמען איבערצושיקן א באַריכט. פּאַוולאָוו רײַסט אַרויס פונעם בלאָקנאָט א בלעטל און שרײַבט אָן אַף דעם מיט א בלײַער: „דעם ראָטע־קאָמאַנדיר נאומאָוון. די שטוב פאַרנומען. כ'וואַרט אַף ווײַטערדיקע פאַראָרדענונגען. סערזשאַנט יא. פּאַוולאָוו".

קאַלינין לאָזט זיך אַוועק צו אונדזער פּאָדערשטער ליניע.

און גלײַך גאָר נאָענט דערהערט זיך א ווילדע שיסערײַ.

צי דען איז קאַלינין אומגעקומען? ניטאָ מער וועמען צו שיקן אין דער ראָטע.

— זיי גייען! — דערהערט זיך אַלעקסאַנדראָווס קאָל. ער שטייט נעענטער פון אַלעמען צום פענצטער.

א סוואָרע, דער קעגנער האָט זיך פאַנאַנדערגעקליבן, וואָס עס באַטײַט פאַר אים אָט די נאָרוואָס פאַרלוירענע שטוב, ער וויל אָפּסנײַ פאַרכאַפּן זי. אָן ערעך צוויי צענדליק פּאַשיסטן גרײַפן אָן אַף פּאַוולאָווס „גאַרניזאָן". די אויסשפּירער לאָזן צו דעם סוינע נעענטער און באַשיסן אים מיט אויטאָמאַטן. עטלעכע מאָל אַטאַקירן די היטלעריסטן. זיי מוזן אָבער סאָפּקאָלסאָף אָפּטרעטן מיט גרויסע פאַרלוסטן.

לאָזט זיך אויס, אַז דער סאַניטאַר־אינסטרוקטאָר קאַלינין איז ניט אומגעקומען. עמעס, דערגאַנגען איז ער צו אונדזערע ערשט אַפן צווייטן מעסלעס, אופּהאַלטנדיק זיך אין די רויִנען פון די סטאַלינגראַדער גאַסן. אָבער פּאַוולאָווס באַריכט האָט ער געבראַכט גלײַך צום קאָמאַנדיר פון דעם פּאָלק. קאָלזמאַן ער האָט זיך געייסעקט מיט די אָבמאָטקעס און מיט די שיך, ווו עס איז געווען באַהאַלטן דאָס טײַערע פּאַפּירל, האָט דער פּאָלקאָווניק יעלין אים באַטראַכט, אָן אויסגעשמירטן אין ליים, מיט א צעפליקטער שינעל, אָן א פּילאָטקע.

— פונוואַנען קומט איר? — פרעגט שטרענג יעלין.

— פון פּאַוולאָווס שטוב! — ענטפערט אָפּ מונטער קאַלינין.

אָט אַזוי ווערט צום ערשטן מאָל אַרויסגעזאָגט דער באַגריף „פּאַוולאָווס שטוב", וועלכער האָט זיך דערנאָך אַוועקגעטראָגן איבער דער גאָרער וועלט ווי א סימבאָל פון סאָלדאַטישן רום.

באַנאַכט איז צו פּאַוולאָוון אָפּגעשיקט געוואָרן טאַקע אָן עמעסער גאַרניזאָן: צוויי צענדליק סאָלדאַטן — אויטאָמאַטשיקעס, טאַנקענפאַרניכטלער, מינענוואַרפלער און א גאַנצן „ווזוואָד" פּולעמיאָטשיקעס. דער נאָמען „ווזוואָד" איז, פאַרשטייט זיך, געווען צוגעטראַכט אין א שפּאַס. אין זײַן רעשוס איז געווען בלויז איין קוילנוואָרפער, און ער איז באַשטאַנען, כוץ דעם קאָמאַנדיר, דעם לייטענאַנט אַפאַנאַסיעוו, פון פינף מענטשן: דעם אָפּטיילונג־קאָמאַנדיר, עלטערער סערזשאַנט וואָראָ־

נאָו; דעם ערשטן נומער כאַיִט, א הײַוואָראָנער שוסטער; דעם צווייטן נומער איוואשטשענקאָ, א מיליציאָנער פון לוגאַנסקער געגנט; דעם קוילנווארפלער סווירין, אן אסטראַכאַנער קאָל־ווירטניק, און דעם קוילן־אונטערטרעגער באַנ־דאַרענקאָ פון מײַקאָפּ.

צוויי כאַדאָשים נאָכאַנאַנד האָט א הײַפל סאָ־וועטישע קריגער — א פערטל מייע — זיך גע־ראַנגלט מיטן סוינע, אָפּגעשלאָגן איין אטאַקע נאָך דער צווייטער, אָפּגעהאַלטן דעם דראַנג פון א גרויסער צאָל פארביטערטע פאשיסטן, און ניט דורכגעלאָזט זיי צו דער וואָלגע.

נאָך דער מילכאָמע האָט מען א לאַנגע צײַט גאַרניט געוווּסט וועגן די פארטיידיקער פון „פאַוולאָווס שטוב". און בעסויכעם אויך וועגן פאַוולאָוון. ער איז „פארפאַלן געוואָרן". פון האָספּיטאַל, ווו ער איז געלעגן א פארוווּנדעטער, האָט מען אים אוועקגעשיקט ניט צוריק אין זײַן פאָלק, נאָר אין אן אנדער טייל, אף אן אנדער פראָנט, אין א נײַגעשאַפענער קעגנטאַנקקעווער אַרטילערישער איינהײַט. ער זעצט פאָר קעמפן שוין אלס אַרטילעריסט, באַגייט נײַע העלדנ־טאַטן, באַקומט שלאַכט־באַלוינונגען, נאָר מיט זײַנע סטאַלינגראַדער אופטוען באַרימט ער זיך ניט, דערמאָנט זיי ניט, אפילע אַרײַנטרעטנדיק אין פארטיי.

מע האָט אים געזוכט. קאָידעמקאָל זײַנע פאָלק־כאַוויירים. און אויך די סטאַלינגראַדער טויש־ווים. ווי נאָר די שטאָט איז באַפרײַט געוואָרן, האָבן זיי אָנגעהויבן שיקן בריוו, וועמען עס איז געווען מעגלעך. זיי בעטן מיטיילן, ווו עס גע־פינט זיך פאַוולאָוו. עטלעכע אזעלכע באַקאָשע־בריוו זײַנען אָנגעקומען אין דעם סערזשאַנטס אַמאָליקן צוויי־און־פערציקסטן פאָלק. אָבער וואָס האָט מען דאָרטן געקאָנט ענטפערן? אין פאָלק האָט מען ניט געוווּסט, וווּהין פאַוולאָוו איז אהינגעקומען.

געהאָלפן האָט א צופאַל. סאָף נאָיאַבער 1944 באַקומט מען אין צוויי־און־פערציקסטן פאָלק — דאַן האָט ער שוין געקעמפט אין פוילן — א צײַ־טונגס־אויסשניט מיט אן אַרטיקל וועגן „פאַוו־לאָווס שטוב" און א בריוו: „באַ אונדז דינט איינער א סערזשאַנט יאַקאָוו פאַוולאָוו, עפשער איז ער טאַקע יענער, פון סטאַלינגראַד?" דער בריוו דערגייט צום מאַיאָר יויסעף לעזמאַן, וועלכער איז צו יענער צײַט נאָמינירט געוואָרן אלס שטעלפארטרעטער פונעם פאָלק־קאָמאַנ־דיר. בײַס די סטאַלינגראַדער שלאַכטן איז לעז־מאַן, א פּאָליט־טוער אין א באַזונדערן סאַפּיאָר־באַטאַליאָן, געווען אן איידעס פון פאַוולאָווס טעטיקײַט, ווײַל די סאַפּיאָרן האָבן געבויט פע־סטונגען ארום „פאַוולאָווס שטוב". אָט אזוי האָט זיך אָפּגעזוכט פאַוולאָווס פארלאָרענער שפּור. (יויסעף לעזמאַן וווינט איצט אין כאַרקאָוו, ער אונטעריכט אין א הויכשול. צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פונעם זיג איבערן דײַטשישן פאשיזם האָט די מאָסקווער צײַטשריפט „ליטעראַטור־נאָיע נאַסלעדסטוואָ" („ליטעראַרישע ירושע") פארעפנטלעכט אן אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל — לעזמאַנס בריוו־אויסטויש מיט איליאַ ערענ־בורגן).

פיל יאָרן האָט יאַקאָוו פאַוולאָוו זיך געמיט אויסקלאָרן, צי עס זײַנען געבליבן לעבן די כאַ־וויירים, מיט וועמען ער איז געגאַנגען אף זײַן ער־שטער אויסשפּיר־אָפּעראַציע און אין מעשעך פון צוויי כאַדאָשים פארטיידיקט צוזאַמען מיט זיי די לעגענדאַרע שטוב. קיינער פון זיי האָט זיך, ליידער, ניט אָפּגערופן, האַגאַם אין דער פּרעסע פלעגן אָפט זיך באַווײַזן נאָטיצן וועגן „פאַוו־לאָווס שטוב".

...אין 1954 פירן מיך צוניף מײַנע זשורנאַליס־טישע וועגן מיטן העלד פונעם סאָוועטנפאַר־באַנד יאַקאָוו פאַוולאָוו. איך שליס זיך אָן צו זײַנע פאָרשונגען. נאָך הילף קומט אויס זיך ווענדן אין אַרכיוו פונעם שוץ־מיניסטעריום, אין איינעקע מיליטערישע קאָמיסאַריאַטן.

עס רופט זיך אָפּ דער העלד־קוילנוואַרפלער איליאַ וואָראָנאָוו. „יאָ, איך בין געווען איינינעם מיט פאַוולאָוון, — שרײַבט ער. — כ'געדענק מײַ־נע כאַוויירים: דעם לייטענאַנט אַפאַנאַסיעוו, דעם סערזשאַנט כאַיִט. מיר האָבן איינינעם געקעמפט, איינינעם דעם 25 נאָיאַבער 1942 זײַ־נען מיר אוועק אין אָנגריף. כ'בין דעמלט שווער פארווונדעט געוואָרן — געבליבן אָן א פוס..."

אפן אָפּעראַציע־טיש האָבן די סטאַלינגראַדער כירורגן אַרויסגענומען פון וואָראָנאָווס בויך און פון די הענט העכער צוואַנציק שפּליטערס. דעם פוס אָפּראַטעווען האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. איליאַ וואָראָנאָוו וווינט איצט אין דאָרף גלינקי, אָרלאָווער געגנט.

קאָמפּליצירטער איז געווען אָפּזוכן אידל כאַיִטס קרוויוים. סאָפּקאָלסאָף, אין דעקאַבער 1958, ווען ס'איז שוין דערשינען מײַן בוך „פאַוולאָווס שטוב", האָט מיר פון טאָמסק, פון דער אַרמיי, צוגעשיקט א בריוו זײַן זון יאַקאָוו. „כ'באַמי זיך דינען אזוי, — טיילט ער מיט, — אז עס זאָל ניט פארפלעקט ווערן דעם טאַטנס אָנדענק"...

וועגן אידל כאַיִטן האָט מיר זומער 1978 זײַן אַלמאָנע מירע אַבראַמאָוונע דערציילט אָט וואָס: „ער, אידל, איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל כאַשטשעוואַטע, הײַוואָראָנער ראַיאָן, קיראָוואָ־גראַדער געגנט אין 1914. זײַן פאָטער, אן אָרע־מער שנײַדער, און זײַן מוטער זײַנען צו פרי אוועק אין דער אייביקער רו, איבערלאָזנדיק זעקס יעסוימים. מײַן אידל איז אלט געווען פינף יאָר, ווען עס זײַנען געשטאָרבן די עלטערן, אים האָבן געהאָדעוועט פרעמדע מענטשן. אונ־טערוואַקסנדיק, האָט ער צוערשט געהאָרעוועט באַ א פורמאַן, דערנאָך, צו דרײַצן יאָר, גיט מען אים אָפּ זיך לערנען שוסטערײַ. ביזן פריזיוו אין דער רויטער אַרמיי אַרבעט ער אלס שו־סטער. ער דינט אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. צום סאָף פון זײַן דינסט — איך בין דעמלט אלט געווען זיבעצן יאָר — האָבן מיר כאַסענע גע־האַט. אין 1939 איז באַ אונדז געבוירן געוואָרן דער זון יאַשע.

איך בין נאָך געלעגן אין געבורט־הויז, ווען אידל איז געקומען זיך געזעגענען — זײַן מיליטער־טייל האָט מען געשיקט באַפרײַען מײַרעוו־אוקראַיִנע. פון דאָרטן האָט ער זיך אײַנגיכן אומגעקערט קיין קאַמענעץ, נאָר באַלד הייבט זיך אָן דער קריג מיט די פינלענדער, און אידל איז אוועק אין שלאַכט. אויך דאָס מאָל קערט ער זיך אום אַהיים בעשאָלעם. עס ענדיקט זיך זײַן דינסט. מיר ציִען זיך איבער קיין הײַוואָראָן. אידל פאַרנעמט זיך מיט שוסטערײַ. דעם 15 יול 1941 גייט ער ווידער אוועק אין דער אַרמיי.

מיך מיטן זון עוואַקויִרט מען צוערשט אויף צאָפן־קאַווקאַז, דערנאָך — קיין קאַזאַכסטאַן. איך אַרבעט אין דאָרף טשערוואָנאָיע.

בײַס דער מילכאָמע האָב איך קיין שום פאַרבינדונג מיט אידלען ניט געהאַט. נאָכן זיג קער איך זיך אום מיטן זון קיין הײַוואָראָן, און דאָן דערציילן מיר מײַנע לאַנדסלײַט, אַז אידל איז נאָך אין אָנפאַנג פונעם קריג געווען פאַרוווּנדעט, געהיילט זיך אין אַסטראַכאַן, געגאַנגען אויף מיליצעס. עוואַקויִרנדיק זיך דאָס צווייטע מאָל — אין קאַזאַכסטאַן — זײַנען מיר דורכגעפאָרן אַסטראַכאַן. גיי ווייס, אַז פונקט דאַן איז אין האָספּיטאַל, אויף דער צענטער פּריסטאַן געווען דאָרט אידל! ער האָט געזאָגט די מענטשן פון אונדזער שטעטל, אַז ער וויל וואָס גיכער זיך אויסהיילן, קעדיי נעקאָמע נעמען פאַר זײַן מישפּאָכע — אידל האָט געמיינט, אַז אונדז, מיך מיטן זון, האָבן די פאַשיסטן אומגעבראַכט...

דעם זון האָב איך געשטעלט אויף די פיס. געגעבן אים מיטעלע בילדונג. ער האָט געיאַרשנט דעם טאַטנס פאַך. איצט וווינט ער מיט זײַן געזינד אין כערסאָן. בײַ אים איז פאַראַן אַ זעכצניאָריקע טאָכטער און אַן עלפיאָריקער יוירעש...״

דער גרויסער סטאַלינגראַדער אָנגריף פון אונדזערע דיוויזיעס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19 נאָיאַבער 1942.

דער דריטער באַטאַליאָן באַקומט אַ באַפעל: פאַרכאַפּן דאָס הויז, וואָס שטייט אויף דער קעגנײַבערדיקער זײַט פונעם פּלאַץ, אַז ערעך הונדערט זיבעציק מעטער די ווײַט, מע רופט עס „דאָס מילכיקע הויז״, ווײַזט אויס, מאַכמעס דער באַפאַרבונג. שוין לאַנג איז עס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין רויִנעס, נאָר דער קעגנער האָט זיך דאָרט פאַרפעסטיקט.

די ערשטע אַטאַקע געלינגט ניט.

די צווייטע הייבט מען אָן באַנאַכט. דער באַטאַליאָן קאָנצענטרירט זיך אין דער פינצטערניש אויפן פּלאַץ לעם „פּאַוולאָווס הויז״.

כאַיִט, איוואַשטשענקאָ, סווירין שלעפּן אַרויס אין דרויסן דעם קוילנוואַרפער — זיי וועלן מיט זייער פײַער אונטערהאַלטן די אַטאַקירנדיקע גרופּע פונעם באַטאַליאָן. די איבעריקע קוילנוואַרפער, וועלכע דער באַטאַליאָן האָט מיט זיך געבראַכט, בלײַבן אויפן אָרט, פונדאַנען וועלן זיי שטיצן דעם אָנגריף. אויב, כאָלילע, די אַטאַקע וועט זיך פאַרכלינען, קאָן דער קעגנער, גאָט באַהיט, אין איין מאָמענט דערגרייכן דאָס, וואָס מע האָט אים ניט געלאָזט אויפטאָן פאַר צוויי כאָדאָשים: פאַרכאַפּן „פּאַוולאָווס הויז״!

די קוילנוואַרפלער טוען זיך אַ ריס פאָרויס — דער ערשטער לויפט וואָראָנאָוו. און אָט קלײַבט זיך שוין צונויף די גאַנצע גרופּע אין עפּעס אַ האַלב רויִנירטער הײַזקע. דאָ קומט אויס זיך פאַרהאַלטן: אַ דײַטשישער קוילנוואַרפער אינעם „מילכיקן הויז״ דערלויבט ניט אופהייבן די קעפּ. דער אווטאָמאַטלער מאָסיאַשווילי שפּירט אויס, פונוואַנען עס שטעפּט דער פײַנטלעכער קוילנוואַרפער. מאָסיאַשווילי באַצאָלט פאַר דעם מיט אַ שווערער וווּנד. נאָר כאַיִט ווייסט שוין, וווּהין צו שיסן. זײַנע טרעפלעכע קוילן פונעם קוילנוואַרפער באַפרײַען דעם וועג...

אונדזערע פאַרנעמען די „מילכיקע שטוב״, אָבער מיט גרויסע פאַרלוסטן. פון די קוילנוואַרפלער איז געבליבן גאַנץ בלויז כאַיִט.

אין דער צווייטער העלפט פונעם „מילכיקן הויז״, צוזאַמען מיט די מינענוואַרפלער, געפינט זיך פּאַוולאָוו. זײַן אווטאָמאַט שווײַגט בלויז דאַן, ווען ער, פּאַוולאָוו, בײַט דעם פּוסטן דיסק אויף אַן אָנגעשטאָפּטן מיט קוילן. אָבער אין איינער פון די פילצאָליקע קאָנטראַטאַקעס ווערט אויך פּאַוולאָוו ערנסט פאַרוווּנדעט.

פאַרנאַכט, בײַס די פאַשיסטן הייבן זיך ווידער אויף אין אַ קאָנטראַטאַקע, ווייסן זיי ניט, אַז אין די רויִנעס זײַנען געבליבן בלויז דרײַ קאַמפּספּייִקע מענטשן — אַפאַנאַסיעוו, אַניקין און כאַיִט, און אַז דער דרײַלינג פאַרמאָגט גאָר ווייניק קוילן, צונויפגעקליבענע בײַ די פאַרוווּנדעטע און בײַ די טויטע.

די פאַשיסטן טרעטן אָפּ, און עס ווערט שאַטיל, אומפאַרשטענדלעך שטיל.

כאַיִט הייבט זיך אויף, וויל אויסקלאָרן, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן.

אין אָט דער רעגע דערהערט זיך אַ פאַרטויבנדיקער קנאַל — אַן אופרײַס פון אַ האַרמאַטן־סנאַריאַד, אָדער פון אַ שווערער מינע.

וויפל צײַט איז ער אָפּגעלעגן אָן באַוווּסטזײַן, ווייסט ניט אַפאַנאַסיעוו. נאָר גלײַך ווי ער קומט צו־זיך, הייבט ער אָן טאַפּן די הענט, די פיס. גאַנץ! ער לעבט! נאָר וואָס איז עס? ער וויל עפּעס זאָגן, פאָלגט אים ניט די צונג. זי איז ווי געליימט.

דערנעבן — אַלעקסיי אַניקין, אויך אַ קאָנטוזשעטער.

עטוואָס ווײַטער ליגט אַ דערהאַרגעטער כאַיִט.

מער האָבן די פאַשיסטן ניט אַטאַקירט. פאַרוואָס? ווער ווייסט? ס׳קאָן זײַן, אַז דער „הורא״ אינעם „מילכיקן הויז״ האָט זיי אָפּגענאַרט... זיי, די פאַשיסטן, האָבן ניט געקאָנט זיך פאָרשטעלן, אַז זייער לעצטע אַטאַקע האָבן אָפּגעקלאַפּט בלויז דרײַ סאָלדאַטן.

אויף דעם צענטראַלן פּלאַץ פון וואָלגאָגראַד ליגט אין אַ ברודער־קייווער אידל כאַיִט. מיר פאַרגעסן אים ניט.

ער האָט אופגעטאָן פאַרן היימלאַנד אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט.

ל. סאָלאָווייטשיק,
מאָסקווע

9*

טרוים און ווירקלעכקייט אין כאיִם פערמאַנדס שטורמיש לעבן

א קלונג אין טעלעפאָן:

— כאיִם דאַווידאָוויטש?

— איך הער אײַך! — רופט זיך פערמאַנד אָפּ מיט זײַן שטענדיקער גרייטקייט נוצלעך צו זײַן. עס קלינגט דער דירעקטאָר פון דער ריגער שטאַטישער פּראָפעסיאָנעל-טעכנישער שול פון מעטאַליסטן.

— גייט אָן אייצע, כאיִם דאַווידאָוויטש, ווען מען אײַנצולאַדן צו אונדז אין שול אָף דורכפירן מיט די שילער א שמועס אָף דער טעמע „נעכטן, הײַנט, מאָרגן".

— איך פאַרשטיי אײַך. האָבן מיר זיך דערעדט, הייסט עס, איך וועל קומען צו אײַך אָף דורכפירן דעם שמועס, — ענטפערט כאיִם דאַווידאָוויטש פערמאַנד, דער שעף פונעם אָפּטייל פון מעלוכע-קאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעל-טעכנישער בילדונג באַם מיניסטאָרן-ראַט פון דער לעטלענדישער ססר. ער לייגט אוועק דאָס טעלעפאָן-טרײַבל און פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, אַז אָנהייבן דעם שמועס דאַרף מען פון דעם, וואָס ס'איז געווען אַמאָל און דאַכט זיך — ערשט נעכטן. די זיכרוינעס קומען אוף ווי קאַדרען פון א דאָקומענטאַלן פילם.

...יאָר 1928. ער איז אַלט צען יאָר. צוזאַמען מיט זײַן פאָטער און מיט דער עלטערער שוועסטער עסטער אַרבעט ער באַם אויסלאָדן אָף דער סטאַנציע דווינסק קאַסטנס מיט הייוון, וואָס קומען אָן פון קאַלמען מיזרעכס ריגער הייוון-פאַבריק. דערבײַ פאַלט אַראָפּ א שווערער קאַסטן און לאָזט איבער אָפן קינדערשן פּיסל א בלוטיקן שפּור.

צו 16 יאָר ווערט ער אופגענומען אין דער דווינסקער ייִדישער געווערב-שול. און דאָ פאַרלויפט זיך אין איינעם א טאָג א געשעעניש, וואָס בלײַבט אים אָפן גאַנצן לעבן אײַנגעקריצט אין זיקאָרן.

אין יענעם טאָג איז אין שול געווען שטאַרק טומלדיק, דער דירעקטאָר האָט צונויפגערופן אַלע שילער אין דעם אַקט-זאַל און מיט א געפאַלנער פּנים אופרעגונג הייזעריקער שטים געפרעגט:

— זאָגט, קינדער, מיט גוטן, ווער האָט געבראַכט די העצערישע פלוגבלעטלעך? ווען פון אײַך איז ניט טײַער דער גוטער נאָמען פון אונדזער שול?

אַלע שווײַגן. די ייִנגלעך זײַנען בלייך, טאַפּטשען זיך פון איין פוס אָף דער אַנדערער און נעמען ניט אַראָפּ די נײַגעריקע אויגן פון זייער צעטומלטן און אָף טויט דערשראָקענעם דירעקטאָר. בלויז איינער פון די שילער — דער קלענסטער — קוקט ניט אָף אים, נאָר אין דער זײַט פונעם אָפענעם פענצטער, דורך וועלכן עס דערטראָגן זיך פון הויף גיכע, בייזע רייד פון די פּאָליציאַנטן, וועמען דער דירעקטאָר האָט אַרויסגערופן באַלד, ווי ער האָט געפונען די פלוגבלעטלעך. די פּאָליציאַנטן נישטערן אין הויף, און דער דירעקטאָר פירט ווײַטער זײַן פאַרהער:

— הער נאָר, כאיִם, — ווענדט ער זיך צו דעם קלייניקן שילער, — זאָג דעם עמעס: דו ביסט דאָך ניט געווען דער, וואָס האָט געבראַכט אַט די לינקע בלעטלעך?

— פאַרוואָס גראַד איך, הער דירעקטאָר? — רופט זיך אָפּ כאיִם פערמאַנד. — איר האָט דאָך אונדז אַלעמען געלערנט שרײַבן פון רעכטס אָף לינקס...

— אָבער שרײַבן קראַמאָלע האָב איך אײַך ניט געלערנט! — היצט זיך דער דירעקטאָר. — איך האָב אײַך, אויסוווּרפן, דאָך ניט געלערנט פאַרשפּרייטן אין שול בלעטלעך מיט רעכילעס אָף אונדזער רעגירונג!

אַלע שווײַגן. אָף די בלייכע פּנעמער פון די ייִנגלעך דריקט זיך ניט אויס קיין שום מיטגעפיל צו „זייער" רעגירונג. און דאָ קומען אַרײַן אין זאַל דרײַ פּאָליציאַנטן, און דער עלטסטער זייערער זאָגט צום דירעקטאָר:

— די שפּורן פון די גרויסע שטיוול, וואָס מיר האָבן אַנטפּלעקט אין גאָרטן, באַווײַזן, אַז די בלעטלעך שטאַמען פון די שטאָטישע אַרבעטער. קיינער פון אײַערע שילער האָט דאָס ניט פאַרשפּרייט.

דער דירעקטאָר באַדאַנקט אים מיט גרויס כניפע פאַר דער גוטער בסורע און לאָזט אָפּ די פאַרזאַמלטע שילער. אויך דער קלייניקער כאיִם פערמאַנד גייט אוועק צו זיך אין קלאַס, און קיינער ווייסט ניט, אַז דאָס האָט ער, לויטן אופטראַג פון דער אונטערערדישער קאָמסאָמאָלישער אָרגאַניזאַציע, אַנגעטאָן אין אַט דער נאַכט גרויסע צעפּאַרענע שטיוואַלעס, געבראַכט אין שול די רעוואָלוציאָנערע פלוגבלעטלעך, וועלכע ס'האָט אָפּגעדרוקט זײַן שוועסטער עסטער אין דער אומלעגאַלער טיפּאָגראַפיע. אין די פלוגבלעטלעך זײַנען די שילער פון דער געווערב-שול אופגעפאָדערט געוואָרן זיך צו סאָלידאַריזירן מיט די דווינסקער שטרײַקנדיקע אַרבעטער אין זייער קאַמף קעגן פאַשיזם.

נאָכן פאַרענדיקן די שול האָט כאַים פּער־
מאַנד באַקומען די קוואַליפיקאַציע פון א שלאָ־
סער, אָבער קיין אַרבעט אין דווינסק האָט ער
ניט געפונען און איז אַריבערגעפאָרן קיין ריגע,
ווו ער האָט, נאָך לאַנגע שטייענישן און וואַר־
טענישן אַף דער אַרבעט־בירזשע, געקראָגן אַן
אָרט אַף א פאַבריק פון פּרימוסן. די ערשטע
צײַט שלאָפט ער אין אײן בעטל מיט א כאַווער,
אויך אַן אונטערערדלער־קאָמסאָמאָלעץ, און
באַלד פון די ערשטע פאַרדינסטן דינגט ער א
צימער, וווהין עס קומט צו אים אַראָפּ פון
דווינסק זײַן שוועסטער עסטער און זיי פאַר־
וואַנדלען דעם צימער אין א סקלאַד פון אונ־
טערערדישער אַנטיפאַשיסטישער ליטעראַטור.
אין א געוויסער צײַט אַרום דעקט אָבער די
פּאָליציי אוף דעם סקלאַד, און כאַימען מיט זײַן
שוועסטער זעצט מען אַרײַן אין טפיסע.

אין דעם קאַלטן, פינצטערן אַזויגערופענעם
„שטיינערנעם זאַק“, וווהין מע האָט אַרײַנגע־
וואָרפן כאַימען, שלאָגט מען אים מיט א קאַנ־
טשיק, מע טרעט אים מיט די אײַזנבאַשמידטע
שטיוואַלעס אַזוי לאַנג, ביז ער פאַרלירט דעם
באַוווסטזײַן. נאָכדעם גיסט מען אים אָפּ מיט
קאַלטער וואַסער און מע שלאָגט ווײַטער. צו־
זיך קומט כאַים ערשט אין שפּיטאָל, וווהין מע
האָט אים אַריבערגעפירט פון דער טורמע נאָך
דעם, ווי די אַרבעטער האָבן אַף מיטינגען גע־
פאָדערט, מע זאָל אים באַפרײַען, און געזאַמלט
געלט אַף צו היילן אים.

זיך קוים פאַריכט נאָך די שווערע טפיסע־
איבערלעבונגען, גייט כאַים פּערמאַנד אַריבער
אַף אומלעגאַלן מאַצעוו, און אינגיכן — מיט פאַ־
פירן אַפן נאָמען פון עפּעס א טוריסט באַלמאַנט,
א פאַרגרימירטער, אין ברילן און מיט צוגע־
קלעפּטע וואָנצעלעך — פאָרט ער אַרויס פון
לעטלאַנד קיין פּאַריזש, קלוימערשט אַף צו באַ־
זוכן די דאָרטיקע וועלט־אויסשטעלונג.

נאָר פּאַריזש און די אויסשטעלונג — דאָס איז
נאָר א טראַנזיט־פּונקט אַף זײַן וועג. אינדערע־
מעסן פאָרט ער קיין שפּאַניע, קעדיי אין די
רייען פון די רעפּובליקאַנער קעמפן מיטן פאַ־
שיזם.

אין פּאַריזש גייט כאַים פּערמאַנד דורך די
מיליטעריש־מעדיצינישע אָפּקלײַב־קאָמיסיע
באַם קאָמיטעט אַף צו העלפן דער רעפּובליקאַ־
נישער שפּאַניע, און עס רופט אַרויס כידעש בא
די דאָקטוירים, בייס זיי זעען די גרויסע צאָל
סימאָנים פון קלעפּ אַף זײַן קערפּער.

— אַן עמעסע זעברע, — זאָגט אײן דאָקטער.

— ניין, אַן עמעסער קעמפער מיטן פאַ־
שיזם! — רופט אויס דער אַנדערער.

מע לייגט פאָר כאַימען זיך היילן אין א סאַ־
נאַטאָריע, אָבער ער זאָגט זיך דערפון אָפּ: ניטאָ
קיין צײַט!

נאָכן דורכגיין א קורצטערמיניקע מיליטערי־
שע צוגרייטונג, באַטייליקט זיך שוין דער סאָל־
דאַט כאַים פּערמאַנד, אין באַשטאַנד פון אַן
אײנהײַט פון דער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַ־
דע, אין א פאַרביטערטער באַרגיקער נאַכט־
שלאַכט אַפן עבראָ־פראָנט. בעראָש מיטן קאָמי־
סאַר, דעם שפּאַניער סען־כואַנאָס, רײַסן זיך
אַרײַן די אינטערבריגאַדלער אין די פּאָזיציעס
פון א גרופּע פאַשיסטן, וועלכע האָבן זיך באַ־
פעסטיקט אַף א בערגל, פאַרניכטן זיי און לאָזן
זיך אַוועק צו שטורמעווען א צווייט בערגל. דאָ
באַגעגנט די אינטערבריגאַדלער א העפטיק
פײַער פון מאַרטירעס און קוילנוואַרפער. עס
פאַלן א סאַך שלאַכט־כאַווײרים, אָבער כאַימען
און נאָך עטלעכע אינטערבריגאַדלער גיט זיך
אײַן צו דערגרייכן די לעצטע טעראַסע פון דער
געשטורעמטער הייך, וואָס דער צוטריט צו איר
איז פאַרשטעלט מיט דרײַ רייען שטעכלדראָט.
זעענדיק, ווי די עטלעכע אינטערבריגאַדלער
קלעטערן אַף דער הייך, הייבן אָן די פאַשיסטן
צו באַשיסן זיי מיט אַלע מינים געווער. לעם
כאַימען רײַסט זיך אוף א שראַפּנעל, זײַן גאַנצן
קערפּער נעמט דורך א מוירעדיקער ווייטיק,
ער פאַלט און פאַרלירט דעם באַוווסטזײַן.

כאַים קומט צו־זיך ערשט קאַיאָר, און ער
זעט זיך ליגן אַפן ראַנד פון א טיפן אָפּגרונט,
אַרום אים שטיל, ס'איז ניטאָ קיין לעבעדיקער
נעפעש. מיט די לעצטע קויכעס דערפּויזעט ער
צום קאָמאַנדע־פּונקט פון דער איטאַליענישער
אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַדע „דזשוזעפּע גאַ־
ריבאַלדי“...

נאָך דער היילונג אין באַרסעלאָנער שפּיטאָל
ווערט פּערמאַנד באַשטימט אין אַן אָפּטיילונג
פון דער 13־טער אינטערנאַציאָנאַלער בריגאַ־
דע, ווו עס זײַנען פאַראַן פיל כאַווײרים פון די
באַלטישע רעפּובליקן, מערסטנס פון לעטלאַנד.
דער 20־יאָריקער אינטערבריגאַדלער פּערמאַנד,
וועלכער איז שוין א מיטגליד פון דער שפּאַני־
שער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, נעמט אָנטייל אין
שווערע, בלוטיקע שלאַכטן. צווישן זײַנע נײַע
פרײַנט און מיטקעמפער געפינט זיך מאַקס גור־
רעוויטש פון לעטלאַנד, מיט וועלכן ער האָט
זיך זייער דערנעענטערט נאָך דעם, ווי מאַקס,
וועלכער האָט אין שלאַכט פאַרלאָרן אַן אויג,
האָט טײַקעף נאָכן פאַרהיילן די וווּנד, זיך אומ־
געקערט אַפן פראָנט.

די העלדישקײַט פון די קעמפער — אַנטיפאַ־
שיסטן איז מאַמעש א לעגענדאַרע, אָבער די
פראַנקיסטן, זײַענדיק אין אַן איבערוועגנדיק
גרעסערער צאָל און פאַרמאָגנדיק אַן איבער־
געוויכט אין טעכניק, צווינגען זיי צום סאָף אָפּ־
צוטרעטן אַף דער טעריטאָריע פון פראַנקרײַך.
די פראַנצויזישע מאַכט אינטערנירט די אײַנ־

טערבריגאַדלער און פאַרשפּאַרט זיי אין קאָנצלאַגערן.

מער פון צוויי יאָר איז כאַיִם פערמאַנד מיט זײַנע כאַווײרים פאַרשפּאַרט אין די פראַנצויזישע קאָנצלאַגערן, מע איזדיעקוועט זיך איבער זיי אָן אופהער. נאָך הארבער זײַנען געוואָרן די נעגישעס דעמלט, ווען ס'איז אויסגעבראָכן דער צווייטער וועלטקריג, און באַזונדערס נאָך דער קאַפּיטוליאַציע פון פראַנקרײַך. דעמלט באַשליסט כאַיִם פערמאַנד, צוזאַמען מיט זײַנע כאַווײרים, די אינטערנירטע בריגאַדלער פון לעטלאַנד, אַנטלויפן פונעם לאַגער און אַוועקגיין אין די בערג, קעדײ דאָרט אַרײַנטרעטן אין די רייען פונעם פראַנצויזישן ווידערשטאַנד און ווײַטער מיט וואָפן אין האַנט קעמפן קעגן פאַשיזם.

אָבער א שאָ פאַר דעם אַנטלויפן רײַסן זיך אַרײַן אין לאַגער פראַנצויזישע זשאַנדאַרמען, פירן אַרויס אַלע געפאַנגענע און שיקן זיי אָפּ אין פראַכט־וואַגאָנעס אין דער זײַט פון טולוז, דאָס הייסט, צו דער אַזויגערופענער „פּעטענזאָנע”. אָבער ווען דער צוג פאַרנעמט זיך אַף רעכטס — צו דער פראַנקיסטישער שפּאַניע, אַזוי ווי די געפאַנגענע ווייסן ניט, וווהין מע פירט זיי, באַשליסן זיי אופשטעלן אַפן דאַך פונעם וואַגאָן א באַאָבאַכטונג־פּונקט, קעדײ פעסטשטעלן, אין וועלכער זײַט דער צוג גייט און אין נייטיקן פאַל, מיט דער הילף פונעם סטאָפּ־קראַן, אים אָפּצושטעלן. אויסגעקליבן אַף דורכצופירן די אַרבעט האָט מען כאַיִם פערמאַנדן און זשאַניס פּאָלמאַן (איצט דער באַוווּסטער לעטישער שרײַבער און געזעלשאַפטלעכער טוער זשאַן גריוואַ), און ביידע, צובינדנדיק זיך איינער צום אַנדערן, קעדײ ניט אַראָפּפאַלן פונעם געשווינד זיך טראָגנדיקן צוג, האָבן זיי זיך אַרופגעקליבן אַפן דאַך פונעם וואַגאָן. איבעריק צו זאָגן, מיט וואָס פאַר א געפאַרן דאָס איז געווען פאַרבונדן, באַזונדערס געפערלעך איז געווען, ווען דעם צוג איז אויסגעקומען דורכצופאָרן טונעלן. ענדלעך איז ער צוגעקומען צום קרייצוועג, און דאָ האָבן די באַאָבאַכטער דערזען, ווי מע שטעלט אַריבער די „סטרעלקע” צו דער זײַט פון טולוז. הייסט עס, אַז מע פירט זיי ניט אין דער פראַנקיסטישער שפּאַניע...

די לעטלענדישע אינטערבריגאַדלער האָט מען אָפּגעפירט אין אַרזשעלעסער קאָנצלאַגער, פון וואַנען מע האָט זיי אין מאַרט 1941, אין שײַכעס מיטן אײַנשטעלן סאָוועטנמאַכט אין די באַלטישע רעפּובליקן, אומגעקערט דעם סאָוועטנפאַרבאַנד. נאָך א כוידעש אָפּרו און היילונג אין מאָסקווע, קומט כאַיִם פערמאַנד צוריק קיין ריגע, ווו דער שטאָטישער פּאַרטיי־קאָמיטעט שיקט אים אָפּ אַף פּאָליטיש־דערציִערישער אַרבעט אין א פאַבריק־זאַוואָדישער שול.

— דו ביסט אַליין דאָך א דערצויגלינג פון א געווערב־שול, — זאָגט מען אים אין שטאָטקאָם, — וועסטו זיך איצט פאַרנעמען מיט דערציִען סאָוועטישע אַרבעטער־יוגנט.

אָבער לאַנג איז כאַיִם פערמאַנדן ניט באַשערט געווען אָפּגעבן זיך מיט פרידלעכער אַרבעט. דעם 22 יון האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע, און שוין דעם 25־טן לאַדט מען אײַן פערמאַנדן און אַנדערע קעמפער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון לעטלאַנד, ווו זיי ווערן גערופן צוצוטרעטן צו פאָרמירן פאַרניכטונגס־באַטאַליאָנען אַף צו פּאַרטיידיקן ריגע. דער קאָמוניסט כאַיִם פערמאַנד איז דער פּאָליטרוק פון איינעם אַזאַ באַטאַליאָן, און אין אויגוסט ווערט ער באַשטימט אַלס באַטאַליאָן־קאָמיסאַר אין לעטלענדישן פאַרניכטונגס־פּאָלק (וועלכער איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן שיסער־פּאָלק). דער קאָמיסאַר פערמאַנד באַטייליקט זיך אין די שלאַכטן מיט די דײַטשישע פאַשיסטן אין לעטלאַנד, עסטלאַנד, ווי אויך אונטער לענינגראַד, און אין די שלאַכטן פאַר דער שטאָט ראָפּשע ווערט ער פאַרווונדעט. נאָכן פאַרהיילן די וווּנד קעמפט ער אין די רייען פון דער לעטישער שיסער־דיוויזיע אונטער סטאַראַיאַ רוסאַ, ווו ער פירט אָן מיט דער פּאָליטישער אַרבעט צווישן די לעטישע שיסער אַף דער פאָדערשטער פראָנט־ליניע. ער איז אינגאַנצן אַלט 23 יאָר, נאָר מע רופט אים שוין „וועטעראַן פונעם קאַמף מיטן פאַשיזם”.

פון די געוועזענע אינטערבריגאַדלער קעמפט אין איין ריי מיט כאַיִמען אונטער סטאַראַיאַ רוסאַ אויך זײַן פרײַנט מאַקס, וועלכער האָט אין שפּאַניע פאַרלאָרן אָן אויג. אין איינעם א שלאַכט קומט ער אום, און כאַיִם פערמאַנד לעבט שווער איבער דעם פאַרלוסט.

אין קאַמף פאַרן דאָרף פּאָדסאָסאָניע ווערט פערמאַנד שווער פאַרווונדעט. ער איז ווידער אין לאַזאַרעט, פון וואַנען ער גייט אַרויס אַן אינוואַליד. אָבער זײַן אופגאַבע אין לעבן איז קעמפן מיטן פאַשיזם, און באַלד שטעלט ער זיך נאָכאַמאָל אין דער ריי, ווערט באַשטימט אַלס קאָמסאָרג פונעם נעסטעראָווער גאַרניזאָן פון דעם לעטישן רעזערוו־פּאָלק און גיט זיך אינגאַנצן אָפּ דער דערציִונג פון די סאָלדאַטן, פאָרמירט פון זיי באַוווּסטזיניקע, אידייִשע קעמפער קעגן דער היטלערישער פעסט.

מאַרט 1945. דער קריג איז נאָך ניט פאַרענדיקט, כאַיִם פערמאַנדס שלאַכט־כאַווײרים גיבן נאָך אַף דער דײַטשישער ערד די לעצטע קלעפּ דעם היטלערישן פאַשיזם. פערמאַנדן שיקט מען אָפּ ווידער קיין ריגע — דערציִען די שילער פון די פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן, דעם רעזערוו פונעם לעטלענדישן אַרבעטער־קלאַס. און

אַט אַרבעט שוין כאַים פּערמאַנד אָן אופהער
און מיט גרויס איבערגעגעבנקייט אין מעשעך
פון 33 יאָר אין דער סיסטעם פון פּראָפעסיאָ־
נעל־טעכנישער בילדונג פון דער לעטלענדישער
סאָוועטן־רעפּובליק. ער האָט דאָרט אָנגעהויבן
זײַן וועג ווי א געהילף־דירעקטאָר פון א גע־
ווערב־שול פאַר איניאָנים פון קולטור־דערציִונג
און איז געוואָרן דער שעף פון אָן אָפּטייל אין
מעלוכע־קאָמיטעט פאַר פּראָפעסיאָנעל־טעכני־
שער בילדונג באַם מיניסטאָרן־ראַט פון לעט־
לאַנד. אַף דעם דאָזיקן פאַרצווײַגטן וועג, אין
פּראָצעס פון בעהאַדראָגעדיקער איבערגעשטאַל־
טיקונג פון געווערב־שולן, פון די זעקסכאַדאַ־
שימדיקע שולן פון פאַבריק־זאַוואָדישער אויס־
בילדונג, ווי אויך פון די הײַנטצײַטיקע פּראָ־
פעסיאָנעל־טעכנישע שולן, ווו די שילער באַקו־
מען א פאַך צוזאַמען מיט פולער מיטלשול־ביל־
דונג, — קומט פּערמאַנד צו דער פעסטער איי־
בערצײַגונג, אַז דאָס וויכטיקסטע אַף צו דער־
גרייכן דערפאָלג אין צוגרייטן באַוווסטזיניקע
און פּראָפעסיאָנעלע, הויך־געבילדעטע און מאָ־
ראַליש־צוגעגרייטע פאַך־מענטשן איז — פּילזײַ־
טיק און רעגולער אַרבעטן מיט די פּעדאַגאָגי־
שע קאַדרען, די דערציִער פון די דערציִער.

— מיר כאַווען אונדזער העמשעך, — זאָגט
כאַים דאַווידאָוויטש, — און די צווײַגן וואַקסן
דאָך אַרויס פון די ביימער... אַזעלכע, ווי מיר
אַליין זײַנען, וועלן אויך זײַן אונדזערע נאָכ־
פאָלגער...

און כאַים דאַווידאָוויטש פּערמאַנד איז גע־
טרײַ זײַנע איבערצײַגונגען און טוט אַלץ, וואָס
מעגלעך, קעדיי אופצוהייבן די ראָל פון די דער־
ציִער. ער שטעלט אײַן אַזאַ רעזשים, לויט
וועלכן צו יעדן דערציִער ווערט צוגעפּעסטיקט
א קאָנקרעטער קאָנטינגענט שילער: לויט דער
צוקינפטיקער פּראָפעסיע, לויט די לערניאָרן,
לויט דער מוטער־שפּראַך אאַוו.

א באַזונדערע באַדײַטונג גיט צו פּערמאַנד
דער אינטערנאַציאָנאַלער דערציִונג:

— אין אונדזערע פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע
שולן לערנען זיך קינדער פון פאַרשיידענע נאַ־
ציאָנאַליטעטן, — דערציילט ער, — און מיר טאָרן
ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו אונטער־
שטרײַכן זייער גלײַכבארעכטיקונג און צו פעס־
טיקן זייער פרײַנטשאַפט און אייניקייט. אַלע
אונדזערע טאַלמידים זײַנען קווייטן פון איין
בוקעט, דער כילעק איז נאָר אין דער פאַרבן־
צוזאַמענשטעלונג... בייס מיר האָבן געקעמפט
אין שפּאַניע מיט די פאַשיסטן און שפּעטער
מילכאָמע געהאַלטן מיט די היטלערישע אַגרע־
סאָרן באַ אונדז אין לאַנד, איז דאָס פאַרגאָסע־
נע בלוט באַ אַלע אונדזערע סאָלדאַטן, אומאָפּ־
הענגיק פון זייער נאַציאָנאַליטעט, געווען פון
איין און דעם זעלביקן רויטן קאָליר. אָפּטמאָל
האָבן מיר אַפילע ניט געוווּסט, וועלער עס איז
לויט דער נאַציאָנאַליטעט אונדזער שלאַכט־
כאַווער — א שפּאַניער צי א רוס, א לעט צי א
ייִד. מיר האָבן ניט געצווייפלט אָט אין וואָס:
וויבאַלד ער גייט אין גערանגל מיטן פאַשיזם
אַפן טויט, קעדיי אַלע אַנדערע מענטשן זאָלן
לעבן אין א באַפרײַטער וועלט אָן שרעק און
אָן אונטערדריקונג — איז ער א עכטער מענטש.

כאַים פּערמאַנד שטרעבט דערצו, אַז זײַנע
דערציִגלינגען זאָלן זײַן פלינק, שטאַרק, גע־
זונט. זיי זײַנען אים נאָענט און טײַער, אָט די
יוגנטלעכע פון אונדזער צײַט, און קוקנדיק אַף
זיי, דערמאָנט ער זיך יענעם ווײַטן טאָג אין
דעם אָקטאָווע זאַל פון דער דווינסקער ייִדישער
געווערב־שול, ווען ער איז צוזאַמען מיט זײַנע
כאַוויירים געשטאַנען פאַר דעם אופגעבראַכטן
דירעקטאָר, וועלכער האָט געזאָלט ווערן זייער
וועגווײַזער און איז דאָס ניט געוואָרן...

זינט דעמלט זײַנען אַוועק א סאַך יאָרן, איצט
קוקן אַף כאַים פּערמאַנדן, ווי אַף זייער וועג־
ווײַזער און דערציִער, ניט בלויז די טאַלמידים
פון די פּראָפעסיאָנעל־טעכנישע שולן, נאָר אויך
די דאָרטיקע לערער און מײַסטערס. כאַים דאַ־
ווידאָוויטש איז באַ אַלעמען באַליבט פאַר זײַן
האַרציקייט, פאַר זײַן ברייטמאַסשטאַביקן דענ־
קען. באַזונדערס פּאָפּולער און באַליבט זײַנען
פּערמאַנדס לעקציעס, וואָס ער פירט דורך.

...דער גרויסער זאַל איז פול געפּאַקט, אַלע
פלעצער זײַנען באַזעצט, און מע שטייט באַ די
ווענט און אין די דורכגענג. אַלע הערן זיך צו
מיט גרויס אופמערקזאַמקייט צו די רייד פון
דעם באַליבטן דערציִער, וועלכער ווײַזט אָן מיט
גרויס קלוגשאַפט און זאַכקענטעניש די וועגן
צו דער דערהויבענער פּראָפעסיע פון אָן אַר־
בעטער. נאָכדעם ענטפערט כאַים דאַווידאָוויטש
אַף פילצאָליקע פראַגן, וואָס מע שטעלט אים.

— איר פרעגט, וויאַזוי די שילער פון גע־
ווערב־שולן זײַנען געוואָרן העלדן אין יענער
צײַט, ווען איך בין אַלט געווען אַזויפיל יאָר,
ווי איר? קאָן איך אײַך זאָגן נאָר איינס: מיר
זײַנען ניט געוואָרן קיין העלדן, מיר האָבן פּאַ־
שעט געטאָן דאָס, וואָס יעדער איינער פון די,
וועלכע זיצן דאָ, וואָלט אויך געטאָן. יעדערער
פון אײַך האָט פאַר זיך אָנגעמערקט זײַן אייגע־
נעם, ווירדיקן לעבנסוועג, און דער וועג פירט
צום גליק פון יעדן איינעם באַזונדער און פון
אַלעמען צוזאַמען. מע דאַרף זיך נאָר אַף דעם
לעבנסוועג ניט אָפּרײַסן איינער פונעם אַנדערן,
און מע דאַרף שטענדיק געדענקען, אַז אַלץ,
וואָס עס איז גוט און שיין אַף דער וועלט,
ווערט געשאַפן און פאַרטיידיקט מיט געמיינ־
זאַמע קויכעס, מיט געייניקטער מענטשלע־
כער מי.

מ. ראַזומני, יע. ריטש, ריגע

די דאָמנע נום. 3 האָט מען „אויסגעגלײַכט"

לעאָניד איליטש ברעזשנעוו שרײַבט אין זײַן בוך „ווידערגעבורט" וועגן אײַזיק שעגאַלן, דעמלט — דעם הויפּט־אינזשעניער פֿון דער פֿאַרוואַלטונג „סטאַלקאָנסטרוקציאַ", וועלכער האָט געאַרבעט אין „זאַפּאָראָזשבוי". מיר ברענגען דאָ אייניקע שטריכן פֿון דער ביאָגראַפֿיע פֿונעם לאָורעאַט פֿון דער מעלוכע־פּרעמיע אײַזיק שעגאַל.

דאָס איז געווען עפּעס א מין צוניפֿאַל. ער, אײַזיק שעגאַל, האָט באַקומען א דירע אין דעם זעלבן הויז אַפֿן רעכטן ברעג פֿונעם דניעפּער, ווו ער האָט געוווינט ביז דער מילכאָמע, ווען ער האָט פֿאַרענדיקט דעם דניעפּראָפּעטראָווסקער אינסטיטוט פֿון בוי־אינזשעניערן.

מע האָט פֿאַרלייגט א נײַעם צעך אַפֿן זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל". אײַזיק שעגאַל האָט דעמלט זיך אַליין גערופֿן „דער אַלטער סטודענט". ערשט צו 31 יאָר האָט ער באַקומען א דיפּלאָם. געבויט האָט ער, ווי די צײַטונגען האָבן געשריבן, דעם גרעסטן אין אייראָפּע צעך פֿון שטאַלבויגנס פֿון קאַלטער וואַלצונג.

שטייענדיק אין די פּרימאַרגנס אַפֿן ריזיקן בוי־פּלאַץ, פֿלעגט ער זען אין געדאַנק זײַן דאָרף אין קיִעווער אומגעגנט. ער מיט נאָך צוויי דאָרפֿישע יאַטן האָבן אָנגעקליבן א ביסל געלט און אוועקגעפֿאָרן קיין דניעפּראָפּעטראָווסק. פֿאַרעגיסטרירט זיך אין דער יוגנטסעקציע פֿון דער אַרבעט־בירזשע. אין אַנדערהאַלבן כאָדאָשים אַרום האָט מען זיי געשיקט אַף א בווינג. ער האָט דאָרט געמאַכט בעטאָן, וועלכן מע האָט איראָניש גערופֿן „די מאַרקע איינס־צוויי־פֿיר". דאָס האָט באַטײַט די פֿאַרהעלטעניש צווישן די וועגעלעך צעמענט, זאַמד און שטיינדרויב... פֿון קיין אַנדערע בעטאָן־מאַרקעס האָבן זיי ניט געוווּסט.

און אָט איז דאָס דאָזיקע הויז, ווו ער האָט איצט באַקומען א דירע. ער איז שוין אַן אינזשעניר, וואָס ווייסט ניט בלויז בעטאָן־מאַרקעס, נאָר אויך קאָמפּליצירטע מאַטעמאַטישע פֿאָרמולעס אַף אויסרעכענען מעטאַל־קאָנסטרוקציעס, זייער מאָנטאַזש. ער האָט אין „זאַפּאָראָזשסטאַל" געבויט דעם גרעסטן צעך. נאָר אין די דאָזיקע ערטער האָט זיך דורכגעקײַקלט די מילכאָמע. דאָס הויז איז פֿאַרבליבן, אָבער די שטאָט... אויך דער צעך, וועלכן ער האָט געבויט מיט אַזא ענטוזיאַזם, ליגט איצט אין רויִנען.

צווישן די הויפֿנס ברוכוואַרג האָט ער דערקענט די דאָמנע נום. 3. זי איז געשטאַנען א הויכע, נאָר א טרויעריק אָנגעבויגענע, ווי זי וואָלט באַוויינט דעם גרויסן אומגליק. אָט וואָס די מילכאָמע האָט איבערגעלאָזט!

די מילכאָמע האָט אים געטראָפֿן אין כאַרקאָוו. און ווײַטער איז דעמלט געשען עפּעס א מין אומגעריכטער צוניפֿאַל. אָנגעהויבן האָט זיך די מילכאָמע אין זײַן געבורטסטאָג, וועלכן ער האָט געפּײַערט צוזאַמען מיט פֿרײַנט אין א וועלדל לעם דער שטאָט. אומגעקערט זיך אין אָוונט אַהיים און — גלײַך אין קריגס־קאָמיסאַריאַט. דאָרט האָט מען אַרײַנגעקוקט אין זײַן מיליטער־ביכל און געזאָגט: „אײַער אָרט איז בא די וואָקזאַלן־אָרטס..."

דער צוג האָט אים מיט א גרופּע מאָנטאַזשניקעס אוועקגעפֿירט קיין אָמסק. אַפֿן מיזרעך זײַנען געגאַנגען עשעלאָנען מיט אויסשטאַטונג פֿון די דעמאָנטירטע זאַוואָדן. גאָר אײַנגיכן האָבן אַפֿן פֿראָנט זיך באַוויזן די זיגערישע „קאַטיושעס", עס זײַנען אָנגעקומען אַלץ מער און מער סנאַריאַדן. דער מיזרעך האָט געאַרבעט פֿאַרן זיג. שעגאַל פֿאָרט אַריבער פֿון אָמסק קיין טשוסאָוואָי, פֿערמער געגנט, דערנאָך אַפֿן טשעליאַבינסקער מעטאַלורגישן זאַוואָד. מע בויט נײַע דאָמנעס.

שעגאַל איז אַן אינזשעניר פֿון בווינג. אַלע זײַנע זיגן האָט ער אָפּגעהאַלטן אַף די בוי־פּלעצער. מעטאַל־קאָנסטרוקציעס זײַנען טעכניש קאָמפּליצירט. דאָס איז שווער צו דערקלערן מיט ווערטער פֿון דער געוויינלעכער שפּראַך. שעגאַל בויט א קאָקסכימישן צעך און לייגט פֿאָר צו מאָנטירן די טורעמס ניט פֿון אונטן, ווי שטענדיק, נאָר פֿון אויבן. אין אַזא פֿאַל קאָן מען דעם קאָמפּליצירטן הייב־מעכאַניזם פֿאַרבײַטן אַף א פּאַשעטן. אין טשוסאָווער מעטאַלורגישן זאַוואָד האָט ער אין די מילכאָמע־יאָרן פֿאַרגעלייגט צו פֿירן דעם מאָנטאַזש ניט מיט די געוויינלעכע קליינע קנופּן — אַזעלכע קנופּן איז שווער צו מאָנטירן אין דער הייך, נאָר מיט גרויסע קנופּן, מאָנטירטע אַף דער ערד. טאַקע דערפֿאַר איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן שלאַכט־אָרדען פֿון דעם רויטן שטערן. מע קאָן ברענגען נאָך א סאַך בײַשפּילן. די מעלוכע־פּרעמיע גיט אַן אָפּשאַצונג פֿון אַלע זײַנע אויפֿטוען.

גייענדיק איבער די הויפֿנס ברוכוואַרג פֿונעם זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל", האָט שעגאַל פֿון צײַט צו צײַט זיך אָפּגעשטעלט און אויפֿמערקזאַם באַקוקט די צעקרישלטע מעטאַל־קאָנסטרוקציעס. די מענטשן, וועלכע זײַנען געשטאַנען

דערבײַ, האָבן געוווּסט: באַלד וועט געבוירן ווערן א געדאַנק, וויאַזוי צו ראַטעווען די מעטאַל־קאָנסטרוקציעס. פּאַרלאַטעז, צונויפשמעלצן, אויסגלײַכן? דאָס איז געווען זײַן רעכט — איבערלאָזן דעם מעטאַל אָפן אָרט אָדער געבן א באַשטעלונג אַף א נײַער פּערמע, אַף א נײַעם זײַל. ער פלעגט אָבער שטעלן דעם דיִאַגנאָז מיט אויסערגעוויינלעכער זאָרגזאַמקײַט, ניט געקאָנט פאַרטראָגן, ווי א קרענק, עקאָנאָמישע העפקיירעס.

אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז דער קאַבינעט פונעם ערשטן סעקרעטאַר פון זאַפּאָראָזשיער געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי ל. אי. ברעזשנעוו האָט זיך געפונען אנטקעגן שעגאַלס קאַבינעט. צווישן די קאַבינעטן איז געזעסן די סעקרעטאַרשע. אײַזיק שעגאַל פלעגט פון צײַט צו צײַט פרעגן בא איר: „ער איז פרײַ?". עס האָט זיך קימאַט שטענדיק געהאַנדלט וועגן דרינגענדיקע איניאַנים.

לעאָניד איליטש פלעגט אויסהערן אויפמערקזאַם. דערנאָך האָט ער מאָמענטאַל אויסגערעכנט, איבערגעטראַכט אין געדאַנק וועגן דער ריי ציפערן און אָפט געזאָגט: איר בעט א סאַך. לאָזט זיך אויס, אַז אפילע דער שפּאָרזאַמער שעגאַל האָט ניט געפונען אַלע שפּאָרזאַמקײַט־רעזערוון...

דער זאַוואָד האָט זיך גענייטיקט אין א דאַמבע. אין דער זעלבער דאַמבע נומ. 3, וועלכע האָט זיך דאָ שפּעטער אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן, ווי נעבעכדיק און אומבאַהאָלפן זי האָט אָבער דעמלט אויסגעזען, דער געדאַנק, אַז מע קאָן זי אומקערן צום לעבן, ניט פּאַנאַנדערנעמענדיק זי פריִער אַף שטיקער און ניט איבערמאַכנדיק קימאַט אַלץ אַפּסנײַ, האָט אויסגעזען נאַיִוו.

שעגאַל איז א סאַך מאָל ארומגעגאַנגען ארום דער דאַמבע. ער האָט ארומגעשפּאַנט ארום איר, ווי מע זאָגט עס, אין דער לענג און אין דער ברייט. אים איז געווען קלאָר, פאַרוואָס דער ערשטער סעקרעטאַר טאָגט און נעכטיקט אין אַט דער צײַט אַף דער בוייונג. טאָמער וועט ניט זײַן קיין דאַמנע, איז די מי פון קימאַט 30 טויזנט מענטשן אַן אומזיסטע. אין יענע שווערע ערשטע נאָכמילכאָמע־טעג האָט שעגאַל זיך דערמאָנט די שוין ווײַטע צײַטן, ווען ער האָט געבויט דעם צעך. אויך דעמלט איז דאָ געווען ניט לײַכט. עס האָט געשטערט דער צו ווייכער גרונט. די אויסשטאַטונג אין צעך פלעגט זיך אַראָפּזעצן. דעמלט האָבן זיי אײַנגעפירט אין דער פּראַקטיק ספּעציִעלע הידראַווילישע דאָמקראַטן. עפּשער קאָן מען איצט אַפּסנײַ אויסנוצן זיי דאָ, אַף דער דאַמנע?

עטלעכע שלאָפלאָזע נעכט. אַפן פּאַפּיר איז אויסגעוואַקסן א זײַל ציפערן. און עס האָט זיך באַקומען דער אויספיר: די דאַמנע קאָן מען אויפהייבן מיט דאָמקראַטן אין מעשעך פון געציילטע שאָען.

די ספּעציִאַליסטן האָבן זיך באַצויגן צו אָט דעם פאָרשלאָג סקעפּטיש. עס איז געגאַנגען די זיצונג פונעם ספּעציִעלן טעכנישן ראַט. אַף דער זיצונג איז בײַגעווען ל. אי. ברעזשנעוו. שטרײַטן, קאָנטר־מאָטיוון. שעגאַל האָט זײַן אייגענעם כעזשבן. דעם סאַכאַקל פון די שטרײַטן האָט אונטערגעפירט לעאָניד איליטש ברעזשנעוו. ער האָט אונטערגעהאַלטן די נאָוואַטאָרן.

אײַזיק שעגאַל געדענקט ניט די פּראָטים פון אָט דעם טאָג: עס איז געווען קאַלט צי הייס, ווינטיק צי שטיל? ער געדענקט אָבער אויסגעצייכנט די ציפער 157. די דאָמנע האָט זיך אָפּגענייגט פון דער נאָרמע אַף 157 מילימעטער. און די מאַקסימאַל דערלאָזבאַרע נאָרמע איז 27 מילימעטער. ער מאָלט אויך הײַנט מיט די גענויסטע דעטאַלן די טעכנאָלאָגיע פונעם „אויסגלײַכן" — ווּהין און וועלכע דאָמקראַטן האָט מען אונטערגעפירט, ווו האָט מען פאַרפעסטיקט די אויסגעלינקענע ערטער, וועלכע באַלטן האָט מען אָפּגעשוואַכט, וואָס האָט מען געשמאָלצן און וואָס געפעסטיקט מיט קלעפּקעס. און עס זײַנען דאָך שוין אריבער 30 יאָר. דער איקער — די דאָמנע האָט מען „אויסגעגלײַכט"...

ס. טראָיִצקי,
סווערדלאָווסק

ס'איז גליק באַשערט

וואָרצלען

אומגעוואָלגערט וויפֿל ביימער רונד אַרום,
אַז עס פֿאַלט אַף מיר אַן איימע. ס'דוכט זיך: די זון
מוז פֿאַרברענען, מוז פֿאַרסאַרפֿען מיך, דער ווירבל־ווינט
וועט אַרויסרײַסן מיך מיט די וואָרצלען אומבאַדינגט.

מוז און וועט... נאָר איך וועל שטאַרקן מײַן געמיט,
כ'וועל זיך האַלטן אַף די פֿיס. די ערד מיך היט.

דער וועג צום באַם

פרײַע איבערזעצונג פֿון אַ ליד פֿון דעם אוקראַאינישן דיכטער מ. בראַטאַו

דער פּראָסטער דערעך, גלייבט, — פֿון אַלע
ער לייגט זיך גרינגער אַפֿן האַרץ און אַף דעם צונג.
דער באַם געוווען איז ווײַט פֿאַר דעם, וואָס איז געקראָכן,
נאָר איך געטאָן האָב צו דעם ווײַטן באַם אַ שפּרונג.

די אומבאַוווּסטע ווײַט איז אונדז קיין שטער ניט —
ס'איז שרעקלעכער דאָס פּלאָנטען זיך אין וועג.
דער וועג פֿון דעם יאָרהונדערט איז באַשטערנט,
און כ'גיי איבער דעם שווערן וועג אָן שרעק.

די מאַמע און אירע זין

איינער האָט דעם סויגע געשלאָגן,
דער צווייטער האָט די פֿאַרוווּנדעטע געטראָגן,
דער דריטער האָט געקאָוועט געווער,
דער פֿערטער האָט געאַקערט די ערד,

ווען דיך האָט מען פֿון דער ליכטיקער שטוב
געטריבן אין דער פֿינצטערער גרוב.
מיר האָבן געזען די פֿאַרבראָכענע הענט,
נאָר העלפֿן דיר ניט געקענט, טײַערע מאַמע...

דער פֿונדאַמענט

געווידמעט דער נאָרילסקער דאָקטערן
אַסיע מאַרקאָוונע באָראָדאָווסקע

אויסגעוואַקסן אַף כערסאָנער פֿעלדער,
אין דעם לאַנד פֿון קאָווענעס און אַבריקאָסן,
האָט זי זיך געזעלטערט אין דער טונדרע,
ווו עס ליגט אַף מעטערס גראָב דער שניי,
ווו עס שיילן זיך פֿון קעלט די הײַזער
און דער ווינט קערט איבער אויטאָבוסן,
ווו ס'איז עטלעכע כאָדאָשים נאַכט.

טיף, אף לאנג האָט אײַנגעפֿרירן זיך אין טונדרע־גרונט
דער קרעפּטיקער פונדאַמענט
פאַר א הויכגאָרנדיק הויז.

ר ו י ז ן

פּראַנצויזישער מאָטיוו

די האַלב־דורכזיכטיקע רויז פון דעם אויער־מושל,
די שניי־ווײַסע רויז פון דעם שלייף,
די צאַרט־ראָזע רויז פון דער ברוסט,
די פּערלמוטער־רויז פון דעם לײַב,
די טײַ־רויז פון די בראָנזענע פּיס...
וויפל רויזן איז צוגעטראַכט
צו באַשרײַבן די פרוי!

אַף דער שאַרף פון א שווערד

א וואָרענונג פאַר געוויסע פּאָליטיקער

איינער האָט פאַר שיין געלט
זיך גענומען נאַרן די וועלט:
מיט באָרוועסע פּיס וועט ער טאַנצן אַף דער שאַרף פון א שווערד.
נאָר מענטשן האָבן דאָס פריִער באַקלערט,
מענטשן האָבן באַצײַטנס
שאַרף געמאַכט די שווערד פון ביידע זײַטן.

די שענסטע

פאָלקס־מאָטיוו

אין די גרויסע קליידעלעך גייען די באַשיידענע —
אין די רויטע קליידעלעך גייען נאָר די שיינע.
אין די גרויסע קליידעלעך גייען אַלע מיידעלעך —
אין דעם רויטן קליידעלע גייט נאָר מײַנע — איינע.

א כ א ו ו ע ר

א כאַוועך האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מיר. פאַרוואָס? ווער ווייסט?
איך האָב געזוכט פאַר זיך — און אָפּגעזוכט — א טרייסט:

„א כאַוועך ווייניקער — איז ווייניקער אַן אַל".
די טרייסט אין מיר געווינט האָט אָבער אַף א קאָל.

דאָוויד, גיי פּאַוואָליע

דאָוויד, גיי פּאַוואָליע, דאָוויד, הער אוף פליִען...
אַף א האָר דאָס האַרץ הענגט, און דו דאַרפסט נאָך ציִען.

שמוכט ער אין די וואָנצעס, שאָקלט מיטן בערדל:
„ברודערל, דערמאָן זיך אין דעם שוואַרצן פערדל.

פלעגסט די רויטע שקאַפּע מיט א שטעקן שלאָגן —
און דאָס שוואַרצע פערדל האָט געשלעפּט דעם וואָגן!"

מיר מערקן אָפּ דעם 70־טן געבורטסטאָג פונעם באַוווסטן סאָוועטישן יידישן דיכטער מאָטל גרוביאַן

מאָטל גרוביאַן

ניט פּובליקירטע עסייען

אונדזער צוקונפט

איך וויל אויסמאָלן פאר זיך א טאלאנטפולן יונגן לייענער פון ייִדישער ליטעראטור אין דער ניט ווײַטער צוקונפט. ער איז באגאבט און אל־זײַטיק אנטוויקלט. זײַן געשמאק איז ראפינירט און ניט אָפּגעסאמט מיט אף וואסער צעפירטע לאנגע, נודנע ראָמאנען, מיט לידער און דער־ציילונגען אָן געפיל, געדאנק, שפּראך־קענטע־ניש, האקלאל, מיט דער פּסעוודאָ־קינסטלערי־שער ליטעראטור, וועלכע שטארבט איידער זי איז געבוירן געוואָרן.

קומט אזא יונגער לייענער ארײַן שפּעטער מיט א יאָר פופציק אין דער לענין־ביבליאָטעק און בעט, מע זאָל אים אויסשרײַבן א קאָמפּלעקט פונעם מאָסקווער ייִדישן סאָוועטישן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד”. דער קישעף־טראנספּאָר־טיאָר ברענגט אים צו זײַן ארבעטס־טיש די זשורנאלן און באוועגט זיך צווישן די באלויכ־טענע טישן ווײַטער...

מײַן יונגער לייענער איז אופגערעגט, נײַגע־ריק און קימאט גליקלעך. אינטערעסאנט, מיט וואָס סע האָבן געלעבט סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער אין יענער צײַט, ווען אף דער ערד זײַנען ארומגעגאנגען פראנק־און־פרײַ לעבעדי־קע נאציסטן, וואָס האָבן גאנצע פעלקער איבער־געפּעקלט אף יענער־וועלט אין ספּעציעל גע־בויטע גאז־אויוונס, ווען פון מענטשלעכער הויט האָט מען געמאכט אבאזשורן און הענטשקעס. וויאזוי האָבן פּאָעטן באזונגען די ערשטע קאָס־מאָס־שיפן, ווען דער מענטש איז נאָך אפילע אף דער לעוואָנע ניט געווען און בלויז מיט דעם סייכל און מיט די הענט פון סאָוועטישע גע־לערנטע אויסגעשטאט אזא פלי־אפּאראט, וואָס האָט דערגרייכט די לעוואָנע און דאָרט גע־שפּילט פאר גאָר דער ערד און פאר די שטערן דעם פּראָלעטארישן הימן „אינטערנאציאָנאל”.

דער יונגער מענטש עפנט מיט ציטער אין הארצן דעם ייִדישן זשורנאל, ווי א פײַער־קאסע, אין וועלכער סע זײַנען פארהיט, ווי טײַערע בריל־יאנטן, די ווערק פון אזעלכע גרויסע שרײַבער און דיכטער, ווי דער ניסטער און דאָוויד האָפּ־שטיין, פּערעץ מארקיש און עזראָ פינינבערג, דאָוויד בערגעלסאָן און שמועל האלקין, אָשער שווארצמאן און איציק קיפּניס. ער געפינט אין דער זעלבער „פײַער־קאסע” אויך די עמעסע פּערל פון דער „יונגער גווארדיע” הויכטאלאנ־טירטע דיכטער און פּראָזע־שרײַבער — שיקע דריז און נאטאן זאבארע, יעכיעל פאליקמאן און ארן ווערגעליס, בוזי מילער און מוישע טייף, דאָרע כײַקינע, כאָנע ווײַנערמאז, אײַזיק הור־בערמאן, נאָטע לוריע, הערש רעמעניק, שמועל גאָרדאָן, מוישע נאָטאָוויטש.

לויט די ווערק פון פיל שרײַבער שטעלט אוף פאר זיך אונדזער יונגער צוקינפטיקער לייענער

דאָס אַלגעמיינע בילד פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור אין די פופציקער, זעכציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. ער וואַרפט אָפּ ניט ווייניק ווערק, און אויך נעמען פון שרײַבער, צו וועלכע ער איז קאַלט, אָן זיי וואָלט זיכער די ליטעראַטור גאָרניט אָנגעווירן, אָבער פון דער מערהײַט דיכטער און פּראָזע־שרײַבער איז ער אַנציקט און פאַרשיקערט, ווי פון גוטן ווײַן.

דער „ראַנדעוווּ מיט דער צוקונפט" קומט פאָר. מיר זײַנען שוין פאַר יענעם זעלטענעם, גוטן, פאַרטיפטן יונגן לייענער — „זיידעס" און אפילע „עלטערזיידעס", דאָס מאַכט ניט אויס. אָבער צי זײַנען די ווערק נאָך ווערק, צי זיי זײַנען אַ בינטל אָפּגעשלאָגענע הוישאַנעס, — אָט דאָס איז וויכטיק!

דאָס באַשטימט אָבער בלויז ער, יענער ווויילער יונגערמאַן, וואָס זיצט געדולדיק און געוויסנהאַפט בא זײַן אַרבעטס־טיש און שרײַבט אַרײַן צו זיך אין „גאָלדענעם העפט" פּערזן און גאַנצע לידער פון אַ פינף־זעקס אים באַליבטע דיכטער, בילדער און געדאַנקען פון גרויסע הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּראָזאַיִקער. ער קומט צום אויספיר, אַז אויבערפלעכלעך זײַנען געווען יענע שרײַבער און קריטיקער, וואָס האָבן אין זייער צײַט קינסטלעך־פּאַרגראַמטע לאָזונגען אָנגענומען פאַר גוטער „אידייִשער" ליטעראַטור, סקעלעטן פאַרשטעלט פאַר לעבעדיקע מענטשן, באַנאַלע סוזשעטן און סכעמעס — פאַר ראָמאַנען. געשאַפן פּראָזע און דיכטונג אָן לײַדנשאַפט, ראָמאַנטיק און צילגעווענדטקײַט.

ער שרײַבט אַרײַן צו זיך אין „גאָלדענעם העפט", אַז די נעשאָמע פונעם אַרבעטער־לייענער איז אַ סאַך מער רײַכער, ווי אייניקע שרײַבער שטעלן זיך פאָר. און דעריבער איז גוט, וואָס ער געפינט אין אונדזער „פּײַער־קאַסע" די קאָמפּליצירטע, אָבער זייער טאַלאַנטפולע צײַט־לידער פון אַ ריי דיכטער.

באַם אוטאָר פון אָט די שורעס, וואָס איז אַליין ניט ווייניק זינדיק מיט שרײַבן ייִדישע לידער, ציטערט אָבער ניט ווייניקער דאָס האַרץ, ווי בא אַנדערע דיכטער, צי אונדזער שוין באַקאַנטער ווווילער יונגערמאַן מיטן „גאָלדענעם העפט" וועט בא אים געפינען, אויב ניט קיין סאַך, איז כאָטש געציילטע טוי־פּערל פון דער הײַנטיקער צײַט, צוליב וועלכע ער גיט אָפּ שוין קאָרעוו דרײַסיק יאָר פון זײַן לעבן, צי די גאַנצע האָרעוואַניע איז געווען אַ פאַרבלענדעניש?

אָ, ניין! — גאָר ניט קיין פאַרבלענדעניש. מיר גלייבן אים, דעם טײַערן, צוקינפטיקן לייענער, אַז זײַן אויפן אויפצונעמען אונדזערע צומאָל נאָך ניט רײַפע און ניט גענוג פאַרפולקומטע ווערק, וועט זײַן אַ ברייטער. ער וועט ניט זידלען אונדז, וואָס אַרומכאַפּן האָבן מיר געפּרוּווט אַ סאַך און אַרומגעכאַפּט האָבן מיר דערווײַל אַפן שפּיץ מעסער.

מיר האָבן געפּרוּווט עפּעס אַ קליין פענצטערל אין דער צוקונפט. מיר פאַרגעסן אויך ניט אונדזער פאַרגאַנגענהײַט, — אַז מיר האָבן געהאַט אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַזוינע פּײַנע אָוועס, ווי מענדעלע, פּערעץ, שאָלעם־אַלייכעם. דאָס זײַנען ניט פון יענע אָוועס, וואָס קומען אַמאָל צו כאָלעם געל, ווי וואַקס, אָנגעטאָן אין ווײַסן: „קינד מײַנס!.. וואַרף דאָס שרײַבן, לערן זיך בעסער עפּעס אויס אַ מעלאָכע..." ניין, אָט די אָוועס קומען ניט צו אייצענען, דער מענטש זאָל זיך אַראָפּשלאָגן פון וועג, טאָמער האָט ער יאָ אין זיך אַ טראָפּן טאַלאַנט, אַ פונק געטלעכקײַט. פאַרקערט, זיי זײַנען, ווי מע זאָגט, „גאָט צו דאַנקען", אַלע געזונט און שטאַרק, זיי טרעטן קיינמאָל ניט אָפּ פונעם שרײַבער, מיט זייערע טיפע, קלוגע אויגן זעען זיי אים אַלע מאָל אָף דורך און דורך, סײַ ווען ער פעלשט זיך אַליין מיטן האַרצן און סײַ ווען אים האָט זיך עפּעס אײַנגעגעבן אויסצוגראָבן.

פאַרענדיק איך אַ ליד, אָדער אַ מײַסעלע, כאַפּ איך אַ קוק צום זיידן אָף דער וואַנט, זע איך שוין די ברילן זײַנען פאַרטרערט, דער שמייכל צעגאָסן איבערן גאַנצן פּאָנעם. נו, לייען, לייען! — לייען אַ ביסעלע העכער, דײַטלעכער. גאַנץ שיינע שניצערײַ, נאָר וואָס ביסטו אויסן מיט דײַנע „קאַרטינקעלעך", עפּשער זאָלסטו עס אָוועקלייגן אין טישקעסטל אָף אַ צוויי־דרײַ יאָר, ביז דיר אַליין וועט קלאָר ווערן, וואָס דו ווילסט דעם פאָלק זאָגן...

דרוקן אַ שוואַרצע ליד איז אַלצײַנס ווי אָוועקשטעלן זיך ווינטער אָף אַ פרײַ־פאַרפרוירענעם טײַך און אַרומהאַקן אַרום זיך דאָס אײַז.

פון פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען איז אויך ניט גרינג איבערצוטראָגן. זיי טוען דיר, דאַכט זיך, גאָרנישט ניט אָפּ. קוקן קימאַט ניט אין דײַן זײַט, מאַכן זיך ווי ניט זעענדיק, אַז דו שרײַבסט, כאָלעמסט, רײַסט פון זיך די הויט צו געפינען דאָס ביסעלע וואָלפּראַם, אָן וועלכן דאָס „לעמפּעלע" ברענט ניט. זיי טוען דיר אָף טערקיש. איינער שפּאַרט דיר אַרײַן אָף אַ גאַנצער נאַכט אַ באַנד קורצע גענײַאַלע דערציילונגען און סקיצן, אין וועלכע ס'איז שוין אַלץ פאַראַן: פאַנטאַזיע, אידיי, שיינקײַט פון וואָרט, דיכטונג, פאָרם, מײַסטערשאַפט, ראָמאַנטיק, טיפקײַט פון פּראָבלעמען, נאַציאָנאַלער ווייטעק און פאָלקס־כאָכמע. און דער צווייטער, גאָר ניט קיין קלענערער גאָען, וואַרפט אויך אונטער זײַן „מאַמזער" — אַ בוך פּאָשעטע ייִדישע מײַסעס. נאַ, לייען, פּאָרקע זיך ניט אין דער נעשאָמע פון דײַנע „איבערגעדרייטע זייגערלעך" — דאָס מיינט ער אָפּאָנעם מײַנע „לידער".

לייען איך, לייען אַ גאַנצע נאַכט אונדזערע קלאַסיקער. לייג נאָך אַוועק אָף מײַן טישעלע טאַראַס שעווטשענקאָ און מוישע־לייב האַלפּערנען, טאַבידזען און מאַרינע צוועטאַיעווע.

בא טאַראַסן לערן איך זיך זײַן לאַקאָניש, פילן דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ פון דעם פאָלק און פּײַנט האָבן קנעכטשאַפט, דאַכקעס, פינצטערניש און ברוטאַלקײַט. בא מוישע־לייבן — סאַרקאַזם און וואָרט־מײַסטערשאַפט, בא טאַבידזען — לײַ־

טערן די נעשאָמע מיט ליבע צום אייגענעם לאנד, בא מארינען — לײַדנשאפט און עכטקײַט.

איז לאָמיר מיט געמיינזאמע פרישע קויכעס אָפּרייניקן פון אונדזער פעלד דאָס ווילדגראָז, די קלייניקײַטן, די פּערזענלעכע אמביציעס, וועלכע שטערן מאכן אונדזער הײַנטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור נאָך בעסער, שענער.

איך בעט זייער בא אלע מײַנע לייענער מיר מוכל זײַן פאר מײַן ביסעלע דידאקטיק. אָבער די אלע ווערטער זײַנען הייס און טיף פון הארצן, וואָס אנדערש האָט מען זיי דאָ זאָגן ניט געקענט.

11 אפּרעל 1966, מאָסקווע

מיט דעם לעבעדיקן מוישע טייף

א געדיכטער שנײַ פון יאָרן. און איך זע מוישע טייפן נאָך א יונגן, מיט ניט קיין גרויסע באקנבארדן, מיט געקעסטלטע ברייטע הויזן, אריבערגעוואָרפן איבער א פּאָר שווערע ענגלישע שיך. ער איז שוין דעמלט געווען באוווּסט אין די דיכטערישע קרײַזן מיט זײַנע פּרעכטיקע לידער און פּאָעמעס „גענוג צו זינגען העמערל", „עלפטער יול 1920", „א ייִסגאדל מײַן טאטנס שאָלן", „וויִאָלאָנטשעל" און אנדערע.

ער האָט נאָך אָבער דעמלט געלעבט אין דער וועלט פון זײַנע זיידעס און אורזיידעס, וואָס האָבן אין זײַן ווײַסרוסלאנד, אין סאָסנאָוון לאנד, געלאָזן א יערושע — פּוסטע טאָרבעס, לידער טרויעריקע... הארטע סקאָרינקעס... פון זײַן זיידנס בליק האָט ער געוואָלט און ניט געוואָלט זיך באפרײַען. ער האָט דערציילט:

ווען די שקיִע שיט זיך אויס אין פײַערלעך אף
גראָזן
און דעם האשטינעץ פארציט א ווײַסער שטויב,
אין א שטיבל, בא די ברעגן פון בעריאָזע,
קוקט אף מיר דער זיידע דורך דער שויב.

און דער זיידע האָט געזען, ווי זײַן אייניקל, זאָל לעבן, גייט גראָד מיט א גלײַכן וועג, האלט פון דעם האָרעפּאשניק, וואָס פארכאפּט די מיזרעך־וואנט, האלט פון שטארקע, ווי דעמבן, אונטערגעוואקסענע דוירעס — פון דער יונגער ניי־טערן פונעם שלאָס־געסל, און פון אים, דעם פארליבטן מיזיניק, בא וועמען ס'קלאפּט א הייס הארץ אונטערן ארבעטס־העמד.

מאמעס אונדז געבאָרן קליינינקע גערעטן,
ניט אף ווייכע פּערענעס — אף דער מינסקער
בלאָטע.

און ס'איז מערקווירדיק: וואָס מער דער דיכטער מוישע טייף פארטיפערט זיך אין זײַן שאפונג, ווערט אָריגינעלער און מער ראפינירט, אלץ מער ציט אים צו דעם פּאָשעטן פאָלקסמענטש, ווּ ער וועט שפּעטער אויסזינגען זײַנע שטארקסטע לידער פון „אומקום און גווּרע".

און ניט נאָר די לידער און פּאָעמעס אנטפּלעקן פאר אונדז דאָס אינערלעכע הארמאָנישע לעבן פון דעם גרויסן פּאָעט, נאָר אויך זײַן פּערזענלעך שטייגער־לעבן, וואָס ער פארבינדט און פארקניפּט מיט דעם געזינטסטן שיכט פון דעם ווײַסרוסישן ייִדנטום. ער האָט כאסענע מיט אווראָם דעם קאָוועלס טאָכטער ראָכל־לייע, איטקע־רייזעס אייניקל, כײַע־סטעשעס טאָכטער, זאל־מען־בערס פּלעמעניצע. דאָס ווערט זײַן לידער־קוואל.

א ווארע מאכט, א ווארע מאכט דעם רײַטוואָגן
פון הימל!
בא דעם שטאָטישן טעאטער א געזעמל, א
געווימל...
ס'איז דאָ הײַנט א גרויסע סימכע, ס'איז דאָך
לאיעהודים,
הײַנט וועט ראָכל־לייע זינגען, שפּילן אף איר
דודע.
א ווארע מאכט! א ווארע מאכט! אָט גייען פון
דעם וואָגן
כײַע־סטעשע מיט אווראָמען, ביידע אויסגעצוואָגן.
טאטע־מאמע שײַנען ביידע, טאטע־מאמע קוועלן,
נא, פון שטערנדלעך, מײַן טאָכטער, דיר א
קראנץ קארעלן.
אפן גאס איז אָבער זאלקע... טו אָן די
פּאטשיילע,
קאָנסט נאָך, גאָט זאָל דיך באהיטן, צוקילן די
קיילע.

און דער דיכטער פרעגט בא ראָכל־לייעס טאטע: — „זאָגט מיר, שווער, פונוואנען קומען אין די העקן אין די ווילדע, בא די סאזשלקעס און בלאָטעס, ייִדן בערדיקע אין שטיוול, מוידן ווי געשמאקע פלוימען?"

טראכט אווראָם א ווײַלע, טראכט ער,
און ער זאָגט אזוי צו זאָגן:
ס'איז א מײַסע פון בעריישיס —
ווען דער אייבערשטער באשאפן
האָט שוין אלעס מיטאנאנדער,
זעט ער, אז א מיניען ייִדן,
אוי קאפּצאָנים, בניי קאפּצאָנים,
מיט די בעבעכעס און וואנצן
האָבן זיך ניט ווּ אהינטאָן,
האָט ער אף א לופטבאלאָן, מיסטאמע,
זיי אהער אראָפּגעלאָזן:
לעבט אײַך, ייִדן, אָן כאראָטע,
ס'איז א מאזלדיקע בלאָטע.

און וואָלטן געבליבן פונעם דיכטער בלויז נאָר אָט די עכט פאָלקישע און מיט כיין איראָנישע לידער, וואָס טיפּיזירן אין ניט קיין קליינער מאָס גרויסע טיילן פון דער ווײַסרוסישער ייִדישער באפעלקערונג, וואָלטן מיר אין זיי

געוויס געפינען דעם אורקוואַל פון זײַנע זעונגען, פון זײַן וואָרט־שניצערײַ און פעסטער צוגעבונדנקייט צום פאָלק.

דער דיכטער האָט געפלאַטערט איבער זײַן הייס געליבטער היים, דאָרט, אין די ווילדע פאָלעסיער העקן, צווישן בערדיקע ייִדן אין שטיוול און צווישן מיידן ווי געשמאַקע פלוימען, און דאָס איז געווען די ענערגיע, מיט וועלכער ער האָט שפּעטער געשאַפן די פּרעכטיקע לידער „דעם שאַכנס מיידעלע", „קיכעלעך און זעמעלעך", „אַנאַ פראַנק", „ווילנע, זומער 1944", „זעקס מיליאָן", די צוויי הײַנטצײַטיקע וווּנדערלעכע פּאָעמעס, וועלכע האָבן געוויס פאַרדינט א באַזונדערע אָפּהאַנדלונג. דאָס זײַנען מײַסטערהאַפטע ווערק — „דאָס גאָלדענע עפּעלע" און „דאָס געזאַנג וועגן ברידער".

ס'איז שווער צו ריידן אין א קורצער נאָטיץ וועגן דעם פון דער נאַטור רײַכן מענטשן מוישע טייף. ווייניק, זייער ווייניק איז אונדז באַוווּסט. מיר ווייסן אָבער, אַז דער רעאַקטיוו פון דער מילכאָמע און די טראַגעדיעס, וואָס האָבן דעם דיכטערס האַרץ דורכגעשניטן, — זיי האָבן, גיכער פאַר אַלץ, גורם געווען אַזאַ אינטענסיווקײַט פון אַרבעט אין די לעצטע עטלעכע יאָר פון זײַן לעבן.

דאָ האָבן מיר אין זינען די לירישע פּאָעמע „א געזאַנג צו דיר, עסטערל", וועלכע איז געווידמעט דעם צוריק־אויפבלי פון מוישע טייפס פאַמיליע־לעבן נאָך דעם קריג, די פּרעכטיקע איבערזעצונג אין פערזן פון „שיר־השירים", א גרויסע צאָל לידער און מילכאָמע־באַלאַדעס, וואָס דאָקומענטירן קינסטלעריש די צײַט און וועקן נאָך אויך איצט בײַ אונדז נאָבעלע געפילן. ס'איז גענוג אָנרופן די באַלאַדעס „סאָניע מאַדײַסקער", „דעם קלעזמערס אייניקל", „דער רוסישער אינטעליגענט", „האָט ליב די פּאָעטן", „בעלאָרוסקי וואָקזאַל".

און דאָס אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין דער צײַט פון מוישע טייפס מיטאַרבעט אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אַלס מיטגליד פון דער רעדקאָלעגיע און פאַראַנטוואָרטלעכער פונעם פּאָעטישן אָפּטייל. די אָנגעשטרענגטע געזעלשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַרבעט פאַר א מענטשן, וואָס האָט געהאַט ווײַט ניט קיין אויף שמאַלץ געפּרעגלט לעבן, האָט זיך צו אונדזער גרויסן אומגליק, שלעכט געענדיקט. מוישע טייף איז ניט געוואָרן. ער איז ניט געוואָרן — און אין זעלבן מאָמענט איז ער ווידערגעבאָרן. נאָר דאָס מאָל — שוין ניט באַקליידט און באַנייט מיט ערדישע קליינעקײַטן, מיט שפּיצלעך פון גלאַט שלעכטע מענטשן אָדער ליטעראַרישע פּוסט־און־פּאַסניקעס, גראַפאָמאַנען און ניט פאַרגינער. אין זעלבן מאָמענט האָבן פונעם דיכטער, ווי מיט א קישעף, זיך אָפּגעטאָן אַלע ריידערײַען וועגן זײַן „שווערן כאַראַקטער", פון זײַן שרײַבטיש זײַנען פאַרשוווּנדן צופעליקע קסאָוויאַדן, און געבליבן איז בלויז דאָס ביסל פּערל, וואָס דער דיכטער האָט פאַר זײַן מוטיק און העראָיִש לעבן פאַר אונדז געשנירלט.

כ'האָב א דאָרן, וועלכער ברענט
און ווערט קיינמאָל ניט פאַרברענט...

ווען מע האָט דעם גרויסן רוסישן שרײַבער איוואַן בונין פאָרגעוואָרפן, אַז ער רעדט מיט צו ווייניק רעספּעקט און דערעכערעץ וועגן איינעם א פאַרשטאָרבענעם שרײַבער, האָט בונין בייזלעך א וואָרטשע געטאָן: „פּאַדומאַיעש, פּאָקאָיניק, טשטאָ זא טשין?.." איך וויל זיך מיט גאָרניט באַרעכטיקן פאַר דעם רעדן דאָ וועגן מוישע טייפן מיט גרויס פאַרערונג און בלויז ווי וועגן צווישן אונדז א לעבעדיקן. און כאָטש מיר פּערזענלעך איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו האָבן כלוקעדייעס מיטן פאַראַנטוואָרטלעכער פונעם פּאָעטישן אָפּטייל אין זשורנאַל בײַס זײַן אויסלייענען מײַנע לידער און פּרוּוון אויסמעקן אָדער אַרײַנשרײַבן א שורע, וואָס דאָס איז פאַר מיר ערגער, ווי אין טאַטן געשאָלטן, דאַך האָב איך קיין גרונט און קיין כיישעק ניט צו פאַרמינערן די ווערט זײַנע אַלס דיכטער און פּערזענלעכקײַט און אַלס איינער פון די מיטגרינדער פון דעם גווירלדיקן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" — אָנגעהויבן פון דעם ערשטן טאָג פון זײַן עקזיסטענץ.

סײַ אַלס דיכטער און סײַ אַלס מײַנער א בען־איר איז מוישע טייף געווען מיט מיר נאָענט אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון זײַן לעבן. מעגלעך, ווען איך וואָלט געווען א פּראָזעשרײַבער, א ראָמאַניסט, וואָלט איך פאַר א צוויי־דרײַ יאָר געקאָנט אָנשרײַבן א גרויס ווערק וועגן דעם לעבן און שאַפן פון אונדזער מיטצײַטלער מוישע טייף. נאָר איך בין, ווי ס'ווײַזט אויס, צוליב דעם ניט געבוירן געוואָרן. איך בין א דיכטער, וואָס שרײַבט אויף פאַרשנייטע פענצטער, אויף סאַלפעטקעס אין רעסטאָראַנען, אויף פּאַקעטן, אין וועלכע איך טראָג פּראָדוקטן פון מאַגאַזין. דערבײַ — צוויי שורעס, פיר שורעס, אַמערסטן צען־צוועלף. א גרעסערער טייל פון דעם געשאַפענעם קומט אום פון דעם, וואָס שפּעטער פאַרלירט עס פאַר מיר דעם אינטערעס, און בלויז געציילטע שמוציקע און צעקנייטשטע פּאַפּירלעך באַקומען די זכיה פאַרהיט צו ווערן אַזוי, אַז איך זאָל אָנהייבן מיט זיי צו פירן א „שידעך".

טאָ, ווי קומט צו מיר אָנצושרײַבן א גאַנצן פּראָזע־בוך?

אָבער אייניקע עפּיזאָדן אין שײַכעס מיט אונדזער באַליבטן פרײַנט און טײַערן דיכטער, מוז איך און וויל פאָרט דערציילן. עפּשער וועלן אָט די שטריכן צו מוישע טייפס פּאָרטרעט אַמאָל צוניץ קומען א גוטן נאָוועליסט, אָדער ראָמאַניסט, אָדער זײַן ביִאָגראַף...

די לעצטע פאָר יאָר פון מוישע טייפס לעבן. ניט געקוקט אויף זײַן שווערער האַרץ־קרענק האָט מוישע געאַרבעט אויף זײַן איבערזעצונג אין ייִדיש (מיט מאָדערניזירטע פּאָעטישע פאָרמען) פון „שיר־השירים". ער האָט אויך געשריבן קורצע לירישע לידער.

צי נייטיקט זיך דער עפּאָס „שיר־השירים",

מע זאָל אים טראַנספּאָרמירן אין באַנײַטע פּאָע־טישע פאָרמען — אַזאַ איז בײַ מיר געווען די פראַגע. אָבער די איבערזעצונג האָט זיך בעע־מעס דעם דיכטער אײַנגעגעבן. דער פערז איז א געשפּאַנטער און אײַנצײַטיק לאַקאָנישער, די לײַדנשאַפט אָן אָנגעגליטע, די גראַמען פּינקט־לעכע. און ער אַליין, דער דיכטער, האָט פון דעם פאַרנעמען זיך מיט אָט דעם קלאַסישן ליד־בע־ראָמאַן א סאַך געוווּנען.

ווי מיר געדענקט זיך, האָט טײַף בײַ מיר אין שטוב איבערגעגראַבעט אַלע ספאָרים פון יודאיק. געקראָגן אויך אײַכענבאַומס איבערזעצונג פון „שיר־השירים" אין רוסיש. באַנוצט זיך אויך מיט א דײַטשישער איבערזעצונג. און געוויס מיט א האַלבן טוץ העברעיִש־ייִדישע ווערטער־ביכער.

בײַ זיך אין דער היים האָט מוישע טײַף ליב געהאַט עסטעטיקעס פרײַלעך געדעקטן טיש, ביפראַט ווען ס'פלעגט צו אים קומען א שרײַ־בער פון קאַזאַן אָדער יאָשקאַר־אָלאַ, פון ווילנע, פון אָדעס. דעמלט פלעגט אַפן דיכטער בעפּויעל מאַמעש רוען די שכינע. ער איז געזעסן בײַם אויבנאָן פון טיש אין א שניי־ווײַס העמד מיט שטאַרק בליצנדיקע זאַפּאָנקעס, געווען גאַסט־פרײַנטלעך און גוטמוטיק. מע קאָן זאָגן, געהאַט דעם זיבעטן כיין.

און נאָך האָט זיך פאַרגעדענקט: בײַ זיך אין שטוב האָט ער געהאַט „א כאַלאַס" צו א ניט גרויס שיפאָדל מיט געצײַג פאַר זייגערמאַכע־רײַ. איבער אָט די שרײַפּעלעך און רעדעלעך און איבער עטלעכע צעשרויפּטע, קאַליע זייגערלעך האָט ער געקענט אָפּזיצן א האַלבן טאָג, ניט אַראָפּנעמענדיק די לופּע פונעם שטערן. „א ליד, אויב אין איר איז קאַליע כאָטש איין רע־דעלע, א הערעלע, וואַרפט מען זי טייקעף אַרויס אין „מוסאָראָאַטוואַד", — פלעגט דערבײַ ריידן דער מײַסטער.

אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען זײַנע באַליבטע מינוטן געווען אַרופּצו־לייגן די האַנט אַפן ברייטן שטערן, פאַרמאַכן די אויגן און, עטוואָס פאַרהויבנדיק דעם קאָפּ, וואַרטן. ס'האָט געקענט זיך דאַכטן, אַז איבער זײַן שרײַבטיש וועט זיך באַלד אַראָפּלאָזן א זײַדענער גאַרטל, באַהאַנגען מיט א קראַנץ יונגע דיכטער — מיט זייערע פּעקעלעך און זע־קעלעך לידער, אין וועלכע ער, דער עלטערער כאַווער, האָט ליב געהאַט אַרײַנטראָגן זײַן כיי־לעק. די נײַגעקומענע פּאָעטן, פון זייער זײַט, האָבן פון דער סטעליע זיך ניט אַראָפּגעלאָזט. אייניקע האָבן זיך באַוויזן פון אוקראַיִנע, אַנ־דערע פון טיף רוסלאַנד. און אַפילע די מאָס־קווער פּאָעטן האָבן שטענדיק געהאַלטן פאַר א קאָווּעד — ניט הענגען איבער מוישע טײַפס קאָפּ אַפן זײַדענעם גאַרטל, נאָר פּאָשעט אָפּזיצן מיט אים בײַ זײַן שרײַבטיש א וואָך און צוויי, ביז די לידער האָבן סאָפּקאָלסאָף דערגרייכט די מעגלעכקײַט צו ווערן אָפּגעדרוקט.

זײַנע אייגענע לידער האָט מוישע טײַף ניט געפּויעט פאַר דער צײַט מיט טינט פון קריש־טאָלענע טינטערלעך, ניט געבאַלעוועט זיי מיט גאָלדענע פּילפעדער, ער פלעגט זיי פּאָשעט און פּראָסט פריִער אויסזיצן. ס'איז גראָב צו זאָגן — ווי א קוואָטשקע זיצט אויס אירע הינדעלעך...

די לידער קלאַפּן זיך אין טויער — גאַזלען, עפן! און ער, ווי בײַ יענעם ייִדן, וואָס איז גע־קומען פונעם יאַריד אָן אָנגעפּרוווירענער, מיט א פולער באָרד אײַז און מיט פאַרשנייטע אויגן, ער בעט ראַכמים: „דווירע, עפן!" — „ווער פרעגט דווירען?" — „זי איז ניט קליין אַליין צו וויסן? איך וועל אַזוי פאַרקאַליִעט ווערן"... און פון אַקשאָנעס איז דער ייִד טאַקע, נעבעך, א פאַרפרוירענער אומגעקומען בײַ זיך הינטער דער טיר. אַזאַ אַקשאָנעס, לעהאַוודל, פלעגט מוישע טײַף אַרויסווײַזן בײַם אַרײַנלאָזן צו זיך אין טויער א נײַע ליד.

ווען מוישע טײַף האָט געשריבן, איז עס גע־ווען ענלעך, ווי ער וואָלט געדרעמלט, אָדער ווי ער וואָלט געכעזשבנט אין קאָפּ די שורעס פון די לידער.

בײַס די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" פלעגן א רוף טאָן מוישע טײַפן אַף זייערער א זיצונג, פלעגן זיי הערן א קאָל פון א מענטשן, וואָס קומט פון אַן אַנדער וועלט:

— האַ? וואָס?.. איך גיי!

מוישע טײַפס מיטאַרבעט אין זשורנאַל „סאָ־וועטיש היימלאַנד" איז געווען געוויס א גרוי־סער בײַשטײַער פאַרן פּאָעטישן אָפּטייל. דער דיכטער האָט מיט גרויס ערנסט און זעלבסטאָפּ־פערונג, ביז די לעצטע טעג פון זײַן לעבן, גע־טאָן זײַן זייער נייטיקע און ווירדיקע אַרבעט.

טײַף איז געווען און געבליבן דער פאַר־שטייער פונעם ווײַסרוסישן האַרפּאַשנעם ייִדנ־טום. ער האָט געיאַרשנט די שפּראַך פון אָט דעם יישעוו, די סאַטירישע גלײַכווערטלעך, די אָר־גאַנישע פאַרבונדנקײַט מיט אָט דער ערד.

10 מײַ 1971

קעגן גלײַכגילטיקײַט

— ביזוואַנען וועט עס דויערן? — האָט א הילכיקן קלאַפּ געטאָן אין טיש דער באַוווּסטער רוסישער דיכטער מיכאַיל וואַסיליעוויטש איסאַ־קאָווסקי. — ביזוואַנען וועלן מיר לײַדן פון דעם אומופהערלעכן גוסרעגן פון לידער און פּאָעטי־שע זאַמלונגען, וועלכער פאַרפּלייצט אונדז?

דאָס „באַגליקן" דעם לייענער מיט אַרויסלאָזן פיל הונדערטער פּאָעטישע ביכלעך א יאָר ברענגט מער שאָדן, איידער נוץ. דאָס קוקן גלײַכגילטיק אַף דעם, וואָס פון אַלע עקן לאַנד שטראָמען מאַכנעסווײַז גאַנצע „קאַסיאַקעס" פרישגעבאַקענע פּאָעטן, מיט ווייניק טאַלאַנט

און קולטור, מיט העפקייערס צום וואָרט, איז א געפאר פאר אונדזער ליטעראַטור.

און מיינט ניט, כאַלילע, אז דער גרויסער רוי־סישער דיכטער מיכאיל איסאַקאָווסקי איז אזוי גרינגשעצעריש צום צוווּקס פון פרישע קויכעס אין דער סאָוועטישער פּאָעזיע. פאַרקערט, דעם דיכטערס ווייגעשריי קעגן דער דעוואַלוואַציע פון קינסטלערישן וואָרט, פאר דער אכרײַעס פון א פּאָעט, וועלכער איז בארופן קולטיווירן דעם געשמאַק באם לייענער און ניט אים פאַר־אָרעמערן, רעדט וועגן דער גרויסער, לײַדנ־שאַפטלעכער ליבע פונעם פאָלקס־דיכטער צו דער סאָוועטישער פּאָעזיע און וועגן דער זאָרג פאר איר וווּקס און גורל.

איינצײַטיק מיט די אויבן ארויסגעזאָגטע „אפּיקאָרסישע" געדאַנקען וועגן די „קאָסיאַקעס" אין דער פּאָעזיע (זע די ארבעט פון איסאַקאָוו־סקין אין זשורנאַל „וואָפּראָסי ליטעראַטורי" — „פּראַגן פון ליטעראַטור") שטעלט דער דיכטער פעסט די הויכע מײַסטערשאַפט פון דער סאָוועַ־טישער פּאָעזיע, אָנרופנדיק די נעמען פון א ריי הײַנטצײַטיקע גרויסע רוסישע מײַסטערס פונעם פּאָעטישן וואָרט. נאָך מער, איסאַקאָווסקי גלייבט, אז אויך אין דעם ניט נאַטירלעכן שטראָם פון גראַפאָמאַנען און קימאַט־שרײַבער וועלן זיך געפינען אזעלכע, וואָס וועלן זיכער זיך אופהייבן צום בארג־שפּיץ פון עמעס לויַ־טערער פּאָעזיע.

צו איסאַקאָווסקיס געדאַנקען פאַרייניקן זיך די טאַלאַנטפולע פּאָעטן באָריס רוטשיאָוו, סער־גיי נאַראָווטשאַטאָוו, לעוו אָזעראָוו און אנדערע. זיי ברענגען די ארויסזאָגונג פון וו. אי. לעני־נען: „טאַלאַנט — איז א זעלטנהייט. מע דאַרף אים סיסטעמאַטיש און וואָכזאַם שטיצן" (וו. אי. לעניו, פולע געזאַמלטע שריפטן, באנד 48, זײַט 182).

קלאָר, אז די אויבנגעבראַכטע לעניניסטע ארויסזאָגונג האָט א שייכעס ניט נאָר צו דער גרויסער רוסישער ליטעראַטור און קונסט, נאָר אויך צו אלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן בא אונדז אין לאַנד.

וואָס עמעס איז עמעס, די מאַסשטאַבן פון אונדזער סאָוועטישער יידישער פּאָעזיע זײַנען, נאַטירלעך, א סאָך באַשיידענער, איידער בא די יאַרשים פון אלעקסאַנדער פּושקין, מיכאיל לער־מאָנטאָוו, אלעקסאַנדער בלאָק, וולאַדימיר מאַיאַ־קאָווסקי. אָבער די פּראָבלעמען פון וווּקס שטייען פאר אונדז די זעלבע.

און באַשיידן איז אונדזער הײַנטצײַטיקע פּאָע־זיע ניט דערפאר, וואָס מיר האָבן אין דער פאַר־גאַנגענהייט ניט געהאַט קיין גרויסע פּאָעטן, בא וועמען מיר זאָלן זיך לערנען שעצן הויך די פאָלקס־אידעאַלן — מיט נעשאָמע און מײַסטער־האַפטן וואָרט. אָ, ניין! ס'איז גענוג דערמאָנען די פּלעיאַדע ווונדערלעכע רעוואָליוציאָנערע דיכטער: ווינטשעווסקין, עדלשטאַטן, באָווּשאָ־ווערן. און שפּעטער — אָשער שוואַרצמאַנען. און נאָך נעענטער צו אונדזער צײַט — די, וואָס האָבן פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פון דער סאָ־וועטישער יידישער דיכטונג: דאָוויד האָפשטיי־נען, פּערעץ מאַרקישן, לייב קוויטקאָן, עזראַ פינינבערגן.

איך רייד שוין ניט וועגן דער אלטער און מיטלאַלטערלעכער דיכטונג, בא וועלכער ס'איז אויך ניט ווייניק פאַראַן וואָס צו לערנען.

אָבער, ווי מיר דאַכט, בעסער וואָלט איך גע־זאָגט א ליגן, — מיר זײַנען הײַנט א ביסל קראַנק געוואָרן... קראַנק געוואָרן מיט א גע־פערלעכער קרענק פון גלײַכגילט, פון „גוטע", היימישע באַציִונגען און ניט נייטיקער העפלעכ־קײַט מיצאַד איין פּאָעט צום צווייטן, ווען דער אָדער יענער בוך פאָדערט ערלעך און קריטיש באַהאַנדלט צו ווערן, ווען דער אָדער יענער ציקל לידער פון דײַנעם א פרײַנט פירט אוועק אונדזער פּאָעזיע אין שאָטנדיקן ווינקל פון דער שיינער און רײַכער נאַכאָקטיאַבער־ליטעראַטור.

און דאָ דאַרף שפּילן א ראָל אויך אונדזער איינציקער באַליבטער זשורנאַל — „סאָוועטיש היימלאַנד", צו וועמען מיר ברענגען אָפּט א קריטישע אָפּהאַנדלונג אָף א דערשינענעם בוך. וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקין און סערגיי יעסע־נינען האָט מען יאָ געמעגט קריטיקירן! און מיר האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו דער זייער שלעכ־טער מידע, וואָס האָט אין זינען, אז בוימל איז ניט טײַער, וועלן מיר זיך איינער דעם אנדערן אים גיסן אָן אופהער אפן קאָפּ...

אוודאי זײַנען בא אונדז אין דער סאָוועטי־שער יידישער ליטעראַטור פאַראַן ניט קיין סאַך, אָבער טאַקע בעעמעס אויסגעצייכנטע פּאָעטן. אוודאי לײַדן מיר ניט פון די „קאָסיאַ־קעס", טיטשקעס פּאָעטן, וואָס וואַקסן פלוצעם אויס, ווי שוואָמען נאָך א רעגן. אָבער דערפאַר שטייען פאר אונדז ניט ווייניקער וויכטיקע פּראָבלעמען פון וווּקס און פאַראַנטוואָרטלעכ־קײַט פארן גורל פון אונדזער עקזיסטענץ אלס ליטעראַטור.

ווי מיר דאַכט, האָבן אונדזערע פאָרגייער, די אָנהייבער פון דער סאָוועטישער יידישער לי־טעראַטור, געפילט מער אכרײַעס פאר זיך, פארן קינסטלערישן וואָרט.

איך וועל ניט אנטדעקן קיין אמעריקע, אז דער פּראָצעס פון שרײַבן לידער, לעמאָשל, איז ענלעך אפן פּראָצעס פון גיסן שטאָל. שטאָל אין הײַנטיקע צײַטן גיסט מען ניט מיט אן איבע־רײַס. דער אויוון ווערט ניט אויסגעלאָשן קײַ־לעכיקע מעסלעסן. און נאָר אזוי קאָן מען עפּעס דערגרייכן נײַס און וויכטיקס. איך, פּערזענלעך, בין שוין צופיל אלט, קעדיי ארויסכאַפּן בא אן אנדער פּאָעט א סטראָפע און באַווײַזן, אז דאָס איז „אויסער די גרענעצן פון פּאָעזיע". אָבער העלפן איינער דעם אנדערן מיט אופריכטיקער שטרענגער קריטיק — דאָס מוזן טאָן אלע: איך און ווערגעליס, און שטערנבערג, און בלאָ־שטיין, און גאַנטאַר, און ליפשיץ, און אלע־אלע אָן אן אויסנאַם.

ווען עס גייט א רייד וועגן ליטעראַטור, דאַרפן מיר ריידן פון פולן הארצן, ווײַל מיר האָבן וואָס צו זאָגן.

לײדער איז דאָס אַ פֿאַקט, אַז די קריטיק, װעלכע איז באַרופֿן זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אינעם לעבן און אין די פּראָבלעמען פֿון דער ליטעראַטור, איז דערװײַל ניט געװעזן בעקױעך צעטרײסלען די אַטמאָספֿער פֿון שטילשטאַנד און גלײַכגילט אין אונדזער פּאָעטישן ראַיאָן. ס'איז נײטיק מיט שאַרפֿע פּראָבלעמאַטישע אַרטיקלען, מיטן אָנגעגליטן װאָרט אַרױס קעגן הױלער רעגיסטראַציע פֿון דער װירקלעכקײַט, אָדער קעגן דער אײַנגעליבטקײַט אינעם נעכטן.

ס'װעט קומען אַ צײַט, און מע װעט אונדז פֿרעגן: װוּ זײַנען מיר געװען, די שױן פֿון גאָט אַלײן געקרױנטע פּאָעטן — „ספּעציאַליסטן" אָף אָפּדרוקן אײן מאָל אין אַ האַלב יאָר אַ ציקל לידער, זאָל זײַן אַפֿילע גוטע, פּרעכטיקע. צי דאַרף מיט דעם װערן אױסגעשעפּט דאָס לעבן און די אַרבעט פֿון אַן עמעסן דיכטער? איך, לעמאָשל, האַלט ניט אַפֿילע פֿון גאָר־גאָר גרױסע שרײַבער, װעלכע שרײַבן בלױז געשװאָלענע ראָמאַנען, מאָדערנע לידער, און זײ טוען מיט קײן אױג אַפֿילע ניט קײן פּינטל צו דערזען און פֿאַרקערפּערן אין דאָקומענטאַלע װערק די טאָגטעגלעכע פּראָצעסן, װאָס קומען פֿאָר אינעם לעבן. אַזעלכע שרײַבער דערמאָנען מיר אין מענטשן, װאָס פֿילן זיך אױסצװױשן די שױבן אין דעם צימער, װוּ זײ געפֿינען זיך.

מיר לעבן אין אַ צײַט פֿון אַ פֿאַרביטערטן פֿאַרמעסט צװישן צװײ אידעאָלאָגיעס, אינגאַנצן קעגנזעצלעכע. אײן אידעאָלאָגיע שפּיגלט אָפּ אונדזער קאַמף פֿאַר פֿרײַהײַט, גלײַכבאַרעכטיקונג פֿון פֿעלקער, די צװײטע אידעאָלאָגיע — אַ פֿײַנטלעכע צו אונדזער װעלט, אַ רױבערישע. װעמען, אױב ניט דעם דיכטער איז דאָ געגעבן די ראָל פֿון אַ פּראָפּאַגאַנדיסט פֿאַר דער גערעכטיקײַט!

צי דען איז לערמאָנטאָװ געװען װײניקער פּאָעט און איז געװאָרן קלענער מיט זײַן באַרימטער ליד „אױפֿן טױט פֿון דעם פּאָעט", װעלכע איז טײקעף געװאָרן אַ פּאָליטישע פּראָקלאַמאַציע?

צי דען איז פּושקינס „דעקאַבריסטן", הײנעס און בלאָקס פּאָליטישע ליריק ניט פֿיל העכער און שטאַרקער פֿון אַנדערע מאָטיװן אין זײערע אײגענע װערק?

איז לאָמיר, טײַערע כאַװײרים יִדישע סאָװעטישע שרײַבער, פֿאַרשטאַרקן די אַקטועלע, הײַנט־טאָגיקע טעמע אין אונדזער ליטעראַטור!

געװיס, קאָן מען דאָ קײנעם קײן רעצעפּטן ניט געבן, װײַל מע ריזיקירט צו װערן ענלעך אָף יענעם באָכער, װאָס איז געקומען צו עמיל זאָליאַ מיט אַ פֿראַגע, װי־אַזױ זיך אױסלערנען מײַסטערשאַפֿט. זאָליאַ האָט דעם באָכער געענטפֿערט: „מײַן גנעדיקער יונגערמאַן, קעדײ צו שרײַבן הױכמײַסטעריש, דאַרף מען יעדן טאָג אױפֿן ניכטערן האַרצן אײַנשלינגען אַ לעבעדיק פֿרעשל. דעם ערשטן טאָג אײנס, דעם צװײטן צװײ, דעם דריטן דרײַ און אין אַלע איבעריקע טעג די צאָל פֿאַרגרעסערן". דער באָכער האָט אַלץ מעקײַעם געװען, געקױפֿט אין אײנעם פֿון די פּאַריזשער מערק אַ קױש לעבעדיקע פֿרעש, געפּרוּװט יעדן טאָג אױפֿן ניכטערן האַרצן זײ שלינגען, און איז קײן שרײַבער ניט געװאָרן...

אַגעװ, די אַלטע פֿראַגע: צי קאָן מען אַ מענטשן אױסלערנען שרײַבן? — מע קאָן, אָבער קײן שרײַבער װעט דער מענטש ניט זײַן, װיפֿל ער װעט לעבן.

װלאַדימיר מאַיאַקאָװסקי האָט װוּנדערלעך געזאָגט װעגן דער ספּעציפֿיק פֿונעם פּאָעטישן פֿאַך: ברענגסט אױס הונדערט טאָן אַרץ צוליב אײן זעמדעלע דיכטונג.

און דעריבער טאַקע שטײ איך אָף דעם, אַז ניט דערשאַצן דעם אָדער יענעם עכטן פּאָעט אין זײַן שװערער, אומענטשלעכער אַרבעט איז אַ פֿאַרברעכן ניט נאָר קעגן אים, נאַר קעגן אַ גאַנצער ליטעראַטור.

אָבער מע טאָר אױך ניט דערלאָזן, סע זאָל זײַן אַזױ, װי באַלמאַכשאָװעס האָט אַמאָל געזאָגט: יעדערער, װאָס קױפֿט זיך אין קלײט אַ פּאָר קאַלאָשן, איז שױן גלײַך אַ מיטגליד פֿון דער „קאַלאָשן־געזעלשאַפֿט".

און לאָמיר זיך ניט נאַרן, אַזעלכע פּאָעטן זײַנען אױך בײַ אונדז דאָ. נאָך מער, זײ װערן געדרוקט ניט ערגער פֿון אַ סאַך אונדזערע גלענצנדיקע פּראָפֿעסיאָנעלע דיכטער.

צי איז עס בלױז די שולד פֿון דעם פֿאַרװאַלטער פֿונעם פּאָעטישן אָפּטײל פֿון דעם זשורנאַל, װאָס װערט טאָגטעגלעך אַטאַקירט פֿון אָט דער „קאַלאָשן־קאָמאַנדע"? נײן, ס'איז אױך אונדזער אַלעמענס שולד, — די גלײַכגילטיקײַט!

צי זײַנען ניט אױך מיר געשטרױכלט מיט פֿאַרעפֿנטלעכן שװאַכע, בלאָטלאָזע, װײניק רײַפֿע װערק? אװאַדע יאָ. אָבער, ביכלאַל גערעדט, לײַדן ניט די מײַסטערס פֿון אומבאַהאָלפֿנקײַט, פֿון ניט קענען שרײַבן. פּונקט פֿאַרקערט, מײַנע ליבע לײענער, מיר לײַדן פֿון קענען שרײַבן לידער.

דוכט זיך אַ פּאַראַדאָקס, — פֿאַרװאָס איז שלעכט צו קענען שרײַבן לידער? מע דאַרף דאָס אױפֿקלערן.

אין דער רוסישער ליטעראַטור דיסקוטירט מען װעגן דעם באַרוף און ספּעציפֿיק פֿונעם פּאָעטישן פֿאַך. ס'האָט מיר אױסגעזען מאָדנע די לעצטע דיסקוסיע אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" װעגן דעם, צי ס'איז גרינג, צי שװער צו שרײַבן לידער. אײנער אַן אָנגעזעענער דיכטער האָט באַהױפּט, אַז שרײַבן לידער איז אַן עמעסע קאַטאָרגע. אַ צװײטער, ניט קײן דיכטער, אַ ליטעראַטור־קענער, האָט געמאָלדן, אַז שרײַבן לידער איז ניט קײן באַשעפֿטיקונג, קײן האָרעװאַניע איז עס אַװאַדע ניט.

סײַ די ערשטע באַהױפּטונג, אַז לידער שרײַבן איז אַ קאַטאָרגע, און סײַ די צװײטע, אַז שרײַבן לידער איז אַ שפּילעכל, קאָן, לױט מיר, ניט װערן ערנסט אָנגענומען. און אָט פֿאַרװאָס. די קאָמפּליצירטקײַט פֿון קענען אָנשרײַבן אַ ליד מיט פֿרישן בילד, אָריגינעלן פֿאַרטראַכט, מוזיקאַלישער דערהױבנקײַט, פֿאָרמעלער טעכניק, פּאָליטישער און בירגערלעכער נױטװענדיקײַט,

ראַפינירטקײַט פון דער פאָלקס־שפּראַך, טיפן
געדאַנק, עטוואָס איראָניע, מער דראַמאַטיזם,
שטימונג און גײַסט, געפילן פון ליבע אָדער
האַס, פּאַטריאָטיזם אָדער פּראָטעסט, וואַרעמ־
קײַט, יוגנט, לעבן, גלויבן — זאָגט א סאַך און
זאָגט נאָך גאָרניט.
די עמעסע שווערקײַט פון זײַן א דיכטער
באַשטייט אין דעם, וואָס ווען ער שרײַבט יאָ
און שרײַבט ניט, פּײַניקן אים די געפילן און
געדאַנקען פון דעם ביז איצט נאָך ניט אײַנ־
געאָרדנטן לעבן פאַרן מענטשן אף דער ערד.
דער דיכטער מוז קענען זײַן אָט דער שטיין
און מעטאַל, פון וועלכן פײַער טרעט אָפּ, ווי
אויך איינצײַטיק דער טראָפּן וואַסער פאַר א
דאָרשטיקן אין מידבער. ער דאַרף קענען א
גאַנץ לעבן אליין זיך פאַרניכטן און א גאַנץ
לעבן טראָגן זיך אף די הענט.
צי דען אין אָנשרײַבן א ליד גייט דאָ א רייד?
צום גליק, איז זייער א ברייטער דער וועג
פון אונדזער הײַנטצײַטיקער דיכטונג. עס וואָלט
קעדײַ געווען (זאָל זײַן אפילע פראַגמענטאַריש)
וועגן דעם זיך דורכריידן. מיר פערזענלעך זײַ־
נען מער נאָענט די הײַנטצײַטיקע סאָוועטישע
ייִדישע פּאָעטן, וואָס זייער צושטײַער אין דער
ליטעראַטור איז ניט נאָר די פּאָעמע און די ליד,
נאָר אויך דאָס לעבן. און אזא צוגאַנג צו פּאָע־
זיע האָט זיך בא אונדז פאַרפעסטיקט, אָנהייבנ־
דיק נאָך פון אָשער שוואַרצמאַנען!

כראָניק

ביראָבידזשאַנער נײַס

געווידמעט דעם פאָלקס־שרײַבער

אינעם לייענזאַל פון דער
געגנטלעכער ביבליאָטעק אף שאָ־
לעם־אַלייכעמס נאָמען איז פאָר־
געקומען א ליטעראַרישער אָוונט,
געווידמעט דעם 120־טן געבורטס־
טאָג פונעם קלאַסיקער פון דער
ייִדישער ליטעראַטור שאָלעם־אַליי־
כעמ. עס זײַנען בײַגעווען אַרבע־
טער, אָנגעשטעלטע, לערנ־יוגנט,
שלאַכטלײַט פונעם ביראָבידזשאַ־
נער גאַרניזאָן.
דעם אָוונט האָט געעפנט דער
דירעקטאָר פון דער ביבליאָטעק
ב. בערגער. מיט א פּאָרטראָג
וועגן דעם לעבנס־וועג און דער
שאַפונג פונעם גרויסן פאָלקס
שרײַבער איז אַרויסגעטראָטן די
פאַרוואַלטערן מיטן אָפּטייל פון
ביבליאָגראַפיע ט. טיכאָמיראָווא.
דער רעזשיסער פונעם ייִדישן
מוזיקאַלן דראַמאַטישן פאָלקס־
טעאַטער ב. שילמאַן האָט דער־
ציילט וועגן די ספּעקטאַקלען,
וואָס דער שעפערישער קאָלעקטיוו
האָט געשטעלט לויט שאָלעם־אַליי־
כעמס דראַמאַטישע ווערק און
לויט דער אינסצענירונג פון זײַן
ראָמאַן „סטעמפּעניו“, פאַר וועל־
כער דער טעאַטער איז, ווי באַ־
וווּסט, באַערט געוואָרן מיטן הויכן
טיטל לאַורעאַט פונעם ערשטן אַל־
פאַרבאַנדישן פעסטיוואַל פון
קינסטלערישער שאַפונג.
די אַרטיסטן פונעם טעאַטער
כײַע עפּשטיין, ניוסיע ליסאַקאָ־
וויטש, יאַקאָוו ציפּערמאַן און אָל־
גע פּימענאָווא האָבן אויסגעפילט
פראַגמענטן פון דער דאָזיקער
שטעלונג. דער אַרטיסט זאַלמען
שוואַל און די יונגע אָנטיילנע־
מערן פונעם רוסישן פאָלקס־טעאַ־
טער אינע סלאָבידקער האָבן באַ־
וויזן אַן אויסצוג פון דעם ספּעק־
טאַקל „טעוויע דער מילכיקער“.
די זינגלידער פונעם ספּעקטאַקל
זײַנען אויסגעפילט געוואָרן אונ־
טערן אַקאָמפּאַנעמענט פונעם אָר־
טיקן קאָמפּאָזיטאָר מאַקס עפּ־
שטיין.

אינטערעסאַנטע קאָנצערטן

אין שטאָטישן קולטור־פּאַלאַץ
זײַנען מיט דערפאָלג דורכגעגאַנ־
גען די קאָנצערטן פון דער אַר־
טיסטקע פון דער מאָסקווער פיל־
האַרמאָניע אַנגעלינע טראָסט,
וועלכע האָט מיט עכטער מײַס־
טערשאַפט אויסגעפילט אויסצוגן
פון אָפּערעטעס פון די קאָמפּאָזי־
טאָרן שטראַוס, קאַלמאַן, כרעני־
קאָוו און אַנדערע.
אַנגעלינע טראָסט איז אויך גע־
ווען צוגאַסט אף אַן אָוונט פון
קונסט־ליבהאָבער, וועלכן עס האָט
אָרגאַניזירט דער מוזיק־אָפּטייל פון
דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אף
שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען. די פאַר־
זאַמלטע האָבן מיט אינטערעס
אויסגעהערט לידער פון די הײַנט־
צײַטיקע קאָמפּאָזיטאָרן.

עקסקורסיעס

יעדן טאָג באַזוכן דעם געגנט־
לעכן קאָנטקענטעניש־מוזיי פיל
אײַנוווינער און געסט פון ביראָ־
בידזשאַן. א גרויסע צאָל עקספּאָ־
נאַטן דערציילן וועגן דער גע־
שיכטע פון דער געגנט, וועגן דער
אַנטוויקלונג פון איר קולטור און
עקאָנאָמיק.
איינע פון די טעמאַטישע עקס־
קורסיעס רופט זיך אָן „די שטאָט,
ווו מיר לעבן“. עס ווערט באַוויזן
א נײַע עקספּאָזיציע, געווידמעט
די ענדערונגען, וואָס זײַנען פאָר־
געקומען אין ביראָבידזשאַן פאַר
דרײַ יאָר פונעם צענטן פינפיאָר.
א צווייטע טעמע איז באַטיטלט
„זיי האָבן געקעמפט פאַרן היימ־
לאַנד“, זי דערציילט וועגן די
העלדנטאַטן פון ביראָבידזשאַנער
לאַנדסלײַט אין די יאָרן פון דער
דער גרויסער פּאָטערלענדישער
מילכאָמע.

עס שפּילט וואַלענטין זשוק

דער פאַרדינסטפולער אַרטיסט
פון רספסר וואַלענטין זשוק איז
באַוווּסט די ליבהאָבער פון מוזיק
ניט נאָר בא אונדז אין לאַנד, נאָר
אויך אין אויסלאַנד. א דערצויג־
לינג פונעם פּראָפעסאָר פון דער
מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע
א. יאַמפּאָלסקי און פון דעם באַ־
רימטן פידלער לעאָניד קאָגאַן, איז
ער אַדאַנק זײַן ווירטואָזער פידל־
שפּיל אָנערקענט געוואָרן אַלס זי־
גער אף די צווישנפעלקערלעכע
קאָנקורסן פון פידלער אין פּאַ־
ריזש, גענוע און מאָסקווע.
די ביראָבידזשאַנער ליבהאָבער
פון מוזיק האָבן געהאַט א מעג־
לעכקײַט צו הערן, ווי עס שפּילט
וואַלענטין זשוק. דער גאַסט האָט
אויסגעפילט בעטהאָווענס אַכטע
סאָנאַטע, וואַריאַציעס אף איין
סטרונע אף די טעמעס פון ראָסי־
ניס אָפּערע „מוישע“, ווענגיאַווסקיס
„לעגענדע“, פּאַגאַניניס צוויי סאָ־
נאַטעס און אַנדערע קלאַסישע
ווערק. פּאָרטעפּיאַנע־פּאַרטיע האָט
אויסגעפילט אַלעקסאַנדער ראָסאָ־
כאַצקי.

ארן ווערגעליס

אין פופצן יאָר ארום

1. איך טײַנע זיך אויס מיט אַנקל סעם

ריבוינעשעלוילעם, ווי שנעל די צײַט לויפט...

ווען איך האָב זיך אופגעהויבן איבערן טראַפּ צום עראָפּלאַן, איז מיר אײַנגעפאלן א געדאנק אונטערצורעכענען, וויפל יאָר עס זײַנען שוין אוועק נאָך מײַן ערשטער רײַזע קיין אמעריקע. פּונקט פופצן יאָר! מיט אזעלכע טעמפּן וועל איך, הייסט עס, באוויַזן ביז די הונדערט און צוואנציק צו זײַן דאָרט נאָך א מאָל פיר, ניט מער. איז דאָס וויניק, אָדער א סאך? פארשטייט זיך, ס׳וואָלט געוועזן גאנץ גענוג, אָבער בא דעם באַדינג, אז כאָטשבי איינע פון מײַנע נעסיִעס זאָל זײַן א זאָרגלאָזע און רויִקע, א שיינע־ריינע לוסטרײַזע. ס׳זאָל שטיין א קילער זומער־כוידעש, אָדער א ווארעמער ווערסנע־כוידעש, ווען עס רעגנט ניט און שנייט ניט און עס סארפּעט ניט די היץ. און ס׳זאָל קיין שטארקער ווינט ניט בלאָזן. און ארום־און־ארום אין דער אמעריקאנער אטמאָספער זאָל זײַן שא־שטיל, געמיטלעך: קיינער פינעט ניט מיטן מויל און דראָעט ניט מיט די קולעקעס. ס׳שטייען דאָרט אויסגעוואשענע מירמלנע וואָלקנקראצערס, און אף א מעהאלעך פון זיי זעען זיך ארויס ווײַסע שטיבעלעך אף גרינע לאָנקעס. און עס דרייען זיך ארום גוטמוטיקע פראָסאָוועטישע אמעריקאנער. יאָ, אלע זאָלן זיי זײַן פרײַנטלעך צו אונדז. א פּראָסטער מענטש זייערער זאָל צו מיר צוגיין בייס איך לאָז זיך אראָפּ פונעם טראַפּ, און ער זאָל זאָגן ליבלעך: טײַערער כאווער, פאַר דײַנע אויגן שפּרייטן זיך די בעעמעס פאַרייניקטע שטאטן פון אמעריקע. אדעראבע, פאָר זיך דורך, קוק און זע און האָב האנאָע...

— א דאנק דיר, ברודער יאַנאטאַן־יאַנקי. זאָג, ס׳איז טאקע עמעס, אז אָט דעם צונאָמען האָט דיר געגעבן דײַן גרויסער פּרעזידענט דזשאָרדזש וואשינגטאָן?

— מע רופט מיך אין דער וועלט אויך אַנקל סעם... א ביסל כויזעק איבער די ראָשעטייוועס פון יונײַטעד סטייטס...

— נעם זיך ניט צום הארצן. אָט דערמאָן איך זיך, וויַאזוי עס האָבן זיך געבעטן, לעמאָשל, די וויעטנאמער: „אַנקל סעם, גיי ניט אוועק, דאָנט גאָו האָם! ווײַל ווי וועל איך אָן דיר לעבן?”. און יונג און אלט אין פּאנאמע, דאָ ניט ווײַט פון דיר, האבן זיך דאָך מאמעש געבעטן ראכמים: „נאָ דיר מײַן קאנאל, אַנקעלע סעם, קער מיר אים קיינמאָל ניט אום און טראָג זיך ניט אָפּ פונדאנען”... און וואָס דארפסטו מער? דעם גאנצן וועג אין עראָפּלאַן, בייס איך בין איצט געפלויגן צו דיר, האָט מײַנער א שאָכן געהאלטן אײַנגעשלאָסן דעם טראנזיסטאָר, און פון דאָרט האָט אָן אופהער זיך געטראָגן אף פּערסיש: „אַנקל סעם! דו און מײַן הייס־געליבטער שאך! טוט מירביידע א טויווע — זיצט אײַך אין מײַן לאנד, און איך, דער פּערס, וועל אײַך זײַן א פוס־בענקעלע”...

— אָ, לאָז מיך אויסווישן אָן אַנגעלאָפענע טרער...

— און איצט זאָג, פּעטערל: פאראן עפּעס נײַס בא דיר? פונדעסטוועגן, פופצן יערעלעך דורכגעלאָפן, קיין אײַנהאָרע ניט...

— וואָס זשע, דו ווייסט ניט דאָס פראנצויזישע ווערטל, אז וואָס מער עס ענדערט זיך, אלץ מער בלײַבט ווי געוועזן?

— אָבער פּרעזידענטן האָבן זיך כאָטש אין דײַן מעדינע געביטן?

— דזשאָנסאָן האָט זיך געביטן... ניקסאָנען האָט מען געביטן, און פאָרד, ער האָט זיך געבעטן אפן צווייטן טערמין, נאָר ס׳האָט אים ניט געהאָלפן, מע האָט אים אויך פארביטן אף אן אנדערן...

— נו, און אף וואָס פאר אן אויפן מע האָט פארביטן קענעדין, געדענק איך אליין... דאָס איז געשען פּונקט מיט פופצן יאָר צוריק.

— הער אויס. גראדע אין דער דאָזיקער פאַסירונג האָט זיך איצט דאָס גאנצע בילד געביטן...

— א טאָעס? דזשאָן קענעדי איז געבליבן לעבן?

— ווען עס טרעפן אין א מענטשן פיר קוילן, טראָגט ער עס ניט איבער...

— דרײַ קוילן, ניט קיין פיר. האָסט דען פאַרגעסן, צו וועלכן אויספיר ס'איז געקומען די וואָרענס־קאָמיסיע? אין קענעדין האָט מען דעם 22 נאָיאַבער 1963 אויסגעשאָסן דרײַ מאָל. דאָס שטיקל אַרבעט האָט איינער אַליין אָפּגעטאָן לי כאַרווי אָסוואַלד...

— האָסטו, זײַ מויכל, א טאָעס. דאָס הייסט, א טאָעס האָט דערלאָזט אוֹרען מיט זײַן געהויבענער קאָמיסיע. פּאַשעטער גערעדט, דער דאָזיקער אוֹרען האָט שיִר ניט אַרײַנגעבראַכט גאַנץ אַמעריקע אין א טאָעס. נאָר ס'איז אַדורך אַזוי ווייניק, ווי פופצן יאָר, און אַנקל סעם האָט זיך, גאָט צו דאַנקען, אויסגעלערנט ציילן ביז פיר...

— א יאַשער קויעך. ס'איז טאַקע א גרויסער אוספעך.

— געהאָלפן האָט א מאַגניטאָפאָן־לענטע, וועלכע מע האָט ערשט איצט אָפּגעזוכט אין דער דאַלאַסער פּאָליציי.

— אַז מע דאַרף, געפינט מען...

— יאָ, און אויף דער לענטע איז פאַרשריבן די גאַנצע שיסערײַ. איינס, צוויי, דרײַ, פיר. פיר שאָסן! דרײַ פונעם ביכער־סקלאַד אויף דילי־פּלאַז, און דער פערטער גאָר פון אַן אַנדער זײַט — פון דעם גרינעם בערגל קעגניבער דעם פּרעזידענטס קאָרטעזש...

— זע נאָר, סאַראַ כידעש! ס'הייסט, אַז געווען איז נאָך איין אָסוואַלד...

— אַמווייניקסטנס.

— א פאַרשווערונג?

— וואָדען?

— און דו האָסט אָנגענומען א פול מויל מיט וואַסער און שווײַגסט! איי־איי־איי, אַנקל סעם... נעם דײַנע זאַכן, רוסישער ייִד, און גיי אַרויס אין וואַשינגטאָן... דאָ וועסטו געפינען, צו וועמען צושטיין מיט טײַנעס, לעמײַ מע מאַכט אַן אָנשטעל, אַז מע ווייסט ניט, ווער עס איז באַגאַנגען דעם מאָרד...

2. לאָמיר זיך ניט כאַפּן צו באַשרײַבן וואַשינגטאָן

וועגן מײַן איצטיקער רײַזע האָט מען אין מאָסקווע, בייס איך האָב זיך געקליבן אין וועג, גערעדט אַזוי, ווי גלײַך עס שטייט מיר פאָר א יאַזדע מיט דער עלעקטריטשקע קיין מאַלאַכאָווקע, אָדער אין אַן אַנדער שכײניש שטעטל, און מאָרגן וועל איך זײַן צוריק אויף דער אַרבעט (מײַן אָפּיציעלע שליכעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז — צופליִען קיין ניו־יאָרק און דאָרט זײַן א גאַסט אויפן טראַדיציאָנעלן יאָר־באַנקעט לעקאָוועד דער קאָמוניסטישער כוידעש־אויסגאַבע „דזשוּיִש אַפערס" — „ייִדישע איניאַנים". באַ די הײַנטיקע קאָמוניקאַציעס פאַרנעמט עס ניט א סאַך מערער צײַט, איידער די אויבנדערמאָנטע רײַזע קיין מאַלאַכאָווקע, אויב, פאַרשטייט זיך, ניט צושטיקעווען צום ניו־יאָרקער באַנקעט א פאָר צענדליק מאָלצײַטן אין אַנדערע שטעט פונעם לאַנד. ס'איז ניט שווער זיך פאָרשטעלן, אַז אַזוי טאַקע איז געשען. דאָס רופט אָבער באַ קיינעם ניט אַרויס קיין כידעש. ווען איך בין געקומען צו פליִען קיין אַמעריקע מיט עטלעכע טעג פריִער פאַרן באַנקעט, און דערצו ניט קיין ניו־יאָרק, נאָר קיין וואַשינגטאָן, האָבן אַלע אויף דערויף געקוקט, ווי אויף א פאַרשטענדלעכער זאַך).

איך דערמאָן זיך, וויאַזוי שלוימע מיכאָעלס האָט אין זײַן צײַט באַשריבן די רײַזע קיין אַמעריקע, וועלכע ער און איציק פעפער האָבן דורכגעמאַכט אין 1943 יאָר. זײַנע רײַזע־נאָטיצן הייבט מיכאָעלס אָן מיט אַזעלכע ווערטער: „מיר זײַנען געפאָרן פון מאָסקווע ביז ניו־יאָרק פערציק טעג. אַזאַ מין אייגנאַרטיקן רעקאָרד האָבן מיר געשלאָגן, פאָרנדיק ניט אויף אָקסן, ניט אויף אויטאָמאָבילן, ניט אויף קעמלען און ניט אויף שיפן. מיר זײַנען געפליגן אויף עכטע אַמעריקאַנער עראָפּלאַנען"...

קורץ, אָפּגעזעסן גוטע עטלעכע שאָ אין א ליכטיקן, אויסגעלופטערטן, ווייך־פליִענדיקן סאָוועטישן עראָפּלאַן, בין איך צום מיטיק פונעם זעלבן הײַנטיקן טאָג אָנגעקומען קיין וואַשינגטאָן. דאָ גייט א רעגן, ס'איז אַן עסעריקע קעלט. דער ווינטער איז, זאָגט מען, א ווינטער, נאָר אָן שניי און אָן געוויינלעכער פראָסטיקײַט, די קעלט קריכט אין די ביינער, צופּט באַ דער נעשאָמע, נעמט דורך אויף דורך־און־דורך, און אין דער זעלבער צײַט איז עס, אויב איר ווילט, א מין וועטער־בײַט, ווען מענטשן אין גאַס פירן זיך ניט ווי אום ווינטער, און טאַקע דערפאַר כאַפּן זיי דריזשקעס, זײַנען ברוין און בלאָ.

איז איצטער גאָר אַן אַנדערער דער אויסזען פון וואַשינגטאָן, איידער ס'האָט זיך מיר פאַרגעדענקט פון מײַן ערשטער רײַזע. דעמלט — אַן אויסגעפוצטע שטאָט, א רײַכע און אויסגערוטע, א געפעסטעטע נעגידעסטע. און איצט... ניין, איך קאָן נאָך ניט באַשרײַבן מײַן אײַנדרוק. מע דאַרף גוט א שורעווע טאָן מיט די פאָדעשוועס איבער דער ערד פון אַמעריקע. דערווײַל זע איך: אין דער קעלט גייען אַרום איבער די גאַסן פון וואַשינגטאָן מענטשן, וועלכע האָבן ניט באַוויזן, אָדער זײַנען ניט אימשטאַנד געווען צופאַסן זייערע מאַלבושים צו אַזאַ סאָרט ווינטער. מע איז אָנגעטאָן אין רעגן־מאַנטלען און אין קאָלדרעס־פּלעדן. אַנדערע שטעלן אויף די שמאָלע קעלנער פון די

פּידזשאַקן און האַלטן אין איין בלאָזן פון דאָרט, ווי אַף הייסער יויך... נאָר אָט קומען אַרויס פון אַן אויטאָמאָביל אַ פרוי מיט אַ מאַנצבל — אין פּרעכטיקע פוטערן. אינעם שטאָט־צענטער וואַרפט זיך אין די אויגן די וואַרעם־אָנגעטאָנענע, עלעגאַנט־געקליידטע אַמעריקע.

וועלן מיר זיך ניט כאַפּן צו באַשרייַבן וואַשינגטאָן אין אַזאַ וועטער. וויפל צייַט בין איך שוין אין וואַשינגטאָן? האַ, איך בין שוין דאָ אַ גאַנץ פערטל שאָ... צוזאַמען מיטן ראַטגעבער פון דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע וואַלענטין קאַמענעוו קום איך אַרייַן צו אונדזער געזאַנדטן דאָברינינען, וועלכער דערציילט מיר, אַגעוו אורכע, אַז מיט עטלעכע טעג צוריק האָט אים אָפּגעשטאַט אַ וויזיט נאָכעם גאָלדמאַן, איצט שוין — ניט פּרעזידענט, נאָר ערן־פּאָרזיצער פונעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס. אַ שטענדיקע טעמע פון די שמועסן, וואָס יענער פירט, איז זייַן ווילן צו באַזוכן מאָסקווע.

צי איז אַזוי שווער מעקאַיעם זייַן אַזאַ פאַרטראַכט? ניין. נאָר נאָכעם גאָלדמאַן וויל און וויל און וויל און וויל... וואָס וויל דער אַלטער מאַן? איך, פון מייַן זייַט, דערמאָן זיך אין אונדזערער אַ באַגעגעניש אין פּאַריז מיט עלף יאָר צוריק. דער שמועס איז פאָרגעקומען אין גאָלדמאַנס שטוב, ניט אונטער פיר אויגן — געווען דערבייַ דער „אויסערן־מיניסטער" פונעם וועלט־קאָנגרעס אַרמאַנד קאַפּלאַן.

נאָכעם גאָלדמאַן היט אָפּ פאַר זיך און פאַר דעם ייִדישן וועלט־קאָנגרעס די פּאָזיציע פון פאָרזיכטיקער ניט אייַנשטימיקייַט מיט די פירעכצן אין מעדינאַס־ייִסראָעל און אין אייַנוועגס — מיט די גראָבקייַטן פונעם וועלט־ציִעניזם, דערבייַ אָבער — אַ פּאָזיציע פון אַ געוווּנטשענער „טכום"־אויסגעברייטערטער סוויווע פאַר דעם זעלבן וועלט־ציִעניזם.

מיר האָבן זיך, דאַרף איך אָפּמערקן, באַגעגנט אין אַ צייַט, ווען אַף גאָלדמאַנס האָריזאָנט האָט שוין געברענט די שקיִע. ס'האָט זיך געפילט, אַז ער אייַלט זיך אונטער צו דערגרייכן אין זייַן לעבנס־שליכעס עפּעס נייַס...

איך האָב אים געייצעט:

שוין צייַט זיך אָפּזאָגן פונעם אַלטן פּלאַן אייַנצושליסן די סאָוועטישע ייִדן אין דער ספערע פונעם וועלט־קאָנגרעס. דאָס איז, רעב נאָכעם, פּונקט ווי אַרומטראָגן זיך מיט אַן אידייע פיקס אָפּצושאַפן די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע...

3. צוויי קובינער קאָנטררעוואָליוציאָנערן, מיסטער שטיינבערג און אַנדערע

די אַמעריקאַנער קרוין־שטאָט האָט צוגעגרייט פאַר מיר, שוין אין די ערשטע שאָען פון מייַן באַזוך, עפעקטפולע געשעענישן: אַ דיפּלאָמאַטישע אופנאַמע אין דער וואַשינגטאָנער פאָרשטייערשאַפט פון קובע, דעם פּרעזידענט קאַרטערס מעסאַזש אין קאָנגרעס וועגן דער לאַגע פונעם לאַנד...

די רעוואָליוציִאָנערע קובע (אַ קנויל אין גאָרגל בײַ אָנקל סעם) פייַערט הייַנט איר נאַציִאָנאַלן יאָמטעוו. די אָקאָרשט אויסגעשטאַטעטע געבייַדע פון דער פאָרשטייערשאַפט שטייט בישכיינעס מיט דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע, אַף דער קעגנִיבערדיקער זייַט גאַס, און עס נעמט ניט קיין סאַך צייַט, ווי איך גיי שוין אַרום איבער די גרויסאַרטיקע זאַלן און זע מיט די אייגענע אויגן, אַז, טאַקע עמעס, אַמעריטשקע מוז שוין ריידן גלייַך אַף גלייַך מיט די „כוצפּעדיקע ייִנגלעך" פון האַוואַנע.

ניטאָ קיין בעסערער קוואַל פאַר אינפאָרמאַציע, ווי אַן עפנטלעכע דיפּלאָמאַטישע אופנאַמע, וווּ קיינער זיצט ניט אַף אַן אָרט, אַלע דרייען זיך אַרום און שלייַפן די צינגער: די דיפּלאָמאַטן אין אַ פּריפּאַדעק פון שיינרײדערייַ, די פרויען מיט זייער נעטיִע צו באַווייַזן, אַז אַלץ ווייסן זיי, און די זשורנאַליסטן, וועלכע ווייסן טאַקע אַלץ, אַרייַנגערעכנט דאָס, וואָס וועט זייַן מאָרגן, און דאָס, וואָס וועט קיינמאָל ניט זייַן.

מערסטנס טאָפּטשעט זיך דער עולעם אַרום די טישן מיט קיבעד. ס'איז מאַמעש אַ וווּנדער, וואָס קיין איין טיש האָט זיך נאָך ניט אָנגעהויבן דרייען און זיך ניט איבערגעקערט פון דעם געווימל פון רייד אַרום אים:

— ...שטעלט אייַך פאָר, אין פילאַדעלפיִע מאַכט מען שוין די נייַע דאָלער־מאַטבייע...

— ...דאָס ערשטע מאָל באַקומען מיר אַ דאָלער מיטן פּאָרטרעט פון אַ דאַמע...

— ...איך האָב זי שוין אין קעשענע, אָט זעט...

— ...אַמעריקע ווייסט ניט, קעגן וואָס זיך מאַכן אייַנשפּריצונגען: קעגן כינעזישער גריפּע, סאָוועטישער פליו, דייַטשישע פּאָקן, יאַפּאָנישער אינפלוענציע...

— ...זייַט זיך מאַטריִעך און שליסט אויס פון די עפּידעמיִעס די כינעזישע! אָט וועט קומען צו אונדז דען סיאַאָפּין וועט מען דעם כינעזישן פלאַסטער אָנהייבן צולייגן צו אַלע מאַקעס...

— ...זאָגט, איר האָט זיך שוין אייַנגעשאַפט ראָליקעס? די גאַנצע שטאָט פאָרט אַף זיי אַרום...

— ...אַ סאַך בעסער, איידער לויפן אַלע אינדערפרי איבערן סקווער...

— ...זיכער ליבעראַליזירט מאָסקווע איר פּאָליטיק אַרום ייִדישער עמיגראַציע... מע דאַרף באַלוינען די סאָוועטן מיט קאָמערציִעלע קאָנצעסיִעס, געבן זיי דעם סטאַטוס פון אַ פּאַוואָריזירטער נאַציע...

— ...איר זייַנט פון זינען אַראָפּ!

— ...דזשעקסאָנס אַמענדמענט איז די בעסטע קאָרט אין דער שפּיל...

— ...ווער פון די פרויען איז אויסגעקריצט אף דעם נײַעם דאָלער? עלעאַנאָרע רוזוועלט?

— ...געווען א גֶעדאַנק אויסצוקריצן זשאַקלין קענעדי... דאָס וועט קיצלען...

— ...ניין, עליזאַבעט טיילאָר... כי־כי־כי, איר געדענקט, ווי זי טוט זיך אויס נאַקעט אינעם פילם?...

— ...נעמט דעם דאָלער, נאָר קערט אים מיר אום צוריק...

— ...וואָס וועט איר זאָגן אף סאַדאַטן? ווער האָט געהאַט א גרעסערע רעקלאַמע: ער, צי עליזאַבעט טיילאָר?

— ...פּראָפעסאָר גודמאַן פון האַרוואַרד האַלט, אַז די ייִדישע אַקטיוויסטן אין רוסלאַנד דאַרפן זײַן געבונדן מיט די רוסישע דיסידענטן, ווײַל די דיסידענטן קאָנען נאָך אַמאָל ווערן די רעגירונג אין רוסלאַנד...

— ...דער ערשטער מענטש, וועלכער האָט פּרוּווער פאַר אַלעמען אַנגעטאָן אף זיך דזשינסן, איז געווען א יונגערמאַן פון בײַערן לעווי שטראַוס. ער האָט עמיגרירט פון זײַן לאַנד קיין סאַן־פראַנציסקאָ...

— ...ווען איז דאָס געשען?

— ...בעשאַס אין איראָפּע איז פאָרגעקומען די רעוואָליוציע... אין טויזנט־אַכט־הונדערט־אַכט־און־פערציקסטן...

— ...די רעוואָליוציע פון דזשינסן?

— ...ניין, די רעוואָליוציע פון דער בורזשואַזיע...

— ...וואָס, איר זעט ניט, אַז אַפן דאָלער איז אויסגעקריצט סיוזאַן ענטאָני?

— ...זי האָט זיך אויך אויסגעטאָן נאַקעט?

— ...מעשוגע! סיוז איז געוועז א קעמפערן פאַר פרויען־רעכט...

— ...דאַרף זי שוין איצט ניט קעמפן, ווײַל זיי האָבן הײַנט מערער רעכט, ווי מע דאַרף... פּראָפעסאָר לענגלי שרײַבט, אַז צוועלף מיליאָן אַמעריקאַנער פרויען שלאָגן זייערע מענער...

איך כאַפּ אַראָפּ פון דעם טיש עפּעס פונעם עסנוואַרג און גיי אָפּ צו א פענצטער, קעדיי ניט הערן דאָס פּלאַפּלען. לעם פענצטער ריידן צוויי מאַנצבלען אף ייִדיש. אליין דער אויסזען פון אָט דעם פּאָרל איז וווּנדערבאַר. איינער שווײַגט, הערט און מרוקעט אונטער, עסנדיק אַן אופהער א פערטל אָף. ער איז אזוי ראַכוועסדיק, פורעם־קוילעטשדיק, זײַן פּעמפּיק, א קײַלעכדיקער, ווי א צוגעשאַרטער קעסל־פויק, גרייכט אזוי ווײַט פון אים אליין, אַז דער צווייטער, א נאַגעלע, א קוצעפינדריק, דריבנע ווי א הנאָם, קורצפיסיק און קורצהענטיק, מאַמעש א מאָפּל־קינד, — זעט אויס פונדערווײַטנס, צוזאַמען מיט אים, דעם מעגושעמדיק־גראָבן, ווי א סאַראַקע אף א כאַזער.

דאָס, וואָס איך דערהער, צוקומענדיק צום פענצטער, דאַרף מען אף פּאַפּיר אַרופשרײַבן אַן פונקטן און קאָמעס, ניט צעשיידן די שײַכעסדיקע צווישן זיך טיילן פון די רייד. דאָס קליינע מענטשל רעדט, ווי ער וואָלט נאָכאַנאַנד עפּעס געפּיקט:

— טראַכט איך זיך אַמעריקע איז ניט קובע מע דאַרף זיי אונטערטראָגן אזוינס זיי זאָלן זיך אזש דערשרעקן האָב איך דאָס געלט וואָס איך האָב פאַרכאַפּט מיט זיך פון האוואַנע אַרײַנגעלייגט אין בויען א וואָלקנקראַצער ניט פאַר לעבעדיקע נאָר פאַר מייסים דאָס הייסט איר זאָלט מיר מויכל זײַן א פילשטאָקיקן בעסוילעם ווײַל ערד איז דאָ א מעציִע פאַר הונדערט טויזנט מייסים אשטייגער דאַרף מען האָבן א הייליק אָרט פון זיבן און זיבעציק העקטאַר אזוי האָבן ספּעציִאַליסטן אונטערגערעכנט איז ווו נעמט מען זיבן און זיבעציק העקטאַר מע קען בעדיל האַדאָל ווערן האָב איך זיך אָוועקגעשטעלט בויען א בעסוילעם פון צוואַנציק שטאָק פאַר הונדערט טויזנט קוואָרים דאָס איז בלויז אין איין שטאָט זי הייסט נאַשוויל און געפינט זיך אין טענעסי אויב איר ווילט קאָן איך אײַך נאָראַיען אַן אַנדער שטעטל מע זאָגט אַמעריקאַנער אָט וועל איך אײַך דערציילן אזא זאַך איך בין ניט לאַנג צוריק געווען אין א לאַנג אײַלענדער שטעטל איזליפּ הייסט עס אין פיר יאָר אַרום וועט עס אַלט ווערן דרײַ הונדערט יאָר האָט דער מער פונעם שטעטל שוין פון פרײַער אָוועקגעשיקט אַן אײַנלאַדונג דער קיניגן עליזאַבעט פון בריטאַניע זי זאָל קומען אַפן יאָמטעוו ווײַל די אַמעריקאַנער שטאָט איזליפּ איז נאָך טרײַ דער בריטישער קרוין זינט מע האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק געשוווירן דזשאָרדזש דעם דריטן פרעג איך אײַך פאַרוואָס עס קאָכט די וועלט אַרום איזליפּ סע דרייען זיך אַרום אַן א קאָפּ סאַדאַט און בעגין און דער כינעזער מיטן קאַמבאָדזשער און קובע איז אויך ניט אזוי זיך אַן אינדזעלע. איר וועט זען וואָס קאַסטראָ וועט נאָך אָפּטאָן קאַרטערן און דאָ אין דער סאַמע קאָכעניש גיי דערצייל די איזליפּער אַז דער סועצער קאַנאַל פאַרבינדט דעם מיטללענדישן יאַם מיטן רויטן יאַם ווען די רויטע רוסן האַלטן אײַן דעם שוואַרצן יאַם און דער שוואַרצער קאָנטינענט ליגט באַם רויטן יאַם און קעדיי אָנגרײַפן די געלע כינעזער און די קליינע לענדער באַם מיטללענדישן יאַם מוזן די רויטע האָבן דעם רויטן יאַם איר פאַרשטייט וואָס איך רעד צו אײַך צי ניין...

דער מעגושעמדיקער האָט געקוועלט, ווי א בולקע אין מילך, זיך געגווידערט, צעגאָפּלט און צעלאָזט זיך, דיק און שטיק, ניט אַנדערש — א געשטאָפּטע גאַנדז. די רייד פונעם קליינינקן זײַנען געפלויגן פאַרבײַ אים, א סוואָרע, אַז ער איז גאָר קיין ייִד ניט און פאַרשטייט ניט קיין

וואָרט פון דעם, וואָס דער קליינינקער רעדט צו אים. איך האָב באַ זיך גוויוער געוווען דעם ווילן אַרײַנצוואַרפן א וואָרט, און אַזוי פון א ווינקל האָב איך זיך געליובעט מיט דעם מעגושעמדיקן, וואָס איז אופגעלאָפן ווי טייג אין א דייזשע, און מיט זײַן פיטשעמאָנטשינקן מיטשפּרעכער.

מיטאָמאָל דערהער איך נאָך א קאָל אף יידיש, לעם סאמע אויער מײַנעם:

— איר האָט פאר זיך, פּראָסט גערעדט, צוויי קובינער קאָנטררעוואָליוציאָנערן. איצט רײַבן זיי זיך ארום קאסטראָס פּאָרשטייערשאפט, טאָמער וועט קיין אנדער ברייררע ניט זײַן און מע וועט מוזן זיך איבערבעטן... ווילט איר מיסטאָמע וויסן, ווער עס זײַנען די צוויי לײַט... דעם גראָבן קען איך ניט, אָבער אָט דער, וואָס מאכט אים טראָגעדיק, איז פּרעזידענט פון א כעוורע, וואָס הייסט „קובינער עמיגראַנטישער קאָמיטעט פאר די סאָוועטישע יידן". אליין שטאמט דער קובינעץ פון רוסלאנד. אין קובע איז ער ארויס פון עפּעס א מיסכער מיט א מיליאָנערסקע טײַסטער, דערנאָך אנטלאָפן קיין מאיאמי...

— ווער זײַנט איר? איר רעדט צו מיר אזוי, פּונקט ווי מיר וואָלטן שוין געווען באקאנט...

— מיסטער קאמענעוו האָט מיר אָקאָרשט אָנגעוויזן אף אײַך און געבעטן, כ'זאָל זײַן אײַער דאָלמעטשער. איך בין דאָ אויך א גאסט, פונעם אמעריקאנער צאַד...

— איר דינט אין סטייטס־דעפּארטאמענט?

— וואָס רעדט איר! איך בין א פּאַשעטער ייִד, א ביסל א זשורנאליסט, און דאָס איבעריקע — א קאָמפּאניאָן אין א טוריסטן־ביוראָ. איך האָב פיינט קאָנטררעוואָליוציאָנערן, כאָטש די געוווינשאפט צו זײַן דאָרט, ווו מענטשן קומען זיך צונויף, האָט מיך געבראַכט אויך אין א קאָמיטעט וועגן סאָוועטישע יידן, אין דעם אמעריקאנער קאָמיטעט...

— אײַער „כאָטש" דאַרף מען פאַרשטיין אזוי, אז אזעלכע קאָמיטעטן און קאָנטררעוואָליוציע זײַנען איינס און דאָס זעלבע...

— וואָס דען זײַנען די קאָמיטעטן?

— און דאָך גייט איר אהין?

— דאָס איז אַן אנדער איניען. איך ווינטש ניט קיין שלעכטס די סאָוועטישע יידן. אָבער א קאָמיטעט איז א קאָמיטעט... מע באַגעגנט זיך מיט מענטשן, אמאָל פאלט צו א שטיקל ביזנעס... איר געדענקט מיסטאמע, וויאַזוי מע פלעגט אמאָל זאָגן אין סאָוועטן־רוסלאנד: דער, וואָס איז ניט מיט אונדז, איז קעגן אונדז... אָ, נאָו, נאָו. הײַנט איז דאָס שוין ווײַט ניט אזוי...

ער האָט מיר דערלאַנגט זײַן וויזיט־קאַרטל. א פּאָפּולערער נאָמען: שטיינבערג.

— אין ניו־יאָרק דאַרף איך זיך באַגעגענען מיט יאַקאָב שטיינבערגן, דעם פּרעזידענט פון א פאַרלעגערישער אסאָציאציע. איר זײַנט צופעליק ניט זײַנער א קאָרעווו?

— איך בין איינער פון די מיליאָסן שטיינבערגס אין דער וועלט. איר וועט לאַכן, נאָר איך קום איצט פון א אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פון די שטיינבערגס. צוויי הונדערט אזעלכע טשודאקעס פון אמעריקע, קאַנאַדע, ענגלאנד, פראנקרײַך, ייִסראָעל, קאָלומביע, אַרגענטינע האָבן געגעסן א מאָלצײַט און פאַרבראַכט א טאָג מיט נאָסטאלגישע זיכרוינעס... איך ווייס ניט, ווי אנדערע שטיינבערגס, נאָר דער דאָזיקער איז מיר געפעלן געוואָרן מיט זײַן אָפּנהערציקײַט.

די אופנאַמע אין דער פּאָרשטייערשאפט פון קובע האָט זיך ניט פּאַרצויגן אף לאַנג. א כאָווער פונעם פרײַהײַט־אינדזל האָט מיר דערציילט אייניקע פּראָטים וועגן דעם לעבן פון די דאָרטיקע יידן. איך האָב זיך באקאַנט מיטן אמעריקאנער סענאטאָר סטיווענסאָן, און כ'האָב זיך מיט אים אופגערעדט, אז אויב עס וועט דערלויבן די פּראָגראם, וועל איך פאָרן אָפּפאָרן אהיים זיך טרעפן מיט אים און מיט עטלעכע זײַנע קאָלעגן פונעם סענאט. וואַלענטין קאמענעוו האָט גענומען אף זיך די מי אונדז צונויפירן. כ'האָב פארשריבן מײַן נאָמען אינעם גאסט־בוך און בין אוועק זיך דורכשפּאצירן איבער די וואשינגטאָנער גאסן מיט מײַן נײַעם באַקאַנטן מיסטער שטיינבערג — ביז דער שאָ, ווען עס וועט זיך אָנהייבן די צערעמאָניע פון דער ארויסטרעטונג פונעם פּרעזידענט קאַרטער אין קאָנגרעס פון די פאַרייניקטע שטאַטן פון אמעריקע.

4. מיסטער שטיינבערג ברענגט מיך דעם ריכטיקן מאָשל

— מיסטער שטיינבערג, איר מיינט טאַקע, אז קעדייי זיך באַגעגענען מיט מענטשן, דאָס הייסט צוליב צײַט־פארטרײַב, און אוואָדע שוין, האָפנדיק אף א שטיקל ביזנעס, איז לײַטיש און מאָראליש דאָס זײַן א שוטעף אין א קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט טרײַבן רעכילעס אף א לאַנד?

— מיסטער ווערגעליס, איך האָב אין דער היים א בוך אײַערן, ווו איר באַשרײַבט די רײַזעס, וועלכע איר האָט דורכגעמאכט. און דאָרט איז מיר געווען באַזונדערס טשיקאווע צו לייענען יענע ערטער, ווי איר לאָזט ריידן אײַערע קעגנער. קיין איינער פון זיי האָט קיינמאָל אײַך ניט געזאָגט, אז זײַן האַנדלונג איז ניט קיין לײַטישע. איר גלייבט אין אײַער עמעס און דער

צווייטער צאַד גלייבט אין זײַן עמעס. איר זײַנט מאַסקים?

— וואָס ווילט איר מיט דעם זאָגן?

— די באַשולדיקונגען, וואָס די קאָמיטעטן אַרום די סאָוועטישע ייִדן וואַרפֿן אַף רוסלאַנד, זײַנען זיכער שעקער און רעכילעס. אָבער די מענטשן אין די קאָמיטעטן גלייבן, אַז דאָס איז רעכילעס צוליב אַ טויווע... שאַט, איך שלאָג זיך אַליין איבער די רייד, קעדיי צו באַמערקן, אַז פֿון אונדזער איצטיקער באַגעגעניש און פֿון אָט דעם שמועס וועלן די לייענער פֿון אײַערע וועגבאַשרײַבונגען אַ סאַך געווינען. מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעטראָפֿן אַ מענטש, וועלכער באַווײַזט אָפֿן, ווי־אַזוי שלעכטס גייט אָן פֿאַר גוטס...

— דאָס שלעכטס ווייסט מען שוין. וואָס טוט איר גוטס?

— פֿאַרן אַנטיסאָוועטישן קאָמיטעט איז אַלץ, וואָס ער טוט, גוט. ער צווייפֿלט ניט, אַז דאָס איז גוט פֿאַר ייִדן...

— איר מיינט אויך אַזוי?

— ניין, איך גראָד צווייפֿל...

— און דאָך האַלט איר זיך באַם קאָמיטעט...

— איר ווייסט, גאַנאָווים האָבן אַמאָל געהאַט אין אַ שטעטל אָן אייגענעם ראָוו. פֿרעגט מען באַ אים: „ווי פֿירן זיך אײַערע שעפֿעלעך, ווען עס מאַכט זיך באַ זיי אַ שטיקל אַרבעט אום שאַבעס?” ענטפֿערט ער: זיי גאַנווענען. „און אויב מע דאַרף דערבײַ אָנצינדן אַ ליכט?” צינדט מען אָן. מע ברעכט אויך אויס דעם שלאָס. „נו, און אויב די שטוב, וואָס מע באַגאַנוועט, איז ניט קיין ייִדישע, און דאָרט ליגט טרייף פֿלייש, צי כאַזער?” גאַנוועט מען עס צו, און מע פֿאַרקויפֿט עס צו ניט־ייִדן. „איר האָט ניט מוירע פֿאַר דער אַווייִרע לוי סיגנויוו, פֿאַר אָנצינדן ליכט און ברעכן אַ שלאָס אום שאַבעס, און בלויז פֿון עסן טרייף פֿלייש האַלט איר זיך אַליין אָפּ... ווי־אַזוי זאָל מען דאָס פֿאַרשטיין?” דער ראָוו פֿון די גאַנאָווים ענטפֿערט: „גנייווע — דאָס איז אונדזער פּאַרנאָסע. מיר זײַנען מעכאַלעל שאַבעס, ווען מע דאַרף עס צוליב פּאַרנאָסע. אָבער עסן טרייפֿס? מיר זײַנען דען, כאָלילע, קיין ייִדן ניט?”...

5. ווי־אַזוי זעט אויס דזשימי קאַרטער

דער פּרעזידענט פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע טרעט אַרויס אויפֿן קאַפּיטאָליער בערגל מיט אַ רעדע וועגן דער לאַגע אין לאַנד. ער שטייט באַ אַ סטענדער, הינטער זײַן פּלייצע — דער וויצע־פּרעזידענט פֿון אַמעריקע און דער ספּיקער פֿון דער דעפּוטאַטן־פּאַלאַטע.

קאַרטער איז אַ מענטש אַ גאַנץ געוויינלעכער. אויפֿן פּנים זעט ער אויס געעלטערט איבער די אַנדערן לענגויס דעם האַלדז און די אָנגעקוואָלענע רינוועלעך, אויך ווי אַנדערן, אין די מוילווינקלען און איבערן קין. מע רופֿט אים „דער פֿערמער”, ווײַל צוזאַמען מיטן ייִנגערן ברודער בילי איז ער באַלעבאָס פֿון העכער דרײַ טויזנט אַקער־לאַנד לעם זײַן היימשטאָט פּלעינס. פֿאַרשטייט זיך, די פֿערמערײַ פֿירט דאָרט אַ פֿאַרוואַלטער, אָבער דאָס שטערט ניט צו פֿאַררעכענען אַלס פֿערמער דעם פּרעזידענט פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן, וועלכער לאָזט זיך פֿון מאָל צו מאָל אָפּפֿאָטאָגראַפֿירן מיט אַ זאַסטעפּ אין האַנט...

זעענדיק אים שטיין לענגערע מינוטן פֿאַר די פּניי פֿון זײַן לאַנד, בייס ער לייענט אַרויס פֿון אַ פּאַפּיר די וויכטיקע יאָר־רעדע, לייג איך דערווײַל צונויף זײַנע מענטשלעכע שטריכן אין אַ פּאָרטרעט. די אויגן זײַנע לויפֿן אַלעמאָל אַרײַן אין שפּעלטעלעך פֿונעם אָנגעפּראָפּטן פּאָנעם און באַהאַלטן זיך דאָרט. ווען די שפּעלטעלעך ווערן ברייטער, באַווײַזן זיך די אויגן — בלוי־וואַסעריקע, פֿלינקערע ווי געוויינלעך. אויפֿן קאָפּ, דאָרט, וווּ עס גייט דורך דער שרונט, איז דאָס „פּעלעכל” באַ די זײַטן פֿונעם שרונט עטוואָס אויסגעקראָכן. דער פּרעזידענט רעדט מיט אַ ניט שטײַף קאָל. דער אויפֿן, ווי־אַזוי ער ברענגט אַרויס ווערטער, אַנטשפּרעכט ניט דער פֿאָרשטעלונג וועגן אים, וואָס איז געשאַפֿן פֿון די זאָרגלאָז־לאַכנדיקע רעקלאַמע־פּאָרטרעטן. זײַן קאָל איז באַלעסטיקט פֿון עפּעס. דאָס פּאָנעם — אָט פֿאַרזאָרגט, אָט קאַטעגאָריש. אינמיטן די רייד צעשמייכלט ער זיך אומדערוואַרט — שווער צו זאָגן פֿאַרוואָס און איבער וואָס. ער שמייכלט מיט צוויי מינים שמייכלען: איינער — פּונקט ווי דער מענטש וואָלט געקוקט אויף אַ שטאַרקער שײַן, און ער מינעט זיך, זשמורעט די אויגן ביז צום שמייכלען, און דער צווייטער שמייכל — זעלטענער, איידער דער ערשטער — אַ געוויינלעכער, מיט אַ פֿול מויל ציין.

קאַרטערס רעדע אַנטוישט. זי איז צונויפֿגעשטעלט פֿון באַקאַנטע אויסדרוקן. אַפֿילע די סאַמע ריטאָרישע פֿון זיי זײַנען ניט נײַ. „דער אַרויסרוף, וואָס ווערט אונדז געוואָרפֿן, באַשטייט אין דער נויטווענדיקײַט צו פֿאַרלייגן נײַע און מער שטאַנדהאַפֿטיקע יעסוידעס פֿאַר דער צוקונפֿט — אַ געזונטע עקאָנאָמיק, אַן עפֿעקטיווע רעגירונג, אַ זיכערן שאָלעם”... „מיר קאָנען זיך ניט דערלויבן צו פּאַטערן אויפֿן לעבן מער, ווי דער בײַטל דערלויבט עס — מיר קאָנען ניט אַרויסרוקן קיין פּראָגראַמען, וועלכע ס׳איז ניט מעגלעך פֿאַרווירקלעכן אָדער פֿינאַנסירן, מיר קאָנען ניט דערלויבן זיך אַ פֿאַרשווענדערישע באַציִונג צו אונדזערע נאַטור־רעסורסן”... דאָס, איבער וואָס עס דאַרט דער קאָפּ באַם גאַנצן לאַנד, האָט זיך ניט געביטן, און דעם פּרעזידענטס ווענדונג צו דער נאַציִע

איז ווידער צעקווייטלט מיט אזעלכע קלאָג־רייד, ווי „די אײַנגעשפארטע אינפליאציע מוטשעט שוין מער פון צען יאָר דאָס לאנד”, „דער דעפיציט אין פעדעראלן ביודזשעט דערגרייכט פערציק מיליארד דאָלער”, עס וואקסן די פרײַזן, ס׳האָט זיך אײַנגעשטעלט א נעגאטיווער באלאנס אינעם אויסערן־האנדל אאוו. אדגל. „ניו־יאָרק טײַמס” שרײַבט אינעם הײַנטיקן נומער: „די אלטע דילעמע הארמאטן אָדער פוטער פלעגט געוויינלעך געלייזט ווערן דורך אופזוכן מיטלען סײַ פאר דאָס, סײַ פאר יענץ. די נויטווענדיקײַט צוימען די אינפליאציע צווינגט הײַנטיקס יאָר אויסצוקלײַבן איינס פון די צוויי. אויב אורטיילן לויט די מיליטערישע אסיגנירונגען, האָט דאָס ווײַסע הויז אויסגעקליבן הארמאטן”...

פון אזא פעסטשטעלונג ווערט שווער אפן הארצן. קארטער האָט אין פיל הינזיכטן אָנגעהויבן ווי א דילעטאנט. בייס די וואלן האָט דאָס אים אפילע ארויסגעהאָלפן. דער קאנדידאט פאר א פרעזידענט איז א נײַיִנקער אין פאָליטיק, ער געהער ניט צום וואשינגטאָנער עסטאבלישמענט, ער שטעלט זיך ארויס פארן לאנד אלס א פאָטענציִעלער רוזוועלט: דאָס וועט ער אָפשאפן, און דאָס וועט ער אײַנפירן, און ביידע זאכן וועט ער אָפטאָן, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינעם און מיט גאָרניט... ער האָט געשמייכלט מיט ביידע זײַנע שמייכלען און איז געשוועמען איבער די קעפ פון מענטשן און מאסן. אין ברייטן פאָליטישן פלאן האָט ער געהאט, און עפשער האָט ער אויך איצט, געוויסע איליוזיעס אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואָס עס זײַנען שוין, זעט אויס, אין אמעריקע אוועק אין דער פארגאנגענהײַט די צײַטן פון מעכטיקע אקציעס מיצאד א פארייניקטן פראָנט — לעמאָשל, קעגן דעם וויעטנאמער קריג, אָדער פאר נעגער־רעכט. אָרעמער פערמער אינעם ווײַסן הויז... דוכט זיך, אז ער זעט ניט דעם איקער — דאָס, וואָס רײַסט זיך שוין פון די טיפענישן פון דער אמעריקאנער ווירקלעכקײַט. די הײַנטיקע קאמפס־קויכעס פונעם פאָלק אין אָט דעם לאנד פאָרמירן זיך גאנץ ערנסט און דראָענדיק צווישן די ארבעטער, אין די אוניאָנען, צווישן די ארבעטסלאָזע און צווישן די פאראָרעמטע פערמערס. עס באקומט אלץ מער א פאָליטישן טיקן דער קאמף פון די נעגרען, אינדיִאנער און פון די אנדערע נאציִאָנאלע מינדערהײַטן. עס פארייניקן זיך ארום ספעציפישע פאָדערונגען פארשיידענע שיכטן פון דער באפעלקערונג: פרויען, שטודירנדיקע יוגנט, אלטע מענטשן. דער ערשטער אײַנדרוק, וועלכן אן ערשט־געקומענער כאפט אוף אין אמעריקע, איז — עס יוירט אין איר עפעס אזוינס, וואָס קאָן מיט דער צײַט ענדערן דעם געמיט־צושטאנד אירן...

6. איצט מעג איך שוין אויסזאָגן דעם סאָד

איך דארף שוין מער ניט פארהאלטן זיך אין וואשינגטאָן. אָפגעשטעקט דעם וויזיט, און — אין וועג ארײַן! עס האָבן אָנגעקלונגען אין טעלעפאָן די ניו־יאָרקער כאווירים. זיי פארמאָגן, ווײַזט זיך ארויס, אין זייער לאָשן ניט ווייניקער שטארקע ווערטער, איידער מיר אין רוסיש. וואָס איז דאָס פאר מאנירן? — פרעגן זיי. מיר פאָרן שוין דאָס וויפלטע מאָל דיך באגעגענען אין קענעדי־עראָפאָרט, אין ניו־יאָרק, און דו האָסט זיך אונטערגעטוקט אין מאָסקווע און ביסט ארויסגעשווומען גאָר אין וואשינגטאָן! Damn! – צום טײַוול!

איצט מעג איך שוין אויסזאָגן דעם סאָד. די אמעריקאנער קאָנסולן אין מאָסקווע זײַנען לעצטנס באזונדערס אומפרײַנטלעך באם ארויסגעבן וויזעס. ווען מע ווײַזט אָן אין דער נאָטע צו זיי, אז דער וויזיטיאָר דארף זײַן אין די פארייניקטע שטאטן צוליב אזא און אזא צוועק ניט אנדערש, ווי אין אזא און אזא טאָג, שיקן זיי צו די וויזע מיט דער אויסרעכענונג, אז ער זאָל קאָנען אָנקומען אהין מיט א פארשפעטיקונג, און דאָס מאכט שוין די רײַזע פאר איבעריק... איצט ווייסט מען בא אונדז וועגן דער דאָזיקער כאזערײַ, און אין דעם פאל מיט מײַן רײַזע האָבן מיר באשטימט אָפנארן די אָפנארער. ווי מע האָט געקאָנט דערווארטן, איז די וויזע אף מײַן פאס אוועקגעלייגט געוואָרן סאָף טאָג ערעוו דעם אָפפלי פון יענעם סאָוועטישן עראָפלאן, וועלכער וואָלט מיך געקאָנט ברענגען קיין ניו־יאָרק דאן, ווען איך דארף. אָבער קויפן א בילעט איז שוין געווען שפעט. אזוי האָבן זיי געטראכט... דער קומענדיקער עראָפלאן פליט קיין ניו־יאָרק אין א וואָך ארום. הייסט עס, אז דער וויזיט פאלט אָפ! ניין, מײַנע טײַערע הערן. א דאנק אײַך פאר דער וויזע, צווישן צוויי ניו־יאָרקער רעיסן איז פאראן נאָך איינער — א וואשינגטאָנער. וועל איך פליִען צום טײַך פאָטאָמאק, און אזויווי כ׳האָב אָפגענארט און איבערגערוקט אף עטלעכע טעג פריִער די געווונטשענע צײַט פונעם אָפפלי, וועט מיר סטײַען אויך צײַט צו אריבערשווימען פון דעם פאָטאָמאק ביזקל דעם הודזאָן, און כ׳וועל פונקט באווײַזן אָנקומען אפן יאָר־באנקעט פון דער קאָמוניסטישער כוידעש־אויסגאבע „דזשויִש אפערס”.

(פאָרזעצונג קומט)

אונדזערע מיטיילונגען

יִשׂראל קאַוועלמאַן

אילוסטראַציעס צו די ווערק פון די קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור

אין אלע צײַטן פון דער ייִדישער געשיכטע האָט די ביכער־גראַפיק פאַרנומען א בעקאָוועדיק אָרט. די פאַרצײַטיקע מאנוסקריפטן פון דער ביבל זײַנען געווען רײַך מיט קאליגראפישע צייכענונגען און אָרנאמענטן, מיט בילדער פון הייליקע כפייצים, וועלכע האָבן זיך געפונען אין בייס־האמיקדעש.

די קונסט פון באפּוצן ייִדישע מאנוסקריפטן האָט זיך צעבליט אין מיטלאלטער אין די איסלאם־לענדער. אויסער די ביבלשע ביכער, איו דער ערשטער ריי דעם כומעש, פלעגט מען אילוסטרירן די פייסעכדיקע אגאָדע (צוערשט די געשריבענע, שפּעטער די געדרוקטע עקזעמפּליארן).

ווי מיר ווייסן, האָבן די ערשטע ייִדישע וועלטלעכע אויסגאבעס מיט אילוסטראציעס זיך באוויזן אינעם פאררעוואָליוציאָנערן רוסלאנד צום סאָף פון פאַריקן און אָנהייב פון דעם הײַנטיקן יאָרהונדערט. דאָס זײַנען געווען די אויסגאבעס פון מענדעלע מויכער־ספאָרימס „די קליאטשע" און „פישקע דער קרומער" (אָדעס, 1889). שפּעטער — די העברעיִשע איבערזעצונג פון שאָלעם־אלייכעמס ציקל דערציילונגען „יאָמטויווים" (אָדעס, 1914). די אילוסטראציעס צו זיי האָט געמאכט מיט טוש אף א היפּשן קינסטלערישן ניוואָ דער קינסטלער שלוימע קישינעווסקי (אָדעס, 1862 — 1942).



צוויי צייכענונגען פונעם קינסטלער שלוימע קישינעווסקי צו שאָלעם־אַליכעמס דערציילונגען

נאָך דער רעוואָליוציע האָט איו סאוועטנפארבאנד זיך אָנגעהויבן דער בארג־ארוף פון דער ביכער־גראפיק ביכלאל, דערונטער אויך פון דער ייִדישער. מיט אָט דער ארבעט האָט זיך פארנומען א גאנצע פּלעיאדע קינסטלער. אייניקע פון זיי האָבן שטארק באַרײַכערט די ייִדישע ביכער־גראפיק מיט פארשיידנארטיקע סטילן און קינסטלערישע מאנירן, מיט דער אויספילונג־טעכניק.

צו די אָנגעזעענע ייִדישע קינסטלער, וועלכע האָבן געשאפן א גרויסע צאָל ביכער־אילוסטראציעס, געהערן פאָלגנדיקע (לויטן אלעפביים): אינגער, אלטמאן, אקסעלראָד, גאָרשמאן, פראדקין, קאפלאן, קראווצאָוו. אלע זײַנען זיי געבוירן געוואָרן און אופגעוואקסן אינעם ייִדישן טכום, און זיי זײַנען גוט באקאנט מיטן שטעטלשן לעבנסשטייגער און פייזאדש. -

קינסטלער ל. וואָלשטיין. מאָטל קאמזויל און צייטל (צו שאָלעם־אלייכעמס „טעוויע דער מילכיקער")

ה ע ר ש א י נ ג ע ר (געב. אין סארנע לעבן אומאן אין 1910, וווינט אין מאָסקווע). א גראַפיקער, ארבעט פיל אף איליוסטראציעס צו די ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער. מיט זײַנע צייכענונגען זײַנען איליוסטרירט פאָלגנדע אויסגאבעס: י.־ל. פּערעץ — „רײַזע־בילדער", מאָסקווע, 1947; שאָלעם־אלייכעם — „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", מאָסקווע, 1947 (דאָס זעלבע אין דער איבערזעצונג אף רומעניש, בוקארעשט, 1949); „טעוויע דער מילכיקער", מאָסקווע, 1947; „מאָטל פּייסי דעם כאזנס אין אמעריקע", מאָסקווע, 1948; „דאָס נײַע קאסרילעווקע", מאָסקווע, 1948; אין א רוסישער איבערזעצונג: „ווען איך בין ראָטשילד", „אן אייצע", מאָסקווע, 1941; „הײַנטיקע קינדער", מאָסקווע, 1941; „מאָטל פּייסי דעם כאזנס", מאָסקווע, 1945; „טעוויע דער מילכיקער", מאָסקווע, 1946; „מאטל פּייסי דעם כאזנס אין אמעריקע (און אנדערע דערציילונגען)", מאָסקווע, 1948 (די אנדערע דערציילונגען האָט איליוסטרירט מיכאיל יאָ); „געקליבענע ווערק", ב. 3 (אינעם באנד גייען ארײַן „אײַזנבאן־געשיכטעס", „מײַסעס פאר קינדער", „דערציילונגען", וועלכע זײַנען ניט ארײַן אין די ציקלען"), מאָסקווע, 1972.

כוץ דעם, זײַנען באזונדערע ציקלען איליוסטראציעס צו אלע דרײַ קלאסיקער געדרוקט געוואָרן אין די קינסטלערישע בײַלאגעס פון „סאָוועטיש היימלאנד": אין 1964 (נום. 5), 1965 (נום. 9), 1967 (נום. 12), 1970 (נ. 10), 1971 (נום. 7), 1974 (נום. 3), 1975 (נום. 3, 6 און 10), 1977 (נום. 6), 1978 (נום. 8).

דער סטיל און די קינסטלערישע מאניר פון ה. אינגערס צייכענונגען האָבן זיך אין גאנג פון דער צײַט געענדערט, דאָס רעדט וועגן זײַנע קינסטלערישע זוכונגען. אינגערס איליוסטראציעס זײַנען אויסגעפילט אין א פארשיידענער טעכניק — מיט אז איטאליענישן בלײַער, מיט טוש, גואש און אקווארעל. די איליוסטראציעס פון די 40־ער יאָרן זײַנען כאראקטעריסטיש מיט זייער רעאליזם און פארענדיקטקײַט. אין אָנהייב פון די 70־ער יאָרן איז דער קינסטלער אריבער צו לאקאָנישער צייכענונג, וואָס איז ניט פארענדיקט אין די דעטאלן; אין די לעצטע יאָרן האָט ער געשאפן א ציקל קאָלירטע איליוסטראציעס, וועלכע אימיטירן קינדער־צייכענונגען (זע „סאָוועטיש היימלאנד", נום. 8 פון 1978).

נ א ט א ן א ל ט מ א ן (געב. אין וויניצע אין 1889 — געשט. אין לענינגראד אין 1970). א מאָלער, גראפיקער, טעאטראלער קינסטלער און סקולפּטאָר.

נ. אלטמאן האָט איליוסטרירט די רוסישע איבערזעצונג פון שאָלעם־אלייכעמס „פונעם יאריד. דערציילונגען", מאָסקווע, 1957. די איליוסטראציעס זײַנען געמאכט אין דער מאניר פון א דינער פען־צייכענונג, מיט טוש איבער א קרײַד־גרונט, שפּעטער געקרעלט. לויטן כאראקטער זײַנען זיי נאָענט צו א גראוויור אף שטאָל. דער קונסטקענער י. עטקינד האלט, אז „אלטמאנס לעבעדיקע און שארפע צייכענונגען זײַנען ווונדערלעך נאָענט צו דער שטימונג און סטיל פונעם אווטאָרס טעקסט; זיי שטייען אף דער גרענעץ פון א שארזש, אָבער זיי גייען אין ערגעץ ניט אריבער די דאָזיקע גרענעץ".

אלטמאן האָט אויך אויסגעפורעמט די הילעס צו שאָלעם־אלייכעמס אויסגאבעס „געקליבענע ווערק", מאָסקווע — לענינגראד, 1926; צו דער רוסישער איבערזעצונג פון די „געקליבענע ווערק" אין צוויי בענדער, מאָסקווע, 1926 — 1927, און צו דער דערציילונג „ריאבטשיק", מאָסקווע, 1928. זײַנע פארביקע איליוסטראציעס צום „פארקישעפטן שנײַדער"

זײַנען רעפּראָדוצירט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 9 פון 1970.

אין אלטמאַנס שאַפונג פאַרנעמען א היפּש אָרט זײַנע ווערק פאַרן טעאַטער. ער האָט געמאַכט מיט גראַפיטענע און קאָלירטע בלײַערס, אויך מיט אַקוואַרעל, עסקיזן פון די דעקאָראַציעס און אָנצוגן פון פאָלגנדיקע פּיעסן: י.־ל. פּערעצעס „שוועסטער" (קיִעווער „גאָסעט", 1940), „עס ברענט" (מאָסקווער „גאָסעט", 1940) און צו די אינסצענירונגען פון שאָלעם־אליכעמס ווערק „א דאָקטער" (מאָסקווער „גאָסעט", 1925), „ייִדישע גליקן", לויט די מאָטיוון פון „מענאַכעם־מענדל" („גאָסקינאָ", 1925), „דער פאַרקישעפטער שנײַדער", (קיִעווער „גאָסעט", 1940). ער האָט אויך אַן אײל־קאָמפּאָזיציע אף דער טעמע פונעם ספּעקטאַקל „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" (1960 און 1963).

מייער אקסעלראָד (געב. אין מאָלאָדעטשנע, ווײַסרוסלאַנד, אין 1902—געשט. אין מאָסקווע אין 1970). א מאָלער, גראַפיקער און טעאַטראַלער קינסטלער. האָט אילוסטרירט (מיט טוש און גואַש) פאָלגנדיקע ווערק: פּערעצעס (אין א רוסישער איבערזעצונג) „די מוטער", „דער טויט פון א מוזיקאַנט" (פאַרן זשורנאַל «30 дней», 1940, נום. 10/9); שאָלעם אליכעמס „דער פאַרקישעפטער שנײַדער", מאָסקווע, 1947; „פינף און זיבעציק טויזנט", מאָסקווע, 1947; „דאָס מעסערל", „דער זייגער", „אפן פידל", מאָסקווע, 1948; „מאָנאָלאָגן", מאָסקווע, 1948; אין א רוסישער איבערזעצונג: „דער מעלאַמעד בויאַז", מאָסקווע — לענינגראַד, 1930; „דער פאַרקישעפטער שנײַדער. דערציילונגען", מאָסקווע, 1956.

מ. אקסעלראָדס אילוסטראַציעס אף דער דאָזיקער טעמע זײַנען, כוץ דעם, אָפּגעדרוקט אין דער קינסטלערישער בײַלאַגע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", נום. 1 און 7 פון 1967; נום. 10 פון 1968; נום. 8 פון 1972, 1974 און 1975.

אף די אויסשטעלונגען פון דעם קינסטלערס ווערק זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן אויך אילוסטראַציעס, וועלכע זײַנען אין דער פּרעסע ניט פאַרעפנטלעכט געוואָרן. אייניקע פון אָט די אילוסטראַציעס היטן זיך אין דער טרעטיאַקאָווער גאַלעריי.

מ. אקסעלראָד האָט געמאַכט עסקיזן צו דעקאָראַציעס און אָנצוגן (אַקוואַרעל, גואַש) פאַר טעאַטערפאָרשטעלונגען פון פּערעצעס „שוועסטער" (אין ווײַסרוסישן „גאָסעט", 1940), שאָלעם־אליכעמס „טעוויע דער מילכיקער" (דאָרט, 1938) און „דער פאַרקישעפטער שנײַדער" (אוקראַיִנישער „גאָסעט", 1944).

מענדל גאָרשמאַן (געב. אין נאָוואָבאָריסאָוואָ, ווײַסרוסלאַנד, אין 1902 — געשט. אין מאָסקווע אין 1972). א גראַפיקער. אילוסטראַציעס צו די ווערק פון ייִדישע קלאַסיקער פאַרנעמען אין זײַן שאַפונג א היפּש אָרט.

מ. גאָרשמאַן האָט אילוסטרירט פאָלגנדע אויסגאַבעס: מענדעלע מויכער־ספאָרים — „מאַסאָעס בינימין האשלישי", „פישקע דער קרומער", מאָסקווע, 1959; די זעלבע ווערק אין א רוסישער איבערזעצונג, צוזאַמען מיט דער דערציילונג „דאָס קליינע מענטשעלע", מאָסקווע, 1961.

פּערעץ — „באָנציע שווײַג און אנדערע דערציילונגען", מאָסקווע, 1947; „וועבער־ליבע"; „האַישאָ מאָראַס כאַנע", מאָסקווע, 1947; „אין קעלערשטוב", מאָסקווע, 1959; אין א רוסישער איבערזעצונג: „דערציילונגען און מײַסעלעך", מאָסקווע, 1941; „געקליבענע ווערק", מאָסקווע, 1962.

שאָלעם־אליכעם — „שיר־האשירים"; „מײַן ערשטער ראָמאַן", מאָסקווע, 1947, „עס פידלט ניט" (אהער גייען ארײַן אויך „א בעקאָוועדיקע פאַרנאָסע", „שלים־שלימאַזל"), מאָסקווע, 1948; „געקליבענע ווערק", מאָסקווע, 1959; אין א רוסישער איבערזעצונג: „דערציילונגען", מאָסקווע, 1940; „דאָס גרויסע געווינס", מאָסקווע, 1959; „טעוויע דער מילכיקער", מאָסקווע, 1963; „אָרעמע און פריילעכע", מאַסקווע, 1965; „מײַסעס פאַר ייִדישע קינדער", מאַסקווע, 1966; „געקליבענע ווערק", ב. 4 (אהער גייען ארײַן „מענאַכעם־מענדל", „טעוויע דער מילכיקער", „מאָנאָלאָגן", „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס"), מאָסקווע, 1973. אין אַן איבערזעצונג אף קירגיזיש: „טעוויע דער מילכיקער", פרונזע, 1966.

א ריי גאָרשמאַנס אילוסטראַציעס צו די ליטעראַרישע ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער זײַנען אָפּגעדרוקט אין די קינסטלערישע בײַלאַגעס פון „סאָוועטיש היימלאַנד" (נום. 8 פון 1966; נום. 1 פון 1967; נום. 2 פון 1973; נום. 9 פון 1975; נום. 1 פון 1978).

קימאַט אלע זײַנע אילוסטראַציעס זײַנען געמאַכט מיט טוש און מיט א פען, אויסער די אווטאָליטאָגראַפישע ציקלען צו פּערעצעס „דערציילונגען און מײַסעס" און שאָלעם־אליכעמס „טעוויע דער מילכיקער".

גאָרשמאַנס אילוסטראַציעס קאָן מען לײַכט דערקענען: זיי זײַנען זייער אויסדריקלעך. זיי גיבן ריכטיק איבער דעם טיפּאַזש און כאַראַקטער פון די ליטעראַרישע פּערסאָנאַזשן.

מוישע פראַדקין (געב. אין באָרזנע, טשערניגאָווער געגנט, אין 1904 — געשט. אין כאַרקאָוו אין 1974) א גראַפיקער. געאַרבעט אף מאָנומענטאַלער און ביכער־גראַפיק, באַזונדערס אין געביט פון עקסליבריס. ער האָט אילוסטרירט פאָלגנדיקע ווערק:

מענדעלע מויכער־ספאָרים — „דאָס ווינטשפינגערל", אָדעס, 1936, „מאַסאָעס בינימין האשלישי" (אין אַן אוקראַיִנישער איבערזעצונג), כאַרקאָוו, 1934.

שאָלעם־אליכעם — „דערציילונגען", כאַרקאָוו, 1935; דאָס זעלבע, אָדעס, 1939; אין אַן אוקראַיִנישער איבערזעצונג: „געקליבענע ווערק", קיִעוו, 1939; „דאָס מעסערל", „מײַסעס פאַר קינדער", אָדעס, 1941. די ציכענונגען זײַנען געמאַכט מערסטנטייל אין דער פאָרם פון גראַווירן אף האָלץ.

טאַנכום (אַנאַטאָלי) קאַפּלאַן (געב. אין ראָהאַטשאָוו, לעבן האָמעל אין 1902, וווינט אין לענינגראַד). א מײַסטער פון מאָנומענטאַלער גראַפיק אף ליטעראַרישע טעמעס. געמאָלט אווטאָליטאָגראַפישע ציקלען צו די ווערק פון אלע דרײַ קלאַסיקער. די ווערק זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן אין דער פאָרם פון אלבאָמען פון גרויסן פאָרמאַט:

מענדעלע מויכער־ספאָרים — „פישקע דער קרומער", לענינגראַד, 1966—1967;

י.־ל. פערעץ — „דערציילונגען" („כאנעקע־ליכטלעך", „מענדל ברײַנעס", „דער פילפארביקער לאמטערן און די פיר קליינע הינטעלעך"), לענינגראד, 1967;

שאָלעם־אַלייכעם — „טעוויע דער מילכיקער", לענינגראד, 1961, 1966; „דער פארקישעפטער שנײַדער", לענינגראד, 1957, 1958, 1969; „שיר־השירים", לענינגראד, 1962; „סטעמפעניו", לענינגראד, 1967.

אייניקע פון די ליטאָגראפיעס זײַנען אויסגענוצט געוואָרן אלס איליוסטראציעס צו ביכער: י.־ל. פערעץ — „דער באלשעם פירט אויס א שידעך און אנדערע דערציילונגען" (אין דײַטשישער איבערזעצונג), בערלין, 1969; שאָלעם־אַלייכעם — „טעוויע דער מילכיקער, דערציילונגען" (אין א רוסישער איבערזעצונג), מאָסקווע, 1969; „טעוויע דער מילכיקער" (אין א דײַטשישער איבערזעצונג), דרעזדען, 1967 און 1969; „דער פארקישעפטער שנײַדער" (אין א דײַטשישער איבערזעצונג), בערלין, 1969.

רעפראָדוקציעס פון די ליטאָגראפיעס פון קאפלאנס אלבאָמען זײַנען געגעבן אין דער קאפלאן־מאָנאָגראפיע פון באריס סוריס (מאָסקווע, 1972), אויך אין די קינסטלערישע בײַלאגעס פון „סאָוועטיש היימלאנד" (נומ. 4 פון 1962; נומ. 3 פון 1966; נומ. 7 פון 1970; נומ. 8 פון 1971; נומ. 3 פון 1977). קאפלאנס ליטאָגראפיעס זײַנען געגעבן אין א ראם פון ייִדישע אויפשריפטן, וועלכע אנטשפרעכן די טעקסטן, אויך מיט אָרנאמענטן פון געוויקסן, פיגורן פון באלעכײַיִם און פייגל.

ג ע ר ש ן ק ר א ו צ אָ ו (געב. אין טשערקאס אין 1906, וווינט אין מאָסקווע) א גראפיקער. ער האָט אויסגעפורעמט פאָלגנדיקע ביכער פון די ייִדישע קלאסיקער:

מענדעלע מויכער־ספאָרים — „אויסגעוויילטע ווערק" („מאסאָעס ביניאָמין האשלישי", „פישקע דער קרומער"), מאָסקווע, 1959.

שאָלעם־אַלייכעם — „אויסדערוויילטע ווערק". מאָסקווע, 1959; אין א רוסישער איבערזעצונג: „פונעם יאריד", מאָסקווע, 1956; „געזאמלטע ווערק", ב. 6, מאָסקווע, 1958. ג. קראווצאָוו האָט אויך איליוסטרירט דעם ערשטן באנד פון דער רוסישער איבערזעצונג פון שאָלעם־אַלייכעמס געזאמלטע ווערק (אין אים זײַנען ארײַן די ראָמאנען „סענדער בלאנק", „סטעמפעניו", „יאָסעלע סאָלאָווי" און אייניקע דערציילונגען), מאָסקווע, 1971. די צייכענונגען זײַנען מײַסטערהאפטע, געמאכט מיט טוש.

א ריי ברייט באקאנטע קונסט־מײַסטערס: טאָלקאטשאָוו, טישלער, טשײַקאָוו, יודאָווין, סעמיאָנאָוו, שאגאל האָבן איליוסטרירט באזונדערע ווערק פון די ייִדישע קלאסיקער.

ז י נ אָ ו י ט אָ ל ק א ט ש אָ ו (געב. אין שטעטל שטשעדרין, מינסקער גובערניע, אין 1903 — געשט. אין קיִעוו אין 1977). ער האָט געארבעט אין דער מאָנומענטאלער קונסט און ביכער־גראפיק, איבער קאריקאטורן און פלאקאטן. איליוסטרירט שאָלעם־אַלייכעמס בוך „פון קאסרילעווקע" (דערשינען אין ווארשע אין 1959) און די פירבענדיקע אויסגאבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין אוקראַיִנישער איבערזעצונג (קיִעוו, 1967 — 1968). די צייכענונגען זײַנען געמאכט אין טעמפערא.

א ל ע ק ס א נ ד ע ר ט י ש ל ע ר (געב. אין מעליטאָפאָל אין 1898, וווינט אין מאָסקווע), פארדינסטפולער קונסט־טוער פון דער אוזבעקישער סםר, לאורעאט פון דער מעלוכע־פרעמיע. קינסטלער פון טעאטער און קינאָ. ער האָט איליוסטרירט די ענגלישע איבערזעצונג פון שאָלעם־אַלייכעמס דרײַ דערציילונגען: „גימנאזיע", „דער גליקלעכסטער אין קאָדני", „דער פריזיוו" (געדרוקט אינעם זשורנאל «International Literature» מאָסקווע, 1939, נומ. 2).

א. טישלער האָט אויסגעפורעמט שאָלעם־אַלייכעמס ספעקטאקלען „בלאָנדזשנדע שטערן" און „דער פארקישעפטער שנײַדער" (אין מאָסקווער „גאָסעט", אין 1941 און 1943) אויך „טעוויע דער מילכיקער" (אין כארקאָווער אוקראַיִנישן דראמאטישן טעאטער, 1947).

י ו י ס ע ף ט ש ײַ ק אָ ו (געב. אין קיִעוו 1888 — געשט. אין מאָסקווע 1979). א סקולפטאָר און (אין ערשטן פעריאָד פון זײַן טעטיקײַט) א גראפיקער. אין 1917 — 1922 האָט ער איליוסטרירט א ריי ליטעראַרישע ווערק, וועלכע זײַנען ארויסגעגעבן געוואָרן אין ייִדיש אין קיִעוו, דערונטער מענדעלעס „דאָס קעלבל", קיִעוו, 1919.

ש ל ו י מ ע י ו ד אָ ו ו י ן (געב. אין בעשענקאָוויטש, וויטעבסקער געגנט, אין 1892 — געשט. אין לענינגראד אין 1954). א גראפיקער.

אין 1935 האָט ש. יודאָווין איליוסטרירט מענדעלעס „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי". דאָס בוך איז ניט דערשינען, די איליוסטראציעס זײַנען פובליקירט געוואָרן אינעם אלבאָם „ש. יודאָווינס גראווירן אף האָלץ" (רוסישער טעקסט — ס. סאראקין), לענינגראד, 1941, און אין אייניקע אנדערע אויסגאבעס.

א י וו א ן ס ע מ י אָ נ אָ ו (געב. אין ראָסטאָוו־דאָן אין 1906, וווינט אין מאָסקווע). פאָלקס־קינסטלער פון רספסר, א גראפיקער. ער האָט איליוסטרירט א זאמלונג שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונגען „אין אויסלאנד און אין דער היים" (דערשינען אין א רוסישער איבערזעצונג, מאָסקווע, 1959, אין דער ביבליאָטעק פונעם זשורנאל „קראָקאָדיל", העפט 24).

מ א ר ק ש א ג א ל (געב. אין וויטעבסק, אין 1887, וווינט אין פאריז). אין די ערשטע יאָרן פון זײַן טעטיקײַט האָט ער איליוסטרירט פערעצעס דערציילונג „דער קונצנמאכער" (ווילנע—פעטראָגראד, 1919).

ער האָט אויך אויסגעפורעמט א שאָלעם־אַלייכעם־ספעקטאקל פון דרײַ מיניאטורן: „אגענטן", „ס׳א ליגן" און „מאזלטאָוו", (געשטעלט אין מאָסקווער „גאָסעט" אין 1920).

פון די אנדערע קינסטלער, וועלכע האָבן עפיזאָדיש איליוסטרירט מער ווי איין פובליקאציע פון די ווערק פון די קלאסיקער, קאָן מען אָנרופן פאָלגנדיקע: בלאנק, וולאדימיראָוו צוזאמען מיט טעראלעצקין, ווערמוס, לאסין, פאלישטשוק.

די רעדאקציע און די רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאנד״ באַגריסן האַרציק דעם באַשטענדיקן אָוטאָר פון זשורנאַל, דעם קאַנדידאַט פון טעכנישע וויסנשאַפטן יִשׂראָעל קאָוועלמאַן מיט זײַן 75־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט און שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

בער (פּינכאָס) בלאַנק — אָוטאָר פון גראַווירן אַף האָלץ צו די ביכער אין אַן אוקראַיִנישער איבערזעצונג: שאָלעם־אַלייכעמס „געקליבענע ווערק״, כאַרקאָוו, 1930; מענדעלעס „פישקע דער קרומער״ און „אויסגעוויילטע ווערק״, קיִעוו, 1936 און 1940.

יורי וולאַדימיראָוו צוזאַמען מיט פּעליקס טערלעצקי האָבן קינסטלעריש אויסגעפֿורעמט די זעקסבענדיקע אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין רוסיש (1971 — 1973) און אילוסטרירט דעם צווייטן באַנד (ווו עס גייען אַרײַן די ציקלען „אָרעמע און פֿריילעכע״ און „כאַסרילעווקע״), מאָסקווע, 1971; זיי האָבן אויך אילוסטרירט פּערעצעס בוך אין א רוסישער איבערזעצונג „אויסגעוויילטע ווערק״ (אין אים גייען אַרײַן רײַזע־בילדער, דערציילונגען, נאָוועלן, מײַסעלעך, מעשאָלים, א פּיעסע), דערשינען אין מאָסקווע, אין 1976. זייערע צייכענונגען (געמאַכט מיט טוש) טיילן זיך אויס מיט אַן אייגנאַרטיקער טעכניק, וועלכע אימיטירט די ליטאָגראַפיע.

יעהודע וועַרמוס — אילוסטראַטאָר פון שאָלעם־אַלייכעמס צוויי דערציילונגען: „דער זייגער״ און „אפן פידל״, דערשינען אין מאָסקווע אין 1937 און 1938.

בינימין לאָסין אָוטאָר פון אילוסטראַציעס צו שאָלעם־אַלייכעמס ביכער „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״ (אין א רוסישער איבערזעצונג, מאָסקווע, 1954 און 1957; אין אַן אַזערבײַדזשאַנישער איבערזעצונג פונעם רוסישן טעקסט, באַקו, 1961; אין א כינעזישער איבערזעצונג, שאַנכײַ, 1957; אין א טורקמענישער איבערזעצונג, אַשכאַבאַד, 1961; „מײַסעס פאַר יִדישע קינדער״ (רוסישע איבערזעצונג, מאָסקווע, 1936); „דאָס מעסערל״ (אוקראַיִנישע איבערזעצונג, קיִעוו, 1958; אַזערבײַדזשאַנישע איבערזעצונג, באַקו, 1961), „דאָס דריידל״ און אַנד. דערציילונגען (אַזערבײַדזשאַנישע איבערזעצונג, באַקו, 1962).

פאַניע פּאָלישטשוק האָט אילוסטרירט שאָלעם־אַלייכעמס ווערק „דאָס מעסערל״, מאָסקווע, 1936; „דער ליידיקגייער״, מאָסקווע, 1947; „פּײַטל און פעדקע״ (אין א רוסישער איבערזעצונג, מאָסקווע, 1930); „דערציילונגען״, מאָסקווע — לענינגראַד, 1940.

צום אילוסטרירן באַזונדערע פּובליקאַציעס פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק זײַנען צוגעצויגן געוואָרן פאַלגנדיקע קינסטלער: באָריס בעלאָפּאָלסקי — „לעך־לעכאָ״ אין אַן אוקראַיִנישער איבערזעצונג, כאַרקאָוו, 1930; סערגיי ווישנעפּאָלסקי — „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״ אין א טאַדזשיקישער איבערזעצונג, דושאַנבע, 1959; וולאַדימיר גאַלבאַ — „שימעלע״ און אַלעקסאַנדער גאַליאָרקין — „שאָך־טשעמפּיאָן״ (פאַרן זשורנאַל «Нева», 1959, נום. 3; איראַקלי גאָרדעלאַדזע — „געקליבענע ווערק״ אין א גרוזינישער איבערזעצונג, טביליסי, 1961; פּאַוועל דוסענקאָ — בלאָנדזשנדע שטערן״ אין א קאַזאַכישער איבערזעצונג, אַלמאַ־אַטאַ, 1965; לעוו זעווין — „מעסושעלעך״, מאָסקווע, 1937; מיכאַיִל יאָ — „בערל־אײַזיק און אַנדערע דערציילונגען וועגן אַמעריקע״, מאָסקווע, 1948; יורי קראַסני — „דער פּאַרקישעפּטער שנײַדער״ אין א שפּאַנישער איבערזעצונג, מאָסקווע, 1959; אַלעקסאַנדער קאָראָטקין — „ריאַבטשיק, א יִדישער קעלעוו״, מאָסקווע, 1948; דמיטרי לעאָן — „געוויילטע ווערק״ אין א רוסישער איבערזעצונג, ב. 6 (אין אים גייען אַרײַן „פונעם יאַריד״, „פּיעסן״), מאָסקווע, 1974; אַרקאַדי לוריע — „מענאַכעם־מענדל אין וואַרשע״, צוויי בריוו (פאַרן זשורנאַל «Огонек», נום. 35 פון 1964); לעאָניד ראַביטשעוו — „יוסעף. דרײַ אַלמאָנעס״, מאָסקווע, 1948; געאָרגי טשיגאַנאָוו — „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס״ אין אַן אוזבעקישער איבערזעצונג, טאַשקענט, 1959.

פאַראַן אילוסטרירטע ווערק שאָלעם־אַלייכעמס, ווו די נעמען פון די אילוסטראַטאָרן זײַנען ניט אָנגעוויזן.

אייניקע קינסטלער האָבן אויסגעפֿורעמט בלויז די הילע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. דאָס זײַנען שמועל גאָלדמאַן, כאַיִם היגער, מיכאַיִל ליבאַקאָוו, שימען מאַלט, גאַוורִיִעל פּוסטאָוואָיט, וואַלעריאַן שטשעגלאָוו.

ווײַטער ברענגען מיר ידיִעס, וועלכע זײַנען פאַראַן אין אונדזער רעשוס וועגן די אויסלענדישע אילוסטראַטאָרן פון ווערק פון די יִדישע קלאַסיקער אין דער איבערזעצונג אַף אויסלענדישע שפּראַכן. מערסטנטייל האָבן אָט די קינסטלער געאַרבעט איבער שאָלעם־אַלייכעמס ווערק. דער אילוסטראַטאָר בען שאַן האָט אילוסטרירט די ענגלישע איבערזעצונג פון „אין קאַסרילעווקע״ (דערשינען אין לאָנדאָן,

1973); בעכאַר מאַרקאָ — די בולגאַרישע איבערזעצונג פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" (דערשינען אין סאָפיִע אין 1962); אַדאַם ווירץ — די אונגאַרישע איבערזעצונג פון „טעוויע דער מילכיקער" און „שיר־השירים" (בודאַפּעשט, 1958 — 1959); דזשעמאַל טשעסאָווי — די טשעכישע איבערזעצונג פון „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" (פּראַג, 1959); מיראָסלאַוו וואַזאַ — די טשעכישע איבערזעצונג פון „טעוויע דער מילכיקער" (פּראַג, 1958); פּעטער קליינשמידט — „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השׂגות" (בערלין, 1948); ראָכל שאַליט־מאַרקוס — „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" (אַ רעפּראָדוצירטע ליטאָגראַפיע פון אַן אַלבאָם, פאַרעפנטלעכט אינעם זשורנאַל „רימאָן", העפט 2, יאָר 1922).

אַ גרויסע צאָל אילוסטראַציעס צו שאָלעם־אלייכעמס ווערק זײַנען געבראַכט איז מעלעך גראַפּשטיינס בוך „די שאָלעם־אלייכעם־פּאַנאָראַם" (לאָנדאָן, 1948)[1]. אויסער דעם איז אונדז באַוווּסט וועגן אַ בוך פונעם „ייִוואָ" — „שאָלעם־אלייכעם אין בילד", דערשינען אין בוענאָס־אײַרעס, 1959 (מיר האָבן דעם בוך ניט באַקומען).

אילוסטראַציעס פון אויסלענדישע קינסטלער צו מענדעלעס און פּערעצעס ווערק זײַנען פאַראַן גאַנץ ווייניק. זיי זײַנען געבראַכט אין די ביכער: „אַלע ווערק פון מענדעלע מוכער־ספֿרים" („כל כתבי מענדלי מוכר ספרים"), טעל־אָוויוו, 1956 (אילוסטרירט דורכן קינסטלער יעהודע שווערין; אין קאַטאַלאָג (אויף איוורית) צו דער אויסשטעלונג צום אָנדענק פון ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ (ירושלים, 1965, מיט אילוסטראַציעס פון נײַן קינסטלער)[2]. אין „סאָוועטיש היימלאַנד" (נומער 5 פון 1965) זײַנען רעפּראָדוצירט געוואָרן אייניקע אילוסטראַציעס פון אַרטור קאָלניק (פון זײַן אַלבאָם פון צוואַנציק קסילאָגראַפיעס) צו פּערעצעס דערציילונג „דער גילגול פון אַ ניגון".

אונטערפירנדיק אַ סאַכאַקל צו די געבראַכטע ידיעות וועגן די אילוסטרירטע אויסגאַבעס פון די ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער (לויט די אָנגאַבן אויפן יאָר 1977), קאָן מען מאַכן אַזאַ אויספיר: די אַלגעמיינע צאָל סאָוועטישע קינסטלער, וועלכע האָבן אילוסטרירט די ווערק פון די ייִדישע קלאַסיקער, באַטרעפט אַרום 50, אויסלענדישע קינסטלער — 30. סאַכאַקל זײַנען דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד אַרום 100 אילוסטרירטע ביכער פון די קלאַסיקער, דערונטער 28 אויף ייִדיש, 38 אויף רוסיש, 14 — אויף אוקראַיִניש און 17 אויף די שפּראַכן פון אַנדערע נאַציִאָנאַליטעטן. אויף די ווערק פון שאָלעם־אלייכעם קומט אויס 85 פּראָצענט פון די אילוסטרירטע ווערק, אויף די ווערק פון מענדעלע און פּערעץ — 15 פּראָצענט. די אַלגעמיינע צאָל ביכער־אילוסטראַציעס באַטרעפט מער פון 1200. אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן 30 אילוסטרירטע קינסטלערישע בײַלאַגעס, געווידמעט די קלאַסיקער. דאָס ערשטע אָרט אין דער צאָל אילוסטראַציעס פאַרנעמען שאָלעם־אלייכעמס ווערק „מאָטל פּייסי דעם כאַזנס" און „מעשׂיות פאַר קינדער".

צום שלוס קאָן מען זאָגן, אַז די ייִדישע ביכער־גראַפיק, באַזונדערס צו די ווערק פון די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, דעראָבערט אַלץ אַ מער בעקאָוועדיק אָרט אין דער מאָלערײַ־קונסט. זי אינטערפּרעטירט, דערקלערט און פאַרטיפט די געשטאַלטן פון די ליטעראַרישע ווערק און באַקומט צומאָל אויך אַ זעלבשטענדיקע ווערט. אַזעלכע אילוסטראַציעס ווערן דעמאָנסטרירט אויף די פּערסאָנעלע אויסשטעלונגען פון די קינסטלער, אין קונסט־גאַלערייען און אין באַזונדערע אויסגאַבעס.

---

[1] אין גראַפּשטיינס בוך זײַנען רעפּראָדוצירט די אילוסטראַציעס פון פאָלגנדיקע אויסלענדישע (איבערהויפּט אַמעריקאַנער) קינסטלער: אַרמין, אַווראָם, העלער, דיודניי (*Dewdney*), קאָטלער, לאָלאַ, מאַלקע, פּיליכאָווסקי, רײַס, ראַפּאָרט, ראַסקין, פרידלענדער, שלאָס. אויך פון סאָוועטישע קינסטלער — אינגער און טאָלקאַטשאָוו.

[2] אינעם קאַטאַלאָג זײַנען רעפּראָדוצירט די אילוסטראַציעס פון די קינסטלער בערגנער, באָגען, ווײַנלעז, ווערמוס, זילבורג, קראַטקאָ, שטיינהאַרדט. מיר ווייסן אויך וועגן אַן אַלבאָם פון פּופּציק אילוסטראַציעס פון יוסעף בערגנער צו פּערעצעס „פאָלקסדערציילונגען" (מאָנטרעאַל, 1950).

כראָניק

שאָלעם־אלייכעמס פּאָרטרעט אין אוליאַנאָווסק

אין דעם אַפּמאַך וועגן דער סאָציִאַליסטישער פאַרמעסטונג צווישן די שטעט לוואָוו און אוליאַנאָווסק איז פאַראַן אַ פּונקט וועגן אַן אויסטויש מיט קונסט־אויסשטעלונגען. לעצטנס איז אין דער שטאָט באַ דער וואָלגע באַוויזן געוואָרן אַן עקספּאָזיציע פון הונדערט ווערק, מיט וועלכע עס זײַנען געווען פאַרגעשטעלט דרײַסיק לוואָווער קינסטלער. די אויסשטעלונג איז געווידמעט דעם 325־טן יוביל פון דער ווידערפאַראייניקונג פון אוקראַיִנע מיט רוסלאַנד. די הויפּטטעמע פון דער עקספּאָזיציע איז פעלקער־פרײַנטשאַפט.

איינער פון אירע אָנטיילנעמער, דער באַקאַנטער ייִדישער מאָלער סעמיאָן גרוזבערג, האָט אויסגעשטעלט שאָלעם־אלייכעמס פּאָרטרעט און די בילדער „אויף די וועגן פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער", „אַ גאַסט פון אינדיע", „די מאָלערן יוזעפע קראַטאָכוויליעווידימסקאַ".

פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט אײַך

דער וועג

DER VEG · זו הדרך

מאַטעריאַלן פון דער צײַטונג

פּײַניקונגען אין די ייִסראָעלדיקע טורמעס

אין מעשעך פון פיל יאָרן פאַרעפנטלעכט די פּרעסע פון ייִסראָעל און פון אנדערע לענדער איידעס־דערקלערונגען און אינפאָרמאַציע וועגן דעם, אז אין די ייִסראָעלדיקע טורמעס און אין די ארעסט־פּונקטן פּײַניקט מען אראבישע ארע־סטירטע. די פאָרשטייער פון דער ייִסראָעלדי־קער מאַכט לייקענען דאָס אָפּ, אָנווײַזנדיק, אז די פּײַניקונגען אין דער טורמע „יאַק" זײַנען בלויז „אויסנאַמען", און יענע, וועלכע דערלאָזן דאָס, ווערן „באַשטראָפט".

די ייִסראָעלדיקע פאָרשטייער אין דער קאָ־מיסיע בא דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניק־טע נאַציעס יאַקאָוו דאָראָן האָט נאָך אין נאָיאַ־בער 1976 דערקלערט: „מײַן לאַנד קאָן זיך האַלטן שטאָלץ אין אָנבליק פון זײַן שטרענגער האַשגאָכע אף דער געזעצלעכער מאַכט אין די פאַרנומענע געביטן... ס'איז ריכטיק, אין איינעם אָדער אין עטלעכע פאַלן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסנאַם, האָט מען זיך באַנוצט, צום באַדויערן, מיט קויעך קעגן די ארעסטיר־טע"...

ווייניק־וועניק קאָן אָבער אראָפּשלינגען די דאָ־זיקע, דערקלערונגען. עס געדענקט זיך דער באַריכט פון דער אויספאָרשונג, וואָס עס האָט דורכגעפירט די זשורנאַליסטן־גרופּע פון דער ענגלישער צײַטונג „סאַנדי טײַמס" וועגן די פּײַניקונגען אין די טורמעס פון ייִסראָעל און אף די אָקופּירטע שטעטאָכים (פּובליקירט אין יון 1977). אין דעם דאָזיקן באַריכט איז אונ־טערגעשטראָכן געוואָרן, אז „די פּײַניקונגען זײַ־נען סיסטעמאַטישע און ווערן אָנגעווענדט ווי אַן אויסגערעכנטע פּאָליטיק".

לעצטנס האָט זיך באַוויזן די אופדעקונג פון דער צײַטונג „וואַשינגטאָן פּאָסט", וועלכע פּאַ־רופט זיך אף דעם באַריכט פונעם אַמעריקאַנער אויסערן־מיניסטעריום אין דער פראַגע פון מענטשן־רעכט. די אופדעקונג רעדט וועגן דעם, אז ייִסראָעל פירט דורך „אַ גאַנצע סיסטעם פון פּײַניקונגען לעגאַבע די ארעסטירטע אַראַבער".

די פּובליקאַציעס אין דער פּרעסע פון „ייִס־ראָעלס גרעסטן פּרײַנט", האָט געבראַכט דערצו, אז די ייִסראָעלדיקע געזאַנדשאַפט אין די פאַ־ראייניקטע שטאַטן האָט פּראָטעסטירט קעגן דער אַרויסטרעטונג פון „וואַשינגטאָן פּאָסט", און דער אַמבאַסאַדאָר אַ. עווראָן האָט דערקלערט, אז די באַשולדיקונגען אין פּײַניקן די אַראַבישע ארעסטירטע זײַנען „אַ פולשטענדיקער ליגן". די לאַגע איז אָבער אַזאַ, אז די צוויואַקישע פּראָ־טעסטן האָבן קיינעם ניט גערירט — אַזעלכע צאָרנדיקע אָפּלייקענונגען פון דער ייִסראָעלדי־קער רעגירונג מיקויעך די פּײַניקונגען פון די אַראַבישע ארעסטאַנטן זײַנען שוין ניט קיין גאַנגבאַרע סכוירע.

אויך אין דער מעדינע גופע הערט מען אוף זיך צוהערן צו די אָפּלייקענונגען, איבערהויפּט איצט, ווען די „סיסטעם פון פּײַניקונגען" האָט אָנגעהויבן אַלץ מער צו טרעפן אויך ייִדישע בירגער. דעריבער קאָנען שוין ניט די פאַראַנט־וואָרטלעכע פאַר דער דאָזיקער „סיסטעם" זי פאַרשווײַגן — דאָס איז דאָך שוין „ניט גוט פאַר ייִדן"...

אין דער ייִסראָעלדיקער פּרעסע באַווײַזן זיך לעצטנס יעדיִעס וועגן פּײַניקונגען איבער ייִדי־שע ארעסטאַנטן. דעם 15 יאַנוואַר איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אַן אָנקלאָגע פונעם אַדוואָ־קאַט לידסקי וועגן דער ברוטאַלער אויספאָר־שונג פון זײַנעם אַ קליִענט. די פּאָליציִאַנטן האָבן געשלאָגן דעם ארעסטאַנט מיט דובינקעס און מיט די פיס, אראָפּגעריסן פון אים די קליי־דער. מע האָט אים געשלאָגן שוין אַ ליגנדיקן מיט אַ נאַקעט לײַב, באַגאָסן אים מיט וואַסער, ארײַנגעשפּריצט אין די אויגן טרערן־גאַז. דער־נאָך האָט מען אים געשטופּט אין מויל ארײַן אַ באַרשט און אין האַלדז אַ לופּע פון אַ ביקס. דער אַדוואָקאַט האָט דערקלערט:

— מײַן קליִענט האָט מיר דערציילט, אז אין גאַנג פון די פּײַניקונגען האָבן די פּאָליציִאַנטן געדראָעט אים אָפּשנײַדן מיט אַ מעסער דעם געשלעכט־אָרגאַן, און דערנאָך האָבן זיי אים ארײַנגעוואָרפן אין אַ צימער, ווו די פּאָדלאָגע איז געווען פאַרגאָסן מיט וואַסער.

דעם 17 יאַנוואַר האָט די צײַטונג „יעדיִאָט אַכראָנאָט" פאַרעפנטלעכט אַ יעדיִע וועגן אַ פּאָ־ליציי‍ִשער אויספאָרשונג פון אַ פאַרהאַלטענעם ייִדן, וועלכן מע האָט געמוזט נאָך די פּײַניקונ־גען לייגן אין שפּיטאָל מיט אַ סאַקאָנע, אז ער וועט

פאַרלירן דאָס רעכטע אויג. אין דער מיטיילונג איז געזאָגט געוואָרן:

„יאַכיאַ כאַזאַן איז שאַבעס פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, ווען ער איז געפאָרן מיט א לאַסט־אויטאָ קיין אַשקעלאָן מיט פאַרבאַרגענעם גאַשיש. נאָכן אַרעסט האָט מען אים גענומען אָף אַן אויספאָרשונג אין דער פּאָליציי־סטאַנציע פון רעכאָוואָט. זײַן פאַרטיידיקער, אַדוואָקאַט אוידאַד דוואָראַט, האָט דערקלערט אין דער אַפּעלאַציע, וואָס ער האָט דערלאַנגט, אַז דער קאָמענדאַנט פון דער פּאָליציי־סטאַנציע אָדער זײַן פאַרטרעטער האָבן צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פּאָליציאַנטן געשלאָגן דעם פאַרהאַלטענעם, קעדיי מיט פיזישן קויעך אים צווינגען זיך מוידע זײַן. ווען דער אַרעסטירטער איז באַם יוגנטלעכן געפּלאַצט דאָס פּויק־הײַטל פון אַן אויער.

די צײַטונג „האָלאָם האַזע" האָט דעם 7 פעוורואַל דערציילט א געשיכטע פון א 19־יעריקן זעלנער סערגיי נוניקאַשווילי (אַן עמיגראַנט פון סאָוועטנפאַרבאַנד), וועלכן די פּאָליציי פון פעטאַך טיקווא האָט סאַדיסטיש געפּײַניקט בײַ די אויספאָרשונגען. דער זעלנער האָט דערציילט:

— איך שעם זיך אפילע צו רעדן וועגן דעם, וויאַזוי מע איז זיך מיט מיר באַגאַנגען בײַ דער אויספאָרשונג. צום אָנהייב האָט מען מיר געגעבן פעטש, דערנאָך האָט א פּאָליציאַנט מיר באַגאָסן מיט זײַן האַשטאַנע. איך בין געפאַלן אָף די קני, האָט ער פון מיר אַראָפּגעצויגן די



דער 19 יעריקער זעלנער סערגיי נוניקאַשווילי, דערציילט וועגן די פּײַניקונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען בעת זײַן אויספאָרשונג אין דער פּאָליציי.

טעיר יאַסין, אַן אַרבעטער פון דאָרף תמרה, איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך מענטשן פון ש. ב. און פּאָליציי און איז אָן קיין שום סיבות צעשלאָגן געוואָרן.

אָף די אָקופּירטע שטחים פון ייִסראָעל

שויך געלעגן אָף דער פּאָדלאָגע אין אָנמאַכט, האָבן אים די אויספאָרשער געקלאַפּט איבערן קאָפּ, און איינער פון זיי האָט אים געטראָפן אין אויג מיטן פוס. נאָך דעם האָט כאַזאַן אָנגעהויבן פאַרלירן דעם באַוווסטזײַן. א צענעריקטן, א פאַרבלוטיקטן, האָט מען אים געצוווּנגען צו געבן אַן אונטערשריפט, אַז ער איז זיך מוידע, ניט וויסנדיק, אונטער וואָס ער האָט זיך אונטערגעשריבן".

דעם 2 פעוורואַל האָט „יעדיאָט אַכראָנאָט" מיטגעטיילט, אַז דרײַ פּאָליציאַנטן האָבן מיט 18 כאַדאָשים צוריק פּאַרוונדעט א ייִדישן יוגנטלעכן. דעם 1 פעוורואַל איז אין טעל־אוויווער קרײַז־געריכט דערלאַנגט געוואָרן א באַשולדיקונגס־אַקט קעגן די דאָזיקע דרײַ פּאָליציאַנטן. אינעם אַקט ווערט געזאָגט, אַז דער יוגנטלעכער אורי נעקאַש איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך א געהיים־אַגענט אין אויטאָבוס — דעם אַגענט איז ניט געפעלן געוואָרן די אויפפירונג פונעם יוגנטלעכן, וועלכער האָט „צו הויך גערעדט". אין דער פּאָליציי־סטאַנציע האָבן אים די פּאָליציאַנטן געשלאָגן מיט די פויסטן אין בויך און אין פּאָנעם, און אין רעזולטאַט האָט הויזן און צוויי מאָל אַרײַנגעשטעקט אין הינטן דעם שטעקן פון א באַרשט. מיט א שמאַטע, וואָס מע האָט אײַנגענעצט אין אורין, האָט מען מיר פאַרשטאָפּט דאָס מויל, איך זאָל ניט קאָנען שרײַען...

ווען דער פאַרהאַלטענער האָט געבעטן דעם וועכטער, מע זאָל רופן א דאָקטער, איז געקומען א יונגער אויספאָרשער, אים אַראָפּגעפירט אַהין, ווו מע האָט אים פריער געשלאָגן, און דער פּאָליציי־אַגענט האָט אים געזאָגט: „אויב דו וועסט בעטן א דאָקטער, וועל איך דיך אויפהענגען און וועל זאָגן, אַז דו ביסט באַגאַנגען זעלבסטמאָרד".

נוניקאַשווילי האָט אויך דערציילט, אַז בײַ די פּײַניקונגען זײַנען בײַגעווען נאָך פּאָליציאַנטן, און קיינער פון זיי האָט ניט אָנגעוויזן דעם הענקער, ער זאָל אויפהערן זײַן ברוטאַלקײַט.

קיין שום אָפיציעלע אינסטאַנצן פון ייִסראָעל האָבן ניט אָפּגעלייקנט די דאָזיקע פאַקטן, און ס'איז לעכערלעך צו הערן די דערקלערונגען, אַז עס ווערן ניט פּראַקטיקירט קיין פּײַניקונגען אין די ייִסראָעלדיקע טורמעס.

ל. זאַהאַווי („דער וועג", טעל־אוויוו)

דאָס באגראָבענע הויז

טיילמאָל באוווּנדער איך די צוגעבונדנקייט פון די ארכעאָלאָגן צו זייער אופגאבע אופצודעקן די פארגאנגענהייט: אין אומדערמידלעכער ארבעט שטעלן זיי צונויף די מאָזאיִק פון דער טקופע. טויזנטער מוזייען אף דער וועלט זײַנען פול מיט אויסגעפונענע עקספּאָנאטן, וועלכע באווײַזן, וויִאזוי ס'האָבן געלעבט, געארבעט, זיך אָנגעטאָן און וויִאזוי עס זײַנען צו קוורע געבראכט די פאָטערס פון אונדזערע פאָטערס.

די ארכעאָלאָגן פון די קומענדיקע דורות וועלן זיכער ניט דורכלאָזן דאָס דאָרף קאליל, לעבן שכעם. פאָרשנדיק דאָס דאָזיקע אָרט, וועלן זיי געפינען אן אײַנגעוואָרפן הויז, און ס'וועט בא זיי אופקומען א פארלאנג פעסטצושטעלן, וויִאזוי דאָס הויז איז באגראָבן געוואָרן דאפקע דאָרט, ווו ס'האָט אין דער געגעבענער צײַט ניט געטראָפן קיין שום נאטירלעכער אומגליק. זיי וועלן זיכער אופדעקן, אז מענטשן האָבן דאָס געטאָן, מענטשן מיט קולטור, און געטאָן האָבן זיי דאָס מיט א בולדאָזער — אן אינסטרומענט, מיט וועלכן מע פירט דורך פארשיידענע גראָבונגען, קעדיי אויסצוגלײַכן דעם באָדן פאר בויונגען, וואָס אין אָט דער טקופע איז דאָס געווען וויכטיק פאר פיל היימלאָזע מענטשן.

די ארכעאָלאָגן וועלן זיך איבערצײַגן, אז מע האָט א נײַ הויז צעשטערט און באגראָבן, און זיי וועלן שטוינען. מיט דער הילף פון היסטאָריקער וועלן זיי זיך דערוויסן, אז אין דער צײַט פון דער ייִסראָעלדיקער אָקופּאציע פון אראבישער ערד זײַנען צעשטערט געוואָרן טויזנטער הײַזער און אז אינעם עלפטן יאָר פון דער אָקופּאציע איז אויסגעפינען געווארן א נײַע סיסטעם, און די דאָזיקע סיסטעם איז אויסגעפּרוּווט געוואָרן אין א קליינעם דאָרף לעבן שכעם.

קאליל איז א שיין דאָרף. די הײַזער שטייען הינטער א בארג, וועמענס שפּיצן דערגרייכן צו די בלויע הימלען. אף אָט דעם גרינעם שעטעך בליִען איילבירט־ביימער און פײַגן. מע וואָלט בעפּייִרעש געקאָנט באווונדערן די שיינקייט פון דער פּאנאָראם, ווען דאָס וואָלט געווען א פּאָשעטער באזוך און ניט קיין אליִע צום קייווער.

— זיי האָבן געזוכט מײַן זון, — זאָגט מיר א פרוי פונעם דאָרף. — ער איז אוועק פון דער היים און איז ניט צוריקגעקומען. דער אָפיצער האָט מיך געשלאָגן אין קאָפּ, ביז עס האָט מיר גענומען שווינדלען אין די אויגן. איך האָב געמיינט, אז ער וועט שיסן אין מיר. זיי האָבן געפאָדערט, איך זאָל אויסגעבן מײַן זון, אָבער איך ווייס דאָך ניט, ווו ער איז. און ווען איך וואָלט יאָ געוווּסט, וואָלט איך די נעשאָמע אָפּגעגעבן פאר אים. ער איז מײַן איינציקער זון, מײַן אויג אין קאָפּ. איך האָב אים דערצויגן אָן א פאָטער זינט צען יאָר, ווען איך בין אן אלמאָנע געוואָרן. אונדזער אלט הויז איז געווען א נעבעכדיקס, ס'האָט ניט אויסגעהאלטן די רעגנס און די ווינטן. האָבן מיר זיך איבערגעצויגן אין הויז פון מײַן פאָטער. אין ענגשאפט און אין דאכקעס האָבן מיר אָנגעהויבן בויען א היים. יאָרנלאנג האָבן מיר זי געבויט און געכאָלעמט וועגן דער מינוט, ווען מיר וועלן אריבערגיין אין אָט דעם נײַעם הויז — איך צוזאמען מיטן זון און מיט דער ייִנגערער טאָכטער. ווען מײַן זון האָט זיך מער ניט אומגעקערט, האָבן זיי אים געזוכט אין ביידע שטיבער און אים ניט געפונען...

— זיי האָבן אײַך ניט געוואָרנט, אז זיי וועלן אײַנוואָרפן דאָס נײַע הויז?

— ניין, אפילע מיט קיין איין וואָרט ניט.

זי פירט מיך צום אָרט. דאָס אָרט זעט אויס, ווי מע וואָלט עס ספּעציִעל אויסגעגלײַכט. ווען ניט די אויסגעקרימטע אײַזנס, וועלכע שטעקן ארויס פון אונטער די צעהאקטע שטיינער, וואָלט שווער געווען צו טרעפן, אז דאָ איז געשטאנען א הויז.

— זיי זײַנען געקומען פארטאָג און האָבן געפאָדערט די שליסל. ווען איך בין געקומען אהער מיטן פאָרזיצער פונעם דאָרף, האָבן זיי געזאָגט: „מיר וועלן אײַנוואָרפן דאָס הויז, ווײַל אײַער זון איז א פארברעכער"... איך האָב פארשטאנען, וואָס זיי וואָלטן מיט אים געטאָן, ווען זיי זאָלן אים געפינען. איך האָב זיי געזאָגט, אז מײַן זון איז ווערט טויזנט הײַזער. א יונגער זעלנער האָט מיט א בולדאָזער אָנגעהויבן וואָלגערן די ביימער, אזש דאָס הארץ האָט זיך בא מיר פארקלעמט. זיי האָבן פארצוימט די גאס, אוועקשטעלנדיק זעלנער ארום, און דערקלערט אויסנאם־צושטאנד אינעם דאָרף. דער בולדאָזער האָט געטאָן זײַן זאך, און ס'זײַנען צערונען געוואָרן מײַנע האָפענונגען, אז דער זון וועט כאַסענע האָבן, ער וועט מיר ברענגען אייניקלעך, און איך וועל פארגעסן דעם ביטערן גוירל פון אן אלמאָנע. כ'האָב ניט געוויינט, איך האָב בלויז געשריגן צו זיי: „וואָרפט אײַן, וויפל איר ווילט, דאָס וועט אײַך זײַן פאר פּאלעסטינע!"

זי ווערט אנשוויגן און פון אירע אויגן קוקט ארויס א גרויסער טרויער. ווײַטער רעדט איינער פון די איידעס:

— ווען זי האָט געשריגן וועגן פּאלעסטינע, האָבן זיי דאָס ניט געקאָנט פארטראָגן. דאָס דאָזיקע וואָרט האָבן זיי פײַנט. מע האָט זי געוואָלט שלאָגן, האָט זי געוואָרנט: „ווער עס וועט מיך אָנרירן, וועל איך אים אָפּהאקן די האנט". צאָרן און קויעך זײַנען געווען אין איר שטים — אזוינס האָבן מיר ביז דעמלט פון איר ניט געהערט. איינער פון זיי האָט געזאָגט: „לאָזט אָפּ די מעשוגענע". און זיי האָבן פאָרגעזעצט זייער ארבעט ביז שפּעט אָפּדערנאכט. פון פארטאָג ביז נאכט. ווען זיי האָבן פארענדיקט און דאָס הויז איז אײַנגעפאלן, האָבן מיר געמיינט, אז זיי וועלן שוין אוועקגיין. האָט זי פּלוצעם געבעטן, מע זאָל איר איבערלאָזן כאָטש א פענצטער און א טיר. זיי האָבן געקוקט אף איר מיט

אזוי ווערט פאַרווירקלעכט די פּאָליטיק
פון דער ייִסראָעל־רעגירונג בענעגייע די אַראַבער.
דער בולדאָזער צעוואַלגערט זייערע היַיזער

גרינגשעצונג, און מיר האָבן געזאָגט: „אלץ איז כאָרעוו געוואָרן, און איר בעט גאָר א טיר און א פענצטער. וואָס וועט איר טאָן מיט דעם?” דערווייַל האָט דער בולדאָזער אָנגעהויבן גראָבן א טיפע גרוב. מיר זייַנען געשטאַנען שאָקירטע. און ווען זיי האָבן פאַרענדיקט, איז אַלץ, וואָס עס איז געבליבן, באַגראָבן געוואָרן: גאַנצע טיילן ווענט, פענצטער, טירן, עלעקטרישע רערן — אלץ איז צוגעדעקט געוואָרן מיט ערד. דאָ, אונטן, ליגט דאָס גאַנצע הויז”...

אזוי האָט פאַרענדיקט דער איידעס, און איך האָב געהאַט דעם געפיל, ווי איך וואָלט געטראָפן אַף עפּעס לעבעדיקס.

די אַראַבישע פרוי קוקט אַף מיר און זאָגט:

— ווען זיי דערלויבן מיר, וואָלט איך אויסגעגראָבן אייניקע זאַכן. מאַמעש אַף אָט דעם אָרט, ווו איר שטייט, איז באַגראָבן א פּייַגנבוים...

זי זיפצט אָפּ. און איך טראַכט, אַז דאָס איז פּונקט ווי אַמאָל — באַגראָבן טויטע מיט זייערע קיילים. עמעצער זאָגט לעבן מיר טרוקן:

— זיי פירן זיך אוף ווי פאַרברעכער, וועלכע ווילן פאַרווישן זייער פאַרברעכן...

פונעם נאָענטן טייַכל קוקט אַרויס א רויט פעלדזיק בערגל. דער דעקאַבער־הימל איז בלוי, ווי אין פרילינג. לעבן דעם אויסגעגלייַכטן באָדן זעט מען אַן אונטערגעשניטענעם בוים, וועלכער איז ניט באַגראָבן געוואָרן. זייַנע בלעטער זייַנען נאָך גרין. די דאָרפס־מענטשן טרייסטן די אַלמאָנע. זייער צאָרן איז שטאַרק. זיי ווייסן, וואָס עס באַטייַט פאַרייניקטער קויעך...

פעליציִא לאַנגער („דער וועג”, טעל־אוויוו)

א בוך, וואָס העלפט די פאַרלייקענער פון דער קאַטאַסטראָפע

די טעג איז דערשינען דאָס בוך פון בען אַלישער „די פאַרשווערונג פון פאַרטיליקן” מיט אַן אַרייַנפיר פונעם פּרעמיער־מיניסטער מ. בעגין. אַרויסטרעטנדיק אין דער טעלעוויזיע, האָט דער מעכאַבער פונעם בוך געזאָגט: „די נאַצישע מאַכטן האָבן געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן עמיגרירן, דייַטשלאַנד זאָל זייַן ריין פון ייִדן, און ניט ליקווידירן זיי”.

ער האָט אויך באַהויפּטעט, אַז די נאַציס זייַנען גרייט געווען צו באַפרייַען ייִדן אפילע פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווען יענע וואָלטן געהאַט א וויזע אין אַן אַנדער לאַנד, און אַז בלויז אין 1941, בייס עס זייַנען פאַרמאַכט געוואָרן אַלע אַרויסגאַנגס־קאַנאַלן, האָבן די היטלעריסטן אָנגעהויבן די פאַרניכטונג. אינעם בוך רוקט בען אַלישער אַרויס די פראַגע: „צי האָט היטלער געוואָלט פאַרניכטן די ייִדן, אָדער ער האָט געוואָלט, זיי זאָלן אַרויספאָרן פונעם אייראָפּעיִשן קאָנטינענט?” דער ענטפער איז: היטלער און זייַנע קאָלעגן האָבן געוואָלט, אַז די ייִדן זאָלן עמיגרירן, אָנווענדנדיק פיל שריט אין דער דאָזיקער ריכטונג. „דער עמעסדיקער ציל פון היטלערן איז געווען — אויסרייניקן דייַטשלאַנד פון די ייִדן, מאַכן דאָס לאַנד „ירדענריין”. פון דעם דרינגט אַרויס, אַז ווען ס'וואָלט מעגלעך געווען די עמיגראַציע, וואָלט אויסגעמיטן געוואָרן די פאַרניכטונג.

דאָ וויל איך באַמערקן.

פאַרשיידענע פאָרשער פון דער קאַטאַסטראָפע זייַנען געאייניקט אין זייער מיינונג, אַז די עמיגראַציע איז געווען ניט עפּעס אַנדערס, ווי אַן איבערגאַנג־עטאַפּ אין דעם פאָרויס באַרעכנטן פּלאַן פון די נאַצישע רעגירער צו אַן „ענדגילטיקער לייזונג פון דער ייִדישער פראַגע אין אייראָפּע”, א פּלאַן, די באַשטאַנדטיילן פון וועלכן ס'זייַנען געווען: דאָס פאַרעכענען די ייִדן אַלס סאָנים, דאָס אָפּרויבן זייערע מענטשן־ און בירגער־רעכט, דאָס קאָנפיסקירן זייער אייגנטום, דאָס צווינגען זיי צו עמיגרירן, קאָנפיסקירנדיק זייער פאַרמעגן, קאָנצענטרירנדיק זיי אין געטאָס, דאָס אויסנוצן צוואַנגס־אַרבעט, דאָס אַרייַנוואַרפן זיי אין קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פאַרניכטנדיק זיי דאָרט. נאָך אין זייַן „שנעל־בריוו” האָט היידריך אופגעקלערט: „מע דאַרף אונטערשיידן צווישן 1) ענדגילטיקן ציל און 2) די עטאַפּן פון אויספירן דעם דאָזיקן ענדגילטיקן ציל”.

אין די לעצטע יאָרן איז דערשינען א פאַרצווייַגטע ליטעראַטור אין פיל שפּראַכן און אין פיל לענדער, וועלכע באַצייכנט די גוויִעס־איידעס וועגן דער ליקווידאַציע אַלס „ליגן”, „לעגענדע”, „שווינדל”, „שאַנטאַזש”. די דאָזיקע ליטעראַטור לייקנט ענערגיש אָפּ דעם פאַקט, אַז ס'זייַנען אומגעבראַכט געוואָרן 6 מיליאָן ייִדן,

אָנווײַזנדיק, אַז ס׳זײַנען געווען בלויז עטלעכע הונדערט טויזנט ייִדישע קאָרבאַנעס. איינע פון די שליסל־טײַנעס פון אַט דער נעאָנאַציסטישער ליטעראַטור איז: היטלער און די אָנפירונג פונעם דריטן רײַך האָבן געוואָלט ניט די פאַרניכטונג פון די ייִדן, נאָר זיי זאָלן עמיגרירן.

אַט וואָס עס שרײַבט דער נעאָנאַציסט ריטשארד האַרוואָר, וועלכער האָט פאַרעפנטלעכט אין ענגליש א בראָשור אונטערן נאָמען „צי זײַנען טאַקע געשטאָרבן 6 מיליאָן?״ (זי איז איבערגעזעצט אויך אין אַנדערע שפּראַכן): „מיר ווילן פּאָשעט ווײַזן, אַז די נאַציס, וועלכע זײַנען געווען איבערצײַגט אינעם רויִנירנדיקן אײַנפלוס פון די ייִדן, האָבן געהאַלטן, אַז די ליזונג פון דער דאָזיקער פראַגע באַשטייט אין ליקווידירן אַט דעם אײַנפלוס מיט פאַרשיידענע געזעצלעכע שריט. באַזונדערס באַשטייט דער וויכטיקער פּונקט פון זייער פּאָליטיק אין דערמוטיקן די טאָטאַלע עמיגראַציע אויסער דײַטשלאַנד... די נאַציסטישע פירער האָבן קיינמאָל ניט גענומען אין באַטראַכט א פּאָליטיק פון גענאָציד לעגאַבע זיי״.

ענלעכע ציטאַטן קאָן מען געפינען בא פיל אַנדערע נעאָנאַציסטן — פּאָל ראַסיניע, אויסטין אַפּ, הײַנץ ראָט אאַ., וועלכע זײַנען זייער אַקטיוו אויפן געביט פון אָפּלייקענען די קאַטאַסטראָפע. קעדיי צו באַגרינדן זייער טײַנע, ווײַזן זיי אָן, אַז אין פאַרשיידענע נאַצישע דאָקומענטן רעדט זיך ניט וועגן פאַרניכטונג, נאָר וועגן „עוואַקואַציע״ „אַרויסשטויסן״, „רייניקן״ אאַוו.

די נאַציס האָבן זיך טאַקע באַנוצט מיט די דאָזיקע און אַנדערע אויסדרוקן, דאָס זײַנען אָבער געווען בלויז פאַרטושונגס־מיטלען בענוגייע דער פאַרניכטונג. אַן אַנאַלאָגיע צו דער דאָזיקער מיינונג קאָן מען געפינען אין פיל איידעס־דערקלערונגען אויף די פּראָצעסן אין נירנבערג.

איך וויל ניט פאַרקלענערן די אַכרײַעס פון די מײַרעוודיקע מאַכטן, וועלכע האָבן געשלאָסן זייערע טויערן פאַר די ייִדישע פּלייטים. דאָס וואַרפט אויף זיי א שאַנדפלעק, אָבער ניט אין דעם איז די סיבע, וואָס האָט דערפירט קלוימערשט היטלערן צו אַן אויסוועגלאָזער לאַגע: אויב ניט עמיגראַציע, איז פאַרניכטונג. „אין די ראַמען פון דער ענדגילטיקער ליזונג פון דער ייִדן־פראַגע אין אייראָפּע קומען אין באַטראַכט 11 מיליאָן ייִדן״, — זאָגט זיך אינעם פּראָטאָקאָל פון דער וואַנזע־באַראַטונג אין 1942. וויאַזוי האָבן 11 מיליאָן ייִדן געקאָנט עמיגרירן, צי איז דאָס געווען פּראַקטיש מעגלעך?

די טעאָריע פון דעם מעכאַבער פונעם בוך „די פאַרשווערונג פון פאַרטיליקונג״ וועט העלפן די, וועלכע ווילן פאַרלייקענען די קאַטאַסטראָפע. די נעאָנאַציסטן וועלן זיך אָנכאַפּן אין דער דאָזיקער מעציִע פון א. בען אלישער. די פאַרלייקענער פון דער קאַטאַסטראָפע ווילן מער ווי ריינוואַשן דעם נאַציזם, זיי פּרוּוון אַרויסרופן אין יונגן דאָר און אין די קומענדיקע דורעס א צווייפל אינעם עצם פאַקט פון דער קאַטאַסטראָפע. דער מעכאַבער איז ניט בלויז א וויסנשאַפטלער, ער פאַרנעמט א הויכן מעלוכישן אַמט אין ייִסראָעל, און זײַן בוך וועט געבן א גוטן מאַטעריאַל לעטויוועס די פאַשיסטישע נאַציס.

יויסעף אַלגאַזי

כראָניק

טעאַטער און עסטראַדע

שמועל פערסאָווס א פּיעסע אין ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער

אָנהייב פרילינג האָט דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאַטער באַוויזן אינעם גרויסן זאַל פון דעם קולטור־פּאַלאַץ פון די פּראָפאַריינען די פּרעמיערע פון א נײַער פאָרשטעלונג לויט שמועל פּערסאָווס פּיעסע „וועגן־אומוועגן״ (רעזשי פון לעוו בראַגילעווסקי).

די האַנדלונג קומט פאָר אין די יאָרן פון בירגערקריג. די הויפּטראָלן פילן אויס די וועטעראַנען פונעם פאָלקס־טעאַטער יודל קאַץ, טאַניע גאָרעליק, מאָטל קאַנאָוויטש און די דעביוטאַנטקע טאַניע גלאַנץ, וועלכע האָט זיך באַזונדערס אויסגעטיילט אין דער ראָל פונעם סעקרעטאַר פון ראַיקאָם.

ווילנער צושויער האָבן וואַרעם אויפגענומען די געלונגענע פאָרשטעלונג.

דער פּופּציקסטער אויפטריט פון א פּרעמיערע

ס׳איז דורכגעגאַן ניט קיין סאַך צײַט, זינט דער ייִדישער מוזיקאַלער קאַמער־טעאַטער בא דער ביראָבידזשאַנער פילהאַרמאָניע אונטער דער אָנפירונג פון יורי שערלינג האָט באַוויזן די פּרעמיערע פון זײַן ערשטן ספּעקטאַקל „א שוואַרץ צײַמל פאַר א ווײַס פערדל״. דער יונגער טעאַטער־קאָלעקטיוו איז אַרויסגעטראָטן מיט זײַן ערשטלינג אין ביראָבידזשאַן, כאַבאַראָווסק, וולאַדיוואָסטאָק, מאָסקווע, אין א ריי שטעט פון די בײַ־באַלטישע רעפּובליקן.

לעצטנס האָט ער פאָרגענומען א גאַסטראָל־רײַזע איבער ווײַסרוסלאַנד. אין מינסק האָט ער אין משך פון א וואָך צײַט געשפּילט בא איבערגעפּולטע זאַלן אינעם קולטור־הויז פון די אײַזנבאַנלער אויף לענינס נאָמען, וווּ ער האָט פּײַערלעך אָפּגעמערקט זײַן פּופּציקסטן אויפטריט מיט דעם ערשטן ספּעקטאַקל.

דער יונגער טעאַטער אַרבעט איצט איבער א נײַער פאָרשטעלונג, וועלכע איז געבויט אויף מאָטיוון פון דער ייִדישער מוזיקאַלער פאָלקס־שאַפונג.

■

אילוסטראַציעס צו ווערק פון ייִדישע שרײַבער

(זע דאָס ארטיקל אף דער ז. 166)

(זע דאָס ארטיקל אף דער ז. 166)

מ י י ע ר א ק ס ע ל ר אָ ד. צו שאָלעם-אַלייכעמס דערציילונג „מעסושעלאַך"

מענדל גאָרשמאַן. צוויי אילוסטראַציעס צו מענדעלע מוכר־ספֿרימס „פישקע דער קרומער"

מארק שאגאל. צו י.־ל. פערעצעס „דער קונצנמאכער"

אלעקסאנדער טישלער. צו שאָלעם־אַלייכעמס דערציילונג „דער גליקלעכסטער אין קאָדני"

הערש אינגער. פראָנטיספּיס צו י.־ל. פּרעצעס דערציילונג „דער מעשוגענער באטלען”



מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער

די ייִסראַעל־ייִשוּווים אף די אָקופּירטע אַראַבישע טעריטאַריעס

אונטערן טערעץ, אַז מע מוז שאַפן „זיכערע גרענעצן פאַר ייִסראָעל", זעצט די בעגין־רעגירונג פאָר די רויבערישע קאָלאָניזאַטאָרישע פּאָליטיק פון פאַרהיטן און פאַרשטאַרקן די מאַכט פון ייִסראָעל אף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, פּרוּווגדיק זי פאַרדעקן מיטן שלייער פון „געזעצלעכקײַט". אַזוי, לעמאָשל, איז מיט אַ קורצער צײַט צוריק געמאָלדן געוואָרן, אַז די געזעצן פון דער מעדינע זײַנען כאַל אף די אַראַבישע אײַנוווינער פונעם מײַרעוו־ברעג פון יאַרדן און פונעם אַזאַ־סעקטאָר. עס איז לײַכט צו זען, אַז דער דאָזיקער באַשלוס איז פּראָסטפּאָשעט אַ נײַער טראָט אפן וועג צו אַנעקסירן די אַראַבישע טעריטאָריעס.

די צאָל ייִסראָעל־ייִשוּווים הינטער דער אַזוי־גערופענער „גרינער ליניע" דערגרייכט שוין איצט 96. ס'איז געשאַפן און פונקציאָנירט אַ ספּעציעלע מיניסטאָרן־קאָמיסיע, וווּהין עס גייען אַרײַן אָנפירער פון די מיניסטעריומס, וועלכע זײַנען אַזוי אָדער אַנדערש פאַרבונדן מיט דער בויונג אָדער פונקציאָנירונג פון די ייִשוּווים: פון לאַנדווירטשאַפט, וווינונג־בויונג, לאַנדשוץ, האַנדל און אינדוסטריע. פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע איז דער מיניסטער פון לאַנדווירטשאַפט שאַראָן.

דער איבערוואַנדערונג־אָפּטייל בא דער „ייִדישער אַגענץ" פאַרנעמט זיך מיט פּאַנאַנדעראַרבעטן פּלענער פון באַזעצן די אָקופּירטע טעריטאָריעס, און די מיניסטאָרן־קאָמיסיע שטודירט די דאָזיקע פּלענער, באַשטימט די צאָל ייִשוּווים, זייער דיסלאָקאַציע, ווי אויך די צײַט, ווען צו אָנהייבן זיי בויען. דורך איינעם פון די פאָנדן פון דער ציִעניסטישער קאַסע פירט דורך די „ייִדישע אַגענץ" די צוגרייטונג־אַרבעטן אף די טעריטאָריעס, וווּ די בויונג ווערט פּלאַנירט.

אף די גאָלאַנישע בערגלעך. אין אָט דעם סטראַטעגיש וויכטיקן ראַיאָן, וועלכער איז אַ טייל פון סיריע, איז פאַרפּלאַנירט באַזעצן ביזן סאָף 1979 אַרום 60 טויזנט ייִסראָעל־בירגער, דערונטער 20 טויזנט — אינעם ראַיאָן־צענטער קאַטרין, 20 טויזנט — אינעם אַראַבישן דאָרף מאַרזשכוראַ, 12 טויזנט אין 28 לאַנדווירטשאַפטלעכע ייִשוּווים און 8 טויזנט אין ניט־לאַנדווירטשאַפטלעכע ייִשוּווים, די טעריטאָריע כאַפּט אַרום אַ פּלאַץ פון בערערך 1.130 קוו. קילאָמעטער.

דער פּלאַן פון שאַפן ייִשוּווים כאַפּט אַרום, ווי מיר זעען, אַ גרויסן טייל פון די גאָלאַנישע בערגלעך, אײַנגעשלאָסן די ראַיאָנען אפן צאָפן, וווּ עס וווינען די אַראַבער־דרוזן. די אינוועסטיציעס אין דער בויונג פון די ייִשוּווים באַטרעפן אַרום 761 מיליאָן ייִסראָעל־לירעס.

אין 1978 איז געווען פאַרענדיקט די בויונג פון 29 ייִשוּווים, צוויי פון זיי אף די אָפּהאַנגען פונעם באַרג דזשעבעל־עש־שייך, וועלכע זײַנען באַשטימט פאַר טוריסטישע צילן. דרײַ ייִשוּווים זײַנען פון אַן אינדוסטריעלן טיפּ, דרײַ — ראַיאָן־צענטערס, די איבעריקע — פון אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן טיפּ.

די ייִשוּווים אף די גאָלאַנישע בערגלעך זײַנען קאָנצענטרירט אין צוויי גרונט־ראַיאָנען. איינער ציט זיך פונעם באַרג דזשעבעל־עש־שייך אף דער ליניע פונעם פײַער־אָפּשטעל ביזן וועג מאַסאַאַלאַ־על־קונייטראַ, דערנאָך ביזן וועג על־קונייטראַ־ראַפיד־על־כאַמלאַ. דער צווייטער ליגט דאָרעם־מײַרעוו־צו פון די גאָלאַנישע בערגלעך אינעם ראַיאָן פון דער טיווערִיאַדער אָזערע און פונעם באַטיך־טאָל.

אף דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן־טײַך. אַלס צווייטן, לויט דער וויכטיקײַט, ראַיאָן אף צו באַזעצן מיט ייִדן האַלט די ייִסראָעל־רעגירונג דעם מײַרעוו־ברעג פונעם יאַרדן. די באַזעצונג האָט זיך דאָ אָנגעהויבן אין 1968. דאַן זײַנען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע ייִשוּווים אף דער טעריטאָריע, וואָס ציט זיך פון בייט־שעאַן ביזן יאַם־האַמעלעך און ווײַטער אף דער טעריטאָריע פון זײַן מײַרעוו־ברעג ביזן ייִשעוו אײַן־הידי. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן בויען ייִשוּווים אין די ראַיאָנען פון שכעם (נאַבלוס), ייִערושאָלאַיִם, כעבראָן. אַן אינטענסיווע בויונג פון ייִשוּווים פירט זיך אינעם ראַיאָן פון על־גור, וואָס זייער צאָל האָט שוין דערגרייכט 23. פון זיי זײַנען 12 ייִשוּווים דיסלאָצירט אף דער טעריטאָריע צווישן בייט־שעאַן (אין צאָפן) און יאַם־האַמעלעך (אין דאָרעם), און 11 ייִשוּ־

ווים — פונעם בארג דזשבעל־נאבלוס ביזן שטעטל מאוואז על־אוואל.

אין ראיאָן ירושאלאים. צום 1978 איז ארום ירושאלאים געשאפן געוואָרן א קייט פון ייִסראעל־יישוּווים. די גרעסטע פון זיי זיַינען גאילו, מיזרעך־טאלפּיאָט, נאבו יאאקוב, ראמאט עשקאָל, צאפן־ראמאָט, עט־טע־לא־על־פאראנסיא, דאָרעם־טאלפּיאָט, צאפן־מיי־רעוודיקער ראמאָט. דער רעגירונגס־פּראָיעקט זעט פאָרויס צו שאפן אין די פאַרשטעט פון ירושאלאים נאָך צען יישוּווים פון אינדוסטרי־עלן טיפּ און דריַי יישוּווים פון שטאָטישן טיפּ. עס וועלן געשאפן ווערן: דער יישעוו דזשאַ־בון — צען קילאָמעטער מיַירעוו־צו פונעם קאַ־לענדאיער עראָפּאָרט, וואָס איז אויסגערעכנט אף 50 טויזנט מענטשן; דער יישעוו מאאליע אדאמים (על־האמאל־על־אכמאר) אף 25 טויזנט מענטשן און דער יישעוו אפראטא, וואָס וועט זיך געפינען בישכיינעס מיט בייט־לעכעם, אלס א פאַרבינדונגס־רינג צווישן ירושאלאים און גוט אטסיון. אין די אינדוסטריעלע אונטערנע־מונגען פון מאאליע אדאמים דארפן זיַין פארנו־מען ניט ווייניקער פון 350—400 ארבעטער.

אין העסקעם מיטן רעגירונג־פּלאן וועגן דער אנטוויקלונג פון ירושאלאים וועלן אויסגעבויט ווערן צוויי וועגן, וועלכע וועלן פאַרבינדן ירו־שאלאים מיטן ברעגלאנד, און פּאזע די דאָזיקע וועגן וועלן געשאפן ווערן נייַע יישוּווים.

צוגלייַך מיטן בויען יישוּווים און שוועסטער־שטעט ארום ירושאלאים זעצן פאָר די מאכט־אָרגאנען פון ייִסראעל צו קאָנפיסקירן ערד בא די אראבישע אייַנוווינער אין שטאָט גופע. די ייִסראעל־פּרעסע שרייַבט וועגן די פּלענער צו רעקאָנסטרויִרן די ייִדישע קווארטאלן אין אראַ־בישן טייל פון דער שטאָט. לויט די דאָזיקע פּלענער וועלן אינעם ערשטן עטאַפּ געבויט ווערן 630 וווינונג־אָביעקטן, וועלכע וועלן פאַר־נעמען ארום 105 דונאמען. אין העסקעם מיט דעם דאָזיקן פּלאן האָבן אין דעם ראיאָן זיך געדארפט באזעצן אין די יאָרן 1977—1978 600 ייִדישע געזינדן. סאכאקל דארפן לויטן פּלאן פון בויען דעם אזויגערופענעם „גרויס־ירושאלאים" אויסגעבויט ווערן 10 טויזנט וווינונג־אָביעקטן, און אין די נאָענטסטע יאָרן דארף ירושאלאים ארייַנעמען אין זיך ארום 150 טויזנט נייַע אייַנ־וווינער.

עס ווערט פאַרווירקלעכט דער פּלאן פון בא־זעצן אינעם מיזרעך־טייל פון ירושאלאים, דה. אינעם אראבישן טייל, פיר טויזנט ייִסראעל־בירגער. צוליב דעם טרייַבט מען ארויס די אראַ־בישע באפעלקערונג פון זייערע הייַזער, וועלכע ווערן אָדער איבערגעגעבן ייִדישע מישפּאָכעס, אָדער זיי ווערן אראָפּגעטראָגן און אף זייער אָרט בויט מען נייַע ייִדישע קווארטאלן.

אין דעם גאליל־ראיאָן. באזעצן און באהערשן די אראבישע טעריטאָריעס אין אָט דעם ראיאָן האָט מען אָנגעהויבן נאָך אין 1948, ווען צווישן בייטלעכעם (וויפלעיעם) און האַ־מעלעם איז אויסגעבויט געוואָרן דער יישעוו קפאר אטסיון, שפּעטער זיַינען דאָ אויסגעבויט געוואָרן נאָך דריַי יישוּווים: ראָש טעורים, אל־יאאזאר און אלאָן שאפּאָט. קפאר אטסיון און ראָש טעורים ספּעציאליזירן זיך אף דער לאנד־ווירטשאפטלעכער פּראָדוקציע, דער דריטער יישעוו איז אן אינדוסטריעל־טוריסטישער, און אלאָן שאפּאָט — א ראיאָנער צענטער.

דער יישעוו קיריאט־ארבא, וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן אין 1968, ציילט איצט 800 אייַנ־וווינער, פון זיי ארבעטן אין אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען 172 מענטשן.

לויטן פּלאן פון באזעצן גאליל דארף בא דער אראבישער באפעלקערונג קאָנפיסקירט ווערן ארום 250 טויזנט דונאמען ערד, אף וועלכע עס וועלן אויסגעבויט ווערן 18 ייִסראעל־יישוּווים. אין פאַריקן יאָר איז געשאפן געוואָרן א נייַער יישעוו — טיקוואא.

אין דעם נאבלוס־ראיאָן (שכעם). דער ערשטער יישעוו איז דאָ געשאפן געוואָרן בישכיינעס מיטן קריגס־לאגער אין ראיאָן פון קפאר קאדום, קעדיי די נייַע אייַנוווינער זאָלן זיך שטענדיק געפינען אונטער דער שוץ פון דער ארמיי און פּאָליציי. אין 1974 איז געגרינ־דעט געוואָרן א ייִדישער לאנדווירטשאפטלעכער קאָאָפּעראַטיוו אף דער ערד פונעם אראבישן דאָרף טובאס. אין 1976 — א לאנדווירטשאפט־לעכער יישעוו ניט ווייַט פונעם דאָרף כאזשא, אף א שטעטך פון בערערך 1.000 דונאמען, דאָרט וווינען איצט ארום 200 ייִסראעל־געזינדן. אין 1977 איז מען צוגעטראָטן צו בויען דעם יישעוו פארים, ניט ווייַט פון טולקארם. אייַנצייַ־טיק האָט מען באשלאָסן אויסבויען דעם וועג קפאר־קאסים—על־גור—נאבלוס, קעדיי סטימו־לירן ייִסראעל־אייַנוווינער, זיי זאָלן זיך בא־זעצן אין אָט דעם ראיאָן.

עס איז שוין באשטעטיקט דער פּלאן צו שאפן אף דער ערד, וואָס איז קאָנפיסקירט בא די אראבער, נאָך 12 יישוּווים.

אין דעם אזא־סעקטאָר. באם שאפן יישוּווים אין אָט דעם ראיאָן האָבן די מאכט־אָרגאנען פון ייִסראעל זיך אָנגעשטויסן אף א ריי שוועריקייַטן. די וויכטיקסטע — די געפּאַקט־קייַט פון דער באפעלקערונג אף די ערד־כאלאָ־קים, וועלכע טויגן פאר א נאָרמאל לעבן, און דער מאנגל אין וואסער־באזאָרגונג. אָבער די מאכט־אָרגאנען פון ייִסראעל האָבן קאָנפיסקירט בא די אראבער ארום 120 טויזנט דונאמען ערד — אן ערעך א דריטלטייל פון דער טערי־טאָריע פונעם אזא־סעקטאָר.

אין 1972 איז בא די פּאלעסטינער קאָנפיס־קירט געוואָרן די ערד, וואָס ליגט אינעם צענ־טער פון דעם אזא־סעקטאָר. אין ראיאָן פון אבו מאדעין (דאָרעמדיקער פון דער שטאָט אזא) זיַינען קאָנפיסקירט געוואָרן 4 טויזנט דונאמען און צווישן די שטעט אזא און באן־יוניס — צען טויזנט דונאמען. אף דער דאָזיקער ערד האָט מען אויסגעבויט דעם יישעוו נאטסארים, און

שפּעטער האָט מען אפן ברעגלאַנד פונעם מיטל־לענדישן יאַם אויסגעבויט דעם יִשעוו מוראַדזש. אין 1973 איז געשאַפן געוואָרן דער יִשעוו קוטייף.

צום 1977 זײַנען אינעם אזא־סעקטאָר געווען פיר גרויסע יִסראָעל־יִשוּווים. דער פערטער יִשעוו — קפאַר דארום, וואָס געפינט זיך לעבן דעם דאָרף דעיר־על־באַליאַך, איז געשאַפן געוואָרן אַף דער באַזע פון אַ קריגס־יִשעוו.

ניט לאַנג צוריק האָט די יִסראָעל־אַדמיניסטראַציע פאַנאַנדערגעוויקלט אַ ברייטע בויונג אינעם ראַיאָן צווישן דעם מידבאַר סיני און דעם אזא־סעקטאָר. דער דאָזיקער ראַיאָן האָט באַקומען דעם נאָמען יִיצכאָק־ראַפּיִאַ.

אינעם צאָפּן־טייל פון דעם סעקטאָר איז אפן אָרט, ווו עס איז געווען דאָס דאָרף בייט־כאַנום, געשאַפן געוואָרן אַן „אינדוסטריִעל דאָרף" אַף אַ שעטעך פון בערערך 800 דונאַמען. דאָרט געפינען זיך 17 אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען, ווו עס אַרבעטן אַרום 500 מענטשן. אין 1977 איז באַשטעטיקט געוואָרן דער פּראָיעקט צו שאַפן אין אָט דעם ראַיאָן נאָך פיר אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען.

אַ פ ן ס י נ ײַ ע ר ה אַ ל ב ־ אי נ ד ז ל. די יִשוּווים געפינען זיך, אַלס קלאַל, אינעם צאָפּנדיקן טייל פונעם האַלב־אינדזל, אין דרײַעק ראַאָראַך—אַריש—ניט־סאַנאַ און וויניקער אינעם ראַיאָן שאַרם־אַש־שייך.

דער גרונט־ציל פון בויען אָט די יִשוּווים איז — שאַפן אַ זאָנע, ווו דער אזא־סעקטאָר וועט זײַן איזאָלירט פון מיצראַיִם.

אינעם פּראָיעקט איז געווען אויך פאָרויסגעזען צו שאַפן בײַגרענעץ־יִשוּווים מיטן צענטער אין אַ גרויסער שטאָט און בויען אַ טיפן וואַסער־פּאָרט. צוליב דעם דאָזיקן ציל האָט יִסראָעל פאַרכאַפּט 133 טויזנט דונאַמען ערד אינעם ראַיאָן פון יִיצכאָק ראַפּיִאַ און אַרויסגעטריבן פון זייערע הײַזער 1.538 אַראַבישע געזינדן.

עס זײַנען שוין אויסגעבויט 16 יִשוּווים אינעם צאָפּן־טייל פון סיני. די שטאָט יאַמיט וועט לויטן פּלאַן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ גרויסן פּאָרט מיט אַן אַעראָדראָם, ווױן־קוואַרטאַלן אַף 250 טויזנט אײַנוווינער און אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגען. אויסצופילן דעם דאָזיקן פּראָיעקט איז לויטן פּלאַן אָנגעמערקט צום 1985. איצט געפינען זיך דאָ דערווײַל 150 געזינדן.

דאָס ברעגלאַנד פונעם אַקאַבישן אײַנגוס אין ראַיאָן שאַרם־אַש־שייך באַטראַכטן די מאַכט־אָרגאַנען פון יִסראָעל אַלס סטראַטעגישע טעריטאָריע, און זיי האָבן ניט בעדייע צו אומקערן זי צוריק די אַראַבער אונטער קיינע וואַריאַנטן פון אײַנרעגולירן דעם קאָנפליקט אפן נאָענטן מיזרעך. עס ווערט דאָ פאָרגעזעצט די בויונג פון לאַנדווירטשאַפטלעכע און אינדוסטריִעלע יִסראָעל־יִשוּווים. דערנעבן ווערט לעבן שאַרם־אַש־שייך געשאַפן די יִסראָעל־שטאָט אופירא, ווו עס דאַרפן אויסגעבויט ווערן 3.500 וווינונג־אָביעקטן. דערווײַל זײַנען אויסגעבויט בלויז 300 אָביעקטן. דאָרט געפינען זיך אויך צוויי יִשוּווים ער־זוכאַוו (פאַר טוריסטישע צוועקן) און דער לאַנדווירטשאַפטלעכער יִשעוו נאַפּיאָט.

די פּלענער פון באַזעצן און באַהערשן די אָקופּירטע טעריטאָריעס ווערן סיסטעמאַטיש באַנײַט. די בעגין־רעגירונג, וואָס האַלט דעם אַלאָן־פּלאַן (פון 1976) אַלס יעסאָד פאַר בויען נײַע יִשוּווים, זעט פאָרויס צו „פאַריִדישן" אַלע אָקופּירטע טעריטאָריעס.

אין 1978 איז דעם פאָרזיצער פון דער מיניסטאָרן־קאָמיסיע שאַראָנען איבערגעגעבן געוואָרן דער פּלאַן פון שאַפן יִשוּווים, וועלכן עס האָט מיט אַ יאָר פריִער פאַנאַנדערגעאַרבעט דער געוועזענער שעף פונעם איבערוואַנדערונגס־אָפּטייל בא דער יִדישער אַגענץ י. קאָהאַן. דער טאַך פון אָט דעם פּראָיעקט איז אַזאַ: דיסלאָצירן די יִדישע באַפעלקערונג אַף דער גאַנצער טעריטאָריע פונעם לאַנד, נעמענדיק דערבײַ אין אַכט פריִער פאַר אַלץ די פראַגן פון פּאָליטיק און זיכערהײַט. אַפן מײַרעוו־ברעג ווערט, לעמאָשל, פּלאַנירט צו שאַפן ראַיאָנען, ווו עס וועלן וווינען בלויז יִסראָעל־בירגער, בויען דאָרט די יִשוּווים אַזוי, אַז איינער פונעם אַנדערן זאָל אָפּשטיין ניט מערער ווי אַף 15־20 קילאָמעטער.

עס איז אָנגעמערקט צו פאָרזעצן אָדער פאָרענדיקן אין די נאָענטסטע פיר יאָר די בויונג פון פינף סטראַטעגישע אויטאָסטראַדעס: דעם וועג יערושאָלאַיִם—לאַטרון—טעל־אוויוו; דעם וועג צווישן פּעטאַך־טיקוואַ און על־גוראַם, וועלכער וועט זיך אָנהייבן פונעם יִשעוו קפאַר־קאַסעם און וועט דורכגיין איבער די אַראַבישע לאַנדווירטשאַפטלעכע טעריטאָריעס דאָרעמדיקער פון דער שטאָט נאַבלוס (שכעם); דעם וועג אַשדאָד־גום אַטסיון—יִשעוו מאַטסאָפּאַ שאַלים אַפן ברעגלאַנד פונעם יאַם־האַמעלעך; דעם וועג מאַאַליִאַ אַדומים—יערושאָלאַיִם—קאַנאַדיִאַ—על־לאַד—טעל־אוויוו; דעם וועג מאַאַליִאַ אַדומים—טיקוואַא—קיריאַג—אַרבאַ—אַראַד פאַר די פאַרבינדונגען צווישן יערושאָלאַיִם און דער שטאָט עין־נאַקב.

דער אַלגעמיינער פּלאַן צו באַזעצן די אַראַבישע טעריטאָריעס מיט יִסראָעל־בירגער זעט פאָרויס צו פאַרגרעסערן די צאָל אײַנוווינער פון די יִשוּווים פאַר פינף יאָר אַף 50 פּראָצענט. די יִסראָעל־רעגירונג פּלאַנירט בלויז האַיאָר (אין 1979) צו באַזעצן אין די נײַע יִשוּווים 2 טויזנט נײַע אײַנוווינער.

די בויונג פון יִשוּווים האָט ווײַטערדיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע צילן. פאַרבינדנדיק די עקאָנאָמיק פון די אָקופּירטע טעריטאָריעס מיט דער יִסראָעל־עקאָנאָמיק, באַזעצנדיק די דאָזיקע טעריטאָריעס אין גרונט מיט יִדן, וויל די יִסראָעל־רעגירונג אויסנוצן דאָס אַלס אַ קאָזיר אין פאַל, אויב די פּאַלעסטינע־פּראָבלעם וועט באַהאַנדלט ווערן אַף די אָדער אַנדערע צווישנפעלקערלעכע פאָרומס.

■ ■ ■

דער סעפּאַראַטער אָפּמאַך צווישן ייִסראָעל און עגיפּעט — א טייל פון דער מיליטאַריסטישער סטראַטעגיע פונעם אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם



ווי עס איז צו זען פון דער דאָזיקער מאַפּע, וועלכע מיר דרוקן איבער פון דער מילאַנער (איטאַליע) וואָכנבלאַט „פּאַנאָראַמאַ", רעכענען אויס די אמעריקאַנער גענעראַלן ניט נאָר אויף דעם מיליטעריש־פּאָליטישן בלאָק מיטן אָנטייל פון ייִסראָעל און עגיפּעט. זיי דערלאָזן אויך א אינטערווענץ פון זייערע באוואָפנטע קויכעס קעגן די לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך. פון דער מיליטערישער באַזע אויפן אינדזל דיעגאָ־גאַרסיאַ אינעם אינדישן אָקעאַן דראָען די פּענטאַגאָנער סטראַטעגן צו באַשיסן מיט זייער אוויאַציע און מיליטערישן פלאָט א טעריטאָריע מיטן ראַדיוס פון 4500 קילאָמעטער. פון די באַזעס אין סיניי, וועלכע פּשא באַקומט לויטן אָפּמאַך מיט ייִסראָעל און עגיפּעט, קלײַבן זיי זיך קאָנטראָלירן נײַע ראַיאָנען מיטן ראַדיוס פון 1000 קילאָמעטער.

דער סעפּאַראַטער עגיפּטיש־ייִסראָעלדיקער אָפּמאַך, וועלכער איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין וואַשינגטאָן מיטן אָנטייל פונעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און לויט זײַן אָנווײַזונג, איז א נײַער מאַנעווער אין דער סטראַטעגיע פונעם אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם אויפן נאָענטן מיזרעך. אין מעשך שוין פון א לענגערער צײַט טראַגט זיך וואַשינגטאָן ארום מיט פּלענער צו אײַנשטעלן א קאָנטראָל איבער די רײַכע נאַטור־רעסורסן פון דעם דאָזיקן ראַיאָן,

דער סעפּאַראַטער אָפּמאַך צווישן יִיסראָעל און עגיפּטע — א טייל פון דער מיליטאַריסטישער סטראַטעגיע פונעם אמעריקאַנער אימפּעריאַליזם



פאַרוואַנדלען אים אין א פּלאַצדאַרם פאַרן קאַמף קעגן די פּראָגרעסיווע לענדער און נאַציאָנאַל־באַפרײַערישע באַוועגונגען. דער קראַך פונעם אַנטיפאָלקישן פעאָדאַלן רעזשים אין איראַן, דער פאַנאַנדערפאַל פונעם אימפּעריאַליסטישן מיליטערישן בלאָק סענטאָ, די כוואַליע פון אַנטיאַמעריקאַנישע שטימונגען אין פיל לענדער פונעם נאָענטן מיזרעך צווינגען די רעגירנדיקע קרײַזן פון פּשא צו פאָרסירן דאָס שאַפן א נײַעם מיליטעריש־פּאָליטישן בלאָק — צווישן וואַשינגטאָן, קאַיר און טעל־אָוויוו. די פּיבערדיקע אָנשטרענגונגען פון די אַמעריקאַנער מיליטאַריסטן צו פאַרברייטערן זייער באַוואָפנטע אָנוועזנהײַט אפן נאָענטן מיזרעך, פאַרוואַנדלענדיק אים אין אן אַרסענאַל פון אַמעריקאַנער געווער, איז אין דער ערשטער ריי געריכטעט קעגן די אינטערעסן פון די פעלקער פונעם רעגיאָן. דאָס קאָן אויך ניט איבערלאָזן גלײַכגילטיק דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, אף וויפל ס׳גייט א רייד וועגן א ראַיאָן, וועלכער געפינט זיך אין דירעקטער נאָענטקײַט פון זײַנע גרענעצן.

דער מאָסקווער זשורנאַל „נאָוואָיע וורעמיאַ” האָט צונויפגעשטעלט אָט די מאַפּע אפן סמאַך פון א קאָמענטאַר אינעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „ניוסוויק”. מע זעט בווילעט, אַז אין דרײַ יאָר אַרום נאָכן אונטערשרײַבן דעם יִיסראָעל־עגיפּטישן „שאָלעם”־אָפּמאַך, ווען דאָס יִיסראָעלדיקע מיליטער וועט אַרויסגעפירט ווערן פון סינײַ, וועט דאָס האַלב־אינדזל זײַן צעטיילט אף דרײַ זאָנעס. אין דער ערשטער וועט עגיפּעט מעגן אײַן דיוויזיע, אין דער צווייטער — פיר באַטאַליאָנען גרענעץ־מיליטער, די דריטע זאָנע (אָנהייבנדיק פון דער ליניע על־אַריש — מוכאַמעד און ביז דער גרענעץ מיט יִיסראָעל) וועט זײַן דורכויס דעמיליטאַריזירט. וואָס איז שײַעך די אונטערהאַנדלונגען וועגן „אויטאָנאָמיע פאַר דער באַפעלקערונג” פונעם מײַערװ־ברעג און אַזאַ־סעקטאָר שטעלן זיי פאַר זיך א ציל צו לעגאַליזירן די אָקופּאַציע און קאָלאָניזאַציע פון די דאָזיקע ראַיאָנען. אינעם אָפּמאַך זײַנען אפילו ניט דערמאָנט די אָקופּירטע גאָלאַנער הייכקײַטן.

אלס אָפּצאָל פאַר דער פאַרמיטלונג וועט אַמעריקע באַקומען יאַם־מיליטערישע באַזעס אין די יִיסראָעלדיקע האַפנס כײַפע און אַשדאָד און אינעם עגיפּטישן פּאָרט שאַרם אַש־שייך ווי אויך צוויי אַוויאַ־באַזעס אין יִיסראָעל און איינע (עציאָן) אין סינײַ.



אינעם לייען־זאַל פון דער אָבלוטשיער שטאָטישער ביבליאָטעק

די לייענערן פון דער געגנטלעכער ביבליאָטעק אױף שאָלעם־אַליכעמס נאָמען סאַרע נעכזער באַקאַנט זיך מיט א נײַעם בוך

אױפן ביכער־מאַרק אין ביראָבידזשאַן

אין דער ביבליאָטעק פֿונעם דאָרף דעזשניאָװאָ

בירא̇בידזשאן אף דער עסטראדע

די זעלבסטעטיקע ארטיסטן פונעם זאווא̇ד „דאלסעלמאש" (פון רעכטס אף לינקס):
א. קלימא̇וו, ל. גא̇רעליק, א. גא̇לישעווא, מ. סיריצקי, מ. גיליעוויטש

די יונגע פידלערן פון דער בירא̇בידזשאנער
מוזיקאלער שול נאטאשע דיזשור

בייס די א̇פרו־שא̇ען פון דער יוגנט אין דער
צוזאמענוווינונג פון דער זא̇קן־טריקא̇טאזש־פאבריק

עס טרעט ארויס דער פידלער־אנסאמבל פונעם בירא̇בידזשאנער קולטור־פאלאץ

א ייִדישער וואַריאַנט צו א פֿאָלקס־ליד אין פּושקינס „סצענעס פֿון ריטערישע צײַטן"

עס איז באַקאַנט, אַז א. פּושקינס שאַפֿונג איז מיט טיפֿע פֿעדעם געווען געבונדן מיט דער רוסישער פֿאָלקס־פּאָעזיע. א היפּשע צאָל באַדײַטנדיקע ווערק פּושקינס, לעמאָשל, זײַנע מײַסעס, די לידער וועגן סטענקא ראַזין און אַנדערע, זײַנען אינגאַנצן געבויט אָף רוסישן פֿאָלקלאָר־שטאָף. מיט דער אַנציקונג פֿון א קינסטלער, וואָס איז געבליבן שטיין, ווי פֿאַרגאַפּט, פֿאַר די גרויסע קינסטלערישע ווערטן, וואָס עס האָט געשאַפֿן דאָס פֿאָלק, האָט פּושקין געשריבן אין איינעם א בריוו זײַנעם:

„...סאַרא פּראַכט, סאַרא זין, סאַרא סייכל עס איז פֿאַראַן אין יעדן ווערטל אונדזערן, סאַרא גאָלד!.. סאַרא שיינקײַט עס זײַנען די מײַסעס. יעדע איינע איז א פּאָעמע".

אָבער דער גרויסער רוסישער פּאָעט האָט געהאַט וויסן און אינטערעס ניט נאָר צו דער רוסישער פֿאָלקס־שאַפֿונג, נאָר אויך צו דער פֿאָלקס־שאַפֿונג פֿון אַנדערע פֿעלקער.

אין איינעם פֿון פּושקינס ניט פֿאַרענדיקטע ווערק, אין דער דראַמע „סצענעס פֿון ריטערישע צײַטן", געפֿינען מיר, צווישן אַנדערס, אַזא בילד: דער הויפּט־העלד פֿונעם ווערק פֿראַנץ זינגט אַזא ליד:

קומט באַנאַכט אַהיים דער מילנער.
— ווײַבל! שטיוול כ'זע, וואָס הייסט?
— אַך דו, וויסטער שיקער, שטיל נאַר!
סאַרא שטיוול? סאַרא בייז?
ס'פּלאָנטערט דיך א רוען מיט הערנער?
ס'איז דאָך עמער. — עמער? הער נאַר!
כ'לעב אָף דר'ערד שוין פֿערציק יאָר, —
ניט אין כאָלעם, ניט אין וואָר
כ'האָב נאָך ניט געזען ביז הײַנט,
ס'זאָל אָף עמער שפּאָרן זײַן.

די דאָזיקע ליד שטעלט מיט זיך פֿאָר, ווי די פּושקין־פֿאָרשונג האָט פֿעסטגעשטעלט, פּושקינס אַן איבערזעצונג פֿון אַן אַלטער שאָטלענדישער פֿאָלקס־ליד. אין דער ערשטער סטראָפֿע פֿון דער דאָזיקער שאָטלענדישער ליד זעט דער מאַן בײַ זיך לעבן דער שטוב א געזאָטלט פֿערד, אין דער צווייטער—שטיוול, אין דער דריטער — א שווערד, אין דער פֿערטער — א פֿאַריק, אין דער פֿינפֿטער — א קאַפּטאַן און אין דער זעקסטער — א יונגן באָכער (זע פּושקין, אַלע ווערק, ב. 7, פֿאַרלאַג פֿון דער אַקאַדעמיע פֿון פֿססר, ז. 658).

אינטערעסאַנט איז, אַז פּושקין האָט אינעם געגע־בענעם פֿאַל אָנגעטראָפֿן אָף איינער פֿון יענע פֿאָלקס־לידער, וואָס זײַנען פֿאַרשפּרייט אינעם פֿאָלקלאָר פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער. וואַריאַנטן פֿון דער ליד זײַנען פֿאַראַן אויך אינעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. פֿון איינעם פֿון די ייִדישע וואַריאַנטן (געדרוקט בײַ י. ל. קאַהאַן, ייִד. פֿאָלקס־לידער, ב. 2, ז. 77) ברענגען מיר דאָ די ערשטע סטראָפֿע און די סטראָפֿע, וואָס איז לויט איר אינהאַלט פּאַראַלעל צו דער סטראָפֿע פֿון דער שאָטלענדישער פֿאָלקס־ליד, וועלכע עס האָט אויס־גענוצט פּושקין.

„גיי איך מיר צו צום שטעלעכל,
איינס, צוויי, דרײַ!
דאָ שטייט זיך מיר א פֿערדעלע,
אוי, ווי שיין!
דאָ פֿרעג איך מיר מײַן ווײַבעלע,
וועמ דאָס פֿערדעלע איז?
„דאָס איז דאָך גאָר א מילך־קו
פֿון מײַן מאַמעשי!"
אוי, וויי, א מילך־קו מיט אַזעלכע
זאָטעלעך!
אוי, וויי, א מילך־קו מיט אַזעלכע
זאָטעלעך!

גיי איך מיר צו צום ווינקעלע,
איינס, צוויי, דרײַ!
דאָ שטייט זיך מיט א פּאָר שטיוועלעך,
אוי, ווי שיין!
דאָס פֿרעג איך מיר מײַן ווײַבעלע,
וועמ די שטיוועלעך זײַנען?
„דאָס איז דאָך גאָר א פּאָר מילך־טעפּ
פֿון מײַן מאַמעשי!"
אוי וויי, א פּאָר מילך־טעפּ
מיט אַזעלכע שפּאָנדלעך!
אוי, וויי, א פּאָר מילך־טעפּ
מיט אַזעלכע שפּאָנדלעך!

ז. סקודיצקי
(פֿונעם אַרכיוו)

נײַע ביכער פון ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער

1. אף ייִדיש (פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל")

נאַטע לוריע. „יאַם און הימל".

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן דער ראָמאַן „די געשיכטע פון א ליבע", די דערציילונגען און פאַרצייכענונגען „באַנאַכט אף פּאַשע", „דער לעצטער", „אין דער זאַווערוכע", „אַנטאָגי, ביסענטי און ערינגאַ", „עסטער", „כאַנוקאָס־האַבאַיס", „באַם יאַם", „געוועזן איז עס אין כוידעש יון", „ליִעס גוירל", „אונטערן עפּלבוים", „א באַגעגעניש", „איר זײַט דאָך שכיינים", „אַט וואָס ס׳איז נאָך פאַרבליבן פון אמאָל", „יעפים אַרנאָלדאָוויטש", „די שילער האָבן געשפּילט א מאַרש", „יאַם און הימל, הימל און יאַם", וועלכע דער אַוטאָר האָט אָנגעשריבן פאַר די לעצטע יאָרן, ווי אויך אייניקע פריִע ווערק, גרינטלעך איבערגעאַרבעטע מיצאַד דעם אַוטאָר.

אין דער אַנאָטאַציע צום בוך ווערט געזאָגט:

„די פּראָזע פון נאַטע לוריע טיילט זיך אויס מיט איר אַקטועלקײַט, מיט איר קלאָרער טיפער אידייִשקײַט, מיט דער זויבערקײַט און בילדערישקײַט פון דער שפּראַך. די געשטאַלטן פון זײַנע ווערק זײַנען רעאַליסטיש, פּולבלוטיק, די נאַטור־בילדער — פּאָעטיש רײַך".

דער בוך אנטהאַלט 288 זײַטן. טיראַזש — 2400 עקז.

עליע גאָרדאָן. „אונטער דער הייסער זון".

דאָס איז ע. גאָרדאָנס נײַער ראָמאַן, וועלכער באַשטייט פון דרײַ טיילן. ער כאַפּט אַרום א צײַטאָפּשניט פון די ערשטע רעוואָליוציאָנערע יאָרן ביז אונדזערע טעג.

אין דער אַנאָטאַציע ווערט געזאָגט:

„פון דער פריִער יוגנט וואַנדערט איבער דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן עליע מעהודין אין די קרימער סטעפּעס. ערדאַרבעט ווערט זײַן לעבנסבאַרוף, זײַן מעסירעסנעפעשדיקע אַרבעט, דערפינדערישקײַט, גרויסע אויפטוען אין דער לאַנדווירטשאַפט שאַפן אים א נאָמען אינעם גאַנצן לאַנד. באַנאַנד מיט עליע מעהודינען זײַנען אינעם ראָמאַן „אַרויסגעפירט א ריי אַנדערע געשטאַלטן פון ערלעכע האָרעפּאַשניקעס."

דער בוך אנטהאַלט 464 זײַטן. טיראַזש — 1 800.

יויסעף ראַבין. „אין פאַרשיידענע יאָרן".

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן די ראָמאַנען „אין פאַרשיידענע יאָרן", „לייע און איר מאַמע" און עלף דערציילונגען.

אין דער אַנאָטאַציע ווערט געזאָגט:

„צווישן די, וואָס האָבן באַנאַנד מיט די פּאַרטיזאַנער פון דעניס דאַווידאָוון געקעמפט פאַר באַפרײַען זייער היימלאַנד פון די נאַפּאָלעאָנישע כאַיאָלעס, זײַנען געווען אויך די גראָדנער טוישווים פינכעס באַס און זעליק פעדער. אַרום די געשעענישן פון זייער לעבן, פונעם לעבן פון דעם זעלטענעם פאָלקס־מענטש הערשל דעם סטאָליער און זײַן מישפּאָכע וויקלט זיך פאַנאַנדער דער הויפּט־סוזשעט פונעם ראָמאַן („אין פאַרשיידענע יאָרן"); אין דעם קלענערן ראָמאַן „לייע און איר מאַמע", ווו עס ווערט געמאָלט דאָס לעבן פון סאָוועטישע מענטשן אין סאָף 20־ער, אָנהייב 30־ער יאָרן, ווערן באַהאַנדלט מאָראַלישע פּראָבלעמען. א טייל דערציילונגען איז געווידמעט דער העלדישער און טראַגישער צײַט פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. אַנדערע — דער בריוגע פונעם לעבן נאָך דער מילכאָמע".

דער בוך אנטהאַלט 448 זײַטן. טיראַזש—1950 עקז.

2. אף רוסיש (פאַרלאַג „כודאָזשעסטווענאַיאַ ליטעראַטוראַ")

לייב קוויטקאָ. „אויסדערוויילטס".

אינעם בוך זײַנען אײַנגעשלאָסן ל. קוויטקאָס וויכטיקסטע לידער, וועלכע דער צונויפשטעלער קלאַסיפיצירט לויטן כראָנאָלאָגישן סיידער, ווי אויך דער ראָמאַן אין פערזן „יונגע יאָרן" (דערשינען אין 1941 אין קאָוונע, נאָר צום לייענער ניט דערגאַנגען, ווײַל דער גאַנצער טיראַזש איז אומגעקומען אין סאַמע אָנהייב פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע).

דער צונויפשטעלער פונעם בוך איז דער רוסישער סאָוועטישער דיכטער לעוו אָזעראָוו. אים געהערט אויך די צוגרייטונג פון די טעקסטן און דאָס אַרײַנפיר־וואָרט, אין וועלכן עס איז צווישן אַנדערס אָנגעוויזן, אַז לייב קוויטקאָס ווערק זײַנען דערשינען אין א בוך־פאָרם אין דער איבערזעצונג אף 36 שפּראַכן פון די פעלקער פון פססר און אף עטלעכע אויסלענדישע שפּראַכן.

די איבערזעצער פון די לידער זײַנען ס. מאַרשאַק, יע. בלאַגינינאַ, מ. סוועטלאָוו, ס. מיכאַלקאָוו, ט. ספּענדיאַראָוואַ, יאַ. כעלעמסקי, א. אַכמאַטאָוואַ, ב. סלוצקי, ל. אָזעראָוו און אַנד.

דער בוך אנטהאַלט 398 זײַטן. טיראַזש—10 טויזנט עקז.

אַרן ווערגעליס. „אויסדערוויילטס".

דער בוך באַשטייט פון 11 אָפּטיילן, וועלכע שפּיגלען אָפּ טעמאַטיש דעם דיכטערס שאַפונג אין משך פון העכער פיר צענדליק יאָר.

אינעם אָפּטייל „וואָרצלען" זײַנען אײַנגעשלאָסן די לידער וועגן ביראָבידזשאַן און וועגן דער איבערגעגעשטאַלטונג פונעם טײַגע־קאַנט. דער אָפּטייל „דאָס רוסישע פעלד" איז געווידמעט דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. די ווײַטערדיקע אָפּטיילן — „דער וועג צו דײַן האַרץ", „א טפילע", „דאַרשט", „יאַם־לידער", „גיי אַרײַן אין מײַן וועלט, Sta Viator", „א ליד ווערט געבוירן", „דאָס גאָלדענע פינגערל" — שטעלן מיט זיך פאָר פילאָסאָפישע ליריק און ליבע־מאָטיוון. דער אָפּטייל „אין וועג" שליסט אײַן לידער, וועלכע דער דיכטער האָט אָנגעשריבן בייס זײַנע פילצאָליקע רײַזעס איבער פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט.

די לידער האָבן איבערגעזעצט אף רוסיש מ. סוועטלאָוו, יע. יעווטושענקאָ, ב. אָקודזשאַוואַ, ס. נאַראָווטשאַטאָוו, יאַ. קאָזלאָווסקי, ב. סלוצקי, ר. קאַזאַקאָוואַ, יו. מאָריץ, א. מעזשיראָוו און אַנד.

דער אַוטאָר פונעם פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג איז סערגיי נאַראָווטשאַטאָוו.

דער בוך אנטהאַלט 334 זײַטן. טיראַזש — 20 טויזנט עקז.

כראָניק

א געלערנטער, א ריזנדער, א קינסטלער

א זעלטענער פּאָרטרעט פון אַלבערט איינשטיינען. אים האָט געמאָלט א קינסטלער—א ליבהאָבער, דער וויסנשאפטלעכער מיטארבעטער פונעם אינסטיטוט פון מאָלעקולארער ביִאָלאָגיע בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר ס. טולקעס. אָט וואָס עס האָט געשריבן די טאָכטער פונעם באַוווסטן געלערנטן, די סקולפּטאָרן מארגאָ איינשטיין: „איך בין געווען מאמעש פארוווּנדערט, ווי האָט זיך עס אײַך אײַנגעגעבן. זײַענדיק באקאנט מיט מײַן פאָטער בלויז לויט פאָטאָגראַפיעס, אזוי פּינקטלעך אופצושטעלן זײַן אויסערלעכן אויסזען. איר האָט אופגעכאפּט די אויסדריקלעכקײַט פון זײַן פּאָנעם, פון די אויגן, איבערגעבנדיק אזויארום וואָרהאפטיק דעם אינערלעכן כאראקטער פון דעם טײַערן פאר מיר מענטשן".

דעם פּאָרטרעט האָט מען צווישן די אנדערע ארבעטן פון דעם קינסטלער געקאָנט זען אף זײַן אויסשטעלונג אין מאָסקווער צענטראלן הויז פון די קונסט־טוער. אין דער עקספּאָזיציע האָבן אויך צוגעצויגן די אופמערקזאמקײַט די אויסגעפילטע מיט גרויסער פּסיכאָלאָגישער איבערצײַגעוודיקײַט פּאָרטרעטן פון באָריס פּאסטערנאַק, ניקאָלאַ פּאגאניני, דיוק עלינגטאָן.

נײַס פון אויסלאַנד

מארק שאגאלס זיידע איז געווען א מאָלער

אין ייִדישן מוזיי פון פּאריזש געפינען זיך עטלעכע רעפּראָדוקציעס פון א פרעסקע, וועלכע עס האָט געמאכט דער מאָלער ייִצכאָק־אײַזיק סעגאל אין דער צווייטער העלפט פונעם זעכצנטן יאָרהונדערט פאר א שול אין מאָהילעוו.

ס'איז פעסטגעשטעלט, אז ייִצכאָק־אײַזיק סעגאל איז געווען דער זיידע פון מארק שאגאל. דער בארימטער מאָלער דערמאָנט אָפּט וועגן דער האשפּאָע פון דעם זיידנס נאִיווער מאָלערײַ אף זײַן קאריערע אין דער גרויסער קונסט.

דרײַ הונדערט יאָר העברעיִש דרוק־וועזן

די ביבליִאָטעק פונעם העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושאָלאים האָט אָרגאניזירט אן אויסשטעלונג „300 יאָר העברעיִש דרוק־וועזן". לויטן כראָנאָלאָגישן פּרינציפּ זײַנען אויסגעשטעלט די ביכער, וואָס זײַנען דערשינען אין פּאלעסטינע אין מעשעך פון 300 יאָר.

איינע פון די עלטסטע עקספּאָנאטן פון דער עקספּאָזיציע איז דאָס ווערק „קהילת יעקב" (קעהילעס יאקאָוו) פון ראבי מוישע גאלאנטע, געדרוקט אין 1527 אין דער פּראָגער דרוקערײַ דע אל סאָפּעא אשקענאזי. ראבי מוישע גאלאנטע האָט זיך באזעצט אין גאליליי און דאָרט אויסגעבויט א דרוקערײַ.

א בוך וועגן דער ייִדישער ליטעראטור

אין מינכענער קינדער־פארלאג איז דערשינען א בוך וועגן דער ייִדישער ליטעראטור, רעדאגירט דורכן פּראָפעסאָר לעאָ פּרים.

אינעם בוך געפינען זיך אינפּאָרמאציעס וועגן דער ייִדישער און טאלמוד־ליטעראטור, ווי אויך וועגן דער ייִדישער פילאָסאָפיע און רעליגיע אין מיטלאלטער, וועגן עטיק און כאסידיזם.

פּלענום פונעם ארגענטינער „איקוף"

אינעם פארברייטערטן פּלענום פונעם „איקוף" פון ארגענטינע האָבן זיך באטייליקט די בוענאָס־אײַרעסער שטאַט־אַרגאניזאציעס און פאָרשטייער פון דער פּראָווינץ. אלס געסט זײַנען בײַגעווען טוער פונעם ארגענטינער שאָלעם־ראט, פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער פּרעסע.

צום פּלענום האָט דער סעקרעטאריאט פונעם „איקוף" צוגעגרייט א ברייטן באריכט מיט אן אנאליז פון דער אקטועלער פּראָבלעמאטיק ארום פראגן פון קאָאָרדינאציע, דערציִונג און קולטור. מיט מיטיילונגען וועגן זייער ארבעט זײַנען ארויסגעטראָטן די „איקוף"־אינסטיטוציעס און קאָמיסיעס.

א ספּעציִעלע בארא טונג איז געווען געווידמעט קולטור־פּראָבלעמען פון דער יוגנט.

צום 60־טן געבורטסטאָג פון רווון סינײַ

אין בוענאָס־אײַרעס איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער 60־יאָריקער געבורטסטאָג פונעם דיכטער, פּובליציסט און געזעלשאפטלעכן טוער רווון סינײַ. אפן אָוונט לעקאָוועד דעם יובילאר זײַנען ארויסגעטראָטן מיט באגריסונגען פאָרשטייער פון פארשיידענע „איקוף"־אינסטיטוציעס. זיי האָבן גערעדט וועגן די גרויסע פארדינסטן פון רווון סינײַ אין דער פּראָגרעסיווער ייִדישער באוועגונג, צו וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן נאָך אין דער פריִער יוגנט אונטער דער ווירקונג פון זײַן פאָטער מיכל סינײַ — דעם גרינדער פון דער ערשטער ייִדישער צײַטונג אין ארגענטינע.

די אקטריסע סאריטא סאָלניק האָט געזונגען לידער אף רווון סינײַס טעקסטן.

■ ■ ■

מאַטעריאַלן פאַר א לעקסיקאָן
פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור

ליבינזאָן, זאַלמען (1918)

— קריטיקער, ליטעראַטור־פאָרשער. געבוירן אין דער שטאָט דיי־בראָווניע, ווײַסרוסלאַנד. פאַרענדיקט אין 1938 די אָפּטיילונג פון ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור באַם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. געווען פאַרוואַלטער פונעם אָפּטייל פאַר קולטור אין דער צײַטונג „דער עמעס". געדרוקט אַרטיקלען וועגן קולטור און שולוועזן. אָנהייבנדיק פונעם 1939, פאַרנעמט ער זיך מיט פאָרשונגען פון דער אויסלענדישער ליטעראַטור. אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע. פאַר דער דיסערטאַציע, געווידמעט פרידריך שילערס דראַמען, באַקומען אין 1972 דעם טיטל דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. פּובליקירט אָפּהאַנדלונגען וועגן דער מיניער־ליטעראַטור, רעצענזיעס און אַרטיקלען וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין „סאָוועטיש היימלאַנד" און אין אַנדערע אויסגאַבעס. וווינט אין דער שטאָט גאָרקי, פּראָפעסאָר פון דעם גאָרקער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט.

ז. ליבינזאָן איז דער אויטאָר פון די ביכער (אין רוסיש): „געשיכטע פון דער דײַטשישער ליטעראַטור פון 18־טן יאָרהונדערט", מאָסקווע, 1957; „לעקציעס איבער דער געשיכטע פון דער ענגלישער ליטעראַטור אין 18־טן יאָרהונדערט" (צוזאַמען מיט אי. פינקעלשטיין), גאָרקי, 1957; „פ. שילערס „אינטריגע און ליבע", מאָסקווע, 1969; פון די רעצענזיעס אַף ה. רעמעניקס בוך „שאָלעם־אַליכעם" (זשורנאַל „וואָפּראָסי ליטעראַטורי", 1969, נומ. 4); אַף י. סערעבריאַניס בוך „הײַנטצײַטלער און קלאַסיקער" (דאָרט, 1972, נומ. 4); אַף ה. רעמעניקס בוך „פאַרצײַכענונגען און פּאָרטרעטן" (זשורנאַל „ליטעראַטורנאַיאַ אַבאָזרעניע", 1977, נומ. 3); פונעם אַרטיקל „א קעמפער פאַר פעלקער־פרײַנטשאַפט" (וועגן ג. ע. לעסינגן, „סאָוועטיש היימלאַנד", 1979, נומ. 1).

ביבליאָגראַפיע: ס. טורקאָוו, צוויי האַנטביכער, זשורנאַל „וואָפּראָסי ליטעראַטורי", 1958, נומ. 7; ס. טורקאָוו א בוך וועגן „אינטריגע און ליבע", דאָרט, 1970, נומ. 5.

לעוומאַן, י. (1896 — ?)

— פּובליציסט. געבוירן אין וויטעבסק, ווײַסרוסלאַנד, געווען אַן אַקטיווער טוער אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. געלעבט אין כאַרקאָוו, דערנאָך אין מאָסקווע. געדרוקט אַרטיקלען אין וויטעבסקער „דער רויטער שטערן", אין „יונגוואַלד", „דער עמעס", „וויטעבסקער אַרבעטער".

ווערק: י.־ל. פּערעץ און זײַן עפּאָכע, אין זאַמלבוך „צום אָנדענק פון י.־ל. פּערעץ" (וויטעבסק, 1921); פּראָף־איוורע, מאָסקווע, 1927.

ביבליאָגראַפיע: „יונגוואַלד", נומ. 5, מאָסקווע, 1924; א. קירזשניץ, די ייִדישע פּרעסע אין סאָוועטנפאַרבאַנד 1917 — 1927, נומ. 183; ז. ראַטנער און י. קוויטני, דאָס ייִדישע בוך אין פּססר, קיִעוו, 1930, זוכצעטל; י. קוויטני, ביבליאָלאָגישער זאַמלבוך, 1, מאָסקווע, 1930; י. בראָנשטיין, אַטאַקע, כאַרקאָוו—מינסק, 1931, זז. 27, 33; ב. אָרשאַנסקי, צײַטשריפט, 5, מינסק, 1931.

לערנער, כאַנע (1893 — ?)

— פּעדאַגאָג, פּובליציסט. געבוירן אין אָדעס, געווען אַן אַרײַנגייערן צו מענדעלע מויכער־ספאָרימען אין שטוב. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געלעבט אויך אין קיִעוו און אין מאָסקווע. געאַרבעט אין געביט פון ייִדישע קינדער־גערטנער און פאַכשול־בילדונג. די ערשטע קינדער־דערציילונגען געדרוקט אין דער אָדעסער צײַטונג „גוטמאָרגן" (1913). אַרויסגעטראָטן מיט אַרטיקלען וועגן פּעדאַגאָגישע און שול־פראַגן אין די צײַטונגען „דער עמעס", „דער שטערן".

ווערק: פון מענדעלעס לעבן, אין זאַמלבוך „מענדעלע און זײַן צײַט", מאָסקווע, 1940; (צוזאַמען מיט סאָניע שאַפּיראָ) שרײַב אָן גרײַזן, הילפס־בוך פאַר שילער פון דער 4־טער, 5־טער, 6־טער און 7־טער גרופּעס, מאָסקווע, 1929; (צוזאַמען מיט כאַיִם לויצקער) שפּראַך־געניטונגען, לערנבוך פאַרן 2־טן און 3־טן קלאַס פון דער אָנפאַנג־שול, קיִעוו, 1934; שפּראַך־געניטונגען פאַרן 3־טן און 4־טן קלאַס פון דער אָנפאַנג־שול, דאָרט, 1936 (צווייטע אויפלאַגע — 1937).

לערנער, רוווען (1902 — 1962)

— לינגוויסט, פאָלקלאָריסט, קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן. געווען א מיטאַרבעטער פונעם קאַבינעט פון ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און פאָלקלאָר באַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אין קיִעוו. צוזאַמען מיט כ. לויצקער, מ. מײַדאַנסקי און מ. שאַפּיראָ געאַרבעט איבערן גרויסן רוסיש־ייִדישן ווערטערבוך. מיט מ. בערעגאָווסקין צוגעגרייט צום דרוק די זאַמלונג „פאָלקלאָר פון דער פאַטערלענדישער מילכאָמע". אין 1947 בייס א קאָמאַנדירונג פונעם קאַבינעט פאַר ייִדישער קולטור צונויפגעזאַמלט אין די שטעט און שטעטלעך פון ווינניצער געגנט 70 אומבאַוווּסטע פאָלקס־מײַסעס און 86 פאָלקס־לידער.

ווערק: דער גענעזיס פונעם געניטיוו־פּאָסעסיוו, אין זאַמלבוך „אויפן שפּראַך־פראָנט", נומ. 1,

קיִעוו, 1937; צו דער געשיכטע
פון דער ליטעראַרישער שפּראַך
אָנהייב 19־טן יאָרהונדערט, דאָרט,
נומ. 3, 1937; אינטאָנאַציאָנעל־
סטיליסטישע באַזונדערקייטן פון
שאָלעם־אַליי כעמס שפּראַך, דאָרט,
נומ. 4, 1937.

ביבליאָגראַפיע: י. מאַרק, „ייִוואָ־
בלעטער", ב. 16, נומ. 1,
ניו־יאָרק, 1940, ז. 31 און נומ. 2,
ז. 154—157; ייִדישער פאָלקלאָר,
צײַטונג „איינִיקײַט", 2 אָקטיאַבער
1945; א גרויסער אופּטו אין אנט־
וויקלען די ייִדישע קולטור און
וויסנשאַפט, דאָרט, 2 אַפּרעל
1946; נײַע פאָלקס־לידער, דאָרט,
23 אָקטיאַבער 1947.

מאַניעוויטש, דאָוויד
(1896 — 1959)

— פּובליציסט. געבוירן אין אוק־
ראַינע. אָנגעהויבן שרײַבן אין רוּ־
סיש אונטערן פּסעוודאָנים „פּרי־
שעלצעוו". אין די 20־ער יאָרן גע־
לעבט אין ניו־יאָרק, געווען א
מיטאַרבעטער פון דער קאָמוניסטי־
שער „מאָרגן־פרײַהײַט". געפירט
דאָרט די טעגלעכע רובריק „גע־
הערט און געזען". שפּעטער צו־
ריקגעקומען קיין רוסלאַנד און
פאַרגעזעצט די ליטעראַרישע טע־
טיקײַט. געשטאָרבן אין מאָסקווע.

ווערק: „אין יענע טעג"
(1917 — 1920), אַרטיקלען, פאַר־
צייכענונגען, ניו־יאָרק, 1926;
„מאַסנקאַמף", באַשרײַבונגען פון
די קאַמפן אין דער נאָדל־אינדוס־
טריע, ניו־יאָרק, 1930; איבערזע־
צונג אף ייִדיש פון דעם בוך
„רעספּובליקא שקיד" פון ג. בעליך
און ל. פּאַנטעלייעוו.

ביבליאָגראַפיע: מ. אָלגין,
פאָרוואָרט צו דער זאַמלונג
„מאַסנקאַמף", ניו־יאָרק, 1930; נ.
מײַזיל, „דאָס ייִדישע שאַפן און
דער ייִדישער שרײַבער אין סאָ־
וועטנפאַרבאַנד", ניו־יאָרק, 1959.

מאַקאַגאָן, אַרן (1898 — 1963)

— פּובליציסט, פּעדאַגאָג. פון 1928
ביז 1934 געווען פאַראַנטוואָרטלע־
כער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל
„ראַטבילדונג" און פון דער קינ־
דער־צײַטונג „זײַ גרייט", געפירט
אַן אַקטיווע שעפערישע פּעדאַגאָ־
גישע אַרבעט צווישן די ייִדישע
לערער. די לעצטע יאָרן, נאָך דער
גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָ־
מע, געווינט אין דער שטאָט רוב־
צאָווסק, אַלטײַער קאַנט, אָנגעפירט
מיט דער בילדונג פון די אַרבע־
טער אַפּן אַלטײַער טראַקטאָר־זאַ־
וואָד.

ווערק: „פּאָליט־אופקלער־אַרבעט
אין שטעטל" (צוזאַמען מיט א.
שפּראַך), האַנטבוך, קיִעוו, 1928;
„קאַמף און אופבוי" (צוזאַמען מיט
ל. מישקאָווסקי), כרעסטאָמאַטיע
פאַרן 5־טן לערניאָר, כאַרקאָוו,
1928; „אַנטירעליגיעזער קולטור־
מאַרש", כאַרקאָוו, 1929; „קעגן
גאָט און זײַנע דינער", מאָסקווע,
1929; „אין קאַמף" (צוזאַמען מיט
ל. מישקאָווסקי, ע. ספּיוואַק און
ה. קאַזאַקעוויטש), אַרבעט־בוך אף
שפּראַך, ליטעראַטור און געזעל־
שאַפטקענטעניש, כאַרקאָוו, 1930;
„אין קאַמף" (צוזאַמען מיט ה. קאַ־
זאַקעוויטש), אַרבעט־בוך אף
שפּראַך און געזעלשאַפטקענטעניש
פאַרן 3־טן לערניאָר, מאָסקווע —
כאַרקאָוו — מינסק, 1931; אַרבעט־
בוך אף שפּראַך, ליטעראַטור און
געזעלשאַפטקענטעניש פאַרן פערטן
לערניאָר (צוזאַמען מיט ע. ספּי־
וואַק און ה. קאַזאַקעוויטש), קיִעוו,
1931.

ביבליאָגראַפיע: זשורנאַל „סאָ־
וועטיש היימלאַנד", נומ. 3, 1963.

מאַרגאָלין, י. (1897 — ?)

— דיכטער. געבוירן אין האָמעל.
פאַרעפנטלעכט קינדער־לידער און
דערציילונגען אין דער ייִדישער
סאָוועטישער פּרעסע פון די צוואַנ־
ציקער און דרײַסיקער יאָרן. זיך
געדרוקט אויך אין דער ניו־יאָר־
קער קאָמוניסטישער צײַטונג
„פרײַהײַט", וווּ ער האָט צווישן
אַנדערע ווערק פאַרעפנטלעכט
פראַגמענטן פון א גרעסערער
דערציילונג „אין אײנעם א סאָווע־
טישן שטעטל".

ווערק: „לײַבקע שווימער", קינ־
דער־מײַסעלעך אין פערזן, האָמעל,
1923; „ערד", פראַגמענט פון א
פּאָעמע, דאָרט, 1925; „פּרויקע
שעפּס און פּעטער בער", פּאָעמע
פאַר קינדער, דאָרט, 1928.

ביבליאָגראַפיע: ביבליאָגראַפישע
יאָרביכער פון ייִוואָ, ווארשע,
1928.

מאַרגאָלין, מוישע (1901)

— ליטעראַטור־קריטיקער. געבוירן
אין פּראָסקוראָוו. פאַרענדיקט דעם
מאָסקווער יורידישן אינסטיטוט
און דעם ליטעראַרישן אינסטיטוט
אף א. מ. גאָרקיס נאָמען באַם
שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר. גע־
אַרבעט אַלס יוריסט, אַרויסגעלאָזט
צוויי ביכער אף וויסנשאַפטלעך־
רעכטלעכע און פּאָלקסווירטשאַפט־
לעכע טעמעס, פאַרעפנטלעכט א
ריי אַרטיקלען איבער יורידישע
פראַגן. די טעטיקײַט אין דער
ייִדישער ליטעראַטור האָט מאַרגאָ־
לין אָנגעהויבן אין די 60־ער יאָרן
אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימ־
לאַנד".

ווערק: אין זשורנאַל „סאָוועטיש
היימלאַנד" האָט מאַרגאָלין ביז
איצט פאַרעפנטלעכט פאָלגנדיקע
אַרטיקלען: „באַמערקונגען וועגן
דערציילונגען פון 1966 יאָר", נומ.
5, 1967; „דער וועג פונעם דיכ־
טער" (וועגן אי. פעפערס דיכ־
טונג), נומ. 5, 1969; „פּראָבלעמען
און זייער לייזונג" (וועגן י. פאַ־
ליקמאַנס ראָמאַן „דער שווארצער
ווינט"), נומ. 9, 1969; „דער קויעך
פונעם לעבן אין ליטעראַטור־
שפּיגל" (וועגן ה. דאָבינס ראָמאַן
„דער קויעך פון לעבן"), נומ. 11,
1969; „דאָס שטילע דיכטערישע
וואָרט" (וועגן אי. באַרוכאָוויטשעס
דיכטונג), נומ. 7, 1974; „צאַר און
גלויבן" (וועגן כ. שוואַרצס לידער־
בוך), נומ. 7, 1976; „דער דיכטער
אוראָם שליאַנסקי", נומ. 12, 1976;
„פּראָבלעמען פון היינטצײַטיקן
ייִדיש", נומ. 1, 1978; „צען לי־
דער" (וועגן די ווערק פון צען
דיכטער), נומ. 11, 1978; „הערשע־
לע אָסטראָפּאָליער" אף דער בינע
פונעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַ־
טישן אַנסאַמבל", נומ. 1, 1979.

מאָנין, דאָוויד
(1898 — 1957)

— געזעלשאַפטלעכער טוער, פּוב־
ליציסט, רעדאַקטאָר. געבוירן אין
בעלאַצערקאָוו. פון די פריִע יאָרן —
אָנטיילנעמער אין דער יוגנט־באַ־
וועגונג. פון 1918 ביז 1922 פרײַ־
ווייליק געדינט אין דער רויטער
אַרמיי, געקעמפט קעגן די באַנדעס
פון דעניקינען, פּעטליורען, מאַכנאָ.
נאָכן בירגערקריג געווען סעקרע־
טאַר פון דער היפט־ביוראָ פון די
ייִדישע סעקציעס באַם צענטראַל־
קאָמיטעט פון קאָמיוג, רעדאַקטאָר
פון יוגנט־צײַטונגען און זשורנאַלן
(„יונגער ספּאַרטאַק", „פרייד", „די
יונגע גוואַרדיע", „יונגוואַלד",
„פּיאָנער"), מיטגעאַרבעט אין די
צײַטונגען און זשורנאַלן „דער
עמעס", „אָקטיאַבער", „שטערן",
„אף די וועגן צו דער נײַער שול",
„די רויטע וועלט" און אַנדערע.
נאָך דער גרויסער פּאַטערלענדי־
שער מילכאָמע געווען א ריי יאָרן
שטעלפאַרטרעטער פון רעדאַקטאָר
פונעם צענטראַלן אָרגאַן פון
ווצספּס „טרוד".

ווערק: ד. מאָנין האָט באַאַרבעט
אין ייִדיש פאַר די פּאַרטיי־שולן
די ווערק פון קערזשענצעוו און
לעאָנטיעוו „אַלעפבייס פון לעני־
ניזם" (מאָסקווע, 1924), פון מ. טאַ־
שין און פ. קאָזלאָוו „פּאָליטאַלעפ־
בייס" (מאָסקווע, 1926), פון מ.
גרישין „אין לעבנס וועג" (מאָס־
קווע, 1928).

ביבליאָגראַפיע: ס. פרײַ, „איי־
נער פון די ערשטע", זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1,
1974.

פֿונעם פֿאָלקס-אוצר

כאַצקעלע, כאַצקעלע



כאַצקעלע, כאַצקעלע, שפּיל מיר א
קאַזאַצקעלע!
און כאָטש אַן אָרעמע, אבי א כוואַטסקע!
אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענעם בלוט!

כאַצקעלע, כאַצקעלע, שפּיל זשע מיר א
סעמעלע
פּאַר א דרײַערל אַף כאַסקעס קרעמעלע!
אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענעם בלוט!

כאַצקעלע, כאַצקעלע, שפּיל זשע מיר א דומע!
און כאָטש אַן אָרעמע, אבי א פרומע!
אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענעם בלוט!

כאָטש אַן אָרעמינקע, פּאָרט א מומע,
ניט קיין געבעטענע, אליין געקומען!
אָרעם איז ניט גוט, אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען מיט אייגענעם בלוט!

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

Урок IV

לימעד פיר

[Лимэд фир]

Печатные и рукописные буквы [в], [г], [һ], [й]

§ 20. Запомните произношение и название согласной буквы **[в]:**

Таблица 13

Пример				Буква			
Перевод	**Произношение**	**рукописное**	**печатное**	**название**	**Произношение**	**рукописное**	**печатное**
кто	**[вэр]**		**װער**	**цвей вовн**	**[в]**		**װ**

З а м е т ь т е! Согласная **[в]** изображается в печати и рукописи удвоенной буквой **вов,** отсюда и название **цвэй вовн** (дословно: два вов).

Задание 30. Читайте следующие слова сначала по вертикали, а затем по горизонтали:

[вой]...= ...װוי	**[вэй]...= ...װײ**	**[ви]...= ...װי**	**...[в]...= ...װ...**	**[в]...= ...װ**
хорошо — װויל	вей! — װײ!	как — װי	трудно — שװער	кто — װער
проживай! — װוין	веять — װײַען	ветер — א װינט	товарищ — כאַװער	что — װאס
проживайте! — װוינט	плакать — װײנען	зима — װינטער	подруга — כאַװערטע	когда — װען
проживать — װוינען	мало — װײניק	зимний — װינטערדיק	квартира — קװארטיר	кому — װעמען
жители — אײַנװוינער	меньше — װײניקער	Виктор — װיקטאר	белка — װעװערקע	чей — װעמענס

Задание 31. Постарайтесь правильно читать следующие слова к тексту «Зима». Спишите их затем вместе с переводом в свои тетради:

1. ветер — ветры; 2. земля; 3. зима — зимы (мн. число); 4. город — города (мн. число); 5. лес — леса; 6. мир — миры; 7. очень; 8. холодный; 9. белый; 10. теплый; 11. на улице дует; 12. но, однако.

.1 דער װינט — די װי׳נטן; .2 די ערד; .3 דער װי׳נטער — די װי׳נטערס; .4 די שטאָט — די שטעט; .5 דער װאלד — די װע׳לדער; .6 די װעלט — די װע׳לטן; .7 זיי׳ער; .8 קאלט; .9 װײַס; .10 װא׳רעם; .11 אין דרױסן װייט; .12 אָבער.

Задание 31а:

Читайте вслух следующий текст. В случае затруднений сверьтесь с указаниями о произношении приводимыми слева. Добейтесь беглого чтения.

[дэр винтэр]

1. **[эс из ви́нтэр]**, 2. **[эс из янва́р]**; 3. **[эс из зэ́ер калт]**, 4. **[а ва́йсэр вэ́йхэр шнэй бадэ́кт ды эрд, ды штэт, ды ва́йтэ вэ́лдэр]**, 5. **[ды вэ́лт из вайс]**.
6. **[ин дройсн вэйт а ка́лтэр винт]**. 7. **[дэр янва́р из зэ́ер калт]**.
8. **[о́бер ин дэр кварти́р из зэ́ер ва́рэм]**.

דער װינטער

.1 עס איז װי׳נטער; .2 עס איז יאנװא׳ר; .3 עס איז זיי׳ער קאלט; .4 א װײַ׳סער, װײ׳כער שניי באדע׳קט די ערד, די שטעט, די װײַ׳טע װע׳לדער;
.5 די װעלט איז װײַס;
.6 אין דרױסן װייט א קאלטער װינט; .7 דער יאנװא׳ר איז זיי׳ער קאלט; .8 אָ׳בער אין דער קװארטי׳ר איז זיי׳ער װא׳רעם.

Задание 31б*

Переведите текст «Зима» на русский язык (письменно).

П р и м е ч а н и е: слова **[эс]** и **[из]** (см. предложения 1, 2, 3, 5, 7, 8) при переводе опускаются.

§ 20а. Когда гласная **[у]** стоит рядом с согласной **[в]**, то гласную **[у]** обозначают дополнительным знаком — **точкой,** например:

1. вулкан
2. Рувн (имя)

1. **װוּלקאַן**
2. **רוּװן**

Задание 32. Читайте следующие слова. Обращайте внимание на различение удвоенной буквы **вов- [в]** и **вов с точкой** в значении **[у]:**

1 — **[ву]** — где, 2 — **[ды вунд]** — рана, 3 — **[дэр ву́ндэр]** — чудо, 4 — **[дэр вукс]** — рост, 5 — **[дэр цу́вукс]** — прирост, 6 — **[рувн]** — Рувн, 7 — **[ту́вим]** — Тувим, 8 — **[дэр вулка́н]** — вулкан.

1 — װוּ, 2 — די װוּנד, 3 — דער װוּנדער, 4 — דער װוּקס, 5 — דער צוּװוּקס, 6 — רוּװן, 7 — טוּװים,

8 — דער װוּלקאַן.

З а п о м н и т е! **Вов с точкой всегда** произносится **[у]!**

§ 21. Запомните, как обозначается согласная **[г]:**

Таблица 14

Пример				Буква			
Перевод	**Произношение**	**рукописное**	**печатное**	**название**	**Произношение**	**рукописное**	**Основной рисунок**	**печатное**
гигант	**[гигант]**	גיגאַנט	גיגאַנט	**гимл**	**[г]**	ג	ג	ג

Задание 33. Читайте следующие слова и предложения:

1. идти, 2. иди! 3. идите! 4. я иду, 5. ты идёшь, 6. он (она, оно) идет, 7. мы идем, 8. вы идете. 9. они идут.
10. сказать, 11 скажи! 12. скажите! 13. я говорю, 14. ты говоришь, 15. он (она, оно) говорит, 16. мы говорим, 17. вы говорите, 18. они говорят.
19. петь, 20. пой! 21. пойте! 22. пою, 23. поёшь, 24. он (она, оно) поёт, 25. мы поём, 26. вы поёте. 27. они поют.
28. певец, 29. певица, 30. пение.

1. גיין, 2. גיי! 3. גייט! 4. איך גיי, 5. דו גייסט, 6. ער (זי, עס) גייט, 7. מיר גיי׳ען, 8. איר גייט, 9. זיי גיי׳ען.
10. זאָ׳גן, 11. זאָג! 12. זאָגט! 13. איך זאָג, 14. דו זאָגסט, 15. ער (זי, עס) זאָגט. 16. מיר זאָ׳גן, 17. איר זאָגט, 18. זיי זאָגן.
19. זי׳נגען, 20. זינג! 21. זינגט! 22. איך זינג, 23. דו זינגסט, 24. ער (זי, עס) זינגט. 25. מיר זי׳נגען, 26. איר זינגט, 27. זיי זי׳נגען.
28. דער זי׳נגער, 29. די זי׳נגערן, 30. דער געזאַ׳נג.

§ 21а. Заметьте различие между печатной буквой **гимл [г]** и известной уже вам буквой **нун [н]**!

$$[н]^1 \neq [г]^2 \qquad נ^1 \neq ג^2$$

В букве **[н]**[1] н и ж н я я ч е р т а с п л о ш н а я, в букве **[г]**[2] н и ж н я я ч е р т а р а з д в о е н а и справа имеется дополнительная палочка, подпорка.

Задание 34. Читайте вслух следующие слова, обращая внимание на различение букв **гимл [г]** и **нун [н]**.

1. победа, 2. пой! 3. умный, 4. звон,
5. берег, 6. принеси!
7. только, 8. совсем, 9. мокро, 10. улица,
11. орехи, 12. лей! 13. не, 14. дайте!
15. шей! 16. иди!

1. דער זיג, 2. זינג! 3. קלוג, 4. דער קלונג,
5. דער ברעג, 6. ברענג!
7. נאָר, 8. גאָר, 9. נאַס, 10. א גאַס, 11. די ניס,
12. גיס! 13. ניט, 14. גיט! 15. ניי!, 16. גיי!

Задание 35. Перепишите в свои тетради все слова и предложения из задания 33.

§ 22. В идише имеется особая буква для обозначения отсутствующего в русском языке звука **[h]**. Этот звук произносится как буква «h» в таких, например, словах как немецкое «haben», английское «have» и представляет собой шум от выдоха: когда дышат на замерзшее стекло, чтобы лёд оттаял, производят именно такой звук. По своему произношению **[h]** напоминает произношение «г» в некоторых русских междометиях, например, «Гоп!»

Ознакомьтесь с буквенным обозначением этого звука в идише:

Таблица 15

Пример				Буква			
Перевод	Произношение	рукописное	печатное	**название**	Произношение	рукописное	печатное
иметь	**[hобн]**	האָבן	האָבן	**hэй**	**[h]**	ה	ה

Задание 36. Читайте нижеследующие пары слов. Учтите, что в каждой паре второе слово начинается с той же гласной, что и предшествующее ему слово, но произносится оно с легким шумом выдоха — с **[h]**.

1. стар — держи!; 2. без — петух; 3. вот — имейте!, 4. он — овес; 5. он — слушай! 6. земля — слушайте!, 7. конец — тупик; 8. утка — ручка; 9. и — курица; 10. также — высоко; 11. масло (растит.) — лечи!, 12. спешить — выть.

1. אלט — האלט! .2 אָן — האָן, .3 אַט — האַט! .4 אָבער — האָבער, .5 ער — הער! .6 ערד — הערד! .7 אן עק — א העק, .8 אן ענטל — א הענטל, .9 און — א הון, .10 אויך — הויך, .11 אייל — הייל! .12 איילן — הײַלן.

§ 22а. Заметьте отличие согласной буквы **hэй [h]** от известных уже вам согласных букв **рейш [р]** и **далэд [д]**!

$$[д]^1 \neq [р]^2 \neq [h]^3 \text{!!!}$$

ד ^{1} ≠ ר ^{2} ≠ ה ^{3} !!!

Буквы **далэд [д]**[1] и **рейш [р]**[2] состоят из д в у х линий: «крышки» и правой вертикальной линии; буква **hэй [h]** из т р е х линий: с л е в а имеется еще не доходящая доверху «подпорка»!

Задание 37. Читайте следующие слова. Различайте **[д]**, **[р]** и **[h]**.

1. דאָן — טראָן — האָן; .2 דאָס — ראָז — האָז; .3 דער — רער — הער; .4 דע׳קל — רע׳קל — הע׳קל. .5 האָ׳דעווען — האָ׳רעווען; .6 אין דער היים — דער האַ׳מער; .7 או׳נדזער היי׳מלאנד. .8 „סאָווע׳טיש היי׳מלאנד״.

Ключ к Уроку IV

К заданию 31б. Зима. 1. Зима. 2. Январь. 3. Очень холодно. 4. Белый мягкий снег покрывает землю, города, далекие леса. 5. Мир белый! 6. На улице дует холодный ветер. 7. Январь очень холодный (месяц). 8. Но в квартире очень тепло.

К заданию 39. Начало осени. 1. Начало осени. 2. Еще жарко. 3. Солнце стоит

קאנדידאט פון פעדאגאָגישע וויסנשאַפטן, דאָצענט

שימען סאנדלער

דער קאָלעקטיוו פונעם מאָסקווער ייִדישן דראמאטישן אנסאמבל דריקט אויס טיפן מיטלײַד אונדזער כאווערטע, דער אקטריסע מאניע קאָטליאראָווע אין צוזאמענהאנג מיטן פריצײַטיקן טויט פון איר זון וולאדימיר.

מאָסקווער ייִדישער דראמאטישער אנסאמבל

than he is, and at the same time confirms that he is a farmer. He is known as "the farmer" because he and his younger brother Billy own three thousand acres of land just outside the town of Plains. Needless to say, the farm is run by a manager, but this does not prevent the President of the United States being looked on as a farmer who, from time to time, permits himself to be photographed holding a spade...

As I watch him standing before the country's legislators and reading his important speech from a paper, I am able to build up his portrait from various features. His eyes sometimes disappear into the hollows on his rugged face, and when, during conversation, a change of expression makes these hollows move, his eyes come to the fore–watery blue, very animated. The hair on either side of the parting seems slightly thin or grey. He speaks in an uncertain voice. His way of pronouncing his words does not correspond to the carefree portraits of the advertisements. His expression alternates between anxiety and firmness. In the middle of a conversation, he will suddenly break into a smile for no obvious reason. He has two smiles: one, as if a strong light were shining on his face and he is screwing up his eyes; the other, not so common, a straightforward smile in which he shows all his thirty-two teeth.

Carter's message is disappointing. It is made up of familiar phrases... The challenge facing us is the necessity to lay new and firmer foundations for the future–for the health of the economy, for a more efficient government and for a reliable peace... We cannot permit ourselves to live beyond our means, we cannot put forward programmes which we are unable to carry out or finance, we cannot allow ourselves a wasteful attitude to our natural resources.

5. Now I Can Tell a Secret

There is no need for me to stay any longer in Washington. A little goes a long way. Some friends have phoned me from New York, and it turns out that American English is as rich in swear words as Russian. "What's the big idea?" they demand. "We've been to meet you goodness knows how many times at Kennedy Airport, and you dive down in Moscow and come to the surface in Washington! The hell with you!..."

I can now tell a little secret. The American Consulate in Moscow has recently become particularly inaccurate in issuing visas. When our side indicates that the visitor must be in the United States for such-and-such a purpose on such-and-such a day, the Consulate often issues a visa based on the assumption that he can arrive in the States late, which of itself makes the trip pointless... As was to be expected, the visa in my passport was entered at the end of the day before the departure of the Soviet airliner for New York. But it was already too late to buy a ticket, as the Amerikan Consulate assumed. However, the next plane leaves for New York a week later. As a result, the visit was wasted. But it didn't work out quite that way, gemtlemen! Thanks for the visa! Between the two flights to New York there is another one–to Washingon. And so I flew to the Potomac first, and since I had put back the required day of departure by several days, I had time to fly from the Potomac to the Hudson and attend the annual banquet of the Communist monthly, ç'Jewish Affairs".

* * *

The reader will find much to interest him in our regular features, such as "New Items", "We Inform the Reader", "From the Newspapers and Magazines", "Items of Interest" etc. We are continuing with our "Lexicon of Jewish Writers" and "Yiddish Lessons". The issue ends with the words and music of a Jewish folk-song.

Translated by Alex Miller

seemed to an outsider that he was certainly not a Jew and couldn't understand a word of what was being said to him by the sickly one. I resisted the temptation to join in the conversation and simply admired the talkers from a distance.

Suddenly, someone said right in my ear in Yiddish:

"You have before you, to put it bluntly, two Cuban counter-revolutionaries. But now they're hanging around Castro's representation in case they have no alternative but to seek reconciliation... I don't know the fat one, but the little squirt is president of the Cuban Émigré Committee for Soviet Jewish Affairs... He's from Russia himself. He somehow got out of some business in Cuba with a million, and then fled to Miami..."

"Who are you?"

"A Comrade from the Soviet Embassy asked me to fix you up with some company... I'm a guest myself here too. I'm an American..."

"D'you work in the State Department?"

"Oh no, I'm just a Jew, a bit of a journalist, and a partner in a tourist agency... I'm not fond of counter-revolutionaries, although the habit of being wherever there were people attracted me to the Committee for Soviet Jewish Affairs—our American Committee..."

"That 'although' of yours can be taken to mean that you look on such committees and the counter-revolution as the same thing..."

"Isn't it so?"

"But you are tied up with such a Committee..."

"That's an entirely different matter. I wish the Soviet Jews no harm. But a committee is a committee... You meet people there and sometimes a bit of business comes your way... You probably remember how they used to say in Soviet Russia not so long ago: 'Whoever isn't with us is against us'... Oh, no, no. In our times it's not like that at all..."

He offered me his visiting card. A popular surname: Steinberg.

"In New York I shall be meeting Yakov Steinberg, president of the Association of Jewish Publishers. You're not a relative of his by any chance, are you?"

"I'm one of the huge tribe of Steinbergs. You're going to laugh at this, but I've just come back from an international conference of Steinbergs. Two hundred cranks from America Canada, Britain, France, Israel, Columbia and Argentina indulging themselves in a day of nostalgic reminiscences..."

I don't know about the other Steinbergs, but I liked this one for his frankness.

The reception in the Cuban representation did not drag. A comrade from the isle of freedom told me a few details about the life of his Jewish fellow-countrymen. I met American Senator Stevenson at the reception. If the programme allows, we will meet before my return to Moscow. But now I wrote my name in the visitors' book and went for a walk round the streets of Washington with my new acquaintance, Mr Steinberg.

3. Mr. Steinberg Tells Me an Instructive Tale

"Mr Steinberg, do you really believe that a decent person can be tied up with a defamatory committee solely because he wants to meet people and find business for himself?"

"Let me answer with a parable. In a certain village, there were many thieves and they had their own Rabbi. Someone asked him: 'Tell me, how do your parishioners behave if their work happens to fall on the Sabbath?' 'Thieves steal,' answered the Rabbi. 'But supposing the house being burgled isn't Jewish, and there's some pork or meat that isn's kosher lying there?' 'The thief sells such meat to a goy.' 'That's strange... You're not afraid to break the Commandment *"Thou shalt not steal"*, you pick a lock on the Sabbath, and the only thing you won't do is to eat meat that isn't kosher... What does that mean?' 'We don't observe the Sabbath when work demands it,' replied the Rabbi. 'But as for eating meat that isn't kosher—well, after all, we're Jews!'"

4. How Jimmy Carter Looks

The President of the United States of America is delivering the traditional message on Capitol Hill about the situation in the country. He stands in the Hall near the armchairs, and behind him is the US Vice-President and the Speaker of the House of Representatives.

Carter is an ordinary-looking man. When he speaks, the fleshly veins bulge on the side of his neck, and there are deep-set lines running from the corners of his mouth down the chin, as if they had been turned inside out. All this makes him look older

"At least turn down the plans to include the Soviet Jews in the World Congress's sphere of activity. My good sir, you might just as well try to make an *idée fixe* of cancelling the October Revolution..."

2. At the Diplomatic Reception

For the first few hours after my arrival, the American capital had prepared two important events: a diplomatic reception at the Washington representation of the Cuban Republic, and President Carter's traditional message to Congress on the situation in the country.

Revolutionary Cuba is celebrating its national festival. Its representation in Washington is near the Soviet Embassy, just across the road, and so I am already with the guests, American for the most part.

There is probably no better source of information than a diplomatic reception at which no one sits still, all those present wander about and sharpen their tongues: diplomats in a fit of eloquence, ladies in the habit of posing as omniscent, and journalists who really do know everything, including what is going to happen tomorrow and what is not going to happen at all.

The biggest draw is the buffet. One marvels that not a single table has been spun round and overturned by the voices buzzing round it:

"...They've struck a new silver dollar in Philadelphia..."

"The first with a portrait of a woman..."

"...America doesn't know what to inoculate itself against: Soviet *grippe*, German measles, Chinese tonsillitis, or Japanese 'flu..."

"...You might cut out the recommendation for injections against Chinese tonsillitis... We've got Den Xiaoping coming to visit us..."

"...Have you got your rollers yet? The whole city is skating..."

"...Is it Eleanor Roosevelt on the new dollar?.."

"...Apparently they preferred Jacqueline Kennedy..."

"...No, not Jacqueline... Elizabeth Taylor... She stripped to the buff in a film..."

"...What do you think of Sadat? He's as popular as Taylor..."

"...Professor Goodman of Harvard believes that the Jewish activists in Russia ought to make closer contact with the dissidents, because the dissidents could still become the government..."

"...Didn't you know it was Suzanne Anthony's portrait on the dollar?.."

"...What's she done? Stripped off too?.."

"...Come off it! Suze was a fighter for women's rights..."

"...There's no need to fight for them now... Professor Langley writes that twelve million American wives beat their husbands..."

I help myself to a plate of food and move away to the window. Two men over there are talking in Yiddish. Their appearance is positively disarming. One is completely concerned with his food, mumbling and listening. He is as podgy as a beigel and his stomach recalls a barrel, while the second is a sickly gnome with short legs and short arms. Together, they look like magpie on a pig.

What I hear when I go a little nearer would be better put down on paper without punctuation marks, since the man talking, the gnome, is stuttering away in a steady monotone as if pecking at something:

"America isn't Cuba it needs to be given a surprise I invested the capital I managed to bring out with me in building a skyscraper not for the living but for the dead if you'll pardon my expression I mean a multistorey cemetery the land here's worth its weight in gold to bury a hundred thousand dead you need a cemetery covering seventy-seven hectares and where are you going to get the money for seventy-seven hectares you might as well go begging I decided to build a cemetery twenty storeys high to take a hundred thousand graves that's only in one city Nashville Tennessee if you want I can recommend another city say Izlip it'll be three hundred years old in four years and the Mayor has already sent Queen Elizabeth an invitation to the festival because the American city you see is still a faithful subject of the English crown but no I don't want you to know about Izlip when the whole America is talking about nothing but Begin and Sadat and the Chinese and Kampuchia can a citizen of say Izlip understand that the Suez Canal is linked to the Mediterranean Sea like the Red Sea, and the Russian Reds are holding the Black Sea while the Dark Continent borders on the Red Sea and in order to hold back the yellow Chinese the Russians need the Red Sea do you understand what I'm telling you or not..."

The fat man swelled up like a bread roll in milk. He was beaming all over and, judging by his mumbling, was at the height of bliss over this conversation, although it

Aron Vergelis

Twenty Years After

1. *Not In a Hurry to Describe Washington*

Goodness, how the time flies.

As I went up the steps to the plane, a thought occured to me: how many years had passed since my first trip to the United States? Exactly fifteen! At that rate, I'll be able to go there four more times before I'm a hundred and twenty. Is that too much or too little? It is, of course, quite enough for a busy man, provided one of those journeys is spent quietly and calmly in the carefree contemplation of the scenery on the way, and provided it is warm spring or summer weather during the trip without the rain pouring down, or the snow falling, or the sun blazing. The American atmosphere is comfortable and quiet. No swearing or brandishing of fists. The well-cleaned marble skyscrapers soar to the heavens and at a respectable distance from them, in pools of green, there nestle little white houses. Kindly pro-Soviet Americans bustle about. Yes, they're bound to be friendly towards us. When I walk down the gangway, an ordinary man, one of their group, comes up to me and greets me warmly: "My friend, you see the real United States spread out before you. Welcome!.."

Back in Moscow, they talked about my present trip as if I was going for a short ride on the electric train to Malakhovka, or to some other villa settlement (*I am flying to the USA to attend the annual banquet of the Communist monthly, "Jewish Affairs". With communications as they are nowadays, this will take no more time than the aforementioned ride to Malakhovka, if, of course, you don't add the New York banquet to another two dozen official dinners in other cities. It's not hard to imagine that things will work out that way. When I flew to America a few days before the banquet and arrived in Washington instead of New York, no one took any notice*).

...I remember how a long time ago the great Soviet artist Mikhoels described a journey to America with poet Itzik Feffer. This was in 1943. Mikhoels began his travel notes as follows: "It took us forty days to get from Moscow to New York. We broke this unusual record not by travelling on oxen or on camels, but by flying on real American airplanes..."

In bried: after spending a good nine hours aboard a bright, spacious smooth-flying Soviet airliner, I arrived in Washington that some day. It was pouring with rain over the Potomac. The cold chilled you to the marrow. Winter here is without snow and unhealthy.

Washington looked different from what I remember of it since my first journey. It was a pretentious, self-important city then. Prosperous and well-groomed, the capital of the United States seemed like a spoilt, overfed young missy relaxing amid the parks and squares. But now... No, I can't record my impressions off the cuff. I need to wear out some shoe-leather on the asphalt first.

Winter in Washington has caught everybody in autumn raincoats and caps. Many turn up the thin collars of their jackets and breathe as if cooling hot milk. But a glittering "Lincoln Continental" stops near me, and a man and a woman in unbelievably luxurious fur coats step out of it.

There's no hurry to describe Washington in bad weather. Incidentally, how long have I been in Washington anyway? Exactly... It turns out that I've been here a quarter of an hour... They were telling me in the Soviet Embassy that not long before me a visit had been paid by Naum Goldman, no longer president, but now honoured chairman of the World Jewish Congress (WJC). During the conversation, the question arose (as it has done many times before) of his desire to visit the Soviet Union.

Would it be so difficult to achieve such an aim? No. But Naum Goldman is still expressing the hope... What does this sir want? Eleven years ago, I met him in Paris. The conversation took place in his home, in the presence of the World Jewish Congress's "foreign minister", Armand Kaplan. Doctor Goldman preserves for the World Jewish Congress, as for himself, a position of cautious disapproval of extremist actions on the part of the Israeli government and the world zionist leadership. However, he also looks on the Congress as an expanded version, swelled by other bourgeois political trends, of the same world zionist movement.

It should be mentioned that our meeting took place at a time when Goldman's stormy career was in its decline. One had the feeling that he was in a hurry to accomplish something new and fundamental...

I advised him:

Now drive the spade deeper, don't spare any effort.
Won't go any further? Try a crowbar instead.
And if it's your head that needs clearing, keep sweating,
And water the dust at your feet with your sweat.
Here! Yard upon yard! You'll be gathering up
A whole river of souvenirs sooner or later!
So, if you can't get them with crowbar or pickaxe,
Then have them scooped up by a giant excavator!
A house and foundations–demolish them completely!
Tear up in your fury the asphalt and trees!

You've found human bones over there? Well, collect them!
Stuff them all into safes! Don't be finicky, please!
You're walking away? But of course, we'd forgotten.
Such things–you don't terribly care to look at 'em.
We've dug down so deep that you might be reminded
Of the terrible, death-dealing power of the atom.
So buy, come on, buy! Anything that you want, sir!
Not the silks and the teas for which sailing ships made
Their long-distance voyages so often aforetime.
Oh, the shame, the disgrace of so ghoulish a trade!

* * *

On the Track of Events. Under this heading, we are publishing documentary articles by S. Troitsky, L. Soloveichik, M. Razumny and E. Rich.

In "Blast Furnace No. 3", S. Troitsky tells about Aizik Shegal, a State Prize winner whom Leonid Brezhnev mentioned in his "Restoration" as an experienced construction engineer of the Zaporozhstroi project.

L. Soloveichik's article deals with the heroic defence of Stalingrad during the Great Patriotic War. His hero is I. Khait, one of the defenders of the legendary "Pavlov's House". The editors of "Sovietish Heimland" asked Hero of the Soviet Union Ya. Pavlov, who now lives in Novgorod, to send us some details about I. Khait. Here is his reply:

"I am pleased to carry out your request and inform you as follows.

In the defence of Pavlov's House, I remember, there was a Sergeant Khait in the Maxim machine-gun crew. I can't say what his given name and patronymic were. I suggest you ask journalist L. Soloveichik (Moscow). When he was writing his book "The House of Sergeant Pavlov", he undoubtedly must have studied archive material and have met those who took part in the defence of Pavlov's House.

Yours faithfully,
Pavlov.
12.III.78."

And shortly afterwards L. Soloveichik indeed wrote an article on Sergeant I. Khait specially for "Sovietish Heimland".

In this issue, we are marking the 70th anniversary of the birth of the outstanding Jewish poet Matvei Grubiyan (1909-1972). We are printing items from his literary heritage–critical articles and reminiscences.

Our publicistics section features travel notes by Aron Vergelis of Moscow, "Fifteen Years", about his recent visit to America.

"Well, they complimented us on our vineyards and promised to learn how to look after them from us. That's a good thing, of course, if they're going to pick up something from us. They'll learn a lot more yet. They're such shrewd people!.."

Prose. In our June issue, we are completing the publication of Anatoli Rybakov's novel "The Heavy Sand", translated by Jewish prose writer and poet Avrom Gontar of Moscow. This book, which depicts on a broad background the life of a big Jewish family, a life which ends tragically owing to the fascist occupation during the Second World War, is being very warmly received by the readers of "Sovietish Heimland". A work of truly high artistic merit, "The Heavy Sand" is also vividly publicistic. In particular, it highlights the internationalist nature of the resistance to fascism. Its publication now is urgently topical.

We are also publishing some short stories by Ber Halperin of Vilnius.

Poetry. Our readers are sure to be interested in the verse cycles by Chaim Beider of Moscow and Avrom Katzev of Kherson. Beider's work is notable for its social commitment. Here is a translation of his poem "Souvenirs".

Chaim Beider

Souvenirs

According to the "Guardian",, objects once the property
of Nazi war criminals are now the fashion in London.

This pennant once fluttered on Goering's car bonnet,
The cold wind of Auschwitz was felt in its wake...
A thousand quid, please, and it's yours for the asking:
Just buy, and you're in for a real lucky break.

Going, going, going, going!...
There isn't a limit to what they'll bid for.
Why, straight in your face, with no trace of a scruple,
They hold up the trousers that Himmler once wore.

A speech made by Hitler. D'you want it on record?
The letters that Goebbels once wrote to his aunt?
Just take them—your home will become a Treblinka,
Burn people alive in the lounge if you want.

However, lords, ladies and gentlemen present,
Here's a piece of advice, and it's specially for you:
There are other mementoes with which you'll break records,
While saving a fortune in currency too.

Why d'you go overboard for imported goods only,
When at home there are treasures as great to be found?
For less than a song you can lay your hands on them,
They're lying beside you, just under the ground.

Just pick up some spades and get hold of them firmly,
Lean hard on the handle, not enough, though, for breaking,
And in London, Leeds, Coventry, Manchester too,
The things that you want'll be there for the taking.

A cute metal chunk from a Luftwaffe landmine,
A little girl's doll and a little girl's hair—
Death came to the victim in less than a second;
That cruel nazi vulture aimed well from up there!

A small piece of china—so easily broken;
Where once a cathedral stood, fragments of sculpture,
As if they had all been left specially, on purpose,
That something might live of a once thriving culture.

with heavy doors, a few churches and a lot of stables–in a word, everything that has been a part of Cossack life for centuries. If you looked a little more closely, however, you would notice that all that remained of the church was the dome without its cross, and the walls of the old houses were hung with fiery streamers about the front-rank work of the grain farmers, the big harvests, and the friendship of the peoples.

Wherever you looked, you would see horsemen with red stripes on their trousers, bright cap-bands and dashingly curled forelocks–a familiar enough sight on the streets of a Cossack village. True, many of the riders now bestraddled bicycles, and some were even mounted on motor-bikes, tractors and combine harvesters. The unprecedented rivalry between horse and machine was already under way.

You would also notice the boys with the red trouser stripes and cap-bands, but their red Young Pioneer neckerchiefs would already be fluttering in the spring breeze.

A small steamer, the "Moskva", put in at this bank at the end of April. Among the many passengers arriving at Tsimlya were some who had never been there before. These were the Jewish collective farm workers. They had come from in and around Dniepropetrovsk to draw up a socialist emulation agreement with the Cossack collective farmers.

The new arrivals went ashore and greeted the Cossacks who had come to meet them. They refused to have their breakfast, assuring their hosts that they had eaten well aboard the steamer. They wanted to go to the kolkhoz at once so as to see for themselves how the Soviet Cossacks lived.

The guests were warmly welcomed by an old Cossack, Ivan Kozhemyakin. He knitted his brows and looked over the Jewish farmers, grinned and, out of habit, began stroking his luxuriant white whiskers. At first glance, they were just people. Ordinary kolkhozniks. Jewish kolkhozniks. Conspicuous among them was a tall, broad-shouldered, black-eyed giant of a man with a good-natured smile on his full lips. Here was another, a real shorty. And there was a milkmaid with jet-black hair and a cheerful twinkle in her eyes. Forget for a moment that she came of a Jewish mother and you could take her for a real Cossack girl. There was a team-leader, too, and an agronomist. And as for their hands... Old Kozhemyakin ran his frowning gaze over the hands of the new arrivals–it was obvious that these people were no strangers to hard work in the fields. The old Cossack looked at the unfamiliar faces once again. "If I really wanted," he thought, "I could convince myself that these visitors were born kolkhozniks." But he still had some doubts. Old Kozhemyakin considered himself to be an authority on the Jews. For many years, he had served the tsar in the villages of the former pale of settlement. But these people did not look in the least like the residents of the Jewish villages...

More Cossacks gathered, and Kozhemyakin's son Andrei arrived. The old man was releived. He tugged his son's sleeve and drew him aside.

"Are you absolutely sure these are Jews?"

Andrei smiled.

"Dad," he said with a slight trace of mockery, "did you think they were Turks?"

"Can't believe it somehow..." said the old man, shrugging his shoulders. "I can't believe that Jews could be good landworkers. I've known them a long time..."

Andrei grinned again and was about to say something severe to his father, but at this point the guests asked to be shown the crops. The old man, more out of politeness, took the guests to the field and showed them the sowings and began to explain the why's and wherefore's. But the guests interrupted him; they took a clod of earth, rubbed it between their fingers and themselves began telling the old man how and when it was best and most advantageous to work this land...

It turned out that no matter how you treated the black earth here, the millet was useless–why pretend that it wasn't?–and the cows weren't giving much milk...

And so it all turned out rather odd, that old Kozhemyakin was even somewhat put out. He thought the guests were going to learn from him how to work the land, but they were giving him advice and justifiably criticising his methods. But the old Cossack, caught on the raw, as if there were real experts in front of him, said irritably:

"Our cows can't give so much milk. See for yourselves–they're *Kalmychki.*"

But the guests weren't at all surprised at this.

"What if they are *Kalmychki?*" they insisted. "Cows like to be looked after, you've got to raise their yield..."

The old man went thoughtful. With their sing-song accent, these people reminded him of the Jews he had met in the villages when he had been in the tsar's army. But since they loved the land and understood stock-breeding, they were real kolkhozniks; there was no denying that.

At evening, when the guests left for another farm, the old man said:

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 6, June, 1979

For the 180th anniversary of the birth of Alexander Pushkin, the great Russian poet, "Sovietish Heimland" is publishing a selection of his poems translated into Yiddish by D. Gofshtein, E. Fininberg, L. Reznik, M. Khashchevatsky, I. Riminik, M. Dubinsky and B. Miller.

This anniversary selection demonstrates the eternal living tie between Jewish and Russian poetry.

We are resuming the publication of items featuring the 50th anniversary of the first five-year plan. This subject was first raised in our April issue. There will be more material reflecting the intensive working days in the Soviet Union at the end of the Twenties and the beginning of the Thirties. In their articles, novels, short stories and poems, Soviet Jewish writers chronicled the feverish working tempo of the new construction projects, the mines, the mills and the factories, and also the high morale of the Soviet people who in those years were laying the foundations of their society. All this found reflection in the work of outstanding Jewish writers which we are now publishing: "The People of Birobijan" by David Bergelson, "The Building Site" by Peretz Markisch, "The Mines" by Meyer Alberton, "Radio" by Moisei Kulbak, "Festival of Friendship" by Samuil Godiner, and Lev Kvitko's verse dispatches, etc.

Here is an excerpt from Godiner's short story, "The Festival of Friendship", in which he highlights the international significance of the collective farms that were coming into being at the time.

Samuil Godiner

Festival of Friendship

The quiet Cossack village of Tsimlya lay on the bank of the quiet Don about three hundred kilometres upstream from Rostov-on-the-Don. The end of April. The river was in spate and had overflown its banks. The water had penetrated deep into the hills. It was flooding the low-lying ground, the tall bushes being covered up to their green tops. From a distance, it looked as though a marvellous spring garden was floating on the surface of a broad, silvery lake.

Vineyards overhung the steep river banks. This is where the famous grapes are grown that went into the making of wines praised by Pushkin in his time. At first glance Tsimlya is a typical Cossack village with narrow little streets, tall buildings on stilts (the river overflows its banks annually), a great many stone and wooden houses

4. Как выглядит Джимми Картер

Президент Соединенных Штатов Америки выступает на Капитолийском холме с традиционным посланием о положении страны. Он стоит прямо в зале вблизи кресел, за его спиной — вице-президент страны и спикер палаты представителей.

Картер смотрится как обыкновенный человек. Когда он говорит, вдоль шеи вздуваются мясистые жилы, а в углах рта, до края подбородка, видны затвердевшие морщины, как бы вывернутые наружу. Все это старит его и вместе с тем подтверждает, что он фермер. «Фермером» его называют по той причине, что вместе с младшим братом Билли он владеет тремя тысячами акров земли в окрестностях родного города Плейнс. Разумеется, хозяйство ведет управляющий, однако это не мешает считать фермером президента Соединенных Штатов, который время от времени позволяет сфотографировать себя с лопатой в руке...

Глядя, как он стоит перед законодателями державы и читает по бумаге свою важную речь, я из отдельных черточек складываю его портрет. Глаза его временами прячутся в углублениях на бугристом лице, а когда от гримас во время разговора эти углубления перемещаются, глаза выходят наружу — водянисто-голубые, очень подвижные. На голове вдоль пробора волосы кажутся чуть вылезшими или поседевшими. Президент говорит нетвердым голосом. Манера произносить слова не соответствует беззаботным рекламным портретам. Лицо у него то озабочено, то категорично. Посреди разговора он вдруг начинает улыбаться, непонятно почему. Две улыбки у него: одна — словно в лицо направлен сильный свет, и он жмурится, вторая улыбка — реже, чем первая — обыкновенная, сверкающая «всеми тридцатью двумя зубами».

Послание Картера разочаровывает. Оно составлено из знакомых выражений. «Вызов, брошенный нам, заключается в необходимости заложить новые и более прочные основы для будущего — для здоровья, экономики, более эффективного правительства и надежного мира»... «Мы не можем позволить себе жить не по средствам, мы не можем выдвигать программы, которые не в состоянии осуществить или финансировать, не можем позволить себе расточительного отношения к нашим естественным ресурсам».

5. Теперь я могу открыть секрет

Мне не надо больше задерживаться в Вашингтоне. Хорошего понемножку. Позвонили друзья из Нью-Йорка, и оказалось, что в английском языке не меньше крепких слов, чем в русском. Что за штучки? — спрашивают они. — Мы уже который раз ездим встречать тебя в аэропорт Кеннеди в Нью-Йорке, а ты, нырнув в Москве, выплыл в Вашингтоне! Черт тебя дери...

Теперь я могу уже раскрыть маленькую тайну. Американское консульство в Москве в последнее время особенно неаккуратно в выдаче виз. Когда с нашей стороны указывают, что визитер должен быть в Соединенных Штатах для такой-то цели именно в такой-то день, консульство часто выдает визу с таким расчетом, чтобы он мог прибыть туда с опозданием, что само собой делает поездку бессмысленной... Как можно было ожидать, и в моем паспорте визу поставили на исходе дня перед вылетом советского лайнера рейсом в Нью-Йорк. Но купить билет уже было поздно, так, по крайней мере, полагало американское консульство. А следующий самолет отправляется в Нью-Йорк через неделю. Таким образом, визит отпадает! Но это не совсем так, мои дорогие господа. Спасибо вам за визу. Между двумя ньюйоркскими рейсами имеется еще один — вашингтонский. Так что я полечу к Потомаку, и поскольку я отодвинул назад на несколько дней желательный срок отлета, мне хватит времени, чтобы переплыть с Потомака до Гудзона и успеть на ежегодный банкет коммунистического ежемесячника «Джуиш Афферс».

* * *

В постоянных рубриках журнала «Наши сообщения», «Мы информируем читателя», «Листая газеты и журналы», «Это интересно» и др. читатель найдет много интересных материалов. Продолжается публикация «Лексикона еврейских писателей» и «Уроков еврейского языка». В конце номера — еврейская народная песня с нотами.

виле в штате Теннесси если хотите я могу вам порекомендовать другой город например Излип через четыре года ему исполнится триста лет а мэр уже теперь направил королеве Элизабет приглашение на праздник потому что американский город видите ли остается до настоящего времени верным подданным английской короны, но нет и не требую чтобы вы знали про Излип когда вся Америка только и говорит о Бегине и Садате о китайце и Кампучии разве может например излипец понять что Суэцкий канал связан со Средиземным морем как и Красное море а красные русские удерживают Черное море и чтобы задержать желтых китайцев русские нуждаются в Красном море вы понимаете что я говорю вам или нет...

Толстяк набухал как булка в молоке. Он весь светился и, судя по мычанию, был на высоте блаженства от разговора, хотя со стороны казалось, что он вовсе не еврей и ни слова не понимает из того, что говорит ему тщедушный. Я поборол в себе желание вмешаться в разговор и, стоя чуть поодаль, любовался собеседниками.

Вдруг над самым моим ухом еще кто-то произнес на идиш:

— Вы имеете перед собой, откровенно говоря, двух кубинских контрреволюционеров. Теперь-то они трутся возле представительства Кастро, на тот случай, если не останется другого выхода, как помириться... Толстяка я не знаю, а плюгавенький является президентом кубинского эмигрантского комитета по делам советских евреев... Сам он происходит из России. На Кубе выскочил из какого-то гешефта с миллионом, а затем бежал в Майами...

— Кто вы такой?

— Товарищ из советского посольства попросил меня составить вам компанию... Сам-то я здесь тоже гость. Я американец...

— Вы служите в госдепартаменте?

— Да нет, я простой еврей, немножко журналист, а в остальном компаньон по туристскому бюро... Я недолюбливаю контрреволюционеров, хотя привычка быть там, где собираются люди, привела и меня в комитет по делам советских евреев, в наш, американский комитет...

— Ваше «хотя» можно понять так, будто вы считаете, что такого рода комитеты и контрреволюция — суть одно и то же...

— А разве это не так?

— Но вы ведь связаны с таким комитетом...

— Это совсем другое дело. Я не желаю советским евреям зла. Но комитет есть комитет... Там встречаются с людьми, иногда перепадает немного бизнеса... Вы, наверное, помните, как у вас в Советской России в прошлые времена говорили: кто не с нами, тот против нас... О, ноу, ноу. В наше время это уже далеко не так...

Он протянул мне свою визитную карточку. Популярная фамилия: Штейнберг.

— В Нью-Йорке у меня будет встреча с Якобом Штейнбергом, президентом Ассоциации еврейских издателей. Вы, случайно, не его родственник?

— Я один из многочисленного племени Штейнбергов. Вы будете смеяться, но я только-что вернулся с международной конференции Штейнбергов. Двести чудаков из Америки, Канады, Англии, Франции, Израиля, Колумбии и Аргентины провели день в ностальгических воспоминаниях...

Не знаю, как другие Штейнберги, но этот понравился мне своей откровенностью.

Прием в кубинском представительстве не очень затянулся. Товарищ с острова свободы рассказал мне некоторые подробности о жизни его соотечественников евреев. Я познакомился на приеме с американским сенатором Стивенсоном. Если позволит программа, мы встретимся перед моим возвращением в Москву. А теперь я внес свое имя в книгу гостей и отправился погулять по вашингтонским улицам вместе с моим новым знакомым мистером Штейнбергом.

3. Мистер Штейнберг рассказывает мне поучительную байку

— Мистер Штейнберг, неужели вы считаете, что порядочный человек может быть связан с клеветническим комитетом лишь потому, что ему хочется встречаться там с людьми, подыскивать себе бизнес?

— Отвечу вам притчей. В некоем местечке было много воров, и они имели собственного раввина. Кто-то спросил его: скажите, пожалуйста, как поступают ваши прихожане, если у них случается работа в субботу? «Воры воруют», — ответил раввин воров. Ну, а если обкрадываемый дом не еврейский, и там лежит трефное мясо, или свинина? «Такое мясо вор продаст не еврею». Однако странно... Вы не боитесь нарушить заповедь *не кради*, в субботу ломаете замок, и только лишь остерегаетесь есть трефное мясо... Как это понять? «Мы, — возражал раввин воров, — не соблюдаем субботы, когда это требуется для дела. Но кушать трефное?! Да мы же евреи».

я встретился с ним в Париже. Разговор происходил у него дома, в присутствии «министра иностранных дел» ВЕК Арманда Каплана. Доктор Гольдман сохраняет для Всемирного еврейского конгресса, как и для себя, позицию осторожного неодобрения экстремистских действий правительства Израиля и руководства мирового сионизма. Одновременно с этим он, однако, рассматривает ВЕК как расширенный вариант, за счет других буржуазных политических течений, того же мирового сионизма.

Следует отметить, что наша встреча произошла в тот момент, когда бурная карьера Гольдмана была уже на закате. Чувствовалось, что он торопится достигнуть чего-то нового и существенного...

Я советовал ему:

— Откажитесь по крайней мере от планов включить советских евреев в сферу деятельности Всемирного конгресса. Это, господин мой, все равно, что внушить себе идею фикс об отмене Октябрьской революции...

2. На дипломатическом приеме

Американская столица приготовила для меня в первые же часы моего приезда два эффектных события: дипломатический прием в вашингтонском представительстве республики Куба и выступление президента Картера в конгрессе с традиционным посланием о положении страны.

Революционная Куба отмечает свой национальный праздник. Её представительство в Вашингтоне находится по соседству с советским посольством, через улицу, и вот я уже среди гостей, большей части американцев.

Пожалуй, нет лучшего источника информации, чем дипломатический прием, где никто не сидит на месте, все прохаживаются взад-вперед и точат языки: дипломаты в припадке красноречия, дамы с их привычкой показывать себя всезнайками и журналисты, которые действительно знают все, включая то, что будет завтра, и то, чего никогда не будет.

Охотнее всего люди толпятся у столов с угощениями. Удивляет, что ни один стол еще не завертелся и не опрокинулся от жужжания голосов вокруг него:

— ...В Филадельфии выпустили новый серебряный доллар...

— ...Впервые с портретом женщины...

— ...Америка не знает, от чего себе сделать прививки: от советского гриппа, немецкой оспы, китайской ангины, японской инфлюэнции...

— ...Не сочтите за труд исключить из вашей рекомендации прививки от китайской ангины... Вот приедет к нам Дэн Сяопин...

— ...А вы уже приобрели ролики? Весь город катается...

— ...На новом долларе изображена Элеонора Рузвельт?...

— ...Кажется, отдавали предпочтение Жаклин Кеннеди...

— ...Нет, не Жаклин... Элизабет Тейлор... Хи-хи-хи, в фильме она разделась догола...

— ...Что вы скажете о Садате? У него не меньшая реклама, чем у Тейлор...

— ...Профессор Гудман из Гарварда считает, что еврейские активисты в России должны теснее связаться с диссидентами, потому что диссиденты могут еще стать правительством...

— ...Неужели вы не знаете, что на долларе изображена Сюзанн Энтони...

— ...Она что, тоже раздевалась?..

— ...Что вы! Сюзи была борцом за права женщин...

— ...Ну, теперь нет надобности за это бороться... Профессор Лэнгли пишет, что двенадцать миллионов американок бьют своих мужей...

Я беру со стола тарелку с едой и отхожу к окну. Там двое мужчин разговаривают на идиш. Их вид вызывает у меня умиление. Один весь поглощен едой, мычит и слушает. Он сдобный, как крендель, пузо напоминает барабан-бочку, второй — тщедушный гномик, коротконогий и коротворукий. Оба вместе выглядят со стороны, как сорока на свинье.

То, что я слышу, подойдя ближе, будет, пожалуй, удобно изложить на бумаге без знаков препинания, потому что говоривший — гномик — тарахтел безостановочно с размеренной однотонностью, как будто клевал что-то:

— Америка не Куба её надо чем-то удивить я тот капиталец который захватил с собой вложил в постройку небоскреба не для живых а для мертвецов извините великодушно многоэтажного кладбища земля здесь на вес золота чтобы похоронить сто тысяч умерших потребуется кладбище на семьдесят семь гектар а где взять деньги на семьдесят семь гектар можно же по миру пойти и я решил построить кладбище в двадцать этажей на сто тысяч могил это только в одном городе Наш-

В разделе публицистики напечатаны путевые очерки Арона Вергелиса (Москва) «Пятнадцать лет спустя» — о его недавней поездке в Америку.

Арон Вергелис

Пятнадцать лет спустя

1. Не будем спешить с описанием Вашингтона

Господи, как быстро летит время...

Когда я поднимался по трапу самолета, в голове у меня промелькнула мысль: сколько же лет прошло после первой моей поездки в Соединенные Штаты? Ровно пятнадцать лет! Такими темпами я, пожалуй, успею до ста двадцати побывать там еще раза четыре, не больше. Много это, или мало? Конечно, для занятого человека вполне достаточно, но с условием, чтобы хоть одна из этих поездок прошла тихо и спокойно, в беззаботном созерцании путевых картин, и чтобы во время приятного путешествия стояли прохладные летние или теплые весенние дни, когда дождь не льет и снег не падает и солнце не палит. В американской атмосфере — уют и тишина. Никто не извергает ругань, не потрясает кулаками. Высятся до небес отмытые мраморные небоскребы и на достаточном расстоянии от них, на зеленых лужайках, нежатся маленькие белые домики. Хлопочут добродушные просоветские американцы. Да, да, все они непременно должны быть дружественно расположены к нам. Когда я спускаюсь по трапу, простой человек, из ихних, приближается ко мне и говорит приветливо: дружище, перед твоими глазами раскинулись истинно Соединенные Штаты. Добро пожаловать!.

О моей нынешней поездке говорили в Москве так, будто я собираюсь на электричке в Малаховку, или в какой-либо другой дачный поселок *(в Америку я еду, чтобы присутствовать на ежегодном банкете коммунистического ежемесячника «Джуиш Афферс» — «Еврейские дела». При нынешних коммуникациях потребуется для этого не больше времени, чем для вышеуказанной поездки в Малаховку, если, конечно, не добавить к ньюйоркскому банкету еще пару десятков обедов в других городах. Нетрудно себе представить, что именно так оно и будет. Когда я прилетел в Америку за несколько дней до банкета, и при том не в Нью-Йорк, а в Вашингтон, никто на это не обратил внимания).*

А я вспоминаю, как в давнее время описывал свое путешествие в Америку, совместно с поэтом Ициком Фефером, великий советский артист Михоэлс. Это было в 1943 году. Свои путевые заметки Михоэлс начинает следующими словами: «Мы добирались до Нью-Йорка из Москвы сорок дней. Такой своеобразный рекорд мы побили, передвигаясь не на волах, не на верблюдах. Летели мы на настоящих американских самолетах»...

Короче: проведя добрых девять часов в светлом, просторном, мягко летящем советском лайнере, я в тот же день прибыл в Вашингтон. Над Потомаком льет дождь. Холод пробирает до костей. Зима здесь бесснежная, хилая.

Вид Вашингтона не такой, каким запомнился мне с первого путешествия. Тогда — расфранченный город, вальяжный. Столица Штатов, зажиточная и холеная, казалась изнеженной, откормленной барыней, отдыхающей среди скверов и парков. А теперь... Нет, не могу уловить свои впечатления. Для этого надо хорошенько потереть подошвами землю и асфальт.

В Вашингтоне зима застала людей в осеннем платье — в плащах и капах. Многие поднимают куцые воротники пиджаков и дышат так, будто дуют на горячее молоко. Но вот около меня останавливается сверкающий «Линкольн-Континенталь» и из него выходят женщина и мужчина в невообразимо пышных шубах.

Не будем спешить с описанием Вашингтона в плохую погоду. Кстати, сколько времени нахожусь я уже в Вашингтоне? Ах, вот как... Оказывается, я здесь уже четверть часа... В нашем посольстве мне рассказали, что незадолго до меня был с визитом Наум Гольдман, теперь уже не президент, а почетный председатель Всемирного еврейского конгресса (ВЕК). В разговоре снова возникал, как это не раз было раньше, вопрос о его желании посетить Советский Союз.

Так ли уж трудно осуществить подобную задумку? Нет. Но Наум Гольдман все еще хочет. Чего хочет достопочтенный господин? Одиннадцать лет тому назад

И будь то Лидс, Ковентри, Лондон,
Манчестер —
Вы скоро отыщете все, что вам нужно:

От бомбы нацистской прелестный
осколок,
Косичку и рядом — ботиночек детский.
Миг смерти у жертвы был вовсе
недолог:
Был дьявольски точен стервятник
немецкий!

Фарфора кусок, — что ж, все это
непрочно, —
В руинах собора — остатки скульптуры,
Как будто оставлено это нарочно,
Чтоб было что вспомнить из прошлой
культуры.

Лопату поглужбе! И сил не жалейте!
Она не идет? Ну так лом принесите.
И чтобы прочистить мозги — попотейте,
И пбтом своим этот прах оросите.

Сюда! Метр за метром! Вам в руки
рекою
Текут сувениры — смотрите же сами!
А если ни ломом не взять, ни киркою,
Так пусть экскаваторы роют ковшами!

И дом, и фундамент под корень
крушите!
Асфальт и деревья взрывайте со злости!
Что, кости нашли вы? Присовокупите!
Не брезгуйте — в сейфы кладите и
кости!

Проходите мимо? Да, мы и забыли,
Что вовсе иные вам надобны вещи,
Что не пробудить так глубоко
зарыли! —
Вам память и атомной силой зловещей.

Купите! Купите! Товары — что надо!
Не шелк и не чай, что дорогой морскою
Британские шхуны возили когда-то....

О, срам и позор вам с торговлей
такою!..

Перевод Д. Сильвестрова

* * *

«По следам событий». Под этой рубрикой публикуются в июньском номере документальные очерки С. Троицкого, Л. Соловейчика, М. Разумного и Е. Рича.

В очерке «Домна № 3 «выпрямлена» С. Троицкий рассказывает об инженере — лауреате Государственной премии Айзике Шегале, о котором Леонид Ильич Брежнев в своем произведении «Возрождение» упоминал как об опытном инженере — строителе «Запорожстроя».

Героическим дням защиты Сталинграда в годы Великой Отечественной войны посвящен очерк Л. Соловейчика. Его герой И. Хаит — один из защитников легендарного "дома Павлова». Редакция «Советиш геймланд» обратилась к Герою Советского Союза Я. Ф. Павлову, который живет ныне в гор. Новгороде, с просьбой сообщить подробности о И. Хаите. Павлов прислал ответ:

«Выполняя Вашу просьбу, могу сообщить следующее.

При защите дома Павлова, помню, был в пулеметном расчете системы «Максим» сержант Хаит. Как имя, отчество и откуда он, сказать не могу. Могу Вам посоветовать обратиться к журналисту Л. И. Соловейчику (г. Москва). Когда он писал книгу «Дом сержанта Павлова», безусловно изучал архивные материалы и встречался с участниками обороны дома Павлова.

С уважением Павлов — 12.III-78 г.»

И журналист Л. И. Соловейчик действительно вскоре написал очерк о сержанте И. Хаите специально для журнала «Советиш геймланд».

В этом номере «Советиш геймланд» отмечается 70-летие со дня рождения выдающегося еврейского поэта Матвея Грубияна (1909—1972). Публикуются материалы из его литературного наследия — критические статьи и воспоминания.

— Что с того, что они нас хвалили за наши виноградники и обещали учиться у нас уходу за ними? Это, конечно, неплохо, что они кое-что переймут у нас. Они еще многому научатся. Такие они смышленные люди!..

Проза. В июньском номере завершается публикация романа Анатолия Рыбакова «Тяжелый песок». Перевод осуществлен еврейским поэтом и прозаиком Авромом Гонтарем (Москва). Этот роман, повествующий на широком историческом фоне о жизни большой еврейской семьи, о жизни, завершающейся столь трагично в силу известных обстоятельств, обусловленных фашистской оккупацией в годы второй мировой войны, — находит горячий отклик среди читателей журнала «Советиш геймланд». Являясь произведением с высокими художественными достоинствами, «Тяжелый песок» в то же время ярко публицистичен. Он, в частности, показывает интернациональный характер сопротивления фашизму. Публикация его в данный момент глубоко актуальна.

Из произведений еврейских писателей печатаются в июньском номере рассказы Бера Гальперина (Вильнюс).

Поэзия. Читатели ознакомятся со стихотворными циклами Хаима Бейдера (Москва) и Аврома Кацева (Херсон). Творчество Х. Бейдера отличается своей гражданственностью. Приводим перевод его стихотворения «Сувениры».

Хаим Бейдер

Сувениры

В Лондоне вошли в моду веши, принадлежавшие бывшим нацистским преступникам.

(Сообщение газеты «Гардиан»)

На улицах давка, запружены холлы,
Шныряют повсюду, в Гайд-парке и в Сити,
Без устали рыщут, хватают за полы,
И в руки суют вам: купите, купите!

Реклама, реклама, реклама, реклама!
Чего же вы ждете? Товар перед носом.
Преследуют вас по пятам, и упрямо
Плакаты маячат в тумане белесом.

Под этим флажком ездил Геринг в машине,
И ветер Освенцима вслед ему стлался...
Лишь тысяча фунтов — и ваш он отныне,
И счастьем считайте, что торг вам удался.

Реклама, реклама, реклама, реклама
Бушует повсюду безудержным ливнем.
И прямо в лицо, уж не ведая срама,
Вам тычут штаны, кои нашивал Гимлер.

Речь Гитлера! Может, возьмете пластинку?
А письма, что Геббельс писал своей тете?
Берите — и дом превратите в Треблинку,
В гостиной — костры человечьи зажжете.

— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

Но лэйдиз энд джентльмен, знатные лорды,
Я дам вам совет, — пусть заверчен он круто,—
Вы этим гешефтом побьете рекорды,
И кроме того, сохранится валюта.

Зачем привозным забавляться товаром?
Такие богатства и дома найдутся,
Добудете вы их почти что задаром:
Лежат они рядом — лишь стóит нагнуться

Лопаты возьмите, сожмите покрепче,
По всю рукоятку! Налягте натужно,

каменных и деревянных лабазов с тяжелыми дверями, несколькими церквами, множеством конюшен, — со всем тем, чем казаки жили столетиями. Приглядевшись, можно заметить: на церкви остался лишь купол без креста, со стен видавших виды домов глядят пламенные транспаранты о передовом труде землеробов, о больших урожаях, о дружбе народов.

Бросаются в глаза всадники с красными лампасами и яркими околышами фуражек, залихватски закрученными чубами. Их можно было всегда видеть на улицах казачьей станицы. Сейчас, правда, многие всадники оседлали велосипеды, а иные даже сели на мотоциклы, тракторы, комбайны. Уже началось невиданное соревнование между машиной и конем.

Бросаются в глаза и ребята с красными лампасами и околышами, но уже весенний ветерок треплет красные пионерские галстуки на их шеях.

К этому берегу в конце апреля пристал небольшой пароход «Москва». В числе многих пассажиров сюда, в Цимлю, прибыли люди, которые никогда раньше здесь не были, — еврейские колхозники. Они прибыли из Днепропетровщины, чтобы заключить договор о социалистическом соревновании с колхозниками-казаками.

Сойдя на берег и поздоровавшись со встречающими их казаками, приезжие отказались даже от завтрака, уверяя радушных хозяев, что хорошо подкрепились на пароходе. Они захотели, не откладывая, поехать в колхоз, чтобы ближе познакомиться с жизнью советских казаков.

Гостей радушно встретил старый казак Иван Андреевич Кожемякин. Он прищурившись оглядел евреев-колхозников, ухмыльнулся и привычно стал теребить свои пышные седые усы. На первый взгляд — люди как люди. Обычные колхозники. Еврейские колхозники. Среди них выделяется рослый, широкоплечий черноглазый детина с доброй улыбкой на полных губах. Вот и второй, совсем коротышка. Есть среди них и доярка со смоляными волосами и веселыми искорками в глазах. Забудь на минутку, что её родила еврейская мать, — и перед тобой настоящая казачка. Есть и бригадир, и полевод. И если глянуть на их руки... Старый Кожемякин скользнул прищуренным взглядом по рукам приезжих — по натруженным рукам видно, что этим людям хорошо знаком труд землероба. Старый казак еще раз оглядывает незнакомые лица. «Если очень хотеть, — думает он, — можно в самом деле уговорить себя, что эти приезжие заправские колхозники». Но он еще сомневается. Старый Кожемякин считал себя знатоком евреев — он был много лет на царской службе, которая прошла в местечках бывшей черты оседлости. Но эти люди были совсем не похожи на жителей местечек...

Собрались еще казаки, пришел сын Кожемякина — Андрей; старик был этому рад. Он потянул сына за рукав и отозвал в сторону:

— Ты уверен в том, что это именно евреи?

Андрей улыбнулся.

— Батя, — сказал он с еле заметной издевкой, — а ты думал, что это турки?

— Что-то не верится... — сказал старик, пожав плечами, — не верю, чтобы евреи были хорошими землеробами. Я их давненько знаю...

Андрей снова усмехнулся и собрался было что-то резкое сказать отцу, но тут гости попросили показать им посевы. Старик, больше из вежливости, повел гостей в поле, показал им посевы и начал объяснять, где, что и как. Но гости прервали его, взяли комок земли, растерли между пальцами и сами начали рассказывать старику, как и когда лучше и выгоднее обрабатывать эту землю...

Оказалось, что чернозем здесь не бог весть как обработан, просо вовсе негожее, чего греха таить, а коровы дают молока маловато...

И все так обернулось любопытно, что старый Кожемякин даже растерялся немного. Он думал, что гости будут у него учиться обрабатывать землю, — оказалось, что они ему дают советы, справедливо критикуют и в некоторых вещах оказываются правыми. Но старый казак, задетый за живое, будто перед ним настоящие знатоки, с раздражением сказал:

— Наши коровы не могут давать столько молока. Вы же видите — «калмычки».

Но гостей это не удивило.

— Что с того, что «калмычка», — твердили они свое. — Корова любит уход, её надо раздаивать...

Старик задумался. Ежели судить по напевности речи, гости напоминали ему евреев, которых он встречал в местечках, когда служил в царской армии. Но по тому, как они любят землю, понимают скотоводство, это настоящие колхозники. Тут уж ничего не скажешь...

К вечеру, когда гости уехали в другой колхоз, старик сказал:

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 6, июнь, 1979

В связи с 180-летием со дня рождения гениального русского поэта А. С. Пушкина «Советиш геймланд» публикует подборку его стихов в переводе на идиш. Авторы переводов — Д. Гофштейн, Э. Фининберг, Л. Резник, М. Хащеватский, И. Риминик, М. Дубинский, Б. Миллер. Представленная в журнале юбилейная подборка свидетельствует о вечно живой связи еврейской поэзии с русской.

«Советиш геймланд» продолжает печатать материалы, посвященные 50-летию первой пятилетки. Этот разговор был начат в апрельском номере. Читатель вновь встретится с произведениями, в которых отразились напряженные трудовые будни страны в конце двадцатых, начале тридцатых годов. В своих очерках, романах, рассказах, стихах и поэмах советские еврейские писатели стремились запечатлеть яростный рабочий ритм новостроек, шахт, заводов и фабрик, трудовой порыв советских людей, построивших в те годы фундамент социалистического общества. Все это нашло отражение в публикуемых ныне произведениях выдающихся еврейских писателей: «Биробиджанцах» Давида Бергельсона, «Стройке» Переца Маркиша, «Шахтах» Меера Альбертона, «Радио» Моисея Кульбака, «Празднике дружбы» Самуила Годинера, поэтическом репортаже Льва Квитко и др.

Вот отрывок из рассказа С. Годинера «Праздник дружбы», в котором раскрывается интернациональная суть зарождавшихся в ту пору колхозов.

С. Годинер

Праздник дружбы

Примерно в трехстах километрах от Ростова-на-Дону, вверх по воде, на берегу тихого Дона расположилась тихая станица Цимля. Конец апреля. Река разлилась и вышла из берегов. Вода глубоко врезается в песчаные кручи, заливает низины, покрывает до самых зеленых макушек высокие кусты. Издали кажется, будто на поверхности широкого серебристого плеса плывет чудесный весенний сад.

На крутых берегах реки провисают виноградники. Здесь родится тот прославленный виноград, из которого делают знаменитые вина, воспетые еще Пушкиным. На первый взгляд Цимля типичная казачья станица с узкими улочками, высокими постройками на столбиках (река ежегодно выходит из берегов), со множеством

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор М. Ландман

Сдано в набор 30.IV.1979. Подписано к печати 18.V.1979 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 13+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 18,15). Бум. л. 6.5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1200.

Ордена Трудового Красного Знамени московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» Государственного Комитета СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1979 г.

31-52 б

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 180-летию со дня рождения А. С. Пушкина. Переводы стихов поэта.

50 лет первой пятилетки. Публикации произведений писателей 30-х годов.

Анатолий Рыбаков. Тяжелый песок. (Роман. Окончание).

Стихи Х. Бейдера, А. Кацева.

Рассказы Б. Гальперина.

По следам событий: очерки Л. Соловейчика, М. Разумного, Е. Рича, С. Троицкого.

М. Грубиян. Неопубликованные эссе (к 70-летию со дня рождения поэта).

А. Вергелис. Пятнадцать лет спустя (путевые заметки).

Информируем наших читателей. Израильские поселения на оккупированных арабских территориях.

Хроника. Наши сообщения. Это интересно. Материалы для лексикона еврейской советской литературы.

В помощь изучающим идиш.

Резюме на русском и английском языках.

1979

№ 6